STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09146

MORDEKHAI EMANUEL NOYEH

Samson Erdberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי עמנואל נח

טרוימער פון גאולה
אין אַמעריקע

ראָמאַן

— פון —

ש. ערדבערג

ניו־יאָרק — בוענאָס־איירעס

1951 תשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright, 1951,
By
Samson Erdberg

All rights reserved

S. ERDBERG

MORDECAI EMANUEL NOE

Queda hecho el depósito que marca la Ley

צום הייליקן אָנדענק

פון מיין טאַטע ר׳ ראובן בן ר׳ שמשון אליעזר ורייצא, ז״ל און
מיין מאַמע חנה שרה בת ר׳ דוד ואסתר מאַקאָווקאַ, ז״ל, וואָס
האָבן אין מיר און אין אַלע זייערע קינדער און אייניקלעך איינ־
געפלאַנצט גרויס אהבה און בענקשאַפט צו ארץ־ישראל
און גאולת־ישראל.

הקדמה

מרדכי עמנואל נח איז געווען איינער פֿון די חוזי־הגאולה. זיבן און זיבעציק יאָר פֿריער פֿאַר דעם גרויסן חוזה און נביא פֿון מדינת־ישראל, הערצל, האָט ער גערופֿן דאָס יידישע פֿאָלק צו גאולה אין ארץ־ישראל. געהאַט האָט ער דעם גורל פֿון אַלע חוזים פֿאַר אים — זיין רוף האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן טויבע אויערן און פֿאַרשטאָפּטע הערצער פֿון זיין דור. פֿאַרבלענדטע, האָבן זיי נישט געזען די ערשטע שטראַלן פֿון ערבֿ־גאולה. האָבן זיי אים און זיין זעאונג אויסגעלאַכט. זיין מזל איז נישט בעסער געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג — מ'האָט אים פֿאַרגעסן.

גרויס איז די ענלעכקייט פֿון מרדכי עמנואל נח צו טעאָדאָר הערצל: ביידע זענען געווען שרייבער, דראַמאַטורגן, רעדאַקטאָרן, שטאַטסמענער. ביידע האָבן געהאַט שווערע אויפֿטרייסלונגען איבער שינאה צו יידן — נח, ווען ער איז, איבער זיין יידישקייט, אָראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זיין אַמעריקאַנער קאָנסול־אַמט אין טורנים; הערצל, ווען ער האָט געזען די דעגראַדירונג פֿון קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס. ביידע האָבן, אין זעלבן עלטער — אין די פֿריע דרייסיקער יאָרן, גערופֿן דאָס יידישע פֿאָלק צו גאולה אין ארץ־ישראל. ביידע האָבן, אָנשטויסנדיק זיך אויף מעכטיקע שטערונגען, אָפּגענייגט אין אַ זייט, און געוואָלט אין חוץ־לארץ שאַפֿן אַ צייטווייליקע היים פֿאַרן היימלאָזן פֿאָלק: נח אין „אררט", אויף „גרענד איילענד", ניו־יאָרק; און הערצל — אין אוגאַנדע. ביידע האָבן תיכף איינגעזען, אַז דאָס יידישע פֿאָלק וויל נישט קיין אַנדער לאַנד, און האָבן זיך צוריקגעשטעלט מיטן פּנים צו ארץ־ישראל.

נחס דור, ווייל ס'האָט אים געפֿעלט דער רצון, איז נישט געווען ראוי לגאולה. אונדזער דור איז יאָ ראוי — מיר האָבן זוכה געווען צו מדינת־ישראל. נאָר, פֿאַרוואָר, דער עיקר איז עס אין זכות פֿון אונדזערע זעקס מיליאָן קרבנות, מענער, פֿרויען און קינדער, קדושים וטהורים, וואָס די דייטשע רוצחים, ימח שמם, האָבן, אין

די בייזע יאָרן ת"ש—תש"ה, אומגעבראַכט מיט אַכזריותדיקע מי־
תות משונות, על קידוש השם. ד' ינקום דמם.

מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט ווערט דערציילט אין דעם בוך
וועגן מרדכי עמנואל נח, וואָס כ'האָב געשריבן אין יאָר 1939 —
מ'טאָר אים נישט פאַרגעסן. לאָמיר האָפן, אַז מ'וועט זיך נאָך דער־
מאָנען אין אים אין מדינת־ישראל.

אַ האַרציקן דאַנק מיין חשובן קאָלעגע, ידיד און בן־עיר, שריפט־
שטעלער, זלמן וואַסערצוג, פאַר זיין הילף ביים דרוקן דאָס בוך.

משיח ווערט געבוירן
אין יעדן דור.
ווען דער דור איז אָבער
נישט ראוי,
ער לאָזט זיך נישט אויסלייזן —
קומט נישט די גאולה.

דער „לעצטער מאַלצייט

אַ הערלעכער טאָג פון הארציקער פרייד איז עס געווען אין ליסאַבאָן, די הויפּטשטאָט פון פּאָרטוגאַל, ווען דאָקטאָר סאַמועל נונעז, דער נייַ־קריסט, איז אַרויס פריי פון אינקוויזיציע געפענגעניש.

מענטשן אויף די גאַסן אַרעם און רייך, יעדער מיט זיינס גלייכן, האָבן זיך פריינטלעכער באַגריסט און צו דעם „גוט־מאָרגן" האָבן זיי צו־געלייגט מיט פרייד:

— דער ליבער דאָקטאָר נונעז איז פריי.

אַנדערע האָבן זיך אפילו געאיילט אַהיים, אָנצוזאָגן אין שטוב די גוטע בשורה.

געפרייט האָבן זיך מיט זיין באַפרייאונג נישט בלויז די נייַ־קריסטן אַליין, נאָר אַפילו אמתע קריסטן, עכט־פרומע קאַטאָליקן אויך. און אין זייער גרויסער שמחה האָבן די ליסאַבאָנער געמיינט, אַז הימל און ערד פרייען זיך מיט מיט זיי. די זון האָט דאָך געשיינט אַזוי מילד, אַזוי ליב, און אירע שטראַלן האָט זי געשיקט אויף די פליגלען פון אַ דערפרישנדן, מחיהדיקן ווינט.

דער דאָקטאָר נונעז האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער באַוווסטער מאַ־ראַנען פאַמיליע. מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט זיינס אַן עלטער־זיידע אָנגענומען לפנים די קריסטלעכע אמונה. אין באַהעלטעניש האָט ער אָבער אָפּגעהיט יידישקייט. און אַזוי איז דאָס געגאַנגען בירושה פון עלטערן צו קינדער: אָפּנבאַר זענען זיי געווען פרומע קאַטאָליקן און שטילערהייט — געטריי דעם יידישן גלויבן, און אַזוי איז עס אָנגעקומען צו דעם דאָקטאָר סאַמועל נונעז.

רייך, אָנגעזען און באַליבט איז געווען דאָקטאָר נונעז מער פון אַלע דאָקטוירים. ער איז געווען דער באַליבטער דאָקטאָר אין קעניגלעכן הויף און דעריבער איינפלוסרייך און מעכטיק, און אַלע האָבן זיך געפעדערט צו זיין טיר.

אָבער נישט בלויז אַריסטאָקראַטן און רייכע האָט ער געהיילט. נאָך מיט מער חשק האָט ער געהיילט אָרעמע. זיין נאָמען איז מיט טויזנט ברכות געווען אויף יעדנס ליפּן.

די אינקוויזיציע האָט אַ צייט־לאַנג אים נישט נאָכגעשפּירט. אַזוי זיכער איז זי געווען, אַז ער איז אַ געטרייער קריסט. אָבער אַ פּאָר שפּיר־הינט פון דער אינקוויזיציע, אַנגעשטעלט פון אַ דאָקטאָר וואָס האָט אים נישט פאַרגונען זיין הצלחה און רום, האָבן אים אָנגעהויבן נאָכשפּירן. און איין פרייטיק צו נאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין זיין הויז און געכאַפּט אים ביים גרויסן פאַרברעכן: זיי האָבן געפונען די שבת־ליכט ברענען אין אַ קופּערנעם טאָפּ.

ווען נישט דאָס וואָס דער קעניגלעכער הויף האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן דעם דאָקטאָר נונעז, און נאָכמער איבער דעם וואָס דער גרויס־אינקוויזיטאָר האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אייגן לעבן נונעזן, וואָלטן זיי אים געווען אומגעבראַכט אין געפענגעניש אָדער גאָר פאַרברענט לע־בעדיקערהייט אויפן שייטערהויפן...

געגרייט האָט זיך דאָ די אינקוויזיציע אויף אַ געשמאַקן ביסן: צו־צונעמען דעם יידס פאַרמעגן און אים און זיין ווייב און קינדער אָפּבראָטן לעבעדיקערהייט.

דער קעניג האָט זיך אָבער אַריינגעמישט.

— אָן אים שטעלט איר דעם הויף אין געפאַר — האָט דער קעניג געזאָגט דעם גרויס־אינקוויזיטאָר.

דאָס שטיינערנע האַרץ דעם גרויס־אינקוויזיטאָרס, וואָס איז נישט גערירט געוואָרן פון די לעצטע קרעכצן פון די פאַרפּייניקטע מאַראַנען אין די מאַרטער־קאַמערן, האָט זיך אַ ריר געטון, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז זיין אייגן לעבן איז שוין געווען אָפּגעזאָגט, נאָר דאָקטאָר נונעז האָט אים געראַטעוועט, פון טויט געמאַכט לעבעדיק.

וויפיל געלט עס האָט נאָך אָפּגעקאָסט זיין באַפרייאונג — דאָס האָט קיינער קיינמאָל נישט געוווסט, ווייל פיל מאַראַנען, פריינט זיינע, האָבן שטילערהייט געשאָטן אוצרות גאָלד רעכטס און לינקס, און מען האָט אויך נישט געקאָנט וויסן ווער עס האָט גענומען געלט. עס איז גאָר נישט געווען אַזוי זיכער, אַז דער קעניג אַליין האָט נישט געקראָגן אַ גרויסע סומע, און דער גרויס־אינקוויזיטאָר אַוודאי. צו דער זיכערקייט פון זייער אייגן געזונט האָבן זיי זיך נאָך געלאָזט באַלוינען מיט זייער וואָג גאָלד.

און ווען ער איז ענדלעך אַרויס פריי פון די אינקוויזיציע־קעלערן, איז מיט דעם אויסנעם פון עטלעכע פינצטערע גלחים, אינקוויזיציע־באַ־אַמטע, וואָס עס האָט זיי פאַרדראָסן, אַז דער קרבן האָט זיך אַרויסגעראַ־טעוועט פון זייערע נעגל און זיי האָבן אַ גרויס פאַרמעגן פאַרלוירן —

אויסער זיי האָט גאַנץ ליסאַבאָן זיך געפרייט וואָס דער גוטער דאָקטאָר איז געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

נאָר ווי שטאַרק זיי האָבן זיך געפרייט מיט זיין באַפרייאונג, איז עס נישט געווען קיין גלייכן צו דער שמחה זייערער ווען זיי האָבן אים דערזען אַ באַפרייטן. אַזוי פרייען זיך טאַטע־מאַמע מיט זייער פאַרלוירן קינד וואָס זיי האָבן געפונען.

דאָס וואָס דאָקטאָר נונעז, דער מאַן אין די פערציקער, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ גוט לעבן, און מען האָט פריער נישט באַמערקט קיין איין גרויע האָר אין זיין שוואַרצן קאָפּ, איז גאָר געוואָרן ווייס, פון תפיסה אַרויס אַ ווייסער, האָט כמעט קיינער נישט געזען. די פרייד צו זען אים פריי האָט פאַרשטעלט אַלצדינג, אפילו זיין פּלוצלינגער ווייסקייט.

אינגאַנצן פריי איז נישט געווען פונדעסטוועגן דער דאָקטאָר נונעז. די אינקוויזיציע האָט אים געשטעלט אונטער איר שטענדיקער אויפזיכט.

אין געפענגעניש נאָך איז געקומען צו אים אין קאַמער דער גרויס־אינקוויזיטאָר און האָט אים געזאָגט שאַרפן מוסר.

— מיט איין האַנט האָט איר געהיילט דעם גוף — האָט געזאָגט דער גרויס־אינקוויזיטאָר צום דאָקטאָר — און מיט דער אַנדערער האָט איר געשטעלט אין געפאַר די נשמה. מיט אייער היטן דעם פאַרשאָלטענעם יידישן גלויבן האָט איר פאַראומרייניקט די קאַטוילישע לופט פון ליסאַ־באָן; איר האָט געשטעלט אין געפאַר די הייליקע קירך. איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז פון היינט־אָן און ווייטער וועט איר שוין זיין אַ געטרייער קאַ־טאָליק.

דער גרויס־אינקוויזיטאָר האָט אים דערלאַנגט אַ צלם און אים גע־הייסן שווערן דערויף. האָט דאָקטאָר נונעז געטראַכט, אַז נישט דער צלם און נישט די שבועה האָבן אַ האַפט, און ער האָט צוגעשאָקלט צו דעם גרויס־אינקוויזיטאָרס רייד.

— צו זיין זיכער, אַז איר וועט האַלטן די שבועה — האָט צוגעגעבן דער גרויס־אינקוויזיטאָר — וועלן מיר אַריינשטעלן צוויי וועכטער אין אייער הויז. זיי וועלן וווינען ביי אייך און זיי וועלן שוין אַכטונג געבן, אַז איר זאָלט נישט ברעכן אייער שבועה. אַזוי ווי מיט אייער פירונג האָט איר געבראַכט דערצו, אַז מען מוז האַלטן ביי אייך וועכטער וועלן זיי זיין אויף אייערע קאָסטן.

די אינקוויזיציע האָט אַריינגעשיקט צוויי פּעאיקע באַאַמטע אירע, געשיקטע שפּיר־הינט, וואָס זאָלן האַלטן אַן אויג אויף דעם דאָקטאָר און

זיין הויז־געזונט. ער זאָל מער נישט קאָנען האָבן ביי זיך דעם מינדסטן שפּור פון יידישקייט.

און טאַקע גלייך, די ערשטע טעג אין הויז, באַוואַכט פון די אינקוויזיציע־שפּיאָנען, האָט דאָקטאָר נונעז איינגעזען, אז דאָס איז מער נישט קיין לעבן פאַר אים. אונטער די שאַרפע, בייזע אויגן פון די אינקוויזיציע־שפּיאָנען טאָג און נאַכט ביי זיך אין הויז, וועט ער מוזן אָפּרייסן זיך און ווייב און קינדער פון יידישקייט; מיט אים וועט זיך ענדיקן דער יידישער שטאַם פון דעם הויז נונעז. צו זיינע קינדער וועט ער שוין נישט קאָנען איבערגעבן די פאַרבאָרגענע ירושה, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער — אַ ירושה פון איבער צוויי הונדערט יאָר אָפּגעהיט אין געהיימע קעלערן און טיפע הייל. די פאַר הונדערט יאָר פון מסירת נפש וועלן זיין געוועזן אומזיסט. די אינקוויזיציע וועט ענדלעך זיגן. ער וועט שוין מער נישט קאָנען זיין קיין ייד; זיינע זין און טעכטער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך, האָט ער געזען, וועלן זיין קאַטאָליקן, און ווער ווייס וויפיל פון זיי וועלן דערנאָך פייניקן די געהיימע יידן.

ניין, האָט ער באַשלאָסן, דאָס וועט ער נישט דערלאָזן. איבער צוויי הונדערט יאָר האָבן די נונעזעס באַזיגט די אינקוויזיציע, וועט ער נישט לאָזן איצט, אז די אינקוויזיציע זאָל זיגן איבער אים.

ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ליסאַבאָן, אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַל, אַנטלויפן מיט ווייב און קינדער. קיין איינער וואָס קומט ארויס פון זיינע לענדער, טאָר נישט בלייבן אין דער מאַכט פון דער אינקוויזיציע.

דער באַשלוס צו אַנטלויפן האָט געמיינט אַ באַשלוס צו גיין אויף קידוש השם, איינצושטעלן דאָס לעבן; נאָך אַ גרעסערע געפאַר ווי דעמאָלט ווען די אינקוויזיציע האָט אים געכאַפּט אָפּהיטן יידישקייט. דעמאָלט האָט ער נאָך געקאָנט זיך ראַטעווען. ווען זיין פּלאַן צו אַנטלויפן פאַלט אָבער דורך, מען כאַפּט אים, מיינט דאָס דער טויט פאַר אים און פאַר זיין פרוי און קינדער; קיין זאַך וואָלט זיי שוין נישט געקאָנט ראַטעווען.

דאָקטאָר נונעז האָט דאָס גוט געוווּסט. ער איז אָבער געווען אַנטשלאָסן; איידער צו זיין אַ קאַטאָליק איז בעסער דער טויט.

שטילערהייט האָט ער צוגעגרייט דאָס אַנטלויפן. אין הויז האָט ער קיין וואָרט וועגן דעם נישט דערמאָנט. אפילו זיין ווייב האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זי נאָר אָנגעהויבן באַהענגען מיט מתנות, די טייערסטע גאָלדענע צירונג, דימענטן. יעדעס מאָל האָט ער געפונען אַן אַנדער תירוץ צו קויפן אַ מתנה דעם ווייב. די טעכטער האָט ער אויך

נישט פּאַרקוקט. ער איז אויך געוואָרן אַ זאַמלער פון גאָלדענע אַנטיקן; קיין פּרייז איז נישט געווען צו טייער פאַר אים צו באַצאָלן פאַר אַ גאָלדן אַנטיקל.

קיינער האָט נישט פאַרדעכטיקט דעם דאָקטאָר וואָס ער צאָלט אַזוי טייער פאַר גאָלדענע אַנטיקן; די אינקוויזיציע האָט אויך נישט געקלערט אַז אפשר האָט ער אַ באַהאַלטענע כוונה דערביי. ווייל ער איז נישט געווען דער איינציקער אַנטיקן־קויפער אין ליסאַבאָן. און, וואָס ער האָט געקויפט אַזוי פיל צירונג פאַר ווייב און טעכטער, איז אויך נישט געווען קיין גרונט פאַר פאַרדאַכט — די אַריסטאָקראַטן האָבן אויסגעגעבן אוצרות אויף צירונג. צו דעם האָט נישט דער דאָקטאָר און נישט זיין פרוי און קינדער געוויזן דעם מינדסטן צייכן פון יידישקייט. זיי האָבן געוויזן אַלעמען, אַז זיי זענען געטרייע קאַטאָליקן, און די אינקוויזיציע האָט זיי געלאָזט צורו.

די צייט איז געגאַנגען און דאָקטאָר נונעז איז געוואָרן אַלץ איינפלוסרייכער, אַלץ מעכטיקער, אַ טאָנגעבער ביי די אַריסטאָקראַטן, און זיינע פאַרוויילונגען וואָס ער פלעגט געבן אַ פּאָר מאָל אין יאָר — אין ווינטער און אין זומער — זענען געווען בארימט, און נישט יעדער אַריסטאָקראַט האָט זוכה געווען צו ווערן געלאַדן אויף דאָקטאָר נונעזעס פאַרוויילונגען.

באַוווינט האָט ער אַ הויז אַ פּאַלאַץ, איינעם פון די שענסטע שלעסער אין ליסאַבאָן אויפן ברעג טייך. דאָס שלאָס איז געשטאַנען אינמיטן פּאַרק און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ װוּנדערלעכן גאָרטן מיט זעלטענע ביימער און בלומען.

פאַר אַ פּאָר הונדערט געסט איז געווען גאַנץ באַקוועם אין זיין שלאָס. די פאַרוויילונגען זענען באַשטאַנען פון אַ קעניגלעכן מאָלצייט, אַ קינסטלער קאַפּעליע פון מוזיקאַנטן, זינגער, אַקטיאָרן, טענצער, וואָס האָבן געוויילט די געסט. און וויין, פאַרשטייט זיך, האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

פון צייט צו צייט פלעגן זיין אויף די פאַרוויילונגען ביי דאָקטאָר נונעזן אויך אויסלענדישע געסט. דיפּלאָמאַטן זענען אַלעמאָל געווען. עס זענען אָבער אויך געווען גענעראַלן, שיפס־קאַפּיטאַנען, וואָס זענען נאָר געקומען אויף אַ באַזוך קיין ליסאַבאָן.

איינע פון די גרעסטע פאַרוויילונגען זיינע האָט געגעבן דאָקטאָר נונעז אין אַ שיינעם זומער־טאָג אין יאָר 1732. צו דער פאַרוויילונג האָט ער זיך באַזונדער צוגעגרייט וואָכן פריער. אין די הויכע

קרייזן פון ליסאבאָן האָט מען גערעדט אַ סך וועגן דער זעלטענער פאַר־ווײלונג וואָס וועט זיין ביי דעם באַרימטן הויף־דאָקטאָר. די איינגעלאַ־דענע געסט, ספּעציעל די פרויען, האָבן זיך באַשטעלט נייע קליידער. און די אַריסטאָקראַטישע שניידערס האָבן זיך פון אייליעניש די פינגער צע־שטאָכן.

אין טאָג פון דער פאַרוויילונג, ווען די געסט זענען זיך צוזאַמענגע־קומען, האָבן זיי געזען, אַז זי שטייגט־איבער זייערע דערוואַרטונגען. מיט איר פּראַכט האָט זי דערמאָנט דעם קרוינונג־באַל פון קעניג.

דער גרויסער באַל־זאַל, פאַרגאָסן מיט רייצנדיקער ליכטיקייט, איז געווען פול ביז די ברעגן און נאָך איבערגעגאָסן. אין זייטיקע זאַלן, אין גאָרטן זענען אויך געווען געסט, אַלע רייכע, מאַכטהאָבער, וואָס מחנות דינער און דינסטן טוען זיי באַדינען. און אַפילו נישט זייערע קנעכט, ציטערן אויך פאַר זיי און הערן נישט אויף איינצוקויפן זיך ביי זיי מיט חניפה.

מיט די ערשטע באַגריסונג־רייד האָבן זיך אַלע שוין געביטן. די מוזיק האָט געשפּילט און די געסט זענען שוין אַריין אין ברען פון טאַנץ. באַלד האָט מען געדאַרפט צום מאָלצייט גיין, ווו ביי דער קעניגלעכער סעודה האָבן נאָך די בעסטע זינגער געזאַלט זינגען און באַרימטע אַק־טיאָרן פריילעך־מאַכער האָבן געדאַרפט דערציילן די גרעאָטנסטע וויצן, אַז דאָס עסן זאָל בעסער שמעקן די ליבע געסט.

האָט זיך דאָ פאַרגלוסט איינעם פון די אויסלענדישע געסט צו מאַכן אַ פאָרשלאָג דעם באַלעבאָס, וואָס האָט געענדערט דעם פּלאַן.

דער אויסלענדישער גאַסט איז געווען אַן ענגלישער שיפס־קאַפּיטאַן (ער איז נישט געווען דער איינציקער אויסלענדישער גאַסט; עס זענען געווען ווי שטענדיק, דיפּלאָמאַטן און עטלעכע גענעראַלן פון אַנדערע מלו־כות), וועמענס שיף איז געשטאַנען נישט ווייט. מען האָט זי געקאָנט זען פון דאָקטאָר גונעזעס הויז. האָט דער דאָזיקער גאַסט פאָרגעלייגט דעם באַלעבאָס און נאָך אַ פּאָר געסט, זיי זאָלן אים באַערן מיט אַ באַזוך אויף זיין שיף.

— איר דאַרפט זען ווי באַקוועם איך האָב מיר געמאַכט די קאַיו־טעס — האָט געזאָגט דער שיפס־קאַפּיטאַן. — אַזוי ווי ביי מיר אין הויז אין לאָנדאָן. אַ קאַפּיע, זאָג איך אייך, פון מיין שלאָפצימער. קומט, איר־בערצייגט אייך, און — האָט ער צוגעגעבן — עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ טאָפּלטע ערע ווען די צוויי אינקוויזיציע־באַאַמטע זאָלן אויך מיט־

קומען. די הייליקע דינער פון דער קירך וועלן מיר געבן א ברכה ווען זיי וועלן באזוכן מיין שיף, און די ברכה זייערע וועט מיך אפהיטן פון געפאר אויפן ים.

און דווקא די צוויי אינקוויזיטארן האבן די ערשטע געזאגט, אז מען וואלט געדארפט צוליב־טון דעם שיפס־קאפיטאן. זיי זענען פשוט געווען גייגעריק צו זען א שיף פון אינעווייניק, און זיי האבן אויך דערוואַרט א פעטע באלוינונג פאר בענטשן די שיף.

ערשט נאכדעם ווי די אינקוויזיטארן האבן מסכים געווען צו באזוכן די שיף האט דאקטאר נונעז זיך אויך געלאזט צורעדן. ער האט מיטגערופן זיין פרוי און קינדער און נאך עטלעכע גוטע פריינט, און צוזאמען מיט די אינקוויזיטארן זענען זיי ארויס.

זיי האבן געראנגישט געזאגט די געסט, ווייל איינגאנצן האבן זיי זיך געוואלט זאמען א קורצע ווײַלע. דערווייל שפילט די מוזיק און די געסט טאנצן, און איידער זיי וועלן זיין פארטיק מיט דעם טאנץ קומען זיי צוריק.

דער שיפס־קאפיטאן האט געהאט היפש איבערגעטריבן וועגן דער שיינקייט פון זיין קאיוטע, נאר ארומגעקוקט האבן זיך אלע, און דער שיפס־קאפיטאן האט פארגעלייגט ווײַן זיינע געסט.

— אויף א גלאז ווײַן וועט איר, הייליקע דינער פון דער קירך, מיר געבן אייער ברכה — האט געזאגט דער שיפס־קאפיטאן צו די אינקוויזיציע־שפיאנען. — א ברכה אויף ווײַן איז שטארקער.

נאר נאכן ערשטן גלאז ווײַן, ווען די אינקוויזיציע־שפיאנען האבן געוואלט אנהויבן בענטשן דעם קאפיטאן און זיין שיף, האט ביי זיי נאר די צונג זיך געפלאנטערט צווישן די ציין, זיך אנגעשלאגן אן גומען, און זיי האבן נישט געקאנט ארויסברענגען קיין קלאר ווארט.

און אט דאס גאנצע פלאנטערניש האט געדויערט אן אויגנבליק. זיי זענען באלד אוועקגעפאלן ווי שטיינער אין א טיפן שווערן שלאף.

דער אנקער פון שיף איז שוין געווען אויפגעהויבן, די זעגלען ארויסגעצויגן. פייל פון בויגן האבן געארבעט די מאטראסן, און איידער מען האט זיך אומגעקוקט האט די שיף גערירט, באגלייט פון די לעצטע פארהילכטע קלאנגען פון דעם פאלאץ. מיט דער הילף פון א גינציקן ווינט האט די שיף גיך געשניטן איר וועג אין ווייטן ים אריין.

***

דער באַלעבאָס פון דער פּאַרוויילונג, וואָס איז וואַכן־לאַנג געווען געגרייט, און די באַלעבאָסטע, האָבן איבערגעלאָזט די אַריסטאָקראַטישע געסט מיט דעם קעניגלעכן מאַלצייט, וואָס איז אוודאי געוואָרן קאַלט, און זיי זענען אַנטלאָפן פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע, אויפן וועג צו פרייהייט, קיין ענגלאַנד, דאָס לאַנד וואָס האָט מיט קוים איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער געעפנט די טויערן פאַר די קרבנות פון דער אינקוויזיציע.

***

וויפיל געלט דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיך געלאָזט באַצאָלן פאַר דער איינלאַדונג וואָס ער האָט געגעבן דעם דאָקטאָר נונעז צו באַזוכן זיין שיף, ווייס מען נישט. נישט דאָקטאָר נונעז און נישט דער קאַפּיטאַן האָבן דאָס דערציילט. עס האָט אָבער געמוזט זיין זייער אַ גרויסע סומע ווייל דער קאַפּיטאַן האָט שוין קיינמאָל נישט געקאָנט פירן זיין שיף צו די פּאָרטוגעזישע ברעגן, און פאַר דעם האָט ער אוודאי געמוזט ווערן גוט באַלוינט.

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט בשלום געבראַכט דעם דאָקטאָר נונעז, זיין גאַנצע פאַמיליע און פריינט קיין לאָנדאָן, ווו זיי זענען גלייך געוואָרן עפנטלעך יידן.

לאַנג איז דאָקטאָר נונעז, איצט שמואל נונעז, נישט געבליבן אין ענגלאַנד. עס האָט אים געצויגן אין דער נייער וועלט אריין; אין דער נייער וועלט, וואָס זיינע פּאָרטוגעזישע ברידער האָבן מיט אַ יאָר אַכציק פריער געעפנט פאַר יידן, און ער איז אוועק מיט זיין הויזגעזינט קיין אַמעריקע.

די פרייהייט און די נייע וועלט האָבן גוט געדינט דעם דאָקטאָר שמואל נונעז. עס איז אים דאָ געווען גוט, אָבער דר. שמואל נונעז האָט אויך אַזוי גוט געדינט דער פרייהייט און דער נייער וועלט. זיך, זיינע קינדער און קינדס־קינדער האָט ער אוועקגעגעבן דער פרייהייט און דער נייער וועלט — אַמעריקע.

און איינער פון זיי, פון זיינע אייניקלעך, איז אונדזער ליבער, טייערער העלד — מרדכי עמנואל נח, וואָס וועגן אים וועט ווערן דערציילט אין דעם ראָמאַן.

מרדכי עמנואל נח

די מאַמע און די טאָכטער גייען צו קינד

אין איינע פיר און צוואנציק שעה זענען ביידע, די מוטער און איר טאָכטער, געגאַנגען צו קינד.

די ערשטע איז געווען די מוטער — רבקה פיליפּס, יאָנאַס פיליפּסעס ווייב. זי איז געגאַנגען האָבן איר ניינצנט קינד. צו זיבעצן יאָר האָט זי געהאַט איר ערשט קינד, דעם בכור זייערן, און צו ניין און דרייסיק האָט זי זיך געלייגט אין קימפּעט מיטן ניינצנטן. מיט עטלעכע אויסנעמען האָט זי יעדעס יאָר געטראָגן איר יאָנאַסן אַ קינד אַ מתנה.

אין די עטלעכע חדשים וואָס זי פלעגט זיך אָפּרוען צווישן איין קינד און דעם צווייטן, אַזוי ווען זי איז שוין אַריבער די צאָל צוועלף, ווי די צוועלף יידישע שבטים, וואָלט קיינער נישט געקאָנט זאָגן, קוקנדיק אויף איר, אַז דאָס האָט זי, וואָס איז קוים מיטלוווקסיק און מיט שמאָלע פּלייצעס געקאָנט טראָגן און האָבן פּופצן, זעכצן אָדער גאָר אַכצן, ניינצן קינדער.

אָבער גרינג ווי אַ הון איר איי, ווי דורך אַ ברכה פון הימל, האָט די מוטער רבקה געהאַט איר קינד. זי האָט דאַכט זיך גאָרנישט געהאַט קיין וויען, מען האָט אייגנטלעך זי נישט געהערט געבן אַ קרעכץ. זי האָט זיך נאָך רעכט נישט געהאַט געלייגט אין בעט אַריין, יענטל, די הייבאַם, אַן אַלטע דייטשע יידענע, האָט זיך געהאַלטן אין אויסטון איר קאָפּ־טיכל און זי האָט זיך געמוזט צואיילן, אַז דאָס קינד זאָל נישט קו־מען אַליין, אָן איר הילף.

יאָנאַס, איר מאַן, מיט צען יאָר עלטער פון איר, דער געוועזענער ניו־יאָרקער שוחט, וואָס האָט געהאָלפן וואַשינגטאָנען פּאַרטרייבן די ענגלענדער, איז אַריינגעקומען פון קראָם זען ווי עס האַלט. ער האָט אפילו געוווסט, אַז זיין רבקה פּאַרטיקט זיך אָפּ איינס און צוויי, פונדעסטוועגן איז ער געווען בלאַס, די הייבאַם, האָט אים אָבער, ווען ער איז נאָך גע־שטאַנען אויף דער שוועל, אַנטקעגנגעזונגען:

— מזל־טוב! אַ יונגבען. כ׳לעבן אַ רעכטער בחור. קומען זי אַהער, ר׳ יאָנאַס, וואַרפן זי אַריין באַד־געלט.

די הייבאַם איז געווען היימיש מיט דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָ־נער, וואַשינגטאָנס פּריינט און רייכער סוחר. זי נעמט שוין אָפּ דאָס ניינצנטע קינד זיינס, טאָ וואָס האָט זי מורא צו האָבן פאַר אים. זי מאַכט נישט מיט אים קיין צערעמאָניעס, ווי זי מאַכט נישט מיט אַלע טאַטעס וועמענס קינדער זי נעמט־אָפּ.

מיט א שמייכל, א צופרידענער וואס ס'איז א יינגל, האט ער אריינ־געוואָרפן א מטבע אין דער שיסל ווו זי האט געבאָדן דאָס קינד און פונ־וויטנס געזאָגט צום ווייב:

— רבקהכען, מזל־טוב, מיין ווייב!

פּאַרטון אין דער ערשטער פריידי מיט דעם נאָר וואָס געבוירן קינד, האָבן זיי נישט באַמערקט ווי די טאָכטער, צפּורה נח, וואָס טראָגט מיטן ערשטן קינד, איז געוואָרן בלאַס, זי קריצט מיט די ציין און האלט זיך איין מיט אלע כוחות נישט צו שרייען.

ס'איז, לויט דעם רעכענונג, נאָך נישט געווען די צייט פאַר איר. גערעכנט האט זי זיך ערשט אויף דריי וואָכן שפּעטער. נאָר פּלוצים, ווי זי איז געשטאַנען און געזען איר מוטער גיין צו קינד, האט עס אָנגעהויבן רייסן שטיקער אין איר לייב, און זי האט געמיינט, אז זי עקט זיך.

געוואָלט האט זי, די זיבעצן־יעריקע ציפּורה (ווי איר מוטער, האט זי אויך געהאט איר ערשט קינד צו זיבעצן יאָר), מאַכן אַזעלכע קולות, אז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפלויפן. אז עס האט מיט יעדן ריס זי צעריסן אויף שטיקער. זי האט אָבער צעריבן די געשרייען צווישן אירע ציין, צעמאָלן אויף שטויב, נישט געלאָזט זיי אַרויסקומען, עס קאָן נאָך שאטן דער מאַמען.

ס'איז איר היים, ציפּורהן. עס רינט פון איר דער שווייס. איז עס נישט קיין וווּנדער: דער טאָג איז א הייסער, אינמיטן יולי. אָבער פאַרוואָס איז איר אויך קאַלט? ווי קומט א פראָסט אין יולי אין פילאַדעלפיע? אָט באַשלאָגט זי א קאַלטער שווייס און אָט איז איר נאָר היים.

זי האט אליין נישט געוווּסט, ציפּורה, ווי לאַנג זי האט געקעמפט מיט די ווייען. זי האט אָבער שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן. זי האט שוין מער נישט געקאָנט צוזאַמענהאַלטן די ציין און א מוראדיק, א יאָ־מערלעך געשריי האט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז.

די הייבאַם האט עס געגומען גאַנץ רואיק. זי האט נאָר א זאָג געטון:

— אז דער ליבער גאָט וועט וועלן האָבן מיר גאָר א טאָפּלטע סעודה.

נאָר די קימפּעטאָרין, די מוטער רבקה, האט זיך דערשראָקן און זי האט געוואָלט גלייך אַרויסשפּרינגען פון בעט, לויפן צו איר טאָכטער.

די הייבאַם האט זי אָבער געגעבן א שטויס צוריק און געשווירן:

— מיר זאָלן אלע אַזוי לעבן, רבקהכען, ווי זי וועלן זיך נישט אַרויסרירן פון בעט. רוען זי זיך אַמווייניקסטן אויס איין טאָג.

נישט צו טון איר אַקעגן איז די קימפּעטאָרין געבליבן ליגן אין בעט.

יענע האָט דאָך געשווירן ביים לעבן. אָבער איינליגן האָט זי נישט גע־קאָנט.

ביי זיך אין שטוב, אַ צימער נעבן צימער, ווו די מוטער איז גע־לעגן, איז ציפּורה געגאַנגען צו קינד, און אירע געשרייען, וואָס זענען געקומען אָפּט, האָבן געשפּאַלטן דער מוטערס קאָפּ, און זי האָט נישט געקענט איינליגן מער. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָר וואָס אַליין געהאַט אַ קינד, און זי איז אַריין העלפן איר טאָכטער, זיצן נעבן איר, די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך און דאָ איז עס ביי דער טאָכטער גאָרנישט געקומען נענטער. כאָטש די ווייען זענען געוואָרן גרעסער, שטאַרקער.

די מוטער איז געוואָרן דערשראָקן. יאָנאָס פּיליפּס איז אויך גע־וואָרן בלאַס. אָבער אַזוי דערשראָקן ווי עס איז געווען דער איידעם, ציפּורהס מאַן, עמנואל נח, איז קיינער נישט געווען. עס האָט אים געהאַקט אַ צאָן אַן אַ צאָן און ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט ציפּורהן, דער עמנואל נח. ער איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, געווען אַ סאָלדאַט אין וואַשינגטאָנס אַר־מיי ווי זיין שווער יאָנאָס פּיליפּס. ער איז אויך געווען אַ שוחט און מיט צוועלף יאָר עלטער פון ציפּורהן, מיט צוויי יאָר עלטער נאָך ווי זיין שווער פון דער שוויגער, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט זיין יונג, איידל ווייב, וואָס איז אַליין נאָך געווען אַ קינד, אַ דערוואַקסן, אַ גרעסער קינד, אָבער אַ קינד.

יאָנאָס האָט הנאה געהאַט, וואָס דער איידעם האָט אַזוי ליב זיין טאָכטער, אָבער אַ מאַנסביל דאַרף נישט זיין קיין שמאַטע, האָט ער זיך געטראַכט. אַזוי פאַרלירן זיך ווי ער, עמנואל, פאַרלירט זיך, אַזוי ציטערן טאָר ער נישט. ער זעט אויס שלאַפער ווי די קימפּעטאָרין.

ער האָט זיך נאָך געוווּנדערט וואָס דער איידעם, אַזאַ שרעקעוודי־קער, האָט זיך גאָרנישט געשראָקן צו פאַרשרייבן זיך פאַר אַ סאָלדאַט און גיין אין מלחמה.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט איז ציפּורה געגאַנגען צו קינד. יאָנאָס האָט אַריינגעוואָרפן צדקה אין דער „מתן בסתר" פּושקע אין שול, ווו אַ מנין האָט געזאָגט תהלים; ער האָט אויך געטון אַ נדר אַכצן דאָלאַר פאַר די אָרימעלייט פון זיין היים־שטעטל אין פּריסן.

דאָס האָט אַלץ געטון יאָנאָס, דער פאָטער. עמנואל, דער מאַן, איז געווען אומבאַהאָלפן. עס האָט אים געוואָרפן ווי פון אַ ווילדער, געהיימ־

ניספולער שרעק, און די הייבאַם, וואָס האָט שוין אַליין נישט אויפגע־הערט צו מורמלען אַ געבעט צו גאָט, האָט אים אויסגעזידלט:

— זי מעכטען זיך געמעגט שעהמען — האָט זי זיך געבייזערט. — אַ מאַנספּאַרשוין דאַרף זאָגן תהלים, בעטן צו גאָט ער זאָל שיקן די הילף צו זיין פרוי. וואָס ווילן זי דען, זיך לייגן אפשר אין צווייטן בעט אין קימפּעט? פּאַרקוקן זי זיך אויף אינס שוויגער. זי האָט ערשט געהאַט אַ קינד, און קיין עין הרע נישט, זעהען זי ווי זי פירט זיך.

און ווי די הייבאַם האָט געוואונטשן אַזוי איז געשען: אַ טאָפּלטע סעודה. ציפּורה האָט אויך געהאַט אַ יינגל.

ווען יאָנאַס האָט געהערט, אַז זיין ערשט אייניקל איז אַ יינגל, איז זיין שמחה געווען גאָר גרויס, האָט ער געגעבן דער הייבאַם גרעסער באַר־געלט, און צו שטאַרקן זיין שוואַכע טאָכטער (ווענן ווייב האָט ער פאַר־געסן, אַז זי איז אויך שוואַך, — זי האָט אַרומגעטאַנצט אַרום איר טאָכטער ווי קיינמאָל גאָרנישט) האָט ער איר אָנגעזאָגט אַ בשורה:

— ציפּורהכען — האָט ער געזאָגט — ווייסט, גענעראַל וואַשינג־טאָן איז דאָך גראָד הי, וועט ער אוודאי קומען אויף דער טאָפּלטער סעודה. ער איז דאָך געווען אויף דיין חתונה, וועט ער שוין מוזן קומען אויך אויף דער סעודה פון דיין זון.

ווי שוואַך ציפּורה איז געווען האָט זי געגעבן אַ שמייכל: דער גרוי־סער העלד, דער גענעראַל וואָס האָט באַפרייט דאָס לאַנד פון די ענגלענ־דער, ער וועט קומען אויף דער סעודה פון איר בכור. עס האָט אויך הנאה געטון רבקהן דאָס צו הערן. נאָר אויף דעם איידעם האָט דאָס געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. זיינע אויגן האָבן נאָך אַלץ געקוקט שטאַרק דערשראָקע־נע, און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע פרייד וואָס ציפּורה איז ענדלעך איבערגעקומען, און אויך נישט מיט דעם וואָס עס איז גע־בוירן געוואָרן זיין ערשטער זון.

ציפּורה האָט אויפגעכאַפּט איר מאַנס שרעק, נאָר ביי איר איז עס אויסגעקומען, אַז ער איז נישט צופרידן, און דער לעצטער טראָפּן בלוט איז איר אַנטלאָפן פון פּנים. זי וואָלט נאָך פאַרשטאַנען זיין אומ־צופרידנקייט ווען עס וואָלט געווען אַ מיידל. איז עס דאָך אָבער אַ יינגל. זייער ערשט קינד — אַ זון! און ער איז אַלץ נישט צופרידן. ער איז בייז — און דער הייסער יולי־טאָג האָט מיט זיין בראַטנדיקער חמימה נישט געקאָנט דערוואַרעמען אירע הענט און פיס, וואָס האָבן גענומען פּלוצלינג פרירן.

יאָנאַס פּיליפּס, וואָס איז אין האַרצן קיינמאָל נישט געווען צו־

פרידן מיט זיין איידעם. האָט זיך גאָר אויפגעגעסן פון פארדראָס וואָס ער שטייט דאָ מיט אַ זויער פּנים. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך געפרייט ווען דאָס ווייב האָט אים געשאָנקען דאָס ערשטע קינד; אפילו נישט קיין זון, נאָר אַ טאָכטער, רחלען. די גאַנצע וועלט האָט געשפּילט אין זיין בלוט, און דאָ שטייט ער, עמנואל, דער איידעם זיינער; נאָר־וואָס איז ער געוואָרן אַ טאַטע פון אַ זון, און זי, די יונגע מאַמע איז גע־גאַנגען אַזוי שווער צו קינד, איר לעבן איז שוין גאָרנישט ווערט געווען. און ער זאָל דאָס ווייזן כאָטש אַ גוטע מינע.

ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, יאַנאָס פּיליפּס, און ער האָט מיט אַ בייזן קוק אים צוגעיואָרפן:

— מישטיינס געזאָגט, אַ טאַטע!

געגרייט האָט ער זיך צו מאַכן אַ שוואַרצן סוף דעם איידעם, נאָר רבקה די קימפּעטאָרן מיט איר ניינצנט קינד, האָט איצט פאַרגעסן אַלע קינדער אירע, נאָר פאַר איין ציפּורהן האָט איר האַרץ זיך געשראָקן, און זי האָט מיט אַ ווונק געצווימט איר מאַן און אים אַרויסגעפירט.

**
*

דאָס הויז האָט נישט גערוט אַ מינוט. יידן און נישט־יידן זענען געקומען זאָגן מזל־טוב. נאָענטע פריינט, באַקאַנטע, זענען געקומען דורך דער הינטערשטער טיר, און פרעמדע זענען צוערשט אַריינגעגאַנגען אין קראָם עפּעס קויפן, און נאָכדעם ווי זיי האָבן געזאָגט מזל־טוב פּיליפּסן, האָבן זיי אויסגעפרעגט צי זיי וואָלטן געקאָנט אַריינגיין זאָגן מזל־טוב די קימפּעטאָרינס.

— אוודאי! מיט גרויס פאַרגעניגן! — האָט יאַנאָס פּיליפּס זיי גאַסטפריינטלעך געוויזן אויף דער טיר.

— די קימפּעטאָרינס וועלן זיין צופרידן.

אינעווייניק האָבן די נייגעריקע, מערסטנס ווייבער, נישט באַנוגנט זיך מיט זאָגן מזל־טוב די קימפּעטאָרינס, מען האָט זיי געמוזט ווייזן די קינדער. די שטוב איז געוואָרן פול מיט ברכות און קאָמפּלימענטן אויף די קעפּ פון די קינדער. אַנדערע האָבן זיך אפילו דערלויבט צו וויצלען, און געזאָגט:

— פאַרבייט נאָר נישט דעם פעטער אויפן פלימעניק!...

יענטל, די ברייטע, קרעפּטיקע הייבאַם, איז געווען צופרידן. זאָלן קו־מען וואָס מער געסט, זאָלן זיי זען וואָס פאַר אַ בריה זי איז, וואָס פאַר אַ

גאַלדענע הענט זי האָט. נאָר אַז ס'איז אַריינגעקומען אַן אַלטע גויע, וואָס מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אַ מכשפה, איז זי געוואָרן בלאַס, און נישט נאָר זי אַליין,ביידע קימפּעטאָרינס איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. נאָר זי, יענטל, האָט זיך נישט פאַרלוירן. שטילערהייט האָט זי זיי שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זאָלן זיך נאָר נישט דערשרעקן, זי וועט שוין אַכטונג געבן, אַז די מכשפה זאָל זיי נישט טון קיין בייז.

זי האָט געהיט דער גויעס ליפּן ווי מ'היט אַ גנב די פינגער, און ביים אַרויסגיין האָט זי געשיקט אָפּגעשוירן אַ פּאָר פראַנזן פון דער גויעס טיכל, און ווען די גויע איז קוים געווען אַריבער דער שוועל, האָט זי אָנגעצונדן די פראַנזן, געוויכערט זיי איבער די פּנימער פון די קימפּעטאָרינס און די קינדער, מיט אירע גרויסע, שטאַרקע הענט געשלאָגן די לופט, ווי זי וואָלט עמעצן געטריבן, געזאָגט אַ שפּרוך און אויסגעשפּיגן:

— נו, שוין פּטור, אויף אַלע וויסטע וועלדער! מיט גאָטס זיינער הילף, אויף אַלע וויסטע מדבריות! אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטון דורך די אָפענע פענצטער, דערפרישט די קימפּעטאָרנס און אָפּגעווישט זייער שרעק.

***

ביז צו די בריתן האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיי צווישן יידן אין שטאָט. די מענער נישט ווייניקער פון די פרויען. און דער רב, ר' גרשון סעישעס, וואָס האָט זיך נאָך גוט געקענט מיט יאָנאַסן פון ניו־יאָרק, ביידע זענען זיי דאָן צוזאַמען אַנטלאָפן פון די ענגלענדער אין ניו־יאָרק קיין פילאַדעלפיע, און דאָ האָבן זיי דאָך געמאַכט די שול, וו יאָנאַס פיליפּס איז פרנס און ער, ר' גרשון, איז רב — ער, דער רב, האָט זיך מיט באַזונדערע הכנות געגרייט צו דער טאָפּלטער שמחה.

אָפטע בריתן זענען נישט געווען אין פילאַדעלפיע. איין ברית ביי איין פאַמיליע איז אויך געווען אַ זעלטנהייט. זינט זיי געדענקען האָט זיך נישט געמאַכט, אַז צוויי בריתן זאָלן זיין אין איין טאָג, אָדער אין עט־לעכע טעג, ווער רעדט נאָך ביי אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער אין איינע־צוויי טעג — דאָס איז געווען אַ נייעס פאַר גאַזעטן. און עס איז טאַקע באַ־שריבן געוואָרן אין דער שטאָט־צייטונג.

אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם חידוש, גערעדט מיט הנאה, מיט אַ שמייכל. נאָר איינער איז געווען אומעטיק, האָט נישט געגעבן קיין שמייכל, ווי מען וואָלט אים אָפּגעטון כישוף — דאָס איז געווען עמנואל נח, ציפּורהס מאַן. זיין פּנים איז געווען דערשראָקן.

דעם ערשטן טאָג, כאָטש ס'האָט זייער פאַרדראָסן דעם שווער, האָט ער זיך געקאָנט געבן אַ קלער, אַז זיין איידעם איז אַזוי דערשראָקן פון די גרויסע ווייטיקן פון דער קימפּעט פון זיין יונג ווייב. אָבער ס'איז אַוועק אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און ס'וועט באַלד זיין דער ברית און עמנואל נח טוט נאָך אַלץ קיין שמייכל, דאָס האָט באַאומרואיקט דעם שווער. ער איז שוין ניט געווען סתם אין כעס, נאָר דאָס האַרץ האָט אים נישט געלאָזט איינרוען. אַז צפּורה און איר מוטער, איטלעכע אויף איר שטייגער האָבן איבערגעלעבט אַ סך שרעק, זעענדיק עמנואלס מאָדנע האַלטונג, איז איבעריק צו דערציילן. נאָר אַפילו שכנים און באַקאַנטע האָבן דאָס אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין.

ביים ערשטן ברית, אויף דעם ברית פון דעם פּעטער, האָט יאָנאָס פיליפּס פאַרטרויעט וועגן דעם פאַרן רב, און צו מאַכן עס אַביסל גרינגער, צו פאַרטרייבן זיינע דאגות, האָט ער אַ זאָג געטון:

— רבי, די שיר המעלותן הענגט מען אויף, כדי אָפּצוהיטן די קימפּעטאָרינס פון נישט־גוטע, און איך מיין אַז מ'וואָלט געדאַרפט האָבן שיר המעלותן פאַר מיין איידעם, כ'האָב מורא אַז די נישט־גוטע האָבן געקראָגן איבער אים די שליטה, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן; אַ טאַטע זאָל זיך גאָרנישט פרייען מיט זיין בכור!

דער רב, כאָטש אים איז אויך נישט געפעלן עמנואלס פירונג, האָט ער עס צונישט געמאַכט.

— רב יאָנאָס — האָט ער געזאָגט — די שדים קאָנען נישט האָבן קיין שליטה אויף די טאַטעס. נאָר די קימפּעטאָרין און איר קינד זענען אין סכנה, אָבער די שיר המעלותן זענען די ריכטיקע שמירה, זיי היטן שוין אָפּ דעם פאָטער אויך.

יאָנאָס האָט געקוקט אויף דעם רב מיט אַ קרומען שמייכל. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס דער רב נעמט ערנסט זיין וויץ וועגן די שדים און זיין איידעם, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— דער רבי מיינט, אַז מיר פאַלט איין אויף אַ מינוט. אַז שדים האָבן אים עפּעס אָפּגעטון? ער אַליין, מיין איידעם, איז דער גרעסטער שד. הלוואַי וואָלט ער בעסער גאָרנישט געווען געקומען אין מיינע דלד אמות! דער רב מיינט אַז ער איז מיר אַמאָל יאָ געווען געפעלן? פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער מיך נישט געהאַרצט. נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טון, אַז מיין טאָכטער איז ער גאָר שטאַרק געפעלן? זי איז גלייך געוואָרן פאַרליבט אין אים. דערצו איז ער נאָך געווען אַ העלד, האָט זיך געשלאָגן אונטער גענעראַל מעריאָן, האָט אָנגעטון גרויסע צרות

די ענגלענדער ארום טשארלעסטאָן, און טאָמער איז דאָס נאָך נישט גענוג, איז ער מיינס אַ לאַנדסמאַן, קומט פון ריינישׂ הייטשלאַנד. איך קען זיין טאַטן — אַ איד אַ בן־תורה, אַן אָקסן־הענדלער. זיין פאָטער האָט אָפּט געהאַנדלט מיט מיין פאָטער. זיין פאָטער איז ערלעך ווי דער טאָג, און ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער זון זיינער זאָל זיין סתם אַ קצב. ער האָט אים נאָר געלערנט שחיטה, ווי מיין טאַטע מיך. האָב איך מיר נישט געקאָנט געבן קיין עצה. אַז אַלץ אין אים האָט מיך דערמאָנט מיין היים, מיין משפחה. און אַ העלד אין דער מלחמה צו באַפרייען דאָס לאַנד אונדזערס איז ער אויך געווען, האָב איך נישט געקאָנט זאָגן: ניין, ווען ער האָט זיך געשדכנט צו צפּורהן.

וואַשינגטאָנען האָט יאָנאַס נישט גערופן צום ברית פון זיין זון, נאָר צום ברית פון זיין אייניקל. פאַר אַ פאָטער פון אַ נייגעבוירן קינד איז שוין נישט געווען נויטיק צו ברענגען הויכגעשטעלטע געסט אויף אַ ברית. וואָלט דער ברית פון זיין זון געווען דער איינציקער, וואָלט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויס גליק צו קאָנען ברענגען וואַשינגטאָנען. דאָס וואָלט דאָך געווען די שענסטע מתנה וואָס ער וואָלט געקאָנט געבן רבקהן. נאָר אַז דעם צווייטן טאָג איז דער ברית ביי זיין אייניקל, ציפּורהס ערשט קינד, האָט ער בעסער געוואָלט געבן די מתנה — וואַשינגטאָנען פאַר אַ גאַסט — זיין טאָכטער. ער, וואַשינגטאָן, איז געווען אויף איר חתונה, זאָל ער שוין זיין אויך אויף דער סעודה פון איר ערשט קינד.

נאָך דער ערשטער סעודה האָט יאָנאַס פיליפּס אָוועקגענומען אָן אַ זייט זיין איידעם און געפּרוווט מיט גוטן ווירקן אויף אים, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן, ער זאָל זיך אויפפירן ווי אַ מענטש.

—עמנואל, איידעם מיינער, וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך גיי דיר זאָגן. איך בעט דיך, טו אַראָפּ פון דיר דאָס שרעקנדיקע פּנים. האָסט שוין גענוג איבערגעשראָקן דיין יונג ווייב, דיין שוויגער און מיך אויך נישט ווייניקער. מיר איז פּשוט אַ חרפּה און אַ שאַנד. איך שעם מיך. עס קוקט־אויס ווי דו וואָלסט חרטה געהאַט כ׳וויים אַליין נישט אויף וואָס. נו שמייכל, עמנואל. איך רעד דאָך צו דיר. איך בעט דיך לאָמיך זען דיך טון אַ שמייכל. זאָלסט אַריינגיין צו ציפּורהן מיט אַ שמייכל. דו וועסט זי שטאַרקן. צען יאָר געזונט וועסטו איר צוגעבן מיט איין ברעקל שמייכל דיינעם.

יאָנאַס פיליפּס האָט אַליין גענומען שמייכלען, צוערשט קליין, דער־נאָך גרויס, ברייט, ווי מען שמייכלט צו אַ קינד, עס זאָל שמייכלען און

געמיינט האָט ער, יאַנאַס, אַז אַט צעפּאָלדערוועט זיך זיין איידעמס פּנים און די וואַרימע גוטע מינע וועט זיך אויסלייגן אין די פאַלדן.

אָבער יאַנאַס האָט אויפגעריסן די אויגן זיינע אין גרויס וווּנדער און טאָקע שרעק — נאָך די וואַרעמע, האַרציקע רייד איז געשטאַנען פאַר אים דער איידעם מיט דערשראָקענע אויסגעשפּיליעטע אויגן, און דאָס פּנים זיינס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד.

— מען קאָן משוגע ווערן! — האָט יאַנאַס פּיליפּס זיך געגעבן אַ ריס פון זיך אַליין. — וואָס איז דאָס מיט דיר געשען? האָט דיך עמעצער באַקאַשפּערט (פאַרכישופט)? וואָס ביזטו אַזוי דערשראָקן? נישט גענוג די חרפּה וואָס דו טוסט אונדז פאַר לייטן אין די אויגן, ווילסטו אונדז נאָך פאַרשעמען פאַר דעם גענעראַל? פאַר וואַשינגטאָנען? ער קומט דאָך מאָרגן אויפן ברית. מיינסטו אים אויפצוגעמען מיט אַזאַ דערשראָקענער צורה? און וואָס שווייגסטו? — האָט יאַנאַס געשריגן זעענדיק ווי דער איידעם שווייגט. — עפּן ס׳מויל, ביזט דאָך נישט קיין שטומער. האָסט דאָך, גאָט באַהיט, נישט פאַרלוירן ס׳לשון. זאָג אַ וואָרט, רעד. וואָס שווייגסטו? האָסט עפּעס געזען וואָס עס האָט דיך איבערגעשראָקן? לאָמיך כאָטש וויסן. פאַרוואָס גייסטו אַרום אין הוילער שרעק? גוואַלד, וואָס שווייגסטו? דו וואַרפסט אָן אויף מיר אַן אימה!

עמנואל איז אָבער געשטאַנען ווי אַ באַשווירענער, נאָר אַ כישוף האָט געקאָנט האַלטן זיינע ליפּן אַזוי פאַרשלאָסן, די צונג אַ צוגעקלעפּטע. ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

אַ מינוט איז געווען ווען יאַנאַס פּיליפּס האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן איידעם און אים צערייסן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און ווידער גענומען רעדן צו אים גוטע רייד.

— מיר זאָלן אַזוי אַלע זיין באַהיט פון שלעכטס, עמנואל, ווי איך פאַרשטיי דיך נישט. גלויב מיר, אַז איך האָב נישט ווייניקער ליב די שוויגער ווי דו ציפּורהן, און מיטן ערשטן קינד איז רבקה געגאַנגען שווערער צו קינד ווי ציפּורה. יעדער געשריי אירער האָט מיר געגעבן אַ שניט אין האַרץ אַריין. אָבער ווי נאָר דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט האָב איך זיך געפרייט ווי אַ קליין קינד. און דו, פון דער מינוט וואָס דיין קינד איז געבוירן געוואָרן האָט מען אויף דיין פּנים נישט געזען קיין גוטע מינע. ביזט אַזוי פאַרביטערט, אַזוי דערשראָקן. דו ביזט דאָך נישט קיין יונג בחורל. עמנואל, דו ווייסט דאָך, איך בין אינגאַנצן עלטער פון דיר מיט אַ יאָר 11 — 12 און איך האָב שוין קיין עין הרע ניינצן קינדער, און איך שרעק מיך נישט. דער ליבער גאָט העלפט אויף

אלעם. טא וואס ציטערסטו אזוי? ביי מיין ערשט קינד בין איך געווען יינגער ווי דו ביזט היינט ביי דיין בכור, טא וואס האסטו מורא? וואס איז דען דא וואס מורא צו האבן? הער־אויף מורא צו האבן, עמנואל, האט דער שווער אים געטרייסלט און ער האט זיך געלאזט טרייסלען ווי איינער וואס שלאפט שווער, ווי א שיכור.

— ווי איך בין א ייד, גאט זאל מיר אזוי העלפן, ס'איז נישטא וואס מורא צו האבן. זיי פריילעך, זינג, טאנץ, ביזט געווארן א טאטע. דער ליבער גאט האט דיר געהאלפן, ביזט געווארן א טאטע, נו, שמייכל, גיב א שמייכל, מאך א גוטע מינע. טו עס פאר ציפורהן. זאג, עמנואל, וועסטו כאטש ווייזן א גוטע מינע דעם גענעראל וואשינגטאנען?

יאנאס האט אים געטרייסלט, גערעדט צו אים, געבעטן זיך ביי אים, און ער, עמנואל נח, ווי אין א שווערן שלאף, אין שיכרות אדער אונטער א שלאף־געטראנק, האט זיך געלאזט טרייסלען. קיין ווארט נישט ארויסגערעדט, נאר געקוקט אין דער וועלט אריין א דערשראקענער.

יאנאס פיליפס האט זיך אפגערוקט פון איידעם. די לינקע האנט זיינע איז צוגעפאלן אין א פויסט צו זיין לינקער באק, ארייינגעדריקט זיך ווי אין גרויס צאן־ווייטיק, און ער האט ארויסגעקרעכצט:

— וויי! וויי! אן אומגליק! אן אומגליק איז אים געשען!

זיין כעס איז פארשוואונדן. ער האט שוין נישט געדענקט, אז דער איידעם איז אים נישט געפעלן פון דער ערשטער מינוט אן; אז ער האט אים נישט געהארצט. ער האט שוין נישט געוואלט אים מער איינרעדן. ער איז געווען זיכער, אז עפעס נישט גוטס איז באפאלן זיין איידעם, און ער האט געקראגן אויף אים רחמנות. ווען זיין טאכטער האט ער עפעס גראד איצט נישט געקלערט, דערמאנט האט ער זיך גאר אן עמנואלס פאטער אין דער אלטער היים. וואס וועט ער קאנען ענטפערן יענעם ייד, דעם ערלעכן ייד, ווען יענער וועט וועלן א תשובה וועגן זיין זון?

***

א יום־טוב, וואס האט נישט זיין גלייכן, האבן געהאט די חדר־סינ־דער. 17 קינדער, יינגלעך, האבן געלערנט אין שול ביי ר' גרשון סיישעס, זענען זיי געגאנגען צו פיליפסן קריאת־שמע לייענען.

צוויי מאל האבן זיי קריאת־שמע געלייענט יעדן טאג, אזוי האט רבקה געוואלט. די קינדער זענען אריינגעקומען, האט זיי רבקה צוערשט אריינגעפירט צו ציפורהן. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט פון ציפורהס בעט

ביז צו דער טיר, און נפתלי פּיליפּס, יאַנאַסעס עלף יאָריקער זון און דעם קינדס פעטער, האָט געזאָגט קריאת־שמע און די קינדער האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט.

א דאַנקבאַרע, מיט פלאַמען אין בלייכן פּנים און גרויס ליבשאַפט צו די יינגלעך, וואָס לייענען קריאת־שמע, אַפּצוהיטן איר קינד, האָט ציפּורה שטיל מיטגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט.

איידער די יינגלעך זענען נאָך געווען פאַרטיק מיטן זאָגן האָבן זיי געהיט די באַוועגונגען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב. די אויגן האָבן זיי אויסגעשטעלט, מיט די נעז געדרייט, געשמעקט, געוואָלט אויסשפּירן, וואָס עס וואָרט אויף זיי פאַר דעם קריאת־שמע לייענען.

זיי האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט. ווי נאָר זיי האָבן געזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט רבקה אָנגענומען פולע הענט מיט דריי־שפּיציקע פּאַפּי־רענע זעקעלעך. קלענערע, גרעסערע הענטלעך האָבן זיך געצויגן צו איר, און זי האָט יעדן אריינגעשטעקט א זעקעלע.

— א גוטע נאַכט! — האָבן טייל איר געזאָגט אין אייַלעניש. גע־וואָלט אַרויסלויפן און זען, וואָס ליגט דאָרט אין זעקל; אָבער רבקה האָט זיי פאַרהאַלטן.

— א גוט יאָר אויף אונדז אַלע, נאָר גייט נאָך נישט אַהיים. קומט אַריין צו מיר לייענען קריאת־שמע, איך וועל אייך געבן יעדן איי־נעם נאָך א טיטל (זעקל).

ווער עס האָט נישט געזען די פרייד פון די יינגלעך האָט אין זיין לעבן נישט געזען קיין פרייד. צוויי מאָל קריאת־שמע לייענען און קריגן צו צוויי זעקעלעך! — חדשים און חדשים גייען אדורך און נישטאָ אפילו קיין איין מאָל א קריאת־שמע לייענען, און דאָ צוויי אויף אַמאָל!

רבקה האָט געהאַט א ברייטע נאַטור, זי האָט געגעבן מיט דער פולער האַנט, און די זעקעלעך זענען געווען פול מיט כל־טוב: מאַנדלען, ראָזשינקעס, צוקערלעך און א שפּאַר חלק לעקעך אין יעדן איינעם.

די קינדער האָבן קוים דערלעבט די רגע צו זיין אין דרויסן, און זיי האָבן גענומען אָפּמעסטן מיט די אויגן די גרויס פון לעקעך, ציילן די צוקערלעך און מאַנדלען; איינער האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַרן צווייטן, ווייזן, אַז ער האָט מער, און ער האָט אויסגערעכנט, וואָס ער האָט אַלץ אין זיינע פּעקעלעך; ער האָט אָבער נישט געקאָנט דערוועקן קיין קנאה ביי די אַנדערע, — דאָס האָט שוין רבקה, די פּראַקטישע

מאַמע פון ניינצן קינדער און אַן אייניקל, פּאַראויסגעזען, און זי האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז אין אַלע זעקעלעך זאָלן די חלקים זיין גלייך.

— איך האָב אויך אַזוי פיל! — האָט געזאָגט איינער און אַ צווייטער, יעדער אַזוי, מיט פרייד, וואָס ער איז נישט געוואָרן געקריוודעט, ער איז נישט הינטערשטעליק.

צומאָרגנס איז דער עולם ביים קריאת־שמע לייענען געוואָרן גרעסער.

ווען די יינגלעך זענען געקומען אהיים מיט די מתנות, האָבן די קלענערע קינדער, — ברידערלעך און שוועסטערלעך, — זיי שטאַרק מקנא געווען, און עס איז נישט געווען גענוג, וואָס אַ טייל פון די קריאת־שמע לייענער האָבן זיך געטיילט דעם „זאַק־רויב" מיט דעם קלענערן קליינוואַרג אין דער היים. די קנאה און נייגעריקייט זענען געווען שטאַרקער, און די קריאת־שמע לייענער האָבן געמוזט צוזאָגן, אַז זיי וועלן זיי מיטנעמען.

דער גרעסערער עולם האָט אַרויסגערופן מער צופרידנקייט ביי רבקהן. וואָס מער קריאת־שמע לייענער אַלץ מער שמירה פאַר די קינדער.

נאָר דער „זכר" פּריוויטיק־צו־נאַכטס איז געווען איינער פאַרביידע. אין זעלבן הויז קאָן מען דאָך נישט מאַכן צוויי זכרם. האָט יאַנאַס צעעפנט ברייט די טיר צווישן די צימערן פון ביידע קימפּעטאָרינס, אויסגעשטעלט לאַנגע טישן און אָנגעגרייט אויף דעם טאָפּלטן „זכר" מער ווי אויף אַנדערע צען.

איבער די לאַנגע טישן זענען, ווי לייפערס, געלעגן ווייסע טישטוכער, אויסגעשאָטן מיט קליינע און גרויסע געזאָטענע אַרבעס און באַשטעלט מיט קופּעלן.

אויף נאָרד צווייטער גאַס האָט יענעם פּריוויטיק־צו־נאַכטס נישט געווּוּסט. נאָכן עסן ביי זיך אין שטוב איז יעדער באַלעבאָס געגאַנגען צו יאַנאַסן צום „זכר".

יעדער אַן אָנגעגעסענער, אַלע זאַטע פון דער ערשטער שבתדיקער סעודה. נישט געווען קיין הונגעריקע יידן דעמאָלט אין פילאַדעלפיע. פון די סוחרים איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר אַפילו בעלי־מלאכות, לייזער שניידער פון לובלין און משה שוסטער פון ליסע, חיים סאַלאָמאָנס לאַנדסמאַן, — קיין הונגער האָבן זיי נישט געליטן. שבת פלעגט זיין ביי זיי אויף אַ רייכן פוס, און וואָלטן נאָר געווען אַזוי פיל אורחים ווי יעדער איינער וואָלט געוועזן געקאָנט אהיימנעמען אַן אורח אויף שבת.

זענען די געסט נישט געקומען עסן. די העלדזער זענען געווען ביי

זיי פארמאכט פאר די בעסטע מאכלים. טרינקען יא, דאס האט דווקא יעדער געוואלט. נאך די פיש, לאקשן־מיט־יויך, הון און קאטשקע און צימעס, איז ביר א גוטער טרונק. דערצו איז נאך היים, אין דער יולי־היץ איז א קופעל ביר טאפלט גוט.

נאר ווי זאט מען זאל נישט זיין איז אלץ דא ארט פאר געזאטענע ארבעס וואס מען פארטרינקט נאך דערצו מיט ביר.

— גוט שבת! מזל־טוב!

— גוט שבת! מזל־טוב!

צוויי מאל האט יעדער גאסט געזאגט „גוט שבת" און „מזל־טוב" צו די פיליפסעס און צו די נחס; און איצט איז די קימפעטארין רבקה אויך געלעגן אין בעט. ביידע קימפעטארינס בעטן פארהאנגען מיט ווייסע דורכזיכטיקע פארהאנגען, — א סגולה פאר א בייז אויג.

דער עולם — פארטוגעזן, דייטשן, פוילישע, אלע טאטעס, זיידעס, קיין איין אומפארהייראטער נישט צווישן זיי, און פרויען אויך נישט, — האט זיך אויסגעזעצט ארום די טישן, אריין מיט די פינגער אין די בייטן געזאטענע ארבעס, אויפגעשאפעלט א פולן גאנפעל, פארמאכט די האנט, איין פינגער נאר געלאזן אפן, און געשאטן די געזאטענע ארבעס, גוט געזאלצן און געפעפערט, — אין מויל אריין און פארטרונקען מיט ביר.

און וואס מער זיי האבן געשאטן ארבעס אין מויל אריין, אלץ מער האט זיך זיי געוואלט, און דער דארשט איז אלץ געווארן שטארקער.

יאנאס האט אנגעפירט מיט דער שמחה. געצאפט דאס ביר און דערלאנגט האט דזשים, דער שווארצער דינער, און דער 11־יאריקער נפתלי האט אים געהאלפן מעשה גרויסער.

— צען דער זייגער און אלץ איז אין ארדענונג! — האט זיך דערהערט דאס קול פון וועכטער אין פראנט פון הויז.

יאנאס איז צוגעלאפן צום פענצטער, האט אן עפן געטון און ארויסגעשריגן:

— דזשאן! דזשאן!

— יא, הער פיליפס! גוטן אוונט, הער פיליפס! אלץ איז אין ארדענונג, — האט געזאגט דער וועכטער, צוקומענדיק צום פענצטער.

— קום אריין, טרינק א גלאז ביר. מיר האבן דא א פארטי, נעם עפעס אין מויל אריין, — האט געזאגט יאנאס, ארויסשטעקנדיק א האלבן גוף און אנגעשעפט פרישע לופט.

דער וועכטער האָט דערזען אַ פולע שטוב. אַנדערע פון זיי גרויסע סוחרים, באַוווסטע לייט, און דער באַלעבאָס אַליין? אַלע רעגירונגס־לייט זענען זיינע פריינט. דער אַלטער בענדזשאַמין פרענקלין באַגריסט זיך מיט אים ווי מיט אַ גוטן באַקאַנטן און דער גענעראַל איז זיינס אַ גוטער פריינט, און — האָט דער וועכטער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ער איז געווען פול וואונדער, — ער, דער מיסטער דזשאָנאַס פיליפּס, רופט אים אַריין צו זיינע געהויבענע געסט, לייגט אים פאָר צו טרינקען מיט אים ביר!

מאָדנע! קיין איינער פון די קריסטן באַלעבאַטים, — זיי קענען דאָך אים נאָך לענגער ווי דער מיסטער פיליפּס, — זיי האָבן אים נאָך קיינ־מאָל נישט אַריינגערופן צו זייערע פאַרוויילונגען, בעלער. הונדערטער בעלער האָט ער שוין געזען דאָ פאַר זיין צייט, און קיין איין מאָל נישט האָט אימיצער פון זיי, די גרויסע הארן, און אפילו די קלענערע, אים נישט אַריינגערופן. ווי קומט ער, דער וועכטער, צו זיי, די הארן? און דאָ, דער באַרימטער מיסטער פיליפּס, אַזוי איינפאַך, אָן גרויסעניש, ווי ער וואָלט געווען זיינס גלייכן, רופט אים אַריין! אַ מאָדנער דער מיסטער פיליפּס!

און באַלד האָט אים עפּעס אונטערגעזאָגט:

— ער איז אַ ייד.

— איך טאָר נישט אַריינגיין, הער פיליפּס, — האָט געזאָגט דער וועכטער, — איך דאַנק, איך דאַנק זייער. אַ קופעל ביר וואָלט געווען אַ דערקוויקונג. עס איז הייס, הער, נאָר איך טאָר נישט, איך מוז זיין אין דרויסן.

פיליפּס האָט אים אָבער נאָכאַמאָל גערופן.

— דזשאָן, דו גייסט דאָך נישט אַריין אין אַ שענק, וואָס דו זאָלסט נישט טאָרן, — האָט אים פיליפּס געזאָגט, — ס'איז אַ רעליגיעזע פאַר־וויילונג; קיינער וועט דיר גאָרנישט זאָגן דערפאַר.

דער וועכטער האָט זיך פאַרנויגט פאַר דעם מאָדנעם גוטן הער און זיך אָפּגעבעטן.

— איך טאָר נישט. אַ וועכטער טאָר נישט פאַרלאָזן די גאַס. איך טאָר נישט, גוטער הער.

— נו, ברעכן ס'געזעץ וועל איך דיך נישט צורעדן, — האָט פּי־ליפּס נאָכגעגעבן, — אָבער וואַרט נאָר, אין דרויסן מעגסטו דאָך טרינ־קען, — און ער האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט פול אַרבעס און אַ קופּל ביר.

— איך זיך נישט, אַלץ איז אין אָרדענונג. וואָס איז איין קופל

ביר אין אזא הייסער נאכט? — האט אים פיליפס פארהאלטן און צו־גערופן זיין עלף־יאריקן בחור נפתלי, וואס האט זיך נאר געריסן צו באדינען.

— דערלאנג דזשאנען נאך ביר, גיב אים וויפיל ער וויל.

קיין דריטל פון די ליכט אין די קאנדעליאברעס, וואס זענען גע־שטאנען אויף באזונדערע טישלעך, איז נאך נישט געווען אויסגעברענט, און דזשים האט ארויסגעטראגן די ליידיקע פעסלעך און ארויפגעבראכט פון קעלער פרישע. די קופלען זענען ווידער פול געווארן, און די פינגער זענען אריינגעקראכן אין די ארבעס, אנגעשעפט פולע האנפלען, געשאטן אין מויל אריין און —

— לחיים! איר זאלט האבן פון זיי פיל נחת.

— לחיים! איר זאלט זיי מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים!

מען האט גערעדט, דערציילט מעשיות, געזאגט גלייכווערטלעך. דער הויכער, קרעפטיקער יאנאס איז געווארן נאך העכער, קרעפטיקער. ער איז געוואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער שמחה; און פון הינטער די פארהאנגען האבן ארויסגעקוקט אין שטילן גליק די קימפעטא־רינס. נאר איינער איז דא געווען וואס איז נישט געווען דורכגענומען מיט דער פרייד. א נישט זיכערער, אן אומרואיקער, נאך אלץ אין שרעק איז געשטאנען עמנואל נח, וועמען יאנאס פיליפסעס טאכטער האט גע־בוירן דאס ערשטע קינד; אבער קיינער האט איצט נישט באמערקט זיין זארג און שרעק. איטלעכער איז געווען אויסגעמישט מיטן גאנצן עולם, זארגלאז, אין דער שמחה, האבן זיי עמנואלן גארנישט געזען. יאנאס האט זיי געגעבן גענוג הייטערקייט, פרייד.

**
*

אויפדערנאכט נאך מעריב, די נאכט פארן ברית, איז דער בעל ברית, עמנואל נח, נישט געקומען אהיים פון שול. דאס איז געווען א גרויס וווּנדער. וווהין האט ער דען געקאנט זיין געגאנגען? דאס וווּנדער איז אריבער אין ווילדער שרעק ווען ער איז נישט געקומען אהיים נעכ־טיקן. די גאנצע צייט זינט זייער חתונה — באלד א יאר, איז ער, אוונט ביי אוונט, פון דאווענען געגאנגען גלייך אהיים. קיינמאל נישט איז ער אוועקגעגאנגען פון שטוב אין אוונט. און דא, די נאכט פארן ברית פון זיין בכור, איז ער גאר נישט געקומען אהיים נעכטיקן.

האט ציפורה א פרעג געטון דעם פאטער:

— ביזט אהיימגעקומען אליין, אַן מאַנועלן?

יאַנאָס, כאָטש ער איז שוין געווען אומרואיק, ווייל נאָך אין שול איז ער אים פלוצלינג פארשווונדן; געמיינט האָט ער, אַז ער איז גאָר גע־גאַנגען אהיים, געאיילט זיך זיין נעבן דער יונגער קימפּעטאָרין, און איז ער נישט געווען אין דער היים, האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט, אַז גאַנץ גלייך איז עס נישט — נאָר כדי נישט איבערצושרעקן די טאָכטער האָט ער גאָר אַ זאָג געטון:

— ער האָט זיך אוודאי פארערדט מיט עמעצן.

ציפּורה, וואָס האָט נאָך נישט געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט, שוואַך נאָך פון דעם שווערן צו קינד גיין, האָט מיט יעדער מינוט לענגער וואָס דער מאַן אירער איז נישט געקומען, געפילט, אַז דאָס לעצטע ביסל בלוט רינט ביי איר אויס פון פּנים. זי האָט געשפּירט, אַז זי ווערט בלאַסער און בלאַסער. זי האָט נישט געברויכט צו קוקן אין שפּיגל. זי איז געווען זי־כער, אַז זי איז ווייס ווי קרייד.

זי האָט געשטאַרקט זיך נישט צו פרעגן וואָס זיין נישט קומען קאָן באַדייטן. די שפּיץ פינגער האָבן איר אָנגעהויבן פרירן און אַ שרעק איז זי באַפאַלן צו עפענען דאָס מויל; זי האָט מורא געהאַט, אַז ווי נאָר זי וועט עפּעס זאָגן וועט זי חלשן, זי וועט אויסגיין.

איז זי געלעגן אַ צוזאַמענגעצויגענע און מורא געהאַט ארומצוקוקן זיך טאָמער וועט זי זיך צעשרייען, און דער וועכטער איז געגאַנגען אינ־דרויסן און אויסגערופן די שעהן:

— ניין דער זייגער און אַלץ איז אין אָרדענונג!

— צען דער זייגער און אַלץ איז אין אָרדענונג.

דעם וועכטערס באַרואיקנדיקע רייד, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג האָט זי נאָך מער צערייצט. ווי איז אַלץ אין אָרדענונג? מאַנועל איז נישטאָ. ער איז נישטאָ. ער קומט נישט!

יאַנאָס פיליפּס און רבקה, וואָס האָבן ערשט היינט געהאַט זייער שמחה, דעם ברית פון זייער זון, דאָס נייַנצנטע קינד זייערס, האָבן גאָר־נישט אויסגעזען ווי מענטשן וואָס האָבן ערשט געהאַט אַ שמחה. דער הויכער שאַפע־זייגער האָט אַראָפּגעקוקט פון דער הויך אויף זיי, האָט זיך אַלעמאָל אַ צעכאָרכל געטון און געוויזן זיי מיט די דינע פינגער זיינע, אַז עס ווערט שפּעט, עס ווערט שפּעטער און שפּעטער, און דער איידעם קומט נישט.

האָבן זיי שוין אָוועקגעדרייט די אויגן, אויסגעמיטן צו קוקן אַרויף צו דעם זייגערס פינגער, נאָר די אויגן האָבן דאָך געזען דעם זייגער, זיינע

דינע פינגער. ווו זיי האָבן נישט געקוקט האָבן זיי געזען דעם זייגערס פינגער, אָן אויפהער אַזוי. און צו פאַרשטאַרקן די אימה איז נאָך צוגעקומען דעם וועכטערס קול:

— עלף דער זייגער און אַלץ איז אין אָרדענונג!

די שטרענגע ווערטער פון דעם שטרענגן ריכטער ווען ער זאָגט אַרויס דעם אורטייל צו אַ צום טויט פאַרמשפּטן, קאָנען נישט אָנוואַרפן קיין גרעסערע מורא ווי דעם וועכטערס רייד אויף ציפּורהן.

איר לייב, וואָס איז סיי־ווי געווען ווי אַ רויע ווונד, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן רייסן מיט אַ שרעקלעכן ווייטיק; ווי זי וואָלט אויפסניי געגאַנגען צו קינד; און עס האָט אָנגעהויבן פון איר אַרויסשרייען. אָבער דאָס האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי שרייט. מען האָט זי קוים געהערט.

— איך האָב אַזוי מורא, מדו־ר־אַ־, מאַמע, איך האָב אַזוי מו־רא.

דער פאָטער איז שוין געווען אין דרויסן. ווו צו גיין אים זוכן האָט ער נישט געוווּסט. ביי וועמען קאָן ער דען זיין נאָך עלף ביינאַכט? ווער איז דען איצט נאָך אויף?

מיט דעם שטעקן אין איין האַנט, און אין דער צווייטער די לאָמטערן, איז אים געקומען אַנטקעגן דער וועכטער, און אַז ער האָט דערקענט אין דעם גייער אין דער נאַכט, אַז ס'איז דער חשובער באַלעבאָס און סוחר, האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר אים און געפרעגט:

— האָבן די קינדערלעך אַרויסגעטריבן דעם ווירדיקן הער אַזוי שפּעט ביינאַכט אין גאַס אַריין?

דאָס האָט דער וועכטער געוואָלט זיך ווייצלען מיט אים. ער האָט געוווּסט, אַז ביי פּיליפּסן איז אַלעמאָל אַ פולע שטוב מיט קינדער, איינס קלענער פון ס'אַנדערע. יאָנאַס האָט אים קוים געהערט און גאָרנישט געענטפערט.

ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל ער אים פרעגן אויב ער האָט געזען זיין איידעם. ער האָט עס אפילו געהאַלטן פאַר איבריק, ווייל וואָלט דער איידעם געווען אויף דער גאַס און דער וועכטער וואָלט אים געהאַט געזען, וואָלט ער שוין לאַנג געווען געקומען אַהיים. ער איז אייגנטלעך געווען זיכער, אַז מיט דעם איידעם האָט געטראָפן עפּעס מער ווי גלאַט אַ פאַררעדן זיך אָדער אַ פאַרזיצן ביי אימיצן אין הויז. וואָס דאָס דאָזיקע „מער" איז האָט ער נישט געוווּסט, און ער האָט פאַריאָגט פון זיך יעדן בייזן געדאַנק וואָס האָט גענומען רודערן ביי אים

אין מוח. ער האָט זיך געשטאַרקט, און דאָך אַ פרעג געטון דעם וועכ־טער:

— איר האָט אפשר געזען מיין איידעם, דעם הער נח?

— נישט געזען, ניין, קיינעם נישט געזען. ביי גאָט, קיינעם נישט געזען, הער פיליפּס — האָט דער וועכטער אין שרעק, מען זאָל נישט זאָגן, אַז ער היט נישט גוט, פאַרזיכערט. — קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט געזען. אַלץ שלאָפט, אַלץ רוט, אַלץ איז אין אָרדענונג.

פיליפּס איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן יעדן יידיש הויז, אפשר דאָך, וואָס קאָן מען וויסן, זיצט ער פאָרט ביי אימיצן. ערגעץ־ווו מוז ער דאָך זיין. נאָר אומעטום איז געווען פינצטער.

אַ פּחד איז אים באַפאַלן. ער איז שוין אַזוי לאַנג אין דרויסן. ווער ווייס וואָס עס איז דאָרט מיט דער טאָכטער? און איילנדיק זיך אַהיים, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַז דער איידעם איז אין שטוב. ער זיצט נעבן ציפּורהס בעט.

פינצטערע רינגען האָבן זיך געקוילערט אין דער לופטן ווען ער איז אריין אין שטוב און נישט געפונען דעם איידעם. ער האָט נישט רעכט געזען ציפּורהן און נישט זיין ווייב. ער האָט נאָר געזען אַ פולע שטוב. צי דאָס זענען נאָר זיינע קינדער אָדער אַנדערע זענען אויך דאָ, האָט ער אין אָנפאַנג נישט געקאָנט וויסן. עס איז אים נאָר איינגעפאַלן אַז די וואָך־נאַכט איז אַ מאָדנע. אין דער נאַכט פון ברית דאַרף מען זיין אויף, היטן דאָס קינד, די נישט־גוטע זאָלן אים נישט שעדיקן, און דאָ האָבן נישט־גוטע גאָר אָוועקגעכאַפּט דעם בעל־ברית דעם פאָטער גאָר.

דער סוחר און רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך שוין דערלויבט אַ סך זאַכן, וואָס אין זיין היימיש שטעטל וואָלט ער נישט געטון און וואָס האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די ימען; אַלס יונגער בחור איז ער געפאָרן נאָך לאָנדאָן, קיין אַמעריקע, האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שווערד און ביקס, איז אַלס סאָלדאַט, געגאַנגען אין פייער קעגן די ענגלענדער; ער, דער אומדערשראָקענער, האָט פלוצלינג מורא געקראָגן, אַז די נישט־גוטע האָבן פאַרשלעפּט זיין איידעם.

אין דעם הויז האָט די נאַכט קיינער נישט צוגעטון מיט קיין אויג. עס איז גאָר נישט געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ נאַכט פאַר ברית. אין דער לופטן איז גאָר געהאַנגען אַ טרויער, אַן אבלות, ווי אין אַ שטוב ווו עס ליגט אַ מת, די נאַכט פאַר דער לוויה, די קרובים זענען שוין אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זיי קאָנען מער נישט וויינען. נאָר דער טרויער, דאָס אבילות הענגט איבער דער שטוב, ווי שווערע, שוואַרצע פאָרהאַנגען.

דער ברית איז געווען אָן דעם בעל־ברית. אינדערפרי איז דער יונ־גער פאָטער אויך נישט געקומען און עס איז שוין געווען זיכער, אז ער איז נישטאָ אין שטאָט. גאנץ פילאַדעלפיע האָבן זיי דורכגענישטערט און עס איז נישט געווען צו געפינען דעם מינדסטן שפור.

אוודאי איז די שמחה געווען פארשטערט. אויסער דער שרעק האָט יאָנאַס פיליפּס געשעמט זיך נאָך אויך. וואָלט מען אים געפונען אַ הרוג, חלילה, וואָלט געווען דאָס אומגליק שרעקלעך, אָבער עס וואָלט נישט געווען קיין חרפה. איצט, ווער ווייסט? אפשר איז ער אַנטלאָפן, געלאָזט זיין קינד אויף הפקר און זי, ציפורהן, אַן עגונה? טאָמער פאַלט עמעצן איין אַזאַ געדאַנק איז עס אַ חרפה און אַ בושה, נאָר צו נעמען זיך דאָס לעבן.

דערצו קומט נאָך דער גענעראַל אויך אויפן ברית. וואָס וועט ער אים זאָגן? ער וועט זיך שעמען אים קוקן אין די אויגן — ערב ברית פאַר־שווינדט דער טאַטע!

און נאָך איידער מען איז געגאַנגען אין שול, צום ברית, האָט שוין גאַנץ פילאַדעלפיע גערעדט וועגן דעם משונהדיקן צופאַל; יידן און נישט־יידן, אין די שטובן, אין קראָמען און אויף דער גאַס האָט מען גערעדט דערפון. ביים „דרוקער", וואָס האָט אַרויסגעגעבן די צייטונג — קיינמאָל רוט נישט זיין טיר פון די מענטשן וואָס קומען געוווּיר־ווערן נייעס, נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן ביז פרייטיק ווען די צייטונג וועט אַרויס, איז גאַנץ פרי דעם טאָג געווען פול דאָס הויז. מען איז געקומען הערן דעם דרוקערס מיינונג, וואָס האָט ער צו זאָגן וועגן פאַרשווינדן פון פיליפּסעס איידעם.

אַלערליי מיינונגען און השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. די מערסטע זענען געווען, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אַ דערמאָרדעטער. קיי־נער האָט נישט געבראַכט איבערן מויל, אַז עס קאָן זיין, אַז ער איז אַנט־לאָפן. ס'איז געווען באַקאַנט, אַז דאָס יונגע פּאָר פּאָלק האָט געלעבט זייער גוט. זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט.

— איך וועל עס האָבן אין צייטונג — האָט דער דרוקער געזאָגט — ווייל זינט פילאַדעלפיע עקזיסטירט האָט נאָך נישט פּאַסירט אַזאַ אומ־גליק. די נייעס וועט זיכער ווערן איבערגעדרוקט אין די צייטונגען פון לאַנד און אין אייראָפּע אויך.

**
*

די שול איז געווען געפּאַקט ביים מל זיין. נאָר דאָס וואָלט נאָך נישט געמיינט, אַז ס׳איז געווען אַ זייער גרויסער עולם. ווייל די שול איז געווען אַ קליינע. אַ סך מענטשן זענען אָבער אויך געשטאַנען אין דרויסן און אריינגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון טיר, דורך די פענצטער. קאָפּ אויף קאָפּ זענען זיי געשטאַנען אין די פענצטער. די נייגעריקייט איז געווען אַ טאָפּל־טע: דאָס קינד וועמענס פאָטער איז פאַרשווונדן די נאַכט פאַרן ברית און דער גרויסער גאַסט וואָס איז געקומען, דער גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דער באַפרייער פון לאַנד, דער באַזיגער פון דעם אונטערדריקער איז אינעווייניק אין שול, האָבן אים אַ סך געוואָלט זען, יידן און נישט־יידן.

וואַשינגטאָן איז נישט געקומען אַליין. ראָבערט מאָריס, דער פינאַנץ־מיניסטער פון דער רעוואָלוציע, איז מיטגעקומען, און ער וואָלט געווען גע־קומען אפילו ווען וואַשינגטאָן וואָלט נישט געווען געקומען. ראָבערט מאָ־ריס האָט געהאַט אַ סך יידן פריינט. יאָנאַס פיליפּס איז געווען איינער פון זיי. מיט וואַשינגטאָנען איז אַריינגעקומען אייזיק פראַנקס און זיין שוועסטער רחל סאַלאָמאָן, חיים סאַלאָמאָנס אַלמנה.

פון די יידן זענען אויך געקומען אין שול אַריין כמעט אַלע, אפילו די וואָס ער האָט נישט געבעטן. יעדער האָט דאָך אויך געוואָלט זיין ביי דער מצוה. זענען געקומען די פּאָרטוגעזן, די דייטשן און די יידן פון פּוילן.

ערנסט, מיטן הוט אויפן קאָפּ, איז געשטאַנען וואַשינגטאָן אַביסל אָן אַ זייט, נישט וועלנדיק שטיין צו נאָענט צו דער רעליגיעזער צערע־מאָניע, טאָמער וועט ער, פון אַן אַנדער גלויבן, עפּעס שטערן, און נעבן אים, ראָבערט מאָריס. אָנגעשטרענגנדיק זיך אין גרויס דרך־ארץ צו דער רעליגיעזער צערעמאָניע, האָט דאָס בלוט געזעצט אין פּנים אַריין וואַ־שינגטאָנען און צעגאָסן זיך טיף איבערן האַלדז. ער האָט אָבער אויף אַ מינוט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון פיליפּסן, פון רב. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן אַ האָר פון דער צערעמאָניע, וואָס איז ביי די קריסטן פאַרביטן געוואָרן אויף טויף־וואַסער.

יאָנאַס פיליפּס איז געשטאַנען אָן אַ זייט און מורא געהאַט אויפצו־הויבן די אויגן, כאָטש וואַשינגטאָן האָט זיי געזוכט, האָט אים געוואָלט מיט אַ בליק באַרואיקן אין זיין אומגליק.

וואַשינגטאָן האָט שוין געוווסט וועגן דעם אומגליק. ער האָט גוט גע־קענט דעם פאַרשווונדענעם עמנואל נח, וואָס איז געווען אַ סאָלדאַט אין

זיין אַרמיי, פאַר אַ גוטן זעלנער און אַ פּאַטריאָט, וואָס האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אוועקגעגעבן דער רעוואָלוציע, איז וואַשינגטאָן געווען זיכער, אַז עס האָט געטראָפן מיט אים אַן אומגליק, ער ליגט ערגעץ־ווו אַ דער־מאָרדעטער.

ווייסנדיק דאָס האָט וואַשינגטאָן גאָר נישט אויסגערעדט קיין וואָרט וועגן דעם אין די פּאָר מינוט, וואָס ער איז געווען אין שול, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ברית; זייענדיק זיין פאַראומערט פּנים האָט ער אים מיט אַ בליק געוואָלט אויסדריקן מיטגעפיל, און ער האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט ווען ער וועט אים קאָנען אויסרעדן זיין זאָרג מיט רייד.

דער זיידע האָט דאָ פאַרטראָטן דעם פאָטער, און דער רב, ר׳ גרשון סעישעס, וואָס איז געווען דער מוהל, האָט נישט אַריינגעקוקט דעם זיידן אין פּנים אַריין, ווי עס איז דער שטייגער ביים פרעגן אים דעם נאָמען פאַרן קינד.

— מרדכי־עמנואל — האָט געזאָגט דער זיידע הויך און זיין שטים איז דווקא געווען פעסט און קלאָר.

דער רב האָט אַ ווייַלע זיך געוווּנדערט. עמנואל איז דאָך דער נאָמען פון פאָטער פון קינד. ווי קומט ער היינט געבן דעם קינד דעם נאָמען פון פאָטער? ער האָט זיך אָבער צוגעאײַלט און געזאָגט הויך מיט אַ ניגון:

— ויקרא שמו בישראל, און זיין נאָמען זאָל גערופן ווערן אין יש־ראל, מרדכי־עמנואל.

ביים זאָגן מזל־טוב איז וואַשינגטאָן צוגעגאַנגען צו פיליפּסן, אַנגע־נומען זיין האַנט, וואַרעם געדריקט, און אום צו באַרואיקן אים האָט ער אים גערופן ביים ערשטן נאָמען אַליין, ווי אין די צייטן פון דער מלחמה.

— דזשאָנאָס, מיינע האַרציקסטע קאָנגראַטולאַציעס, און קאָמיר האָפן, אַז זיין בראַווער פאָטער וועט קומען צוריק געזונטערהייט.

נישט גרינג איז אָנגעקומען דעם געוועזענעם סאָלדאַט, יאָנאָס פיליפּס, צוריקצוהאַלטן די טרערן וואָס זענען געלאָפן אין דער קעל אַריין. ער האָט זיך באַהערשט און מיט אַ רואיק קול געזאָגט:

— אַ דאַנק, גענעראַל, אַ גרויסן דאַנק.

וואַשינגטאָן איז מיטגעגאַנגען מיט אַנדערע געסט צו פיליפּסן צו דער סעודה און ער האָט געהאַלטן פיליפּסן נעבן זיך. אויפן וועג, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט נייגעריקע, האָט ער גערעדט צו פיליפּסן וועגן חיים סאַלאָמאָנען, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געהאַט געשטאָרבן.

— דזשאָנאָס — האָט געזאָגט וואַשינגטאָן — ס'איז געווען פאַר מיר אַ שווערער קלאַפּ, ווען איך האָב געהערט, אַז אונדזער „בראָקער" חיים סאַלאָמאָן איז געשטאָרבן. אַזוי יונג איז ער געווען. קיין צווייפל, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר אונדזער באַפרייאונג. אין ניו־יאָרקער גע־פענגעניש האָבן זיי אים קראַנק געמאַכט.

— מיר פעלט ער גאָר — האָט זיך אָנגערופן ראָבערט מאָריס. — אָן אים בין איך ווי אָן אַ האַנט. איצט, אַז איך ברויך געלט, טאַפּ איך אַ וואַנט. ווען סאַלאָמאַן האָט געלעבט, האָב איך אים נאָר געדאַרפט געבן אַ ווונק, איז געוואָרן געלט. ער האָט נישט געפרעגט קיין פראַגעס, נאָר איין וואָרט: וויפיל?

— נישטאָ קיין סך אַזעלכע ווי מיין שוואָגער איז געווען — האָט געזאָגט מיט ווייטיק אייזיק פרענקס, חיים סאַלאַמאָנס שוואָגער.

אין שטוב איז וואַשינגטאָן צוגעגאַנגען זאָגן מזל־טוב ציפּורהן, וואָס איז געלעגן אין אַ בלוזקע מיט ווייסע שפּיצן אויף בלאַנק־ווייס בעט־געוואַנט, אָבער ווייסער פון דעם אַלעם איז געווען איר פּנים און עס איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי טרויעריק.

— ציפּורה, איך בין געווען אויף דיין חתונה. איצט בין איך ביי דיין זונס ברית. איך וועל נאָך זיין אויף זיין חתונה.

שטיל, קוים וואָס מען האָט זי געהערט, האָט זי געשעפּטשעט:

— אַ גרויסן דאַנק, גענעראַל... זיין זאָל אויך זיין פאָטער.

— יאָ, מיין קינד, ער וועט זיין.

אויף דער סעודה האָט וואַשינגטאָן געהאַלטן אַ קורצע רעדע וועגן פרייהייט און ער האָט זיך געווענדט צו פיליפּסן:

— דזשאָנאָס, איך האָב נישט פאַרגעסן די בקשה, וואָס מיר האָבן געקראָגן אונטערגעשריבן פון אייך, פון אונדזער אַלעמענס פריינט חיים סאַלאָמאָן, אַז יידן זאָלן נישט מוזן שווערן ביי אַן אַנדער רעליגיע, ביי אַ קריסטלעך הייליק בוך. ביי מיר איז נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז איר זייט גערעכט און איך בין זיכער, אַז אין דער נייער וועלט, די ערשט באַפרייטע וועלט, וועלן די מענטשן זיין אויף אַן אמת גלייך. אין די טעג, ווען דאָס קינד מרדכי עמנואל נח, וואָס איז היינט איינגעפירט געוואָרן אין בונד פון אברהם, אייער און אונדזער פאָטער, וועט זיין גרויס, אַ מאַן, וועט שוין הערשן גלייכהייט, ווי וואָר אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך, און פרייהייט וועט זיין פאַר אַלע גלויבנס.

דער דאָזיקער ווונטש איז אָבער נישט געוואָרן פאַרווירקלעכט.

ווען דאָס קינד מרדכי עמנואל איז געוואָרן גרויס, ווען ער איז אויפ־

געוואַקסן, האָט נאָך נישט געהערשט קיין גלייכהייט און נישט אַלע גלויבנס האָבן געהאַט די זעלבע פרייהייט. ער האָט געליטן פאַר זיין יידישקייט און ער האָט געפירט אַן אומדערשראָקענעם קאַמף פאַר גלייכקייט, פאַר פרייהייט.

***

באַלד נאָכן ברית האָט יאָנאַס פיליפס צעשיקט בריוו צו אַלע יידישע געמיינדעס און זיי אַנגעפרעגט אויף זיין איידעם. ער האָט אויך געשריבן צו צייטונגען אין פאַרשידענע שטעט, אָנגעבנדיק זיינע סימנים. קיין שום ידיעה וועגן אים איז נישט געקומען.

ציפורה האָט מערסטנס געשוויגן. זי איז אַלץ געווען מוראדיק בלאַס, ווייס ווי קרייד, און פון אירע אויגן האָט ארויסגעקוקט אַ שטילער טרויער. נאָר רבקה, איר מוטער, וואָס האָט דאָך אויך געזויגן אַ קינד, איז איינס און צוויי געוואָרן אַ באָבע. די עלטער האָט זיך אויף איר אָנגעגעטון. מיטאַמאָל האָבן זיך אויסגעשניטן אַזעלכע טיפע ווינקלען ביי איר מויל און עס איז שוין געווען שווער צו גלויבן, אַז דאָס פאַרזאָרגטע צעקנייטשטע פנים האָט נאָך נישט אָפּגעציילט קיין גאַנצע פערציק יאָר.

אויף יאָנאַסן איז די זאָרג אויך געלעגן ווי שווערע מילשטיינער און מער ווי איינמאָל האָט ער אַן ווערטער, נאָר אויפן ווונק זיך דורכגערעדט מיטן ווייב:

— וויי, וויי, אַן עגונה!

אַזוי אַ חדשים זעקס. און פלוצים האָט ער זיך אריינגעשטעלט אין שטוב, דער פאַרשוווּנדענער עמנואל נח. אַ פאַרטראַכטער, אַן איבערגעשראָקענער, אַן איבערבלייבעניש פון יענער שרעק פון דעם געבורט פון זיין קינד, איז נאָך געווען קענטיק אויף אים, איז ער אריינגעקומען. זיין הויכע פיגור אַביסל געבויגן, די ברייטע פלייצעס אראָפּהענגענדיק, צוגעגאַנגען צו ציפורהן און טרויעריק איר געקוקט אין די אויגן.

זי האָט לייכט אַ געשריי־געטון, און צום ערשטן מאָל אין אַ חדשים זעקס איז אַ בלוט־טראָפּן איר אריין אין פנים, ארומגעלאָפן איבערן פנים — פונקט ווי דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן לויפן.

זי האָט אים גאָרנישט געפרעגט, נאָר ער האָט איר אַליין געזאָגט:

— איך האָב מורא געהאַט, ציפורה, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. נאָר ווי ס'קינד איז געבוירן געוואָרן, איז מיך באַפאַלן אַן אימה.

די נאַכט פאַרן ברית האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן מער. עס האָט מיך געגעבן אַ הויב און אַוועקגעטראָגן.

יאָנאַס פיליפס איז געווען גרייט צו צערייסן דעם איידעם. ער האָט אים געוואָלט אַרויסיאָגן, נאָר ווען ער האָט דערזען ווי די פרייד שפּילט זיך אין ציפּורהס פּנים, האָט ער געשוויגן, נישט געפרעגט דעם איידעם אפילו פאַרוואָס ער איז אַוועק, ווו ער איז געווען.

— פאַרגעסן ווי אַ בייזן חלום, — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

— אַזוי האָב איך דיך ליב, יאָנאַס מיין טייערער — האָט געזאָגט רבקה. — פאַרגעסן און מער זאָל דאָס בייז זיך נישט אומקערן.

אבערגלויביקע מענטשן וואָלטן געשווירן, אַז עמיצער האָט דעם עמנואל נח אָפּגעטון אַ כישוף. ווייל ער איז אין ווייניקער ווי אין אַ יאָר אַרום ווידער פאַרשוווּנדן.

ציפּורה איז פאַרגאַנגען אינגיכן אין טראָגן, און דער מאַן, האָט איר אָפּגעבלאָזן די טריט. אָבער ווי נאָר עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד — ווידער אַ ייִנגל — איז ער ווידער פאַרשוווּנדן און ווידער די נאַכט פאַרן ברית.

איצט איז שוין קיינעם נישט באַפאַלן אַזאַ שרעק. מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ביי אים אַזאַ געוווינהייט, אָדער, ווי אַנדערע האָבן געזאָגט — אַ כישוף.

ציפּורה איז ווייטער געוואָרן בלאַס, ווייס ווי קרייד. זי איז אויסגע־גאַנגען פאַר בענקשאַפט און זי האָט זיך דערוואַרט אויף אים. אומגעפער אין אַ פינף־זעקס מאָנאַטן אַרום נאָכן געבורט פון צווייטן קינד איז ער ווידער געקומען צוריק און ציפּורה האָט אים ווידער צוריקגענומען. ווי אַ מאַמע נעמט־צו איר קינד, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן און צוריק געפונען געוואָרן.

די קינדער, דעם בכור, און דעם צווייטן, האָט ער ליב געהאַט ווי די אויגן אין קאָפּ. ער האָט זיך מער געשפּילט מיט זיי ווי יאָנאַס מיט זיינע קינדער. אָבער דאָס איז געווען ערשט, ווען די קינדער זענען שוין געווען אַלט כאָטש אַ האַלב יאָר. ווען זיי זענען געבוירן געוואָרן, האָט ער, נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, נישט געקאָנט איינזיצן אין דער היים. עס האָט אים אַוועקגעטראָגן אַ געהיימע שרעק.

דאָס צווייטע מאָל פאַרשווינדן ווערן איז נישט געווען זיין לעצט מאָל. ער איז צוריקגעקומען, ווי עס איז אויבן דערציילט געוואָרן און עס האָט געדויערט אַביסל לענגער, ביז ציפּורה איז פאַרגאַנגען אין טראָגן.

און ווען דאָס דריטע קינד איז געבוירן געוואָרן, אַ מיידל, האָט ער זיך גאָר נישט אַנדערש אויפגעפירט. מען האָט געמיינט, אַז אפשר וואַרפט־אָן אויף אים דאָס מל־זיין אַזאַ שרעק. נאָר דאָס איז, זעט־אויס, נישט געווען די אמתע סיבה פון זיין שרעק. ווייל מיט דעם געבורט פונעם מיידל איז געקומען אויף אים די זעלבע שרעק. ער האָט איר אפילו נאָך געגעבן אַ נאָמען — יהודית. דאָס איז געווען דעם צווייטן טאָג נאָך איר געבוירן, נאָר מער ווי נאָך אַ פּאָר טעג האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און איז ווידער פאַרשוואונדן.

נאָר דאָס מאָל, ווען צפורה, כּאָטש זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, בענקנדיק נאָך אים, איז געווען זיכער, אַז שפּעטסטנס אין אַ האַלב יאָר, ווי אין די פריערדיקע צוויי מאָל, וועט ער קומען צוריק, איז ער שוין נישט געקומען צוריק, ווי אין וואַסער אַריין.

צפורה איז געוואָרן בלאַסער פון טאָג צו טאָג, ווייס ווי קרייד. גע־רעדט האָט זי קוים וואָס מען האָט זי געהערט. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ שטילער טרויער. דער טרויער אירער האָט געקוקט אויף אַלע וועגן: אויף וואַסער, אויף יבשה, אויף די פליגלען פון ווינט: צי זעט מען נישט אָנקומען אים?

***

אַ יאָר פיר איז אַלט געווען מרדכי עמנואל, ווען זיין פאָטער איז פאַרשוואונדן צום לעצטן מאָל. דעמאָלט, ווען זיין מאַמע האָט אים געשאָנ־קען אַ קליין שוועסטערל, און ער האָט זיך אַזוי געפרייט מיט איר, האָט ער אויפגעהערט צו זען זיין פאָטער.

דאָס יינגל, וואָס האָט אויסגעזען נאָכאַמאָל אַזוי אַלט — אַזוי גרויס איז ער אויסגעוואַקסן — האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז עפּעס טויג דאָ נישט, כּאָטש קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט.

אין הויז איז נישט איבערגערעדט געוואָרן קיין וואָרט וועגן זיין פאַרשווינדן. נישט צפורה האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ווייל טאָמער וועט אימיצער זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ בייז וואָרט וועגן אים, און פאָטער־מור־טער האָבן גאָרנישט געוואָלט זאָגן, איר נישט ווי צו טון.

זיי זענען נאָר געוואָרן פּלוצים שטיל ווען זיי האָבן דערזען, אַז ער איז נישטאָ. געטון אַלץ שווייגנדיק.

מרדכי־עמנואל — די מוטער האָט אים גערופן מעני — האָט דער־פילט, אַז עפּעס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, און עס האָט זיך ביי

אים אַרויסגעריסן, ער האָט אפילו נישט געוווּסט ווי אַזוי, אַ שווערער זיפץ.

— מעני, גוט קינד מיינס — האָט די מוטער אַריינגערעדט אין אים ווען זי האָט אים אַ כאַפּ געטון אויף זיך און שיעור נישט אומגעפאַלן, ווייל ער איז געווען צו שווער פאַר איר. — וואָס זיפצסטו אַזוי? אַ שטיק הארץ האָסטו מיר אָפּגעריסן. נאַ, קוק — האָט זי אים געוויזן אויפן מיידעלע — האָסט אַ שיין שוועסטערל. האָב זי ליב. זי האָט דיך ליב.

זי האָט זיך באמית צו זיין פריילעך. דאָס פיר־יעריקע ייִנגל האָט אָבער געשפּירט טרויער אין אירע רייד. האָט ער אויפגעהויבן זיינע גרויסע, אומעטיקע אויגן אויף איר און זיך באַגעגנט מיט דעם טרויער אין אירע אויגן, האָט ער איינגענורעט ס׳פּנים אין איר אַקסל און ווידער האָט ער געגעבן אַ זיפץ.

ווי אין חלום האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שוין לאַנג־לאַנג, אַמאָל־אַמאָל איז דאָס געווען, האָט דער טאַטע אויפגעהערט צו קומען אַהיים. ער איז דאָך אָבער יאָ געקומען אַהיים, אַזוי לאַנג געווען אין דער היים, שטענדיק, אייביק. און איצט איז ער נישט געקומען. נישט נעבכן, נישט היינט.

צי ער האָט עס טאַקע געדענקט אָדער ער האָט אויפגעכאַפּט אַ וואָרט צווישן זיינע פעטערס און מומעס, אָדער גאָר די שרעק פון פאַרטערס פּלוצים פאַרשווינדן ווערן האָט אים אַזוי איבערגעשראָקן, אַז עס איז שוין אַמאָל געווען אַזעלכעס, דאָס איז אוממעגלעך צו זאָגן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ס׳איז שלעכט. אַ שלעכטע זאַך איז געשען מיט זיין פאָטער. איצט איז שלעכט זיין מאַמען, דער שוועסטערל, זיין ברודערל, און אים איז אויך שלעכט, האָט ער פאַרשטאַנען. זיי גייען אַרום טרויעריק. נפתלין און אַהרנען, די יונגע פעטערס זייערע, איז אויך שלעכט. זיי זענען בייז.

שטאַרק אויסגעפעלט האָט אים נישט דער פאָטער. ער פלעגט אים שטאַרק ליב האָבן, זיך שפּילן מיט אים אויך. פונדעסטוועגן איז ער מער געווען דעם זיידעס קינד. אין שול אַריין פלעגט ער אַלעמאָל גיין מיט דעם זיידן. דער זיידע פלעגט אים אויך נעמען אַמאָל שפּאַצירן גיין. דער זיידע האָט אים אפילו מיטגענומען קיין ניו־יאָרק צו וואַשינגטאָנס איינשווערונג אַלס פּרעזידענט. ס׳איז ביי אים נאָך געווען אַזוי פריש. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז עס געווען. יאָנאָס פיליפּס איז געפאָרן קיין ניו־יאָרק צו וואַשינגטאָנס אינאַגוראַציע, האָט ער מיטגענומען זיין זון נפתלין, דעם פּופּצן יאָריקן בחור. וואָס האָט געשריבן מעשהס און גע־

וואָלט ווערן אַ גרויסער שרייבער, און זיין אייניקל. און טאַקע צו דעם אייניקל האָט ער געזאָגט:

—מרדכי, ליב קינד מיינס, דער גענעראַל איז געווען אויף דיין מאַמעס חתונה; ער איז געווען אויף דיין סעודה; איצט, אַז ער איז געוואָרן פּרעזידענט, מיר האָבן דערלעבט צו האָבן אונדזער פּרעזידענט, וויל איך, אַז דו זאָלסט זען ווי ער שווערט, דו זאָלסט דאָס געדענקען דיין גאַנץ לעבן. עס וועט דיר צונוצקומען.

דאָס יינגעלע, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען די פולע פיר יאָר, האָט נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דער זיידע האָט אים געזאָגט, כאָטש ער האָט געוווסט אַ סך זאַכן, פיל מער ווי אַנדערע צען־יעריקע יינגלעך. די מוטער, אירע ברידער, נפתלי, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ שרייבער, און דער דרייצן־יעריקער אהרן, וואָס האָט געקאָנט אַלעמען נאָכמאַכן און האָט געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר — זיי, אַביסל דער פאָטער אויך, אָבער דער עיקר דער זיידע, האָבן אַזוי פיל גערעדט צו אים, דערציילט אַזוי פיל, אַז ער האָט געוווסט אַ סך, אַ סך זאַכן.

די באָבע רבקה, וואָס האָט שוין איצט געהאַט צוגעלייגט יאָנאַסן נייע צוויי קינדער, — איין און צוואַנציק קינדער, חוץ די אייניקלעך, האָבן זיך געפונען אין פיליפסעס הויז אויף דער צווייטער גאַס; זי, כאָטש זי האָט, דאַכט זיך, נישט געהאַט קיין רגע צייט — גיי זיי אַ מאַמע פון איין און צוואַנציק קינדער און נאָך אַ באָבע פון אַ פּאָר אייניקלעך — האָט פונדעסטוועגן אויך דערציילט אַ סך זאַכן איר עלטסט אייניקל. זי האָט אים, מען האָט נישט געוווסט ווען, ווו, געוויזן אַן אַלף, אַ בית, זי האָט מיט אים געמאַכט אַ ברכה, אפילו אים אויסגעלערנט לשון־קודש־דיקע ווערטער, אַז „לחם" איז ברויט און „חלב" איז מילך; „יד" איז אַ האַנט און „ראש" איז אַ קאָפּ. און אַז יידן האָבן געהאַט אַ דוד המלך, אַ שלמה המלך און אַ בית המקדש אין ירושלים, און די רשעים זענען געקומען און פאַרוויסט דאָס בית המקדש און פאַרברענט ירושלים; און אַז יידן וואַרטן אויף משיחן. ווען משיח וועט קומען וועלן אַלע יידן צוריק אויפבויען דאָס בית המקדש און איינגעמען ירושלים — אַזוי פיל שיינע זאַכן האָט די באָבע דערציילט דעם אייניקל.

די באָבע האָט פּרובירט אָפּריידן דעם זיידן פון מיטנעמען די קינדער. דער עיקר האָט זי מורא געהאַט פאַר דעם אייניקלס מיטפאָרן.

— יאָנאַס — האָט זי זיך אָנגערופן. — ס'קאָן זיך נאָך מאַכן אַ פראָסט, אפשר וואָלסטו נישט איינגעשטעלט חלילה, די קינדער. דערצו נאָך מרדכילען?

— זאָרג זיך נישט רבקהכען — האָט ער זי באַרואיקט. — ביי יידן יאָגט מען אָן צוצוגעוווינען קינדער צו מצוות. איך וויל די קינדער צו־געוווינען צו זיין גוטע בירגער, זיי זאָלן זיין געטרייע בירגער, און, הערסטו, זיי זאָלן וויסן ווי צו באַשיצן זייערע רעכט ווי בירגער. אַ ייד דאַרף דאָס גאָר שטאַרק אין זינען האָבן, מיין ווייבכען. עס איז נישט אַזוי גרינג.

דער זיידע האָט אים מיטגענומען קיין ניו־יאָרק. דאָרט האָט ער געזען אַזויפיל מענטשן אויף אַמאָל; דעם פּרעזידענט, וואָס האָט אים גע־גלעט. האָט אים דער פּאָטער נישט שטאַרק געפעלט. דער זיידע איז דאָך דאָ. עס איז אים אָבער פאַרט געווען אַ שאָד, וואָס דער פּאָטער איז נישטאָ. געווען און איז נישטאָ — אַ פאַרדראָס. נאָך מער האָט ער געפילט, אַז עס איז שלעכט זעענדיק זיין מוטערס טרויער. ס'מוז זיין זייער, זייער שלעכט, אַז די מוטער זיינע איז אַזוי טרויעריק.

ווי אַ באַרג שטיינער, גרויסע, ריזיקע שטיינער, איז געלעגן אויף אים זיין פּאָטערס פאַרשווינדן. אויף אַ מינוט איז עס אים נישט אַרויס פון קאָפּ. נאָר גערעדט דערפון האָט ער נישט. ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן, ער האָט נישט געוווסט ווי מען מעג פרעגן.

איינמאָל האָט ער יאָ געפרעגט, און עס האָט אים שטאַרק באַנג געטון וואָס ער האָט עס געטון. ער איז דעמאָלט נאָך נישט געווען קיין גאַנצע פינף יאָר אַלט. ער האָט שוין אָבער — ווי אַ קינד, וואָס זיין מאַ־מע איז אַן עגונה און דער זיידע האַלט אים אונטער זיינע פליגל — פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט נישט געטאָרט פרעגן, און טעג דערנאָך איז דאָס נאָך נישט פינף־יאָריק יינגעלע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצאָגטער, פול מיט חרטה, וואָס ער האָט אַזוי וויי געטון זיין מוטער.

ער וואָלט מסתמא דאָס מאָל אויך נישט געווען געפרעגט, ווען נישט אַ יינגל אין שול.

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג שבועות. מרדכי איז געזעסן אויף זיין זיידעס „שטאָט“, אויף דער מזרח־וואַנט. דער זיידע, יאַנאָס, ווי דער פרנס פון דער געמיינדע, איז געזעסן אויפן פרנס־שטול, אויף דער פּלאַט־פאָרם, נעבן ארון־קודש. די פעטערס, נפתלי און אהרן, דער איינער, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ שרייבער און דער צווייטער אַן אַקטיאָר, האָבן אַרויפגעזעצט זייער פּלימעניקל, מרדכי, אויף זייער פאָטערס „שטאָט“. זיי זענען געשטאַנען דערנעבן.

דער קליינער מרדכי האָט שוין געשמט אין פילאַדעלפיע מיט זיין גוט קעפל. געדאַוונט האָט ער שוין ווי אַ גרויסער און זיין ענגליש האָבן

געלויבט יאַנאַסעס באַקאַנטע רעגירונגלייט. אָבער דאָס איז נאָך געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט זיין ווונדערלעך קענטשאַפט פון רעכענען. די שווערסטע רעכענונגען האָט ער געמאַכט איינס־און־צוויי, און אַלץ אויפן קאָפּ. אויך אויף פּאַפּיר האָט ער געקאָנט רעכענען גוט און געשווינד.

— אַ ווונדער אַזאַ. געבוירן אַזוי.

— שווער צו געפינען אַ פּראָפעסאָר, וואָס זאָל עס מאַכן אַזוי געשווינד ווי דאָס יינגל.

— ער וועט זיין אַ גאון.

— ער וועט ערשט זיין? ער איז שוין.

אַזוי האָט מען גערעדט וועגן פּיליפּסעס אייניקל.

אַ ייד האָט זיך שטיל אַ זאָג געטון:

— ער וועט קענען זיין אַ מיניסטער, אויב מען וועט נאָר לאָזן אַ ייד זיין אַ מיניסטער.

— פריער וועט מוזן קומען משיח — האָט ער געקראָגן אָפּגעהאַקט פון עמיצן.

יאַנאַס האָט עס געהערט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מירן אים ברענגען. מען וועט מוזן לאָזן אַ ייד זיין אַ מיניסטער. מיר האָבן באַזיגט דעם ענגלישן רשע און באַפרייט דאָס לאַנד, וועלן מיר ווייטער קעמפן. מיר וועלן באַזיגן די היגע רשעים, וואָס זענען קעגן יידן.

און אַזוי איז מרדכי, ווען דער פאָטער האָט אַזוי פאַרשעמט און איבערגעלאָזט זיין מוטער אַן עגונה, געווען אַ ליבלינג ביי יידן און אויך ביי פיל נישט־יידן.

די אַנדערע יינגלעך אין זיין עלטער און עלטערע אויך, וואָס האָבן געהערט ווי אַלע ליבן אים, און די טאַטעס זייערע האָבן דערצו נאָך אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוסטער, האָבן אים נישט פאַרגונען וואָס אַלע ריידן צו אים, וואָס נאָר אים האָט יעדער עפּעס צו פרעגן, און וואָס ער ענטפערט אַזעלכע זאַכן וואָס זיי פאַרשטייען גאָר נישט.

איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס זיין זיידע זיצט גאָר לעבן אָרון קודש. נאָר ער און דער רב, וואָס לערנט מיט אַלעמען, זיצן דאָרט אויבן, און אַז עס איז געקומען צום לייענען איז ווידער זיין זיידע געגאַנגען צום באַלעמער און ער שטייט אויבן און ווער עס גייט אַרויף גיט אים די

האנט ביים אוועקגיין. אזא גרויסער מאן איז זיין זיידע. און ער אליין זיצט אויך אויף א שטאט אויבן־אן.

דאס האט צערייצט א סך יינגלעך. און איין יינגל, וואס איז גע־שטאנען לעבן זיין פאטער א פאר בענק נידעריקער, האט אנגעהויבן קוקן אויף אים בייז, ארויסגעשטעלט אויף אים די צונג און מרדכי האט אוועק־געדרייט דאס קעפל.

שפעטער איז דאס יינגל צוגעלאפן צו אים, ווען ער איז פארביי־געגאנגען און האט אים אריינגעשריגן אין פנים אריין:

— איך האב א טאטע! דו האסט נישט קיין טאטע!

דאס יינגל האט געכאפט א פייערדיקן פאטש פון זיין פאטער.

— נאדיר פאר האבן א גרויס מויל — האט דער ייד געזאגט.

און ווי באליידיקט און דערשראקן מרדכי איז געווען, האט ער דאך א קוק געטון אין דעם יידס פנים אריין און ער האט געזען ווי ער איז שטארק רויט.

אויפן וועג אהיים האט ער גארנישט גערעדט נישט צום זיידן און נישט צו די פעטערס זיינע, געגאנגען און געשוויגן, געקוקט און גאר־נישט געזען מיט זיינע גרויסע אויגן, וואס זענען געווען מאט פון טיפן טרויער.

ער האט זיך געזעצט צום טיש מיט אלעמען, האט אבער נישט גע־קענט עסן, געצווינגען זיך צו נעמען די מאכלים אין מויל אריין, אבער עס איז נישט געגאנגען.

מען האט שוין באמערקט, אז ער עסט נישט און די מוטער, דער זיידע, די באבע, די פעטערס אויך, האבן אים געפרעגט פארוואס ער עסט נישט, צי עס טוט אים עפעס וויי. ער האט נישט וויסנדיק אריינ־גענומען די אונטערשטע ליפ צווישן די ציין, אריינגעביסן און ארויסגע־רעדט:

— איך... עס... יא.

מען האט אים שוין געטאפט דעם שטערן, צי האט ער נישט היץ.

האט ער געדרייט מיטן קעפל, געצווינגען זיך צו שמייכלען און געזאגט:

— עס טוט מיר גארנישט וויי.

ער האט נאך אלץ געשמייכלט און ער האט זיך דערשראקן ווען ער האט אפגעזיפצט.

יאנאס האט א קוק געטון אויפן ווייב. גערעדט האט ער גארנישט, נאר זיין קוק האט געזאגט: ער קרעכצט ווי א גרויסער.

זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט. נישט געפרעגט מער. האָבן אים נישט געוואָלט צערייצן נאָך מער.

נאָכן עסן האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער שוועל פון הויז און געקוקט אַ פּאַראומערטער. ער האָט זיך נישט געשפּילט מיט די חברים. אַפילו צו די פּעטערס איז ער נישט צוגעגאַנגען. דאָס אויסגעפּוצטע הויז מיט דעם גרינס אין די פענצטער האָט אים נישט פאַראינטערעסירט. ער איז געזעסן אַליין און געטראַכט.

ערשט אין אָוונט, ער איז שוין געווען גרייט צו גיין זיך ליינן. די מוטער האָט זיך געפּאָרעט מיט זיין שוועסטערל און ער האָט זיך אָנ־געהויבן אויסטון, האָט ער פּלוצים, נישט קוקנדיק צו דער מוטער, אַ פרעג געטון:

— איך האָב אַ טאַטע?

ציפּורה איז געווען אַריבערגעבויגן איבערן וויגל. און ווי מען וואָלט איר פּלוצים דערלאַנגט מיט אַ בייטש איבערן פּנים האָט עס זי געגעבן אַ שטויס. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון וויגל און געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, איינגעקאַרטשעט, די עלנבויגנס אויסגעשטעלט ווי צו שיצן זיך פון די שמיץ פון דער בייטש.

אַ ווילד איבערגעשראָקענע האָט זי געקוקט אויף דעם קליינעם מרדכין, וואָס איז געשטאַנען אַ האַלב־אויסגעטוענער און געוואַרט.

ווען זי האָט געהאַט גובר געווען איר צעטומלטקייט אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט שוין געקאָנט עפענען דאָס מויל, האָט זי פון ווייטנס נאָך אַ זאָג געטון:

— וואָס פרעגסטו אַזאַ פראַגע, מעני?

זי האָט אים גערופן מיט דעם זעלבן נאָמען וואָס זי פלעגט רופן איר מאַן.

איר צעטומלטקייט איז אָבער געוואָרן נאָך גרעסער ווען זי האָט דערזען איר קינדס פּנים. עס איז געווען אַזוי פאַרצערט, אַזוי פאַראור־מערט, אַז עס האָט זי נאָך מער צעבראָכן ווי זיינע רייד.

איז זי צוגעלאָפן צו אים, אַריינגעכאַפּט אים איןביידע הענט, און ווען ער האָט זיך איינגענורעט אין איר האָט זי גערעדט אַזוי, אַז ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי ריידן. נישט געוויינט, נישט געשריגן, אָבער אַנדערש ווי אַלעמאָל.

— מעני, דו האָסט אַ טאַטן, ער זאָל אונדז לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר. אוודאי האָסטו אַ טאַטן.

— פאַרוואָס קומט ער נישט? — האָט ער גערעדט פאַרשטיקט ניט

ארויסנעמענדיק דאָס פּנים פון זיין איינגענורעטקייט אין דער מוטער.

אַן אייזערנעם כּח האָט ציפּורה זיך געמוזט אָנטון נישט צו שרייען. די געשרייען האָבן זיך געריסן פון איר האַלדז. דאָס מויל אירס איז שוין געשטאַנען אָפן. די קולות האָבן זיך שוין גענומען ארויסקייקלען, אָבער זי האָט פאַרהאַקט דאָס מויל. אין מוח האָט ביי איר אָפּגעקלונגען פון דעם קלאַפּ פון די ציין.

זי האָט אים געגלעט, אין איילעניש געגלעט, ווי זי וואָלט עפּעס נישט געהאַט קיין צייט. אירע הענט האָבן זיך פלינק געגליטשט איבער זיין קעפּל, איבערן רוקן, געדריקט צו זיך און געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן:

— דער טאַטע וועט קומען, דער טאַטע וועט קומען.

צו אים און מסתמא אויך צו זיך אַליין האָט זי גערעדט:

— ער איז שוין געווען אַוועק און ער איז געקומען. ער וועט ווידער קומען. ער וועט קומען. דער טאַטע וועט קומען.

אַ סך מאָל האָט זי אַזוי איבערגעזאָגט די ווערטער: „ער וועט קומען". אָבער מרדכין איז נישט געוואָרן גרינגער. אַ טרוקנקייט איז אים געשטאַנען אין די אויגן, אין מויל, אין דער קעל. עס איז אים געוואָרן הייל ביים האַרצן און עס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק דאַרשטן. און ער האָט שוין געשוויגן. ער האָט איר אויך נישט געגעבן קיין ענטפער אויף דער פראַגע ווי ער קומט צו פרעגן צי ער האָט אַ טאַטן.

***

אַ זעקס־זיבן חדשים נאָך זיין לעצטן פאַרשווינדן, אומגעפער אַזוי פיל צייט וויפיל עס האָט געדויערט דאָס ערשטע מאָל און דאָס צווייטע מאָל פון זיין אַנטלויפן ביזן צוריקקומען, האָט ציפּורה געוואַרט געדולדיק אויף איר מאַן.

זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים פון ערשטן טאָג פון זיין פאַרשווינדן אָן; אַ האַלב לעבן וואָלט זי יעדן טאָג אַוועקגעגעבן צו געפינען אים, צו קאָנען אים גלייך האָבן צוריק.

נאָר אַזוי ווי זי האָט געוווסט, אַז צוויי מאָל איז ער פאַרשוווּנדן געווען פריער, באַלד נאָך דעם געבורט פון זיינע קינדער, און ער איז צוריקגעקומען, וועט ער איצט, צום דריטן מאָל אויך קומען צוריק.

זי האָט אָן אויפהער זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו וויסן וואָס עס קאָן זיין די אורזאַך פון זיין פאַרשווינדן באַלד נאָך אַ קינדס געבורט. זי האָט

געקלערט, אַז עס איז אַ כּישוף אָדער גאָר דער ווילן פון גאָט; מען פאַר־טרייבט אים פון איר יעדעס מאָל ווען זי האָט אַ קינד.

רעדן וועגן דעם האָט זי פונדעסטוועגן נישט געוואָלט. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען, האָט זי נישט געוואָלט מען זאָל רעדן וועגן אים נישט קיין גוטע רייד.

ווען עס איז אָנגעקומען די צייט ווען זי האָט דערוואַרט זיין קומען, לויט די פריערדיקע צוויי פאַלן, איז זי געוואָרן נייגעריק אומרואיק.

עטלעכע וואָכן זענען אַריבער איבער דעם דערוואַרטעטן טערמין, און עמנואל נח איז נישט געקומען צוריק, ער האָט זיך נישט געוויזן, קיין שום צייכן איז נישט געווען פון אים. האָט זי שוין נישט נאָר געבענקט, נאָר זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן; די מורא פון די טעג פון זיין ערשטן פאַרשווינדן וועלן האָט ווידער אָנגעהויבן זיך שפּרייטן אין איר האַרץ.

פון וואָך צו וואָך וואָס ער איז נישט געקומען האָט די דאָזיקע מורא געשטיגן; מורא און בענקשאַפט, ווי צוויי שלאַנגען האָבן געזויגן איר לעבן.

ווען דאָס מיידעלע זייערס איז געוואָרן אַ יאָר, און עס האָט זי דערמאָנט, אַז ער איז שוין נישטאָ אַ יאָר, נאָך אַמאָל אַזוי פיל צייט וויפיל עס האָט גענומען ביידע מאָל פריער, איז זי אַראָפּגעשלאָגן גע־וואָרן פון איר וועג. אַ העלפט איז פון איר געוואָרן און מען האָט געזען, אַז עס איז נישט גוט מיט איר.

יאָנאָסן האָט עס אויך גענומען איינברעכן, און רבקה, וואָס צו טראָגן און האָבן איין און צוואַנציק קינדער און זיי אויפצוציען איז געווען פאַר איר, דאַכט זיך, אַ גרינגע זאַך, האָט נישט געהאַט קיין כח צו טראָגן די לאַסט פון איר אומגליקלעכער טאָכטער.

די מוטער האָט געזען ווי די טאָכטער גייט איר איין, האָט זי גע־וואָלט אָנהויבן רעדן מיט איר, טרייסטן זי, אפשר זאָגן אַ האַרב וואָרט וועגן דעם אומדערבאַרעמדיקן איידעם, נאָר גלייך אין אָנפאַנג פון שמועס האָט זי געמוזט אָפּהאַקן. זי האָט דערזען וואָס עס איז געוואָרן מיט דער טאָכטער, ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן אים, און די פּנים האָבן זיך איר אונטערגעהאַקט.

ציפּורה איז געוואָרן מוראדיק בלאַס, נישט נאָר בלאַס, געל איז זי געוואָרן, געל ווי וואַקס, און די אויגן האָבן געקוקט ביי איר אַזוי טרויע־ריק צעמישט ווי נישט ביים גלייכן שכל.

רבקה האָט זיך נאָך געשראָקן ווייטער עפּעס צו זאָגן. זי קאָן זי נאָך אַוועקהרגענען, אויב זי וועט ווייטער רעדן וועגן אים.

— יאַנאַס, דער ליבער גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען — האָט זי גע־ווײנט. — זי גייט אונדז אויס ווי אַ ליכט.

— וואָס פאַר אַ שטראָף איז דאָס, אַז מען טאָר צו איר נישט רעדן וועגן אים? — האָט יאַנאַס גערעדט אַ פאַרצווייפלטער, זעענדיק ווי זיין טאָכטער, וואָס ער האָט ליבער געהאַט פון אַלע אַנדערע קינדער, און זי האָט אים געגעבן דאָס ערשטע אייניקל, זיין ציפּורה, גייט אים אויס אונ־טער די הענט — אַז רעדן צו איר מאַכט נאָך ערגער!

נייע בריוו האָט יאַנאַס צעשיקט צו אַלע יידישע געמיינדעס אין לאַנד און אויך אין אייראָפּע; געטון האָט ער דאָס שטילערהייט, ציפּורה זאָל נישט ווויסן, ער זאָל זי נישט צערודערן. און זי, ציפּורה, אַזוי ווי מען קוקט אויף אַ ליכט, ווען עס צאַנקט שוין, זעט מען, ווי מיט יעדן צאַפּל פון פלאַם ווערט אַלץ קלענער דאָס ליכט, וויניקער, עס ני־דערט־אַראָפּ אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ביז עס וועט אינגאַנצן אַראָפּ־פאַלן און נישט ווערן — אַזוי האָט מען געזען, קוקנדיק אויף ציפּורהן, ווי זי ווערט קלענער, דינער און מיט יעדן צאַפּל פון איר אויסגעצערטן גוף ווערט זי אַלץ וויניקער. זי גייט עפּעס אַראָפּ. זי פאַרנעמט אַלץ ווייי־ניקער אָרט, אַלץ וויניקער. ביז מען האָט געזען באַלד גאָרנישט.

קיין זאַך האָט זי נישט געקאָנט אויפהייטערן, נישט די פרייד פון אירע קינדער און נישט דער רחמנות אויף אירע עלטערן. ווער ווייס, צי זי האָט גאָר געזען די פּיין פון אירע עלטערן.

פאַר דער צייט איז פילאַדעלפיע דורכגעגאַנגען פיל וויכטיקע ענ־דערונגען. פילאַדעלפיע איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון לאַנד. וואַשינג־טאָן, דער גרויסער באַליבטער גענעראַל, וואָס איז געווען אויף איר חתונה און אויפן ברית פון איר מענין, ער איז דאָך איצט געווען פּרעזידענט פון דער נייער באַפרייטער מלוכה, פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע, דער ערשטער פּרעזידענט; האָט ער אַוועקגעוואָרפן ניו־יאָרק, וואָס איז געווען די ערשטע צייט זיין הויפּטשטאָט, און ער האָט בעסער אויס־געקליבן פילאַדעלפיע.

מיט דעם פּרעזידענטס אָנקומען איז פילאַדעלפיע שטאַרק אויסגע־וואַקסן. עס זענען צוגעקומען אַ סך טראָטוארן. אויף אַלע נייע גאַסן מאַכט מען איצט טראָטואַרן. מען מוז שוין מער נישט גיין אין דער בלאָטע. און הייזער בויט מען איצט אין שטאָט, וואָס מען האָט אַזעלכע גאָר פריער נישט געזען — נישט גלאַט הייזער, נאָר מויערן.

מען שפילט אַפּט טעאַטער. אהרן פיליפּס, איר ברודער, איז שוין אַן אַקטיאָר. ער איז שוין געווען אויף דער בינע; גו, און די „קיניגליכע" בעלער אין פּרעזידענטס פּאַלאַץ, וואָס מען הערט נישט אויף צו רעדן וועגן זיי אין שטאָט. באַזונדער רעדט מען וועגן די קליידער פון די דאַמען. טייל האָבן קליידער פון לעצטער מאָדע, געבראַכט פון פּאַריז; נישט פון מאָנאַרכיסטישן, נאָר פון רעוואָלוציאָנערן פּאַריז.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען זייער ווייט פון ציפּורהס מח. קיין זאַך האָט זי נישט אינטערעסירט, איז זי נישט אָנגעגאַנגען. ביסלעכווייז האָט זי געהאַלטן אין פאַרשווינדן. זי איז געוואָרן קלענער, קלענער, נאָר די אויגן אירע זענען געוואָרן גרעסער, גרעסער. מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס קלענער זי ווערט, ווערן אירע אויגן אַלץ גרעסער.

אַז זי האָט שוין נישט געקאָנט אַרומגיין און ס'איז געקומען דער דאָקטאָר, וואָס האָט געוווּסט די גאַנצע געשיכטע, האָט ער געגעבן אַ שאָקל מיטן פאַרמאַכטן מויל און דערנאָך געזאָגט צו יאָנאַסן מיט רבקהן:

— פריער גאָט און דערנאָך ער, ווען ער זאָל קומען, וואָלט זי געוואָרן געהאָלפן.

— איז נישטאָ קיין רפואה? קאָן אַ דאָקטאָר איר נישט אויסריידן?

— האָט רבקה אים געבעטן אַ פאַרצווייפלטע.

— ראַטעוועט מיין קינד, דאָקטאָר, זי איז דאָך אַ מאַמע פון קינדער.

דער דאָקטאָר האָט געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— זי זעט קיינעם נישט, נאָר אים, און זי הערט קיינעם נישט. מיט לייב און לעבן הערט זי זיך נאָר איין צו זיינע טריט, אויב ער קומט נישט. איך ווייס נישט פון קיין רפואה. נאָר ביי גאָט קאָן זיך געפינען נאָך רפואות.

מרדכי איז שוין אַריבער זיבן יאָר. אַ יונג קינד נאָך, אָבער מאַנכע זאַכן האָט ער שוין פאַרשטאַנען, ווי ער וואָלט געווען זיבעציק. מער פון אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען זיין מאַמעס פּיין. ער האָט געוווּסט, ווער עס פּייניקט זי, פאַרוואָס זי איז קראַנק, און ער האָט געפילט, אַז ס'איז גאָרנישט גוט מיט זיין מוטער.

ער פלעגט מערסטנס שטיין פון ווייטנס און מיט זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן — זיינע גרויסע אויגן זענען אויך געווען פול טרויער — קוקן אויף דער מוטער, קוקן, טראַכטן און שווייגן. ער איז אָבער אויך צוגעגאַנגען צו איר, זי אַרומגענומען, געקושט, און זי פלעגט זאָגן שטיל איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל:

— מעני, מעני!

און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, ווען זי רופט — דעם מאַן, וואָס איז פאַרשוווּנדן, אָדער איר זון, וואָס האָט זי אַרומגענומען, געקושט.

עמנואל — אָדער ווי זי האָט אים גערופן מעני — נח איז נישט געקומען.

מרדכי, איר עלטסטער זון, ווען זי האָט אויך גערופן מעני, האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין מאַמע וועט שוין אויך נישט קומען.

זי איז אַוועק און זי איז נישטאָ מער.

דער טאַטע איז אַוועק און ער קומט נישט מער, און די מאַמע וועט שוין אויך מער נישט קומען.

מרדכי האָט שטאַרק געוויינט, אַ סך געוויינט. אַלע האָבן געוויינט. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, האָט ער נישט געזען אַזוי פיל וויינען. אָבער דאָס וויינען איז נאָך נישט געווען אַלץ. עס איז אים געוואָרן אַזוי הויל, שטאַרק הויל אונטערן האַרץ, ווי מען וואָלט דאָרט אויסגעבויערט אַ לאָך. ס'האָט אים געדאַרשט און געדאַרשט און וואָס מער ער האָט גע־טרונקען, אַלץ מער האָט אים געדאַרשט.

און ביים גאַנצן געוויין און הוילקייט אונטערן האַרץ האָט ער אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז זי, די מאַמע, איז אַוועק אי־בער דעם, וואָס דער פאָטער איז אַוועק, ווייל דער פאָטער איז נישט געקומען צוריק. ער האָט זיך דערמאָנט אַז דאָס יינגל, וואָס האָט אים געזאָגט אין שול, אַז ער האָט נישט קיין טאַטע, האָט געזאָגט דעם אמת.

און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם פאָטער, וואָס ער האָט געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין טאַטן און אַז ער זאָל אויך נישט האָבן די מאַמע.

מרדכי-נח וויל נישט זיין קיין סוחר

מרדכי־נח האָט פון קינדוייז אָן נישט געוואָלט זיין קיין סוחר.

זיי זיידע, יאָנאָס פיליפס, האָט גאָר אַנדערש נישט געקלערט נאָר אַז מרדכי וועט זיין אַ סוחר. דאָס אייניקל האָט אָבער נישט געוואָלט. און אפשר איז „נישט געוואָלט" נישט דאָס ריכטיקע וואָרט — ער האָט פשוט נישט געקענט זיין קיין סוחר.

מיט דעם, וואָס דער זיידע האָט געוואָלט, אַז ער זאָל יאָ זיין אַ סוחר,

איז ער, נאַטירלעך, לויט זיינע באַגריפן אויסן געווען זיין טובה. עפּעס בעסערס האָט ער פאַר אים גאָרנישט געקאָנט געפינען.

נאָך ציפּורהס טויט איז מרדכי, ווי די אַנדערע צוויי קינדער אירע, איינגאַנצן געבליבן אויף יאַנאַסעס הענט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אים איז געווען גרעסער אין זיינע אויגן ווי פאַר זיינע אייגענע קינדער. ער האָט געהאַט צוויי יינגערע קינדער. פונדעסטוועגן האָט דער גורל פון די אייניקלעך אַרויסגערופן מער זאָרג ביי אים. צו דער געוויינלעכער זאָרג, וואָס אַ דערוואַקסענער האָט פאַר אַ קלענערן, אַ פאָטער פאַר קינ־דער, איז צוגעקומען די זאָרג פאַר יתומים. זיי זענען קיילעכיקע יתומים. דער פאָטער איז שוין לאַנג טויט פאַר זיי. ער האָט נישט עקזיסטירט פאַר זיי פון דער רגע פון זייער געבורט, און קיין מוטער האָבן זיי שוין אויך נישט. זייער מוטער — זיין באַליבטע טאָכטער — איז איבער דעם רשע אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט.

און וויפיל ער האָט נישט געקלערט און געזאָרגט פאַר זיינע אייגע־נע קינדער, האָט ער נאָך מער געזאָרגט פאַר מרדכין. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין חדר־יינגל, ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון דער לוויה, איז איינאיינעם מיט זיין שווערן טרויער אויפן אומגליק, האָט ער געקלערט וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געווען דאָס בעסטע צו מאַכן פון מרדכין.

און אַזוי ווי מסחר איז אין זיינע אויגן געווען דאָס בעסטע, ווייל ער אַליין, יאַנאַס, האָט באַגליקט אין מסחר, האָט ער דאָס געוואָלט פאַר אים, זיין אייניקל, דעם יתום, פאַר ווען ער האָט געוואָלט דאָס בעסטע אויף דער וועלט.

יאַנאַסעס פאָטער אהרן פייוויש (פון דעם נאָמען פייוויש האָט יאַ־נאַס געמאַכט פּיליפּס), אַן אָקסן־הענדלער, אין דייטשלאַנד, ביים ריין, נישט ווייט פון פראַנקרייך, אַ פּראָסטער ייד מיט אַ געזונטן שכל, האָט געוואָלט געבן דעם זון זיינעם אַ פּרנסה אין די הענט אַריין.

— זון מיינער, אַ ייד איז דאָך קיינמאָל נישט זיכער, אַז די גויים וועלן אים לאָזן האַנדלען, — האָט ער געזאָגט. — ווילן זיי, לאָזן זיי אונדז; ווילן זיי נישט, נעמען זיי אַלץ צו ביי אונדז און טרייבן אונדז אַרויס. די בעסטע זאַך איז דעריבער צו האָבן אַן אומנות אין האַנט, און שחיטה איז די בעסטע אומנות. ווהין מען זאָל אונדז נישט פאַרטרייבן, זענען אומעטום דאָ יידן, און יידן מוזן אָנקומען צו אַ שוחט. לערן זיך, זון מיינער, שחיטה, וועסטו שטענדיק האָבן ברויט מיט אַ מעסער אין האַנט.

יאַנאַס האָט געפּאָלגט דעם פאָטער און ער איז געוואָרן אַ שוחט. נאָר אַז ער איז שוין באַלד אַריין אין די צוואַנציקער און ער האָט פאַר זיך אין זיין שטעטל און אין דער גאַנצער סביבה נישט געזען קיין צוועק פאַר זיך, ווייל יעדע קהילה האָט געהאַט איר שוחט, און אומעטום האָבן שוין פון פריער געוואַרט צען שוחטים אויף יעדער שטעל, וואָס האָט זיך געקאָנט אַפּליידיקן, און דער גלות ביי די גויים איז געוועזן שווער און ביטער, האָט ער געהערט, אַז ס'איז דאָ אַ נייע וועלט, אַמעריקע, וווּ מענטשן זענען דאָרט נאָך דאָ ווייניק און פון רדיפות אויף יידן ווייסט מען דאָרטן נישט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין דער נייער וועלט אַריין.

נאָך אַ סך מוראדיקע שוועריקייטן און אַ לאַנג וואַנדערן, ווי עס דאַרף זיין אויף אַ רייזע פון אַן אַלטער וועלט אין אַ נייער וועלט אַריין און וואָס האָט באַלד אויסגעזען ביי אים ווי אַ שפּילעכל, ווען ער האָט דערלעבט צו זען, אַז ס'איז טאַקע אַ נייע וועלט. ער, אַ ייד, האָט דאָ גאָר נישט מורא צו האָבן, טאָמער וועט אַ גוי, אַ שונא ישראל, אים טון בייז, ווי דאָס איז געווען די אייביקע שרעק אין זיין אַלטער היים — איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, וווּ ער האָט געפונען אַ נייעם שבט, די פּאָרטוגעזישע יידן, אָבער אויך אַ פּאָר לאַנדסלייט, יידן פון דייטשלאַנד, און אויך יידן פון פּוילן.

באַלד ווי ער איז אָנגעקומען, האָט דוד מענדעז מאַכאַדאָ, דער ניו־יאָרקער חזן, געוואָרפן אויף אים אַן אויג. דער בחור פון דייטשלאַנד איז אים געפעלן.

דער חזן מאַכאַדאָ איז אַמאָל אַליין געווען אַן אָנוס, אַ פּאָרטוגעזישער מאַראַן, און ער איז געקומען קיין אַמעריקע אויף איין שיף מיט דאָקטאָר שמואל נונעז, מיט דעם פּאָרטוגעזישן הויף־דאָקטאָר, וואָס איז אַזוי קונציק אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע.

ווי אַ יונגער מענטש האָט דוד מענדעז מאַכאַדאָ גרינגער ווי די עלטערע זיך אויסגעלערנט עברי, איז ער געוואָרן חזן אין ניו־יאָרק. און דר. נונעז האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם — ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער ציפורה פאַר אַ ווייב.

חזן מאַכאַדאָ, וואָס האָט געוווּסט יידישע דינים פון די פּאָרטוגעזישע ספרימלעך, געדרוקט אין אַמסטערדאַם, איז געווען דער למדן צווישן די מיטגלידער פון דעם נייעם שבט — פּאָרטוגעזישע יידן פון „שארית־ישראל", — און אפשר אויך צווישן די פּאָר דייטשע יידן, וועלכע זענען דאָ געווען, ווען יאַנאַס פיליפּס איז אָנגעקומען. ווען ער האָט אָבער

דערזען דעם נייעם אימיגראַנט, דעם הויכן בחור, וואָס קאָן האָווענען פון אויסוויייניק, און האָט ביי זיך אַזעלכע ספרימלעך, וואָס נאָר אַ גרוי־סער למדן קאָן זיי לערנען, האָט ער דערפילט זיין אייגענע געפאַלנקייט און ער האָט אים שוין נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט אים געוואָלט האַלטן פאַר זיך.

— אַזאַ מאַן דאַרפן מיר דאָ האָבן — האָט געזאָגט דער חזן צו זיין ווייב. — ער וועט זיין אַ שוחט ווי ס'דאַרף צו זיין, ניט ווי דער שוחט אונדזערער, וואָס קען די דינים פונעם פּאָרטוגעזישן ספרל. ער קאָן אַלץ פון דער הייליקער שפּראַך, ווי עס האָט געלערנט משה רבינו. ער קאָן גוט דאָס לשון פון די אבות. ער קאָן זיין אַ רב אויך, אויב ער זאָל נאָר וועלן.

און ער האָט צוגעגעבן:

— איך מיין, מיר וואָלטן אים באַדאַרפט נעמען פאַר אַן איידעם. רבקה דאַרף אים געפעלן.

— פאַרוואָס זאָל זי אים נישט געפעלן? — האָט געזאָגט די חזנטע, וואָס איז קינדהווייז, ווי אַ געהיימע יידישקע און אָפענע קריסטין גע־גאַנגען אין קירך, — קיין בייז אויג נישט. איר פּנים לייכט ווי די זון.

— עס גייט מיר פּשוט אין לעבן צו טון דעם שידוך — האָט דער חזן ווייטער גערעדט צום ווייב, — מיר זענען טאַקע מיוחסים. מיר זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם פאַר אונדזער גלויבן, אָבער לאָמיר זיך נישט נאַרן. אַ פּאָר הונדערט יאָר זענען מיר געגאַנגען אין קירך. מיר, אונ־דזערע אָבות און אָבות־אבותינו זענען געווען אַריינגעטון אין אַ פרעמדער אמונה. דאָ וועלן מיר אונדזערע קינדס־קינדער קענען געבן זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אַרויפגעטראָטן אויף דער שוועל פון אַ קירך. יידן, וואָס זענען, אָן אַן איבעררייס פון אברהם אָבי־נו אָן, געגאַנגען אין שול. מיט אונדזערע אייניקלעך וועט זיך ווייטער ציען די יידישע קייט מיט אַלע אירע גאַנצע רינגען.

די חזנטע, וואָס האָט נאָך געדענקט ווי אין חלום ווי זי פלעגט גיין מיט פאָטער־מוטער אין דער קירך, האָט דעם מאַן געקוקט אין מויל אַריין און איז געווען זיכער, אַז מיט דעם שידוך וועט זיי געראָטן אויסצורייסן מיטן וואָרצל יעדן שפּור פון זייער קריסטלעכער פאַרגאַנגענהייט; זיי וועלן זיך אַליין און אַלע שפּעטערדיקע דורות זייערע אויסלייזן פון דער קנעכטשאַפט צום פרעמדן גלויבן, אין וועלכער זיי זענען אַזוי לאַנג גע־ווען פאַרזונקען; איר פּנים האָט אויפגעלויכטן פון זיינע רייד און זי האָט צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

מאַן און ווייב זענען געווען גליקלעך פון דעם געדאַנק, וואָס עס איז זיי איינגעפאַלן זיך משדך צו זיין מיט דעם ייד פון דייטשלאַנד, וואָס ער און זיינע אָבות און אָבות־אבותיו האָבן נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ קירך; זיי האָבן זיך געוואָלט איינקויפן אין יידישן יחוס פון דייטשלאַנד און עס האָט זיי גאַרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז די אייניקלעך זייערע פון דעם שידוך און אַלע שפּעטערע דורות וועלן פאַרשווייגן זייער אָפּשטאַם פון די יידן פון דייטשלאַנד און וועלן זיך גאַר גרויסן מיט דעם אָפּשטאַם פון די פּאָרטוגעזער, פון די מאַראַנען.

דער חזן האָט אויסגעפירט זיין פּלאַן. יאָנאַס פיליפּס פון דייטשלאַנד איז געוואָרן זיין איידעם. ער האָט גענומען די מאַראַנען־טאָכטער רבקה פּאַר אַ ווייב. דערנאָך איז יאָנאַס געוואָרן ניו־יאָרקער שוחט, — אַלץ ווי דער שווער האָט אויסגערעכנט.

לאַנג איז ער אָבער נישט געווען שוחט. יאָנאַס פיליפּס, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס דער ענגלישער קעניג אונטערדריקט די קאָלאָניעס, און ער, אַ טאַטע פון אַ שטוב קינדער, איז אַוועק אין מלחמה קעגן דעם ענגלישן אונטערדריקער, האָט נאָך פריער רעוואָלטירט קעגן די מאַכטהאָבער אין דער יידישער געמיינדע.

די גבאים פון דער געמיינדע, פּאָרטוגעזישע יידן, זענען געווען גאָר שטרענגע הערשער און זיי האָבן געוואָלט, אַז די כלי־קודש זאָלן ציטערן פאַר זיי; דער שמש, חזן און שוחט און אפילו דער רב מוזן זיי אָפּגעבן כבוד.

יאָנאַס, וואָס האָט געוווּסט, אַז די גבאים זאָגן עברי ווי אַ גר, איז אים נישט אָנגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיי זיין אונטערטעניק. ער וואָלט נישט געוואָלט זיין אונטערטעניק צו זיי, ווען אפילו זיי וואָלטן געווען לומדים. האָט ער זיך דערלויבט זאַכן, וואָס די גבאים האָבן פאַרבאָטן.

איינמאָל האָט ער איבערגעלאָזט דעם חלף מיט די שאַרפשטיינער ביים קצב. ער האָט געדאַרפט ערגעץ אַריינגיין. ער איז נישט געגאַנגען גלייך אַהיים. האָט ער נישט געוואָלט מיטשלעפּן דעם חלף מיט די שטיינער, און ער האָט זיי איבערגעלאָזן ביים קצב.

און דאָס איז געווען קעגן דער תקנה פון דער ניו־יאָרקער יידישער געמיינדע. די גבאים האָבן געהאַט פאַרבאָטן איבערצולאָזן די חלפים ביי אַ קצב, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט געטרויען די קצבים אַ חלף, טאָמער וועלן זיי כאַפּן און אַליין שעכטן.

ווען די גבאים זענען געוווּיר געוואָרן, וואָס דער שוחט האָט דאָ געטון, האָבן זיי אים געשטעלט צום משפּט.

אין קהלם שטוב, וואָס איז געווען אינאיינעם מיט דער שול, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט ווי ריכטער.

— יאָנאָס פּיליפּס, איר האָט אַלס שוחט געבראָכן אַ הייליקע תקנה, וואָס די קהילה קדושה „שארית ישראל" האָט איינגעפירט אַפּצוהיטן יידישקייט. וואָס האָט איר צו זאָגן אין אייער פאַרטיידיקונג?

ער האָט זיך נישט געוואָלט קריגן מיט זיי און ער האָט געענטפערט איינגעהאַלטן, ווי עס איז געווען דער אמת:

— איך האָב נישט געוואָלט ברעכן קיין תקנה. געטון האָב איך עס בלויז פון באַקוועמלעכקייט. איך בין נישט געגאַנגען גלייך אַהיים, האָב געדאַרפט ערגעץ גיין און האָב נישט געוואָלט מיטשלעפּן דעם חלף מיט די שטיינער, האָב איך זיי געלאָזן ביי דעם קצב.

די רייד האָבן דערצאָרנט די גבאים. זיי האָבן זיך צעשריגן יעדער אויף זיין שטייגער, אַז איבער זיין באַקוועמלעכקייט האָט ער דאָס נישט געטאָרט טון.

— איר האָט געשטעלט גאַנץ כשרות אין סכנה — האָט דער הויפּט גבאי געשריגן. — איר האָט געבראָכן אַ הייליקע תקנה, אַלץ כדי אייך זאָל זיין באַקוועם.

דאָס האָט שוין פאַרדראָסן יאָנאָסן. ווי זיי האַלטן דאָס פון זיך. און ער האָט שוין גערעדט מיט אַ טאָן העכער:

— פאַרוואָס איז דאָס אַ הייליקע תקנה?

— אַז קהל מאַכט אַ תקנה, איז זי הייליק — האָבן די גבאים גע־זאָגט שטרענג און געקוקט אויף אים מיט בייזע אויגן.

— יעדע תקנה פון יעדן קהל? — האָט ער חוזקדיק געשמייכלט.

— יאָ! יאָ! יעדע תקנה פון יעדן קהל!

און עס האָט זיי געברענט, וואָס ער גיט זיי אָנצוהערן, אַז זיי זענען אַ מינדערווערטיק קהל.

— אפשר קאָנט איר מיר זאָגן דעם טעם פון דער תקנה?

— דער קצב זאָל נישט אַליין שעכטן מיט דעם חלף.

דאָ האָט ער זיך צעלאַכט.

— אויב איר געטרויט נישט דעם קצב, צו וואָס באַדאַרף ער דעם חלף? קאָן ער דאָך קוילן מיט אַ מעסער! וואָס מוז ער דווקא וואַרטן ביז דער שוחט וועט איינמאָל אין אַ יובל אים איבערלאָזן דעם חלף?

די גבאים האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דער פראַגע, אָבער אָן אַ שטראָף האָבן זיי אים נישט אָפּגעלאָזט.

— אַלצאיינס האָט איר עובר געווען אויף אַ הייליקער תקנה —

האָבן זיי געזאָגט — און מיר שטעלן אייך אונטער אַן איסור אויף אַ חודש צייט. איר וועט נישט טאָרן שעכטן אָן אַ שומר.

דאָס האָט אָנגעצונדן יאָנאַסן. די עמי־הארצים וועלן אים צושטעלן עדות? ער האָט געגעבן אַ זעץ אין טיש אַריין און אַ זאָג געטון:

— וועמען וועט איר מיר שטעלן פאַר אַ שומר?

— שווייגט בעסער! אַנישט, וועט מע אייך גאָר אַראָפּזעצן, און אַז איר וועט האָבן אַ גרויס מויל, וועט איר גאָר ליגן ביי אונדז אין חרם.

געוואָלט האָט יאָנאַס זיי זאָגן, אַלץ וואָס ס'איז געווען ביי אים אויפן האַרצן, נאָר ער האָט אַ קלער געטון, אַז זיי קענען אים טאַקע מעביר־זיין. זיי זענען די הערשער, און נאָך אַריינליגן אין חרם. פאַר דעם חרם האָט ער נישט קיין מורא געהאַט, אָבער וואָס וועט ער טון, ווען זיי וועלן אים טאַקע אַראָפּזעצן פון דער שטעלע? אַזוי פּלוצים וועט ער בלייבן אָן פּרנסה. און וואָס וועט זיין מיט רבקהן און די קינדער? האָט ער געשוויגן און אָנגענומען די דאָזיקע שטראָף. צווישן אים און די גבאים איז שוין אָבער מער נישט געווען קיין שלום.

אינגיכן האָט ער ווידער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט זיי.

די גבאים האָבן געהעכערט דאָס שחיטה־געלט און די העכערונג האָבן זיי צוגענומען אויף קהלס אויסגאַבן.

אַן אויפגעקאָכטער האָט יאָנאַס געזאָגט די גבאים:

— איר ווילט זיין גבאים, הערשער איבער יידן, און מיך וועט איר איינשפּאַנען, אַז איך זאָל האָרעווען פאַר אייך? איר ווילט פירן קהלס געשעפטן — גיט געלט אויף דעם. וואָס העכערט איר שחיטה־געלט און נעמט עס צו פאַר קהל? דאָס שחיטה־געלט איז מיין. איך בין דער שוחט.

— אַזוי לאַנג ווי מיר ווילן. ווען מיר ווילן נישט, זענט איר אויס שוחט — האָבן אים די גביאים געענטפערט.

האָט יאָנאַס איינגעזען, אַז ער וועט שוין מיט די גבאים קיין מנוחה נישט האָבן. זיי וועלן אים שוין דערגיין די יאָרן. און ער האָט באַשלאָסן אוועקצוואַרפן די שטעלע.

— רבקהבען, די גבאים זענען מיר נמאס געוואָרן, און זיין אַ שוחט קריכט מיר פון האַלדז — האָט ער געזאָגט צום ווייב, — איך וויל נישט זיין מער קיין משועבד, קוקן קהל אין האַנט אַריין. איך וויל זיין מיין אייגענער באַלעבאָס.

— ווי דו פאַרשטייסט, יאָנאַס, מיין מאַן — האָט געזאָגט רבקה און מיט אירע ערלעבע אויגן אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

יאָנאַס איז געוואָרן אַ סוחר און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און

ער האָט באַגליקט. ער האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט און מען האָט גע־קאָנט ביי אים קריגן אַלץ, וואָס די אויגן האָבן געטון גלוסטן און דאָס מויל האָט געקאָנט אָנרופן.

זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען גוט צו כלי־קודש. ער פלעגט שטענדיק זיך אָננעמען זייער קריוודע און שפּעטער, ווען איבער דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט פון די ענגלענדער זענען פיל ניו־יאָרקער יידן אַנטלאָפן קיין פילאַדעלפיע און יאָנאַס איז געוואָרן דער פּרנס פון דער שול, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דעם נייעם אָרט, האָט ער ערשט געהאַט די אמתע געלעגנהייט צו ווייזן, ווי מען דאַרף באַהאַנדלען כלי־קודש, אַנגעשטעלטע פון דער געמיינדע.

גוט צו זיי איז ער געווען, נאָר ווען עמיצער פון זיינע אייגענע האָט געוואָלט ווערן אַ כלי־קודש, האָט ער נישט דערלאָזט דערצו.

געווען איז דאָס טאַקע מיט זיין איידעם עמנואל נח. ווען עמנואל נח איז געקומען קיין ניו־יאָרק, האָט יאָנאַס זיך דערפריינט מיט אים — אַ לאַנדסמאַן, אַ בן־תורה, אַ שיינער עלדיישער פאַרשוין. נאָר ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל דאָ קריגן אַ שטעלע אַלס שוחט, האָט ער אים אָפּגערעדט דערפון.

— וואָס טויג דיר דאָס? די ערגסטע זאַך איז צו זיין אַ משועבד. פרעג מיך, איך בין דאָ געווען אַ שוחט. קוק קהל אין האַנט אריין. יעדער איינער איז דיין באַלעבאָס, דיין ברויט־געבער און ביסט קיינמאָל נישט זיכער, צי זיי וועלן דיך נישט אסרן אָדער אינגאַנצן מעביר זיין. דאָס בעסטע איז צו זיין אַ סוחר. ביסט ביי גאָט אין די הענט, און ווי דער אויבערשטער באַשערט דיר, אַזוי גייט דיר. ביסט דיין אייגענער באַלע־באָס, מער, וויניקער, אָבער דו האָסט נישט קיין אויבערהאַר איבער דיר. וואָס דו האָסט, קומט־אריין אין דעם די ברכה.

עמנואל נח האָט אים נישט געוואָלט נאָכגעבן:

— אין מסחר איז מען דאָך קיינמאָל נישט זיכער — האָט עמנואל נח אים אָפּגעשלאָגן, — מען ווייסט דאָך נישט, צי מען וועט פאַרדינען אָדער דערלייגן. אַ שוחט איז אָבער שטענדיק זיכער מיט זיין שכירות.

דאָס האָט אויפגעבראַכט יאָנאַסן. ער האָט זיך געבייזערט אויף אים.

— נאָר אַ פוילער מענטש, וואָס וויל נישט אַרבעטן און וויל נישט צולייגן דעם קאָפּ, וויל נישט זיין קיין סוחר, נאָר אַ שוחט. גאַנצע טעג ווילסטו אַרומגיין ליידיק, גאָרנישט טון, נאָר וואַרטן, אַז מען וועט דיך רופן שעכטן אַ בהמה, אַ קעלבל אָדער אַן עוף. ביי דעם האַנדל מוז מען

זיך ברעכן דעם קאָפּ, גאַנצע טעג זיין פאַריאָגט, אַמאָל גאַנצע נעכט אויך. ווילסטו נישט. דו ווילסט דווקא קוקן קהל אין די הענט אריין.

אַ סך מאָל האָט יאָנאַס אַזוי גערעדט צו עמנואל נח איידער ער איז נאָך געוואָרן זיין איידעם, און שפּעטער נאָך מער. עס האָט יאָנאַסן פאַרדראָסן אויפן איידעם, וואָס עס ציט אים נאָר צו זיין אַ בלי־קודש, אַנשטאָט ער זאָל זיין אַ סוחר. ער איז געווען זיכער, אַז דער איידעם וויל זיין אַ שוחט נאָר דערפאַר, וואָס ער פוילט זיך צו אַרבעטן. ער וויל נישט נעמען קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך. ער וויל נישט ריזיקירן.

דאָס, וואָס זיין איידעם האָט איינגעשטעלט זיין לעבן אין מלחמה, האָט נישט געענדערט זיין מיינונג וועגן אים, אַז ער איז אַ פוילער, אַז ער וויל נישט נעמען אויף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין דער מלחמה נעמט ער אויך נישט אויף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער שטעלט־איין דאָס לעבן — האָט ער געקלערט — איז דאָס נאָר צו פאַלן אין שלאַכט אָדער נישט. אָבער ער ווערט דאָך אויך געפירט פון אַנדערע, געשיקט פון אַנדערע. אַליין טון, נעמען אויף זיך אחריות יעדע מינוט, אַליין אַרבעטן, אַליין פירן געשעפטן — דאָס וויל ער נישט.

און כאָטש דער איידעם איז נישט געוואָרן קיין שוחט, ער איז געווען אַ סוחר, ווי דער שווער האָט געוואָלט, האָט דאָס נישט געהאָלפן שלום צו מאַכן צווישן זיי ביידן, ווייל ביי יעדער געלעגנהייט האָט דער איידעם אַלץ גערעדט מיט בענקשאַפט וועגן דער מעגלעכקייט אָנצונעמען אַ שוחט־שטעלע, און דאָס האָט נאָר צערייצט יאָנאַסן.

— וואָס ציט עס דיך אַזוי צום גורל פון אַ משועבד? — האָט יאָנאַס אים נישט געקאָנט פאַרשטיין.

און דעריבער איז יאָנאַס נאָך פעסטער געווען אַנטשלאָסן צו מאַכן זיין אייניקל פאַר אַ סוחר. נאָך די צרות, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם דאָזיקן איידעם, האָט ער אוודאי נישט געקאָנט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו מאַכן אים פאַר אַ סוחר.

— רבקהכען, מרדכי וועט זיין אַ סוחר. איך וועל אים באַלד אַריינפירן אין געשעפט אַריין — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

און צום אייניקל אַליין האָט ער אויך אָפט גערעדט וועגן דעם.

— מרדכי, וועסט זיין אַ סוחר, אַ גרויסער סוחר, וועסטו זיין, דו הערסט, אייניקל מיינס, נאָך אַ יאָר, ווער נאָר אַביסל גרעסער, און דו וועסט ביי מיר שטיין אין קראָם.

אַ יאָר אַכט איז מרדכי אַלט געווען, ווען דער זיידע האָט אַזוי שוין

גערעדט צו אים. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם זיידן און אים האָט גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן אַ געדאַנק נישט צו פאָלגן אים. דער זיידע זאָגט, אַז ער וועט זיין אַ סוחר, וועט ער זיין. צי דאָס איז גוט אָדער נישט, דאָס האָט דאָך דאָס אַכטיעריקע יינגל נישט געקאָנט וויסן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז זייער גוט צו זיין אַ סוחר. מען האָט אַזוי פיל זאַכן, און גענוג איז דאָך, וואָס דער זיידע איז אַ סוחר, איז עס דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע.

אָבער עס האָט דאָס קינד נישט געצויגן אין געשעפט אַריין. ער האָט ליב געהאַט, דער פעטער נפתלי זאָל אים דערציילן די מעשיות, וואָס ער שרייבט, און ער איז מיטגעלאָפן מיט דעם פעטער אהרן צו די טעאַטער־פּראָבעס און צו די פאַרשטעלונגען. ער האָט אַליין ליב געהאַט צו לייענען מעשיות. ער האָט אויך געהאַט גרוים הנאה, ווען מען האָט אים געפרעגט שווערע רעכענונגען. נאָר אין געשעפט אַריין האָט אים נישט געצויגן אַריינצוגיין. עס איז אים געווען אינטערעסאַנט, וואָס ביי דעם זיידן אין קראָם קריגט מען אַזוי פיל זאַכן, נאָר אַריינגיין און שטיין און קוקן אויף די זאַכן, האָט ער נישט געהאַט קיין חשק.

**
*

פלוצים, מען האָט נישט געוווסט ווען און נישט ווי אַזוי, איז דאָס יינגעלע מרדכי געוואָרן אוים קינד. און דערקענט האָט מען דאָס אין זיין פירונג מיט זיין קליין שוועסטערל, יהודית. נישט ווי אַ יינגל, אַ גרעסע־רער ברודערל, איז ער אומגעגאַנגען מיט איר, נאָר ווי אַ גרויסער, אַ פולשטענדיק דערוואַקסענער מענטש. אי פאָטער, אי ברודער. אַזאַ ערנסט, אַזאַ אויסגערעכנטקייט ווען אַ קינד קאָן נאָר האָבן אַ מאַן מיט רייפן שכל פון אַ גרויסן ווען אַ קינד אַ יתום.

ער האָט קיינמאָל נישט געשריגן אויף איר. נישט געבייזערט זיך, אפילו, ווען זי איז אים דערגאַנגען די יאָרן. ער האָט גערעדט צו איר גוטע רייד, אַלעמאָל אומגעגאַנגען מיט איר נאָר מיט גוטן, און האָט אַרויסגעוויזן צו איר אַזאַ געדולד, וואָס עס איז שווער צו געפינען ביי גרויסע.

און אַזוי דורך זיין וואַכזאַמקייט איבער זיין שוועסטערל האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פון זיידנס רשות, און אפילו פון די צוויי בחורים, זיינע פעטערס נפתלי און אהרן.

אָפּגעריסן זיך פון זיי האָט ער נישט. נאָר ער איז שוין נישט גע־

ווען דאָס קינד, וואָס דער זיידע פירט אים אָדער די פעטערס טראָגן זיך מיט אים ארום.

מיט די פעטערס איז ער עפּעס געוואָרן זייערס גלייכן; יינגער טאַקע, אָבער דער אונטערשיד אין יאָרן האָט זיך גאָרנישט דערקענט. אין אַ סך זאַכן האָט ער זיי איבערגעשטיגן, געוווּסט מער פון זיי. האָבן זיי נישט געציילט די יאָרן, געהאַלטן זיך ווי גלייכע. און נפתּלי האָט אים שוין געגעבן זיינע זאַכן צו לייענען מיט דעם זעלבן געפיל, ווי ער האָט זיי געגעבן אהרנען, און אהרן דער אַקטיאָר האָט שוין נישט געקלערט, אַז דאָס נעמט ער מיט זיין פאַרשטאַרבענער שוועסטערס יינגעלע אין טעאַטער צו פּראָבע, נאָר ער נעמט־מיט אַ חבר, וואָס האָט ליב טעאַטער פּונקט ווי ער.

מרדכי איז נישט געשטאַנען ביי די פּראָבעס ווי אַ יינגל, וואָס מען האָט אים מיטגענומען זען, ווי גרויסע שפּילן. ער איז דאָרט געווען ווי אַ דערוואַקסענער צושויער, האָט שוין אפילו געזאָגט אַ מיינונג, און דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַמט, און אין די גרויסע אויגן זיינע איז געשטאַנען אַ בליאַסק ווי אין טוי־טראָפּנס דורכגעשפּיזטע פון זון־שטראַלן.

און דער זיידע האָט אויפגעהערט צו פירן אים ביי דער האַנט, ווען זיי זענען געגאַנגען אין גאַס, צי אין שול אריין, צי אין קאָנגרעס. זיי זענען געגאַנגען ווי צוויי גרויסע, ווי אַ פאָטער מיט אַ דערוואַקסענעם זון אָדער ווי אַ זיידע מיט אַ גרויס אייניקל. אויס קינד.

איינע נאָר, די באָבע, רבקה פיליפּס, האָט נישט געענדערט איר קוק אויף מרדכין. צי זי האָט נישט באַמערקט זיין דערוואַקסנקייט, וואָס מען האָט געזען אין זיין פירונג מיטן שוועסטערל, אָדער ווייל אַ באָבע, אַזוי ווי אַ מאַמע, אין אַ זון אָדער טאָכטער, הערט קיינמאָל נישט אויף צו זען דאָס קינד אין אַן אייניקל. אין אירע אויגן איז גאָרנישט געוואָרן אַנדערש, וואָס שייך אים. געקוקט האָט זי אַלצאיינס אויף אים ווי אויף דעם אַנדערן אייניקל, וואָס איז נאָך געווען גאָר אַ קליין מיידעלע און מען האָט געמוזט אומגיין מיט איר ווי מיט אַ קליין קינד.

מרדכי האָט נאָך פון יוצא וועגן געלערנט ביים רב, ר׳ גרשון סעיִשעס, איבערגעחזרט דאָס ביסל חומש, פּסוק, פאַרטייטשט אויף ענגליש, ווייל וואָס דער רבי האָט פאַרמאָגט, האָט ער שוין לאַנג געהאַט איבערגעגעבן דעם תּלמיד. מער האָט שוין דער רב פון דער הייליקער געמיינדע „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיע נישט געהאַט צו געבן דעם יינגל מרדכי נח.

שבת האָט יאָנאַס פיליפּס געלערנט מיטן אייניקל. איז עס ווידער־

געוועו דאָס זעלבע: די ערשטע פּרשה חומש פון דער סדרה, אַמאָל אַ קאַ־פּיטל פּסוק און פּרק. יאָנאַס האָט שוין אַליין אויך נישט געדענקט, ווען ער האָט געלערנט; ער איז שוין געוועו אָפּגעריסן דערפון. און דאָס, וואָס ער האָט גערעדט נאָר ענגליש — ווי דען האָט ער געזאָלט רעדן מיט זיין ווייב, די טאָכטער פון פּאָרטוגיזער און אירע קרובים? איז אים געוועו שווער צוזאַמענצופּאַסן דאָס לערנען זיינס, וואָס ער איז געוועו געוווינט צו פּאַרטייטשן דאָס לשון־קודש אויף עברי־טייטש, מיט ענגליש.

דאָס אייניקל האָט איבערגעשטיגן דעם זיידן, פּונקט ווי ער האָט איבערגעשטיגן זיין רבין, דעם רב סעישעס, אין פּאַרטייטשן דאָס לערנען אויף ענגליש. ער האָט שענער פּאַרטייטשט, מיט שענערע ווערטער, און די ווערטער זענען אַרויסגעקומען ביי אים שענער. מען האָט געזען, אַז עס איז זיין לשון, נישט ווי זיי, דער זיידע און דער רב, וואָס די צונג האָט זיך זיי אָפּט פאַרהאַקט אינמיטן ריידן, און דאָס, וואָס זיי האָבן אַרויסגערעדט, איז געוועו ווי מיט אַ פרעמד מויל, געבאָרגטע ווערטער זענען ביי זיי אַרויסגעקומען, אַ געבאָרגטע שפּראַך.

מרדכי האָט געלערנט ענגליש ביי אַן ענגלישן לערער. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָזט בלויז אויפן לערנען ביים לערער. ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, איז ער געזעסן אין ביבליאָטעק, אין דער ביבליאָטעק, וואָס עס האָט געמאַכט דער אַלטער אָנגעזעענער מאַן בענדזשאַמין פרענקלין. אין דער פרענקלין־ביבליאָטעק איז ער געזעסן און נישט געלייענט די ביבער, נאָר זיי געשלונגען.

נאָך אַ יינגל אין זיין עלטער האָט מען נישט געזען אין ביבליאָטעק. באַטש ער איז געוועו געוואַקסן העכער ווי לויט די יאָרן, איז ער אָבער נאָך אַלץ געוועו אַ יונג יינגל. די, וואָס האָבן אים אַליין נישט געזען זיצן אָפּט איבער די ביכער אין ביבליאָטעק, וואָלטן קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן, ווען מען וואָלט זיי געזאָגט, אַז דאָס עלף־יעריקע יינגל שלינגט־איין אַזוי פיל ביכער, און נישט קינדער־ביכער, נאָר ביכער האָט ער גע־לייענט באַגלייך מיט די גרויסע און גרעסטע.

אים אַליין זיך שפּילן מיט חברים פון זיינע יאָרן, האָט מען נישט געזען. מען האָט אים גאָרנישט געזען זיך שפּילן. אַלץ, וואָס מען האָט געזען, איז געוועו, אַז ער פלעגט אַכטונג געבן אַמאָל אויף יהודיתן, ווי זי שפּילט זיך מיט חברטעס, אָדער אַז ער האָט, ווי אַ גרויסער מיט קלע־נערע, געוויזן דער שוועסטערל ווי צו שפּילן זיך.

ערנסט, נישט געשפּילט זיך, זעלטן מיט אַ שמייכל, איז ער געוועו שטענדיק, אויסער ווען ער איז געוועו אויף טעאַטער־פּראָבעס, האָט ער

אַלעמאָל געקוקט ערנסט פּאַרטראַכט, ווי די אויגן וואָלטן געווען איבער־געצויגן מיט עפּעס וואָס איז אומזעבאַר. מען פילט עס אָבער, מען קאָן עס אָנטאַפּן.

די פירער פון דער ביבליאָטעק, ווי די איינגייער, וואָס האָבן דאָרטן געלייענט אָדער געליען ביכער, האָבן אים גוט געקענט און נאָר אין אָנהויב האָבן זיי געקוקט אויף אים ווי אויף אַ יינגל. זעענדיק אים איינס נאָך דאָס אַנדערע, איז ביי אַ סך פון זיי געוואָרן אויס חידוש. און זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים ווי אויף איינעם פון זיי, נאָר מיט אַ צו־גאָב — ווי אויף אַ שטאַרקן מתמיד, און זיי האָבן זיך באַגריסט מיט אים כמעט ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים גע־זאָגט: „העלאָ, מרדכי!״ און אַנדערע, וואָס האָבן אים געזאָגט: „העלאָ, נח!״

— וואָס לייענסטו היינט, נח? — האָט מען אים געקאָנט פרעגן ערנסט.

— לאָז עפּעס איבער פאַר אַנדערע אויך! — האָט זיך געמאַכט, אַז עמיצער האָט זיך דערלויבט אַ גלייכווערטל.

זעלטן האָט ער געענטפערט אויף גלייכווערטלעך. ווי אַ פאַרשלאָ־סענער האָט ער געשוויגן, נאָר זיין ערנסט, פאַרחלומט פּנים האָט זיך געטון אַ רויטל.

ווי שטרענג יאָנאַס פיליפּס איז נישט געווען מיט די קינדער, איז קיינמאָל ניט געווען שטיל ביים עסן. עטלעכע און צוואַנציק פאַרשוין ביים טיש, קינדער גרעסערע, קלענערע, איז אַפילו ווען זיי האָבן גע־שוויגן איז געווען אַ גערויש. נאָר זיי האָבן נישט געשוויגן, און די גרויסע, נפתלי און אהרן, וואָס איינער איז שוין געווען אַ שרייבער און דער צווייטער אַן אַקטיאָר, זענען אויך נישט איינגעזעסן רואיק. און וואָס פאַר אַ שטרענגן בליק עס האָט נישט אָנגעשטעלט אויף זיי יאָנאַס, און וויפיל ער האָט נישט געבייזערט זיך אויף זיי, האָט עס נאָר געגאָלטן אויף אַ ווײַלע; עס איז געוואָרן אויף אַ רגע, צוויי, שטיל ווי אין אויער, און באַלד איז ווידער געוואָרן אַ גערויש. נאָר מרדכי האָט געשוויגן ביים טיש. ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. און ער האָט נאָך אַכטונג גע־געבן, אַז יהודית, זיין שוועסטערל, זאָל זיצן רואיק.

מער ווי איינמאָל האָט יאָנאַסן ווײַ געטון פאַר דעם אייניקל וואָס ער איז צו ערנסט. און עס איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו באַמערקן אַ קרומע זאַך ביי אים.

— רבקה! (ווען ער האָט גערעדט וועגן ערנסטע זאַכן מיט דעם

ווייב האָט ער געזאָגט צו איר רבקה, נישט רבקהכען, ווי ער פלעגט זי רופן אין אויפגעלייגטע מאָמענטן). — רבקה, איך בין דאָך, דאכט זיך צופרידן וואָס מרדכי איז אזא אָרנטלעך קינד. דאָס האַרץ טוט מיר אָבער ווײ, וואָס מען זעט ביי אים נישט קיין שמייכל. דאָס האַרץ איז אים נעבעך, געגנוג פאַרוואונדעט.

— נו, וואָס קאָן מען טון, יאָנאָס? — האָט זי געזאָגט, פאַרריכטנ־דיק זיך דאָס טיכל אויפן קאָפּ און אריינגעגנבעט א זיפץ. — האָט אים דערפאַר דער ליבער גאָט געבענטשט מיט א גוט קעפּעלע. מירן נאָך דער־לעבן אין אים גרויס נחת.

***

יאָנאָס האָט נישט געקאָנט איינרוען וועגן דעם איניקל. ער האָט זיך געזאָרגט וועגן אים מער ווי וועגן זיינע קינדער. דאָס איז אָבער גע־ווען נישט בלויז איבער דעם וואָס ער איז געוועזן א יתום. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אזא גוטן קאָפּ און נאָך מער וואָס זיינע צוויי עלטערע זין, נפתלי און אהרן, האָבןביידע נישט אָנגע־הויבן אפילו צו טראַכטן פון ווערן סוחרים, פון העלפן אים אין געשעפט אָדער גיין פאַר זיך אַליין אין האַנדל. ביידע האָבן זיי זיך פאַרלייגט צו מלאכות וואָס זענען גאָרנישט קיין מלאכות. איינער, דער עלטערער, וויל זיין א שרייבער, און ער שרייבט שוין טאַקע. וואָס ער וועט דאָרט אויס־שרייבן האָט דער פאָטער נישט געקאָנט זען. און דער צווייטער איז אַן אַקטיאָר, וואָס דאָס איז גאָר א שיגעון.

די טעאַטער־לייט, די אַקטיאָרן — האָט געוווסט יאָנאָס — זענען גרויסע אָרימעלייט, זיי האָבן נישט וואָס צו עסן און קיינער וויל זיך גאָר נישט אָנקערן מיט זיי. היינט א שם האָבן זיי, אז עס איז א חרפּה און א שאַנד. טאָ וואָס וועט ער שוין האָבן, דער אהרן, אז ער וועט שוין זיין אַן אַקטיאָר?

זיי זענען פאַרפאַלענע — האָט געקלערט יאָנאָס און ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אז מרדכי וועט אים זיין אָנשטאָט די צוויי עלטערע זין. ער וועט אריינטרעטן אין געשעפט און מיט זיין גוטן קאָפּ וועט ער אויפטון ווונדער אין געשעפט. ער וועט אויפבויען דאָס גרעסטע געשעפט אין לאַנד. ער וועט באַציען שיפן סחורות פון אַלע לענדער און ער וועט צעשיקן שיפן סחורות אין אַלע לענדער. א גרויסן פּלאַץ וועט אויפ־בויען זיין איניקל, וואָס וועט באַהערשן די ימען און ער וועט מאַכן גרויס

דעם האנדל פון באפרייטן לאנד, צעטראגן דעם נאמען פון דעם באפרייטן לאנד אין אלע ווינקלען פון דער ערד.

— מרדכי, איך מיין, אז עס איז צייט דו זאלסט אריינקומען אין קראם און זיך גרייטן צו זיין א געשעפטסמאן — האט איינמאל געזאגט יאנאס צום איניקל.

ער האט אויפגעהויבן די אויגן צום זיידן, געקוקט ארויף צום זיידן נישט בלויז מיט די אויגן, נאר מיטן גאנצן שיינעם, געשניצטן פנים ביז צו דער געקרייזלטער גזשיבע ארויף, געקוקט גלייך, ערלעך, ערנסט. יאנאס האט דערוויל דערזען וואס פאר א שיינער ער איז, זיין איניקל, און ער האט דערפון געהאט שטארק הנאה. נאר נאך מער הנאה האט ער געהאט ווען דאס איניקל האט אזוי קוקנדיק געזאגט רואיק; פעסט:

— גוט, זיידע.

ער האט זיך אויסגעטויגט צו געשעפט. די קונדן האבן ליב געהאט אז ער זאל זיי באדינען. זיי האבן געזען, אז ער האט א ברייטע נאטור, ער גיט איבערוואג, איבערמאס, און ווי זארגפעלטיק ער פארפאקט די זאכן! מען וואלט געקאנט פארן מיילן מיט זיינס א פעקל סחורה, אזוי ראיעל פארפאקט ער. ער האט געארבעט געטריי און מען האט געזען, אז ער לייגט־צו קאפ דערצו.

זיין רעדן האט אויך שטארק אויסגענומען ביי די קונדן. ער רעדט אזא שיינע שפראך! קיין סך רעדט ער ניט, אבער וואס ער רעדט איז געקליבן, שיין.

— מיט אזא געלענק צום רעדן — האט אמאל געזאגט א פרוי א קונד — ווערט מען ביי אונדז א גלח.

זומער פלעגט ער די קונדן פארלייגן א קאלטן טרונק וואסער.

— נארוואס געבראכט פון פלומפ — האט ער געזאגט.

ווינטער האט ער דעם קונד, וואס איז אריינגעקומען א דערפרוירענער, פארגעלייגט אנצוווארעמען די הענט ביים פייער־טאפ, געוואלט צוטראגן יענעם דעם פייער־טאפ ווען עס וואלט נישט געווען שווער און היים.

האט געמיינט יאנאס, אז ער איז שוין פארטיק מיט אים, און ער האט שוין מער ווי איינמאל אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט אין א שמועס מיט דער ווייב.

— רבקהכען, א דאנק דעם ליבן גאט, מיר האבן נחת פון מרדכין, ציפורה קוועלט־אן פון אים אויף יענער וועלט. אזא טייער קינד! ער וואקסט א סוחר א גאון — האט ער געזאגט.

רבקה האט גאַרנישט געזאָגט, נאָר בגנבה אָפּגעווישט זיך אַ טרער פון טרויער אויף איר פאַרשטאַרבענער טאָכטער און פון שמחה מיט איר געראָטן אייניקל.

אַ היפּשע צייט איז מרדכי געווען אין געשעפט. קיין זאַך איז נישט געווען צו שווער פאַר אים צו טון אין געשעפט.

נאָר אַ שמייכל האָט מען זעלטן געזען אויף אים. ווייך, מילד איז גע־ווען דאָס פּנים זיינס צו יעדן וואָס איז אַריינגעקומען אין קראָם אַריין. אָפט פלעגט אַ רויטקייט אַריינלויפן אים אין די באַקן, אָבער אַ שמייכל — זעלטן.

ער האָט איצט נישט געהאַט אַזוי פיל צייט צו זיצן אין ביבליאָטעק. יעדע מינוט וואָס ער האָט אָבער געקאָנט נאָר אָפּרייסן האָט ער זי פאַר־טון אין זיצן אין ביבליאָטעק און לייענען.

יאָנאַסן האָט דאָס נישט געאַרט. זאָל ער לייענען. צו מסחר דאַרף מען זיין אַ קענער אין וועלט־זאַכן, האָט געקלערט יאָנאַס. אויב מען וויל זיין אַ גרויסער סוחר, אַ וועלט־סוחר, מוז מען קענען די וועלט.

די באָבע האָט אַנדערש געקוקט אויף דעם וואָס דאָס אייניקל האָט נישט קיין מינוט רו. זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט ווערן קראַנק פון צופיל אַרבעט, און זי האָט דאָס געזאָגט איר מאַן.

— יאָנאַס, ס'האַרץ איז מיר נישט רואיק, וואָס מרדכי אַרבעט אַזוי שווער. ער האָט נישט אַ רגע מנוחה. מיר טאָרן עס נישט דערלאָזן. אונדזער טאָכטער אין הימל זעט דאָס און זי וועט עס נישט וועלן ליידן.

יאָנאַס האָט געקוקט אויפן ווייב. אַ רגע נישט זיכער צי זי איז גע־רעכט; נאָר אַז עס האָט אַ שוועב געטון פאַר זיינע אויגן די געזונטע צורה פון זיין אייניקל, איז אים געוואָרן קלאָר, אַז די אַרבעט וועט אים נישט שאַטן און ער האָט באַרואיקט דאָס ווייב.

— רבקהכען, זיי רואיק, זאָרג נישט. אונדזער אייניקל וועט זיך נישט איבעראַרבעטן. ער וועט זיין געזונט און שטאַרק. דו ווילסט דאָך נישט ער זאָל אַרומגיין ליידיק ווי די זין דיינע.

נאָר דעמאָלט ווען יאָנאַס איז געווען זיכער, אַז מרדכי וואַקסט אַ גרויסער סוחר, איז געקומען צו אים דאָס אייניקל און צעשמעטערט אַלע זיינע פּלענער.

אין קראָם זענען דעם טאָג געווען אַ סך קונדן, מענער, פרויען, עט־לעכע האָבן מיטגעבראַכט קינדער. אַ טייל האָבן געקויפט פאַרן אייגענעם געברויך. די זענען געווען שכנים פון די אַרומיקע גאַסן און אויך פון ווייַ־טערע. עס זענען אָבער אויך געווען אַ פּאָר קרעמער פון שטאָט, וואָס האָבן

געקויפט סחורה צו פארקויפן. אלע קונדן זענען געווען באקאנטע. איינס ס'אנדערע האט געקענט און אלע האבן געקענט דאס פיליפס-געזינד און די פיליפסעס האבן זיי געקענט. און עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געוואלט בעסער ווערן באדינט פון יאנאסן, און אזעלכע וואס זענען גע־ווען צופרידן ווען רבקה האט זיי באדינט. מערסטנס די, וואס האבן געקויפט שניט-סחורה אויף א מלבוש. זיי האבן פארשטאנען, אז זי, ווי א מאמע, ווייסט בעסער וויפיל מען דארף אויף א מלבוש פון א קינד, און זי וועט נישט זיין אזוי שטרענג ביים מעסטן.

איז א גרעסערער עולם, דערהויפט פרויען, געשטאנען ביים טיש, הינטער וועלכן עס איז געשטאנען רבקה און האבן געדולדיק געווארט.

און רבקה איז נאר נישט געשטאנען כסדר הינטערן קראם־טיש — אלע ווײַלע האט זיך זיך אריינגעכאפט אין די שטובן הינטער דער קראם, געזוימט זיך א רגע און ארויסגעקומען א פארפלאמטע, שפיליענדיק א נערוועזע איר בלוזקע.

— נו, גיט מיר שוין, מרס. פיליפס — האט א פרוי זיך געבעטן נאכדעם ווי זי איז מיד געווארן פון לאנגן דינגען זיך.

רבקה האט געמאסטן די סחורה און דער קונה איז געשטאנען מיט ציטערניש איבער איר...

— לאזט צו א שטיקל, האט דער קונה זיך געבעטן.

רבקה האט נאכדעם ווי זי האט שוין געהאט אפגעמאסטן די מאס סחורה, וואס דער קונה האט געוואלט, צוגעלאזט אן עקסטרע שטיקל, און נאך א רגע ישוב, קוקנדיק אויפן קונד צי יענע איז צופרידן, צוגע־לאזט נאך א שטיקל און געזאגט:

— איך האב שוין צוגעלאזט מער וויפיל איר האט אליין געוואלט.

יאנאס איז געווען פארנומען מיט א שווארצן דינער פון א רייכן באלעבאס, וואס איז געקומען נאך ווײַן.

געווירצן האט אפגעוווגן פאר די קרעמער־קונדן מרדכי, דאס איי־ניקל, און זיי האבן געקוקט און באוואונדערט ווי געשיקט ער פארפאקט די סחורה.

מער ווי איינמאל האבן זיי אויסגעדריקט אפן זייער באוואונדערונג צו יאנאסן אדער צו רבקהן.

— גאלדענע הענט האט אייער אייניקל. ער פארפאקט די בשמים ווי רפואות, — האבן זיי געזאגט.

מרדכי האט געהערט און אביסל רויטס איז אים ארײַן אין פנים, און ער האט גארנישט געזאגט.

האָט דאָך יאָנאַס אוודאי נישט געהאַט קיין שום אורזאַך אַנדערש צו קלערן, נאָר אַז מרדכי וועט זיין אַ סוחר, אַ מזלדיקער סוחר, אַז ער טוט אַלץ געטריי און ער געפעלט אַלעמען. טאָ וואָס נאָך ברויך ער? די ברכה פון הימל? — וועט ער זי האָבן. דער ליבער גאָט וועט זיך דער־באַרעמען און אים בענטשן מיט הצלחה.

לאָזט זיך אויס, אַז מרדכי גיט זיך אַ שטעל־אוועק פאַר דעם זיידן, קוקט אים ערלעך, אָפן אין פּנים אַריין און זאָגט:

— זיידע, איך וויל בעטן אַ געפעליקייט, אַ גרויס געפעליקייט.

דאָס איז געווען נאָכן עסן און יאָנאַס האָט געגרויכערט די לאַנגע ליולקע, די לענגסטע ליולקע, וואָס האָט דערגרייכט באַלד צו דער ערד. שטיקער רויך ווי פּאַקעלס האָבן זיך געטראָגן אַרום אים, געבליבן שטיין און פון וויטנס האָט מען נישט געקאָנט זען, וואָס איז רויך און וואָס יאָ־נאַסעס ווייסע לאָקן.

יאָנאַס, וואָס איז געזעסן האַלב־אָנגעשפּאַרט אויפן שטול, האָט פון זיין אייניקלס רוּאיקע רייד געקראָגן אַ שטויס; ער האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָנלען און אָנגעשטעלט די אויגן אויפן פרעגער.

— באַדאַרפסט ערשט צו פרעגן, מיין קינד? זאָג וואָס דו ווילסט.

אָביסל איבערגעשראָקן, אָבער מיט פיל ליבשאַפט האָט ער געקוקט אויפן אייניקל.

און דאָס אייניקל האָט געזען דעם זיידנס ליבע בליקן, האָט ער ניט געזאָגט גלייך, וואָס ער האָט געוואָלט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען, גע־קוקט מיט געבעט און אויך מיט אַנטשלאָסנקייט אָפן אין זיין פּנים, און דאָך אַרויסגערעדט:

— איך טויג נישט פאַר קיין סוחר, זיידע.

דאָס איז ביי יאָנאַסן געווען אַ געלעכטער און ער האָט טאַקע גע־לאַכט און הויך אַריבערגעשריגן צו זיין ווייב:

— רבקהכען, הערסט, וואָס פאַר אַ שפּאַס־מאַכער אונדזער אייניקל איז? ער טויג נישט פאַר אַ סוחר, זאָגט ער, דו הערסט? וואָס זאָגסטו, באָבע זיינע? ער טויג נישט פאַר אַ סוחר?

דאָ האָט רבקה זיך אָביסל פאַרלוירן, נערוועז האָט זי געקנעפּלט איר בלוזקע. זי האָט געקענט דאָס אייניקל. ער רעדט נישט פון שפּאַס וועגן. עפּעס איז דאָ אין דעם נישט קיין אָנגענעמס. און זי האָט געזאָגט:

— וואָס הייסט, ער טויג נישט? אַזאַ יאָר אויף מיר, ליבער גאָט ער טויג שוין גאָר!

— דו וועסט זיין אַ גרויסער, אַ באַרימטער סוחר. וועסט אַלעמען

איבערשטייגן — האָט דער זיידע גערעדט צו אים. — אַזוי זאָג איך, אַזוי זאָגט די באָבע, דאָס ווילן דיר אַלע זאָגן. דו פאַרקויפסט גוט. דו באַרעכנסט אָן אַ טעות. דו פאַרפאַקסט סחורה ווי אַן אַפּטייקער. קיינער וועט זיך נישט גלייכן צו דיר.

דאָ האָט שוין דאָס יינגל אַוועקגענומען די אויגן פון זיידן און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב עס אָבער נישט ליב. ס'איז מיר דערווידער, זיידע. איך ווייס, איך האָב נישט קיין הנאה פון שטיין אין קראָם.

רבקה איז געוואָרן גאָר צערודערט. זי האָט פון אָנפאַנג־אָן דערשפּירט, אַז ס'איז ערנסט. זי האָט נישט געמאַכט קיין טעות. און יאָנאַס איז געוואָרן צעטומלט. אויף אַ רגע איז אים דורכגעלאָפן אין מוח אַ געדאַנק ווי אַ פליג: ער רעדט זיין טאַטנס רייד.

דער שטאָך איז געווען אַ שטאַרקער. דער געדאַנק, וואָס איז דורכגעפלויגן ווי אַ פליג אים אין מוח, האָט אים געגעבן אַ טיפן ביס, און ער האָט גערעדט צו אים ווי צו אַ גרויסן, שטרענג, שטראָפיק:

— וואָס דען, דענקסטו, האָסטו ליב? פון וואָס דען וואָלסטו געהאַט הנאה?

געציטערט האָט יאָנאַס, דאָס אייניקל זאָל נישט ווייטער צו אים רעדן אַזוי, וואָס זאָל אים דערמאָנען אין זיין פאַרשוווּנדענעם איידעם. ער האָט מורא געהאַט צו הערן יענעמס ווידערקול.

— זיידע, איך וויל זיין אַ שרייבער. שרייבן אין די גאַזעטן, שרייבן פאַרן טעאַטער.

די רייד האָבן דווקא באַרואיקט יאָנאַסן, פאַרטריבן די שרעק זיינע.

שטאַרק צופרידן איז יאָנאַס נישט געווען מיט זיינע צוויי זין, נפתלי דעם שרייבער און אהרן דעם אַקטיאָר. ער האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף ליידיקגייער. דאָך האָט ער עפּעס געהאַט אַפּשיי פאַר זיי. דער שרייבט, יענער שפּילט. ווי ער האָט נישט געהאַלטן פון טעאַטער, האָט ער אָבער דאָך געוווּסט, אַז די גרעסטע לייט גייען אין טעאַטער. וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן גייען אין טעאַטער. דאָס איז נישט זיין אַ שוחט, ווי זיין איידעם האָט שטענדיק געוואָלט זיין. דאָס איז נישט זיין אַ משועבד צו קהל. און ווען מרדכי האָט געזאָגט צו אים, אַז ער וויל שרייבן אין די גאַזעטן, שרייבן פאַרן טעאַטער, האָט עס אים באַרואיקט. ניין, דאָס רעדט נישט אַרויס פון אים דער פאָטער זיינער.

ער האָט אָבער נישט איינגעזען, אַז ביז ער וועט ווערן אַ שרייבער, זאָל ער נישט קענען שטיין אין דער קראָם.

— געזונטערהייט! — האָט יאַנאַס אים געזאָגט שוין נישט מיט דער פריערדיקער שאַרפקייט. — ווער דיר געזונטערהייט אַ שרייבער. נאָר פאַרוואָס קאָנסטו נישט איינוועגס זיין אויך אין קראָם? קיינער וועט נישט שטיין איבער דיר און ציילן דיינע טריט. וועסט שרייבן וויפיל עס וועט זיך דיר גלוסטן און ווען דו וועסט נישט שרייבן, וועסטו שטיין אין קראָם.

מרדכין איז געווען שווער זיך צו שפּאַרן מיט דעם זיידן, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ער האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט באַהאַלטן און ער האָט ווייטער גערעדט צו אים:

— איך טאָר נישט שטיין אין קראָם, זיידע. איך פיל, אַז עס שטערט מיר. איך וועל נישט קאָנען שרייבן, ווען איך וועל שטיין אין קראָם.

יאַנאַס איז געוואָרן אין כעס. ער גיט אים נאָך, אַז ער מעג זיין וואָס ער וויל, און ס׳איז אים נישט גענוג.

— הער נאָר, פּונקט ווי אַ יינגעלע ווי דו דאַס אַלץ אַזוי גוט?

צום ערשטן מאָל האָט דאָס יינגל געהערט פון זיין געטרייען, ליבן זיידן אַזעלכע רייד, אַזאַ טאָן; אויף דער רגע פון כעס האָט יאַנאַס פאַרגעסן, אַז זיין אייניקל האָט שוין צוגעזען און דורכגעלעבט גענוג צרות, וואָס האָבן אים געמאַכט, אויב נישט אַלט, איז דערפאַרנד.

— עס שטערט מיר איצט — האָט געזאָגט מרדכי. — איך שרייב און איך האָב נישט קיין צייט, האָב נישט דעם קאָפּ, זיידע. איך טאָר נישט שטיין אין קראָם.

מיט דער ליולקע, וואָס איז שוין געווען אויסגעגאַנגען, האָט יאַנאַס אַן אויפגערעגטער, געאַרבעט ווי מיט אַ שטעקן, געוואָרפן אַהין, אַהער, ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט אָפּטרייבן פון זיך עפּעס נישט אָנגענעמס, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים. אַ שווערער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ און ווען דאָס אייניקל האָט דאָס דערהערט, האָט עס אים מיטגעריסן אַ שטיק פון זיין האַרץ.

די באָבע רבקה איז געשטאַנען אָפּגערוקט און די פיס זענען איר געוואָרן שוואַך — עס זאָל זיך נאָר אויסלאָזן בשלום, האָט זי געטראַכט.

— אייניקל מיינס, די קראָם געפעלט דיר נישט, ווילסט נישט זיין קיין סוחר, איז נישט, זיי נישט. איך וועל דיך נישט צווינגען — האָט יאַנאַס געזאָגט.

כאָטש ער האָט גערעדט האַרט, האָט דאָך רבקה דערהערט ווייכ־

קיט אין זיינע רייד און עס איז איר געוואָרן גרינגער — די סכנה איז אריבער. יאָנאַס צאָרנט נישט.

— אַ דאַנק, זיידע, אַ גרויסן דאַנק, — האָט דאָס יינגל געזאָגט. — איך וויל אָבער נישט ארומגיין ליידיק. איך וויל ווערן אַ שניצער.

דאָס איז געווען אַ גוט פאַך. אַ גוטער שניצער האָט גוט פאַרדינט, און עס זענען געווען שניצערס, וואָס האָבן אויך געהאַט קראָמען. זיי האָבן נישט געוואַרט אויף באַשטעלונגען, נאָר האָבן געמאַכט גרייטע ארבעט. האָט יאָנאַס זיך געלאָזט ריידן און רבקה האָט פון אַ זייט נישט אראָפּ־גענומען די אויגן פון אים, געציטערט צו זען, וואָס ער האָט וועגן דעם צו זאָגן.

— אַ שניצער? וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן צו זיין אַ שניצער? דו מיינסט ביי סימפּסאָנען? פון וואַנען ווייסטו, אַז ער וועט דיך וועלן צונעמען?

רבקה האָט שוין געשמייכלט און דאָס יינגל האָט אויך אויפגעהערט צו זיין אַזוי ערנסט. ער האָט קוים געטון אַ שמייכל און געזאָגט:

— ער וויל מיך נעמען אויף־דער־לער. איך האָב פריער גערעדט מיט אים.

יאָנאַס האָט געשוויגן אַ ווײַלע און ביסלעכווייז איז צעגאַנגען די הארטקייט פון זיין פּנים, און אַנשטאָט דעם האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— רבקהכבען! — האָט ער זיך אָנגערופן, — אונדזער איינינקל וואַקסט אַ סוחר, אַ פּראַקטישער סוחר. דו הערסט, נאָך איידער ער האָט מיט מיר גערעדט, איז ער שוין געוואָרן פּארטיק מיט סימפּסאָנען. אַזוי טוט אַ גוטער סוחר.

מיט אַ לאַנגער צוואַנג האָט ער פון אויוון ארויסגענומען אַ קויל און אָנגעצונדן די ליולקע, לאַנג דורשטיק געצויגן דעם רויך און אַז דער רויך האָט זיך שוין געטראָגן שטיקערווייז ארום אים און איבער אים, ער האָט שוין געהאַט אַ פולן האַלדז אויך, און זיין רויך־נייגעריקייט איז געווען געשטילט, האָט ער זיך צוריק אָנגעלענט באַקוועם און געזאָגט:

— ווער אַ שניצער.

און ערשט איצט האָט רבקה ארייַנגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

— אַז דער ליבער גאָט וויל געבן הצלחה, איז אַלץ גוט.

***

מרדכי האָט זיך געשטעלט לערנען ביי דעם שניצער אביעזר סימפּ־סאָן, אַ קווייקער מיט אַ העברעאישן נאָמען, וואָס איז שטענדיק געגאַנ־

געז אין הוט און איטלעכן אנגערופן ביים צווייטן אדער גאר ביים ערשטן נאמען.

אויף צען יאר האט מרדכי נח, דאס עלף־יאריקע יינגל, זיך פאר־בונדן מיטן שניצער.

— א טאג נישט ווייניקער, מארדעקאי, פון צען יאר מוזטו זיין ביי מיר אויף דער לער — האט דער פרומער קווייקער געזאגט צום יינגל. — איידער דו ווערסט אלט 21 יאר, וויל איך דיך נישט ארויסלאזן אויף דיין אחריות. ווילסטו איז גוט; אנישט, זאל דיך גאט בענטשן סיי ווי. דאס זענען מיינע באדינגונגען.

— איך באשטיי — האט געזאגט מרדכי. — איך מוז אבער האבן מיין זיידנס דערלויבעניש.

— גאר גאטס ווילן דארפסטו האבן, מארדעקאי, נישט קיין דער־לויבעניש פון א מענטש — האט אים דערווייל געלערנט דער קוויי־קער. — נאר אויב ביי אייך האלט מען דאך אנדערש, קאנסטו רעדן צו פיליפסן פריער.

יאנאס איז אוועק צו סימפסאנען, וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו שניצן אויף א מינוט פאר דער גאנצער צייט פון זייער שמועס.

אנגעטון אין הוט איז געשטאנען דער לאנגער, דארער סימפסאן ביי זיין ווערקשטעל, געטראטן מיט א פוס אויף א ברעטל און א ראד האט זיך געדרייט, און מיט דעם שניצמעסער האט ער געגלעט א שטעקן, וואס האט זיך געדרייט שנעל, ווי עס וואלט געוואלט אנטלויפן פון דעם גלעטן — און פון יעדן גלעט האט זיך א שטיק לייב אפגעריסן פון דעם שטעקן, געפלויגן רעכטס, לינקס, ארויף, אראפ, צעשפריצט זיך און פון דעם אלעם זענען ארויסגעקומען מאדנע שיינע פיגורן.

— גוט מארגן, מיסטער סימפסאן — האט געזאגט יאנאס, אראפגע־נומען דעם הוט און געוואלט ריידן ווייטער.

אבער דער שניצער האט אויסגעדרייט צו אים א האלב פנים, וואס איז געווען איינגעפאלן, ווי אויסגעשניצט מיט דעם שניצמעסער, און געזאגט:

— גוטמארגן! נאר ווער בעט דיך, פיליפס, מיר זאגן מיסטער? סימפסאן אליין איז נישט גענוג? און קאנסט דיר צוריק אנטון דעם הוט. פאר מיר דארפסטו נישט אראפנעמען דעם הוט. יידן איז דאך, דאכט זיך, פארבאטן אויסצוטון דעם הוט.

האט יאנאס אנגעטון דעם הוט און געטראכט זיך, אז יידן זענען

נישט די איינציקע, וואָס ווילן נישט גיין מיט א בלויזן קאָפּ און אז זיי, די גויים, זענען אָפּגעהיטענער ווי עס זענען יידן.

— נו, איך ברויך נישט דיין הסכמה, פּיליפּס, — האָט געזאָגט דער קווייקער, אַרבעטנדיק מיטן מעסער, — דיין אייניקל וויל, אַז דו זאָלסט אים דערלויבן. איז ווי: דו דערלויבסט אים, פּיליפּס?

— סימפּסאָן, האָסט גאָר נישט קיין איינזעעניש, וואָס דו ווילסט, אַז עֶר זאָל זיך צובינדן צו דיר ביז 21 יאָר. צען יאָר זאָל ער דיך דינען, מער ווי יעקב, אונדזער פּאָטער, פאַר רחלען, און ער בעט דאָך ביי דיר נישט דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

— דו קוק בעסער אריין אין די הייליקע שריפטן, איידער דו ווילסט עפּעס נאָכזאָגן פון זיי, פּיליפּס, — האָט דער שניצער אויפגעהערט צו אַרבעטן. — דזשייקאָב האָט געדינט פאַר איר פערצן יאָר. דאָס איז מער ווי צען, ניין, פּיליפּס? מיט די הייליקע שריפטן דאַרף מען זיין פאָרזיכ־טיק. גאָטס ווערטער טאָר מען נישט פאַרדרייען. און וואָס דו זאָגסט וועגן האָבן איינזעעניש — דאָ האָט ער צוריק אָנגעהויבן אַרבעטן — האָב איך שוין גאָר אמת איינזעעניש מיט דעם יינגל. פאַר איין און צוואַנציק יאָר איז נישט גלייך אים ארויסצולאָזן פאַר זיך, אויף זיין אייגן אחריות. עס איז נישט די מלאכה, וואָס ער דאַרף לערנען, מען דאַרף אים אינאייננ־וועגס דערציען. און איך וויל דאָך נישט אומזיסט. נאָך פינף יאָר וועט ער ביי מיר קריגן געצאָלט. נאָר מיר צוליב מוזטו נישט געבן קיין דערלויבע־ניש. דאָס וויל ער, דער יינגל דיינער, דיין הסכמה.

ווען ער האָט גערעדט, זענען זיינע צוויי געזעלן, גרויסע יונגען גע־שטאַנען און געאַרבעט, נישט אָוועקגענומען די אויגן פון דער מלאכה. מען האָט אָבער געזען, אַז זיי הערן זיך צו מיט גרויס דרך־ארץ צו זייער באַלעבאָס רייד.

קינדער, גרעסערע און קלענערע יינגלעך און מיידלעך, זענען אַריינ־געקומען. אָבער ווייטער פון דער שוועל זענען זיי נישט געגאַנגען. ניי־געריק, אָבער מיט מורא, זענען זיי געשטאַנען, די יינגלעך אין די היטע־לעך און די מיידלעך מיט הייבלעך — אַלע מיט פאַרדעקטע קעפּ געשטאַ־נען, געקוקט אויף דעם הויכן, ברייטפּלייציקן יידן מיט די ווייסע לאָקן און אויף דעם הויכן יינגל מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן נעבן אים.

א מאָדנער גוי, האָט געטראַכט יאָנאָס. קיין נייעס איז עס אפילו נישט. דער שניצער איז אַ מאָדנער מענטש. אַלע קווייקערס זענען מאָדנע מענטשן. אַנדערש פון די אַנדערע גויים. אָבער נישט אַלע קווייקערס זע־נען אַזוי אָפּגעהיט ווי דער דאָ. אַזאַ שטרענג־אָפּגעהיטענעם ייד האָט יאָ־

נאָס פיליפּס שוין נישט געזען יאָרן און יאָרן. דאָ, אין דער נייער וועלט, זיכער נישט. אין דער היים, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, האָט ער געזען אַזעלכע ייִדן. אויך נישט אַלע ייִדן אין דער היים זענען געווען אַזעלכע אָפּגעהיטענע ווי דער גוי דאָ. יאָנאָס האָט געזען, אַז מיטן אויסטענהן זיך מיט דעם גוי וועט ער גאָרנישט אויספירן. ס'איז נאָר אָדער יאָ אָדער ניין.

ער האָט אַוודאי געוואָלט זאָגן ניין. עס וואָלט געווען אַ זינד קעגן גאָט און אַ נאַרישקייט פאַר מענטשן איינצושפּאַנען אַ קינד ביי דעם שני צער אויף צען יאָר. ער קאָן דאָך נישט מסכים זיין צו פאַרדינגען אים דאָ פאַר אַ קנעכט אויף אַזוי פיל יאָרן. ער וועט זאָגן ניין.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, סימפּסאָן, — האָט יאָנאָס אָנגעהויבן צו ריידן. — איך וועל דאָס נישט דערלויבן. איך קאָן דאָך דאָס נישט טון מיט מיין גוטן ווילן, סימפּסאָן.

— נאָ, פיליפּס — רעדט זיך דער שניצער רואיק. — דיינע רייד דאַרפסטו נישט ווענדן צו מיר, נאָר צום ייִנגל. איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וואַרט נישט אויף דיין דערלויבעניש. זאָג צו אים, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

האָט טאַקע יאָנאָס נישט געוואָלט רעדן ווייטער צום שניצער. וואָס ער וועט רעדן, וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, איז ער געווען זיכער. מרדכי האָט געשוויגן. ווען ביידע זענען צוזאַמען, האָט ער נישט געוואָלט רעדן צום זיידן און אַז יאָנאָס האָט אַ וווּנק־געטון צום דעם אייניקל, איז ער אים נאָכגעגאַנגען.

— אַ גוטן טאָג, סימפּסאָן.

— אַ גוטן טאָג, פיליפּס.

נאָר מרדכי האָט אויסגעפירט. דער זיידע האָט אים געגעבן דערלויבעניש צו פאַרדינגען זיך אויף 10 יאָר, ביז ער וועט אַלט ווערן 21 יאָר, ביים שניצער צו לערנען די מלאכה.

דאָס איז אַלץ געטון געוואָרן געזעצלעך, געמאַכט אַ קאָנטראַקט, וואָס האָט זיכער און פעסט געבונדן ביידע צדדים, און דער קאָנטראַקט האָט געקאָנט ווערן בטל נאָר מיט דער הסכמה פון ביידע צדדים.

דאָס, וואָס מרדכי האָט געקענט גוט רעכענען, איז דווקא געווען גוט פאַר דער אַרבעט. ער האָט געקאָנט אויסרעכענען פלינק, מיטן אויג, די מאָס פון שטיק אַרבעט, האָט געקאָנט אָפּשאַצן אויפן קוק, וויפיל מען דאַרף האָבן מאַטעריאַל אויף אַ באַשטעלונג.

נאָר נישט אין אָנהויב איז עס אַזוי געווען. אין אָנהויב איז ער גאָר־

נישט צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אַפילו נישט געקאָנט זיך צוקוקן ווי מען אַרבעט. ער האָט געהאַט אַ סך אַרבעט. אַלץ האָט ער געדאַרפט טון אין הויז: די אַרבעט אין ווערקשטעל און די אַרבעט אין קיך און אין שטאַל.

איבער דער ווערקשטעל זענען געשטאַנען שטיקער מעבל אָנגעהויבענע, באַלד פאַרטיקע און אינגאַנצן פאַרטיקע. דאָס אַלץ איז געשווומען אין אַ ים שניצעכץ — שניצעכץ, וואָס איז געלעגן געדרייט ווי שלאַנגען און שניצעכץ ווי זאַמד, אויסגעשאָטן אויפן דיל.

דאָס שניצעכץ האָט געדאַרפט אַוועקרוימען מרדכי, דער נייער לערן־יונג. ביז ער איז געקומען, האָט עס געטון דער ייִנגערער פון די צוויי געזעלן. איצט, אַז דער נייער איז געקומען, איז יענער אַריבערגעגאַנגען אויף אַ העכערער שטופע.

— נעם־צו דאָס שניצעכץ, מאָרדעקאַי.

און וויפיל מרדכי האָט נישט צוגענומען שניצעכץ, איז נישט געוואָרן ווייניקער; ווי דער ים, וואָס וויפיל מען שעפּט נישט פון אים, קאָן מען אים נישט אויסשעפּן.

— מאָרדעקאַי, מען ברויך דיך אין קיך.

— גיס מיר אָן אַ טון וואַסער — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע.

דאָס פּאַמיעשאַף גייט שוין איבער, מאָרדעקאַי.

אביעזר סימפּסאָן דער קווייקער האָט אָבער נישט פאַרנומען דעם נייעם לערניונגס צייט מיט טון בלויז שטוב־אַרבעט. ער האָט אים אויך געלערנט מידות, ווי אַ מענטש דאַרף זיך פירן, און ער האָט אים דערציילט מעשיות, וואָס פון זיי קאָן מען זיך אַראָפּנעמען אַ לערע ווי אויפצופירן זיך.

— מאָרדעקאַי, זאָל דיר נישט איינפאַלן, אַז דו אַרבעטסט צו שווער — האָט דער קווייקער אים געזאָגט. — קיין אַרבעט איז נישט צו שווער. נאָר פאַר דעם פוילן מאַן איז אַרבעטן שווער. ווייל איז דעם מענטש, וואָס אַרבעט. זיס איז דער שלאָף פון דעם, וואָס אַרבעט, זאָגן די הייליקע שריפטן. דורך אַרבעט וועסטו ווערן אַ מענטש, צו גאָט און צו לייט.

אויב אַרבעט מאַכט אַ מענטש פון דעם, וואָס אַרבעט, האָט מרדכי זיך פאַרנומען אויפן וועג פון ווערן אַ מענטש. ווייל ער האָט געאַרבעט שווער, זייער שווער.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט געהאַט קיין חרטה. קיין סך צייט איז אים נישט געבליבן אויף לייענען און נאָך ווייניקער אויף שרייבן. ער איז

אָבער געווען צופרידן, וואָס ער איז נישט קיין סוחר, וואָס ער מוז נישט שטיין אין קראָם.

יעדעם ברעקל צייט, וואָס ער האָט געקאָנט אָפּרייסן, איז ער אוועק אין ביבליאָטעק און שפּעט ביינאַכט איז ער געזעסן און האָט געשריבן.

באַשריבן האָט ער מערסטנס געשעענישן פון שטאָט; באַשריבן זיי מיט ליוב אָדער טאַדל, לויט דעם ווערט פון דער געשעעניש.

וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער געלייענט פאַר די פעטערס. נישט פאַר ביידן צוזאַמען, נאָר איינציקווייז. דעם עלטערן, נפתלי, דעם שרייבער, איז זיין שרייבן געפעלן, אָבער אהרנען, דעם אַקטיאָר, האָט ער אַנטציקט מיט זיינע זאַכן.

— פּלימעניק מיינער, איך, דער גרויסער אַקטיאָר, דיין פעטער, וועל גאָר אינגיכן נאָך שפּילן אין דיינס אַ פּיעסע. דער פעטער מיט דעם פּלימעניק וועלן איינגעמען פילאַדעלפיע. וואָס זאָג איך פילאַדעלפיע? מיר וועלן איינגעמען די וועלט!

מרדכי-נח קריגט אַ רעגירונגס-שטעלע

עטלעכע יאָר האָט מרדכי־נח אַזוי געאַרבעט. ער איז שוין געוואָרן בר־מצווה, האָט געלייגט תפילין, געוואָרן געזעצלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, כאָטש ער האָט שוין יאָרן פריער געפילט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. דערצו נאָך האָט ער געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין שוועסטערל.

ער האָט נישט גערעדט וועגן דעם מיט קיינעם. די שוועסטער זיינע איז געווען איינע פון זיינע הויפּטגעדאַנקען, וואָס איז אים קיינמאָל נישט אַרויס פון זינען.

וואַשינגטאָן איז שוין געוואָרן אויס פּרעזידענט. מען האָט אים שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל זיך לאָזן אויסקלייבן אַ דריט מאָל, האָט ער אָבער נישט געוואָלט מער.

ער, דער ערשטער פּרעזידענט פון באַפרייטן לאַנד, איז אוועק אויף זיין גוט אין מאָונט וואָירנאָן. ער רוט זיך אָפּ פון דער שווערער אַרבעט.

מען זאָגט אפילו, אַז ער רוט נישט. ער אינטערעסירט זיך מיט דער נייער הויפּטשטאָט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן. נישט ווייט פון זיין היים איז דאָס אָרט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן.

פיל פילאַדעלפיער איינוווינער זענען געווען שטאַרק קעגן דער נייער הויפּטשטאָט, וואָס ווערט דאָרטן אויסגעפּלאַנט.

זיי האָבן נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס מען גייט אָפּטון דעם כבוד פון זייער שטאָט. זיי האָבן ארויסגעלייגט אַלערליי טענות, געהיצט זיך קעגן דער שווערער באַליידיקונג פאַר דער איינציק־באַרעכטיקטער הויפּט־שטאָט.

פילאַדעלפיע איז דאָך די מוטער פון באַפרייטן לאַנד! — האָבן די קעגנער פון דער נייער הויפּטשטאָט געשריגן. — דאָ איז אויפגעשריבן געוואָרן דער רוף צו פרייהייט; פון דאַנעט איז ער געוואָרן אויסגערופן. פון הי איז די פרייהייט געוואָרן אויסגעקלונגען איבער דעם גאַנצן לאַנד. פילאַדעלפיע האָט דעם פרייהייטס־גלאָק. ווילן זיי דאָס אַלץ ביי איר צונעמען?

אָבער הינטער די אַלע טענות וועגן פילאַדעלפיעס כבוד איז געלעגן אַ פּראַקטישע מורא: די הויפּטשטאָט, וואָס האָט מיט איר סביבה די גרעסטע צאָל איינוווינער זאָל אָנהויבן צו גיין אַרונטער. די גרויסע שטאָט זאָל נישט אָנהויבן איינשרומפּן און אַנדערע וועלן זי איבערשטייגן.

מיט דער רעגירונג אין שטאָט איז געווען גרויס די פּרנסה. די שטאָט איז געוואַקסן מיט שטענדיקע איינוווינער און געשעפטן, און די צאָל באַזוכער איז אויך גרויס. ווער נאָר עס דאַרף אָנקומען צו דער רעגירונג, מוז קומען קיין פילאַדעלפיע, און צו קיין באַזוכער דערלייגט מען נישט. עס פאַרדינען די קרעמער, די גאַסט־הייזער, די בעלי־מלאכות און די אַד־וואָקאַטן. יעדן איינעם קומט אַריין דערפון, וואָס דאָס איז די הויפּט־שטאָט.

און אָט־די גאַנצע שפע, וואָס קומט אַריין דורך דער רעגירונג, וויל מען צונעמען ביי דער שטאָט, ביי די איינוווינער. די רעגירונג וועט אַוועק און מיטנעמען מיט זיך דאָס גאַנצע ביסל גוט מזל. אַלע קוואַלן פון פּרנסה וועלן אויסטריקענען. אַ העלפט וועט ווערן פון שטאָט און די פאַרבליבע־נע העלפט וועט זיך מוזן אַוועקלאָזן איבער די הייזער.

די דאָזיקע מורא האָט ווי שווערע שטיינער געדריקט אויף די הער־צער פון פיל פילאַדעלפיער און אַרויסגערופן אַ סך רוגז און בייז בלוט.

אַ גליק איז געווען, וואָס עס האָבן זיך געפונען שווערגלויביקע, וועל־כע האָבן צונישטגעמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן. זיי האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס וועט קומען דערצו.

עס וועט בלייבן ביים בלויזן רעדן — האָבן זיי געזאָגט זיכער און

דערווייל געהויבן צוביסלעך דעם מוט ביי די שרעקעוודיקע, געטרייסט זיי און באַרואיקט.

אביעזר סימפּסאָן דער קווייקער האָט אוודאי אויך געהאַט זיין מיי־נונג וועגן דער פראַגע, ווי ער האָט געהאַט אַ מיינונג וועגן יעדער זאַך, געזאָגט זיין מיינונג וועגן אַלצדינג.

מרדכי נח, זיין לערניונג, האָט ליב געהאַט צו הערן דעם קווייקער רעדן. כאָטש ער האָט, נאָך אַ שטיקל צייט פון זיין אונטער זיין באַלקן, געוווסט פאַראויס, וואָס דער שניצער וועט זאָגן וועגן אַ געשעעניש, האָט ער ליב געהאַט צו הערן זיינע רייד, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַזאַ אָפענער ערלעכקייט, און שטענדיק האָט ער באַפעסטיקט זיינע רייד מיט פּסוקים פון די הייליקע שריפטן. מרדכי האָט ליב געהאַט סיי די שפּראַך, ווי דעם אינהאַלט פון די הייליקע שריפטן און מער ווי איינמאָל האָט ער געשמייכלט פאַר זיך ווי די הייליקע שריפטן האָבן דעם קווייקער אַלע־מאָל צוגעטראָפן.

ווען דער טאָקער האָט אויסגעפונען אַז זיין נייער לערן־יונג קאָן גאַנצע קאַפּיטלען, אויב נישט גאַנצע ביכער פון די הייליקע שריפטן אויף אויסנווייניק, האָט ער זיך אַלעמאָל געקערט צו אים ווען ער האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגן וועגן אַ שטאָט־זאַך.

— הער נאָר, מאָרדעקאַי, דערמאָנט דיר דאָס נישט דעם און דעם פּסוק אין די הייליקע שריפטן? — האָט ער אים געפרעגט און אָפט אים אַרויסגערופן — אַנו, ווי שטייט דאָרט ווייטער?

ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן, דאָס ראָד האָט זיך שוואַכער גע־דרייט, נאָר מיטן אימפּעט פון פריער. און אַז מרדכי האָט אים צוליב גע־טון — אים איז עס ניט געווען אַזוי ליב צו טון — איז דאָס ערנסטע פּנים פון דעם קוועיקער געוואָרן ווייכער און ענערגישער האָבן געאַרבעט ביי אים פּיס און הענט.

דער קווייקער איז נישט געווען, ווי מען האָט געקענט מיינען, שלעכט צום לערן־יונג. דאָס וואָס מרדכי האָט געאַרבעט שווער איז נישט גע־ווען קיין אויסנאַם מיט אים אַליין. אַלע ביי סימפּסאָנען האָבן געאַרבעט שווער, די געזעלן, די קינדער, דאָס ווייב און ער, אביעזר סימפּסאָן, ניט ווייניקער.

איטלעכער איז געווען פאַרנומען מיט זיין אָדער איר אייגענעם עול. פונדעסטוועגן האָבן אַלע צייט געהאַט צו באַטראַכטן דעם לערן־יונג פאַר העכער ווי עס זענען געווענלעך לערן־יונגען. נאָך אַ ייִנגל, דאַכט זיך, און

קיינער קאָן זיך נישט פאַרגלייכן צו אים מיט זיינע געלערנטע ענטפערס אויף דעם באַלעבאָס פראַגן.

דאָס יאָ, רעספּעקט האָבן זיי געהאַט פאַר אים אָבער אַ ווילן אים אַרויסצוהעלפן, פאַרגרינגערן די שווערע אַרבעט — נישט. יעדער האָט געהאַט זיינס געַנוג.

נאָר איינע פון אביעזרס טעכטער איז געווען אַנדערש. זי איז געווען אַ יאָר עלטער פאַרן יינגל, אביגאיל האָט זי געהייסן. דער קוועקער האָט ליב געהאַט דעם ביבלישן „אבי". זיין פאָטער האָט אים אויך געגעבן אַ נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט „אבי": אביעזר. האָט ער זיינע קינדער געגעבן ביבלישע נעמען, מערסטנס מיט דעם אָנהויב „אבי".

אביגאיל, וואָס כאָטש זי איז געווען אַ יאָר עלטער פון מרדכין, האָט זי אים קוים דערגרייכט ביז צו די אַקסלען, האָט אויסער איר איינענעם שווערן עול געקרעכצט אויף דעם שווערן עול פון דעם לערן־יונג.

אַ פרומע, מיט דעם איינגעהילטן קאָפּ אין דער הויב, איז זי געווען אַ צוריקגעצויגענע, גערעדט ווייניק, ווי דער פאָטער האָט געלערנט די קינדער צו זיין. איז זי אָן רייד אויסגעוואַקסן לעבן מרדכין ווען ער האָט געהאַלטן אין טראָגן עמערס וואַסער. זי האָט צוגעליינט איר האַנט, אַ קליינע נאָך, צו אַן עמער, געוואָלט אים אַרויסנעמען און געזאָגט שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— שווער.

מרדכי וואָלט פאַר קיין פאַל אויף דער וועלט נישט געלאָזט אַ מיידל זאָל ביי אים אַרויסנעמען אַן עמער וואַסער פון האַנט. האָט ער פעסט גע־האַלטן די עמערס און געזאָגט מיט אַ פאַרזיכערנדיקן טאָן:

— אַ האָר נישט שווער — און אַ הויב געטון די עמערס — גרינג ווי אַ פעדער.

דאָס מיידל האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט דעם עמער.

— איינער איז גענוג פאַר דיר — האָט זי געזאָגט.

— זעקס וואָלטן אויך געווען פאַר מיר גאָרנישט — האָט ער גע־זאָגט נישט צו באַרימען זיך, נאָר צו ווייזן איר, אַז ער שטרענגט זיך נישט אָן.

אוועקגעגעבן איר אַן עמער האָט ער נישט געוואָלט. נאָר אָנהאַלטן איינעם פון די עמערס האָט ער זי געמוזט לאָזן. זי האָט זיך צוגעשטעלט צו אים און אויפגעהויבן אַ פּאָר בלויע, גוטע אויגן. האָט ער אַ שטיקל וועג זי געלאָזט אים העלפן ביז זיי זענען געקומען נישט ווייט פון הויז.

א שכן, וואָס האָט דאָס געזען, האָט דאָס גלייך צוגעטראָגן דעם שני־צער מיט א גלייכוועדטל. ער באַרעדט קיינעם נישט, דערציילט נישט קיין שום רכילות.

— אביעזר, וואָס איז פּיליפּסעס איינִיקל ביי דיר: א לערן־יונג אָדער א חתן? — האָט ער געזאָגט און געלאַכט.

—וואָס עפּעס א חתן?

— אביגאיל האָט געטראָגן מיט אים צוזאַמען וואַסער — און ער האָט געוויזן ווי אַזוי און געלאַכט.

געמיינט האָט דער שכן, אַז דער קוועיקער וועט זיך אָנצינדן, וואָס זיין מיידל פירט זיך אַרום מיט דעם יונג, איז אים דאָס געלעכטער אָבער געבליבן שטיין אין האַלדז ווען ער האָט דערזען, אַז דער שניצער ווערט נישט אין כעס און ער דאַנקט אים נאָך פאַר דער בשורה.

— דאַנקעס, איך בין זייער צופרידן וואָס דו האָסט מיר דאָס דער־ציילט. האָסט מיר אָנגעזאָגט א בשורה. האָט דאָך מיין אביגאיל א גוט האַרץ. זי פּאָלגט דאָך וואָס די הייליקע שריפטן לערנען אונדז צו העלפן איינער דעם צווייטן.

יאָנאַס האָט נישט געשטערט זיין איינִיקל צו טון וואָס ער וויל — אפילו זיך פאַרבינדן אויף צען יאָר מיט דעם קוועיקער. עס האָט אים אָבער נישט געלאָזט רוען וואָס מרדכי, א יינגל מיט אַזא גוטן קאָפּ, זאָל זיין א בעל־מלאכה, זאָל זיינע טעג נאָר אַוועקגעבן צו אַרבעטן אין האָלץ.

דאָס וואָס ער מוז אַרבעטן אַזוי שווער האָט אים אויך פאַרשאַפט זאָרג, נאָר פאַר אַרבעטן שווער האָט יאָנאַס זיך קיינמאָל נישט דערשראָקן. וואָס אים האָט פאַרדראָסן דער עיקר איז געווען, וואָס זיין איינִיקל איז א האָלץ־אַרבעטער.

מער ווי איינמאָל האָט ער געקלערט ווי מען וואָלט געקאָנט אַרויס־נעמען מרדכין פון זיין קנעכטשאַפט. פאַר דעם אַלטן איז זיין קאָנטראַקט מיט דעם שניצער געווען איינפאַכע קנעכטשאַפט. ער האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט אים זאָגן, אַז ער זאָל אַוועק פון דאָרטן, ווייל דער קאָנ־טראַקט האַלט אים ווי געשמידט אין קייטן,, און וואָס וועט ער אים פאַר־לייגן צו טון. אַז ער איז דאָך אַנטלאָפן פון האַנדל?

רוען האָט עס אים אָבער נישט געלאָזט. עס האָט נישט אויפגעהערט צו בייסן, צו עסן אים טיף אין האַרץ, ריידן דערוועגן האָט ער אָבער נישט געוואָלט. ער וועט נאָר פאַרגרעסערן דעם פאַרדראָס מיט זיינע רייד.

און דווקא ווען ער האָט זיך נישט געריכט אויף קיין הילף אין דער זאַך איז זי געקומען לייכט און גיך.

ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם פינאַנץ־מכשף פון דער רעוואָלוציע, מיט ראָבערט מאָרים, אַן אַלטער פריינט זיינער, און צערעדנדיק זיך וועגן פאַרשידענע זאַכן האָט ער אים דערציילט זיין עגמת נפש וועגן אייניקל.

דאָס האָט אַ הויב געטון מאָריסן.

— אַ שניצער? איר שפּאַסט! אַזאַ פּעאיק יינגל און פאַרבונדן אויף צען יאָר? אומגלויבלעך! — האָט ראָבערט מאָרים געזאָגט. — און איר האָט דאָס דערלאָזט?

— איר ווייסט דאָך די צרות מיט זיין פאָטער. האָב איך נישט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף אים קיין זאַך. אוודאי איז עס שרעקלעך, אומגלויבלעך — האָט יאָנאַס מודה געווען.

ראָבערט מאָרים האָט עפּעס אַריבערגעקוקט איבער יאָנאַסן און ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— דזשאָנאַס, מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַ גלענצנדער געדאַנק. גוט. מיר וועלן אויסלייזן דעם בחור פון שקלאַפעריי.

ער האָט אָנגענומען יאָנאַסן מיט ביידע הענט ביי די פּלייצעס, אים לייכט אַ טרייסל געטון און געזאָגט:

— זאָרגט נישט, דזשאָנאַס, איך האָב פאַר אים עפּעס וואָס וועט אים אוועקציען פון שניצער. שיקט אים צו מיר אין ביוראָ.

— בחור מיינער, וואָלסט געהאַט חשק צו אַרבעטן פאַר דער רעגירונג? — האָט ראָבערט מאָרים געפרעגט ביי מרדכין.

אַ פלאַם האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מרדכים גרויסע אויגן.

— פאַר דער רעגירונג?

— אין בוכפירונג דעפּאַרטאַמענט פון פינאַנץ־מיניסטעריום. מען דאַרף אַ בחור פּונקט ווי דו, וואָס קאָן גוט רעכענען.

— איך וואָלט געוואָלט, נאָר איך האָב דאָך אַ קאָנטראַקט מיט סימפּסאָנען.

— ווען גייט־אוים דיין קאָנטראַקט?

— אָ! — האָט מרדכי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — נישטאָ וואָס צו ריידן. ווען איך וועל ווערן איין און צוואַנציק יאָר.

— אָבער ווען דו זאָלסט זיין אַ פרייער פויגל איצט, וואָלסטו געווען צופרידן צו אַרבעטן פאַר דער רעגירונג? וואָלסטו געוואָלט זיין אַ באַאַמטער?

— ס'איז נישט דאָס וואָס צו זיין אַ באַאַמטער — האָט מרדכי געזאָגט אַביסל שעמעוודיק — נאָר צו דינען דער רעגירונג. דער זיידע איז

געוועזן אין קריג. איך וואָלט שטאַרק געוואָלט, נאָר דער קאָנטראַקט — ער האָט נישט דערמאָנט, אַז זיין פאָטער איז אויך געוועזן אין קריג.

— נישט געזאָרגט מיין בחור, נישט געזאָרגט, מירן שוין געפינען אַן עצה.

סימפּסאָן איז געקומען צו מאָריסן און נישט אַראָפּגענומען דעם הוט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— ראָבערט מאָרים — אָן דעם מיסטער, — איר האָט געשיקט נאָך מיר, בין איך דאָ, כאָטש איך ווייס נישט וואָס פאַרא אוצרות איר קאָנט ביי מיר געפינען.

ראָבערט מאָרים האָט געקוקט אויף דעם שניצער ווי ער שטייט אין הוט, געטריי צו זיך, צו זיין איבערצייגונג, און ער האָט אַ קלער געטון, אַז עס וועט אים נישט זיין שווער דורכצוקומען מיט דעם פרומען קוועקער.

— איך וויל ריידן מיט אייך געשעפט, מיסטער סימפּסאָן.

— נישט מיסטער, איך בעט אייך פשוט: סימפּסאָן — האָט דער שניצער געזאָגט גלייך, און נאָכן טראַכטן אַ ווייל̇ע האָט ער צוגעגעבן:
— געשעפט? וואָס האָט די רעגירונג צו ריידן מיט מיר וועגן געשעפט?

— וועגן פיליפּסעס אייניקל.

— מאָרדעקאַי? וואָס אַזעלכעס? וועגן אים געשעפט?

— מיר קאָנען אים געברויכן.

— די רעגירונג דאַרף דען אַ שניצער יינגל?

— ניין, אַ בוכהאַלטער.

האָט סימפּסאָן געזען, אַז אים מיינט ער טאַקע, און ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלירן אַזאַ ווויל יינגל.

— עס פעלן בוכהאַלטערס אין פילאַדעלפיע, אַז איר ווילט צונעמען מיין לערן-יינגל?

נאָר ווען ראָבערט מאָרים האָט אים געגומען אויפקלערן, אַז אַ בוכהאַלטער מיט אַזעלכע פעאיקייטן ווי עס האָט זיין לערן-יינגל איז שווער צו געפינען, און אַז עס וועט אויך זיין בעסער פאַר דעם יינגל צו אַרבעטן פאַר דער רעגירונג, האָט דער שניצער געטראַכט אַזוי אַ היפּשע ווייל̇ע און געזאָגט:

— ראָבערט מאָרים, וואָס פרעגט איר מיך? ווי איז עס אין די הייליקע שריפטן: לאָמיר רופן דאָס מיידל און זי פרעגן. אויב דער בחור וועט דאָס וועלן.

— וואָס וועט איר וועלן פאַרן קאָנטראַקט? — האָט ראָבערט מאָ־ריס געוואָלט דאָס מאַכן קירצער.

— וויפיל? גאָרנישט, אויב ער וועט דאָס וועלן.

צו טון דאָס איידעלער איז יאָנאַס פיליפ אַריינגעגאַנגען צום שני־צער.

סימפּסאָן האָט געפרעגט מרדכין צי ער וויל אָננעמען די רעגירונגס־שטעלע. ווען דער בחור האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך אויך גע־זאָגט הויך: „יאָ" — האָט דער שניצער אָפּגעלאָזט דעם פוס פון טרעט־ברעט, דאָס ראָד האָט זיך אָנגעהויבן דרייען שוואַכער, און צובויגנדיק זיך צו דעם יינגלס זייט האָט ער געזאָגט:

— אַבי איך האָב געמיינט אַז דו ווילסט זיין אַ בעל־מלאכה, מיט דעם שוויים פון דיין פּנים ווילסטו פאַרדינען ברויט. נאָך אַ לופט־מענטש זע איך. פון פּאָליטיק ווילסטו לעבן.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און זיך ווידער אָנגערופן:

— ס'איז נישט אין מיין גוסט, אָבער ביי דיין אונטערשריפט וועל איך דיך נישט האַלטן.

ביים אַרויסגיין איז אויסגעוואַקסן דאָס מיידל, אביגאַיל. זי האָט זיך אַ שטעל־צו געטון צו אים מיט דער הויב אויפן קאָפּ, געקוקט אויף אים ווי אַ גרויסע.

— ס'אַ שאָד וואָס דו גייסט אַוועק. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שטענדיק זיין ביי אונדז.

ער האָט זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט אים העלפן שלעפּן די עמערס וואַסער, און אַ ווארימקייט האָט אים אַרומגענומען. ער איז אין דער מינוט געווען גרייט אַוועקצוטראָגן דאָס גאַנצע הויז מיט דער ווערקשטעל און די שטיקער מעבל, אויב זי וואָלט אים נאָר געהייסן. ער האָט אוודאי איר געוואָלט זאָגן ווי אים איז אויך אַ שאָד אַוועקצוגיין פון זיי, ווי זי איז געווען גוט צו אים. נאָר דאָ איז אין זיינע געהירן אַ געדאַנק דורכ־געפלויגן, ווי אַ בייזע פליג און געגעבן אַ שאַרפן ביס, און ער האָט שוין די אַלע וואַרעמע רייד נישט געבראַכט איבערן מויל.

אין איילעניש האָט ער איר געזאָגט אַ דאַנק און אַוועק, און עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער האָט אַזוי געטון; ער האָט אָבער געפילט, אַז ער איז געווען גערעכט — ער האָט מיט איר נישט געטאָרט ריידן אַנ־דערש.

מיט מיידלעך טאָר ער נישט ריידן ווי אַ חבר.

ער מוז זיי אויסמיידן.

ער איז געווען גערעכט, איז ער געווען זיכער, און ער איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק.

***

אין פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט פון דער אַמעריקאַנער יונגער רעגירונג, וואָס האָט ערשט געהאַט דעם צווייטן פּרעזידענט, האָט געאַרבעט מרדכי נח. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און זיין שם אַלס אַ בוכהאַלטער אַ וווּנ־דער איז נישט געבליבן צווישן די ווענט פון זיין אָפּטייל. עס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע צימערן און ביוראָס.

צו זיינעם אַ געהילף, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין איבעררעשונג וועגן דעם יונגן בחורס זעלטענע פעאיקייטן, האָט ראָבערט מאָריס גע־זאָגט מיט אַ שמייכל:

— ווען דו איבערצייגסט זיך נישט אַליין, ווען דו זעסט עס נישט מיט דיינע אייגענע אויגן, וואָלסטו געגלויבט אַזאַ זאַך? וואָלסטו גע־גלויבט, אַז אַ יינגל וואָס איז נאָר וואָס געוואָרן דרייצן יאָר זאָל אויס־שאָקלען פון אַרבל די בעסטע בוכהאַלטערס פון דער הויפּטשטאָט? זאָג, וואָלסטו עס געגלויבט?

— איך בין זיך מודה. איך וואָלט נישט געגלויבט. פון הערן וועט מאַקע קיינער נישט גלויבן. איז ער טאַקע נישט מער ווי דרייצן יאָר?

— דאָס וויים איך זיכער און נישט פון הערן, נאָר פון זען — האָט געזאָגט ראָבערט מאָריס. — איך בין געווען אויף דער צערעמאָניע זייערער, ווען דער בחור איז אַלט געווען אַכט טעג. מיט מיר איז אויך געווען אונדזער ערשטער פּרעזידענט, גענעראַל וואַשינגטאָן. דרייצן יאָר נישט מער.

— אָבער ער זעט אויס ווי אַכצן.

— דער פאָטער זיינער איז געווען אַ הויכער, זיין זיידע איז אַ הויכער, האָט ער אין וועמען צו זיין געראָטן.

דאָס וואָס פיליפּס אייניקל דינט ביי דער רעגירונג און זיין דער־פאָלג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק צווישן יידן, איז אָבער נישט געווען קיין שטערונג, אַז די מיינונגען זאָלן זיין צעטיילט: אַ טייל איז געווען צופרידן — אַ ייד האָט געקראָגן אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, נאָך אַ סימן, אַז אין דעם לאַנד וועלן יידן ווערן מיט לייטן גלייך, דאָ וועלן פאַרגעסן ווערן אַלע רדיפות, אַלע גזירות אויף יידן פון דער אַלטער וועלט.

עס זענען אָבער געווען יידן וואָס די קנאה האָט פּאַרטונקלט ביי זיי

דעם ליכטיקן צייכן, אים פארשטעלט. זיי האבן נישט פארגונען נישט דעם זיידן און נישט זיין אייניקל אזא גליק.

יינגלעך אין זיינע יארן און אויך עלטערע, פולשטענדיק דערוואקסענע, האבן געהאט אויסצושטיין היפשע צרות איבער אים. טאטעס, זיידעס, פעטערס, מומעס האבן זיי געזאגט מוסר, געוויזן אויף מרדכין און געזאגט:

— ער איז א מענטש!

צו דער קנאה וואס די יונגע מענטשן האבן געהאט איז צוגעקומען דער כעס, וואס איבער אים האבן זיי צרות, און זיי האבן דעם דריי־יאריקן מרדכין קיין גוטס נישט געוווּנטשן.

ביי מרדכין אין די אויגן איז אין אנהויב דער טיש ביי וועלכן ער האט געארבעט, נישט געווען קיין ממשותדיקע זאך, נישט רעאל, נאר א שטיק צויבער, וואס האט ארפגענידערט פאר אים פון זיבעטן הימל. אזא גרינגקייט האט אים ארומגערינגלט. ער טראגט גאר־נישט, נישטא וואס צו שלעפן, ער דארף נישט קריכן אין שטאל אריין און עס איז אויך נישט די קראם.

ער איז געשטאנען איבער די ביכער און אונטער די פיס איז אים געווען אזוי לייכט, אזוי ווייך, ווי ער וואלט געשטאנען אויף פוך.

מיט גרויס אפעטיט איז ער געשווומען אין די ציפערן, ווי א פיש אין וואסער, און אלץ איז אים געווען אזוי גרינג, אזוי קלאר. די ציפערן האבן געלעבט פאר אים. יעדע ציפער איז ארויסגעקומען א לעבע־דיקע פון אונטער זיינע פינגער און האט געהאט איר געשטאלט. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט פאר אים, זיך געציילט און איבערגעציילט, ווי אן עולם פון גרויס און קליין אין לוסטיקן שפיל.

ער האט געהאט איצט מער צייט צו זיצן אין ביבליאטעק און ער האט אויך געקאנט אפגעבן זיך מער מיט שרייבן זיינע זאכן. דער קאפ, די הענט, די פיס, די פלייצעס, זענען נאכן טאג ארבעט ביים טיש אין דער ביורא געווען אזוי גרינג, אז נאר א פאר פליגלען האבן אים גע־פעלט. וואלט ער געקאנט זיך אויפהייבן ווי א פויגל און פליען.

אלע האבן געוווּסט זיינע יארן און פונדעסטוועגן האט קיינער נישט געקוקט אויף אים און נישט געגעבן אנצוהערן אז ער איז נאך א יינגל.

די ערשטע טעג, ווען ער איז אנגעקומען אין ביורא זענען געווען אזעלכע, וואס האבן געקוקט אויף אים ווי אויף א יינגל, כאטש ער האט אין וווּקס זיך געקאנט אויסגלייכן מיט די מערסטע פון זיי. עס האט

אָבער נישט געברויכט לאַנג צו גערדויערן און מרדכי איז געוואָרן באַ־ליבט אין רעגירונג־הויז און אַרום אים.

— אַ ליבער יונג, און איז ביי זיך גאָר נישט גרויס — האָט מען ווי איינער געטראַכט און געזאָגט וועגן אים.

יאָנאַס פיליפּס, דער זיידע זיינער האָט אָנגעקוואָלן פון אים. ער איז נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז פאַרן אייניקל וואָלט געווען בעסער ווען ער וואָלט געוואָרן אַ סוחר. ער וואָלט געקאָנט איינגעמען די וועלט. נאָר ווי האָט ער נישט געקאָנט זיין צופרידן, ווען ער האָט געהערט ווי מען לויבט אים אין פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט.

ראָבערט מאָריס האָט זיך געטראָפן מיט פיליפּסן און ער האָט אים געזאָגט:

— דזשאָנאַס, איך האָב גאָר אַליין נישט געוווסט ווי מיר האָבן גע־ברויכט מאָרדעקאַין. אַלץ איז ביי אים ווי אַ גוטער זייגער מיט די ריכ־טיסע וואָגן.

און די באָבע רבקה האָט פאַרגאָסן טרערן פון פרייד, וואָס זענען באַלד געוואָרן אויך טרערן פון ווייטיק, וואָס איר אומגליקלעכע טאָכטער ציפּורה האָט נישט דערלעבט דאָס נחת.

— דרייסיק יאָר וואָלט זי איצט געווען, ווען זי וואָלט געלעבט — האָט עס אַ וויין געטון אין איר.

קיינער האָט נישט געוואָגט צו זאָגן אַ בייז וואָרט מרדכין. אַפילו די וואָס האָבן זיך אויפגעגעסן פון קנאה האָבן אָבער אים דאָס נישט אַרויסגעוויזן. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אים שוין צוגעגעבן דעם טיטול מיסטער, הער, צו זיין נאָמען...

אין ביוראָ, טאָמער האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אים, האָט מען אוודאי אַנדערש אים נישט גערופן ווי מיט דעם צוגאָב „הער". אָבער אויך אין דרויסן איז פאַר אַ סך שוין געווען שווער אים צו רופן ביים נאָ־מען ווי מען רופט אַ יינגל.

אין ביבליאָטעק, וווּ ער איז געווען אַ צייט־לאַנג אַן אַריינגייער און אַ געטרייער לייענער, האָט מען אויך אָנגעהויבן זיך באַציען צו אים ווי צו אַ רעגירונג־באַאַמטן.

נאָר אין טעאַטער האָט מען נאָך אַ היפּשע צייט געקוקט אויף אים ווי אויף אהרן פיליפּסעס יונגן פלימעניק. זיי האָבן אים גערופן „דער באַאַמטער" אונטער די אויגן נאָר, און מיט אַ שמייכל. עס איז געווען ביי זיי אַ שפּאַס, וואָס זייער אהרנס פלימעניקל איז געוואָרן אַ באַאַמ־

מער, נײן, דאָס האָט זיך זײ נישט געלײגט אויפֿן שכל, אַז דעם קאָ־מעדיאַנטלס פּלימעניק אַ באַאַמטער!

די טעאַטער־לײַט האָבן אָבער אײַנגיכן זיך געמוזט אונטערגעבן, גע־פּלעפּטע האָבן זײ אײַנגעזען, אַז דאָ איז גאָר נישטאָ װעגן װאָס צו שפּאָסן.

מרדכי נח, דער יונגער בוכהאַלטער, האָט אױפֿגעטון אַ זאַך, װאָס מענטשן האָבן דאָס געהערט און געבליבן שטײן מיט אָפֿענע מײַלער.

עס האָט שױן דערגרײכט צום קאָנגרעס פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע.

***

ראָבערט מאָריס האָט פֿאַרבײגײענדיק אַ זאָג געטון צו מרדכין אַזױ װי ער איז געשטאַנען איבערגעבױגן איבער אַ בוך:

— מאָרדעקאַי, נאָך דער ארבעט װאָלט איך דיך געװאָלט זען.

געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַ שמײכל, האָט מרדכי, זעענדיק דעם שמײכל, געענטפֿערט מיט אַ שמײכל.

— קום אַהער נענטער, בחור מײַנער — האָט געזאָגט ראָבערט מאָ־ריס זיצנדיק אױסגעלײגט אױפֿן שטול און די פֿיס אױסגעשטרעקט העכער פֿון קאָפּ, אױפֿן טיש, — זעץ זיך דאָ לעבן מיר. מירן רעדן װעגן זײער אַ װיכטיקער זאַך. נו, שטײ נישט פֿון יענער זײַט, זעץ דיך אַט דאָ.

אַ רגע איז מרדכין געװען איבערדריסיק צו זעצן זיך גלײַך מיט ראָ־בערט מאָריסן, נאָר ער האָט זיך דאָך אָװעקגעזעצט. און װי נאָר ער איז געזעסן איז ער שױן געװען אינגאַנצן רואיק.

מאָרדעקאַי, ביזט נאָך אַ יונגער בחור. איך געדענק דיך דאָך װען דו ביזט אַלט געװען אַכט טעג. דער גענעראַל און איך זענען מיר דאָך געװען װען דו ביזט אַרײַנגעבראַכט געװאָרן אין אַבֿרהמס בונד. איך האַלט אָבער, אַז אַן ארבעט קאָנסטו טון װי אַ גרױסער. װען דו זאָלסט נאָר נישט מורא האָבן זיך אונטערצונעמען, גלױב איך, בין איך זיכער, װעסטו עס קאָנען דורכפֿירן. דעריבער נאָר נישט געשראָקן זיך, בחור מײַ־נער, און דו װעסט עס טון.

מרדכין האָט דאָס האַרץ אָנגעהױבן אַביסל שטאַרקער קלאַפּן. די לױב האָט אַ יאָג געטון פֿלינקער זײַן בלוט. ער האָט אָבער גאָרנישט גע־זאָגט. ער האָט געװאַרט צו הערן װאָס ראָבערט מאָריס װעט אים זאָגן.

ראָבערט מאָריס האָט איבערגעלײגט די פֿיס און גערעדט װײַטער:

— מײַן בחור, דו האָסט פֿאַר דיר אַ גלענצנדע געלעגנהײט צו דער־

לאנגען א גוטע ארבעט, וואס וועט דיך א הויב טון. 'א גוטע ארבעט. וועסט זיך אונטערנעמען?

— איך וועל זיך באמיען, מר. מארים — האט געזאגט מרדכי, און דאס פנים האט אים געפלאמט. — כ'וועל טון אלץ וואס איך וועל קאנען.

— אזוי איז גוט. וועסט עס טון. נו, אט איז וואס איך וויל דו זאלסט טון. די רעגירונג דארף מאכן אן אנלייע. זי וויל בארגן געלט. פארשטייסט דאך, אז אזוי ווי א פריוואט מענטש מוז אפט לייען געלט, מוז אויך א רעגירונג. אן געלט, מיין בחור, איז גארנישט, און אז מען בארגט געלט מוז מען צאלן פראצענט. ווען איינער בארגט דיר געלט, מארדעקאי, וויל ער עפעס דערפאר. ער וויל פראצענט. מיר, די רעגירונג, וויל צאלן אכט פראצענט. דארף מען אויסארבעטן דעם גאנצן פלאן פון דער הלוואה, אויסרעכענען אלץ אויף דער האר. איז — דא האט ראבערט מארים א שאר אראפ געטון די פיס פון טיש, זיך גלייך געזעצט און אריינגעקוקט דעם בחורל אין פנים אריין, — איך וויל, אז דו, מארדעקאי, זאלסט אויסארבעטן דעם גאנצן פלאן, צוזאמענשטעלן די טאבעלן, אלץ ארום און ארום. און נעם זיך דערצו גלייך.

— איך דאנק אייך, מיסטער מארים — האט געזאגט מרדכי, און ווי ער האט געקוקט האט אלץ געפינקלט אים פאר די אויגן.

— דארפסט נישט ארבעטן אויף דעם בייגאכט. קאנסט דאס טון אין ביורא. אין דער ארבעט צייט — האט ראבערט מארים צוגעגעבן. — און איך בין זיכער — האט ער אים געגעבן א שטארקן דריק אויף דער פלייצע — אז דו וועסט פארשאפן כבוד דיין זיידן, דזשאנאס פיליפסן, און גיב אים טאקע מיינע הארציקסטע גרוסן.

— איך וועל זיך באמיען מיסטער מארים. איך בין אייך זייער דאנקבאר.

**
*

מרדכי, דער הויכער, שלאנקער בחור מיט די ארויסגעשאסענע פלייצעס, וואס האבן אלעמען דערמאנט אן יונגער גבורה, האט זיך אריינגעשטעלט אין ראבערט מאריסעס ביורא און מיט די גרויסע, קרעפטיקע הענט, אביסל צו גרויס און צו קרעפטיק פאר א בחור פון זיין עלטער, האט ער אוועקגעלייגט א גרויס בוך, ברייטער ווי לענגער, מיט שיינע טאוולען. רויטע פעדים האבן געשפילט אין זיין פנים און ער האט געזאגט:

— מיסטער מאָריס, דער פּלאַן.

— אַ פיין שטיקל אַרבעט. זייער פיין פון אויסנווייניק. לאָמיר האָפן, אַז אינעווייניק איז עס אויך אַזוי.

מרדכי האָט געשוויגן.

ווען ראָבערט מאָריס האָט גענומען אונטערזוכן דעם פּלאַן האָט די ווירקלעכקייט איבערגעשטיגן אַלע זיינע פאַנטאַזיעס. פון בלעטל צו בלעטל איז געוואַקסן זיין איבעראַשונג. די אַרבעט איז געווען מייסטערהאַפט, נישט נאָר פאַר אַ בחור פון פערצן יאָר, נאָר אויך פאַר אַן אַלטן ציפער־מכשף. ביי אַנדערע וואָלטן אַ האַלב טוץ בוכהאַלטערס געאַרבעט אויף אַזאַ פּלאַן און עס וואָלט נישט אַרויסגעקומען אַזוי פּערפעקט, אַז אַ שפּרינקעלע!

— מיר האָבן עס געמאַכט! — האָט געזאָגט ראָבערט מאָריס צו זיין ליבלינג, וואָס איז געשטאַנען און געפלאַטערט אונטער דער לויב. — וואָס האָב איך דיר געזאָגט? האָסט געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט וואָס בלאַנקט. מאָרדעקאַי, דו ביזט אַ וווּנדערלעך.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — האָט געמורמלט מרדכי און ער האָט זיך געמוזט אָנטון אַ כח, דער שטאַרקער יונג, איינצוהאַלטן דאָס האַרץ זיינס, וואָס האָט נאָר געוואָלט אַרויסשפּרינגען.

ראָבערט מאָריס, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט יידן מער ווי יע־דער אַנדערער רעגירונגסמאַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יענער צייט, אָנהייבנדיק מיט חיים סאַלאָמאָנען ביז דעם יונגן מרדכי נח, און אַלעמאָל אין פינאַנץ־ענינים, און שטענדיק האָט ער געקראָגן ביי די יידישע פריינט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט, האָט נישט געלאָזט אַרי־בערגיין שטיל די גאַנצע זאַך מיט דעם הלוואה־פּלאַן.

די העכסטע לייט אין פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט און אויך אין אַנדערע רעגירונגס־אָפּטיילונגען האָט ער דערציילט וועגן דעם, גערעדט צו זיי מיט ענטוזיאַזם.

— וואָס אַן אַלטן רעוואָלוציאָנערס איינינקל קאָן באַווייזן! — האָט ער געזאָגט — דזשאָנאַס פיליפּסעס איינינקל האָט אָפּגעטון דאָס צויבער־שטיקל.

און כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז עמנואל נח, דער פאָטער פון דעם רעכן־קינסטלער, איז אויך געווען אין פרייהייט־קריג, האָט ער אים נישט דערמאָנט. די באַקאַנטע האָבן אויסגעמיטן צו ברענגען זיין נאָמען אויף די ליפּן.

און איידער דאָס הלוואה־געזעץ האָט געדאַרפט דורכגיין אין קאָנ־

גרעס האָט ראָבערט מאָרים געשמועסט מיט די פינאַנץ־אויטאָריטעטן פון דער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט. אין אַ שמועס האָט ער אַריינגע־וואָרפן אַ וואָרט צום „ספּיקער", דעם פּאָרזיצער פון קאָנגרעס:

— אַ פּערצן יעריקער בחור האָט דאָס אַלץ צוגעגרייט.

דער פּאָרזיצער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע האָט פּאָרגעלייגט אָנצו־נעמען דאָס הלוואה־געזעץ, און ער האָט געלויבט דעם פּלאַן, נישט דער־מאָנענדיק נישט דעם נאָמען פון מחבר פון פּלאַן און נישט זיין עלטער, און דאָס געזעץ איז דורכגעגאַנגען לויט דעם פּלאַן אויסגעאַרבעט פון מרדכי נח.

און די הויפּטשטאָט האָט געקראָגן אַ סענסאַציע, אַט דאָס הלוואה־געזעץ, דער גאַנצער אָנלייע־פּלאַן, וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען, איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ פערצן־יעריק יינגל, אַן אייגענער, אַ געבוירענער אין פילאַדעלפיע.

אין די קראָמען און אין די שענקן, אין די געבעט־הייזער און אויפן מארק, אומעטום איז אַ היבשע צייט גערעדט געוואָרן וועגן דעם אויפטו פון דעם פילאַדעלפיער יינגל. אין די פילאַדעלפיער צייטונגען איז דאָס דערמאָנט געוואָרן, און עס איז באַשריבן געוואָרן אין בריוו צו אַנדערע שטעט קיין ניו־יאָרק און קיין טשאַרלסטאָן, און אפילו קיין אייראָפּע.

די קליינע יידישע געמיינדע אין דער הויפּטשטאָט, די „הייליקע גע־מיינדע מקוה ישראל" איז צערודערט געוואָרן פון איבערראַשונג. יעדער האָט געפילט, אַז דאָס איז אַ גרויסער כבוד פאַר דעם יידישן נאָמען, אָבער די מערסטע פון די, וואָס האָבן געהאַט זין, דער עיקר, שוין גרוי־סע, דערוואַקסענע זין, האָבן צו דער הנאה, וואָס דער אויפטו פון אַ יידיש בחורל האָט זיי פאַרשאַפט, געהאַט אויך עגמת נפש — עס האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס זייערע זין זענען נישט אַזוי געראָטן ווי יאַנאַסעס אייניקל.

דערהויפּט האָבן די זין געהאַט צרות פון זייערע טאַטעס. מוטערס האָבן געשוויגן, כאָטש אויך זיי האָט געגעסן די קנאה, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט פּלאָגן זייערע קינדער איבער דעם, האָבן זיי אַליין גע־ליטן און געשוויגן. די טאַטעס האָט עס אָבער אַזוי וויי נישט געלאָזט רוען, אַז זיי האָבן געבערענט די טריט פון זייערע זין, אָנגערופן זיי מיט בייזע, ביטערע נעמען.

— פוילענצער, אומזיסטע פרעסער, פאַרשטאָפּטע קעפּ, פרעסן ווי היישעריקן!

זעק מיט זידל־ווערטער האָבן די טאַטעס אויסגעשאָטן אויף די קעפּ

פון די זין, און ווי א צוגאב נאך פארגעווארפן די מוטערס, וואס די זין זייערע זענען נישט אזוי געראטן.

— ס'איז דיין זון! — האט מער ווי איין מאן געשליידערט אין פנים אריין זיין ווייב.

צו מרדכין האבן די אלע טאטעס נישט געהאט קיין טענה. אים האבן זיי נישט געהאט אין וואס צו באשולדיקן, און כאטש זיי האבן אים מקנא געווען האבן זיי אבער געהאט דרך־ארץ פאר אים, אוועקגעטראגן אים זייערע באגריסונגען און אים געווונטשן גליק.

שבת האט מרדכי געקראגן מפטיר און מיט זיין קלארער שטימע גע־זאגט מפטיר, אז מען האט געקענט ציילן נישט נאר די ווערטער, נאר די אותיות אויך. און מער ווי איין פאטער און מוטער האבן געהערט און גע־קרעכצט, וואס זייערע זין קענען נישט זאגן אזא מפטיר און זיך שוין דערמאנט אן דעם הלוואה־פלאן, וואס איז זיי געלעגן ווי א שטיין אין הארץ און געדריקט.

אין דעם יאנאס פיליפס הויז איז די פרייד, זעלבסטפארשטענדלעך, געווען גרויס. פאר יאנאסן איז די פרייד געווען אזוי גרויס, ווי די פרייד פון דעם זיג איבער ענגלאנד.

רבקהכען, אונדזער מרדכי וועט אויסוואקסן א גרויסער מאן — האט ער געזאגט און רבקה האט נערוועז געשפילעט די בלוזקע און אירע ליפן האבן מיטגעציטערט מיט יעדן ווארט, וואס איר מאן האט ארויס־געריידט — ער וועט נאך זיין א מיניסטער, וועסט זען, רבקהכען.

די באבע האט אין איר גרויסער פרייד פלוצלינג דערפילט, אז אין שטוב איז דא ציפורה, איר אומגליקלעכע טאכטער, די מוטער פון דעם געראטענעם אייניקל; ציפורה איז געקומען זען די פרייד פון איר קינד, הערן די לויב־רייד וועגן אים. איר ראיה איז פארשטעלט געווארן דורך בלישטשענדע טראפנס, וואס האבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, פאר־גאסן די וויעס. און ווי איר הארץ האט געלאכט פאר פרייד האט עס אויך געוויינט און געוויימטיקט: ציפורה, אוי, ציפורה, מיין קינד.

— הערסטו, רבקהכען — האט יאנאס נישט געוואלט אויפהערן צו רעדן — מען האט שוין געמעגט איינשטעלן נישט איינס, נאר זיבן לעבנס צו באפרייען דאס לאנד. דאס גלות פון מיין געבורטסלאנד און דאס גהינום פון לאנד פון דיינע זיידעס זענען דא פארשווונדן ווי רויך. ווייסטו כאטש, רבקהכען — האט ער געגומען ס'ווייב ווי א קינד און זי אויפ־געהויבן — אז אונדזער מרדכי מעג זיין פרעזידענט פון די פאראייניק־טע שטאטן?

רבקה האָט זיך דערשראָקן פון די רייד, זי האָט זיך געריסן פון זיינע הענט.

— יאָנאַס, לאָז מיך, לאָז מיך, וואָס שלעפּסטו מיך. יאָ, יאָ, וואָס דיר טוט זיך אַלץ חלומען.

— נישט קיין חלום, רבקהכען — האָט ער געזאָגט און האַלב געבייזערט — פאַרוואָס דען נישט? מיר זענען דאָ אַלע גלייך פאַרן געזעץ. יידן און נישט־יידן — און ער האָט זיך אַליין פאַריכט — מיר וועלן זיין גלייך אין אַלצדינג.

די רייד זענען נישט אַריין אין רבקהס אויערן. דאָס געטרייע ווייב, ליבע מוטער און האַרציקע באָבע האָט נישט געקאָנט אויפנעמען די הויכע רייד וועגן גלייכקייט, און דערצו נאָך וועגן דעם אַז איר אייניקל זאָל ווערן פּרעזידענט פון לאַנד.

מרדכי האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס דורך דעם דערפאָלג. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין צייכן פון איינגערעדעניש. מיט זיינע באַקאַנטע בחורים, יידן און נישט יידן האָט ער זיך געפירט ווי פריער. ער האָט ווייניק גערעדט וועגן דער גאַנצער זאַך, און אַז מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, האָט ער זיך געדרייט. אַפילו מיט זיינע פעטערס: נפתלי דער שרייבער, וואָס איז שוין געווען אַ מאַן אין די העכערע צוואַנציקער און געחלומט יעדן טאָג פון עפענען אָדער קויפן אַ צייטונג, און אהרן דער אַקטיאָר, וואָס האָט שוין געהאַט אַ היבשן נאָמען, מיט זיי, האָט ער אויך נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות ביים רעדן וועגן דעם.

נאָר צו זיין שוועסטערל, צו יהודיתן, האָט ער אַרויסגעוויזן באַזונדערע וואַרימקייט נאָך דער געשיכטע פון זיין רום.

זי איז שוין געווען אַ גרויס מיידל, כאָטש אַלט נאָר אַ יאָר צען, האָט מען זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פופצן יעריקע, אַ כלה־מיידל. אַ יתומה צווישן צוואַנציק פעטערס און מומעס אין איין הויז, איז זי געווען שטענדיק דערשראָקן, איינגעהאַלטן און צוריקגעצויגן, מער ווי אַלע מיידלעך פון דעם פיליפּס־הויז. גערעדט האָט זי אויך זייער ווייניק. און די רייד וועגן איר ברודערס רום האָבן זי גאָר שטאַרק איבערגעשראָקן. איז זי געשטאַנען פון וויטנס, ווען ער איז געקומען אהיים, געקוקט אויף אים מיט פלאַטערניש און מורא געהאַט צוצוגיין צו אים.

אַז ער האָט דערשפּירט איר שרעק, איז ער מיט איין שפּרונג געשטאַנען, מיט אַ קאָפּ אָדער נאָך מער העכער, איבער איר, זי אַ נעם געטון מיט זיינע שטאַרקע, גרויסע הענט, אַ וואָרף געטון צו זיך און אַריינגערעדט איר אין קאָפּ אַריין:

— מיין טייערע יהודית, מיין טייער, ליב שוועסטערל מיינס! וואס האסטו מורא!

— כ׳האב נישט מורא — האט זי געזאגט און זיך געקארטשעט ווי א הינדעלע אין א ווינט.

***

אין אוונט איז, ווי ס׳איז געווען אפט זיין שטייגער, מרדכי געזעסן אין דער פרענקלין ביבליאטעק און געלייענט, איז צוגעגאנגען צו אים א הויכער מאטראז מיט א פנים פול מיט רויטע פלעקן, ווי צייכנס פון שמיץ, ער האט זיך אביסל א וואקל געטון, דער מאטראז, ווי איינער וואס שטייט אויף א שיף וואס קאטשעט זיך, און א זאג געטון:

איר זענט טאקע מיסטער נח?

— יא — האט מרדכי זיך אויפגעהויבן און אים אנטקעגנגעשטעלט א פאר גרויסע, ווארעמע אויגן — און איר?

— דיקעיטור, סטיפען דיקעיטור.

צוויי הענט האבן זיך געגעבן א ווארף איינס אויף ס׳אנדערע, זיך ארומגעכאפט, איינגעשלאסן זיך, און פון דעם דרוק האט עס יעדן א ברי געטון, ווי פון א שטארקן טרונק בראנפן.

— פערצן יאר און פינגער שטאלענע — האט געזאגט דער מאטראז און א שמייכל.

מרדכי האט יא געשמייכלט. עס איז אים געפעלן וואס דער מאטראז לויבט דעם כוח אין די הענט. ער איז אים אבער נישט געבליבן שולדיק קיין קאמפלימענט.

— און אייערע פינגער זענען צוואנגען.

— איך בין שוין באלד צוואנציק — האט דער מאטראז געזאגט.

— מיסטער נח, איך בין דא אויף אורלויב. לאנג וועל איך דא נישט זיין. איך גרייט זיך צו זיין א שיף־קאמאנדיר, דאס הייסט — האט ער געשמייכלט און זיך געוואקלט אביסל, ווי ער וואלט געשטאנען אויף א שיף וואס קאטשעט זיך — איך האף דאס צו ווערן. נו, האב איך גע־האט חשק צו באגעגענען אייך, וויל איך אייך בעטן מיר ארויסצוהעלפן אין א רעכן־פראגע.

דא איז מרדכי געווארן רויט. א מאטראז, וואס האלט ביים ווערן א שיף־קאפיטאן, ער זאל אים העלפן אין רעכענען... ער האט נישט גע־וואלט די אנדערע אין ביבליאטעק זאלן עס זען, האט ער פארמאכט דאס בוך און פארגעלייגט דעם פרעמדן ארויסצוגיין מיט אים.

א ווײַלע זענען די צוויי הויכע געזונטע בחורים געגאנגען און גע־

שווינג. דער אוונט איז געווען א ליכטיקער, א ווארעמער, מיט א ווינטל, וואס צעגייט זיך אין די אברים ווי גוטער וויין, פון די נישט אפטע פראכטפולע אוונטן אין מאי. לאמפן האבן אפילו שיטער געברענט אויף דער גאס, נאר מען האט זיי נישט געדארפט. הויך איבער די קעפ האט זיך געטראגן א שטיל, בלאס ליכט, געטראגן פאמעלעך, שוויינגדיק, ווי דער גאנג פון די צוויי בחורים, וואס איינער פון זיי האט זיך געוואקלט, ווי ער וואלט געשטאנען אויף א שיף וואס שאקלט זיך.

מרדכי האט זיך צעפרעגט וועגן דעם פלאט און דאס האט דעם פרעמדן צעוויגט. ער האט שוין גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון א מעכטיקן פלאט צו האלטן פריי די ימען פארן „לאנד", אז אלע פעלקער זאלן האבן דרך־ארץ.

— די פראנצויזן דערגייען אונדז די יארן — האט דער ים־מענטש זיך געהיצט. א מלוכה טאר אזעלכע זאכן נישט דערלאזן! מיר האבן זיך דאך ערשט באפרייט, טארן מיר נישט לאזן זיך דיקטירן פון קיין אנדער מאכט.

— מיר מוזן ענטפערן מיט מאכט אויף יעדן אנגריף — האט צוגע־געבן מרדכי — די ימען מוזן זיין פריי פאר די פאראייניקטע שטאטן.

די צוויי בחורים — דער באלד צוואנציק־יעריקער סטיפען דיקעי־טור און דער פערצן־יעריקער מרדכי נח, האבן זיך עפעס באזונדער גוט צונויפגערעדט, זיי האבן זיך צעווארעמט און ווען זיי זענען זיך צעגאנ־גען דעם אוונט, האבן זיי שוין גערופן זיך ביי די ערשטע נעמען.

זיי האבן זיך געזען עטלעכע מאל א וואך אין דער צייט, וואס די־קעיטור האט פארבראכט אין דער הויפטשטאט. אין ביבליאטעק צום מייסטנס. מרדכי נח האט אים אויך איינמאל פארבעטן אהיים און ער האט אים מיטגענומען צו א פראבע אין טעאטער.

— מארדעקאי, זעסטו, דו ביזט דאך א ווילער יונג, איך האב דיך ליב פאר א סך זאכן, נאר דאס וועל איך דיר נישט פארגעסן, קיינמאל נישט פארגעסן — און ער האט זיך שטארק געוואקלט — די פראבע אין טעאטער. הערסטו, מארדעקאי, אויף מיין פארן אויפן ים וועל איך עס שטענדיק געדענקען.

— א, פארגעס עס, סטיפען, דערמאן עס גארנישט, וואס איז עס דען? — האט געזאגט מרדכי, און אזוי ווארעם געשמייכלט.

אט דאס אלץ, די באגעגעניש מיט דעם מאטראס דיקעיטור, איז גע־ווען נישט מער ווי צופאל. ס'איז אבער אויסגעקומען, אז די וועגן פון צופאל האבן א פלאן, זיי זענען אויסגערעכנט צו דער האר, אפשר נאך

פינקטלעכער ווי דער רעכענונג פון דעם הלוואה־פלאן, וואס מרדכי־נתן האט אויסגערעכנט.

ווייל די באגעגעניש, וואס איז נאר געווען נישט מער ווי א צופאל, איז געווען א וויכטיקע שיכט אין דעם געשטעל פון מרדכי נחס לעבן. די באגעגעניש איז געווען א פאראויס־באשטימטע שוץ פאר מרדכי נחן מיט א יאר פופצן שפעטער, וואס האט אים געראטעוועט פון דערני־דערונג און אפשר אומקום.

ווען די צוויי בחורים האבן שפאצירט די ערשטע נאכט פון זייער באגעגעניש אין דער אויסגעשטערנטער נאכט האבן ביידע נישט געחלומט, וואס מיט זיי וועט אין א יאר פופצן ארום געשען.

האט דאס שטילע, בלאסע ליכט וואס האט זיי צוגעלויכטן איבער זייערע קעפ, דאס יא געוווסט?

— וועל איך דיך נאך זען, מארדעקאי!

— כ'וועל דיך נאך זען, סטיפען!

***

די דאזיקע זיגן, מרדכים האבן אלעמען אראפגעשטויסן פון זייער גאנג, נאר נישט דאס אקטיארן געזינד. זיי האבן זיך נישט געקאנט אפגעוווינען דערפון, אז ער איז אהרן פיליפסעם פלימעניק. דווקא אק־טיארן, וואס ווערן, דאכט זיך, אנגעצונדן פון יעדער קלייניקייט, זענען נישט געווארן געריררט פון מרדכים זיגן.

ביז ס'איז געקומען אויך אויף זיי. זיי זענען געבליבן שטיין געפלעפ־טע מיט אפענע מיילער און ארויסשטארצנדיקע אויגן.

ווער עס האט מיט דעם שטילערהייט אנגעפירט האט מען נישט געוווסט. עס איז, אן צווייפל, געווען די ארבעט פון ראבערט מארים. ער האט דאס געלייקנט. אפשר האט ער געוואלט, אז עס זאל הייסן, אז דער קאנגרעס האט דאס געטון אן זיין שתדלנות, אבער מיט זיין לייקענען האט מען פארשטאנען, אז אין דעם האט געמוזט שטעקן זיין האנט.

דאס איז אלץ געווען וועגן דעם הלוואה־פלאן, וואס מרדכי האט אויסגעארבעט.

עס האט שוין געהאלטן ביים ווערן שטיל, ווי די כוואליעס, וואס טרעטן אפ ביים ברעג, און רוקן זיך אוועק ווייטער, ווייטער, האט אנגע־הויבן אפפאלן דאס גערייד דערוועגן, גענומען זיך אפרוקן ווייטער, ווײ־טער, און מיטאמאל — דער ים האט זיך געגעבן א טראג אן און געטון א גאס, אז ס'איז געווארן א פארפלייצונג.

געווען איז עס אזוי. מען האט דערציילט, אז אלעקסאנדער האמיל־טאן, דער פינאנץ־מיניסטער און איצט איינער פון די מעכטיקסטע לייט אין לאנד, ווען וועמען עס קומען פאר אמפערנישן ווער עס איז איינ־פלוסרייכער: פרעזידענט עדעמס אדער ער, צו אים איז דערגאנגען די מעשה מיט דעם בחור און זיין הלואה־פלאן.

דער מעכטיקער האמילטאן, וואס האט אליין אלס יינגל באוויזן וואנדער, און אין מרדכים יארן איז ער שוין געווען בארימט אלס רעדנער און ווער עס האט אים געהערט רעדן איז ארונטערגעפאלן אונטערן כישוף פון זיינע רייד, ער האט געגעבן אויפן וואונדער א מאך מיטן קאפ.

— מוז זיין א פעאיקער בחור — זאל ער האבן געזאגט.

און נישט לאנג דערנאך האט דער ים פארגאסן. ריכטיק, ווען דער ים וואלט זיך אויסגעצויגן ביז דער הויפטשטאט און אפגעגאסן אלעמען מיט דעם ריכטיקן שפריץ, וואלטן אלע נישט געווען מער איבערראשט, ווי זיי זענען געווארן פון דעם דאזיקן אקט.

דער קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן האט אויף דער לעצטער זיצונג, איידער ער האט זיך געשלאסן אויף וואקאציעס, אין א הייסן זומער־טאג, באשלאסן צו געבן הונדערט דאלאר א באנוס דעם הער מרדכי נח פאר זיין געטרייער און אויסגעצייכנטער ארבעט פאר דער רעגירונג, וואס ער האט געטון, אויסארבעטנדיק דעם הלואה־פלאן.

— הונדערט דאלאר א באנוס פון קאנגרעס פאר מרדכי נחן, — האט זיך צעטראגן איבער דער שטאט מיט דער פארבלענדקייט פון א בליץ.

מרדכי איז געווארן בלאס, שטארק בלאס, ווען ער האט דאס דער־הערט, און אפילו ראבערט מארים איז געווען אביסל בלאס, ווען מרדכי איז געשטאנען ביי אים אין קאבינעט, נאכדעם ווי מארים האט אים דאס אנגעזאגט:

— הונדערט דאלאר א באנוס פון קאנגרעס פאר מרדכי נח!

דעם ערשטן אוונט, נאכדעם, ווען מרדכי איז געקומען אין טעא־טער אריין, האבן די אקטיארן, מענער און פרויען, יונגע און אלטע, זיך געגעבן א רוק הינטערווייל־עכטס, ווען זיי האבן אים דערזען. זיין פעטער אהרן האט אויך פלוצלינג דערפילט, אז דער פלימעניק איז אים עפעס אזוי הויך אויסגעוואקסן, אז שטעלנדיק זיך אויף די שפיץ נעגל, איז ער צו הויך, ער זאל קענען צו אים ארויפקוקן.

— הונדערט דאלאר א באנוס פון קאנגרעס פאר מרדכי נח!

אלע האבן זיי געקוקט אויף אים געפלעפטע, נאר אנדערש פון דעם

גאנצן אקטיארן געזינדל האט געקוקט אויף אים יענע נאכט די אקטריסע מערי באטלער.

מרדכי האט זיך געפילט שטארק אומבאקוועם פון דער אנגעשטרענג־טער שטימונג צווישן די אקטיארן, אבער פון מערים בליקן איז ער גע־ווארן אומרואיק און ס'האט אים ארויפגעשלאגן א היץ אין מח אריין.

— הונדערט דאלאר א באנוס פון קאנגרעס.

מרדכי איז געווארן אומרואיקער. עפעס סאמעט־ווייך גלעט אים, עס רירט אים נישט אן און ס'גלעט אים, און די היץ שלאגט אפטער אין מח אריין, און אין דער שטארקער היץ, וואס אלע גייען אפ מיט שוויים, איז אים קאלט, עס קלאפט אים א צאן אן א צאן. אין קאפ ארויף יאגט א היץ און עס איז אים קאלט, די הענט ציטערן.

מרדכי געדענקט נישט, אז עס זאל ווען עס איז פריער מיט אים געווען אזעלכעס געשען ווי איצט. ער האט זיך געפילט אומבאקוועם, אבער מאמענטנווייז איז אים געווארן זיס אין בלוט.

מערי האט זיך געהאלטן די מערסטע צייט נאענט צו אים. נישט לעבן אים, אבער דאך גאר נאענט, אז ער האט זי כסדר געזען און א פאר מאל האט ער דערזען אין אירע גרוי־גרינלעכע אויגן א בלויען גלאנץ, ווי דער פלאם פון ברענענדיקן צוקער, וואס האט זיך ווי א נעפל צעלייגט איבער זיינע אייגענע אויגן.

די נאכט איז מרדכי איינגעשלאפן זייער שפעט און די מוטער איז געקומען צו אים. ער האט זי צום ערשטן מאל געזען אין חלום.

*
* *

מערי באטלער איז שוין נישט אפגעטראטן פון אים. ווען ער איז געקומען אויף די פראבעס איז זי געווען נישט ווייט פון אים, ווי א ליב ווינטל האט זי זיך געטראגן, לעבן אים. ווי מיט פליגל פון ווינט, האט ער געפילט, רירט זי אים אן.

און נישט בלויז אין טעאטער. עס האט זיך געמאכט, אז ווען מרדכי איז ארויסגעגאנגען פון רעגירונגס־ביורא צו גיין אהיים, האט עס אנגע־טראגן ווי יענעם ליבן ווינטל, מערין, און נישט אנרירנדיק אים, האט זי אים אנגערירט, סאמעט־ווייך אנגערירט, געגלעט, און די היץ, ווי שטענ־דיק האט אים ארויפגעזעצט, אין קאפ אריין.

די יונגע אקטריסע, א הויכע, א שלאנקע, וואס ווען נישט די גרויסע, ברייטע קרינאלינע, וואלט זי זיך אפשר געווען איבערגעבראכן פון דינ־

קייט, האָט געהיט זיינע טריט און מיט גלויביקער באַגייסטערונג געקוקט צו אים, נים אויף אים, נאָר צו אים. מערי באַטלער האָט געהאַט אַ מאַן, געזאָגט האָט מען אפילו צווישן אַקטיאָרן, אַז ער איז נישט געווען איר ערשטער, זי האָט שוין געהאַט עטלעכע, איז זי אָבער נאָכגעגאַנגען מרדכין נישט בלויז ווי אַ פרוי, וואָס וויל דעם מאַן, גלוסט צו אים, נאָר אויך ווי אַן עקזאַלטירט־פאַרגלויבטע פרוי אין פּריסטער פון איר גלויבן.

— מערי האָט פאַרלוירן איר קאָפּ. — איז געגאַנגען אַ גערייד צווישן די אַקטיאָרן.

— ווי פּלוצלינג דאָס איז געשען — האָט אימיצער זיך אָנגערופן.

— זי קען אים שוין לאַנג און פּלוצלינג אַן איבערקערעניש.

— זי איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, וואָס וויל זי פון אים האָבן?

— זי גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן!

אַלע סאָרטן רייד, וואָס מענטשלעכע צונגען קאָנען נאָר אַרויסקלאַ־פּערן, האָט מען געהערט צווישן די אַקטיאָרן וועגן מערין און איר ליבע צו מרדכין. ביליקע, חוזקדיקע, גיפטיקע, לייכטשפאַסיקע, אָבער אויך ערנסטע, ווייל עס זענען געווען אַ צוויי, דריי וואָס האָבן געזען, אַז מערים נאָכגיין דעם באַרימטן בחור איז נישט איבער צעלאָזענער גלוסטונג, נאָר פון אַ טיפן געפיל פון ליבשאַפט צוזאַמען מיט באַגייסטערטער פאַר־ערונג, וואָס פירט צו פאַרגעטערונג.

— האָסט באַמערקט ווי מערי קוקט אויף מאָרדעקאַין? ווי אין גע־בעט אויף דעם דערלייזער. אַ וואַרהאַפטיקע מאַגדאַלענאַ!

אהרן פיליפּס, דער אַקטיאָר, מרדכים פעטער, האָט צוגעקוקט ווי זיין פּלימעניק ווערט פאַרגעטערט פון דער אַקטריסע און ער האָט אַוועק־געקוקט מיט אַ שמייכל.

דער פעטער זיינער, וואָס האָט געהאַט הנאה פון מרדכים דערפאָלג ביי דער אַקטריסע, האָט נישט געהאַט קיין אַנונג פון די פּיין, די העלישע יסורים, וואָס זיין פּלימעניק האָט געהאַט פון דעם דאָזיקן דערפאָלג.

די „נייע מגפה"

דער זומער איז געווען אַ שרעקלעך־הייסער. די זון איז אַרוים אינ־גאַנצן פון איר פוטערפאַס, זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם לעצטן שלייער, און זיך אויסגעלייגט איבער פילאַדעלפיע. די הויפּטשטאָט איז געוואָרן אַ קאַלך־אויוון.

איין טאָג נאָכן אנדערן האָט די חמימה געפלאַקערט. אנדערש ניט, נאָר די זון האָט געעפנט איר מויל און זי הערט נישט אויף צו גיסן מיט פייער. טעג זענען אדורכגעגאנגען אָן איין בלאָז פון ווינט. און אז עס האָט זיך אָנגעטראָגן נאָך א גיהנומדיקער וואָך, א ברעקל ווינט, האָט ער געשמיסן דאָס פנים, געברית ווי פלאַמען וואָלטן געלעקט.

פארשמאַכט האָט אַלץ וואָס לעבט, קוים געשלעפט זיך איבער די גאַסן. די מענטשן זענען אַפגעגאַנגען מיט שוויים און זייערע שווערע קליידער האָט מען געקאָנט אויסדרײנגען. בהמות און חיות זענען געפאַלן. פערד מיט אומגעלייגטע אויערן האָבן נישט געהירזשעט, קי האָבן אויפגעהערט מוען, זיי האָבן געהאַלטן די קעפ אַראָפּ, נישט געקאָנט זיי אויפהייבן. די חזירים אויף פילאַדעלפיער גאַסן איז געווען נאָך ערגער. אין ערגעץ נישט אביסל וואסער, נישטאָ קיין בלאָטע, קיין נאָס שטיקל ערד. די גאַסן זענען טרוקן און דאָס זאמד ברויט. זייער פעטס האָט זיך געשמאָלצן און זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין מיטן גאָס צו לעשן דאָס פייער, האָט דאָס הייסע זאמד זיי געשטאָכן מיט טויזנטער גליענדע נאָדלען. הינער זענען געגאַנגען פאַמעלעך פארטראַכטע, פאַרזאָרגטע און די קאַטשקעס האָבן, דאַכט זיך, נישט געקאָנט שטעלן קיין טריט. הינט מיט צעפלאַצטע פעלן און אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט און געוואָיעט און אויסגעדאַרטע קעץ פון משונהדיקע קאָלירן האָבן מיט זיי מיטגעקלאָגט.

אַרום די פּלומפּן האָבן זיך אין די שרפהדיקע טעג צוזאַמענגעקליבן אַלע לעבעדיקע פון שטאָט. עס זענען געקומען מענטשן צו נעמען א פרישן קאַלטן טרונק. זיי האָבן געבראַכט די פערד, די קי, זיי אַנצוטרינקען און עס זענען געקומען די חזירים צו וואַלגערן זיך אין דער נעץ אַרום די פּלומפּן און די קאַטשקעס איינצונעצן זייערע בריענדיקע לאַפּקעס. הינט און קעץ האָבן אויך זיך צוגעטוליעט, געחלשט נאָך א טראָפּן וואסער.

נאָר אומדערבאַרעמדיק איז געווען די זון יענע טעג. מיט דעם זעלבן מויל, וואָס זי האָט געגאָסן פייער אויף דער הויפּטשטאָט, האָט זי אויך אויסגעלעקט יעדן טראָפּן וואסער, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד.

די מענטשן זענען אַליין געווען פאַרזיכטיק נישט צו פאַרגיסן וואַסער אויף דער ערד. נאָר מען קאָן דאָך נישט זיין אַזוי אָפּגעהיטן, און עס האָט זיך אויסגעגאָסן צו ביסלעך וואסער פון די עמערס און פון דער פּלומפּ צווישן איין עמער און דעם צווייטן. ס'איז אָבער נאָך רעכט נישט

צוגעקומען צו דער ערד, נאָך איידער עס האָט זיך צעגאָסן איז עס געוואָרן איינגעזאַפּט אין דעם זאַמד, און ס׳איז נישט געבליבן קיין קענצייכן דערפון. אַנטווישטע זענען געשטאַנען די חיות, די עופות און געבראָטן זיך אין דעם אומדערבאַרעמדיקן פייער.

און נישט נאָר די לעבעדיקע אַליין האָט געמאַטערט די היץ. אַלץ וואָס אויף דער ערד — לעבעדיק צי נישט לעבעדיק — איז געפייניקט געוואָרן פון דעם גרויזאַמען צאָרן פון דער זון. די ביימער, וואָס זענען אַלעמאָל געשטאַנען רייענווייז גרינע מיט בלעטער געדיכט, ווי לאַנגע געדיכטע האָר אַראָפּגעהאַנגען פון מיידלשע פּלייצעס, זענען געוואָרן איינגעדאַרט, געל, די בלעטער זייערע, פאַרברענט אויף אַש, זענען געווען אַ שאָטן און אויסגעמישט מיט דעם הייסן זאַמד.

נאַקעטע, אויסגעקראָכענע ווי זקנים אויסגעדאַרטע, אויסגעטריקנטע, מיט די לעצטע האָר אויסגעפאַלענע, זענען געשטאַנען די ביימער.

אין די הייזער און אַרום די הייזער האָבן זיך געבויגן, איבערגעבראָכן די פּלאַנצן אין די בלומען־טעפּ, אין די בייטן, געוואָרן שטויב.

אפילו די הייזער, האָלץ און ציגל, זענען נישט געשוינט געוואָרן פון דער בייזער, פייערדיקער האַנט. די שינדלען אויף די דעכער האָבן געקנאַקט, געקרישלט זיך און שטיקערווייז אַראָפּגעפאַלן. פון די ווענט איז אָפּגעשפּרונגען די ווייסע פאַרב און געמאַכט גרויסע, מיאוסע שטופּעלן אויף די פּנימער פון די הייזער.

ווייסט, גרוי־געל איז געוואָרן די ערד און בלוי־געל דער הימל. איבער אַלץ און אַלעמען האָט זיך אויסגעלייגט די געלקייט ביז איבל.

— אַ שטראָף פון גאָט! — האָבן די מענטשן געזאָגט, — ווי אויף סדום און עמורה, גיסט ער אויף אונדז פייער און שוועבל.

און ווען די מענטשן, און אפשר בהמות און חיות און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד, האָבן געמיינט אַז עס זענען שוין געקומען די לעצטע טעג, זיי וועלן אומקומען אין דעם טאָל פון גיהנום, וואָס הייסט פילאַדעלפיע; ווען זיי זענען שוין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, זיך געהאַלטן נאָר מיט די לעצטע כוחות, און שוין נישט געהאַט קיין כח צו בעטן צו גאָט, ער זאָל האָבן רחמנות, איז מיט אַמאָל פּלוצלינג, פאַרהוילן געוואָרן די זון. איבער איר פּנים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שוואַרצער פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל און זיך אויסגעלייגט איבער דער שטאָט. און פון הינטערן שוואַרצן פאָרהאַנג האָט זיך געטראָגן אַ מוראַדיקער שטורעם, שוידערלעכע דונערן האָבן די ערד אויפ־

געטרייסלט, בליצן האָבן געריסן פּאַסן פון שוואַרצן פּאַרהאַנג. די פענצ־טער פון הימל האָבן זיך געעפנט און עס האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן. אַ גאָס־רעגן. אַ וואָלקן־בראָך.

די מענטשן האָבן פאַרגעסן די מורא פאַר דונערן, אַפילו דער דונער וואָס איז אַריין אין אַ הויז אויף דער צווייטער גאַס און צוגענומען אַ קרבן, אַ מוטער פון ניין קינדער, האָט נישט געקאָנט פאַרשטערן די פרייד מיט דעם רעגן.

דער רעגן האָט פאַרלאָשן די חמימה. דאָס וואַסער, וואָס איז גע־קומען צעבערוויז, טונענווייז, האָט אויפגעלעקט דאָס פייער, געוואַשן די פאַרטריקנטע לייבער פון די ביימער, די דורכגעברענטע דעכער און ווענט און דאָס געפּרעגלטע פּנים פון דער ערד; געצוואָגן די לופט און זי דיס־טילירט און אַלץ האָט געאָטעמט פריש און לייכט.

באַפרייטע, דערפרייטע, האָבן אַלע געדאַנקט און געלויבט גאָט אין די שטובן, מיט דעם אָנקומען פון די ערשטע טראָפּנס, און אין די געבעט־הייזער, אין די באַשטימטע שעהן פאַר תפילה־טון, געלויבט און גע־דאַנקט דעם באַשעפער, וואָס האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט און צוגענו־מען די שטראָף פון זיי, אָפּגעטון זיין צאָרן.

זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט די אַלע, וואָס זיי האָבן זיך געפרייט מיט דער ברכה פון רעגן, אַז די ברכה טראָגט פאַר זיי אַ קללה.

דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך געמאַטערט אונטער די פייערדיקע רי־טער פון דער שרפהדיקער זון, האָבן זיי געבעטן נאָר אויף איין ישועה — אויף רעגן. דער רעגן וועט זיין זייער מלאך, וואָס וועט זיי ברענגען די הילף. און אַז דער רעגן איז געקומען איז ער טאַקע געווען אַ ישועה, אַ ברכה, אָבער אין די טראָפּנס זיינע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּ־שטעלן, איז געלעגן אַ קללה, אַ גרעסערע ווי עס איז געווען דער צאָרן פון דער היץ.

עס האָט גערעגנט אַ גאַנצן טאָג און עס האָט גערעגנט ביינאַכט. די מענטשן, וואָס זענען געווען גליקלעך מיט דעם רעגן האָבן געוואָלט, אַז נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט רעגענען, זאָל קומען אַ ליכטיקער פרימאָרגן און די זון, נישט די בייזע, צאָרנדיקע, נאָר די מילדע, ליבע זון זאָל שיינען; ווען פילאַדעלפיע וועט אויפשטיין, זאָל זי אָנטקעגנגיין אַ שיינעם ליבן טאָג.

דאָס האָבן געוואָלט די מענטשן. נאָר דאָס איז נישט געווען. ווען מענטשן וואָלטן געקאָנט האָבן אַלץ, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט, ווען עס

וואָלט געווען, ווען עס וואָלט געוואָרן אַזוי ווי מענטשן וואָלטן געוואָלט, וואָלט די וועלט שוין לאַנג געווען אויסגעלייזט פון דעם שלעכטס צווישן מענטש און מענטש און דאָס בייז צווישן אַנדערע באַשעפענישן וואָלט זיך אויך אויסגעלאָזט. קראַנקהייטן וואָלטן פאַרשווונדן און אַלץ וואָס לעבט, וואָלט אפשר געלעבט אייביק.

האָט דעם צווייטן טאָג נישט אויפגעהערט צו רעגענען. די מענטשן זענען אויפגעשטאַנען אין דער פרי און נישט געפונען די זון; פון דאָרטן אין דער הויך, ווו עס האָט געדאַרפט זיך גיסן ליכטיקייט און וואַרעמ־קייט, האָט זיך געצויגן געדיכטע טונקלקייט און געגאָסן שוואַרץ וואַסער.

ביז איבער די קני האָבן דערגרייכט די קאַלוזשעס. שווער געווען אַרויסצוציען די פיס פון די טיפע בלאָטעס. שטראָמיק האָט אַריינגעריסן ס'וואַסער אין די קראָמען, די שטובן.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן ווערן אומצופרידן, וואָס עס הערט נישט אויף צו גיסן. דער צווייטער טאָג רעגן האָט זיי אָנגעהויבן צו דערעסן. אַ פייכטקייט האָט אַרומגענומען זייערע גלידער און אַנשטאָט פרישע דערקוויקנדיקע לופט האָבן זיי איינגעאָטעמט לעבליך זיס־ביטער וואַסער.

פונדעסטוועגן האָבן די מענטשן נישט אַרויסגעזאָגט זייער אומצו־פרידנקייט מיט דעם צווייטן טאָג רעגן. זיי זענען געווען זיכער אַז דעם דריטן טאָג וועט די זון זיי קוקן אין פּנים אַריין.

די זיכערקייט מיט דער זון אויפן דריטן טאָג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַנטוישונג, אַ סך אַ גרעסערע ווי דעם טאָג פריער. אַ סך האָבן שוין פאַרלוירן דעם געדולד. דער דריטער טאָג רעגן. די גאַנצע וועלט ווערט דורכגעווייקט, אַפילו ווען מען גייט נישט אַרויס אויף דער גאַס, מען קאָן זיצן כּסדר אין שטוב, זענען די קליידער דורכגענעצט און די גלי־דער אויסגעווייקט.

— אַ שטראָף פון גאָט — האָבן די אומצופרידענע, די אומגעדול־דיקע געזאָגט — ווי דער דור פון מבול ווערן מיר. ס'אַ פאַרפלייצונג.

געווען איז עס, ווי עס מאַכט זיך, ווען עס קומט אָן אַ הייסע כוואַליע און זי וויל נישט אָפּטרעטן אַ וואָך און אַפילו צוויי וואָכן. און נאָכדעם קומט אַ רעגן־כוואַליע, וואָס וויל אויך נישט זיך אָפּשטעלן, נאָר גיסט און כליאָפּעט בייטאָג און ביינאַכט, אַ גאַנצע וואָך און אַמאָל נאָך לענגער; און נאָך ערגער — די עלטסטע מענער אין פילאַדעלפיע האָבן אַליין נישט געדענקט און האָבן נישט געהערט פון זייערע טאַטעס און

זיידעס, אז עס זאָל האָבן געווען פריער אזא ווילדע חמימה, און נאָך דערצו אזוי לאַנג, און אויך נישט וועגן אזא מבול. און נישט נאָר וועגן פילאַדעלפיע האָבן זיי דאָס נישט געהערט, וועגן אנדערע שטעט און לענדער האָבן זיי אויך נישט געהערט. און דאָ זענען דאָך געווען אזוי פיל איינוווינער, וואָס זענען געקומען פון אַ סך לענדער. ענגלענדער און דייטשן, שוועדן און שפּאַניער, פראַנצויזן און פּאָליאַקן. עס זענען אויך געווען יידן פון פאַרשידענע לענדער. און אַלע אין איינעם האָבן נישט געהאַט צווישן זיך קיין איין איינציקן, נישט קיין מאַן און נישט קיין פרוי, וואָס זאָל האָבן געדענקט אָדער געהערט וועגן אזא דערשיינונג. וואָס זיי האָבן יאָ געדענקט איז געווען, וואָס זיי האָבן געלייענט אין דער ביבל, און עס האָט זיי דערמאָנט די ווילדע חמימה און דעם גאָס רעגן — אין דער מעשה וועגן סדום און עמורה און פון דור פון מבול.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן. דאָס הארץ האָט זיי געזאָגט, אז די טאָפּלטע דערשיינונג — די היץ און דער מבול — איז נישט קיין גלייכע זאַך.

פון אויבן אין דער הויך, פון דעם אָרט, וווּהין עס קוקן אַלע אויגן און עס שטרעקען זיך אַלע הענט, צו אים דעם האַר גאָט, קומט די טאָפּלטע דערשיינונג. צום ערשטן האָט זיך דאָרט געעפנט אַן עפענונג און עס האָט געגאָסן מיט פייער, און דערנאָך, צי דורך דער זעלבער עפענונג אָדער דורך אַ נייער, גיסט זיך דאָס וואַסער. עס גיסט זיך דאָס וואַסער און וויל ניט אויפהערן, און עס טוט דורכווייקן די גאַנצע ערד מיט אַלצדינג, וואָס געפינט זיך אויף איר.

די מענטשן אין די הייזער זיצן, גייען, שטייען, ליגן, און אומעטום וואַסער, וואַסער. מען ווישט זיך מיט האַנטיכער, מיט לייַלעכער, דאָס פּנים, האַלדז, הענט און מען קאָן זיך נישט דערווישן. נאָר־וואָס אָפּגעווישט זיך און עס גיסט זיך שוין ווידער. דער מענטש איז געווען בלויז וואַסער.

און נישט נאָר דער מענטש אַליין. בהמות, חיות און עופות; די ביימער, די הייזער, אַלץ איז געווען ווי אינמיטן אַ ים. וואָס הערט נישט אויף צו פלייצן און שלאָגן מיט די כוואַליעס איבערן קאָפּ, אין די זייטן און איבער הענט און פיס. מען האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז ווען דער מבול זאָל אזוי גיין נאָך עטלעכע טעג וועט דאָס ליים צווישן די ציגל פון די ווענט ווערן צעווייקט, אויסרינען און די הייזער וועלן איינפאַלן.

נאָר אַזוי ווייט איז עס נישט געגאַנגען. אויפן פינפטן טאָג האָט זיך

אָפּגעשטעלט דער מבול. עס האָט אויפגעהערט צו רעגענען. די זון האָט זיך אָבער נישט באַוויזן. מען האָט נאָך געשפּירט דעם רעגן. ער איז גע־בליבן הענגען אין דער לופטן. אַ געדיכטע פייכטקייט וואָס מ׳האָט גע־קאָנט אויפשעפּן איז געבליבן הענגען ווי גרויסע, נאַסע טיכער, און עס איז געווען שטיקנדיק־הייס, נאַס און גליטשיק.

ווען עס האָט אויפגעהערט גיסן האָבן אַלע זיך געפרייט און דער־וואַרט אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ הייסע זון, וואָס זאָל אויסגליען די גאַנ־צע פייכטקייט און אויסטריקענען די נעץ פון די ביינער.

איז אָבער נישט אַרויסגעקומען די זון, און די מענטשן און אַלע לע־בעדיקע זענען געוואָרן אַלץ שוואַכער און אויסגעמאַטערטער.

אויף די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט זענען געבליבן שטיין וואַסערן, בלאָטעס. די חזירים זענען אַרויסגעקומען מאַסנווייז און געוואַלגערט זיך אין די בלאָטעס און זי צעטראָגן אַהין, ווו עס איז געווען טרוקן. קאַטש־קעס האָבן געשווומען אין מיטן גאַס, געקוואַקעט, איינגעגנורעט די שנאָב־לען אין וואַסער און געשווומען אַהין, צוריק און ווידער אַהין.

מיסט פון פערד, קי, מיסט פון די עופות איז געלעגן קופּעסווייז אויף די גאַסן. חזירים האָבן זיך געראַיעט אין די מיסטן און זיי צעוואָרפן לעבן הייזער און פּלויטן.

צו־ריין איז פריער אויך נישט געווען אין שטאָט, נאָר נאָך דער גרויסער חמימה און איר נאָכפאָלגער, דער שרעקלעכער מבול, זענען די מענטשן, אָפּגעשוואַכטע, אויסגעמאַטערטע, געוואָרן אין גאַנצן גלייכגיל־טיק צו דעם מוראדיקן באַשטאַנד וואָס עס האָט זיך געטון אין דרויסן.

און ווער עס איז געווען דער ערשטער האָט מען נישט געוווסט אין אָנהויב און נישט ביים סוף, אָבער אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דריי־סיק, אַן ענגלישער, אַ פאָטער פון ניין קינדער, איז אַוועקגעפאַלן מיט אַ שווידערלעכן קאָפּ־ווייטיק און אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער. דער גאַנצער גוף זיינער איז געווען אַ שטיק פייער און ער האָט אָנגעהויבן צו ברעכן מיט דער גרינער גאַל.

נאָך די ערשטע פּאָר מאָל האָט ער אָנגעהויבן ברעכן מיט אַ טונקע־לער פליסיקייט און וואָס ווייטער איז עס געוואָרן רויטער, שוואַרצער, ווי פאַרגליווערט בלוט.

און דאָס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ רויט פייערל, די נאָזלע־כער, די ליפּן זענען געוואָרן שטאַרק רויט, רויט ווי די אָנגעגליטע אייזער־נע טירלעך פון די אויוונס אין אַ פראָסטיקער נאַכט.

דער מאַן איז געווען דער ערשטער, אָבער באַלד האָט זיך געלייגט

אין בעט אריין מיט די זעלבע סימנים זיין ווייב, און דער טאג איז נישט אריבער, זענען אזוי אוועקגעפאלן אין דעם זעלבן הויז פיר קינדער — דריי יינגלעך און א מיידל.

— די „נייע מגפה"! — האבן די שכנים געזאגט גלייך ווי זיי האבן דערזען דעם פאטער ווערן קראנק. — מען זאל נאר אפגעהיט ווערן!

די „נייע מגפה" איז שוין נישט געווען קיין נייע קרענק אין פילאדעלפיע. עטלעכע מאל איז זי שוין געווען אין דער הויפטשטאט מיט א סך יארן פריער, און די לעצטע 6-7 יאר איז זי געווען עטלעכע מאל און האט אנגעמאכט מוראדיקע פארוויסטעגישן. אין די עטלעכע מאל וואס זי איז געווען אין די 6-7 יאר, האט זי זעלטן אויסגעלאזט א הויז ווו זי האט נישט גענומען איר קרבן. א סך הייזער האבן איר געמוזט געבן צו עטלעכע קרבנות. עס זענען געווען פאמיליעס וואס האבן געמוזט איר אפגעבן א העלפט און אויך מער פון זייערע נפשות.

איז די קראנקהייט נישט געווען קיין נייעס אין שטאט. מען האט זי נאר גערופן „די נייע מגפה", ווייל זי איז געווען א נייעס פאר די מערסטע איינוווינער פון פילאדעלפיע. נישט אין די לענדער פון וואנען זיי זענען געקומען אין דער נייער וועלט און נישט אין דער נייער וועלט, האט מען אמאל געוווסט פון דער קראנקהייט. פלוצים האט זי זיך באוויזן מיט א צייט צוריק און צעשטערט א סך לעבנס, פארשוונדן אויף א לאנגע צייט, און מיט 6-7 יאר צוריק איז זי צוריקגעקומען — און צוריקגעקומען מיט א ווילדער האסטיקייט, מיט אזא צארנדיקן הונגער, אז זי האט פארלענדעט טויזנטער מענטשן, אלטע און יונגע, מענער און פרויען און קליינע קינדער.

און אזוי ווי נישט די דאקטוירים און נישט די קראנקע האבן אויף זיכער געוווסט, וואס פאר אן אנשיקעניש די דאזיקע קראנקהייט איז, און נישט וואס עס זענען אירע סיבות, האט מען זי גערופן „די נייע מגפה".

און איידער מען האט זיך רעכט דערוווסט פון דעם קראנקן מאן, וואס איז געווען אן ענגלענדער, האט מען שוין געהערט פון נאך א קראנקן אין א צווייטן הויז, נישט ווייט פון דעם ערשטן קראנקן, טאקע דאס פערטע הויז און באלד — נאך א הויז אויף א צווייטער גאס, און באלד האט מען שוין אויפגעהערט צו וויסן אין וויפיל הייזער עס זענען דא קראנקע און אויף וועלכע גאסן.

אין די מערסטע הייזער פון אלע גאסן זענען געלעגן קראנקע. דא איינער און דארט צו צוויי און צו דריי און צו זעקס, גאנצע הויזגעזינדן

זענען געלעגן און עס זענען נישט געווען נענוג בעטן אין א סך הייזער פאר אלע קראנקע.

ווי א ווילד־פייער האט זיך פארשפרייט די נייע מגפה און געכאפט אלעמאל א נײַ הויז, א נייעם איינוווינער.

די מוראדיקע היץ וואס האט געברענט די קראנקע האט ווי א שרפה זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער שטאט, ווי א שרפה וואס פאר־שפרייט זיך פון ערשטן ברענענדיקן הויז און זי כאפט־אן הויז נאך הויז.

א פארשאלטענע מורא איז באפאלן די הויפטשטאט. פון אזא מורא האבן די איינוווינער נאך קיינמאל פריער נישט געוווסט. זיי וואלטן זיך געווען דערשראקן אפילו ווען זיי וואלטן נישט געווען פריער אויסגעמא־טערט געווארן פון דער שוידערלעכער חמימה און דעם מוראדיקן רעגן. נאר איצט, אויסגעמאטערטע, אפגעשוואכטע, איבערגעשראקענע פון די צוויי פריערדיקע שטראפן, איז נישט געבליבן אין די מערסטע פון זיי קיין טראפן מוט און עס איז אויסגעלאשן געווארן זייער לעצטער פונק פון האפענונג.

און אט איז אפגעפאלן די היץ פון קראנקן. טייכן וואסער האבן זיך אנגעהויבן גיסן פון אים. די רויטקייט פון זיינע נאזלעכער, פון די ליפן, פון גאנצן פנים האט זיך אויסגעלאשן. אט טאקע ווי דאס פייער, וואס האט געברענט אין קראנקנס לייב, וואלט געווארן אויסגעלאשן. נאר אנ־שטאט דער רויטקייט האט זיך גענומען אויסשפרייטן אן אנדער פארב אין זיין פנים. צום ערשט איז דעם קראנקנס פנים, דער האלדז, די אוי־ערן, ס'גאנצע לייב געווארן געל, ווי איבערגעצויגן מיט א גאלדענער הויט. באלד האט די הויט אנגעהויבן איינטריקענען, געווארן ווי ציטרין־שאלעכץ. טרוקן, רייביק און געל.

עס איז געקומען דער דאקטאר, באקוקט דעם קראנקן און האט גע־געבן א שאקל מיטן קאפ.

„די צרה איז פארטיק" האט ער געטראכט, „די נייע מגפה".

— גיך סענא־בלעטער — האט ער באפוילן. — שטעלט צו וואסער.

און ביז מען האט געבראכט די סענא־בלעטער און ביז דאס וואסער האט אויפגעקאכט און די סענא־בלעטער אויפגעבריט, האט דער דאק־טאר אים געשטעלט פיאווקעס.

פון א סלאי מיט וואסער, וואס ער האט געטראגן אין זיין קעסטל, האט ער ארויסגענומען א פיאווקע און זי צוגעלייגט צום קראנקנס רעכ־טער שלייף. די פיאווקע האט זיך געגעבן א שטאך אריין אין פלייש און געבליבן הענגען, געוויקלט זיך ארום זיך, געזויגן און געזויגן ביז זי איז

אראָפּגעפאַלן, אַנגעזעטיקט, פול מיט בלוט פון דעם קראַנקן — אַראָפּגע־פאַלן אַ טויטע. און דער דאָקטאָר האָט אונטערגעהאַלטן אַ גלאָז מיט וואַסער און ווי די פּיאַווקע איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער אריין, איז אין אַ רגע דאָס וואַסער געוואָרן בלוט־רויט.

דאָס זעלבע האָט דער דאָקטאָר געטון צו דער צווייטער שלייף און פון דער צווייטער פּיאַווקע איז דאָס וואַסער געוואָרן געדיכט, ווי בלוט וואָס הייבט אָן גליווערן.

איצט איז שוין געווען אָנגעצויגן דאָס סענאַ־וואַסער, און דער קראַנ־קער האָט מיט זיינע לעצטע כחות געטרונקען דאָס ביטערע אָפּפיר־וואַ־סער און געקרימט זיך אין דרייען און מען האָט נישט געוווסט צי דאָס איז פון די מוראַדיקע ווייטיקן אָדער גאָר פון דעם ביטערן סענאַ־וואַסער.

— ער מוז ארויסגיין. מען מוז אים אָפּרייניקן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט איידער ער איז אוועקגעגאַנגען. — גיט אים אַזוי לאַנג צו טרינ־קען ביז עס וועט ווירקן.

—אָפּרייניקן איז שוין אַ העלפט פון דער רפואה — האָט דער דאָק־טאָר געוואָרנט פון דער שוועל. — הערט נישט אויף אים געבן צו טרינ־קען ביז עס וועט ווירקן.

דאָס איז אָבער גאָר געווען דער אָנהויב פון היילן. נאָכדעם האָט מען ערשט דעם קראַנקן געשלאָגן אָדער און אויפסנײ אָפּגעצויגן בלוט.

— מען מוז ארויסציען דאָס בייזע פאַרסמטע בלוט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און מיט אים האָט עס געזאָגט דאָס גאַנצע פאָלק.

אַלע זענען געווען זיכער, אַז די לופט אין די הייזער פון די קראַנ־קע איז געווען די הויפּט־שולדיקע אין דעם אומגליק. דאָס פאָלק האָט גע־גלויבט אַז די לופט איז פול מיט בייזע גייסטער וואָס ברענגען אום די מענטשן אין זייער גרויסן צאָרן. די דאָקטוירים וואָס האָבן שוין נישט געגלויבט אין גייסטער, נישט אין בייזע ווי נישט אין גוטע האָבן גע־מיינט אַז די לופט איז אָנגעפילט מיט אַ פאַרדאַרבענדיקן גיפט וואָס גייט אריין אין די מענטשן און זיי ווערן קראַנק.

האָט מען געטון אַלץ וואָס מען האָט געקענט אויסצורייניקן די לופט פון די בייזע גייסטער און פון דעם פאַרדאַרבענדיקן גיפט. די פשוטע מענטשן האָבן געברענט אין די הייזער קרייטעכצער, וואָס זענען געווען אָנגענומען פאַר אַ סגולה צו פאַרטרייבן בייזע רוחות. די שטובן זענען געוואָרן אויסגערויכערט מיט די סגולה־בלעטער און געווירצן. און זייערע שאַרפע ריחות זענען אריין ביי אַלע שטוביקע אין די נעזער, אין האַלדז אריין, און זיי האָבן געגלויבט, אַז אַזוי וועלן די בייזע גייסטער ווערן

פאַריאָגט פון הויז. ביים רויכערן האָבן די רויכערער געזאָגט באַשטימ־טע תפילות און שפּרוכן, און זיי האָבן באַשווירן די בייזע גייסטער צו פאַרלאָזן דעם ישוב און זיך אומצוקערן אין די מדבריות, אין די וויסטע וועלדער, אין די זומפּן, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

און אויך די דאָקטוירים וואָס האָבן שוין נישט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון בייזע גייסטער, האָבן אויך אויסגערויכערט די הייזער. די רויכער־מיטלען האָבן די דאָקטוירים שוין געקויפט אין אַפּטייק. זיי האָבן געררויכערט ניטרע און קאַלך.

א גרויס שאַף, פול זאַמד, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב און איינגעגראָבן אין זאַמד אַ קעסעלע פול מיט לעבעדיקע קוילן. אויף די קוילן האָבן זיי געשאָטן צעמאַלענע ניטרע, קאַלך־פּולווער און דער רויך וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם איינגעגראָבענעם קעסעלע אין זאַמד, האָבן די דאָקטוירים געגלויבט, רייניקט אויס די לופט פון דעם פאַרדאַרבענדיקן גיפט.

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען און געטראָפן אַ פרוי ברענען קרייטעכצער און געווירצן, האָט ער אין האַרץ געשמייכלט מיט פאַראַכ־טונג און גערעדט ביי זיך אין געדאַנק:

„ווילדע מענטשן! וואָס פאַר אַ נאַרישער אַבערגלויבן. זיי האָבן זיך איינגערעדט בייזע גייסטער".

און ווען דער דאָקטאָר איז געשטאַנען איבערן קעסעלע מיט ברע־נענדיקע קוילן און פאַמעלעך, מיט דאָקטאָרישער כוונה און אָפּגעהיטע־נער אויסגערעכנטקייט געשאָטן די ניטרע פודער און דאָס קאַלך־מעל, האָט די פרוי מיט די קרייטעכצער און געווירצן געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַמונג, ווי אויף אַ לעסטערער, וואָס צווינגט מיט גוואַלד מענטשן אָפּצוטרעטן פון גלויבן, און זי האָט געמורמלט פאַר זיך:

— דער אומגלויביקער! מיט קאַלך וויל ער פאַרטרייבן גייסטער!

ביי די ערשטע קראַנקע האָט אָנגעהויבן אָפּצופאַלן די היץ, אָבער דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער דאָזיקער קראַנקהייט איז נישט געווען גלייך ביי זיי. אַ טייל האָט אויפגעהערט צו ברעכן, מיטאַמאָל האָט אַ הונגער גע־צויגן זייערע געדערעם. און פון מינוט צו מינוט האָבן זיי געפילט ווי די אָדערן זייערע גיסן זיך אָן מיט פריש בלוט און נייע כוחות צעשפּרייטן זיך אין זייערע גלידער. פונקט ווי זיי האָבן זיך ערשט געפילט אַזוי טויט־מיד, גלייכגילטיק און דערשלאָגן, אַזוי האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו פילן אויסגערוט, נייגעריק און לעבהאַפט. די געלקייט האָט אָנגעהויבן אָפּבליאַ־

קעווען און מיטן אויג קוקנדיק האָט מען דערזען ווי די נאַטירלעך לעבע־דיקע מראה קערט זיך אום אין דער הויט אַריין.

די דאָזיקע קראַנקע האָבן געוואָלט גלייך אַראָפּגיין פון זייער גע־לעגער. פילנדיק אַז זיי זענען געזונט, האָבן זיי נישט געוואָלט ליגן, און זיי האָבן דאָך געזען אַרום זיך נאָך קראַנקע, האָבן זיי געוואָלט קומען זיי צו הילף.

נאָר דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט. ווי נאָר זיי האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ זענען זיי מאַכטלאָז צוריקגעפאַלן. זיי האָבן נאָך געמוזט ליגן אָבער זיי זענען געוואָרן געזונט.

ביי אַנדערע קראַנקע האָט די היץ זיך אומגעקערט און צעברענט זיך נאָך שטאַרקער. מען האָט געזען אַז זיי ווערן פאַרברענט אויף קויל.

— אַ קאַלך־אויוון איז זיין לייב — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר זע־ענדיק די משונהדיקע הויכע היץ ביי זיין פּאַציענט.

די צאָל פון די וואָס האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון טויט איז געווען גרויס. אַ סך קראַנקע זענען געוואָרן געזונט, אָבער אומדערבאַרעמדיק־גרויס איז געווען די צאָל וואָס די „נייע מגפה" האָט צוגענומען פאַר איר אָפּצאָל.

נאָך איידער די נייע מגפה האָט זיי אײַנגאַנצן צוגענומען האָט מען שוין געזען, אַז ווי די שאָף געצייכנטע פון פּאָסטוכס רוט זענען זיי שוין געצייכנט פון דער שוידערלעכער האַנט, פון דער אומבאַקאַנטער קראַנק־הייט, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „די נייע מגפה". ביים לעבן זענען זיי שוין געווען טויט. אָן מוט, אָן ווילן זענען זיי געלעגן ווי האָלעוועש־קעס, וואָס דאָס לעצטע פלעמעל אין זיי לעשט זיך.

אַזוי זענען אין די הייזער פון פילאַדעלפיע, הויז לעבן הויז, כמעט איינס נישט איבערגעהיפּט, געלעגן מענטשן האָלעוועשקעס, און פון טאָג צו טאָג האָבן זיך די לעצטע פלעמלעך אין די האָלאָוועשקעס אַלץ מער און מער אויסגעלאָשן.

געשרייען, יללות האָבן זיך געטראָגן אין שטאָט. מען האָט שוין נישט געוווּסט ווער עס שרייט און ווו מען שרייט. פון אַלע הייזער האָבן זיך געטראָגן די געשרייען. פון אַלע טירן זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן מיטהס, טרונעס. אויף אַלע גאַסן — לוויות. פילאַדעלפיע איז געוואָרן דער טאָל פון יאָמער. אַלט און יונג האָבן געוויינט. מאַן און פרוי האָבן געקלאָגט. די קולות פון די געוויינען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גע־שרייען, און מען האָט שוין אויפגעהערט צו הערן דאָס אייגענע געשריי, צו פאַרנעמען דאָס אייגענע געוויין.

זענען מענטשן געלאָפן אין די געבעט־הייזער צו בעטן יעדערער צו זיין גאָט.

אין די קירכעס זענען געקומען צולויפן מוטערס, שוועסטער, און מענער זענען אויך געקומען. שפּעטער, ווען די פּעסט האָט זיך געשטאַרקט און די צאָל פון אירע קרבנות איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג.

געוויינען שטילע האָבן אָנגעפילט די קירכעס און זענען איבערגע־ריסן געוואָרן פון אַ געיאָמער וואָס האָט אויסגעבראָכן פּלוצלינג:

— גוטער האַר, שיק אַ היילונג צו מיין קינד!

— גרויסער האַר, איך האָב שוין באַצאָלט מיין חלק. לאָז מיר לעבן די אַנדערע!

די שול פון דער „הייליקער געמיינדע מקוה ישראל" האָט אויך גע־האַט איר טייל געוויין און יאָמער פון דערשראָקענע מאַמעס, שוועסטער, באָבעס און מאַמעס, וואָס זענען געקומען איינרייסן פאַר זייער קראַנק בלוט און פלייש.

איר חלק איז אָבער געווען אַ סך קלענער, אַפילו לויט דער צאָל פון אירע מיטגלידער, אין פאַרגלייך מיט די טיילן וואָס עס זענען אויסגע־פאַלן אויף די נישט־יידישע געבעט־הייזער.

מען האָט שוין פיל מאָל געהאַט געזאָגט תהלים אין שול. צום ערשט פאַר איין קראַנקן און פאַר אַ צווייטן. באַלד האָבן די יידן שוין געזאָגט תהילים נישט פאַר אַ באַשטימטן מענטש, נאָר פאַר דער גאַנצער גע־מיינדע, אין געבעט, אַז די „נייע מגפה" זאָל זיך אָפּטון פון דער שטאָט און זאָל אַריינפאַלן אין גרויסן ים אַריין און אין די וויסטע מדבריות הינ־טער די הרי חשך, טויזנטער מיילן פון אַ ישוב.

אָבער מיט דעם גאַנצן תהלים זאָגן איז די צאָל פון קראַנקע צווישן די יידישע איינוווינער פון אָנהויב־אָן געווען קלענער. פיל קלענער, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל קראַנקע צווישן די נישט־יידן, און נאָך קלענער איז געווען די צאָל פון די טויט־פאַלן צווישן די יידישע חולאים.

אוודאי איז אין דעם פייער פון דער פּעסט פאַרבאַפּט געוואָרן דער רוב יידישע הייזער, דער גאַנג פון דער קראַנקהייט ביי די יידן איז אָבער געווען אַ גרינגערער פון דער ערשטער מינוט אָן און דעריבער זענען די מערסטע געזונט געוואָרן.

צווישן גויים, באַזונדער צווישן די דייטשן, וואָס האָבן געהאַט אויף זייער חלק גאָר אַ גרויסע צאָל קראַנקע און נישט ווייניקער טויטע, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר פאַרביטערטע, וואָס זענען פון שרעק געווען האַלב־משוגע, וועלכע האָבן גענומען קאָכן אויף די יידן ווען זיי האָבן געזען, אַז די יידן ליידן ווייניקער.

זיי האָבן זיך עפּעס דערמאָנט אַלטע מעשיות, וואָס זיי האָבן געהערט קינדווייז אין זייערע היימען אין דער אַלטער וועלט, אַז אַמאָל־אַמאָל איז אומגעגאַנגען אַ מגפה די „שוואַרצע מגפה״ איז דאָס געווען, און דעמאָלט האָבן די יידן זיך אויך אַרויסגעדרייט פון איר. זיי האָבן געדענקט, אַז דעמאָלט האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט די יידן אין זייער היימלאַנד, אין דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט די יידן, פון דער שוואַרצער פעסט, האָט מען זיי סיי־ווי אויסגעהרגעט, לעבעדיקער־הייט פאַרברענט.

אָנגעהויבן האָבן זיי די רייד אין זייערע הייזער און איידער זיי האָבן נאָך געוואָלט זיי אַרויסטראָגן אויף דער גאַס, זענען זיי געוואָרן צעטומלט ווען זיי האָבן געזען, אַז די יידן זענען נישט די איינציקע וואָס ליידן וויניקער פון דער „נייער מגפה״.

האָבן זיי אפילו יאָ פּרובירט צו העצן קעגן יידן. אויפגערעגטע, דערצאָרנטע האָבן זיי געזוכט צו געפינען דעם שולדיקן אין דער געפּערלעכער קראַנקהייט, און אויב נישט דעם שולדיקן איז כאָטש אַן אומשולדיקן, און אויסלאָזן אויף אים דעם גאַנצן כעס. און, ווי תמיד, האָבן די דייטשע רשעים געוואָלט אויסגיסן זייער חיהשן צאָרן אויף יידן.

עס איז זיי אָבער נישט געראָטן אויפצוהעצן די איינוווינער קעגן די יידן, וועמענס צאָל איז סיי־ווי־סיי געווען אַ קליינע, אַ הייפעלע צווישן די צענדליקער טויזנטער איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט.

אויף די ערשטע רייד האָבן זיי גלייך געקראָגן איבערן שנאָבל. אפילו די ענגלענדער, וועלכע האָבן געהאַט זייער אַ גרויסע צאָל קראַנקע און טויטע, האָבן זיך נישט געלאָזט איינרעדן דעם ווילדן געדאַנק. און נישט נאָר די ענגלענדער אַליין. איינוווינער וואָס האָבן געשטאַמט פון אַנדערע פעלקער, האָבן אויך אָפּגעשלאָגן די פינצטערע רייד קעגן די יידן.

— וואָס עפּעס נאָר יידן? פראַנצויזן זעט מען אויך נישט זאָלן זיין אַזוי פיל קראַנק, און וויפיל פראַנצויזישע לוויות האָט מען דען געזען לעצטנס? — האָט איינער געזאָגט.

— נו, און די שוואַרצע, די נעגערס? ביי זיי זעט מען דאָך כמעט גאָר נישט קיין קראַנקע. אויף אונדזערע הונדערט אפשר איינעם פון זייערע. און קיין איינעם פון זיי האָט מען נישט געזען שטאַרבן.

— לאָזט צורו די יידן. זיי האָבן גענוג קראַנקע, און לוויות פעלן זיי אויך נישט.

איינער א דייטש איז געוואָרן שטאַרק בייז אויף די פּאָר העצער און ער האָט געשריגן:

— די צרות וואָס מיר האָבן זענען אייך ווייניק. אייך ווילט זיך מאַכן א שחיטה אויף די יידן ווי מען מאַכט דאָס אין אונדזערע דייטשע לענדער! מיינט איר דאָך אַז דערמיט וועט איר זיך ראַטעווען פון אומגליק, זאָג איך אייך, אַז איר וועט נאָך מער ארויסרופן גאָטס צאָרן אויף אייך און אויף אונדז אַלעמען.

***

דער אַלטער יאַנאָס און זיין אייניקל מרדכי האָבן נישט געהאַט קיין איין רואיקע מינוט אין דער צייט פון דער קראַנקהייט. פון הויז צו הויז זענען זיי געלאָפן, יעדער באַזונדער, נאַטירלעך, צו ראַטעווען קראַנקע. די מערסטע יידן האָבן שטאַרק געאַרבעט אויף די קראַנקע. און מער אויף נישט־יידן ווי אויף יידן, ווייל יידישע קראַנקע אינאיינעם זענען געווען ווייניקער ווי א הונדערטסטל פון דער גאַנצער צאָל חולאים.

יאַנאָס איז געווען שטאַרק בייהילפיק אויך מיט מעדיצינען.

אין זיין געשעפט ווו מען האָט געקאָנט קריגן צו קויפן אַלץ וואָס דאָס מויל האָט געקאָנט ארויסרעדן, האָט ער געהאַלטן א סך מעדיציניִשע אַרטיקלען. די נייע כעמישע רפואות, ערשט ארויסגעקומענע, וואָס דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט גלויבן אין זיי און א סך דאָקטוירים האָבן געקוקט סקעפּטיש אויף זייער ווירקונג, האָט יאַנאָס אריינגענומען אין זיין קראָם. דערצו האָט ער אויך געהאַט אַלע אַלטע, און אפילו באַבסקע רפואות.

ער האָט שוין געדענקט די קראַנקייט פון די פּאָר מאָל, וואָס זי איז אומגעגאַנגען פריער, און באַלד פון אָנהויב איז ער געווען פאָרזיכטיק ביים פאַרקויפן די אָפּפיר־מיטלען און די כעמישע רפואות: איינער זאָל נישט קריגן צופיל און עס זאָל דערנאָך גאָרנישט בלייבן פאַר א צווייטן.

געוויגן און געמאָסטן, האָט ער זיך געדונגען מיט די קרובים פון די קראַנקע און אויך מיט דאָקטוירים צו באַגנוגענען זיך מיט ווייניקער. נאָר ווען געצאָלט האָט יאַנאָס זיך נישט געדונגען. וויפיל מען האָט אים געגעבן האָט ער גענומען, און אָרעמעלייט האָט ער געגעבן אומזיסט די רפואות וואָס מען האָט אויף דער מינוט אין דעם פייער נישט געקאָנט קריגן פאַר קיין געלט אויף דער וועלט.

האָבן זיך געפונען קרובים פון קראַנקע וואָס זענען געוואָרן בייז

אויף אים, וואָס ער איז אַזוי ציטערדיק איבער אַביסל אויל אָדער ניטרע און זיי האָבן אים דאָס געזאָגט אויף אַ גראָבן אופן:

— פון דער מגפה ווילט איר רייך ווערן, מיסטער פיליפּס.

— דער האר גאָט קאָן זיין מיין עדות — האָט ער געענטפערט אַ דערשראָקענער — אַז איך גיב אַוועק אַ סך רפואות אומזיסט. ווער נאָר עס קאָן נישט באַצאָלן קריגט בחנם. אויב איר זענט נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן, נעמט געזונטערהייט אָן געלט. אָבער געבן צופיל פאַר איי־נעם וועל איך נישט, אפילו ווען דער איינער וועט מיך אָפּגילטן. ס'איז אַ מגפה און מען קאָן נישט וויסן וויפיל מענטשן גאָט באַהיט, וועלן מוזן קריגן די רפואות. איז בעסער ווייניקער פאַר איינעם, כדי עס זאָל זיין עפּעס פאַר אַ צווייטן אויך.

די אָרעמע, וואָס האָבן געקראָגן פון אים רפואות אָן געלט, האָבן דערציילט וועגן דעם צווישן שכנים און באַשאָטן אים מיט פיל ברכות, האָט דאָס זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט און פאַרמאַכט די מיילער פון די, וואָס האָבן גערעדט שלעכטס אויף אים און געוואָלט אים מאַכן פאַר דעם שעיר לעזאזל פון זייער שרעק און צאָרן.

מרדכי נח איז אין די פורכטבאַרע טעג געווען ווייניק אין מיניס־טעריום. צוויי־דריטל פון די אָנגעשטעלטע אין דעם מיניסטעריום זענען געלעגן קראַנק, און ער, מרדכי נח וואָס איז געווען געזונט, האָט געדאַרפט טאָן אַרבעט פאַר פינף אַנדערע. איז ער פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען צו זיין אַרבעט אין די ביכער. ער איז אַרומגעלאָפן צווישן די קראַנקע. דאָ האָט ער געבראַכט רפואות, דאָרט האָט ער געהאָלפן דעם דאָקטאָר, די אַלטע פרויען היילערקעס, געהאָלפן ביי אָפּרייניקן די קראַנקע, ביים רוי־כערן די פאַרשידענע פּודערס. געווען פאַלן ווען מען האָט זיך שוין פאַר־לאָזט אויף אים ער זאָל אומגיין אַליין אַרום אַ חולה.

דאָס האָט ער נאָכגעטון דער עיקר זיין זיידן, יאָנאַסן, דער אַלטער פיליפּס, וואָס האָט באַוויזן וואונדער מיט זיין אַרבעט אַרום די קראַנקע.

אין זיין אייגן הויז האָט ער געהאַט דאָס אומגליק. צוויי קינדער און איין איידעם זענען אים אַוועקגעפאַלן. איין קינד, אַ מיידל, איז גע־שטאָרבן. אָבער ווי צעבראָכן ער איז געווען דער באַטריבטער טאַטע יאָ־נאָס, האָט ער אָבער נישט צוזאַמענגעבראָכן. פאַר זיינע אייגענע קראַנקע האָט ער געטון אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט און נאָך זיין טויט קינד איז ער אפילו נישט רעכט געזעסן שבעה. איז ער איבער די הייזער פון די אַנדערע קראַנקע געגאַנגען און געהאָלפן ראַטעווען.

— וואָס דער מיסטער פיליפּס צעאַרבעט! — האָבן געזאָגט די

וואָס האָבן געהאַט אַ רואיקע מינוט צו באַמערקן זיין האַוועון אַרום די חולאים.

— יאָנאַס איז אַ ריז, אַז ער קען דאָס אַלץ באַווייזן! — האָבן אַנדערע געזאָגט.

אַזוי איז דאָך דער שטייגער פון מענטשן: אין די געפּערלעכסטע צייטן באַמערקן זיי דאָך אַלערליי זאַכן, וואָס מען מיינט, אַז זייער גע־דאַנק קאָן זיי נישט אויפנעמען.

דער עול איז געווען צו שווער אויף די פּלייצעס פון יאָנאַסעס ווייב, די באָבע רבקה. אַ, ווי שווער זי האָט געאַרבעט אין יענע טעג! אַ הויז מיט אַ צוואַנציק פּאַרשוין: זין, טעכטער, איידימס, אייניקלעך; אַ פּאָר קראַנקע, אַ קינד פאַרלוירן, און יאָנאַס רוט נישט, גייט אַרום די קראַנקע. די זין נפתלי און אהרן, דער שרייבער און דער אַקטיאָר, זיצן אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט, און אוי ווי, דאָס אייניקל מרדכי, וואָס די אומ־גליקלעכע ציפּורה האָט געלאָזט אויף איר הענט, ער שטייט מיט ביידע פיס אין דעם פייער. מען זעט דאָס גאָר נישט, אין אַ יינגל פון זיינע יאָרן, ער איז דאָך נאָך נישט קיין גאַנצע פופצן יאָר, און ווי ער לייגט זיך דאָס אַוועק פאַר די קראַנקע!

האָט זיך געלייגט אויפן שכל דאָס וואָס יאָנאַס איז געווען געזונט. ביי זיינע עטלעכע און זעכציק יאָר איז ער נאָך אַלץ געגאַנגען גלייך ווי אַ בוים, די פּלייצעס זיינע האָבן זיך נישט אַראָפּגערוקט אויף אַ האָר. ער איז נאָך אַלץ געווען יאָנאַס דער גבֿרן. אָבער רבקה — פון אייזן איז זי קיינמאָל נישט געווען, אַפילו נאָך פאַר דעם אומגליק מיט איר פאַר־שוווּנדענעם איידעם, מרדכים פאָטער, וואָס האָט געפירט צו איר ליבער טאָכטערס טויט. היינט איצט, נאָך די אַלע צרות פון פריער, נאָך דעם וואָס זי, די מאַמע האָט געהאַט, געזויגן און אויפגעצויגן איין און צוואַנ־ציק קינדער, צוגעקראָגן אויף אירע הענט אייניקלעך־יתומים און איצט איין קינד אָנגעווירן, אַ פּאָר ליגן קראַנק — ווי אַזוי זי, אַן אויסגעדאַר־טע, אַ שוואַכע, האָט דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן און איז נישט אַוועקגעפאַלן, איז געווען אַ נס.

רבקה האָט פּרובירט עטלעכע מאָל אָפּנייגן איר מאַן פון זיין איבער־מענטשלעכער מי. זי האָט געציטערט אים זאָל עפּעס נישט געשען אין דער גרויסער אָנשטרענגונג. פונדעסטוועגן, ווי שטאַרק זי האָט מורא געהאַט עס זאָל נישט שאַדן יאָנאַסן איז זי וועגן אים געווען רואיקער ווי וועגן איר אייניקל מרדכין.

זי האָט דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל געזען איר יאָנאַסן אומגיין

ארום קראנקע. אין די פריערדיקע עפידעמיעס איז ער אויך נישט געזעסן ליידיק. איז ער אין אירע אויגן שוין געווען געוווינט דערצו. אבער דאס „קינד", ציפורהס יתום, ער איז דאך נאך אזא יונג בלוט, און ער טוט שוין אזוי פיל ווי זיין זיידע. האט יעדעס גליד אין איר געציטערט, עס זאל אים נישט געשען קיין בייז.

האט רבקה אנגעהויבן א פאר מאל רעדן צו יאנאסן וועגן אים אליין און אויך וועגן מרדכין.

— יאנאס, איך האב מורא, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, וואס דו ארבעטסט אזוי פיל; און... און... און — האט זי גערעדט מיט מער שרעק — מרדכי, מען טאר אים נישט לאזן אזוי אנגיין!

יאנאס האט זי בארואיקט. קיין צייט האט ער נישט געהאט, האט ער גערעדט צו איר אין איילעניש אבער ערנסט:

— רבקה, איך און מרדכים יארן האב זיך אויך אזוי געפירט און עס האט מיר, דאנקען גאט, גארנישט געשאדט. עס וועט אים אויך נישט שאדטן. זאל ער זיך צוגעוווינען צו העלפן מענטשן. דאס גוטס זיינס וועט אים באשיצן.

אירע פינגער האבן געציטערט איבער די קנעפלעך פון איר בלוזקע, הינטער וועלכער עס האט זיך געווארפן שטארק איר הארץ און זי האט קוים באוויגן די ליפן.

— דאס גוטס וואס ער טוט זאל אים נאר באשיצן, ליבער גאט!

ווען אביעזור סימפסאן, דער שניצער ביי וועמען ער האט זיך גע־האט פארדונגען פאר א שניצער־לערלינג אויף צען יאר און ער האט אים באפרייט פון זיין אונטערשריפט ווען ער האט געקראגן זיין רעגי־רונגס־שטעלע — ווען דער שניצער איז אריינגעקומען אין דער קראם פון פיליפסן קויפן רפואות, איז מרדכי דעמאלט אויך געווען אין קראם, וווהין ער איז דעמאלט געקומען נעמען אביסל רפואות אוועקצוטראגן צו קראנקע.

— גוט מארגן, אביעזור סימפסאן! האט מרדכי הארציק באגריסט זיין אלטן רבי און א לויף געטון צו אים מיט אזא געזונטן אימפעט און פרייד, ווי עס וואלט גאר נישט געווען אזא שרעקלעכע צייט מיט א מגפה וואס שניידט אפ אזוי פיל לעבנס.

און ווי פארזארגט עס איז געווען דער קווייקער האט אים דאך הנאה געטון וואס זיין געוועזענער לערלינג געדענקט צו רעדן צו אים לויט די קווייקערישע זיטן. ער זאגט אים נישט מיסטער, נאר איינפאך, ביים נא־מען רופט ער אים. האט ער אים געענטפערט און געזאגט:

— א גוטער מאָרגן, מאָרדעקאַי, איך הער דו וואַקסט א מענטש. און איך זע דאָס. האָסט נישט פאַרגעסן דעם שניצער מיט זיינע זיטן.

געענדיקט האָט נאָך נישט דער שניצער רעדן און מרדכי האָט זיך א כאַפּ געטון, ער איז געוואָרן בלאַס.

— ווער איז קראַנק?

— ביידע. דאָס ווייב און אביגאיל.

ערשט איצט איז מרדכי געוואָרן רעכט בלאַס. די גוטע פרוי און די גאָלדן־האָריקע אביגאיל, דאָס ליבע מיידל וואָס האָט אים נישט גע־לאָזט אליין טראָגן די עמערס וואַסער, און עס איז איר געווען א שאָד ווען ער איז אַוועק פון שניצערס ווערקשטאַט.

— אביעזר סימפּסאָן — האָט היים א זאָג געטון מרדכי, ווי ער וואָלט געטון א נדר. — איך וועל באַלד קומען. איך וועל נאָר צוטראָגן די רפואות אויף עטלעכע ערטער.

ווען מרדכי איז שפּעטער געקומען אין שניצערס הויז אריין איז שוין דאָרטן געווען א דריטער חולה. איינער פון די ארבעטער איז געלעגן אויף דער ערד צווישן די קופּעס שניצעכץ, צופוסנס פון שניצראָד, געקאָר־טשעט זיך מיט די לעצטע כוחות, נישט אויפגעהערט צו ברעכן און קרעכצן:

— אוי, דער קאָפּ! אוי, מיין קאָפּ!

ער האָט שוין אָנגעהויבן ברענען. די נאָזלעכער און די ליפּן זענען שוין געווען רויט ווי גליענדיקע אייזערנע טירלעך פון אויוון אין א פראָס־טיקער נאַכט — דאָס פייער האָט שוין געפלאַקערט אין זיין לייב און עס האָט אָפּגעשלאָגן אין די נאָזלעכער, אין די ליפּן.

מרדכי האָט אַלע דריי גלייך געגעבן צו שפּאָרע פּאָרציעס ריצינ־אייל. כאָטש דער שניצער האָט אים געזאָגט, אז ער האָט נאָר צוויי קראַנקע, און פון זיידן האָט ער געוווסט ווי שפּאָרעוודיק מען מוז זיין מיט די הייל־מיטלען, האָט ער פונדעסטוועגן מיטגענומען מער ווי איינ־מאָל איינצוגעבן.

די דריי קראַנקע האָבן נישט געהאַט קיין כח צו רירן זיך. פאַרנומען מיט די גרויסע ווייטיקן זייערע און אין גרוים היץ האָבן זיי קוים געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט זיי. נאָר דאָס אָנקומען פון דעם געוועזענעם לער־לינג, וואָס איז געוואָרן א באַאַמטער און דער קאָנגרעס פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן האָט אים געגעבן הונדערט דאָלאַר א באָנוס, האָט זיי אין זייערע גרעסטע יסורים, דאָך איבערראַשט. אויף א ווײַלע איז זיי אפילו געוואָרן גרינגער, דער קאַפּווייטיק האָט נאָכגעלאָזט און אין די גלידער

וואָס האָבן אזוי געריסן ביז איצט, איז אריינגעקומען א דערלייכטערונג.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן נאָר אַן אויגנבליק. די וויטיקן אין קאָפּ זע־נען ווידער געוואָרן שטאַרק און די גלידער האָבן ווידער אָן אויפהער גע־ריסן. אָבער די אויגנבליק־דערלייכטערונג איז פאַר די קראַנקע געווען א טייערע מתנה און זיי האָבן אפילו אין דעם אויגנבליק נאָך געשמייכלט צום געוועזענעם לערלינג, וואָס איז א באַאַמטער און איז איצטער געקומען צו זיי.

אזוי איז עס געווען מיט דער פרוי סימפּסאָן און מיט דעם ארבע־טער און מיט אביגאַילן לעננער און שטאַרקער, ווייל זי האָט אזוי שטאַרק געוואָלט ער זאָל קומען צו זיי און אזוי לאַנג איז ער נישט געקומען, און איצט איז ער יאָ געקומען. האָט זי זיך געפרייט מיט אים און איר שמייכל האָט דערמאָנט מרדכין דעם שמייכל וואָס זי האָט געגעבן דעמאָלט ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל געהאָלפן טראָגן די עמערס וואַסער.

מרדכי האָט געווישט דעם שוויס, וואָס האָט געגאָסן פון אביגאַילס פּנים, האַלדז און הענט און געשמייכלט צו איר:

— וועסט, מיט גאָטס הילף, ווערן געזונט. די מאַמע אויך. אַלע.

מיט די דריי קראַנקע איז דער שניצער נישט אָפּגעקומען. עס איז צוגעקומען נאָך איינער, א זון. מרדכי האָט געאַרבעט זייער שווער ארום זיי. ער האָט אויך געבראַכט דעם דאָקטאָר. א פּאָר מאָל האָט ער מיט־גענומען דעם שוואַרצן דינער, דזשימען, וואָס איז ארומגעגאַנגען ווי נישט אים מיינט מען און געטון הילף־ארבעט פאַר אַנדערע זעקס ווייסע.

דזשים האָט שטאַרק געציטערט פאַר דער מגפה. דער נעגער האָט געזען אזוי פיל חולאים און ווי אזוי פיל פון זיי פאַלן ווי זאַנגען אונטערן שניטמעסער, איז ער געווען הוילע ציטערניש עס זאָל נישט קומען אויך אויף אים.

עס האָט אים אָבער נישט געשאַדט, נישט קוקנדיק וואָס די שרעק אליין האָט אים געדאַרפט וואַרפן פון די פיס. און נישט נאָר ער אליין איז געווען אזוי מזלדיק. די מערסטע שוואַרצע, סיי די דינער אין די פאַר־שידענע הייזער און סיי די וואָס האָבן געוווינט פאַר זיך אין די שווידער־לעך־אָרעמע לעכער־שטובן, האָבן אויף זיך גאָרנישט געפילט, אז עס גייט אום א מגפה.

מרדכי איז געזעסן לעבן די קראַנקע אין סימפּסאָנס הויז (זיי זענען נישט געווען די איינציקע חולאים וואָס ער האָט באַדינט) און גע־ווישט דעם שוויס זייערן, וואָס האָט זיך געגאָסן טייכנווייז. שוויס־בלאָזן, ווי גרויסע געשווירן, זענען אים געשטאַנען אויפן שטערן, די באַקן

און ער האָט זיי אפילו נישט געפילט; נישט צוגענומען די הענט פון די קראַנקע, אויף אַ רגע, דעם אייגענעם שוויס אָפּצווישן. זיינע שוויס־בלאָזן האָבן געפּלאַצט, צעגאָסן זיך אין ריטשקעס איבערן פּנים, אין האַלדז אריין. געווישט האָט ער נאָר דעם שוויס פון די קראַנקע.

ער האָט אָבער נישט געפילט קיין מידקייט, צי פון זיך אַליין אָדער אויך מיט דער הילף פון זיין זיידן יאָנאַס האָט ער אויף אַ רגע נישט פאַר־לוירן זיין קוראַזש. מורא האָט ער נישט געהאַט אַ האָר. און ער האָט ארויסגעריסן פון דער געפערלעכער נעץ פון דער מגפה די ערשטע 3 קראַנקע פון סימפּסאָנס הויז — דאָס ווייב, דעם ארבעטער און דאָס ליבע גאָלדנהאָריקע מיידל אביגאַיל. זיי זענען געוואָרן געזונט.

און מען האָט געדאַרפט זען די פרייד מרדכיס יעדעס מאָל ווען איי־נער פון זיינע קראַנקע איז געוואָרן געזונט. מער נאָך האָט ער זיך גע־פרייט מיט די דריי געווינסן זיינע איבער דעם שונא, די דריי פון סימפּ־סאָנס הויז, פון דעם הויז וווּ ער האָט זיך געהאַט פאַרבונדן אויף צען יאָר צייט פאַר אַ שניצער לערן־יינגל. נאָר ווען אביגאַיל איז געוואָרן געזונט, ווען מען האָט שוין געזען, אַז זי איז ארויס פון געפאַר, האָבן מרדכין זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— וועסט קאָנען ארויסגיין, — האָט מרדכי איר געזאָגט — וועלן מיר ביידע ברענגען אַן עמער וואַסער. יאָ, אביגאַיל?

אַן אויסגעהוילטע, אַן איבערגעבראָכענע, מיד פון דער שווערער קראַנקהייט און פון דער היץ, האָט אביגאַיל געענטפערט, קוים וואָס מען האָט זי געהערט:

— יאָ... אַן עמער וואַסער... ביידע טראָגן...

דאָס וואָס דער פערטער קראַנקער, דער זון איז געשטאָרבן, האָט גע־שטערט זייער פרייד, זייערע און מרדכיס. עס האָט אים שטאַרק באַנג געטון, וואָס דער איז ארויסגעפאַלן פון זיינע הענט. נאָר די פרייד פון די דריי, וואָס צוקוקנדיק זענען זיי געוואָרן געזונטער און מונטער, זייער אייגענע פרייד מיט דעם פרישן בלוט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אָנ־גיסן זייערע אָדערן, און מיט די נייע כחות, וואָס האָבן אריינגעשטראָמט אין זייערע גלידער, זייער פרייד און די פרייד פון די אַנדערע מיט זייער גליק, האָט פאַרט גובר געווען דעם טרויער איבער דעם פאַרשטאָרבענעם. דאָס ראַטעווען די דריי איז געווען שטאַרקער.

ווען די מגפה האָט זיך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט און זי האָט נישט אויפגעהערט צו נעמען אַלץ מער נייע געפאַנגענע, האָבן אַ סך געזונטע אין גרויס פאַרווירטקייט באַשלאָסן, אַז די הייזער זייערע זענען פאַר־

שאַלטן, די בייזע גייסטער האָבן זיך באַזעצט אין זיי אויף אייביק. און עס וועט שוין נישט העלפן נישט קיין באַשווערונג, נישט קיין אויסרויבערן ווי עס האָט נישט געהאָלפן ביז אַהער.

די מענטשן זענען געוואָרן זיכער, אַז זיי וועלן אַלע פאַלן אין דער מגפה, ביז קיין איינער וועט נישט איבערבלייבן, אויב זיי וועלן ווייטער וווינען אין די פאַרשאָלטענע הייזער. די בייזע גייסטער האָבן דערקלערט מלחמה אויף די איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט און זיי האָבן איינגענומען די הייזער און זיך באַזעצט אין זיי. און ווייל די מענטשן מאַכן ענג פאַר זיי די הייזער, דעריבער שטעקן זיי אָן די איינוווינער מיט די גיפטן פון דער נייער מגפה, און די בייזע גייסטער וועלן דאָס טון ווייטער, ביז עס וועט נישט בלייבן פון זיי קיין שריד און פּליט.

איין עצה קען מען זיך געבן קעגן די בייזע גייסטער, האָבן געגלויבט די מענטשן. צום ערשטן איז דאָס איינגעפאַלן איינעם און ער האָט אָנגעהויבן גלויבן אין דעם. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַן עצה, געשיקט צו אים פון הימל. ווער דער איינער ערשטער איז געווען, האָט מען דערמאָנט נישט געוווסט און נישט שפּעטער. אָבער דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ גיכערער שנעלקייט אפילו פון דער „נייער מגפה".

איינס און צוויי האָבן אַלע אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מען קאָן זיך ראַטעווען פון דער „נייער מגפה", אויב מען וועט איבערלאָזן די הייזער פאַר די בייזע גייסטער. זיי וועלן נישט האָבן פאַרוואָס צו זיין אין כעס אויף די מענטשן און זיי וועלן אָפּשטעלן די מגפה.

און מיט דעם גלויבן האָט זיך געטראָגן אַ געשריי:

— איבערלאָזן די הייזער!

און נאָך דעם געשריי נאָך געשרייען:

— אַנטלויפן!

— וווהין די אויגן וועלן טראָגן!

— אַנטלויפן!

— אַנטלויפן!

און עס איז געוואָרן אַ געלויף. אַ סך געזונטע האָבן אַלץ איבערגעלאָזט: געלאָזן די קראַנקע, געלאָזן די הייזער, זייער פאַרמעגן און האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין די פעלדער לעבן דער הויפּטשטאָט.

אויף דער הוילער פייכטער ערד, די געל־שוואַרצע ערד, וואָס איז געווען פאַרברענט פון דער מוראדיקער חמימה און דערנאָך אויסגעוואַשן פון שרעקלעכן מבול, אויף איר האָבן זיי זיך אויסגעזעצט און אויסגע־

לייגט, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען מיט זייערע קינדער. און די ערד איז זיי נישט געווען שווער און נישט האַרט. ווי גרויס ס'איז זיי געווען די שרעק וואָס האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון די הייזער און זיי אָנגעטריבן אהער, האָט זי אָנגעהויבן ווערן קלענער, צערינען באַלד ווי זיי זענען אָנגעקומען אויף די פעלדער אויסער דער שטאָט.

אַרויס פון די הייזער וואָס זיי האָבן געגלויבט, באַזעצטע מיט די בייזע גייסטער, האָט זיי אָנגעפּילט אַ האָפענונג אַ שטאַרקע, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער ממשלה פון די בייזע גייסטער, באַפרייט זיך פון זייערע נעצן, און די „נייע מגפה" וועט צו זיי שוין נישט צוטרעטן.

איבער נאַכט זענען אויסגעוואַקסן בוידן, ווו די אַנטלאָפענע האָבן געזוכט שוץ פון דער היץ, פון דער זון בייטאָג און פון דער קאַלטער לופט ביינאַכט. אַנדערע האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן אויף פּלענער צו בויען דאָ, אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט, הייזער צו וווינען.

דאָס לויפן און די פּלענער צו בויען נייע הייזער אויף די פעלדער זענען נישט געגאַנגען פאַרלוירן. אויף די פעלדער איז טאַקע געבויט געוואָרן, אָבער נישט תיכף, נאָר ערשט שפּעטער, ווען די „נייע מגפה" האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אָבער נישט אַזוי גיך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. זי איז אפילו נאָכגעגאַנגען די אַנטלאָפענע אַרויס פון שטאָט. נישט אין קיין גרויסער מאָס. ווי אין די הייזער פון שטאָט האָט געהערשט די „נייע מגפה" צווישן די איינוווינער אויף די פעלדער, אָבער זי האָט דאָרט אויך אויסגעשפּרייט איר מאַכט.

ווער ווייס וואָס עס וואָלט טאַקע געווען געוואָרן פון די קראַנקע אין שטאָט ווען אַלע געזונטע וואָלטן געווען אַנטלאָפן און זיי איבערגעלאָזן. זענען אָבער נישט אַלע געזונטע אַנטלאָפן. אַ סך פון זיי זענען פונדעסטוועגן געבליבן מיט די קראַנקע און ווייטער געפירט די מלחמה מיט די בייזע גייסטער.

צווישן די וואָס זענען געבליבן אין שטאָט און געפירט די מלחמה מיט שטאַרקן מוט זענען געווען יאָנאָס פיליפּ און זיין אייניקל מרדכי נח.

נישט אין דער שטאָט אַליין האָבן זיי געפירט די מלחמה מיט דער „נייער מגפה". זיי האָבן אויך געמוזט לויפן אויף דעם נייעם שלאַכטפעלד, צו די קראַנקע אויף די פעלדער אויסער דער שטאָט. און צום גליק איז די צאָל פון די וואָס האָבן געשטריטן מיט דער מגפה נישט געווען קליין. די העלדן האָבן זיך רעקרוטירט פון די איינוווינער פון אַלע

גלויבנס: יידן, פראָטעסטאַנטן פון אַלע מינים און קאַטאָליקן, וואָס זענען געקומען אַהער פון פאַרשיידענע לענדער פון דער אַלטער וועלט.

און עס איז געקומען אַ פרישער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט ליבשאַפט און פרייליעכקייט איבער דער שטאָט און ער האָט מיטגע־בראַכט אַ ליבע, אַנגענעמע, האַרציקע זון, וואָס האָט געגלעט מיט מחיהדיקער וואַרעמקייט. און די פייכטקייט אין דער לופט האָט אויסגעטריקנט. און פאַרקלענערט האָט זיך די צאָל פון די קראַנקע; ווייניקער מענטשן זענען געוואָרן קראַנק אין פאַרגלייך מיט דער צאָל קראַנקע וואָס זענען צוגעקומען אין די פריערדיקע טעג, און מער קראַנקע זענען געוואָרן געזונט. און וואָס קילער עס איז געוואָרן דער ווינט און אַנגענעמער די זון און מילד טרוקן די לופט, אַלץ קלענער איז געוואָרן די צאָל פון די קראַנקע און גרעסער די צאָל פון די געזונטע. גע־זונט האָט געקראָגן די אויבערהאַנט. לעבן האָט גובר געווען. ליכטיק־בלוי איז געוואָרן דער הימל. די ערד האָט געשמעקט מיט געזונטער טרוקנ־קייט. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן גראָזן. בלעטער האָבן זיך אויס־געגלייכט אויף דיביימער און מיטן ווינט זיך געשאָקלט. פערד האָבן אַקעגן געהירזשעט דעם ווינט. צום בלויען הימל האָבן קי געמומען מוען. זאַרגלאָז האָבן עופות געקוואַקעט.

מענטשן האָבן געטרונקען מיט גרויס אַפעטיט דעם קילן ווינט און אַנגענאָסענע מיט פרישע כוחות האָבן זיי געזאָגט:

— בעסער פון אַלע רויכערן קרייטעכצער און געווירצן און די נייע דאָקטאָרישע מיטלען, פאַריאָגט דער טייערער ווינט אַלע בייזע גייסטער.

אויף די פעלדער האָט דער אַנגעלאָפענער עולם געשטעלט זיך בויען הייזער.

און אַזוי האָט זיך אָפּגעשטעלט די „נייע מגפה".

***

אַ זעקסטל פון אירע איינוווינער, טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, האָט די הויפּטשטאָט פאַרלוירן אין דער מלחמה וואָס דער גע־היימער שונא, „די נייע מגפה", האָט אויסגערופן אויף איר.

אָבער אָנשטאָט דעם פאַרלוירענעם זעקסטל נפשות האָט די הויפּט־שטאָט צוגעקראָגן אַ נייע געגנט. פיל פון די, וואָס זענען אַנטלאָפן אין ברען פון דער מגפה אויף די פעלדער אויסער דער שטאָט, האָבן זיך דאָרט אויסגעקליבן פּלעצער וואָס זענען זיי געפעלן. זיי האָבן דאָרט איינ־

גיבן זיך געשטעלט בויען הייזער און פארגרעסערט די שטאט, וואס האט צוגעצויגן און אריינגענומען פיל נייע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זענען אנטלאפן פון בייזע הערשער און פון ארימקייט אין דער אלטער וועלט.

מרדכי פארט אין דער פרעמד

די טעריטאריע פון די פאראייניקטע שטאטן איז פארגרעסערט גע־ווארן זינט דעם פרייהייט־קריג. דזשארדזש וואשינגטאן, דער זיגרייכער קריג־פירער און ערשטער פרעזידענט, האט געזען, ווי אין דער צייט פון זיין אדמיניסטראציע זענען צוגעקומען נייע דריי שטאטן אין דער „יונ־יאן". די נייע שטאטן זענען געווען: ווערמאנט, קענטאקי און טענעסי.

אמעריקע, דאס לאנד וואס האט געמאכט די רעוואלוציע קעגן ענג־לאנד, איז באשטאנען פון דרייצן קאלאניעס, וואס זענען געווען די ערשטע דרייצן שטאטן. און דאס זענען די נעמען פון די קאלאניעס: ווירדזשי־ניע, מאסאטשוזעטס, ראוד־איילענד, קאנעקטיקוט, ניו־העמשיר, ניו־יארק, רעלעווער, ניו־דזשוירזי, פענסילווועניע, מערילענד, נארד־ און סאוט־קאראליינע און דזשארדזשיע.

די קאלאניעס זענען, אין פארגלייך מיט די לענדער פון אייראפע, נאך געווען זייער יונג. די עלטסטע קאלאניע ווירדזשיניע איז אין צייט פון אויפשטאנד אינגאנצן אלט געווען הונדערט און עטלעכע און זעכציק יאר. פונדעסטוועגן זענען די קאלאניעס געווען גוט איינגעפונדעוועט. זיי האבן שוין געהאט שטעט מיט רייכע סוחרים; געווען אויך פארמער, פלאנטאטארס, וואס זענען געווען רייך און האבן געלעבט ווי פריצים. א סך טאבאק־פלאנצער זענען געווען רייכער פון פריצים אין אייראפע. נאר, ווי געוועגלעך, זענען אויך געווען א סך ארעמע ארבעטער, וואס האבן נישט געהאט קיין סענט ביי דער נשמה און זייער איינציק פארמעגן איז געווען די מאזאלעטע הענט זייערע. זיי זענען געצוווּנגען געווארן צו אר־בעטן שפאט־ביליק פאר זייערע באלעבאטים און זיי האבן זעלטן געהאט ברויט צו דער זעט.

די ערשטע אמעריקאנער זענען באשטאנען צומייסטן פון ארימע מענטשן און פארפאלגטע, וואס זענען אנטלאפן פון אייראפע און געקו־מען זוכן א רואיקע היים אין דער נייער וועלט.

די פויערים און די ארבעטער אין אייראפע האבן דעמאלט איבער־

געלעבט שווערע צייטן. די רייכע האָבן זיי געטריבן אין יאָך ווי אָקסן. זיי האָבן אָפּגעשונדן די הויט פון דעם פויער און ארבעטער. שווער און ביטער האָט געארבעט דער פויער אין דאָרף פאַר זיין רייכן האר; ביטער און שווער האָט געארבעט דער ארבעטער אין שטאָט פאַר זיין רייכן באַלעבאָס, און פון דער שווערער פּראַצע האָט נישט געהאַט דער פויער און נישט דער ארבעטער צו שפּייזן זיך און זיין הויזגעזינט. און ווער רעדט פון קליידונג — וועגן דעם האָט נישט געקאָנט טרוימען נישט דער פויער און נישט דער ארבעטער.

דער רייכער באַלעבאָס האָט זיך געבאָדן אין גרויס וווילטאָג. ער איז געגאַנגען אין סאַמעט און זייד. ווייַן האָט ער געגאָסן ווי וואַסער. אין קאַרעטעס מיט שטאָלצע פערד געשפּאַנט איז ער געפאָרן, טוזן קנעכט און דינסטן האָבן אים באַדינט. דאָס אַלץ האָט ער געהאַט פון דעם שוויים און בלוט פון די ארבעטער און פויערים, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַר אַזוי נידעריק ווי בהמות.

איז דאָך נישט קיין ווונדער אַז די פאַרביטערטע פויערים און ארבעטער וואָס האָבן געזען, אַז אַנדערע געניסן זייער מי, זענען געווען גרייט צו לויפן אַפילו אין פייער, אין דער האָפענונג אַז זיי וועלן קאָנען אויפבויען פאַר זיך אַ שטיקל רואיקע היים און זיי וועלן קאָנען געניסן די פרוכט פון זייער מי.

און זיי האָבן געהערט אַז אין אַמעריקע, אין דער נייער וועלט, זענען דאָ גרויסע מעגלעכקייטן, יעדער איינער, מעג ער זיין אָרעם, האָט די געלעגנהייט, אויב ער האָט מזל אויך, צו ווערן רייך; זענען זיי געלאָפן נאָך אַמעריקע.

אַנדערע זענען געלאָפן נאָך אַמעריקע נישט צוליב ברויט, נאָר צוליב זייער גלויבן. פיל פון די וואָס האָבן געליטן פון רעליגיע־פאַרפאָלגונגען האָבן געהערט, אַז אין אַמעריקע קאָן איטלעכער דינען פריי זיין גאָט אויף זיין שטייגער, זענען אַנטלאָפן פון זייערע פייניקער און פאַרפאָלגער, זיי זאָלן קענען דינען גאָט אומגעשטערט.

זיי זענען געווען גרייט צו קומען אין פּוסטע געגנטן, אומבאַזעצטע פּלעצער און בויען היימען פאַר זיך. קיין זאַך איז זיי נישט געווען צו שווער אַבי צו קאָנען לעבן פריי מיט זייער גלויבן.

קאַטאָליקן האָבן געליטן פון פּראָטעסטאַנטן און פּראָטעסטאַנטן פון קאַטאָליקן. אין ענגלאַנד האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויס פּיין די פּוריטאַנער, די סאַמע פרומסטע פּראָטעסטאַנטן. זיי האָבן נישט געליטן פון

קאַטאָליקן נאָר פון די אַנדערע ענגלענדער וואָס זענען נישט געווען אַזעלבע פאַרברענטע און פאַנאַטישע פּראָטעסטאַנטן.

די יידן וואָס זענען דעמאָלט געווען אין אַמעריקע זענען אויך נישט געקומען אַהער פון ווילטאָג. וויפיל אַנדערע פעלקער האָבן דעמאָלט נישט געהאַט אויסצושטיין, האָט דער ייד געליטן מער פון אַלע. דער ייד איז דאָך געווים געווען הפקר. יידיש בלוט איז געווען ביליקער ווי וואַסער. און זיי זענען געקומען אַהער צו געפינען אַ ווינקל צו לעבן רואיק.

אין די מערסטע לענדער איז געווען ביטער דעם יידס לעבן. ערגער ווי אומעטום איז געווען דער גורל פון די געהיימע יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און פון די יידן אין דייטשלאַנד.

די געהיימע יידן אין די אינקוויזיציע לענדער זענען קיינמאָל נישט געווען זיכער מיט זייער לעבן און די יידן אין דייטשלאַנד האָבן דעמאָלט געמוזט איינגעשלאָסן ווערן אין אַ געטאָ און צאָלן שווערע צינזן. אַ פרעמדער ייד האָט נישט געטאָרט פאַרבלייבן אין אַ שטאָט מער ווי פיר און צוואַנציק שעה. טאָמער איז ער געבליבן לענגער האָט ער געמוזט פאַר יעדן טאָג באַצאָלן אַ גאָלדענעם טאָלער שטראָף. די יידישע געמיינדע איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אַז פרעמדע יידן זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן אין געהיים. די פרנסים האָבן געמוזט אַכטונג געבן אויף דעם, אַז נישט האָבן זיי פאַרלוירן זייער ווינרעכט.

יידן האָבן געמוזט צאָלן אַ געוויסע סומע אַלס לייב־אָפּצאָל. טאָמער איז אַ ייד געקומען און נישט באַצאָלט דעם לייב־אָפּצאָל, איז די גאַנצע געמיינדע באַשטראָפט געוואָרן. האָבן די יידישע געמיינדעס אַוועקגעשטעלט וועכטער ביי די טויערן פון שטאָט און געהיט די יידן וואָס זענען אַריינגעקומען, זיי זאָלן זיך נישט אַרויסדרייען פון לייב־אָפּצאָל.

געווען שטעט אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן גאָר נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן. און אַפילו דאָרט, וווּ מען האָט שוין יאָ דערלויבט אַ יידן אַריינצוקומען האָט מען געהיט זיינע טריט. ביי טאָג האָבן די גוים געציטערט ער זאָל נישט גנבענען אַ קריסטלעך קינד און עס קוילענען אויף בלוט פאַר מצות, אָדער גאָר אַריינטון גיפט אין די ברונעמער און זיי פאַרסמען. ביינאַכט האָבן זיי מורא געהאַט דער ייד זאָל זיי נישט אָפּטון אַ כישוף.

די נאַרישע פּראָסטע מאַסע איז אַזוי אויפגעהעצט געוואָרן פון זייערע פינצטערע פירער אַז זי האָט געגלויבט אויף יידן אַלדאָס בייז.

פון אַלע מענטשן, פון אַלע פעלקער און לענדער וואָס זענען געקומען אַהער אַנטלויפנדיק פון די פאַרפאָלגונגען צו געפינען רו, האָט ווײַ-

ניקער רו פון אלעמען דא געפונען דער ייד. צווערשט האט מען יידן אין גאנצן נישט געוואלט ארייגלאזן. און אז מען האט שוין בייגעקומען די שטערונגען, האבן זיי נאך יארן־לאנג נישט געהאט קיין גלייכע רעכט מיט די קריסטן. דער ייד איז אין דער נייער וועלט פאר א לאנגער צייט געבליבן אן אויסנעם.

צווישן די נישט־יידן וואס זענען געקומען אהער זענען געווען אויך אזעלכע, וואס זענען געקומען שארן גאלד, אנזאמלען פארמעגנס און גע־טראכט שפעטער זיך אומצוקערן אין זייערע לענדער. די מערסטע זענען אבער געווען פארפאלגטע, וואס זענען געקומען זוכן ברויט אדער פרייהייט פאר זייער גלויבן.

נישט גרינג איז אנגעקומען אויפצובויען די קאלאניעס. א, שווער, זייער שווער איז דאס געווען! א סך לעבנס האט פארצערט די נייע ערד ביז זי האט זיך געלאזט איינגעמען און באזיגן.

אין די ערשטע דריי יאר האט די עלטסטע קאלאניע ווירדזשיניע געהאט נאר זעכציק לעבעדיקע קאלאניסטן, אבער פינף הונדערט קברים. פינף הונדערט זענען אויסגעשטארבן אין די ערשטע דריי יאר אין דער ערשטער און איינציקער קאלאניע. זיי זענען געשטארבן פון הונגער און דארשט, און אין וויניקער פון 20 יאר זענען פון פערצן טויזנט מענטשן געבליבן נישט מער ווי צוועלף הונדערט.

ענדלעך, נאך יארן פון אומבויגזאמער ענערגיע און אומדערשראקע־נער ארבעט, האט די ערד זיך אונטערגעגעבן און רייכע פעלדער און פלאנ־טאציעס זענען אויסגעוואקסן. שטעט זענען אויפגעקומען. די קאלאניעס זענען געווארן א פלאץ, ווו מען האט געקאנט לעבן.

יעדע קאלאניע איז געווען באזונדער פאר זיך. איינע מיט דער אנ־דערער האט נישט געהאט וואס צו טון. נאר אלע זענען געשטאנען אונ־טער ענגלאנד. דער ענגלישער קעניג האט געהערשט איבער זיי, און דער ענגלישער פארלאמענט האט איבער זיי געהאט א דעה. דער ענגלישער קעניג האט געשיקט אהער זיינע פארטרעטער וואס האבן געלעבט אויף דעם רעכענונג פון די קאלאניעס, און צו דעם האט נאך ענגלאנד אלעמאל ארויפגעלייגט שטייערן אויף די קאלאניעס און זיי האבן געמוזט צאלן.

אין די קאלאניעס זענען געווען די „טאון מיטינגען“ (שטאט־פאר־זאמלונגען). די איינוווינער פון די שטעט און דערפער זענען זיך צוזא־מענגעקומען אויף פארזאמלונגען און ארומגערעדט אלע פראגעס פון דער געזעלשאפט. און זיי האבן אויך אויסגעקליבן זייערע פארשטייער צו מאכן געזעצן.

נישט אַלע איינוווינער האָבן געהאַט שטימרעכט. די אָרעמע האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט. נאָר די וואָס האָבן געהערט צום רייכערן קלאַס.

אין די קאָלאָניעס האָבן געלעבט פיל אָרעמע. זיי זענען געווען קליי־נע פּאַרמערס און באַלמעלאָכעס. די רייכערע האָבן אויף זיי געקוקט פון אויבן־אַראָפּ. עס איז אָבער געווען נאָך אַן אָרעמערער און נידעריקערער קלאַס — דאָס זענען געווען די דינער.

צום ערגסטן איז געווען די לאַגע פון די דינער. זיי זענען געווען איינפאַכע שקלאַפן ביי זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן געדינט יאָרן־לאַנג, זענען געצוווּנגען געוואָרן צו טון די שווערסטע אַרבעט, סיי די מענער, סיי די פרויען; די באַלעבאַטים פלעגן אויך פאַרגוואַלדיקן זייערע דינסטן און דאַן זיי באַשטראָפן אַלס זינדיקע אויף נייע יאָרן פון שווערער אַר־בעט.

און אַזוי איז דאָס געשען אַז די זעלבע וואָס זענען אַנטלאָפן פון אייראָפּע, ווייל זיי האָבן געזוכט ברויט און פרייהייט, האָבן פאַרגעסן ווי זיי האָבן ערשט נישט לאַנג געליטן און זיי האָבן פאַרשקלאַפט מענטשן, זייערס גלייכן, זיי איינגעשפּאַנט אין יאָך ווי אָקסן און באַ־האַנדלט ערגער ווי חיות.

דער ווייסער שקלאַף איז באַהאַנדלט געוואָרן פּונקט אַזוי שלעכט און גרויזאַם פון זיין באַלעבאָס ווי דער שוואַרצער קנעכט, און אָפטמאָל נאָך ערגער, ווייל דער שוואַרצער איז געווען אַן אייביקער קנעכט, ער און זיינע קינדער, האָט דער באַלעבאָס אים אַמאָל געשוינט. דער ווייסער שקלאַף איז אָבער נאָר געווען אויף אַ באַשטימטער צייט, דערנאָך האָט ער געדאַרפט אַרויסגעלאָזט ווערן פריי, האָט דער באַלעבאָס געוואָלט אויסנוצן אַלע קרעפטן זיינע און ער האָט אויסגעזויגן זיין מאַרך אַזוי שטאַרק אַז דער ווייסער שקלאַף, אויב ער האָט אפילו דערלעבט צו ווערן פריי איז ער אָבער געווען שוין אַ צעבראָכענער שאַרבן.

די אָרעמע פאַרמערס און שטאָט־אַרבעטער און דינער, די ווייסע שקלאַפן, האָבן שטאַרק געהאָלפן אין דעם באַפרייאונגס־קריג קעגן ענג־לאַנד. די הויפּט־ראָל האָבן געשפּילט די רייכע, אָבער די אָרעמע, וואָס דאָס לעבן איז זיי געווען פאַרביטערט און נישט געווען ביי זיי אַזוי טייער, זיי האָבן געהאָלפן ברענגען דעם זיג.

דער ענגלישער קעניג האָט נישט געהאַט קיין רו פון די קאָלאָניעס. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך געבונטעוועט קעגן ענגלאַנד. יעדעס מאָל ווען דער קעניג האָט אַרויפגעלייגט אַ נייעם שטייער האָבן די קאָלאָ־ניעס זיך געשטעלט קעגן. זיי האָבן נישט געוואָלט צאָלן קיין שטייערן צו

אַ הערשער וואָס זיצט טויזנטער מײַלן פון זיי. עס האָט זיי פאַרדראָסן, די קאָלאָניעס, וואָס פרעמדע מאַכן געזעצן פאַר זיי, לייגן אַרויף אויף זיי פאַרשידענע אָפּצאָלונגען אָן זייער וויסן און אָן זייער ווילן.

פון די שטייערן האָבן נאָר געליטן די סוחרים און די רייכע לאַנד־אייגנטימער. דערהויפּט האָבן געליטן די סוחרים. זיי וואָלטן זיך אָבער דאָך נישט אַנטשלאָסן אָפּצורייסן פון ענגלאַנד ווען זיי וואָלטן נישט גע־טריבן געוואָרן דערצו פון די אָרעמע. די רייכע האָבן מיט זייערע פּראָ־טעסטן קעגן ענגלאַנד נאָר אויפגעוועקט די פאַרביטערטקייט וואָס האָט געטליעט אין די הערצער פון די אָרעמע. און ווען די אָרעמע זענען שוין געווען אויפגעהעצט האָבן די רייכע זיך דערשראָקן. זיי האָבן געזען אַז זיי זענען געגאַנגען צו ווייט. אָבער צו שטאַרק איז שוין געווען דער שטראָם פון רעוואָלוציע, די רייכע זאָלן אים קאָנען אָפּשטעלן. און זיי, די רייכע, זענען אַריינגעריסן געוואָרן אין קריג קעגן ענגלאַנד דורך דעם אומבאַגרענעצטן אימפּעט פון די אָרעמע.

די באַפעלקערונג פון אַמעריקע איז געווען אַ געמישטע. ווי היינט, האָבן דעמאָלט זיך געפונען אין אַמעריקע קינדער פון כמעט אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

די מערסטע האָבן זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן, ווייל יעדער האָט גערעדט זיין שפּראַך. ענגליש האָט נאָך נישט אַלעמען פאַרבונדן.

עס איז געווען אַן אונטערשיד צווישן איינעם און צווייטן. זיי זע־נען געווען אַנדערש לויט ראַסע, און פאָלק. געווען אַ נאַציאָנאַלער אונ־טערשיד צווישן איין טייל און צווייטן. רעליגיע האָט אָפּגעטיילט איין גרופּע פון דער צווייטער. דער געשמאַק איז נישט געווען גלייך ביי אַלע־מען. זיי האָבן זיך אויך אונטערשיידט אין זיטן און מאַנירן.

ניו־ענגלאַנד האָט געהאַט פּוריטאַנער. ווירדזשיניע האָט געהאַט די אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען די הערשנדיקע מערהייט. ניו־יאָרק איז געווען שטאַרק האָלענדיש. מערילאַנד ווידער איז געווען קאַטויליש. זי האָט געהאַט זייער פיל קווייקערס, אַזאַ פרומע סעקטע. די קאַראָליינעס האָבן געהאַט הוגענאָטן, און ביים דעלעווער זענען געווען צומייסטנס די שוועדן.

און עס איז נישט גרינג געווען צו פאַראייניקן אַלע וואָס האָבן גע־רעדט פאַרשידענע שפּראַכן און געהאַט באַזונדערע זיטן און מאַנירן. שווער איז געווען אויסצושמידן פון די אַלע איין מעכטיקע קראַפט צו שטרייטן קעגן דעם אונטערדריקער.

עס איז אָבער גרינגער געווען צו געווינען פאַר דער רעוואָלוציע די

אָרעמע און דערשלאָגענע, כאָטש זיי האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן, איידער די רייכע און אַריסטאָקראַטן, כאָטש זיי האָבן גערעדט אויף איין שפּראַך.

די אַריסטאָקראַטן און די רייכע איז געווען גוט. זיי האָט גאָרנישט געפעלט. און זיי האָבן געציטערט פאַר דעם וואָרט רעוואָלוציע, און זיי האָבן נישט געוואָלט הערן פון מאַכן אַ רעוואָלוציע.

אָבער די אָרעמע, וואָס זענען געווען הונגעריק און דערשלאָגן, אונ־טערדריקט און פאַרביטערט, האָבן פאַרשטאַנען דאָס וואָרט פרייהייט יע־דער אויף זיין שפּראַך. אפילו אויפן וווּנק האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מען האָט גערעדט צו זיי וועגן פרייהייט און רעוואָלוציע.

זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. זיי האָבן נאָר געקאָנט גע־ווינען. זיי האָבן געהאָפט, אַז אָן דעם פרעמדן הערשער וועט זייער לאַגע ווערן בעסער.

געוווּסט האָבן זיי אפילו, אַז אין זייער אָרעמקייט איז נישט שולדיק דער פרעמדער הערשער אַליין. נאָר אַז אויך די רייכע באַלעבאַטים, זייע־רע אַרבעטס־געבער, די רייכע סוחרים און אַריסטאָקראַטן זענען זייער פיל שולדיק אין זייער ביטער לעבן, און זיי האָבן געהאָפט, אַז ווען דאָס לאַנד וועט זיך באַפרייען פון פרעמדן באַלעבאָס וועלן זיי זיך באַפרייען פון זייערע אייגענע באַלעבאַטים, די אויסזויגער.

אַ סך פון די אָרעמע זענען געוואָרן אַנטוישט ווען אפילו נאָך דער רע־וואָלוציע און נאָך דער באַפרייאונג פון דעם פרעמדן הערשער האָבן זיי זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם אייגענעם הערשער, די רייכע באַלעבאַטים, פאַר וועמען זיי האָבן געאַרבעט, וועמען זיי האָבן געדינט.

נישט קיין קליינע צאָל פון די איינוווינער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די פרעמדע חיילות, זענען אין זייער אָרעמען לעבן נישט געווען אויף קיין בעסערער מדרגה ווי די בהמות און די שטוב־חיות. די שפּייז וואָס זיי האָבן געהאַט איז נישט געווען פיל בעסער פון דעם אָפּפאַל וואָס די רייכע פלעגן געבן זייערע בהמות און חיות, און די וווינונגען פון די אָרעמע מענטשן זענען געווען אין געוויסע פאַלן ערגער פון די באַקוועמע „דירות" וואָס די רייכע האָבן געלאָזט מאַכן פאַר זייערע פי.

אין זייער ביטערער אָרעמקייט זענען זיי פונדעסטוועגן געווען צו־פרידן וואָס אַמעריקע איז געוואָרן פריי און זיי זענען געווען גרייט ווי־דער צו גיין פאַרגיסן זייער אויסגעהונגערט בלוט פאַר דער שוץ פון לאַנד.

נישט אזוי זענען אָבער געווען אַ סך פון די רייכע. צווישן די רייכע זענען געווען אַ גרויסע צאָל קעגנער פון דער רעוואָלוציע און פיל פון זיי וואָס האָבן געשוויגן האָבן דאָס געטון פאַר מורא, זיי זאָלן נישט פאַרלירן די קעפּ. טיף אין הארצן האָבן זיי אָבער פאַרשאָלטן די רעוואָלוציע און די רעוואָלוציאָנערן, און יאָרן־לאַנג האָבן זיי נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם אַקט פון באַפרייאונג. זיי האָבן נאָך אַלץ געבענקט נאָך דעם קעניג און וואָלטן זיי נאָר געהאַט דעם כח, וואָלטן זיי אויפגעהאנגען אַלע פרייהייט־קעמפער מיט וואַשינגטאָנען, דעם ערשטן פּרעזידענט, און עדעמסן, דעם צווייטן פּרעזידענט, און צוריקגעשטעלט דאָס לאַנד אונטער דער רוט פון ענגלישן קעניג. וועגן די אָרעמעלייט וואָלט אוודאי גאָרנישט געווען וואָס צו רעדן. דאָס „ווייסע מיסט", ווי זיי האָבן גערופן די אָרעמע, וואָלטן זיי אויסגעשאָסן ווי די חיות אויף געיעג.

**

די נייע הויפּטשטאָט וואַשינגטאָן איז געוואָרן פאַרטיק. דאָס האָט וואַשינגטאָן, דער געוועזענער פּרעזידענט, פון זיין הויז און גוט אין מאונט וואָירנאָן, נישט ווייט פון דער נייער הויפּטשטאָט, אונטערגעטריבן די בוי־אַרבעט. און די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט פּרעזידענט עדעמס בראש, האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן פילאַדעלפיע און זיך איבערציען אין דער נייער הויפּטשטאָט.

פילאַדעלפיע, די וויג פון פרייהייט־קאַמף פון דער יונגער מלוכה, האָט געהאַלטן ביים פאַרלירן איר קרוין. ווערן אוים הויפּטשטאָט.

דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט צווישן דער באַפעלקערונג. סוחרים און בעל־מלאכות האָבן זיך דערשראָקן, אַז די שטאָט וועט אונטערגיין, ווען די רעגירונג וועט אוועק פון איר. זיי זענען געוואָרן אין כעס אויף די רעגירונגס־לייט און נאָך מער אויף וואַשינגטאָנען, גלויבנדיק, אַז נאָר ער, וואַשינגטאָן, איז שולדיק אין שאַפן אַ נייע הויפּטשטאָט, וואָס וועט רואינירן זייער פּרנסה.

יאָרן און יאָרן, אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט איז פילאַדעלפיע געווען דער צענטער פון לאַנד אין דעם אויפשטאַנד און באַפרייאונג. פלעגן שטענדיק קומען מענטשן פון אַנדערע שטעט, פון די פאַרשידענע קאָלאָניעס און זיי האָבן פאַרגרעסערט דעם האַנדל און די איינוווינער האָבן ביי זיי פאַרדינט.

אַלטע לייט זענען אין פאַרלויף פון די יאָרן געוואָרן צוגעוווינט דער־

צו. יונגע מענטשן האָבן נישט געוווסט פון עפּעס אַגדערש. אַז עס איז אַזוי געווען נאָך איידער זיי זענען געקומען אויף דער וועלט האָבן זיי באַטראַכט דאָס אַריבערפירן די הויפּטשטאָט ווי אַ גזלה קעגן זיי. דעם ביסן פון מויל וויל מען ביי זיי אַרויסרייסן און אים אַוועקטראָגן ערגעץ־ווו אין אַ ווּיסטעניש.

אין גרויס כעס האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס פלעגן רעדן וועגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָנען נישט ווי וועגן דעם גענעראַל־באַפרייער און אויך נישט ווי וועגן דעם געוועזענעם פּרעזידענט, דעם ערשטן פּרעזידענט פון לאַנד.

— דער פּריץ פון פּאָטאָמאַק — פלעגן זיי רעדן וועגן וואַשינגטאָנען — ער וויל די רעגירונג האָבן ביי זיך אין קעשענע, האָט ער געמאַכט די הויפּטשטאָט לעבן זיין פּלאַנטאַציע.

די אָרעמע מענטשן איז, אייגנטלעך נישט געווען קיין אונטערשיד וואָס פילאַדעלפיע ווערט אויס הויפּטשטאָט. נאָר די גרויסע סוחרים און די פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער רעגירונג האָבן דאָס נישט געוואָלט, און די מערסטע אָרעמע מענטשן האָבן געהערט די רייד און זיי נאָכגערעדט.

אַ שווערע צייט איז דעמאָלט געווען אין דער יונגער מלוכה. פראַנקרייך האָט געוואָלט אַז די ערשט־געגרינדעטע פאַראייניקטע שטאַטן זאָל דערקלערן קריג ענגלאַנד און העלפן איר, פראַנקרייך, אין איר קאַמף מיט דעם ענגלישן שונא.

ווען אַמעריקע האָט נישט געוואָלט אָנהייבן אַ נייעם קריג מיט ענגלאַנד, האָבן די פראַנצויזן אין זייער צאָרן גענומען אָנטון גרויסע צרות דעם איינגעשפּאַרטן לאַנד. זיי האָבן גענומען געפאַנגען די אַמעריקאַנער שיפן און זיי פאַרקויפט צוזאַמען מיט די סחורות וואָס די שיפן האָבן געפירט. די אַמעריקאַנער האַנדלס־שיפן זענען נישט געווען זיכער אויפן ים.

אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג. פראַנצויזישע רעגירונגסלייט האָבן גראָב באַהאַנדלט די אַמעריקאַנער געזאַנדטע אין פראַנקרייך, כדי צו צווינגען אַמעריקע צו העלפן פראַנקרייך קעגן ענגלאַנד.

ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן האָבן די פראַנצויזן געפאָדערט אַ ריזיקע סומע געלט פון אַמעריקע, אַנישט וועט פראַנקרייך דערקלערן קריג צו אַמעריקע.

— מיליאָנען וועלן מיר אויסגעבן אויף פאַרטיידיקונג און קיין איין סענט נישט אויף צינזן — איז געווען דער ענטפער פון אַמעריקע צו פראַנקרייך.

דאָס לאַנד איז געוואָרן אויפגעקאָכט און עס איז ענדלעך אויסגעב־
בראָכן קריג — מיט פראַנקרייך. נאָר באַלד ווי נאַפּאָלעאָן האָט געקראָגן
די מאַכט, האָט ער געשלאָסן פרידן מיט אַמעריקע.

איבער דער מלחמה מיט פראַנקרייך האָט פּרעזידענט עדעמס דורכ־
געפירט עטלעכע אומגערעכטע געזעצן אין קאָנגרעס, וואָס האָבן אַרויס־
גערופן גרויס אויפרעגונג ביי פיל מענטשן. איין געזעץ האָט געגעבן דעם
פּרעזידענט דאָס רעכט אַרויסצושיקן פון לאַנד יעדן נישט־בירגער, אויב
דער פּרעזידענט וועט האַלטן, אַז ער איז אַ געפאַר פאַרן לאַנד. דאָס דאָ־
זיקע געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיטל קעגן פּראָפּאַגאַנדע וואָס
פראַנצויזן האָבן געפירט אין אַמעריקע פאַר קריג מיט ענגלאַנד. אַ טייל
אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן געהאַט פראַנצויזן פאַר רעדאַקטאָרן און
דער פּרעזידענט האָט געוואָלט האָבן דאָס רעכט זיי אַרויסצושיקן אָן אַ
געריכט־פּראָצעס.

נאָך אַ געזעץ האָט באַשטימט שטרענגע שטראָפן פאַר די, וואָס
וועלן רעדן אָדער שרייבן בייז וועגן פּרעזידענט אָדער דער רעגירונג.

קעגן די געזעצן, וואָס האָבן צוגענומען פּערזענלעכע פרייהייט פון
די איינוווינער זענען אַרויסגעטראָטן פיל ליבעראַלע מענטשן און די רייַ־
סערייען זענען געוואָרן גרעסער, שאַרפער.

אויף אַ ווײַלע האָבן די רייסערייען אויפגעהערט. אַלע טענות און
מחלוקות האָט דאָס פאָלק אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז געשטאָרבן!

און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געטרויערט אויף זיין טויט.

אַפילו די, וואָס זענען געווען אין כעס אויף אים, וואָס, ווי זיי האָבן
געמיינט, איבער אים וועט פילאַדעלפיע אוים הויפּטשטאָט, האָבן פאַר־
געסן אַלע קריוודעס און זיי האָבן מיטן גאַנצן פאָלק מיטגעטרויערט.

צווישן די וואָס האָבן צום טיפסטן געטרויערט זענען געווען די יידן.

יאָנאַס פיליפּ איז געשטאַנען אין קראָם ווען די נייעס איז אָנגעקו־
מען פון וואַשינגטאָנס טויט. דערוווסט האָבן זיי זיך נאָך איידער די
צייטונגען זענען אַרויסגעקומען. די ידיעה האָט זיך געטראָגן פון איינעם
צום צווייטן, אויף דער גאַס און אין די הייזער; פרעמדע מענטשן וואָס
האָבן זיך קיינמאָל נישט געטראָפן, האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעזאָגט:

— וואַשינגטאָן! וואַשינגטאָן איז געשטאָרבן!

די סחורה און די מאָס זענען אַרויסגעפאַלן יאָנאַסן פון די הענט. די
גאַנצע מאַכט פון די הענט איז אים אויסגערונען, און ער האָט גלייך גע־
קראָגן קרעמפּן אין מאָגן, אַז ער האָט נישט געקענט שטיין גלייך.

ס'איז געווען א שטארק קאלטער טאג, א גרויסער פראסט, און וויפל יאנאס האט זיך געווארימט די הענט אן פייער־טאפ, האט ער נישט גע־קענט אויסגלייכן די שטייפע פינגער.

ווען מרדכי־נח איז געקומען אהיים פון מיניסטעריום האט ער זיך דערשראקן, זעענדיק ווי דער זיידע זעט אויס. איבערן טאג האט דער זיידע זיך געגעבן א רוק אויף צען יאר.

מרדכי איז געווען צעטראגן וואס וואשינגטאן איז געשטארבן. אבער אז עס וועט אזוי צעברעכן דעם זיידן, האט ער זיך נישט געריכט. ער האט אים נישט געוואלט שטערן מיט רייד און ער האט געשוויגן, אבער יאנאס האט נישט געשוויגן.

— וואס ווייסט איר! אונדזער גרעסטער פריינט געווען! אן אמתער אוהב ישראל! — האט ער נישט אויפגעהערט צו זאגן צו זיך מער ווי צו אנדערע, און עטלעכע מאל האט ער געוויינט.

די באבע רבקה האט זיך שטארק פארלוירן. זי האט געקענט וואשינגטאנען. ער איז פאר איר געווען דער גרעסטער מאן. אוודאי האט זי געוויינט, אבער אז יאנאס זאל זיך אזוי נעמען צום הארצן, דאס האט זי נישט פארשטאנען. וויינענדיק האט זי פונדעסטוועגן געטראכט, אז יאנאס דארף זיך נישט אזוי נעמען ס'לעבן.

יאנאס און אייזיק פרענקס האבן זיך פשוט אוועקגעלייגט. אויף אן אייגענעם פאטערס טויט קען מען שוין מער נישט טרויערן ווי די צוויי יידן האבן געטרויערט אויף וואשינגטאנען. זיי האבן געשטעלט אויף די פיס די גאנצע „הייליקע געמיינדע „מקוה ישראל", צונויפגערופן זיי אין שול אריין און געמאכט א הזכרה, אוןביידע האבן געהאלטן רעדעס און אויסגערעכנט די שבחים פון דעם ערשטן פרעזידענט.

מער ווי איין ייד האט זיי דעמאלט נישט פארגונען די גאנצע זאך. אלע האבן געוווסט, אז וואשינגטאן איז געווען א נאענטער פריינט פון ביידן. ביי פרענקסן פלעגט ער אפט איינשטיין, ווען ער איז געקומען קיין פילאדעלפיע. אזא כבוד! דער באפרייער, דער ערשטער פרעזידענט עסט ביי אים, שלאפט ביי אים, ביי אייזיקן. און יאנאס האט אויך געהאט נישט ווייניק כבוד. האט ער חתונה געמאכט א טאכטער, איז וואשינגטאן גע־קומען אויף דער חתונה! ער איז אויך געווען אויפן ברית פון זיין ערשטן אייניקל.

דאס שטארקע טרויערן פון אייזיקן און יאנאסן האט דערמאנט די אנדערע יידן, אן וואשינגטאנס אלע נאענטקייטן צו זיי, און די קנאה האט זיי אנגעהויבן עסן.

איין ייד האָט זיך אפילו נישט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט צו זיין שכן אויפן אויער, טאַקע אין שול, ווען יאַנאַס האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן: ער טוט דאָס ווייזן אונדז, אַז וואַשינגטאָן איז געווען זיין פריינט.

דער שכן האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון רעדן, אָבער ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט מיט אַן אומריינעם שמייכל, ווי עס שמייכלען מענטשן ווען זיי הערן רעדן רכילות.

**
*

איידער דאָס יאָר איז אַריבער נאָך וואַשינגטאָנס טויט, איז די רעגירונג אַריבער אין דער נייער הויפּטשטאָט אין וואַשינגטאָן. פּרעזידענט עדעמס האָט זיך אַריינגעצויגן אין „ווייסן הויז“, וואָס איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַרטיק, און ער איז דאָרטן געווען נישט לאַנג, אינגאַנצן עטלעכע חדשים. מער ווי איין באַל האָט ער נישט געמאַכט אין דעם ערשטן פּרעזידענט־הויז, און ער האָט דאָס געמוזט איבערלאָזן פאַר אַ בעסערן מענטש און פּרעזידענט, פאַר טאָמאַס דזשעפערסאָן, וואָס איז געוואָרן פּרעזידענט.

**
*

מרדכי נח איז שוין געווען אין זעכצנטן יאָר, ווען די רעגירונג איז אוועק פון פילאַדעלפיע, און ער איז געבליבן אָן אַ שטעלע. ער האָט נישט געוואָלט נאָכגיין דער שטעלע נאָך. איז ער געבליבן אין פילאַדעלפיע.

— איך וועל נישט פאַרבייטן פילאַדעלפיע אויף אַ דאָרף — האָט ער געזאָגט — וואָלט מען מיטגענומען די פרענקלין ביבליאָטעק, די ציימונגען, דאָס טעאַטער, וואָלט איך געפאָרן, איבעריקנס — האָט ער צוגעגעבן — כ'האָב נישט קיין חשק צו בלייבן אַ בוכהאַלטער. וואָס פאַר אַ תכלית איז עס פאַר מיר צו זיין אַ בוכהאַלטער?

נישט דער זיידע און נישט די באָבע האָבן אים געפרעגט וואָס ער דענקט צו טון. רבקה האָט קיינמאָל נישט געזאָגט אַ קינד עס זאָל זיך נעמען עפּעס צו טון, צו פאַרדינען געלט. זי איז, זינט זי געדענקט, געוווינט געווען צו אַ פול הויז מיט מענטשן, און צו אַ לאַנגן טיש באַזעצט מיט קינדער, זין, טעכטער. זי האָט נאָר געזען, אַז עס זאָל קיינעם פון זיי גאָרנישט פעלן.

דערווייל האָט זי נאָך נישט געזאָגט קיין וואָרט אהרנען. איך זון דעם אַקטיאָר, פאַרוואָס ער שלעפּט זיך אַרום מיט דעם טעאַטער און נעמט זיך נישט צו עפּעס רעכטס. און דעם עלטסטן זון, נפתלין, וואָס וויל האָבן אַן אייגענע צייטונג, האָט זי אויך גאָרנישט געזאָגט קיין וואָרט וועגן זיינע פּלענער און חלומות. נו, וועט זי דאָך מרדכין, דער באַטריבטער ציפּורהס קינד, אוודאי גאָרנישט זאָגן. זי האָט געציטערט איבער אים, דאַכט זיך, מער ווי איבער אירס אַן אייגענעם זון.

אָבער אויך יאָנאָס האָט אים גאָרנישט געפרעגט, כאָטש ער האָט די זין זיינע יאָ געטריבן צו נעמען זיך צו אַ ריכטיקער פּרנסה. אויף מרדכין האָט ער געקוקט אַנדערש. די זין זיינע קאָנען זיך דאָך נישט גלייכן צו אים, און אַז ער איז נישט קיין לײדיקגייער, האָט ער געוווּסט, — ער האָט זיך דאָך געהאַט פאַרדונגען פאַר אַ שניצער־לערלינג אויף צען יאָר. טאָמער איז אַרויפגעשווומען ביי אים אין מוח אַ געדאַנק, אַז אפשר וועט מרדכי איצט זיך מיישב זיין און ווערן אַ סוחר, האָט ער גלייך דעם געדאַנק פאַרטריבן. אוודאי וואָלט ער געוועזן צופרידן. ער וואָלט זיך געפילט גליקלעך ווען דאָס אייניקל זיינס גיט אַ קום צו אים און זאָגט:

— זיידע, איך ווער אַ סוחר. נעם מיך אַריין אין קראָם אַריין.

יאָנאָס וואָלט געוועזן געמאַכט אַ סעודה — אַ ברייטע, אַ רייכע סעודה ווי שלמה המלך אין זיין צייט — ווען מרדכי וואָלט דאָס געטון. נאָר טראַכטן וועגן דעם, אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ געדאַנק האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט מרדכין גאָרנישט געפרעגט און צוגעקוקט דאָס גרייטע. נאָר מרדכי האָט נישט געוואָלט לאָזן וואַרטן דעם זיידן.

— זיידע, — האָט ער געזאָגט — איך שרייב. איך וויל זיין אַ שרייבער. איך וועל עס זיין. אין דער נייער הויפּטשטאָט וואָלט איך פאַרפאַלן געוואָרן אין מיניסטעריום. זיין אַ בוכהאַלטער איז נישט קיין צוועק פאַר מיר. אין פילאַדעלפיע וועל איך דערגרייכן מיין ציל.

יאָנאָס האָט געזען, אַז ער איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, טאָמער וועט מרדכי ווערן איצט אַ סוחר. מרדכי וועט שוין קיינמאָל נישט זיין קיין סוחר. און ער איז גאָר גערעכט. מיט זיין קאָפּ קאָן ער טון העכערע זאַכן. אַז ער וויל זיין אַ שרייבער וועט ער זיין. און אַ גרויסער שרייבער. יאָנאָס איז געווען זיכער אַז וואָס זיין אייניקל זאָל נישט טון וועט ער אַלץ זיין גרויס.

— מיין קינד — האָט יאָנאָס געזאָגט ווייך און וואַרעם — טו ווי דו

פארשטייסט. איך וועל דיר נישט זאָגן קיין דעה און זאָל דער אויבער־שטער זיין מיט דיר און ווו נאָר דו וועסט זיך קערן און ווענדן זאָלסטו באַגליקן.

***

די צייט זיינע האָט מרדכי איינגעטיילט אויף לייענען און אויף שרייבן. ער האָט געלייענט וואָס אַנדערע האָבן געשריבן, אָנגעפילט זיך אַזוי גרויס ווי ער איז געווען מיט די ווערטער וואָס עס האָבן אויפגע־שריבן אַלערליי קלוגע און געלערנטע לייט פון פאַרשידענע פעלקער און פאַרשידענע צייטן. איצט ווען ער האָט נישט געדאַרפט זיצן איבער די ביכער מיט ציפערן אין רעגירונגס־הויז, איז ער געזעסן איבער די ביכער אין ביבליאָטעק. און טאָמער איז אָנגעקומען אַ נייַ־בוך האָט מרדכי עס גלייך איינגעשלונגען. ער האָט אָבער אויך אַליין געשריבן. ער האָט גע־שריבן וועגן דער אָרדענונג, אָדער בעסער געזאָגט וועגן דער אומאָרדע־נונג אין שטאָט; ער האָט געשריבן וועגן די פירער און באַאַמטע פון שטאָט און אויך וועגן די טעטיקייטן פון דער פעדעראַלער רעגירונג.

ווי אַ פייערדיקער אָנהענגער פון דעם נייעם פּרעזידענט דזשעפער־סאָן האָט ער געשריבן וועגן אים מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרערונג. וועגן דער שטאָט־רעגירונג פון פילאַדעלפיע האָט ער שוין נישט געהאַט צו זאָגן קיין גוטס, און ווערטער ווי פיילן האָט ער געצילט אויף איר. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ געווען אויפן פּאַפּיר. ער האָט דערווייל נישט געהאַט ווו צו דרוקן זיינע אַרטיקלען.

גייענדיק איינמאָל ביי טאָג פון ביבליאָטעק אַהיים איז אָנגעפאָרן אים אַנטקעגן דער דאָקטאָר. ער איז געזעסן, דער דאָקטאָר, אויף זיין וועגעלע, געהאַלטן נאַכלעסיק די לייצעס און געלאָזט גיין דאָס פערד טריט ביי טריט.

דער דאָקטאָר, אַן אַלטער מאַן מיט אַ געזונט, רויט פּנים, באַוואַקסן מיט שניי־ווייסע באַקנבערד, האָט באַגריסט דעם יונגן נחן נאָך איידער דער בחור האָט אים באַגריסט.

— העלא, יונגערמאַן! וואָס קאָנסטו עפּעס אויסרעכענען גוטס!

— אָ, גוטער טאָג, דאָקטאָר וויטינג! איך בין געווען פאַרטראַכט, אַנטשולדיקט מיר.

— וועגן וואָס טראַכט אַ יונגערמאַן? — פרעגט דער דאָקטאָר, און באַטש דער פערד שטייט איז עס געווען אַ קליינער אונטערשיד אַנטקעגן פריער, אַזוי פּאַמעלעך איז עס געגאַנגען פריער.

— אָ, עס איז דאָ פון וואָס אַ סך צו טראַכטן — האָט מרדכי גע־ענטפערט.

דער דאָקטאָר האָט גוט געדענקט וואָס פאַר אַ רעטונג־אַרבעט מרדכי האָט געטון אין צייט פון דער עפּידעמיע, און ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַ קלער געטון, אַז אפשר וואָלט דער בחור גאָר געוואָרן אַ דאָק־טאָר. אַז ער וועט מיט אים שפּעטער קאָנקורירן האָט ער נישט מורא געהאַט. אפילו ווען ער זאָל גלייך אָנהייבן צו לערנען אויף דאָקטאָר וועלן נאָך אַ סך וואַסערן אָפּלויפן ביז ער וועט עס ווערן, און עס קאָן נאָך זיין, אַז די „נייע מגפה" זאָל אינצווישן זיך ווידער באַווייזן.

אַזוי לאַנג ווי מרדכי האָט געאַרבעט אין מיניסטעריום האָט אים דער דאָקטאָר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, אָבער איצט, ווען ער איז אויס בוכהאַלטער און קיין שטעלע האָט ער נישט. איצט איז די צייט אים צו זאָגן.

דער דאָקטאָר האָט געוווסט אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי די איינוווי־נער. ער האָט אַלעמען געקענט און אַלע האָבן אים געקענט. פאַרנדיק אי־בער דער גאַס האָבן אים אַלע באַגריסט און ער האָט אַלעמען באַגריסט. מיט יעדן וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג, ווו דאָס וועגעלע זיינס האָט זיך געשלעפּט און קוים גערירט זיך פון אָרט, האָט ער זיך צערעדט, אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך און ער איז אַזוי שלעפּנדיק זיך מיט פערד און וועגעלע געוואָרן אַלע נייעסן און סודות.

מרדכי איז געשטאַנען לעבן וועגעלע און ווער עס איז פאַרבייגע־גאַנגען האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרנייגט זיך און געזאָגט:

— גוטער טאָג, דאָקטאָר וויטינג!

— גוטער טאָג, מיין טייערער — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— גוטער טאָג!

קינדער האָבן חוץ פאַרבויגן זיך אויך אַראָפּגענומען דעם הוט און אויסגעזונגען:

— גוטער טאָג, דאָקטאָר וויטינג!

— גוטער טאָג, מיין קינד, גוטער טאָג!

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף לינקס, אַרויסגעבויגן זיך צו מרדכין און אַ זאָג געטון:

— דו ווילסט ווערן אַ דאָקטאָר?

פאַר מרדכין איז די פראַגע געווען אומדערוואַרט, אומגעריכט. און דער דאָקטאָר האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, נאָר אַ שאָקל געטון מיט דעם קאָפּ און צוגעגעבן:

— אויב יאָ, וועל איך דיך צונעמען אויף דער לער.

נישט האָבנדיק אויף דער רגע פּאַרטיק אַן ענטפער אויף דער אומ־געריכטער פראַגע, האָט מרדכי צונערוקט צו אים דאָס פּנים מיט אַ שמייכל און געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וואָס איז אייך, דאָקטאָר וויטינג, עפּעס איינגעפאַלן מיך צו פרעגן אויב איך וויל ווערן דאָקטאָר?

האָט דער דאָקטאָר געשמייכלט און גיזאָגט:

— פאַר אַ סך זאַכן. אַז דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, וויים איך שוין פון לאַנג. און אַז דו האָסט געשיקטע הענט האָב איך געזען ביי דער מגפה. מיין איך, אַז דו וואָלסט געקאָנט זיין נישט קיין שלעכטער דאָקטאָר. מיר דאַרפן האָבן דאָקטוירים, גוטע דאָקטוירים. אַ סך דאָקטוירים טאָר מען גאַרנישט געטרויען קיין מענטשן, זיי דאַרפן היילן קעץ, נישט קיין מענטשן. דו מאָרדעקאַי, וואָלסט אפשר זיך אויסגעטויגט.

— איך וויל זיין אַ שרייבער, — האָט מרדכי שוין געפונען אים וואָס צו זאָגן.

— נו, ווער וועט דיך דען נישט לאָזן זיין אַ שרייבער? דאָקטאָריי און שרייבעריי זענען אַ סך מאָל אַ צווילינג, גרויסע דאָקטוירים זענען אויך געווען שרייבער. זיי האָבן געשריבן וועגן מעדיצין, זיי האָבן גע־שריבן פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און זיי זענען געווען רעכן־מייסטערס אויך. אַלץ די דאָקטוירים די גוטע, פאַרשטייט זיך. אָבער וואָס האָב איך זיך דאָ אַזוי אָוועקגעשטעלט אין מיטן גאַס, — האָט דער דאָקטאָר זיך אַ כאַפּ געטון — דו קום אַריין צו מיר היינט, מאָרגן, ביי מיר אין הויז וועט מען בעסער קענען דאָס אַרומרעדן. אַ גוטן טאָג!

מרדכי האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן חשק צו לערנען מעדיצין. פונדעסטוועגן איז ער אַריינגעגאַנגען צום דאָקטאָר.

אין אַ ווינקל־גאַס, אַרומגערינגלט מיט ביימער, איז געשטאַנען דעם דאָקטאָרס הויז. אַרומגעשאָליעט מיט אָפּגעהובלטע ברעטער און ווייס־געפאַרבט האָט דאָס צוויי־שטאָקיקע הויז מיט דער גרויסער וועראַנדע אַרום און אַרום אויסגעזען ווי אַ קליינער שלאָס.

אַ הויכער, געזונטער יונג, שוין נישט קיין יונגער, האָט געעפנט דעם דאָקטאָרס טיר פאַר מרדכין, פאַרנייגט זיך פאַר אים און אַ רוף געטון פון שוועל, אַז עס האָט זיך אַ צעטראָג געטון איבערן גאַנצן הויז:

— מיסטער נח איז דאָ!

און איידער מרדכי איז אָפּגעגאַנגען די ערשטע דלד אמות אין דאָק־טאָרס הויז, איז אים דער דאָקטאָר געקומען אַנטקעגן, דווקא געגאַנגען גי־

בער ווי ס׳פערד זיינס אויף די גאַסן, און ער האָט אים געזאָגט מיט אַ ניגון:

— קום ווייטער, מאָרדעקאַי, מיין בחור, ווייטער, ווייטער. ביזטו דאָך יאָ געקומען רעדן וועגן מיין פאָרשלאַג. עס איז דיר אריין אין נאָז, אַ גוטע עצה, ניין?

ער האָט נישט געוואָרט מרדכי זאָל עפּעס זאָגן און ער האָט ווייטער גערעדט, קערנדיק זיך צום יונג וואָס האָט געעפנט די טיר.

— עבנער, איך וויל אים מאַכן פאַר דיין חבר און אפשר פאַר דיין קאָנקורענט, כ׳רעד אים צו ער זאָל לערנען פאַר דאָקטאָר. ער האָט אַ גוטן קאָפּ, דער בחור.

מיט גרויס דרך־ארץ, מיט פּאָרכטיקער אַפּשיי, איז דער עלטערער יונג געשטאַנען פאַר דעם דאָקטאָר און געמורמלט:

— ווי עס איז דער ווילן פון מיין גרויסן לערער.

און איידער דער דאָקטאָר האָט זיך נאָך רעכט געהאַט אוועקגעזעצט האָט דער עלטערער יונג אים צוגעטראָגן די ליולקע. אַ לאַנגע ליולקע, אַן אויסגעבויגענע, פון די לענגסטע ליולקעס וואָס מרדכי האָט ווען עס איז געזען ביים זיידן אין קראָם, האָט זיך געצויגן פון דאָקטאָרס מויל ביז צו דער ערד.

אויסגעלייגט אויף דעם פּאָטעל האָט דער דאָקטאָר אריינגענומען דאָס רויכער־רערל אין מויל אריין און צופוסנס איז דער הויכער יונג געשטאַנען אויף די קני, צוגעלייגט אַ ברענענדיקע קויל צום טאַבאַק און אַזוי געהאַלטן און דער דאָקטאָר האָט געפּיפּקעט און דער יונג האָט זיך נישט אויפגעהויבן ביז עס האָבן זיך נישט אויפגעהויבן די ערשטע קנוילן רויך.

איינזיצן אָדער איינשטיין אויף אַן אָרט האָט מרדכי נישט געזען דעם עלטערן יונג. פּאַרטיק געוואָרן מיט דער ליולקע, האָט ער געבראַכט דעם דאָקטאָר טיי. דאָס האָט ער אַלץ געטון אַליין, נישט ער האָט גע־פרעגט דעם דאָקטאָר וואָס ער וויל, און נישט דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט דאָס צו טון. האָט מרדכי פאַרשטאַנען, אַז דער יונג טוט דאָס שוין פון געוווינהייט. ער ווייסט שוין ווען צו דערלאַנגען אים די ליולקע און ווען טיי. אים, מרדכין, האָט דער יונג נישט געבראַכט קיין טיי און פאַר זיך האָט ער אויך נישט גענומען. דער דאָקטאָר האָט נישט גע־זאָגט קיין וואָרט וועגן דעם און מרדכין האָט עס גאָרנישט אויסגעמאַכט — ער איז נישט געקומען צו גאַסט. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן קו־מען רעדן וועגן ווערן אַ דאָקטאָר.

ביים דאָקטאָר איז אויסגעקומען, אַז מרדכי איז שוין גרייט צו שטעלן

זיך ביי אים אויף דער לער און ער האָט אים אָנגעהויבן אויסרעכענען זיינע פליכטן.

— ווען דו וועסט עס האָבן גרינג מאָרדעקאַי, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו אים ווען ער האָט אים אויסגערעכנט אַלץ וואָס ער וועט דאַרפן טון ביים לערנען זיך פאַר דאָקטאָר. דו וועסט נאָר דאַרפן טון אַ העלפט אַרבעט פון דעם וואָס עבנער האָט געטון ביז איצט. וועסט זיך איינטיילן מיט אים די אַרבעט. עבנער! — האָט דער דאָקטאָר אַ רוף געטון דעם עלטערן יונג — דו דערצייל אים. אַ, יאָ, דו אַרבעטסט זיך נישט איבער?

— איבעראַרבעטן זיך? — האָט איבערגעפרעגט דער עלטערער יונג — ניין, דאָס נישט.

מרדכי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געוווּנדערט האָט ער זיך וואָס אַ לערן־ייִנגל ביי אַ דאָקטאָר מוז נאָך מער אַרבעטן ווי אַ שניצערס לערן־ייִנגל. ווען ער איז געווען ביים שניצער האָט ער, ווי שווער ער האָט געאַרבעט, נישט געדאַרפט עפענען די טיר פאַר באַזוכער, און ער האָט אים נישט צוגעטראָגן קיין ליולקע און נישט דערלאַנגט קיין טיי. איידער מען ווערט אַ דאָקטאָר מוז מען גאָר זיין אַ משרת אויך.

פון דעם דאָקטאָרס פלענער וועגן מרדכין איז גאָרנישט געוואָרן. מרדכי איז נישט געגאַנגען צו אים אויף דער לער פאַר דאָקטאָר. אָבער דאָס איז נישט געווען איבער דעם וואָס אַ דאָקטאָרס לערלינג מוז אַזוי שווער אַרבעטן. מרדכי האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר שווערער אַרבעט. ער האָט פשוט נישט געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר. געוואָלט האָט ער ווערן אַ גרויסער באַרימטער שרייבער.

***

ער איז שוין געוואָרן אַ שרייבער און האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט עטלעכע זאַכן. נאָר ער האָט עפּעס נישט געפילט דעם טעם פון צופרידנקייט וואָס ער האָט דערוואַרט.

ווען ער האָט געבראַכט די ערשטע זאַך צום דרוקער, דעם באַלעבאָס און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און יענער האָט זי אָנגענומען, האָט אים פאַר פרייד אָנגעהויבן צו רוישן אין די אויערן און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. אומגעדולדיק האָט ער געוואַרט דער נומער צייטונג מיט זיין אַרטיקל זאָל שוין דערשיינען. און ער איז שעהן געווען ביים דרוקער און געוואַרט.

— מיסטער נח, עס איז א פיינע זאך! — האט דער דרוקער אים געלויבט דערלאנגענדיק א בלאט. — א שטארקע שפראך. גוט, גוט, אויב איר האט נאך עפעס אזא זאך, וועלן מיר עס דרוקן.

דער עולם וואס איז געווען ביים דרוקער, ווי שטענדיק, נישט קא־נענדיק זיך דערווארטן אויפן נומער, האט פארגעסן אן פאליטיק, וואס זיי פלעגן תמיד ארומרעדן, האבן געכאפט א פאר נומערן צייטונג. צו פינף־זעקס פארשווין זיך אריבערגעלייגט איבער א בלאט און געלייענט מרדכים ארטיקל.

זיי האבן אלע געקענט מרדכין, געוווסט אז ער האט געקראגן א באַ־גוס פון דער רעגירונג. נאר איצט האבן זיי געקוקט אויף אים ווי אויף א נייעם מענטש. דרך־ארצדיק געקוקט אויף אים, און ביי איינעם און א צווייטן האט זיך אריינגעכאפט א פארדרוס, א נישט פארגינען — „ער שרייבט שוין אין די גאזעטן!

פונקען האט מרדכי געזען פאר די אויגן. די אותיות פון זיין ארטיקל האבן זיך צעוואקסן, אויסגעצויגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט איבערן בלאט. צו עטלעכע מאל האט ער איבערגעלייענט פארשידענע זאצן. דאס גאנצע ארטיקל האט ער עטלעכע מאל איבערגעלייענט און ער איז עפעס געבליבן גלייכגילטיק. ניין, נאר אנטוישט, אויסגעליידיקט פון דער גאנצער פרייד און הונגעריק, הונגעריק נאך עפעס, וואס ער האט אויף קלאר נישט געוווסט וואס דאס איז.

נאך א פאר ארטיקלען האט ער אפגעדרוקט אין דער צייטונג. פון אלע זייטן האט מען אים שטארק געלויבט. איין ארטיקל האט מען גאר שטארק געלויבט. עס האט געהאט צו טון מיט שקלאפעריי, וועגן די נע־גער־שקלאפן.

די פראגע פון די נעגער־שקלאפן האט שוין אנגעהויבן צעברענען זיך. מיט א יאר צען פריער האט נישט אויסגעקוקט אז די נעגער־פראגע וועט ווערן ערנסט. עס האט נישט געלוינט צו פירן דעם שווארצן שקלאפן־האנדל אויפן גרויסן אופן, און ער וואלט אפשר געווען אינגאנצן אונטער־געגאנגען.

קומט פלוצלינג א יונגער מעכאניק און געפינט אויס א מאשין אפ־צוקלייבן דעם באוול. דער דערפינדער איז גאר געווען א לערער. און ער האט נישט געוואלט זיין עפעס אנדערש ווי א לערער,, א לערער מיט קינ־דער אין א שולע. נאר אז עס האט זיך אים נישט געמאכט קיין שטעל (מ'האט אים יא צוגעזאגט א שטעל, נאר אן אנדערער האט זי דערווייל אויסגעכאפט) און ער האט נישט געהאט וואס צו טון און א מעכאניק

איז ער געווען א גוטער, האט געהאט גאָלדענע הענט, האט ער דערפונדן א מאשין אָפּצוקלייבן דעם באוול.

די מאשין זיינע, די „קאטען־דזשין", האט איבערגעקערט אמעריקע, און נישט נאָר אמעריקע אליין. זי האט געמאכט אן איבערקערעניש אויף דער גאנצער וועלט. אָבער דער עיקר אין אמעריקע. באוול איז געוואָרן א ריזיק געשעפט און די באוול פלאנצערס, די פלאנטאטאָרס פון די דרום־שטאטן, האָבן געדארפט א סך שווארצע הענט צו ארבעטן ארום דער נייער שפע.

אין איינעם מיט דעם אויפשטייג פון באוול האט זיך געהויבן דער גרויסער האנדל מיט די שווארצע מענטשן און די מערדערישע הערשאפט פון די ווייסע באלעבאטים איבער די שווארצע קנעכט.

רעכטפארטיקע מענטשן דאָ און דאָרט האָבן שוין נישט געקאָנט פארטראָגן די בייזע פירונגען פון די ווייסע הערשער און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אויפצוהייבן זייערע שטימען קעגן די פארברעכנס.

און מרדכי נח, דער בחור אין זעכצנטן יאָר, האט אויפגעהויבן זיין קול קעגן שקלאפעריי. איינס פון זיינע ערשטע ארטיקלען איז געווען וועגן דעם ווייסן און שווארצן מענטש.

„אלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך, אָן אונטערשיד פון קאָליר: ווייסע, שווארצע, געלע און רויטע. און פארוואָס זאָל דער ווייסער מענטש פארשקלאפן דעם שווארצן?", האט געשריבן מרדכי נח.

נישט אלע זענען געווען צופרידן מיט זיינע רייד וועגן דער גלייכ־קייט פון די שווארצע מיט די ווייסע. אפילו צווישן די וואָס זענען גע־ווען קעגן נעגער־שקלאפעריי, האָבן זיך געפונען מענער, וואָס זייער מוח האט נישט געקאָנט באגרייפן דעם געדאנק, אז די שווארצע זענען גלייך מיט די ווייסע.

— נישט פארשקלאפן זיי איז איין זאך און גלייכן זיי צו אונדז ווייסע איז אן אנדער זאך — איז גערעדט געוואָרן אפילו צווישן די בע־סערע ווייסע. — די ווייסע זענען באשאפן אין גאָטס פורעם. און ווער זענען די שווארצע? אומזין!

— א חוצפה! דאָס איז א לעסטערונג אויף דעם ווייסן מין מענטש, וואָס האט ארויסגעגעבן דעם דערלייזער! — האט מען שוין געהערט אנ־דערע זיך בייזערן.

אנדערע האָבן שוין אריינגעמישט מרדכיס יידישקייט און זיי האָבן געזאָגט:

— אזא געדאנק האט נאָר געקאָנט איינפאלן א ייד! די גאָטלעס־

טערער שפרינגען אלעמאל ארום מיט די ווילדסטע געדאנקען!

—יא? ווער וויל זיי דען דא האבן? פארוואס האט מען זיי דא גאר אראפגעלאזט אויפן ברעג? — האט זיך געקאכט א יידנפיינט, וואס איז אליין ערשט נישט לאנג אנגעקומען אין דער נייער וועלט.

אביעזר סימפסאן, דער קוועיקער, האט איבערגעלייענט דאס אר־טיקל און ער האט זיך נישט געקאנט איינהאלטן. ער האט זיך אויסגע־דרייט צום ווייב און געזאגט:

— ער איז, זאג איך דיר, א מענטש! דער געוועזענער לערלינג מיי־נער איז נישט געווארן קאליע, כאטש ער האט אזוי לאנג געארבעט פאר דער רעגירונג. איך האב הנאה פון אים.

— ער איז אלעמאל געווען א פיינער בחור — האט דאס ווייב צו־געגעבן נישט וויסנדיק וועגן וואס ער רעדט.

ער האט אפגעשטעלט דאס ראד, גענומען אפבינדן דאס פארטוך און נערעדט אין דער שטוב אריין:

— איך גיי אים דאס זאגן. אלע זענען גלייך, ריכטיק, אלע!

אין א ווינקל איז געשטאנען דאס קוועיקער־מיידל אביגאיל, וואס האט שוין געהאלטן ביי ווערן א כלה, און זי איז געווארן רויט ווען זי האט געהערט פאטער־מוטער רעדן וועגן מרדכין. מיט בענקשאפט האט זי נאכגעקוקט דעם פאטער, ווי ער גייט צו מרדכין.

מרדכי איז איבערראשט געווארן צו זען אינמיטן העלן טאג דעם שניצער קומען צו אים. ער איז אים אנטקעגן געלאפן, שארף איינגעקוקט זיך אין זיין פנים, אויסצוגעפינען צי עפעס אן אומאנגענעמע זאך אדער א קראנקהייט האט געבראכט דעם קווייקער צו אים.

ערנסט איז געווען סימפסאנס פנים ווי שטענדיק, זיין פנים האט אבער נישט דערציילט נישט פון צער און נישט פון פארדרוס. א רואיקייט האט ארויסגעקוקט אויף אים פון זיינע אויגן, און אז דער קוועיקער האט אים געזאגט דעם „גוט מארגן, מארדעקאי", איז מרדכי שוין געווען זי־כער, אז קיין בייז איז נישט פארבונדן מיט זיין וויזיט. האט ער אנגע־נומען דעם קווייקערס האנט, א פעסטן דריק געטון און געזאגט:

— גוט מארגן, אביעזר סימפסאן! איך בין אזוי צופרידן אייך צו זען!

— איך זע דאס, מארדעקאי! — האט סימפסאן א קוק געטון אויף זיין אייגענער האנט, וואס ער האט ערשט ארויסגענומען פון מרדכים.

— פון דיין האנט־דרוק זע איך, אז דו האסט מיך נישט פיינט, כאטש האסט נישט געוואלט ביי מיר לערנען שניצעריי.

— ווי איר רעדט, אביעזר! — האָט מרדכי זיך געבייזערט. — נישט פיינט? — איר זענט מיר איינגעבאַקן אין האַרץ. איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער לאַנגער, דאַרער קוועיקער מיט דעם הוט אויפן קאָפּ איז געשטאַנען איבער מרדכין, אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— מאָרדעקאַי, מיין פריינט, האָסט דערפרייט מיין האַרץ. איך בין געקומען דיר עס זאָגן. די פּאָליטיקער האָבן דיך נישט פאַרדאָרבן. דיין אַרטיקל, מיין איך, וווּ דו שרייבסט, אַז אַלע זענען גלייך. אָט ווי אין די הייליקע שריפטן: „דער בירגער, דער אַלט־געזעסענער און דער ניי־געקומענער". דו נוצט דיין פעדער צום גוטן, מאָרדעקאַי.

מרדכין האָט דאָס בלוט זיך אַ יאָג געטון אין פּנים אַריין און עס איז צערונען אים איבערן האַלדז. עס איז אים שווער געווען צו געפינען די ריכטיקע ווערטער פאַר דעם קוועיקער און ער האָט גערעדט אָפּגעהאַקט:

— אַזאַ כבוד אביעזר! איך דאַנק אייך. איך בין צופרידן וואָס עס איז אייך געפעלן — און ער האָט שוין געפונען וואָס צו זאָגן. — איך האָב געוווּסט, אביעזר, אַז איר וועט מסכים זיין מיט מיר. איך ווייס ווי רעכטפאַרטיק איר זייט. ס'איז דאָך אַ זינד פאַר גאָט צו דערלויבן אַז איין מענטש זאָל פאַרשקלאַפן דעם צווייטן.

— ריכטיק, מאָרדעקאַי — האָט דער קוועיקער אויפגעלויכטן. — ווי די קינדער פון איזראעל זענען מיר מענטשן, דינער נאָר פון גאָט אַליין. מען דאַרף דאָס דערמאָנען די מענטשן וואָס פאַרכאַפּן פאַר זיך גאָטס מאַכט און זיי מאַכן אַנדערע מענטשן פאַר זייערע קנעכט.

ביידע האָבן זיך גוט צונויפגערעדט, כאָטש דער אַלטער קוועיקער האָט מער ווי די ביבל נישט געלייענט, און מרדכי איז געווען אַ שטאַרק אָנגעלייענטער מיט די עלטסטע ביז די נייסטע ביכער. זיי האָבן זיך אין דער פראַגע גוט פאַרשטאַנען.

ווען סימפּסאָן איז אַוועק האָט ער נאָך אַ זאָג געטון צו דער באַלעבאָסטע:

— רעבעקאַ פיליפּס, אַ ווויל איינקל האָט איר, איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אים.

די באָבע רבקה איז אוודאי געווען שטאָלץ מיט איר איינקל. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צו איר פרייד, וואָס ציפּורהס קינד איז אַזוי געראָטן. ער איז אַזאַ גרויסער קאָפּ.

אָבער דאָס אַרטיקל וועגן די שווארצע האָט איר עפּעס נישט פאַר־שאַפט די הנאה וואָס אַנדערע אַרטיקלען. יאַנאָס זאָגט אפילו, אַז עס איז זייער גוט וואָס ער האָט געשריבן, עס איז בעסער ווי אַלע אַרטיקלען זיינע ביז אַהער. ער נעמט זיך אָן פאַר די וואָס ווערן געפּייניקט, נו, אוודאי טאָר מען נישט פּייניקן קיין מענטשן, אפילו א חיה טאָר מען אויך נישט פּייניקן. אָבער זי זעט נישט ווי מען פּייניקט די שווארצע. נישט זייער דינער דזשים, קיינער פּייניקט אים נישט. יעדער איז גוט צו אים. וואָס דען וואָלט ער געטון ווען ער וואָלט נישט געווען קיין דינער ער וואָלט דאָך אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. נו, יאָ, עס זענען דאָ א סך שלעכטע מענטשן אויף דער וועלט, זיי פּייניקן יידן אויך. אָבער דאָס וואָס שווארצע זענען דינער איז ביי איר נישט אויסגעקומען צו זיין שלעכט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע זאַך. און דערצו האָט עפּעס איר געזאָגט דאָס האַרץ, אַז איר אייניקל דאַרף זיך נישט אַריינמישן אין אַזעלכע זאַכן.

זי האָט אָבער נישט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, ווען זי האָט געזען ווי יאַנאָס פרייט זיך. זי האָט אים נישט געזען אַזוי פרייען זיך, זי געדענקט נישט די צייט. ער האָט גערעדט צו איר ווען דאָס אייניקל איז נישט געווען דערביי:

— רבקהכען, מיר דאַרפן אָפּגעבן א לויב דעם הער גאָט, וואָס מרדכי פּרעדיקט גערעכטיקייט. מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער זעלבער גע־רעכטיקייט, דאָס לעבן איינגעשטעלט. הערסט. גליקלעכע באָבע, אונדזער אייניקל וואָלט אויך איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר גערעכטיקייט.

און כאָטש איר מוח האָט נאָך אַלע רייד זיינע נישט געקאָנט באַ־נעמען נאָך וואָס ער דאַרף זיך אַריינמישן אין אַזאַ זאַך, איז זי אָבער גע־ווען גליקלעך פון יאַנאָסעס רייד. געזאָגט האָט זי גאָרנישט, נאָר ווי שטענדיק, אין אַזעלכע פאַלן האָט זי זיך דערמאָנט אין איר טאָכטער ציפּורהן, מרדכיס מוטער. צום האַלדז אַרויף האָט איר א זעץ געטון א כוואַליע טרערן און זי האָט א מורמל געטון צייַלנדיק דער פאַרשטאָרבע־נערס יאָרן:

— די באַטריבטע נעבעך, וואָלט שוין באַלד אַלט געווען דריי און דרייסיק יאָר.

קעגנער האָט געהאַט מרדכי פאַר דעם דאָזיקן אַרטיקל נישט נאָר צווישן די נישט־יידן. געווען יידן, וואָס עס האָט זיי פאַרדראָסן אויף מרדכין. זיי האָבן אים נישט פאַרגונען, וואָס די שטאָט רעדט אַזוי פיל וועגן זיין אַרטיקל.

— וואָס האָט ער צו שרייבן זאַכן וואָס רודערן אויף די שטאָט?! — האָט איינער געטענהט.

— אַ נייער מוסר־זאָגער; ווער בעט אים?! — האָט נאָך איינער געזאָגט.

— אַ ייד דאַרף ליגן אין אַ ווינקל איינגעלייגט, — האָט זיך אָנגערופן איינער. און עטלעכע האָבן צוגעשטימט. — וואָס ווייניקער די גויים הערן און זעען דעם ייד, איז עס געזונטער.

עס זענען אָבער געווען יידן, וואָס זענען געווען פאַר שקלאַפעריי. זיי האָבן געמאַכט חוזק פון מרדכין, געבייזערט זיך וואָס ער זאָגט, אַז די שוואַרצע זענען גלייך צו די ווייסע.

יאַנאַס האָט זיך געקריגט מיט ביידע סאָרטן — מיט די וואָס האָבן געזאָגט, אַז שוואַרצע זענען נידעריקער פון די ווייסע, און מיט די, וואָס האָבן געטענהט, אַז יידן דאַרפן זיך פאַרשטופן אין אַ ווינקל, מען זאָל זיי וואָס ווייניקער זען און הערן.

ער האָט שטאַרק אויסגעזידלט די וואָס האָבן גערעדט קעגן דער גלייכקייט פון שוואַרצע מיט ווייסע, געטענהט צו זיי, אַז זיי זאָגן דאָס זעלבע אויף די שוואַרצע, וואָס שלעכטע גויים זאָגן אויף יידן. אָבער נאָך גרעסער איז געווען זיין צאָרן אויף די וואָס האָבן געזאָגט, אַז יידן דאַרפן זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל.

— יענע, וואָס זאָגן, אַז די שוואַרצע זענען נישט גלייך מיט די ווייסע, זענען אומגערעכט, פאַרדאָרבן — האָט ער געטענהט — זיי זענען אָבער נישט ערגער פון די שלעכטע גויים, וואָס זאָגן אַזוי אויף די שוואַרצע, ווי זיי זאָגן דאָס אויף יידן. איך פאַרשטיי אפילו נישט, ווי אַזוי אַ ייד קאָן זאָגן אויף אַ צווייטן מענטש, אַז ער איז נידעריקער. ווען ער וויל געדענקען, אַז פונקט דאָס זעלבע זאָגן די גויים אויף אונדז יידן. אָבער אויב גויים מעגן האָבן שלעכטע, קאָנען מיר זיך נישט העלפן אויב מיר האָבן אויך אַזעלכע, כאָטש מיר טאָרן טאַקע נישט האָבן קיין שלעכטע. נאָר די יידן, וואָס הייסן אונדז זיך פאַרשטופן אין אַ ווינקל, די זענען אַ געפאַר פאַר אונדז. פונקט ווי די שונאי ישראל זענען זיי. יענע זאָגן אויך, אַז דער ייד איז נישט ווי דער קריסט. דער קריסט מעג אַלץ. דער ייד טאָר גאָרנישט. אונדזער גרעסטער קאַמף איז קעגן די גויים, וואָס מאַכן אונדז פאַר נידעריקע מענטשן, קומען צו גיין יידן און זאָגן, אַז מיר זאָלן ליגן איינגעלייגט. דאָס, וואָס איז דערלויבט יעדן בירגער; וואָס עס איז די פליכט פון די בירגער, איז נישט פאַר אונדז יידן; מיר טאָרן

דאָס נישט טון. קענען אַזעלכע יידן מוז מען קעמפן אַ האָר נישט ווייני־קער ווי קעגן די שלעכטע גוים.

פיל רייד, טענות, קריגערייַ און בייז בלוט האָט אַרויסגערופן מרדכי מיט זיין אַרטיקל, מער ווי ליב און רום. אַזוי צווישן יידן, ווי צווישן נישט־יידן.

***

די נישט־פאַרגינערישע באַרעדער האָבן אינגיכן געקראָגן אַ גע־לעגנהייט צו באַרעדן מרדכין. צוערשט אַ ביסל קרעמפּירט, באַלד האָבן זיי אָבער געלאָזט לויז זייערע שאַרפע צינגער און מיט אַפּעטיט גע־שפּריצט אויף אים זייער גיפט.

— אַלץ קאָן ער און צו גאָרנישט טויג ער — האָט עמיצער גע־לאָזט פאַלן אַ געמיין ווערטל וועגן מרדכין.

— וואָס מען וויל נאָר פון אים, קאָן ער טון, נאָר ער טוט גאָר־נישט — איז נאָך איינער דעם ערשטן באַרעדער געקומען צו הילף.

— יאָ, ווי דען, פון אַלע גליקן אַ לייזיקגייער! — האָבן שוין עט־לעכע נאָכגעזאָגט און מער נאָך האָבן זיך צעלאַכט.

זיי האָבן געלאַכט פון מרדכין, וואָס איז אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנ־גען אָן אַ שטעל. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע שטעל אין פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט; אַז דער קאָנגרעס האָט אים געגעבן הונ־דערט דאָלער אַ פּרעמיע, און אַז ער האָט געקאָנט ווייטער האָבן זיין שטעל, ווען ער וואָלט געוואָלט אָוועקפאָרן אין דער נייער הויפּטשטאָט, קיין וואַשינגטאָן, וואָס אירע גאַסן זענען געווען נישט מער ווי ליידיקע פּלעצער. דאָס האָבן זיי פאַרגעסן, זיי האָבן עס נישט געוואָלט געדענקען, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם באַרימטן בחור, וואָס יאָרנלאַנג האָבן זיי קיין בייז וואָרט נישט געהערט רעדן אויף אים, נאָר גאָר געמוזט הערן כסדר ווי מען לויבט אים.

— מיט די וווּנדער־קינדער איז דאָס שטענדיק אַזוי — האָבן די באַרעדער גערעדט וועגן אים. — קליינערהייט נעמען זיי איין די וועלט מיט זייערע חכמות, און ווען זיי וואַקסן אויס, זענען זיי טויגעניכטסן.

— ער טויג דאָך נישט אַ קאַץ דעם עק צו פאַרבינדן!

— אַ יאָ, ער קאָן אַלץ? נו, זאָל ער ווייזן, אַז ער קאָן פאַרדינען אַ סענט!

— מען האָט באַלד געקאָנט זען, אַז ער טויג נישט, אַלץ האָט ער געוואָלט טון, נאָר אַז עס איז געקומען צום טון, האָט ער זיך געפּוילט.

— ווען ער וואָלט נישט געווען קיין פוילער, וואָלט ער געאַרבעט ביי פיליפּסן אין קראָם.

— יאָ, אין קראָם נישט. פון שניצער איז ער אויך אַוועקגעגאַנגען. פון רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענט אויך. ער וויל גאָרנישט טון. ליגן אין ביבליאָטעק איבער ביכלעך און אַרומשלעפּן זיך מיט די אַקטיאָרן.

— ער וויל דאָך זיין אַ שרייבער — האָט עמיצער געזאָגט, און מען האָט נישט געוווסט, צי ער זוכט אויף אים אַ זכות, אָדער דאָס איז אויך אויף צו באַרעדן.

— אָ, אַ שרייבער? — האָט שוין נישט איינער, נאָר עטלעכע זיך אָנגערופן. — דאָס איז אויך נאָר אַ תירוץ, ער זאָל קאָנען פוילענצן. וועלכער מענטש, וואָס וויל אַרבעטן, נעמט זיך צו שרייבן ווי צו אַ פּרנסה? ער האָט שוין דען אָנגעזען איין סענט פאַר זיין גאַנץ שרייבעכץ?

— איך גלויב אים נישט, אַז ער זיצט אין ביבליאָטעק און לייענט. ווער זאָגט, אַז ער לייענט? ער זיצט דאָרט און פוילענצט אָפּ די צייט.

פון די רייד פון די באַרעדערס איז אויסגעקומען, אַז ער איז גאָר נישט ווערט. פונדעסטוועגן האָט ער זיי אַלע באומרואיקט. נאָר דערפאַר וואָס ער איז געשטאַנען אַזויפיל העכער פון די באַרעדערס, פון זיי און פון זייערע קינדער, האָבן זיי אים באַרעדט, צו קאָנען זיך נוקם זיין אָן אים פאַר זיין העכערקייט איבער זיי.

זייערע רייד־מילן האָבן נישט אויפגעהערט צו מאָלן אויף אים און זייערע צינגער, ווי די פליגלען פון אַ ווינטמיל, האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאַפּערן.

מרדכי אַליין איז עפּעס טאַקע אַראָפּ פון קאַליע. ער איז נישט געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס ער פלעגט גיין אויף אים ביז אַהער. ער האָט נישט געוווסט וווהין ער גייט און זיין טראָט איז נישט געווען פעסט, זיכער ווי אַמאָל.

עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן, האָט ער אַליין דערפילט. דאָס האָט אויך געזען דער זיידע יאָנאָס, די באַבע רבקה, די פעטערס נפתלי און אהרון, דער שרייבער און דער אַקטיאָר און נאָך נאָענטע און פרעמדע, גוטע פריינט און שלעכטע. אַ סך האָבן עס באַמערקט.

ער האָט געדרוקט איין אַרטיקל, נאָך איינס און נאָך איינס. ער האָט שוין אַפילו געשטעלט די שטאָט אויף די פיס מיט אַן אַרטיקל. עס האָט אָבער נישט אָנגענומען. עס האָט זיך נישט געוויזן קיין ציל פאַר אים אין פילאַדעלפיע ביים שרייבן. וואָלט ער אפשר געווען אָנגענומען

א בוכהאַלטער־שטעל, האָט אים קיינער נישט פאַרגעלייגט אזא אַרבעט, און זוכן די אַרבעט איז אים נישט איינגעפאַלן.

דאָס איינציקע וואָס איז אים געבליבן צו טון, איז געווען אַריינצו־גיין אין זיידנס קראָם. ווערן אַ סוחר. אָבער דאָס האָט ער נישט גע־וואָלט. קיינער האָט אים דאָס אויך נישט געזאָגט. יאָנאָס האָט יאָ גע־טראַכט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען מרדכי נעמט זיך ענדלעך צו געשעפט, ווי ער האָט דאָס אים פאַרגעלייגט מיט יאָרן צוריק. אָבער כאָטש ער האָט געטראַכט דערפון האָט ער אים אָבער נישט דערמאָנט א וואָרט וועגן דעם. וואָלט ער אַליין געקומען זיך דערצו, וואָלט יאָנאָס זיך שטאַרק געפרייט — רעדן צו אים וועגן דעם, נאָך די גרויסע זאַכן, וואָס ער האָט שוין באַוויזן האָט ער נישט געוואָלט.

און אַז יאָנאָס האָט אים נישט געזאָגט וועגן ווערן אַ סוחר, האָט קיין אַנדער קרוב אים אוודאי נישט געזאָגט.

אָבער מרדכי האָט עפּעס אָנגעהויבן צו האָבן צופיל צייט. ער האָט נישט געוווּסט ווו די צייט אַהינצוטון. וואָס ער האָט אַלץ נישט געזאָלט טון, איז אים דער טאָג געווען צו גרויס און די נאַכט צו לאַנג.

אין ביבליאָטעק האָט זיך אים נישט געלייענט ווי אַלעמאָל. אָפט האָט ער געלייענט און געכאַפּט זיך, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער האָט געלייענט און געקומען נאָכאמאָל לייענען. צי דאָס איז גע־ווען, ווייל אינמיטן לייענען האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנדערע זאַכן, אָדער אמאָל ביי גאָרנישט טראַכטן. דער מוח איז אים גלאַט גע־וואָרן בלאַנק און ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויפנעמען.

ביי די אַקטיאָרן האָט ער אויך נישט געפונען דעם אימפּעטיקן אינ־טערעס וואָס פריער. די פּיעסן זייערע האָבן אים געקלונגען נאַריש. די אַקטיאָרן האָבן אים געלאַנגווייליקט. ער האָט זיך געווּנדערט, מרדכי, דאָס האָט ער אַליין דערקענט.

יאָ, אַ פוילקייט איז אים אַריין אין די ביינער, אין בלוט. שיטער איז געוואָרן אין אים דאָס בלוט. די גלידער — לויז. קיינמאָל איז ער נישט אויסגעשלאָפן. אמת, ווען ער לייגט זיך שפּעט ביינאַכט, קאָן ער לאַנג נישט איינשלאָפן. שלאָפט ער דאָך אָבער ביז אַ שטיק אויפן טאָג. טאָ פאַרוואָס איז ער אַלץ נאָך שלעפעריק? און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס ער ליגט אין בעט ביז אַ שטיק אויפן טאָג. ער וויל אויפשטיין פרי ווי תמיד, אָבער די ביינער זענען אים שווער, לאָזן נישט.

דאָס פיליפּס־הויז איז געוואָרן אומרואיק. די באָבע רבקה האָט גע־ציטערט. יאָנאָס איז געווען פול זאָרג. וואָס עס האָט נאָך געמאַכט שווע־

רער די גאַנצע זאַך, איז געווען דאָס באַרעדן פון די נישט־פאַרגינערס. מרדכי האָט געוווּסט פון די רייד, און די משפּחה האָט אויך געוווּסט. עס האָט שוין דערגרייכט צו זיי.

די נישט־פאַרגינערישע באַריידערייען האָבן פאַרגרעסערט די שרעק, די זאָרג און ווייטיק פון מרדכיס משפּחה און אים אַליין האָבן זיי גע־מאַכט פוילער, אָפּהענטיקער.

מערי באַטלער, די אַקטריסע, האָט אויך געזען, וואָס עס איז געשען מיט אים. אַ האָר האָט ער נישט פאַרלוירן ביי איר אין די אויגן. זי האָט ווייטער אַרויפגעקוקט צו אים מיט ליבער פאַרגעטערונג, ווי זי האָט עס געטון באַלד ווי דער קאָנגרעס האָט אים געגעבן דעם באַנוס פאַר זיין אויסגעצייכנטער אַרבעט. עס האָט איר נאָר וויי־געטון, וואָס ער ליידט. זי האָט דערשפּירט, אַז מרדכי ליידט, אַז עפּעס עסט זיין האַרץ. איז זי געווען גרייט אָפּצוגעבן איר לעבן צו היילן זיין ווייטיק, ווי די מאַמע, וואָס איז גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר איר קינד, איז זי געווען גרייט אַוועקצוגעבן איר לעבן פאַר אים.

ווי אַזוי זי קאָן אַוועקגעבן דאָס לעבן אים צו העלפן און וואָס עס איז די אורזאַך פון זיינע פּיין, האָט זי נישט געוווּסט. איז זי אַרומגע־גאַנגען אַ צערודערטע. אירע טריט זענען געווען פאַמעלעכע, טרויעריקע; אירע אויגן זענען געווען פול טרויער. שטענדיק זענען געהאַנגען אין זיי טרערן, ווען זי איז געווען נעבן מרדכין. אַרום אים פלעגט זי דעמאָלט גיין מיט איר שמאָל פּנים אויפן הויכן ווייסן האַלדז, געבויגן ווי אַ שוואַן אין טרויער, שטעלנדיק טרויעריקע טריט אונטער דער ברייטער קרינאָלינע.

דעמאָלט איז מרדכי דאָס ערשטע מאָל אריינגעגאַנגען צו מערי באַט־לער אין הויז אַריין. שיינע עטלעכע יאָר האָט ער זי געקענט. זי האָט אים געקענט, ווען ער איז אַלס קליין יינגל מיטגעקומען מיט זיין פעטער אהרן דעם אַקטיאָר צו די פּראָבעס אין טעאַטער אַריין. צוערשט אַלס יינגל, דערנאָך אַלס וווּנדער־מענטש איז ער קיינמאָל נישט געווען ביי איר אין שטוב. נישט זי האָט אים גערופן, נישט ער האָט זיך אָנגעבאָטן זי צו באַזוכן.

וויפל מאָל זי האָט אָנגעצונדן דאָס בלוט אין אים, וויפל פייערן פון גיהנום האָבן איבער איר געברענט אין אים, געפלאַקערט פאַר זיינע אויגן. האָט ער מיט עקשנות נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם גדאַנק פון אריינגיין צו איר, פון זיצן מיט איר אַליין. אַ סך מאָל, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרלירט די ראיה פון די פונקען, וואָס טאַנצן אים פאַר די אויגן, האָט ער נישט געקלערט זי אָנצורירן. און דווקא דעמאָלט, ווען ער איז

געווען אזוי לייכט, פריש, פלינק, די גלידער זיינע האָבן געשטראַמט מיט כוח, ווען ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מיט דער בלויזער האַנט קען ער איבערקערן הייזער — האָט ער זיך געפייניקט און נישט געטראַכט פון איבערטרעטן איר שוועל.

און גראָד אין דער צייט, ווען ער איז געוואָרן אָפּגעלאָזט, נאַכלעסיק, שלעפעריק כסדר, די גלידער זענען געווען אין אים לויז, דעמאָלט האָט עס אים אַ טראָג־געטון אַריינצוגיין צו איר.

מערי באַטלער איז איבערראַשט געוואָרן, ווען ער איז איר נאָכגע־גאַנגען שפּעט ביינאַכט פון טעאַטער. קיינמאָל נישט אין די אַלע יאָרן פלעגט ער, מען זאָל דאָס זאָגן, גיין מיט איר אַליין. פון טעאַטער איז ער שטענדיק געגאַנגען אַהיים, צי זיין פעטער אהרן איז אויך מיטגעגאַנגען אָדער יענער איז אַוועק מיט אַן אַקטיאָר און נאָך מער מיט אַן אַקטריסע.

מרדכי איז נאָכן טעאַטער קיינמאָל נישט געגאַנגען מיט קיין אַקטרי־סע. מיט איינעם פון די אַקטיאָרן איז ער נאָך אמאָל געגאַנגען אויפן וועג אַהיים, און דאָס אויך קיינמאָל נישט צו יענעם אין הויז אַריין אָדער אין שענק.

אָבער דאָ פּלוצלינג, ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער, איז מרדכי געגאַנגען נעבן מערין, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען אויף איר וועג אַהיים, וואָס איז גאָרנישט געווען דער זעלבער דער וועג, וואָס צו אים אַהיים.

דאָס האָט גלייך געמאַכט נייגיריק די אַקטיאָרן. זיי האָבן נישט גע־וואָלט רעדן וועגן דעם, ווען אהרן פיליפּס, מרדכיס פעטער, איז געווען דערביי. אין דער פינצטער האָבן אָבער זייערע אויגן, אַלעמענס אויגן, אויך זיין פעטערס, באַקומען אַן אומריינעם בליק, און איבער זייערע פנימער האָט זיך אַ גליטש געטון אַ נישט זויבערער שמייכל.

דער וועכטער איז געקומען אַנטקעגן און אויסגערופן, טופּענדיק מיט דעם שווערן שטעקן.

— איינס אַזייגער, און אַלץ ז'אין אָרדענונג!

— ס'עט ערשט זיין! — האָט אַן אַקטיאָר שטיל אונטערגעזאָגט דעם צווייטן, געמיין ווינקענדיק אויף מערין מיט מרדכין.

— יאָ! האָט צוגעשאָקלט דער צווייטער — און ער האָט נישט גע־ווּסט, ווי זיין חבר און די אַנדערע, אַז מיט מרדכין איז שוין גאָר נישט אַלץ אין אָרדענונג.

אַ פּלאַטערדיקע איז מערי געגאַנגען מיט מרדכין, און זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער איז געגאַנגען נעבן איר און געשוויגן אַזוי דערשלאָגן, אומגליקלעך.

מערי האָט שוין געהאַט, ווי מען פלעגט דערציילן, עטלעכע מענער. און אויסער איר פאַרגעטערונג פאַר אים האָט זי אַלעמאָל געגלוסט צו דעם הויכן, שיינעם בחור, וואָס עס האָט געזעצט פון אים מיט כוח, די גלוסטונג איז געווען אויסגעמישט מיט דער פאַרגעטערונג, און נישט זי, און קיינער נישט וואָלטן געקאָנט אָפּטיילן איינס פון דאָס אַנדערע. נאָר אַז ער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אַזוי ווייט פון איר, איז ביי איר מער נישט געבליבן ווי די פאַרגעטערונג.

אָבער דאָ, אַזוי פּלוצלינג, ווען זי האָט אים דערזען אַ געפּייניקטן, נישט ווייסנדיק אַפילו, וואָס די פּיין זענען, און עס האָט איר אַזוי ווי געטון פאַר אים, ווי אַ מאַמע טוט ווי פאַר אַ קינד, איצט גראָד גייט ער צו איר אַהיים, און ער שווייגט, שווייגט פאַרביסן, גייט שווער, דערשלאָגן. זי האָט נישט געשפּירט אין אים דאָס מינדעסטע פון דעם געפיל, וואָס זי פלעגט דערשפּירן אין דעם מאַן, וואָס פלעגט גיין מיט איר אַהיים. ער דאָ, נעבן איר אַליין, איז ווייטער פון איר ווי ער פלעגט זיין אין די גוטע צייטן אין טעאַטער צוזאַמען מיט דער גאַנצער טרופּע.

און ווייל זי האָט געפילט זיין ווייטקייט, האָט זי נישט געוווּסט וואָס ער מיינט מיט זיין גיין מיט איר. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז עס איז אים שלעכט. עפּעס פּייניקט אים. און איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען צו אים אין טיפער באַרמהאַרציקייט.

מרדכי האָט געוואָלט רעדן צו איר, זאָגן עפּעס, נאָר ווי ער האָט זיך נישט געמיט צו רעדן, איז דאָס וואָרט נישט אַרויף העכער פון האַלדז.

זיי זענען צוגעקומען צו איר שטוב. מערין האָט זיך אַלץ נישט געגלויבט, אַז ער וועט אַריינגיין. זי האָט געקלערט, אַז עס האָט אים נישט געגלוסט צו גיין אַהיים, האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן הויז. און אונטערטעניק, דערבאַרמיק האָט זי אים געפרעגט:

— זאָלן מיר אפשר נאָך אַביסל אַרומגיין?

— מען קאָן שוין אַריינגיין — האָט ער געזאָגט נישט צו איר זייט.

האָט מערי געזען, אַז ער וויל אַריינגיין, און זי האָט אויפגעשלאָסן.

אַ שטיקל ליכט האָט זי אָנגעצונדן אין אַ מעשן לייכטערל, אָבער מען האָט גוט געזען. ער האָט געזען דאָס בעט, אַ באַנק, אויסגענייטע זאַכן, אַ האַנטיכל, אַ בילד אין אַ געלבלעכן ליכט, וואָס האָט זיך געשפּרייט ווי אַ טישטוך איבערן חדר, לאָזנדיק אַרום און אַרום טונקלקייט ווי שוואַרצע פראַנזן. דאָס האָט אים אַביסל באַרואיקט, און אַז מערי האָט אַ וויש געטון די באַנק, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר.

ערשט איצט האָט מרדכי דערזען, וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז געקומען אויף אים. אָט דאָס, וואָס האָט שטענדיק געצונדן זיינע בלוטן און ער האָט עס צו זיך נישט צוגעלאָזט, איז ער גרייט דערויף איצט. קיין זאַך אַרט אים איצט נישט. נישט ער האָט די אַמאָליקע עקשנות, נישט ער וויל זי האָבן. עס דרייט אים באַלד דער קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען שיכּור. עס רוישט אים אין מוח און ווייטער ווייסט ער גאָרנישט.

אויפן האַרץ איז אים געווען אַזוי שווער און אַזוי פּוסט. ער געדענקט נישט, עס זאָל אים אַמאָל האָבן געווען אַזוי שלעכט. נאָר דעמאָלט ווען מען האָט זיך געררייצט מיט אים אין שול, אַז ער האָט נישט קיין טאַטן, איז אים געווען אַזוי שלעכט. יאָ, דעמאָלט, ווען די מאַמע איז געלעגן לאַנג אין בעט, און זי איז פּלוצלינג אַוועק און שוין מער נישט צוריקגעקומען, דעמאָלט איז אים אויך געווען אַזוי שלעכט. אונטערן האַרץ דריקט אַזוי, און עס איז דאָרט אַזוי הויל, און אין האַלדז איז אים ענג. ער קומט אום. ער גייט אויס. אַלץ עקט זיך.

מערי האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן פון צעטומלטקייט. דאָס פּנים האָט זיך איר פאַרקרימט פון ווייטיק איז זי צוגעגאַנגען צו אים, נאָענט געשטעלט זיך נעבן אים, אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויף זיין קאָפּהאָר, געגלעט ליב־דערבאַרעמדיק און גערעדט שטיל:

— מאָרדעקאַי, מיין טייערער, מען טאָר נישט זיין אַזוי דערשלאָגן. מען דאַרף זיך שטאַרקן, מיין טייערער, ביזט אַזוי פאַרזאָרגט!

און מיט יעדן ריר פון אירע פינגער איבער זיין קאָפּ, דעם שטערן, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן אַן אַנדערע משא; אַראָפּגעשליידערט איינציקווייז די שטיינער פון זיין האַרץ, דעם באַרג פון זיינע פּלייצעס. אַ גרינגער, אַ באַפרייטער, האָט דאָס בלוט זיינס אָנגעהויבן זינגען אין אים און אין קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן רוישן ווי אין אַ מיל.

ער האָט מורא געהאַט זי אָנצורירן. די שפּיץ פינגער האָבן אים געבריט, געשטאָכן מיט טויזנט גליענדע נאָדלען, און די גלידער האָבן זיך אים אָנגעהויבן צוזאַמענצוציען, אַז ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן פּלאַצן. ער האָט זי אַ נעם געטון אין די הענט אַריין מיט אַזאַ כּוח, אַז זי, די אַקטריסע, וואָס, ווי מ'פּלעגט דערציילן, האָט שוין געהאַט עטלעכע מענער, האָט אַ געשריי געטון פון דעם דרוק פון זיינע מעכטיקע הענט.

זי האָט איצט דערוואַרט דאָס, וואָס זי האָט פריער קוים געקאָנט חלומען. ערשטנס איבער דעם אונטערשיד אין די יאָרן, און צווייטנס, איבער דעם געפיל פון טיפער באַגייסטערונג. נאָר איצט, נאָכדעם, ווי זי האָט אים געזען אַזאַ צעטראָגענעם, מוטלאָזן, איז צוגעקומען דער געפיל

פון רחמנות, און עס האָט נישט מער געפעלט ווי נאָר ער זאָל, ווי ער האָט דאָס טאַקע געטון, זי אַ נעם טון אַזוי ווי אַ מאַנסביל די פרוי. האָט זי שוין געוואָרט, לויט איר געוויינהייט, אויף דעם, וואָס עס האָט געדאַרפט קומען.

אָבער מרדכי, דער בחור אין זיבעצנטן יאָר, האָט נישט געוווּסט אויף וואָס זי וואַרט. און באַלד ווי זי האָט געגעבן דעם אויסגעשריי אי־בער דעם דריק פון זיינע מעכטיקע הענט, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט זיך צוריקגעוואָרפן אויף דער באַנק און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, אַ דערשלאָגענער אין פאַרשעמטקייט און חרטה.

זי, ווידער, אין איר אַנטוישונג, האָט עפּעס אין איר זיך צעלאַכט: צעלאַכט פון שעמעוודיקייט פון דעם בחור, וואָס איז מיט צוויי קעפּ העכער פון איר, האָט אַזעלכע צוויי מעכטיקע הענט און איז נאָך אַלץ אַ יינגל. נישט אַזוי גיך האָט דאָס דאָזיקע געלעכטער אויפגעהערט צו רייצן איר האַלדז.

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז נאָך געזעסן ביי איר, האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. און זי האָט מורא געהאַט צו רעדן, דאָס געלעכטער זאָל זיך נישט אַרויסרייסן. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון איר שטוב, מורא געהאַט פריי צו קוקן אויף איר. און דעם גאַנצן וועג אַהיים איז ער געווען גרייט כאַטש זיך דאָס לעבן צו נעמען, וואָס ער איז גאָר אינגאַנצן צו איר אַריינגעגאַנגען. ווען ער וואָלט נישט געווען אַריינגעגאַנגען צו איר, האָט ער זיך געגעסן, וואָלט דאָך נישט געווען געקומען דערצו, ער זאָל לייגן אויף איר די הענט און איר אַזוי ווי טון, אַז זי זאָל שרייען פון ווייטיק.

פונדעסטוועגן האָט דער אינצידענט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף מרדכין. ווי איינער וואָס טרינקט זיך און עמיצער כאַפּט אים פּלוצלינג אַן פאַר דער טשופּרינע און שלעפּט אים אַרויס, האָט עס אַ הייב געטון מרדכין פון זיין אַפּגעלאָזנקייט, פון זיין פוילקייט און אים אַרויסגעריסן. וואָס צו טון האָט ער נאָך נישט געוווּסט. ער איז אָבער געווען אַנט־שלאָסן — אַזוי קאָן נישט און טאָר נישט זיין ווייטער, ער מוז עפּעס טון.

**
*

אינגאַנצן איז אַריבער אַ טאָג־צוויי און ער האָט אַליין נישט גע־וווּסט ווי אַזוי, און קיינער האָט אים נישט געגעבן אויף דעם די מינ־דסטע אָנצוהערעניש, און ווי דאָס איז אים אַליין איינגעפאַלן, האָט ער

זיך אויך קיינמאל נישט געקאנט דערקלערן. פון דער העלער הויט איז עס אים איינגעפאלן, און ער איז אוועק צום דרוקער. פעסט און זיכער האט ער זיך א שטעל אריין געגעבן ביים דרוקער.

— א, העלא! געבראכט א פיינעם ארטיקל?

— מער און בעסער פון פיינסטן ארטיקל — האט מרדכי גערעדט הייס, און דערוואַרט, אז דער דרוקער זאל זיך א כאפ טון.

נאר דער דרוקער האט זיך נישט געהיצט. געבליבן רואיק און גערעדט רואיק:

— וואס פאר א סארט ארטיקל איז דאס?

— מיסטער ראטלעדזש, איך האב א גראנדיעזן פלאן. אייער צייטונג וועט אויפשטורעמען די שטאט, דעם שטאט. אלע צייטונגען וועלן אייך מוזן נאכטון.

א קרומען קוק האט אים געגעבן דער דרוקער, און ער האט אים איבערגעריסן דעם שטראם רייד מיט א

— טצע־טצע־טצע, אזא זעלטן ארטיקל?

— א, מיסטער ראטלעדזש! דאס איז נישט קיין ארטיקל — האט נאך הייסער גערעדט מרדכי, און אפילו נישט באמערקט דעם חוזק אין דעם דרוקערס רייד. — איך מיין, איר זאלט מיך שיקן קיין העריסבורג.

דא האט דער דרוקער געקוקט אויף אים און געוואונדערט זיך.

— קיין העריסבורג? איך זאל דיך שיקן? וואס ברויך איך דיך אין העריסבורג?

— איר וועט קריגן צען מאל אזוי פיל לייענער, הונדערט מאל אזוי פיל! פון ארום און ארום וועלן אלע קויפן אייער גאזעט. ווען איך וועל זיין אין העריסבורג.

דער דרוקער האט זיך דערשראקן. ער האט געמיינט, אז דער בחור איז נישט ביי די גלייכע געדאנקען. זינט די רעגירונג איז אוועק פון פילאדעלפיע, דרייט ער זיך ארום ליידיק. האט דאס אים אפשר גערירט דעם מוח. האט ער אים נישט געשטערט, געלאזט רעדן וויפל דאס הארץ זיינס גלוסט און געקלערט, אז ער מוז דא אומגיין מיט אים מיט שכל, ער זאל אים נישט דערביזערן, ווייל ער קאן נאך אים דא אנטון גרויס שאדן.

אבער נאך איידער מרדכי איז געווארן פארטיק מיט זיינע רייד, האט ער דערזען, אז דער בחור איז נישט גערירט פון דעם זינען. דער מוח איז ביי אים דווקא גאר קלאר, קלארער פון א סך מוחות. און זיין פלאן איז טאקע אן אויסגעצייכנטער.

מרדכי האָט אים פאַרגעלייגט צו אַרבעטן פאַר אים אין העריס־בורג אין דער לעגיסלאַטור. ער וועט זיין דער רעפּאָרטער פון זיין צייטונג אין דער הויפּטשטאָט פון דעם שטאַט פּענסילווייניע, אין העריסבורג.

— דער קאָנגרעס איז אַוועק פון פילאַדעלפיע. דער פּרעזידענט, די גאַנצע רעגירונג אַלץ איז אַוועק. דער עולם האָט פאַרלוירן אַ סך אינטערעס אין דער צייטונג, ווייל ער האָט דאָך נישט די נייעסן וועגן קאָנגרעס, וועגן פּרעזידענט, ווי זיי זענען געווען געוווינט דאָס צו האָבן — האָט אַריינגעטענהט מרדכי אין דעם דרוקער — די לייענער פון אייער צייטונג, מיסטער ראָטלעדזש, זענען שוין פון יאָרן־לאַנג געוווינט צו לייענען וועגן געזעצן, וועגן רעגירונג־פּלענער און מיטאַמאָל האָט דאָס זיך אַלץ אויסגעלאָזט. פעלט זיי, די לייענער, די פּאָליטישע נייעס און אויב איר ווילט זיי נישט פאַרלירן, מוזט איר זיי ווייטער געבן רעגירונג־נייעס און דווקא נישט אַזוי פון דער ווייטער הויפּטשטאָט פון לאַנד, נאָר פון דער הויפּטשטאָט פון שטאַט. זיי זענען כסדר געוווינט צו פּאָליטישע נייעס פון פילאַדעלפיע. גיט זיי ווייטער פּאָליטישע נייעס פון דער געגנט, און די ריכטיקע פּאָליטישע נייעס קאָנט איר געפינען אין העריסבורג. אַנשטאָט דעם פּרעזידענט זאָלן זיי הערן וועגן גובערנאַטאָר; אַנשטאָט דעם קאָנגרעס — וועגן דער לעגיסלאַטור. די געזעצן, וואָס ווערן אָנגענומען אין העריסבורג, זענען פאַר פילאַדעלפיע, ניין? וועלן די פילאַדעלפיער דאָס וועלן וויסן, און די איינוווינער פון אַנדערע געגנטן פון שטאַט וועלן דאָס אויך וועלן וויסן. מיסטער ראָטלעדזש, ווען איר וועט אָננעמען מיין פּלאַן, וועלן צייטונגען פון אַנדערע שטעט און אַנדערע שטאַטן אייך נאָכטון. איר וועט זיין אַ פּיאָנער, מיסטער ראָטלעדזש. און איך וועל אייך צושטעלן די בעסטע סחורה, ראַיעלע, פּרימאַ. פאַרלאָזט זיך אויף מיר — און מיט שטאָלץ — איך בין עטלעכע יאָר געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער, האָב געקראָגן אַ פּרעמיע פון קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די רייד, וואָס מרדכי האָט גערעדט וועגן זיך, זענען נישט געווען צוליב באַרימעריי. ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן דער פּרעמיע. אַז אַנדערע האָבן דאָס דערמאָנט אין זיין קעגנוואַרט, האָט ער זיך גערוימלט, אָפט געבעטן זיך נישט צו רעדן וועגן דעם. געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, וואָס עס לוינט זיך גאָרנישט צו רעדן דערפון. איצט ווען ער האָט פאָרגעלייגט דעם פּלאַן, וואָס איז געקומען צו אים ווי אַן אַנטפּלעקונג דורך אַ פאַרהוילענער קראַפט, האָט ער געפילט, אַז ער מוז דאָס דערמאָנען, צו איבערצייגן דעם דרוקער, אַז דאָס רעדט נישט

צו אים א סתם בחורל, נאר איינער, וואס האט שוין געארבעט ביי דער רעגירונג און האט שוין פאר זיין ארבעט נעקראגן א פרעמיע פון קאנ־גרעס. כאטש דער דרוקער ווייסט עס, איז אים נויטיק עס צו דערמאנען, בדי עס זאל העלפן, אז זיינע רייד זאלן דעם דרוקער אריין אין קאפ אריין. און טאקע דערפאר וואס דער דרוקער ווייסט דאס אלץ, איז גוט ער זאל אים דאס זאגן, ווייל ווען דער דרוקער וואלט דאס אלץ נישט געוווסט, וואלט ער אים נישט געגלויבט, ווען ער וואלט אים דערציילט אזעלכע מעשיות.

א פייערל האט שוין געפלאקערט ביי דעם דרוקער אין די אויגן, ווען ער האט געזאגט צו מרדכין:

— יא, עפעס איז דא אין דעם א שכל. עס לוינט זיך אויספריוון. ס'א געדאנק.

זיי זענען גרינג דורכגעקומען וועגן דעם לוין.

עס גייט מיר איצט נישט אין געלט — האט געזאגט מרדכי. — ווען דאס וועט זיין א געשעפט, וועט איר מיר דערלייגן.

— זאל נאר זיין עפעס אין דעם, וועלן מיר נישט דארפן גיין אין געריכט.

די באבע רבקה האט זיך דערשראקן, ווען זי האט דערהערט, אז מרדכי גייט אוועקפארן. זי האט זייער געציטערט איבער אים, און ווי קאן זי דאס טון איר טאכטער ציפורהן אין קבר, לאזן איר קינד אוועק־פארן פון דער היים.

נאר יאנאס האט גלייך אפגעשניטן איר טענה. ער האט גערעדט צו איר ווייך, אבער אויך פעסט.

— רבקהכען, ביזט אומגערעכט, מיין ווייב. עס איז נישטא וואס אויסצוזעצן קעגן זיין פארן. איך בין אויך אוועקגעפארן פון דער היים און א סך ווייטער ווי פון דאנען קיין העריסבורג. איבער דעם גרויסן ים בין איך געפארן. און ווייסט וואס נאך, רבקהכען, אלע אמעריקאנער זע־נען אוועקגעפארן פון דער היים. איידער זיי זענען געקומען אהער, זענען זיי אוועקגעפארן פון דעם היים.

די באבע רבקה האט נישט געוווסט וואס צו ענטפערן איר יאנאסן, וואס, נישט געקוקט אויף זיינע פיר און זעכציק יאר, איז ער נאך אלץ געגאנגען א גלייכער; די פלייצעס זיינע האבן זיך נאך נישט אראפגע־דרוקט אויף א האר, און ער איז אזא קלוגער; אלץ ווייסט ער און פאר־שטייט אזוי גוט, און וועגן אלצדינג געפינט ער די ריכטיקע רייד. יא, יאנאס, זאל זיין געזונט, איז גערעכט. אוודאי, ווער איז דען נישט אוועק־

געפאָרן און פאַרט נישט אַוועק פון דער היים? אָבער איר האַרץ האָט נישט געוואָלט ווערן רואיק נאָך אַלע קלוגע רייד פון איר מאַן יאָנאַסן. און זי האָט געצופּט די קנעפּלעך פון איר בלוזקע, געצופּט און געקנעפּלט און אין זיך גערעדט צו איר טאָכטער, די יונג־פאַרשטאָרבענע מוטער מרדכים. גערעדט און פאַרענטפערט זיך פאַר איר, אַז זי איז נישט שול־דיק, וואָס ער פאָרט אַוועק, און זי האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך מיען אין הימל, אַז דער ליבער גאָט זאָל מיטשיקן גוטע מלאכים מיט דעם קינד, וואָס זאָלן אים היטן און באַשיצן אויף זיין וועג.

**
*

מרדכי האָט אויפגעשטורעמט פילאַדעלפיע מיט דעם ערשטן בריוו זיינעם, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג מיט די פּאָליטישע נייעס פון העריסבורג.

דער בחור איז געווען גערעכט, האָט געקלערט דער דרוקער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס וועלן צוקומען אַ סך לייענער.

ער האָט דאָס געזען, דער דרוקער. ער האָט געמוזט זיך שטעלן דרוקן דעם זעלבן טאָג נייע הונדערט נומערן מיט מרדכיס בריוו. אַזויפיל נייע פּנימער זענען געקומען קויפן דאָס בלאַט. און ווי גיך דאָס נייעס וועגן דעם בריוו איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטאָט! די געוועגלעכע צאָל נומערן איז גיך צעכאַפּט געוואָרן, און ער האָט זיך געמוזט שטעלן דרוקן נאָך. אַזאַ זאַך האָט דער דרוקער שוין נישט געהאַט אַ לאַנגע צייט.

דער צווייטער דרוקער האָט געלאַכט פון דער גאַנצער זאַך. אַ בריוו גאָר פון העריסבורג. די גרויסע פילאַדעלפיע ברויכט נייעס פון דער קליי־נער העריסבורג?

— אָ, ס'וועט נישט האָבן קיין האַפּט! — האָט ער געזאָגט צו זיי־נע לייט. — דער בריוו וועט נישט אַרויסרופן דעם מינדסטן אינטערעס. ער וועט נישט ברענגען קיין איינציקן נייעם לייענער.

נאָר ווען ער האָט דערזען די צווייטע אויסגאַבע, ווו אַלץ איז גע־ווען געדרוקט ווי אין דער ערשטער, נאָר מיט אַ צוגאָב, אַז דאָס איז אַ צווייטע אויסגאַבע, ווייל די ערשטע איז געוואָרן צעכאַפּט; הונדערטער מענטשן, פון נאָענט און פון ווייט זענען געקומען קויפן דעם נומער מיט דעם בריוו, און אַז אין קומענדיקן נומער וועט זיין נאָך אַ בריוו פון זעלבן שרייבער — האָט ער, דער צווייטער דרוקער, שוין געקראָגן אַ גרינגע צורה.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז עס וועט נישט האָבן קיין האַפט.

— דער ערשטער בריוו איז אַ נייעס — האָט ער געטענהט — זע־נען געקומען די שטענדיקע נייגיריקע, און זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבן גע־שטילט זייער נייגיריקייט, זענען זיי פאַרטיק. נאָכן צווייטן בריוו וועלן זיי שוין נישט קומען.

אַזוי האָט ער געזאָגט. געקלערט האָט ער אָבער, אַז טאָמער וועט זיך דאָס אַרויסווייזן פאַר אַ דערפאָלג, וועט ער אויך מוזן עמיצן געפי־נען צו שיקן קיין הערריסבורג.

אין דער גאַנצער שטאָט איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם בריוו. אָבער צווישן די יידן איז דער רושם געווען אומגעהויער.

די אַלע באַרעדערס, וואָס האָבן אַזויפיל בייז אָנגערעדט אויף אים, האָבן זיך נעוואָרגן מיט זייער פאַרדרוס, און געשעמט זיך צו ווייזן אין די אויגן.

ווידער איז עס געוואָרן שווער פאַר די יונגע מענער פון זיינע יאָרן און אפילו עלטערע, וואָס די טאַטעס זייערע האָבן זיי ווידער געברענט די טריט. זיי האָבן געוויזן אויף מרדכין און געזאָגט:

— אָט איז אַ מענטש!

***

אין הערריסבורג איז מרדכי געווען נאָר דערמאָלט, ווען די געזעצגע־בער האָבן געהאַט זייערע זיצונגען. די איבעריקע צייט איז ער געווען אין פילאַדעלפיע.

ער האָט געקראָגן אַ נאָמען פון אַ גוטן פּאָליטישן שרייבער. מען האָט אים געלייענט מיט גרויס אינטערעס און זיינע מיינונגען זענען אָפט דיסקוטירט געוואָרן.

איינמאָל, ווען אַ גאַנצע גרופּע האָט געהאַט אַ וויכוח וועגן זיינעם אַן אַרטיקל און עטלעכע האָבן זיך שטאַרק געהיצט, האָט איינער זיך אָנגערופן:

— ווען איך קען אים נישט, דעם שרייבער, וואָלט איך געקאָנט מיי־נען, אַז ער איז שוין אַ זיבעציקער. דער גאַנצער בחור איז נאָך אונטער זיבעצן. און זעט נאָר ווי מען היצט זיך עם איבער אים.

אויף אַ רגע איז ער געוואָרן שטיל. דער עולם איז עפּעס געוואָרן געפּלעפט. טאַקע, האָבן זיי זיך דערמאָנט, ער איז דאָך נאָך אַ יינגל.

נאָר דאָ האָט זיך געכאַפּט אַן אָנהענגער זײַנער און איז אים געקומען צו הילף:

— און אַז ער איז נאָך נישט זיבעצן איז וואָס? — האָט ער געזאָגט. — ער צו זיבעצן האָט מער געהירן פון אַ טוץ אַנדערע צו זיבעציק. און ווי אַלט, מיינט איר איז געווען וואַשינגטאָן, ווען ער איז געוואָרן אַ גאַנצער פירער? צו זעכצן יאָר האָט מען אים שוין געטרויט צו פירן אַ גרויס גוט.

דער פאַרגלייך איז געווען צו געוואַגט: דער בחור מרדכי־נח צו דעם באַפרייער פון לאַנד און ערשטן פּרעזידענט. עס האָט אָבער פאַרמאַכט דאָס מויל ביי דעם, וואָס האָט געוואָלט רעדוצירן דעם שרייבער נח צו דער מדרגה פון אַ פּשוטן יינגל.

אין רעגירונגס־קרייזן, אין די שטאַטישע ווי פון שטאַט, איז מרדכי געווען אַן אייגענער מענטש. די מערסטע געזעצגעבער האָבן אים גערופן ביים ערשטן נאָמען, און אַ סך פון זיי האָט ער אויך גערופן ביי די ערשטע נעמען. מען האָט דערציילט, אַז אַ כּך רעדעס, וואָס עס האָבן געהאַלטן באַאַמטע, האָט ער אויפגעשריבן פאַר זיי. איין רעדע, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט געהאַלטן אויף דער פייערונג פון אומאָפּהענגיקייט, זענען אַלע געווען זיכער, אַז דאָס איז געווען מרדכים אַרבעט. יעדער איינער איז געווען גרייט צו שווערן, אַז עס איז געווען זיין שפּראַך. ער אַליין האָט אָבער קיינמאָל נישט צוגעגעבן, אַז ער שרייבט פאַר עמיצן רעדעס אָדער אַז ער העלפט גאָר אַרויס ביים צוגרייטן רעדעס.

— פאַרשפּרייט נישט, איך בעט אייך, אַזעלכע מעשיות וועגן מיר — האָט ער געזאָגט רואיק, אָבער פעסט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז וואָס מער ער האָט נישט געוואָלט צוגעבן און וואָס מער ער האָט געבעטן מען זאָל נישט פאַרשפּרייטן וועגן אים אַזעלכע רייד, ,איז דער עולם אַלץ מער זיכער געווען, אַז ער טוט דאָס יאָ.

— גוויאישע קעפּ! — האָט זיך שוין געפונען אַ ייד, וואָס האָט אָנגעקוואָלן, אַז רעגירונגסלייט מוזן אָנקומען צו אַ יידישן בחור נאָך געדאַנקען פאַר זייערע רעדעס. — יצחק אבינו האָט שוין פאָראויסגעזאָגט. הידים ידי עשו, עשו קאָן נאָר אַרבעטן מיט די הענט. נאָר הקול קול יעקב, ווי נאָר עס קומט צום קול, צו רעדן, אַרויסברענגען געדאַנקען, מוז מען אָנקומען צו יעקבן.

און די אַלע יידן, וואָס האָבן אַליין נאָך געדענקט אָדער געהערט פון זייערע עלטערן וועגן די צרות פון יידן אין די לענדער פון דער אַלטער

וועלט, האָבן געפּילט, אַז זיי האָבן דערלעבט אַ נקמה אין די גוים: קאַרפּן־קעפּ פון דער רעגירונג מוזן נעמען שטילערהייט געדאַנקען ביי אַ ייד אַ יונגן בחור.

***

דעמאָלט האָבן די פרומע קריסטן, דער עיקר די קוויקערס, פאַר־נומען זיך אויפן טעאַטער. זיי האָבן געשריגן, אַז דאָס טעאַטער איז אַ זינד קעגן גאָט; עס פאַרדאַרבט די מאָראַל פון דער שטאָט, און זיי האָבן געפאָדערט אַ פאַרבאָט אויפן טעאַטער.

שונאים פון טעאַטער זענען זיי, די פרומאַקעס, געווען פון ערשטן טאָג וואָס די ערשטע אַקטיאָרן האָבן זיך באַוויזן אין פילאַדעלפיע. די גלחים האָבן נישט אויפגעהערט צו שטורמען אין די קירכעס קעגן טעאַ־טער. און די אַקטיאָרן האָבן אָן אויפהער געשפּירט די פיינטלעכע העצע פון די גלחים און זייערע פרומאַקישע אָנהענגער, וואָס האָבן אויפגע־לעבט ביים רעדן בייז און זוכן צו טון שלעכטס די אַקטיאָרן.

דאָס איז געווען אַזוי כסדר. איצט איז אָבער געווען אַ גרויסער שטו־רעם, אַ גאַנצע מהומה. די פרומאַקעס האָבן זיך פאַרלייגט צו פאַרטרייבן דאָס טעאַטער.

און עס איז אַרויסגעקומען איבער מערי באַטלער.

זי איז אויפגעטראָטן אין אַ פּיעסע, ווו זי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ יונגן בחור. איז זי אַרויסגעקומען אויף דער בינע אָנגעטון אין מאַנסבילשע קליידער.

די פּיעסע איז באַלד געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט ביי יעדער פאָרשטעלונג. אַוודאי האָבן זיך מענער געריסן צו זען זי. אָבער פרויען זענען אויך נישט געבליבן הינטערשטע־ליק. אַ סך פון זיי האָבן זיך אויך געשטופּט צו זען ווי זייערס איינע קומט אַרויס אָנגעטון ווי אַ מאַנסביל. געוווינט צו קרינאָלינעס, האָבן זיי קיינמאָל נישט געזען אין דער עפנטלעכקייט ווי עס זעט אויס אַ פרויען־פוס, די היפטן — אַז זיי זענען אַלעמאָל הינטער קרינאָלינעס ווי ריזיקע ווייַן־פעסער, און דאָ האָבן זיי געזען מערי באַטלער, אַ פרוי ווי אַלע פרויען, באַוויַזט זיך אין מענערישע הויזן, געפּאַסטע הויזן, און מען זעט ווי עס זעט אויס אַ שיינער פרויען־פוס. אויסגעטאָקטע היפטן, אין מענערישע הויזן, ווי עס זעט אויס אַ פרוי אין קליידער פון אַ מאַן. דאָס האָט געררייצט די פרויען נישט ווייניקער ווי די מענער.

און דאָס האָט אויפגערייצט די פּרומאַקעס. אַז די שטאָט האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער אַקטריסע מערי באַטלער, האָט אַ גלח גענומען אויף זיך צו גיין אין פייער אַריין און זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי עס זעט אויס.

ער איז אויסגעזעסן די פאָרשטעלונג ביזן סוף, נאָר אַרויסגייענדיק האָט ער שוין אָנגעהויבן גיסן שוועבל און פעך אויפן טעאַטער.

— דער דור פון מבול האָט נישט געקאָנט זיין פאַרדאָרבענער — האָט ער געשריגן, — זיי פאַרדאַרבן אַ שטאָט! מען טאָר דאָס נישט דערלאָזן, אויב מען וויל נישט, אַז גאָט זאָל איבערקערן די שטאָט ווי סדום און עמורה!

אין קירך האָט ער געשילדערט די פּרעכקייט פון דער פרוי וואָס באַוויזט זיך אין מענערישע קליידער און ווי די מענער שלינגען זי מיט די אויגן און גיבן זיך איבער דעם טייוול אין די הענט אַריין.

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט ער געשטורעמט — אַ פרוי אין הויזן! אַ גאָט לעסטערונג! אַ באַליידיקונג פון דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פורעם! אַ פרוי אין הויזן! אין הויזן, ווי אַ מאַן!

פרומע מענער און נאָך מער פרומע ווייבער זענען געוואָרן צערייצט. די ווייבער זענען געוואָרן היסטעריש אין זייער צאָרן אויף די אַקטיאָרן, וואָס מאַכן זייער שטאָט פאַר סדום און עמורה.

די אַקטיאָרן זענען אָבער נישט געווען עלנט אין דעם קאַמף. אַ גרויסער עולם האָט געהאַלטן מיט זיי און זיך אָנגענומען פאַר זיי. דאָס זענען נישט געווען דווקא די, וואָס זענען געלאָפן זען די „אַקטריסע אין די הויזן". ניין. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געגאַרט צו זען זי, געלאָפן זי זען מער ווי איין מאָל, און זיי זענען אויך געווען גרייט צו באַשטראָפן די אַקטיאָרן.

אָנגענומען האָבן זיך פאַר די אַקטיאָרן מענטשן, וואָס זענען אפילו נישט געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג. זיי האָבן נישט געוואָלט גיין זען די פּיעסע, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי טויג נישט. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די אַקטיאָרן, ווייל אין די אָנפאַלן פון די פּרומאַקעס האָבן זיי געזען אַן אָנפאַל אויפן טעאַטער, אויף דער פרייהייט פון די מענטשן.

— איר זענט דאָך נישט אויסן די נאַרישע ראָלע — האָבן די טעאַטער־פאַרטיידיקער געזאָגט צו די שונאים אין רעדעס, אין אַרטיקלען. — איר ווילט נישט עס זאָל זיין אַ טעאַטער; איר ווילט דען שעקספּירן יאָ?

וועט איר דעריבער נישט אויספירן. מיר וועלן נישט דערלאָזן איר זאָלט באַרויבן אונדזער פרייהייט!

— דאָס איז פרייהייט? אויסגעלאַסנקייט! דאָס איז אויסגעלאַסנקייט — האָבן געשריגן די פרומאַקעס.

מרדכי איז געווען איינער פון די הויפט־קעמפער פאַרן טעאַטער. ער האָט געשריבן אַרטיקלען, אַגיטירט צווישן די רעגירונגס־לייט פאַרן טעאַטער.

— ס'איז נישט צוליב מערין — האָט ער געזאָגט — נאָר פאַרן טעאַטער. ס'איז פאַר דער פרייהייט פון אונדז אַלעמען.

אביעזר סימפּסאָן איז דאָס צווייטע מאָל געקומען זען מרדכין. נאָר דאָס מאָל איז ער נישט געגאַנגען מיט פרייד צו זען זיין געוועזענעם לערלינג. נאָר מיט אַ ווייטיק אין האַרץ.

מיט דעם ברייטראַנדיקן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, דאָס פּנים צוזאַמענגעצויגן אין פּיין, איז סימפּסאָן דער קוויקער אַריין צו מרדכין.

ער האָט זיך פאַרלוירן אויף אַ ווײַלע, מרדכי, ווען ער האָט דערזען דעם קוויקער. נאָך איידער ער האָט דערזען זיין פּנים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער גייט נישט צו אים פון נחת, נאָר אַז ער האָט נאָר דערזען זיין צורה אויסגעקרימט, איז ער געוואָרן בלאַס. עס איז אים נישט געווען אָנגענעם דער דערוואַרטעטער געשפּרעך.

מרדכי האָט מורא געהאַט, אַז דער קוויקער וועט אים נישט געבן די האַנט. האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן. דער קוויקער האָט אים יאָ געגעבן די האַנט, אָבער דער האַנטדרוק איז ביי ביידן געווען אַ שוואַכער.

—מאָרדעקאַי, איך קום איצט צו דיר גאָר אַנדערש ווי אַלעמאָל — האָט דער קוויקער געזאָגט און געקוקט שאַרף גלייך אים אין די אויגן. — האָסט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זינד. אַזאַ ערלעכער, אַזאַ יונגער ווי דו, טוסט נישט גוט.

דער אומאַנגענעמער געפיל איז פאַרשוווּנדן ביי אים, ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם קוויקער רעדן וועגן זינד. זיין פאַרדרוס אויף די פרומאַקעס האָט זיך אַ הויב געטון און אויפגעקאָכט אין אים דאָס בלוט און ער איז, ווי שטענדיק, אין דעם דאָזיקן קאַמף געווען גרייט צו באַשיצן און אָנצופאַלן. צו סימפּסאָנען האָט ער גאָרנישט געהאַט אפילו איצט. ער האָט געוווּסט, אַז דער קוויקער מיינט עס ערלעך. ער איז אויפגערייצט פון די העצעס קעגן טעאַטער. און ער וויל אויך נישט אויסראָטן דאָס טעאַטער ווי די פאַרביסענע גלחים ווילן דאָס.

— אביעזר סימפּסאָן, האָט ער גערעדט צו אים פעסט אָבער געגוג שטרענג. — עס זענען נישט קיין שלעכטע מענטשן. פאַנאַטיקער טראַכטן אוים ליגנס, פאַרפירן אַזעלכע ערלעכע לייט ווי איר.

— דאָס איז קעגן דעם געבאָט פון די הייליקע שריפטן, אַ פרוי אין קליידער פון אַ מאַן!

— דאָס איז נאָר אַ תירוץ! ווילן זיי דען לאָזן דאָס טעאַטער אַפילו ווען פרויען גייען אין פרויען־קליידער?

— טעאַטער איז אומציכטיק, דעם טייוולס הייל.

דער יונגער קעמפּער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, בלויז געקוקט אויף דעם אַלטן קוועיקער, אים אָפּגעמאָסטן און זיך אָנגערופן:

— אביעזר, איר זענט אַמאָל געווען אין טעאַטער?

— ניין — האָט סימפּסאָן געזאָגט דאָס איינע איינפאַכע וואָרט, וואָס איז אָבער געווען ווי אַ שניט מיט אַ בריטווע.

— ווייסט איר דאָך גאָרנישט אביעזר. זיי דערציילן אייך ליגנס. ווי קאָנט איר זאָגן זינד אויף אַ זאַך וואָס איר האָט קיינמאָל נישט געזען?

— איך האָב נישט געזען, נישט געטון אַ סך זאַכן, און זיי זענען זינד.

— טעאַטער איז עפּעס אַנדערש. טעאַטער איז נויטיק, וויכטיק. אַמאָל קאָן מען פון איין פאָרשטעלונג לערנען מער ווי פון די פּרעדיקס פון די גייסטלעכע.

— די גלחים בין איך דיר מוחל. איך רעד וועגן די הייליקע שריפטן. אַ פרוי אין קליידער פון אַ מאַן!

דער קווייקער האָט זיך נישט גערירט אַ האָר פון זיין קעגנערשאַפט צום טעאַטער. זיי האָבן לאַנג גערעדט וועגן דעם. מרדכי האָט אים פאַר־געליינט צו גיין אין טעאַטער, זען מיט די אייגענע אויגן, איבערצייגן זיך, אָבער דער קוועיקער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון די רייד.

— זיבן מייל אַרום טעאַטער ברענען די פייערן פון גיהנום — האָט ער אים אַ זאָג געטון.

ער איז אָבער נישט געווען אין כעס. עפּעס האָט צוגעבונדן דעם קווייקער צו מרדכין און ער האָט נישט געקאָנט צאָרנען אויף אים. ביים אַוועקגיין האָט ער אים נאָר געזאָגט:

— מאָרדעקאַי, בלאַנדזשעסט. זאָל גאָט דער אַלמעכטיקער דיר עפע־נען די אויגן.

זיין גאַנצן איינפלוס ביי די רעגירונגסלייט, ביי די געזעצגעבער, ביי די ריכטער האָט גענוצט מרדכי לטובת דעם טעאַטער. און אַזוי ווי דאָס

טעאַטער האָט געהאַט אַ סך פּאַרטיידיקער, איז גאָרנישט געוואָרן פון דער העצע. און אפילו, ווען די גלחים האָבן געבראַכט אַן אָנקלאַגע אין גע־ריכט, אַז דאָס טעאַטער איז נאָענט פון אַ קירך און מען מוז עס פאַר־מאַכן, האָט דאָס זיי אויך נישט געהאָלפן.

— טעאַטער איז וויכטיק און באַלערנדיק — האָט געזאָגט דער ריכ־טער. — פון איין פאָרשטעלונג קאָן מען לערנען מער ווי פון די פּרעדיקס פון אַ טוץ גלחים.

פילאַדעלפיע האָט אויפגעציטערט פון דעם ריכטערס שאַרפער דער־קלערונג. די שונאים פון טעאַטער האָבן געקריצט מיט די ציין, און אפילו די אָנהענגער פון טעאַטער האָבן זיך דערשראָקן. אַזאַ שאַרפער זאָג קאָן נאָך מער צערייצן די פיינט.

אביעזר סימפּסאָן האָט געהערט, וואָס דער ריכטער האָט געזאָגט, און ער האָט זיך געוואונדערט: אַזוי? דער ווירדיקער ריכטער רעדט נאָך מרדכיס רייד. די זעלבע ווערטער האָט דאָך אים געזאָגט מרדכי. ער האָט אָבער קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם.

**
*

ער האָט גאָרנישט געוווּסט אַזויפיל, וויפיל דאָס טעאַטער האָט אים צוגעבונדן צו זיך. אָנגעהויבן גיין אין טעאַטער האָט ער איבער זיין פעט־טער אהרן דעם אַקטיאָר; ער איז מיטגעגאַנגען ווי אַ ייִנגל מיטן עלטערן קרוב. דערנאָך האָט ער ליב געקראָגן דאָס טעאַטער און ער איז שוין גע־גאַנגען זען דאָס שפילן. די פּראָבעס האָט ער אויך געמוזט זען. דערנאָך איז געקומען דער קאַמף פאַר דעם טעאַטער. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גע־ווען ווי פון אַ צושויער, פון אייגעם, וואָס שטייט דערנעבן, איז אָבער אַלץ נישט אינעווייניק. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ דרויסנדיקער. איינער פון דער טעאַטער־משפחה איז ער נישט געווען. ער איז אָבער באַלד גע־וואָרן.

און געוואָרן איז ער אַן אינעווייניקסטער טעאַטער מענטש איבער אַ נייעם קאַמף, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַרן טעאַטער. דעם קאַמף האָט ער שוין נישט געפירט קעגן פּרומאַקעס, גלחים, שונאים פון טעאַטער, נאָר קעגן די באַלעבאַטים פון טעאַטער, קעגן די הויפּט־אַקטיאָרן און פאַר־וואַלטער. געווען איז עס, אייגנטלעך, איינס און דאָס זעלבע. עס איז ניט געווען אַ פאַרוואַלטער באַזונדער און אַ הויפּט־אַקטיאָר באַזונדער. דער הויפּט אַקטיאָר, וועמענס ווייב איז געווען די הויפּט־אַקטריסע, איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער.

אבער ער האט געקעמפט נישט בלויז קעגן דעם אקטיאר־פארוואל־טער אליין. ער האט אויך געקעמפט קעגן דעם, וואס מען רופט פובלי־קום; קעגן די טעאטער־גייער, קעגן אן איינרעדעניש זייערע, קעגן אן אבערגלויבן אין טעאטער.

דער קאמף האט זיך אנגעהויבן צוליב זיינס א פריינט פון דער זעלבער טעאטער־וועלט, טשארלס העלמבאלד.

א יאר פיר־פינף עלטער פון אים, האט העלמבאלד שוין געהאט אנ־געשריבן עטלעכע טעאטער־פיעסן, וואס זענען געפעלן מרדכין. ער האט געהאלטן, אז מען דארף זיי שפילן. מען האט זיי אבער נישט געשפילט. דער טעאטער־באלעבאס האט אפילו נישט געוואלט לייענען די פיעסן.

מרדכי איז מער ווי איינמאל אוועק צום פארוואלטער און איינגע־טענהט מיט אים, ער זאל שפילן העלמבאלדס א פיעסע. דער פארוואל־טער האט נישט געוואלט הערן דערפון.

— לייענט א פיעסע זיינע, וועט איר זען — האט מרדכי געבעטן זיך ביי אים.

— איך וויל נישט לייענען אומזיסט. מען וועט זי סיי־ווי נישט שפילן.

— אז זי וועט אייך געפעלן!

— אפילו ווען זי זאל זיין א פערל אויך נישט.

— פארוואס?

— דאס פובליקום וויל נישט קיין היגע פיעסן. מען האט אמאל גע־פרובירט שפילן א פיעסע פון א היגן שרייבער, איז דאס פובליקום נישט געקומען. מען האט געשפילט פאר ליידיקע בענק. זיי ווילן נאר אויסלענ־דישע פיעסן, פון דייטש, פון פראנצויזיש, דאן קומען זיי.

מרדכי האט נישט געוואלט מסכים זיין מיט אים.

— דאס האט איר אזוי אפגעמאכט — האט מרדכי געזאגט, — איר האט זיך דאס איינגערעדט און איר זאגט, אז אזוי וויל דאס פובליקום. זייט איך געדענק, האט איר נאך נישט אויפגעפירט קיין טעאטער־שטיק פון אן אמעריקאנער שרייבער.

— נח ביזט נאך א יונגער בחור. איידער דו ביזט נאך געגאנגען אין טעאטער, האט מען יא פרובירט, נאר דאס פובליקום האט זיך נישט גע־לאזט ארייננארן, געזעסן אין דער היים.

— פארוואס? פארוואס זאל דאס אזוי וועלן דאס פובליקום? — האט מרדכי נישט געקאנט פארשטיין.

— א, דאס איז איינפאך — האט דער פארוואלטער דאס אים איינ־

געטייטשט — די היגע שרייבער קאָנען נישט שרייבן פאַרן טעאַטער. דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער טעאַטער איז אַלט נישט מער פון אַ יאָר פופציק, האָט עס נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַזעלכע שרייבער ווי אין אייראָפּע, ווו דאָס טעאַטער האָט שוין מתושלחס יאָרן. דאָרט זענען די טעאַטער־שרייבער אַלטע הינערפרעסער. זיי קאָנען די קונץ. אין אַמעריקע איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַ שרייבער פאַר דעם טעאַטער.

— דאָס איז אויך נישט אמת! — האָט מרדכי אים אָפּגעהאַקט — פונוואַנען קאָנט איר וויסן צי עס זענען פאַראַן גוטע אַמעריקאַנער טעאַטער־שרייבער אָדער נישט, אַז איר ווילט אפילו נישט איבערלייענען אַ היגע פּיעסע. טשאַרלי העמבאַלד האָט אָנגעשריבן, זאָג איך אייך, גוטע פּיעסן. איר ווילט דאָך זיי אָבער נישט איבערלייענען. אַזוי איז אויך נישט אמת, אַז דאָס פּובליקום וויל נישט קיין היגע פּיעסן פון היגע שרייבער. איר שפּילט נישט קיין היגע פּיעסן און וואַרפט די שולד אויפן עולם. ווי קאָן קומען דער עולם צו אַ היגער פּיעסע, אַז איר ווייזט זי קיינמאָל נישט? איר שטערט די אַנטוויקלונג פון דראַמע אין אַמעריקע.

די דאָזיקע טענות האָט מרדכי געהאַט פון צייט צו צייט מיט דעם פּאַרוואַלטער. עס האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט, און מרדכי, ווי די אַנדערע אומצופרידענע, האָבן גערעדט וועגן דער עוולה מיט פאַרדרוס. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט פון קיין עצה.

ענדלעך האָט מרדכי, און אַ טייל אַנהענגער, פאַרלוירן דעם געדולד. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי דאָס טעאַטער האָט נישט אויפגעהערט אויפצופירן אַלטע, אָפּגעלעבטע זאַכן, אָדער נייע, וואָס זענען געווען נאַריש, אומגעלומפּערט.

די מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט בעסערע פּיעסן, זענען געווען אומצופרידן, האָבן זיך געקאָכט, און דער פּאַרוואַלטער האָט געמאַכט דאָס געשפּעט פון זיי.

— זיי ווייסן נישט ווער עס האָט זיי פאַרקעמט דעם פּאַרוק — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט אויף די אומצופרידענע. — וואָס ווילן זיי? איך זאָל שפּילן די ביבל אָדער בלויז שעקספּיר? מען קאָן נישט שפּילן כסדר שעקספּיר.

שעקספּיר איז שטענדיק געווען אַ דערפאָלג. ווען נאָר עס איז געוואָרן ענג דעם טעאַטער־פּאַרוואַלטער, דער עולם האָט אויפגעהערט צו קומען אין טעאַטער, האָט ער זיך געכאַפּט צו שעקספּירן. איין שעקספּיר פאָרשטעלונג האָט אים געראַטעוועט די פאַרלוסטן פון פינף־זעקס ביליקע, נאַרישע פאָרשטעלונגען. אָבער נאָר, ווען עס איז אים געווען ענג, ער

האַט נישט געהאַט קיין נייע נאַרישע פּיעסע, האָט דער פּאַרוואַלטער גע־געבן אַ שעקספּיר־ווערק.

— דער דערפאָלג פון שעקספּיר ווייזט, אַז דער עולם וויל בעסע־רע טעאַטער־שטיקער — האָט מרדכי געטענהט. — גיט בעסערע זאַכן, וועט איר מאַכן געלט און דאָס פּובליקום וועט הנאה האָבן, וועט עפּעס לערנען.

— אַלע גוטע זאַכן אייערע טויגן נישט, זענען לאַנגווייליק, — האָט דער פּאַרוואַלטער צוריק געטענהט. — מיר שטעלן גוטע זאַכן, נאָר דאָס פּובליקום האָט פאַרלוירן דעם חשק צו טעאַטער, ער האָט נישט קיין געלט.

עטלעכע פּיעסן, איינע נאַרישער פון דער צווייטער, האָט דער פּאַר־וואַלטער דעמאָלט אויפגעפירט, און זיי זענען געווען איין גרויסער דורכ־פאַל. דאָס פּובליקום איז נישט געקומען אין טעאַטער. נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט זיך שוין קיינער נישט באַוויזן.

דעמאָלט האָט דאָס טעאַטער אָנאָנסירט אַ נייע פּיעסע פון דייטש מיט דעם נאָמען „פּעטער דער גרויסער" — פון דעם לעבן פון דעם רו־סישן צאַר.

די אָנאָנסירטע נייע אויפפירונג האָט אַרויסגערופן נייע אומצו־פרידנקייט אין מרדכיס קרייז.

— שוין ווידער פון דייטש! — האָט מרדכי געזאָגט, אויסדריקנדיק די מיינונג פון זיינע פריינט. — און וועגן וועמען? וועגן אַ טיראַן אין רוסלאַנד! פאַרוואָס נישט וועגן אַ העלד פון אַן אויפשטאַנד, פון אַ רע־וואָלוציע, וואָס זאָל אויפקלערן דאָס פאָלק?

מרדכי מיט זיין גרופּע האָבן פונדעסטוועגן געבויגן זיך צום פּאַר־וואַלטער דאָס מאָל. אָבער נאָר ביז דער צווייטער פאָרשטעלונג. אויף דער ערשטער איז געווען אַ היפּשער עולם. אַרויסגעגאַנגען זענען זיי אָבער אַזוי אַנטוישט, אַז עס האָט אויסגעזען, זיי וועלן שוין ווייכן דאָס טעאַ־טער.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. אויף דער צווייטער פאָרשטעלונג האָבן די אַקטיאָרן שוין געשפּילט פאַר ליידיקע בענק.

צו ראַטעווען זיך, האָט דאָס טעאַטער אַראָפּגענומען דאָס שטיק „פּע־טער דער גרויסער" און געשטעלט „האַמלעט". איז דאָס טעאַטער גע־ווען פול. די הכנסה איז געווען מיט עטלעכע דאָלאַר מער ווי עס האָט אַריינגעבראַכט מיט אַ צייט פריער די דערפאָלגרייכע פּיעסע „בלובוירד".

דער דאָזיקער פאַל האָט איבערגעפילט די מאָס.

— „האמלעט" איז פאר אונדז די בעסטע לעקציע — האט געזאגט מרדכי — באלד צוויי הונדערט יאר ווי מען שפילט אים און ער ברענגט נאך אלץ אריין מער ווי די נייעסטע שמאטעס זייערע. בעסערע פיעסן וועט דאס פאלק קומען זען. און אז דער טעאטער־באלעבאס וויל נישט קיין בעסערע פיעסן, וועלן מיר דאס טון אן אים.

מרדכיס גרופע האט באשלאסן צו שפילן טעאטער, בעסער טעאטער.

— גוטע זאכן, אייגענע, געשריבענע פון היגע שרייבער — האט מרדכי ארויסגעשטעלט פאר דעם ערשטן פונקט פון פראגראם פאר דער נייער טעאטער־גרופע.

ער, מרדכי, און העלמבאלד, דער יונגער שרייבער, וועמענס פיעסן דאס טעאטער האט נישט געוואלט שפילן און דער פארוואלטער האט זיי אפילו נישט געוואלט לייענען — זיי זענען געווארן די פירער פון דער טעאטער־גרופע, וואס האט געוואלט מאכן די רעוואלוציע אין אמעריקא־נער טעאטער.

מערי באטלער האט געוואלט תיכף צוליב מרדכין, ארויס פון טעא־טער, און צושטיין צו דער נייער גרופע, נאר ער האט זי נישט געלאזט. ער האט ארגומענטירט:

— מערי, איר ווייסט, ווי נויטיק אונדזער טעאטער־גרופע דארף האבן אזא קינסטלערין ווי איר זייט. מיר האבן דאך נאר אמאטארן. איר וואלט באשיינט אונדז אלעמען. מיר טארן אבער אייך נישט לאזן ארויס־טרעטן פון טעאטער. מיר האבן נישט קיין געלט אייך צו צאלן. נאך דער ערשטער פארשטעלונג אונדזערער, ניין, נאך דער צווייטער, — האט ער זיך געכאפט, — ווען מיר וועלן זען, אז דאס פאלק קומט צו אונדז. וועט איר גלייך אריבער צו אונדז.

אויף דעם „טאווערן" קעגנאיבער דעם טעאטער אויף טשעסטנאט און דריטער גאס, האבן זיי געווארפן אן אויג צו נעמען דארט א זייטיק צימערל און צוגרייטן די ערשטע פארשטעלונג.

מרדכי און העלמבאלד זענען אוועק אין „טאווערן". איזראעל איז־ראעל, דער אייגנטימער פון שענק, א צוואקסענער ייד פון א דריטהאלבן הונדערט פונט, האט זיך געגעבן א שטעל אויף די פיס און אויסגע־שטרעקט דעם קאפ מיטן רויטן קארק.

— א, מארדעקאי נח! וואס האט אייך געבראכט אהער? דאס ערשטע מאל טרעט איר אריבער מיין שוועל. וואס הייסט איר זיך געבן? דאס האט איר, טשארלי, אים דאך איבערגערעדט.

טשארלס העלמבאלד פלעגט אפט איבערליגן מיט חברים אין שענק.

איין מרדכי איז נישט געגאַנגען אין שענק אריין. צי מיט די אַקטיאָרן אָדער מיט שרייבער פלעגט ער זיך טרעפן אין טעאַטער, אין ביבליאָטעק. גיין שפּאַצירן, זיצן אין שטוב, אָבער ניט אין שענק. נאָך דעם שפּילן, ווען כמעט אַלע פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין שענק אריין, האָט קיינער נישט געקאָנט פועלן ביי מרדכין ער זאָל מיטגיין.

— איך גיי אַהיים שלאָפן — פלעגט ער זאָגן. — טעאַטער פאַר־טרינק איך נישט מיט בראָנפן, מיט ביר.

ווען איזראַעל איזראַעל האָט אים דערזען ביי זיך אין שענק, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט אפילו אַלעמאָל פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס מרדכי קומט נישט אין שענק אריין, איז נישט ווייל ער האָט אים פיינט. מרדכי איז דווקא געווען פריינטלעך צו אים, ווען און ווו ער פלעגט אים באַגעגענען. אין שול, אויף דער גאַס האָט מרדכי אים האַר־ציק באַגריסט, אריין אין אַ שמועס. דער יידישער שענקער האָט געהאַט פּאָליטישן איינפלוס אין שטאָט. ביי די וואַלן האָבן אים די געסט זיינע געוועגלעך געפאָלגט. זיי האָבן געשטימט פאַר די קאַנדידאַטן, וואָס ער האָט זיי געהייסן. אָנגעשפּאַרט מיט זיין מעכטיקער ברוסט אויף דעם טיש האָט ער גערעדט צו די קונדן זיינע, נעמענדיק אַ טרונק מיט זיי, וועגן פּאָליטיק, און זיי האָבן ניין און נײַנציק פּראָצענט פון הונדערט אים נאָכגעגעבן גערעכט. איזראַעל איזראַעל איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער דזשעפערסאָנס. איז מרדכי געווען צופרידן מיט אים. דאָס האָט געוווּסט דער שענקער. פונדעסטוועגן איז ער געווען אומצופרידן, וואָס דער באַ־רימטער בחור מיידט אויס זיין געשעפט. אפילו דאָס, וואָס ער האָט גע־ווּסט, אַז מרדכי גייט קיינמאָל נישט אריין אין אַנדער שענק, האָט נישט אָפּגעווישט זיין עגמת נפש. ער האָט געפילט, אַז מרדכים ווייכן פון זיין געשעפט איז דערפאַר, וואָס ער, מרדכי האַלט אַ שענק פאַר אַן אָרט, וואָס אים טויג נישט, פאַסט נישט אריינצוגיין. האָט דערפון געהאַט עגמת נפש איזראַעל איזראַעל, וואָס ער ווייזט אים ארויס אָפן, אַז עס פאַסט נישט אריינצוקומען אין זיין געשעפט.

דעריבער, ווען ער האָט אים דערזען אריינקומען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ענדלעך האָט ער טאַקע אראָפּגענומען פון זיין געשעפט דעם חרם, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין גאָר אַ וויכ־טיקע זאַך, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער.

העלמבאָלד, אַן אַלטער אריינגייער אין שענק, האָט ווי שטענדיק, זיך געחכמעט מיט דעם שענקער און ער האָט אים אַ פרעג געטון:

— מיסטער איזראַעל איזראַעל, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וועל־

כער איזראעל איז אייער ערשטער נאָמען און וועלכער דער פאַמיליען־נאָמען?

דער שענקער איז געווען געוווינט צו דעם שרייבערס וויץ און ער האָט אים געענטפערט ווי שטענדיק:

— דער ערשטער איזראעל איז מיין ערשטער נאָמען און דער צווייטער איז מיין פאַמיליען־נאָמען. בין איך גערעכט?

העלמבאָלד האָט אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ער האָט זיך א סער געטון צו מרדכין מיט א טענה:

— א קלוגער מענטש, האַ? — ווייזט ער אויפן שענקער. — נעמט ער זיך א נאָמען איזראעל איזראעל. נאָר צו צעמישן שוואכע קעפּ. איך הער נישט אויף צו קלערן: וועלכער איזראעל איז זיין ערשטער און וועלכער דער צווייטער נאָמען? דו מאָרדעקאַי האָסט דאָך אַזאַ גוטן קאָפּ, אַנו, פּלאָנטער דו אויס דעם פּלאָנטער.

איזראעל איזראעל פּלעגט אַלעמאָל געפינען דעם ריכטיקן ענטפער אויף דעם יונגן שרייבערס וויצן. נאָר איצט, זעענדיק מרדכין דאָס ערשטע מאָל ביי זיך, איז ער נישט געווען אויפגעלייגט צו הכמהנען זיך, און נאָך ווייניקער, אז אימיצער זאָל זיך חכמהנען איבער אים, איז ער געוואָרן ערנסט, א שווערקייט האָט זיך גענומען צעגיסן אין אים, און עס וואָלט אפשר געווען געקומען צו א קריגעריי, וואָס וואָלט געווען צעשטערט דעם פּלאַן פון זייער גאַנצן קומען אהער. מרדכי האָט אָבער גלייך אָפּגעהאַקט זיין חברס וויצלען זיך און א זאָג געטון צום שענקער:

— מיסטער איזראעל, מיר זענען געקומען וועגן געשעפט.

איינס און צוויי זענען זיי מושווה געוואָרן. עס איז נישט געווען וועגן וואָס צו דינגען זיך. דער שענקער האָט ליב געהאַט טעאַטער, און אז מרדכי נח האָט אים געזאָגט, אז ער וויל דינגען א צימער פאַר א נייער טעאַטער־קאָמפּאַניע, וואָס וויל געבן בעסער טעאַטער, אמעריקאַנער טעאַטער־שטיקער, האָט ער זיך געוואָלט איינקויפן ביי אים און ער האָט געזאָגט:

— מיין פריינט — און ער האָט נישט געקוקט אויף זיין אַלטן קונד דעם וויצלינג — מיין פריינט, איך גיב אייך א צימער פריי, עס וועט אייך גאָרנישט קאָסטן. איך וויל העלפן אייער קאָמפּאַניע. איך בין א גרעטער אמעריקאַנער פּאַטריאָט. איר ווילט מען זאָל שפּילן אמעריקאַנער פּיעסן, האָט איר מיין הילף. פון פּאַטריאָטן נעם איך נישט קיין געלט.

א צעוואָרעמטער האָט איזראעל איזראעל צוגעגעבן:

— איך וועל נאָך העלפן אייך א סך מער, ווען עס וועט קומען צום

שפּילן. איך וועל שוין זען דאָס אין „הויז" זאָל זיין אַ פולער קופעל ביר, נישט שוים! איך וועל אַלע מיינע לייט אַריבערשיקן צו אייך.

דעמאָלט האָט מרדכי געטרונקען דעם ערשטן קופעל ביר אין אַ שענק. ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם יידישן שענקער נאָכדעם ווי יענער האָט אים געגעבן אַזוי פיל הילף פאַר דעם נייעם טעאַטער.

***

מרדכי און העלמבאָלד האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די אָנפירונג פון דער טעאַטער־גרופּע. זיי האָבן געהאַט די פולע דעה איבער די פּיעסן, די ראָלן, איבער דער גאַנצער אויפפירונג. די געשעפט־זייט האָבן זיי איבערגעלאָזט פאַר אַן אַנדער מיטגליד.

זיי האָבן אָבער נישט אָנגעהויבן מיט אַ נייער פּיעסע. ביידע, העלמבאָלד און מרדכי, האָבן באַשלאָסן נישט אָנצוהויבן מיט אַ נייער זאַך און אוודאי נישט מיט העלמבאָלדס, כדי דער טעאַטער־פאַרוואַלטער זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז זיי האָבן גענומען גרינדן אַ ניי טעאַטער צו קאָנען אויפפירן העלמבאָלדס טעאַטער־שטיקער.

— דאָס ערשטע וועלן מיר אויפפירן אַן אַלט־באַקאַנט שטיק, אַ גוטע זאַך, און זאָלן אַלע זען, אַז מיר שפּילן גוט טעאַטער, וועלן זיי האָבן צו אונדז צוטרוי; דעמאָלט וועלן מיר אויפפירן אַ נייע פּיעסע, ס'וועלן אַלע קומען צו אונדז. ס'וועט זיי געפעלן און זיי וועלן קומען צו אונדז ווייטער, און מיר וועלן אויפבויען אַ גוט אַמעריקאַנער טעאַטער — האָט געזאָגט מרדכי צו דער גרופּע. און אונטערגעשטיצט פון העלמבאָלדן האָבן אַלע איינגעשטימט.

אָנגעהויבן האָבן זיי מיט שעקספּירן. זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן רעפּעטיציעס; מרדכי און זיין חבר האָבן איינגעשטודירט מאַקבעט מיט דער קאָמפּאַניע. די צוויי פירער, מרדכי און העלמבאָלד, האָבן פאַר זיך אויך גענומען ראָלן, קליינע ראָלן, נאָר כדי צו באַטייליקן זיך. די גרעסערע ראָלן האָבן זיי אוועקגעגעבן צו אַנדערע, עס זאָל נישט קומען צו פאַרדראָסן, אַז פאַר זיך האָבן זיי גענומען גרויסע, בכבודיקע חלקים.

ווען דער טעאַטער פאַרוואַלטער איז געוואויר געוואָרן, אַז זיי גייען שפּילן אַ שעקספּיר־פּיעסע, האָט ער גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן קעגן זיי.

— איר זעט, ווי זיי צילעווען אויף אַמעריקאַנער פּיעסן? — האָט ער גערעדט אין גאַס. — זיי הויבן ערשט אָן, און שוין דער אָנהויב איז נישט קיין אַמעריקאַנער פּיעסע. מיט דעם אַלטן געזעץ הויבן זיי אָן.

יענעם ווייסן זיי צו קריטיקירן און אליין טוען זיי דאס זעלבע. פארוואס הויבן זיי נישט אן מיט אן אמעריקאנער פיעסע?

ווען די רייד זענען אנגעקומען צו מרדכין, האט ער געזאגט:

— שעקספיר איז אויך אן אמעריקאנער. ער איז נישט נאר אן ענג־לענדער. ער געהערט צו אלע לענדער, צו אלע פעלקער. ווען מיר זענען קעגן שפילן פרעמדע פיעסן, מיינען מיר נישט שעקספירן. מיר קעמפן קעגן די פרעמדע שמאטעס, די דייטשע, די פראנצויזישע.

א צייט האט זיך געטומלט מיט דער נייער טעאטער־גרופע. דער פארוואלטער האט נישט אויפגעהערט צו רעדן קעגן זיי, צו מאכן ס'גע־לעכטער פון די נייע אויסלייזער. זיינע אנהענגער האבן אים צוגעהאלפן. אנדערע לייט זענען געווען קעגן דער נייער גרופע, ווייל זיי זענען געווען קעגן נייע גרופעס, נישט דווקא ביים טעאטער.

עס האבן אבער נישט געפעלט קיין פריינט דער נייער גרופע. איי־נעם פון די שטארקסטע פריינט האט זי געהאט אין איזראעל איזראעל. דער הויכער, צעוואקסענער איזראעל איזראעל, וועמענס טריט זענען גע־ווען געלאסענע, שווערע, איז געווארן רירעווודיק, פלינק, ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן דעם נייעם טעאטער. ער האט זיך געהיצט, ווי דאס וואלט געווען זיין אויפטו. עס איז אים געגאנגען אין לעבן, אז אלע זאלן זיין פריינטלעך צו דעם. עס האט נאר געפעלט, אז ער אליין זאל זיך אויך אנשליסן אן דער גרופע און אנהויבן מאכן פראבעס.

אין זיין קעגנווארט האט מען וועגן דער טעאטער־גרופע געמעגט רעדן נאר גוטס. עמיצער האט אין אנפאנג געוואלט צעלאזן זיך מיט בייזע רייד וועגן דעם נייעם טעאטער ביי אים אין שענק. האט איזראעל איזראעל צום ערשטן מאל אנגעהויבן מיט גוטן; גענומען באווייזן ווי גערעכט עס זענען די קעמפער פאר אן אמעריקאנער טעאטער, און ער האט ארויסגעשטעלט מרדכין פאר דעם בעסטן באוויז, אז עס וועט געראטן. האט אבער יענער נישט געוואלט זיך אונטערגעבן, נישט גע־וואלט אפלאזן.

— ס'וועט דורכפאלן! — האט יענער אויפגעהויבן דאס קול א ביסל העכער. — די גאנצע זאך שטאמט פון א פאר נישט פארגינערס. מען וויל נישט שפילן זייערע פארפאסעכצער, גייען זיי עפענען אן אייגן קרעמל אום ארויפצוצווינגען אויף אונדז זייער שלעכטע סחורה.

ווייטער דאס לאזן גיין אזוי האט שוין איזראעל איזראעל נישט גע־וואלט. אונטער זיין באלקן זאלן זיך פירן העצעס קעגן מרדכים אמע־ריקאנער טעאטער? האט ער געגעבן א שטעל אוועק דעם קופל ביר מיט

רוגזה אויפן טיש, אז דער ברוגזדיקער גאַסט האָט זיך אַ רוק געטון צו־ריק.

— נישט אונטער מיין דאַך וויל איך הערן אַ שלעכט וואָרט קעגן עכטן אַמעריקאַנער טעאַטער! — האָט ער אים געזאָגט. — רעד וואָס דו ווילסט, נאָר נישט וועגן זיי. וועגן אַמעריקאַנער טעאַטער פאַרמאַך דאָס מויל!

און איינמאָל שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ פאַרצווייגענער רעפּעטיציע, האָט זיך נישט געשלאָפן מרדכין. ער איז געלעגן אין בעט און נישט גע־קאָנט איינשלאָפן. פאַר זיינע אויגן איז דורכגעלאָפן די גאַנצע רעפּע־טיציע אין טעאַטער, עס זענען געפלויגן פונקען ווי אַ טאַנץ פון פייער־פליגעלעך. צווישן די פונקען האָט ער געזען בילדער און עס האָבן זיך געיאָגט אים אין מוח ווערטער, זאַצן, רייד, ענטפערס.

ער איז נאָך אַ לאַנגער מאַטערניש איינגעשלאָפן מיד ווי נאָך אַ שווערער ראַנגלעניש מיט איינעם, וואָס האָט אים געהאַלטן פעסט אין די הענט און נישט געלאָזט זיך אַרויסדרייען, און ער האָט נישט געוווּסט ווען ער איז איינגעשלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז די נאַכט גאַרנישט געשלאָפן. נישט אַלץ האָט ער גע־דענקט פון דעם, וואָס עס האָט זיך מיט אים געטון אין דער נאַכט. צי דאָס איז געווען אין חלום אָדער אויף דער וואָר איז אים נישט געווען קלאָר. ער האָט אָבער יאָ געדענקט אַ טייל ווערטער, זאַצן, און אין די געהירן זענען געבליבן צייכנס פון די בילדער, וואָס ער האָט געזען, אַליין נישט ווויסנדיק צי אין חלום אָדער אויף דער וואָר.

עטלעכע נעכט, נישט איינע נאָך דער אַנדערער כסדר, זענען זיי גע־קומען צו אים, די ווערטער, זאַצן, נישט אַלעמאָל די זעלבע, און דאָס איינענע מיט די בילדער — ווי אימיצער וואָלט זיי אַנגעשיקט אויף אים. אַרויפגעלאָזט זיי אויף אים פון אַלע זייטן, און וויפיל ער האָט זיך נישט געדרייט אין בעט, געריקט זיך הינטערוויילעכטס, אָפּגעשטופּט זיי פאַר־אויס, האָבן זיי אים נישט אָפּגעלאָזט.

דעמאָלט האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשט טעאַטער־שטיק.

נאָכדעם האָט ער געהאַט די ערשטע נאַכט־שלאָף ווי עס דאַרף צו זיין.

ער האָט אָבער די פּיעסע זיינע נישט געוויזן קיינעם, אפילו נישט העלמבאָלדן. קודם כל איז ער נישט געווען זיכער, צי זי איז גוט. דערנאָך האָט ער מורא געהאַט, אַז העלמבאָלד וועט אים חושד זיין, אַז נאָך דער שעקספּיר־פאָרשטעלונג וועט ער וועלן אויפפירן זיין ערשט טעאַטער־שטיק

און אַפּלייגן אים, העלמבאַלדן. ער האָט אפילו נישט געטראַכט פון פאַרזיכערן זיין חבר, אַז ער האָט גאָרנישט אין זינען צו שפּילן זיין שטיק אַזוי גיך. ער האָט נאָר געוואָלט אויספּרובירן די כוחות זיינע. ער האָט נישט געשריבן אויף שפּילן. און אַז עס קאָן גאָר אַנדעס נישט זיין ווי נאָר זיין פּיעסע, העלמבאַלדס, וועט זיין די ערשטע פון די אייגענע אַמעריקאַנער.

אָט דאָס אַלץ האָט מרדכי מורא געהאַט קאָן פירן צום אונטערגאַנג פון דער טעאַטער־גרופּע נאָך איידער זי וועט געבן די ערשטע פאָרשטעלונג.

אַלע זיינע פאַרזיכערונגען וועלן נישט באַרואיקן זיין חבר, און מער וועט מען נישט דאַרפן, ווי נאָר עס זאָלן זיך אָנהויבן פאַרדאַכטן, נישט פאַרגינען, און אַלץ וועט זיך צעפאַלן.

האָט ער אַריינגעלייגט אין קעשענע זיין ערשט טעאַטער־שטיק און געטראַכט:

„איך וועל עס אָפּדרוקן פריער. ווי נאָר איך וועל האָבן אַ זייטיקע פּאָר דאָלאַר, טו איך עס, און וועגן שפּילן וועט מען שוין דעמאָלט זען".

***

יאָנאַס פיליפּס איז געווען אין ניו־יאָרק וועגן געשעפט. ער איז אָפט געפאָרן קיין ניו־יאָרק וועגן געשעפט. אוועקגעפאָרן פון פילאַדעלפיע פריש און געזונט און אַזוי איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. יאָנאַס איז נאָך געווען געזונט ווי אַ נוס. קיינער וואָלט אים נישט געגעבן זיינע זיבן און זעכציק יאָר. ער האָט אויסגעזען נישט מער ווי פופציק. נישט ער, און נישט זיינע אייגענע האָבן געקאָנט געדענקען, ווען ער איז געווען קראַנק.

אַלץ נאָך גלייך, פּעסט, איז געגאַנגען יאָנאַס. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם אייזערנעם כוח אין די הענט. און די פּלייצעס זיינע זענען נאָך אַלץ געווען אויסגעשטרעקט צו דער הויך, נישט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ האָר. נאָר דער קאָפּ איז אים געוואָרן ווייס. ער האָט געהאַט אַ פולן קאָפּ האָר. האָבן די ווייסע האָר אים צוגעגעבן שיינקייט.

און אין מיטן שמועס מיט אַ סוחר אין ניו־יאָרק, באַלד אין אָנהויב, נאָך איידער ער האָט זיך געהאַט אָנגעשטרענגט, האָט ער אָנגעהויבן צו פילן זיך שלעכט. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער פילט זיך שלעכט, נאָר ער האָט שוין נישט געקאָנט דערזאָגן. ער איז אוועקגעפאַלן און אויס!

דער דאָקטאָר, וואָס איז געקומען, האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו

טון. און ווען דער סוחר האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס עס האָט געקאָנט אין אַזאַ אויגנבליק אַוועקלייגן אַזאַ געזונטן ריז ווי יאָנאַס פיליפּס, האָט דער דאָקטאָר געצויגן מיט די פּלייצעס.

— איין גאָט אין הימל ווייסט עס — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

מרדכי און די באָבע רבקה זענען געקומען קיין ניו־יאָרק שוין נאָך דער לוויה. די פרומע יידן פון ניו־יאָרקער געמיינדע האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף זיי. באַלד ווי דאָס איז געשען, איז עפּעס נישט געווען קיין שליח ביי דער האַנט, און עס האָט געדויערט ביז ער איז אַוועק אויף אַ פערד קיין פילאַדעלפיע אָנזאָגן.

מרדכי אַליין וואָלט זיך אויפגעזעצט אויף אַ פערד, האָט ער אָבער נישט געוואָלט פאָרן אָן דער באָבען. זי איז אפילו נישט געפאָרן אַליין. מרדכי האָט אָבער געזען, אַז מיט די אַנדערע קינדער פילט זי זיך נישט זיכער ווי מיט אים. איז ער מיטגעפאָרן מיט איר אויפן וואָגן.

פאַרגליווערט זענען זיי געזעסן אין וואָגן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. אונטערן האַרץ האָט געשטאָכן מיט אַ דין־דינער נאָדל און דאָס מויל פאַרהאַקט.

אַז זיי זענען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און געוווּיר געוואָרן, אַז עס איז צו שפּעט, האָט רבקה, דאַכט זיך, אפילו קיין קרעכץ נישט געטון, נאָר אַזוי־אַ אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד. זי איז נישט אומגעפאַלן, נאָר זיך אַראָפּגעלאָזט פּאַמעלעך, ווי עס וואָלט אַן אומזעבאַרע האַנט זי אונטערגעהאַלטן און געלאָסן זי אַראָפּגעלאָזט, אויסגעלייגט אויף דער ערד.

מרדכי האָט זי אויפגעהויבן ווי אַ קינד. מיט דער לינקער האַנט האָט ער זי אונטערגעהאַלטן ווייך ווי אַן עופהלע. נאָר מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַ דריק געטון איר העכער פון עלנבויגן, זי האָט אַזש אַ קרעכץ געטון און אויפגעעפנט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן.

צי מרדכי האָט געוווּסט, אַז עס גיסן זיך איר טרערן פון די אויגן, האָט מען נישט געקאָנט וויסן, נאָר ערשט ווען זי האָט געעפנט די טרויעריקע אויגן אירע האָט ער אויסגעשריגן:

— אָ, באָבעלע, מיין טייערע באָבע!

— ווו דער אַכצן יעריקער מרדכי האָט גענומען אַזאַ ניכטערקייט נישט צו פאַרלירן זיך, ווען די באָבע האָט געחלשט, דערצו נאָך ערשט נאָך דעם אומגליק מיט דעם זיידן, אַז ער האָט קיין געשריי נישט געטון ביז ער האָט זי נישט דערמונטערט, איז געווען אַ וואונדער. אַנדערע, פיל עלטערע פון אים האָבן פאַרלוירן געשריגן, געקוויטשעט און נישט געוווּסט וואָס צו טון ס׳ערשטע.

זיי זענען באַלד אהיימגעפאָרן. זי האָט געקאָנט פאָרן, כאָטש זי איז מיט אמאָל געוואָרן קלענער, דינער אויף אַ העלפט. אַ האַלבע רבקה איינגעשרומפּן. און זי האָט דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו טענהן:

— שוין מער נישט געזען אים! שוין מער נישט. שוין מער נישט געזען אים. שוין. שוין מער נישט. שוין מער נישט.

זי האָט נישט געוויינט. נאָר נישט אויפגעהערט צו טענהן די איינע טענה: „שוין מער נישט געזען אים". זי האָט נישט געקלאָגט וואָס ער איז געשטאָרבן, נאָר וואָס זי האָט אים שוין מער נישט געזען. זי האָט זיך געפילט שולדיק צו אים, מיט וועמען זי האָט געלעבט איבער פערציק יאָר, וואָס זי האָט אים געלאָזט קומען צו קבורה איידער זי האָט אים געזען. ווי זי וואָלט געווען שולדיק.

און עס איז געווען מאָדנע, אַז אויך מרדכי האָט אַ גאַנצן וועג זיך אויפגעגעסן, וואָס ער האָט מער נישט געזען דעם זיידן. ער האָט נישט גערעדט נאָר געטראַכט האָט ער כסדר, אַז עס האָט אזוי נישט געטאָרט זיין. ער האָט נאָך געדאַרפט האָבן געזען דעם זיידן. בילדער האָבן זיך אים אפילו געפּלאָנטערט פאַר די אויגן ווי דאָס איז געווען אַנדערש. ער איז יאָ נאָך געקומען אין צייט און ער האָט יאָ נאָך געזען דעם זיידן.

אַ בילד ווי ער איז געקומען און געטראָפן דעם זיידן אַ געזונטן. אַז ער איז גאָרנישט געשטאָרבן, האָט זיך געוויזן פאַר אים אין דעם פּלאָנטער. אַלץ איז טאַקע אמת, נאָר ער האָט אים נאָך געזען.

און ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, ווי נאָר דער בילדער־פּלאָנטער האָט אים אָפּגעלאָזט, וואָס ער האָט שוין מער נישט געזען דעם זיידן.

און כאָטש אַ האַלבע רבקה איז איינגעשרומפּן, האָט זי גאָר פּלוצלינג נאָך „שבעה" געקראָגן נייע כוחות, טאָפּלטע, ווי זי וואָלט גע־ירשנט אַ טייל פון די אייזערנע כוחות פון יאָנאָסן. דעם גאַנצן האַנדל יאָנאָסעס האָט זי איבערגענומען. זי האָט ווייטער געפירט די געשעפטן, וואָס ווען יאָנאָס האָט געלעבט, האָט ער געפירט און זי האָט אים צוגעהאָלפן.

עס איז אמת, אַז נאָך דער אַרבעט איז זי אוועקגעפאַלן און האָט קוים געקאָנט אָטעמען. זי איז מסתמא געווען שוואַך אויך שטייענדיק אין דער קראָם, נאָר יענעמס אויגן האָבן עס נישט דערקענט. אפילו מרדכי האָט דאָס נישט באַמערקט — אזוי גוט האָט זי זיך פאַרשטעלט.

דווקא מרדכי, דער געזונטער בחור, אַן אמתער יורש יאָנאָסעס אין כוח, אים האָט דאָס אומגליק שטאַרק אָפּגעשוואַכט. עפּעס האָבן די פיס זיינע אים נישט געהויבן ווי עס דאַרף צו זיין. די קראַפט אין די הענט

איז אויך נישט געווען דאָס, וואָס שטענדיק, און פון צייט צו צייט האָט אַ דין־דינע נאָדל נישט אויפגעהערט שטעכן אונטערן האַרץ.

וואָכן־לאַנג איז ער נישט געגאַנגען צו זיין טעאַטער־גרופּע. און ווען ער איז שוין יאָ געגאַנגען, האָט אים די גאַנצע זאַך נישט גענומען. אפילו זיין אַרבעט אין העריסבורג פאַר דער צייטונג האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. צו דעם טרויער נאָכן זיידן איז אים צוגעקומען אַ ווייטיק־דיקע בענקשאַפט נאָך זיין מוטער. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק בענקען נאָך יענער קראַנקער פרוי, וואָס ער האָט געדענקט מערסטנס אַ ליגנדיקע אין בעט. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. אַ ביטערער פאַרדראָס איז אויסגעוואַקסן אין אים צו זיין פאָטער, וואָס ער האָט נישט געוווּסט, צי ער איז שוין לאַנג טויט אָדער ער לעבט נאָך ערגעץ, פאַרוואָס ער האָט אוועקגעוואָרפן זיין מוטער און געטריבן זי יונגערהייט אין דער ערד אַריין.

אַרום דער צייט איז אָנגעקומען אַ בריוו פאַר מרדכין פון זיין פעטער. דעם פאָטערס ברודער אין טשאַרלסטאָן, דרום קאַראָליינאַ, מיט אַן איינלאַדונג ער זאָל קומען קיין טשאַרלסטאָן.

„דער באַלעבאָס פון דער היגער גאַזעט", האָט דער פעטער אים געשריבן, „האָט געלייענט עטלעכע פון דיינע אַרטיקלען און זיי זענען אים שטאַרק געפעלן. „מיר וואָלטן געקאָנט נוצן אַזאַ שרייבער", האָט ער מיר געזאָגט. פאַרבעט איך דיך צו קומען צו מיר אויף אַ וויזיט. וועט דיר געפעלן, וועסטו דאָ זיך באַזעצן און וועסט קאָנען פירן פּאָליטיק. אַז דו וועסט וועלן, וועסטו אויך קאָנען לערנען יוריספּרודענץ ביי מיין אַדוואָקאַט. אַ פיינער קריסט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען צופרידן דיך צו נעמען אין זיין ביוראָ. אויב עס וועט דיר נישט געפעלן, וועסטו האָבן געמאַכט אַ באַזוך דיין משפּחה, וואָס גאַרט דיך צו זען".

מרדכין איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס גראָד איצט, ווען עס האָט זיך צעברענט אין אים אַזאַ ביטערער פאַרדרוס אויף זיין פאָטער, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטערס ברודער, אַז ער זאָל קומען צו אים; גראָד איצט האָט זיך צוריק אָפּגערופן דעם פאָטערס בלוט!

ער האָט אפילו געקלערט צי דאָס איז נישט אַן ענטפער אויף זיין פּלוצימדיקן פאַרדרוס אויפן פאָטער. אָבער זיין פאַרדרוס איז נישט געוואָרן געמינערט אויף אַ האָר און ער האָט אויך נישט געוואָלט אַנטלויפן פון דער משפּחה. ער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פעטערס איינלאַדונג.

אויב עס איז אַן אָנזאָג פון הימל איך זאָל זיך נישט אָפּרייסן פון

טאטנס משפחה, האט ער געטראכט, איז עס איבעריק. איך האב גארנישט געקלערט אפצורייסן זיך פון זיי. זיי זענען גארנישט שולדיק. און אזוי־א טראכטנדיק האט זיך דערטראגן צו אים פון ווייט־ווייט א ווי־דער־קול, קוים וואס ער האט עס געהערט, האלבע ווערטער, פערטלען, ענד־זילבען נאר, און עס האט זיך אים אויסגעדאכט, אז דאס זאגט מען אים אן:

— ביזט מיט דעם טאטן דיינעם נאך נישט פארטיק.

עס האט אים געגעבן א שטארקן טרייסל, ווי ער וואלט געוועזן גע־קריגן א שטויס מיט אן אייזערנער האנט. פון דעם טרייסל איז דאס בלוט אים ארייננגעפאלן אין פנים אריין. באלד איז ער געווארן ווייס ווי קאלך, אזוי ווי ס'גאנצע בלוט וואלט אים אויסגערונען, קלערנדיק פון דער מעג־לעכקייט, אז ער וועט נאך זען דעם פאטער.

ער האט זיך אבער באלד ארויסגעריסן פון די דאזיקע געדאנקען, וואס האבן אים געהאלטן א ווייל ווי מיט צוואנגען; ארויסגעריסן זיך פון זיי און אפגעשאקלט.

זיין באבע רבקה איז געווען פאר אים דאס גרעסטע וואונדער. ער האט איר פארגעלייענט דעם פעטערס בריוו, געקוקט אויף איר פון א זייט און ער האט געזען ווי רויטע פלעקן שווימען איר ארויף אין פנים, און זי זוכט שוין די קנעפלעך פון דער בלוזקע; א, זי קנעפלט שוין! און אז ער איז געווארן פארטיק מיטן לייענען, האט זי א זאג געטון:

— זאל זיין מיט הצלחה, מיין קינד.

זי האט אפילו נישט געווארט ער זאל זי פרעגן צי ער זאל פארן. זי האט אים געוואונטשן הצלחה ווי נאר ער האט אפגעלייענט דעם בריוו. איז זי מסכים ער זאל פארן. און אלעמאל, ווען דער זיידע יאנאס האט געלעבט, האט זי גארנישט געוואלט ער זאל אוועקפארן. דעמאלט האט זי אים, מרדכין, גאר נישט געברויכט, און דאך האט זי אים נישט גע־וואלט אפלאזן פון אויג. און איצט, ווען דער זיידע יאנאס איז נישטא, און זי וואלט אים גיכער געדארפט האבן נעבן זיך, איז זי גרייט ער זאל אוועקפארן און נאך אזוי ווייט דערצו. און אן דער מינדסטער אנפראגע האט זי אים געהייסן פארן.

ער האט זי נישט געקאנט פארשטיין. ער איז געווען זיכער, אז זי האט אים איצט ליב א האר נישט ווייניקער ווי פריער. זי איז מסכים ער זאל פארן נישט ווייל זי וויל אים נישט האבן אין שטוב. ער האט גע־ווסט, אז זי וואלט זיך געלאזט א האנט אפהאקן ער זאל נישט מוזן

פּאָרן. איז אים געווען אַ גרויס וווּנדער איר גיכע הסכּמה. פרעגן זי וועגן דעם האָט ער אָבער נישט געוואָלט, און ער האָט נאָר אַ זאָג געטון:

— באָבעלע, איך פּאָר אין טשאַרלסטאָן!

— פאָר געזונטערהייט, מיין קינד, און מיט גאָטס הילף וועסטו מצליח זיין — האָט רבקה פּיליפּס אים געווּנטשן און איר קול האָט געציטערט און די פינגער האָבן נישט אויפגעהערט צו קנעפּלען די בלוזקע.

אַ בלינדער האָט געקאָנט זען ווי רבקה איז געוואָרן נערוועז פון דעם בריוו, ווי אַלץ האָט געציטערט אין איר פון גערדאַנק, אַז מרדכי פאָרט אַוועק. האָט דאָך מרדכי דאָס גוט געזען, פונדעסטוועגן האָט אַ שאָטן פון אומבאַקוועמלעכקייט אַ שוועב געטון אויף אים; עס האָט אים געפעלט, וואָס די באָבע איז גרייט געווען אויף זיין אַוועקפאָרן נאָך איידער ער האָט איר עפּעס געזאָגט.

אין מיטן פון די מאָדנע אַנטוויקלונגען האָט זיך אַ רוק געטון אויף אים אַן אומרו שווער ווי אַ באַרג. יהודית, זיין שוועסטער, זי האָט געקוקט אויף אים אַ פאַרלוירענע, אַן איבערגעשראָקענע, און געצויגן עטלעכע ווערטער אין שטילן ווייטיק:

— מעני, (זי האָט אים גערופן „מעני”, דעם נאָמען, וואָס זיין מוטער האָט אַזוי ליב געהאַט). — מעני, דו פאָרסט אַוועק אַזוי ווייט? ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

יהודית איז שוין געווען אין פופצנטן יאָר. זי האָט שוין באַלד געדאַרפט ווערן אַ כּלה. העכסטנס אין אַ יאָר אַרום האָט זי געדאַרפט חתונה האָבן. אויב זי וואָלט געגאַנגען אין די פוס־טריט פון איר מוטער, פון דער באָבע רבקה. זי איז געווען אַ שיין מיידל, אין וווּקס האָט זי, ווי מרדכי, נאָכגעראָטן מער דעם זיידע יאָנאַס ווי דער באָבע רבקה. זי איז געווען הויך. מרדכין האָט זי אַפילו דערגרייכט ביז צום אַקסל, אָבער מרדכי איז דאָך געווען פון די העכסטע מאַנספּאַרשוינען. פאַר אַ פרוי האָט איר וווּקס געהייסן הויך. אַן אויסגעפּילטע, אָבער אַ שיקלעכע, מיט אַ פיין פּנים, די הויט אַן איידעלע, אַ צאַרטע, ווי עס האָט זיך געדאַכט פון שטילן ליידן, איז נישט געווען דער מינדסטער צווייפל, אַז יהודית האָט גאָרנישט וואָס צו זאָרגן. מער ווי איין בּחור איז אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט.

צו מרדכין האָט זי גערעדט וועגן זיין אַוועקפאָרן נישט ווי אַ שוועסטער, וואָס אָט־באַלד ווערט זי אַ כּלה, אינגיכן וועט זי חתונה האָבן און זי וועט נישט זיין מער אונטער איין דאַך מיט איר ברודער. זי האָט גערעדט צו אים מיט דער זאָרג פון אַ געליבטער צו איר געליבטן, פון אַ

כלה צו איר חתן; אזוי פאַרזאָרגט, דערשראָקן רעדט אַ יונגע פרוי וואָס האָט נאָר־וואָס חתונה געהאַט, צו איר יונגן מאַן, וואָס גרייט זיך אַרי־בערצופאָרן דעם ים.

זי האָט געוווּסט, וואָס דער פאָטער האָט געטון צו דער מוטער. זי האָט געוווּסט, אַז איבערן פאָטער איז די מוטער געשטאָרבן אַזוי יונג. מיט איר ברודער האָט זי אָבער וועגן דעם נישט גערעדט קיין וואָרט. וועגן דער מוטער פלעגט זי יאָ רעדן מיט אים, אָפטמאָל אין אָוונט פון יאָרצייט. ביידע האָבן זיי געדענקט דעם טאָג פון יאָרצייט. אָבער איי־דער זיי האָבן עפּעס געוואָלט זאָגן וועגן יאָרצייט איז שוין געשטאַנען אַ ליכט. די באָבע רבקה האָט געשטעלט דאָס יאָרצייט־ליכט שוין פאַר זיי אויך. טרערן האָבן אויפגעפינקלט אין אירע אויגן, און זי האָט געציילט די יאָרן פון איר פאַרשטאָרבענער טאָכטער פינקטלעכער פון די יאָרן פון אירע לעבעדיקע קינדער.

אין די יאָרצייט־אָוונטן פלעגט יהודית אָנהויבן צו רעדן מיטן ברו־דער וועגן דער מוטער זייערער, ווען זי האָט נישט געדענקט. איר צורה איז אפילו שטענדיק געשטאַנען פאַר איר אַ לעבעדיקע. ווען זי באַווייזט זיך פלוצלינג, וואָלט יהודית גלייך געוווּסט ווער זי איז. אָבער דאָס איז נישט געווען פון איר זכרון, נאָר פון דעם, וואָס די באָבע און מרדכי פלעגן איר דערציילן.

נאָר אין אַלע דערציילונגען און רייד איז נישט גערעדט געוואָרן קיין וואָרט פאַר איר וועגן פאָטער. נישט די באָבע און נישט מרדכי האָבן פאַר איר ווען עס איז דערמאָנט דעם פאָטער.

געוווּסט האָט זי אַלץ פון אירם אַ מומע, אַ פאָר יאָר עלטער פון איר, טאָקע איר מוטערס אַ שוועסטער, וואָס האָט איר שטילערהייט דער־ציילט.

יהודית האָט זיך אָנגעהערט אַ סך זאַכן וועגן איר פאַרשטאָרבענער מוטער. ווי שיין זי איז געווען און ווי אַלע האָבן זי ליב געהאַט פאַר איר גוטסקייט. איר בלוט איז זי גרייט געווען אָוועקצוגעבן צו העלפן אַ צווייטן, און ווי ליב זי האָט געהאַט די קינדער, און ווי געטריי זי איז געווען אירע עלטערן, און ווי זי האָט געהאָלפן דער מוטער ביי דער אַרבעט אין שטוב.

— די מאַמע דיינע האָט געהאַט גאָלדענע הענט — האָט די באָבע רבקה דערציילט דעם אייניקל. — הלוואי זאָלסטו איר נאָכגעראָטן. וואָס אירע אויגן האָבן געזען, האָבן אירע הענט געקאָנט נאָכטון. איר שטריקן באַוועלנע זאָקן איז מען געקומען קוקן אויף חידושים — און זי האָט גע־

וויזן איר א פּאָר געשטריקטע בלוי־וואָלענע זאָקן. — היינט איר העפטן! זע נאָר די אויסגעהאַפּטענע פּאַטשיילע, יעדעס בלימל ווי פון בייט אַרויס. יעדע נאָט אַ פּערל. און איר קאָכן. דער טעם פון גן־עדן. איר געבעקס איז צעגאַנגען אין מויל און איר געקעכטס איז געווען אַ היילונג פאַר די ביינער.

זי איז נישט מיד געוואָרן, די באָבע, צו דערציילן איר אייניקל די וווּנדער פון איר טאָכטער, דעם אייניקלס מוטער. זי האָט זיך אָבער גע־היט צו דערמאָנען אַ וואָרט וועגן איר איידעם, דעם זעלבן אייניקלס פאַרשווונדענעם פאָטער.

מרדכי האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערהערט דעם צער אין זיין שוועסטערס קול. ער האָט אַ ציטער געטון פון דעם, וואָס עס איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז אַזוי זאָל זייער מוטער האָבן גערעדט צו זייער פאָטער, ווען זי האָט דערפילט, אַז ער וועט זי פאַרלאָזן. דאָס קול, זיין מוטערס האָט ער גוט געדענקט, מייסטנס פון דער צייט, ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט. נו, האָט ער אין יהודיתעס רעדן דערקענט זיין מוטערס קול.

דער פאַרדראָס אויף זיין פאָטער האָט נאָך פאַר דעם נישט נאָכגע־לאָזט אויף אַ האָר, איצט איז דער פאַרדראָס געוואָרן שאַרפער. ס'איז אים אַריין אַ היץ אין די אויגן און עס איז אים געוואָרן שווער זיי צו האַלטן אָפן.

נאָר אינאיינעם מיט דעם ברענענדיקן פאַרדראָס האָט אַרויפגעשלאָגן אין אים אַ וואַרעמער קוואַל פון רחמים, אויסגעוואַרעמט פון דעם ברי־ענדיקן פאַרדראָס, און זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע גלידער. עס האָט געשטראָמט אין אים רחמנות אויף זיין מוטער, וואָס דער פאָטער האָט פאַרשעמט, פאַרלאָזט, און רחמנות אויף דעם ייִנגערן שוועסטערל, וואָס האָט דער מאַמעס קול.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו דער שוועסטער. דאָס מויל געעפנט, האָט ער אָבער דערפילט, אַז דער וואַרימער קוואַל שלאָגט אים אַרויף צום האַלדז, און ער האָט נישט געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל אים הערן וויינען. האָט ער געוואַרט ביז ער האָט זיך באַהערשט. דעמאָלט האָט ער שוין גערעדט פעסט:

— יהודית, וועסט קומען צו מיר קיין טשאַרלסטאָן. ווי נאָר איך וועל געפינען עפּעס צו טון, נעם איך דיך אַריבער. וועסט שטענדיק זיין מיט מיר.

אים איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער רעדט האַרבע, דראָענדיקע רייד.

ווי וועט דען דאָס זיין, אז זי זאָל זיין שטענדיק מיט אים — זי, די כלה־מיידל, וואָס דאַרף באַלד ווערן אַ כלה און אין העכסטנס אַ יאָר אַרום דאַרף זי חתונה האָבן?

זי האָט אים געפרעגט וועגן דעם, אָבער נישט וועגן זיך, נאָר וועגן אים.

— וועסט דאָך חתונה האָבן, מעני.

אַ פראָסט איז אים אַריבערגעלאָפן איבערן פנים. דער וואָרעמער קוואַל פון רחמים האָט פּלוצלינג אויסגעטרוקנט און נישט צו איר, נאָר צום פאָטער זיינעם האָט ער גערעדט:

— איך וועל נישט חתונה האָבן.

אירע גרויסע אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין זייער גאַנצער גרויס און געקוקט אויף אים. זי האָט נאָר געקוקט אַזוי אויף אים. זי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

***

מיט דעם ערשטן חשק איז מרדכי געגאַנגען אין טעאַטער־שטיבל ביי איזראַעל איזראַעלן אין שענק און אונטערגעטריבן די הכנות פאַר דער פאָרשטעלונג.

אַ צייט נאָך יאַנאַטעס טויט איז ער אינגאַנצן נישט געגאַנגען צו דער טעאַטער־גרופּע. די חברים האָבן אים פאַרשטאַנען. נאָר לענגער ווי ער האָט געדאַרפט, לויט זייער מיינונג, איז ער געשטאַנען פון דער־ווייטנס.

עס איז אָבער נישט געוועזן קיין סך בעסער זיין קומען צוריק. די גאַנצע אַרבעט איז געוואָרן ביי אים שלאַבעריק, געפאַלן אים פון די הענט, און נאָך מער ווי ער האָט זיי געהאָלפן, האָט ער זיי געשטערט.

ערשט ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין טשאַרלסטאָן, איז פאַר־שוואונדן זיין פריערדיקע נאַכלעסיקייט, זיין דערדריקנדיקע אַפּנעלאָזנקייט. פרישע קוואַלן כוחות, אימפּעט האָבן געאַרבעט אין אים.

העלמבאָלדן, זיין שותף אין דער שותפות פון דער טעאַטער־גרופּע, האָט ער דערציילט פון זיין פאָרן.

— נאָך דער פאָרשטעלונג פאָר איך אַוועק — האָט ער אים גע־זאָגט.

ביים חבר האָט דאָס פנים זיך אויסגעצויגן. אַפּהענטיק האָט ער גע־רעדט:

— וואָס טויג די פאָרשטעלונג, אַז דו פאַרסט אוועק?
— וואָס מיינסטו?
— עס איז איבעריק. איך צי זיך צוריק.
— רעד נאָר נישט קיין נאַרישקייטן. פאַרוואָס ווילסטו זיך צוריק־ציען?

— פון אונדזער גאַנצן פּלאַן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, אַז דו פאָרסט אוועק, מרדכי, מיר וועלן נישט האָבן קיין נײַ טעאַטער. פאַועל וועט ווייטער שפּילן די אויסלענדישע שמאַטעס. אַמעריקאַנער שרייבער וועט מען נישט שפּילן אין אַמעריקע. טאָ צו וואָס זאָל מען זיך צערייצן דעם אַפּעטיט מיט איין פאָרשטעלונג?

— עס פאַרדריסט מיך אויף דיר, טשאַרלי, — האָט מרדכי אָנגע־שריגן אויף זיין חבר. — וואָס מיינסטו דיר, די גאַנצע רעוואָלוציע שטייט נאָר אויף מיר? בין איך דאָ, איז דאָ אַ נײַ טעאַטער; פאָר איך אוועק, צעפאַלט אַלץ. אויב אַזוי, וועט נישט זיין קיין נײַ טעאַטער מיט מיין זיין דאָ אויך נישט. אַז דו, מיין גלייבער שותף אין אָנפירן דאָס נייע טעאַטער; דו, וואָס דו האָסט גרייט דיינס אַ פּיעסע אויפצופירן, מיט דיינס אַ פּיעסע ווילן מיר נאָך דער שעקספּיר־פאָרשטעלונג אָנהייבן דאָס נייע אַמעריקאַנער טעאַטער; דו זאָגסט, אַז טאָמער פאָר איך אוועק, איז אַלץ אויס; ביסטו גערעכט, דאַרף מען טאַקע גאָרנישט אָנהויבן. מיין בלייבן אָדער אוועקפאָרן האָט דערמיט גאָרנישט צו טון. אַז דו, געשטיצט פון דער גאַנצער גרופּע, קאָנסט גאָרנישט טון, וועל איך אויך גאָרנישט קאָנען טון.

מרדכי איז געוואָרן מיט די רייד אַלץ אויפגערעגטער.

— וואָס מיינסטו, טשאַרלי, אַז אין מיר און דיר איז אָפּהענגיק דאָס נייע טעאַטער? ווען נישט דו און איך וועט אַמעריקע בלייבן ביי די אויסלענדישע שמאַטעס? דער ווילן צו אַ בעסער טעאַטער, צו אייגענער דראַמע אין אַמעריקע געשאַפן, איז שוין דאָ. מען קאָן עס שוין אָנטאַפּן. מיר זענען נישט די איינציקע. פאַראַן נאָך אַזעלכע ווי מיר אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן, אין טשאַרלסטאָן, אין ניו־אָרלינס, וואָס ווילן דאָס זעלבע פאַר דעם היגן טעאַטער וואָס מיר. איך ווייס נאָר נישט, צי זיי זענען שוין אָרגאַניזירט אין גרופּעס ווי מיר. אפשר יאָ. און אויב נישט, וועלן זיי זיך אָרגאַניזירן מאָרגן, איבערמאָרגן. איך פאָר אוועק. גיי דו ווייטער אָן מיט דער אַרבעט. איך וועל אָנגיין מיט דער אַרבעט ווייטער אין דעם נייעם אָרט, אין טשאַרלסטאָן.

העלמבאָלד האָט אונטער זיינע רייד אָנגעהויבן צו פילן, אַז ער

אליין וועט טאקע אויך קאָנען אָנגיין מיט דער אַרבעט. די גרופּע וועט נישט מוזן זיך צעפאַלן. די ערנסטע רייד, אַרויסגערעדט מיט היץ, האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין צוטרוי צו מרדכין. און דאָס, וואָס ער האָט אים פאַרגעוואָרפן זיין שוואַכקייט, כאָטש מיט זיינס אַ פּיעסע וועלן זיי עפענען דאָס נייע טעאַטער, איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט גע־הויבן זיין מוט. טאַקע, דאָס נייע טעאַטער וועט זיך דאָך אָנהויבן מיט זיין ווערק. אין זיינע אייגענע אויגן איז ער געוואָרן געהויבן. ער האָט זיך אָבער געפילט שולדיק, וואָס איינס און צוויי איז ער געווען גרייט אויפצוגעבן אַלץ איבער דעם, וואָס עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מרדכי וויל זיך אַרויסדרייען. ער האָט עס אים געזאָגט:

— ביזט גערעכט, מאָרדעקאַי, מען טאָר נישט אויפגעבן. נאָר איך האָב אַזוי גערעדט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט אַנטלויפן. האָסט נישט קיין געדולד אָדער וואָס.

— טשאַרלי, פאַררעד מיר נישט די ציין. ווי קאָנסטו מיינען, אַז איך וויל אַנטלויפן, אַז איך בלייב דאָך ביז איבער דער ערשטער פאַר־שטעלונג. ווען נישט דאָס, וואָלט איך היינט שוין נישט דאָ געווען, אַנטלויפן?

— ביזט גערעכט, מאָרדעקאַי — האָט העלמבאָלד אים אונטערגע־שטעלט די גאָמבע. — גיב אַ כמאַל, אַז איך זאָל האָבן צו געדענקען. און נישט רעדן מער אַזעלכע רייד. איך מיין עס ערנסט, מאָרדעקאַי, דער־לאַנג אין מאָרדע.

מרדכי האָט זיך צעלאַכט פון זיין חבר מיט דער אויסגעשטרעק־טער גאָמבע. ער האָט געוווסט, אַז ביי טשאַרלין איז נישט קיין נייעס צו קריגן אויסגעהאַקט אָדער אויסהאַקן אַן אַנדערן אַ צאָן, אונטערשלאָגן די אויגן. נאָר אַזוי ווי מיט אים, מרדכין, האָט דאָס קיינמאָל נישט גע־טראָפן, זינט ער געדענקט, האָט ער נישט געהאַט קיין געשלעג, האָט אים געוווּנדערט דער פאָרשלאַג. ער האָט אים אָבער געענטפערט אין אַ לייכטן טאָן:

— וואָסי, טשאַרלי, עס האָט זיך דיר פאַרבענקט נאָך אַ פּאָר אויס־געהאַקטע ציין? איך האַנדל נישט מיט דער סחורה.

— הער, מאָרדעקאַי, אפשר וועסטו דאָך בייטן דיין באַשלוס, וועסט נישט פאָרן — האָט העלמבאָלד אויסגעדרייט דעם שמועס און פּלוצים גערעדט צו אים מיט געבעט. — בלייב מיט אונדז. וואָס איז דיר דאָ שלעכט? ביזט שוין אַ באַקאַנטער שרייבער; מען האָט דיך ליב. וואָס

ברויכסטו צו לויפן קיין טשארלסטאָן? זעסטו, ווען דו פאָרסט נישט, וואָלטן מיר שוין זיכער געהאַט אַ גוט אַמעריקאַנער טעאַטער.

פון זיינע רייד האָט מרדכי הנאה געהאַט. ער האָט געזען אַז ער רעדט פון טיפן האַרץ, האָט ער אים געוואָלט זאָגן, פאַרוואָס ער וויל פאָרן נאָר ווי אַזוי צו זאָגן אים, דאָס האָט ער נישט געוווסט. ער האָט טאַקע נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ער וויל פאָרן און גראָד קיין טשארלסטאָן.

— טשאַרלי, איך קאָן נישט איינזיצן — האָט ער אים געזאָגט. — עס ציט מיך צו פאָרן. איך האָב ערשט געהאַט אַ שווערע צייט, געמיינט די וועלט עקט זיך מיט מיר. איך האָב נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו טון עפּעס. די כוחות זענען מיר אויסגערונען. האָסט דאָך אוודאי באַמערקט, ווי איך האָב אויסגעזען. אָבער ווי נאָר איך האָב אַ טראַכט געטון פון פאָרן, בין איך געוואָרן ניי־געבוירן. איך האָב צוגעקראָגן די כוחות.

***

דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער נייער גרופּע. דער עיקר איז געקומען אַ גרויסער עולם, ווייל עס איז געווען אַ פרייע פאָרשטעלונג. יעדער איז אַריינגעלאָזט געוואָרן בחינם.

עס איז געווען נישט קיין שלעכטער איינפאַל. זאָל דער עולם קומען אומזיסט, און זיך איבערצייגן, אַז די נייע טעאַטער גרופּע האָט גוטע אַקטיאָרן.

אָבער דער אומזיסטיקער איינגאַנג וואָלט אפשר אַלץ נישט געווען אָנגעפילט דאָס טעאַטער. אַרום און אַרום האָבן זיך געפונען אַ פאָר הונדערט פאַרשוין. אין דעם חשבון זענען שוין אַריינגעגאַנגען די, וואָס האָבן געוואָלט בעסער טעאַטער, און די קרובים פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געוואָלט קומען צו דער פאָרשטעלונג. נאָר איזראַעל איז געקומען זיי צו הילף. אַ וואָך פריער האָט ער שוין אָנגעהויבן איינצורעדן די קונדן זיינע צו גיין צו דער פאָרשטעלונג. ער האָט יעדן מכבד געווען מיט אַ טרונק אויפן חשבון פון „הויז", און דערנאָך איינגערוימט אין אויער:

— פאַרגעסט נישט די פאָרשטעלונג.

די צושויער האָבן זיך צעטיילט אין די מיינונגען וועגן דער פאָרשטעלונג. מאַנכע האָבן שטאַרק געלויבט די אַקטיאָרן פאַר זייער ערלעכקייט און געטריישאַפט צו דעם ווערק ווי עס איז געוואָרן אויפגעשריבן

פון דעם מחבר. א טייל האָבן געמאַכט דאָס געלעכטער פון דער „ערלעכ־קייט און געטריישאַפט" צום מחבר.

— וואָס טויג די ערלעכקייט און געטריישאַפט? — האָט איינער געזאָגט אויפן קול, — אַז שפּילן קענען זיי נישט. ביי פּאָולן זענען די אַקטיאָרן נישט ערלעך און האָבן נישט די געטריישאַפט; זיי האָבן אָבער טאַלאַנט.

א פּאָר אַמאַטאָרן האָבן פונדעסטוועגן נושא חן געווען אפילו ביי די אויסלאַכערס. די פּאָר זענען געווען נישט שלעכט, האָבן אַלע מודה גע־ווען, און אויב זיי זאָלן נאָר זיך אָפּגעבן מיט טעאַטער, וועלן זיי ווערן גוטע אַקטיאָרן.

איינער פון די פּאָר איז געווען מרדכי, און מען האָט געהערט זאָגן:

— טויזנט טייוואָלים זיצן אין דעם מרדכי נח. צו וואָס ער זאָל זיך נישט צורירן ווערט דערפון גאָלד.

איזראַעל איזראַעל האָט געלויכטן. דאָס טעאַטער האָט ער געפּאַקט. און אַז עס איז אים געפעלן געוואָרן די פאָרשטעלונג, האָט ער פאַרבעטן די גאַנצע גרופּע נאָכן שפּילן צו זיך אין שענק.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי דאָרט געטראָפן מערי באַט־לער און מרדכיס פעטער, אהרן פיליפּס. די צוויי אַקטיאָרן האָבן נישט גע־קאָנט קומען צו דער פאָרשטעלונג. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם פאַר־וואַלטער, פאַר זייערע קאָלעגן. אין שענק אַריין זענען זיי אַלעמאָל גע־גאַנגען, ווער דאָך קיינער נישט קאָנען האָבן צו זיי פאַר קומען אין שענק אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג.

מרדכין האָט אָנגענומען א חשק צו טרינקען, אָנצוטרינקען זיך. נישט ער האָט געוווסט און נישט ער האָט געלייגט אכט פונוואַנען עס נעמט זיך צו אים פּלוצים אַזאַ ווילן צו טרינקען. און ער וואָלט מסתמא געווען זיך אָנגעשיכורט. ווייל וויפיל איינגאַנצן האָט ער דאָס גערדאַרפט טרינקען צו ווערן שיכור? אָבער איזראַעל איזראַעל האָט געהאַלטן אויף אים אַן אויג. מער ווי דעם צווייטן קופעל ביר האָט ער אים נישט גע־לאָזט אויסטרינקען.

— נאָך ביר! — האָט מרדכי באַפוילן נאָכן ערשטן קופעל.

איזראַעל איזראַעל האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט דאָך געוווסט ווי שווער עס פלעגט אָנקומען איינצורעדן מרדכין איין קופל ביר. נאָר ער האָט צו זיך אַליין געגעבן א שאָקל מיטן קאָפּ און געלאָזט אים דערלאַנ־גען נאָך א קופעל.

— נאָך ביר! — האָט מרדכי ווידער א זאָג געטון.

דאָ האָט שוין איזראַעל איזראַעל געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ צום קעלנער — ניין.

מרדכי האָט אַפּילו געוואָלט נעמען אַ טרונק בראָנפן אויך. דער קעלנער האָט אָבער נישט געבראַכט. רופט מרדכי, ער שרייט (פון די צוויי קופּלעס ביר איז ער שוין געווען אַ ביסל אויפגערוימט), קלאַפּט אין טיש אַריין. איזראַעל האָט אים אָבער איינגענומען:

— מיין פריינט — האָט ער אים געזאָגט אויפן אויער — איך קאַרג אייך נישט קיין טרונק. זאָגט איין וואָרט, טייל איך פריי ביר צו איט־לעכן, וואָס איר וועט היישן. איר טאָרט אָבער מער נישט טרינקען. עס וועט אייך מאַכן קראַנק. איר זענט נישט געוווינט צו טרינקען.

ביים אַרויסגיין שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט איז מרדכי גע־בליבן אויפן וועג אַליין מיט מערין. זיין פּעטער אהרן פון איין זייט און דער חבר העלמבאָלד פון דער צווייטער האָבן שוין אַכטונג געגעבן אויף דעם.

אַלע קוואַלן רייד האָבן זיך מיט אַמאָל געעפנט ביי מרדכין. רייד האָבן זיך געריסן, געשפּאַרט זיך אין מויל אַריין; ווערטער האָבן גע־שטופּט ווערטער, געיאָגט זיך, פאַרלאָפן פאַראויס, געוואָלט אַרויס פריער. פון אַלע זייטן, פון מינדסטן נאָגל פון די פיס ביז די האָר פון קאָפּ, האָט ביי אים געשטראָמט מיט רייד.

ער האָט גערעדט וועגן טעאַטער, גערעדט מיט פאַרדראָס וועגן דעם פאַרוואַלטער פּאָועל, וועגן דעם עולם, וועגן נייעם טעאַטער, וואָס מען מוז שאַפן, וואָס וועט ווערן געשאַפן צי מען וועט יאָ וועלן אָדער נישט.

אינמיטן דעם מבול רייד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, ווי עס וואָלטן זיך פאַרמאַכט די קוואַלן רייד. ער האָט זיך אויך אָפּגע־שטעלט פון גיין. אַלע אינאיינעם האָט דאָס מסתמא נישט געדויערט מער ווי עטלעכע סעקונדן. נאָך דעם גאַנצן טומל האָט די שטילקייט פון עט־לעכע רגעס אויסגעזען ווי אַן אייביקייט, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, אָבער שוין נישט מיט דער פריערדיקער געשווינדקייט.

— איך פאָר אוועק, מערי, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל קול.

— איך פאָר קיין טשאַרלסטאָן.

— פלוצלינג? און אַזוי ווייט?

— נישט פלוצלינג. שוין לאַנג ווי איך קאָן דאָ נישט איינזיצן. און דאָס איז נישט אַזוי ווייט. איך רעכן צו פאָרן נאָך ווייטער.

און איידער זי האָט נאָך געקאָנט עפּעס זאָגן, האָט ער צוגעגעבן אַנט־שלאָסן:

— איך װעל נישט חתונה האָבן!

האָט זי דאָס געגומען גרינג. איר פאַרגעטערונג, װאָס זי האָט גע־האַט פאַר אים, איז געװאָרן אָפּגעװישט.

— װער איז זי? — גיט זי אים אַ פרעג.

— װער?

— דאָס מײדל, װאָס האָט דיך אַנטױשט, אָפּגענאַרט, פאַראַטן אַז דו װילסט מער נישט חתונה האָבן — האָט זי געזאָגט און געטראַכט װי גוט ער האָט באַהאַלטן דעם סוד פון זײן ליבע.

אים זענען אָבער אַזעלכע גרינגע רײד נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַרײן. אַזאַ טיפער פאַרדראָס האָט געפרעסט זײן האַרץ.

— דאָס איז נישט איבער אַ מײדל. איך האָב נאָך קײנמאָל נישט אָנגערירט קײן מײדל, װעל קײנמאָל נישט. עס איז מײן טאַטע. ער האָט פאַרשעמט די מאַמען, זי אױעקגעװאָרפן. זי איז נאָך נישט געװען קײן צװײ און צװאַנציק יאָר אַלט, האָט ער זי איבערגעלאָזט אַן עגונה. זי איז קראַנק געװאָרן פון חרפה און זי איז געשטאָרבן. דער טאַטע איז געװען איר מערדער.

מערי באַטלער האָט געװוּסט די געשיכטע. פאַר מרדכין האָט זי אָבער קײנמאָל נישט דערמאָנט אַ װאָרט װעגן דעם. איצט, װען זי איז גע־װען לײכט געשטימט איבער זײן באַשלוס נישט חתונה צו האָבן, װאָס האָט געקלונגען פאַר איר געגוג קאָמיש, האָט ער זי צעטומלט מיט זײן אומדערװאַרטעטער אַנטפּלעקונג פון זײן גרעסטן װײטיק. זי האָט נישט געװוּסט װאָס צו זאָגן. זי האָט מורא געהאַט צו עפענען דאָס מױל, זי זאָל אים נישט נאָך מער װײ טון.

— דאָס איז אַן אַלטער באַשלוס בײ מיר — האָט ער װײטער גערעדט. — זינט איך געדענק, װי נאָר איך האָב אָנגעהױבן צו פאַר־שטײן מײן טאַטעס פאַרברעכן. איך בין נאָך געװען אַ קינד, האָב איך אָפּגעמאַכט בײ זיך נישט חתונה צו האָבן. איך האָב מורא טאָמער װעל איך נאָכגעראָטן מײן טאַטן. אפשר האָב איך געירשנט זײן בײז, פאַר־דאָרבן בלוט, און איך װעל, װי ער, אומגליקלעך מאַכן אַ װײב. איך װעל חתונה האָבן מיט אַ יונג, טײער מײדל, אַ שײן מײדל, װי מײן מאַ־מע איז געװען. איך װעל מאַכן זי זאָל מיך ליב האָבן. זי װעט האָבן קינ־דער, און פּלוצלינג װעל איך זי אױעקװאַרפן, מאַכן פאַר אַן עגונה. זי פאַרשעמען און אַרױסטון שאַנד אױף די קעפּ פון די קינדער. זי װעט שטאַרבן, און די קינדער װעלן אפילו נישט װיסן, װו עס איז זײער טאַ־טע. װאָס קאָן איך װיסן, װאָס פאַר אַ מאַן איך װעל זײן? אַ מצורע

שיקט מען ארויס פון דער מחנה. ער טאָר נישט זיין צווישן מענטשן. ער זאָל נישט אָנשטעקן אַנדערע מיט זיין אומגליק. און דאָס, וואָס דער טאַטע מיינער האָט געטון, איז ערגער ווי אַ צרעת — דער מאַמען האָט ער דערהרגעט, די גאַנצע משפחה האָט ער פאַרווונדעט. ביז זיין לעצטן טאָג האָט די דאָזיקע ווונד זיך נישט פאַרהיילט ביי דעם זיידן. און ווי בלוטיק איז זי, די ווונד, ביי דער באָבען! און פאַרוואָס קוקט ארויס אַזאַ טיפער טרויער פון מיין שוועסטערס אויגן? מען הערט נישט אויף צו טראַכטן דערפון. עס גייט נישט ארויס פון די געדאַנקען אפילו אויף איין מינוט. און איך, האָב איך דען אויף איין רגע פאַרגעסן די פּיין, די חרפּה? און וואָס טו איך, אַז פּלוצלינג טו איך דאָס זעלבע? מיט די זין פון אַ טאַטן ווי מיינער, איז דאָ איין מיטל צו פאַרזיכערן, אַז זיי זאָלן נישט גיין אין דעם פאָטערס בייזן וועג: נישט לאָזן זיי חתונה האָבן. מען טאָר זיי נישט שטעלן צו אַ נסיון. זיי טאָרן נישט קריגן די מעגלעכקייט צו באַגיין דאָס זעלבע פאַרברעכן. מען וואָלט געדאַרפט האָבן אַזאַ געזעץ. נאָר איך וואַרט נישט מען זאָל מאַכן אַזאַ געזעץ פאַר מיר. איך מאַך מיר דאָס געזעץ. איך האָב עס שוין געמאַכט. איך וועל נישט חתונה האָבן. איך וויל נישט, ווי מיין טאַטע, דערמאָרדן דאָס ווייב. איך וויל נישט אָנטון אייביקע בושה אומשולדיקע קינדער.

ער האָט גערעדט היים. טיילמאָל איז דאָס קול אים געוואָרן הייזע־ריק. ער האָט געזוכט אימיצן צו איבערצייגן, אַז אַזוי דאַרף עס זיין. ווי אַן אָנקלאָגער, וואָס שטייט פאַרן ריכטער און רעדט מיט ברענענדיקן פאַרדראָס וועגן דער שולד פון דעם אָנגעקלאָגטן. ס'פּנים איז אים געוואָרן איין שטיק פייער.

— איך וואָלט זיך געוואָלט צערייסן. אויף שטיקער זיך צערייסן — האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן. — איך האָב דאָך נישט פיינט מיין טאַטן, דעם רוצח! עס ברענט אין מיר דער כעס אויף אים ווי אַ פייער, וואָס קאָן שוין נישט ברענען שטאַרקער אין גיהנום. אַ כעס, יאָ. אָבער נישט קיין שנאה. איך האָב אים נישט פיינט. אינאיינעם מיט דעם הע־לישן כעס רעגט אין מיר אַ פאַרלאַנג, טליעט שטיל אין מיר דער ווילן צו זען אים, צו געפינען אים. איך וועל אים געפינען. נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס איך זאָל אַזוי שטאַרק ווילן, ווי איך וויל אים געפינען. וואָס ברען איך אַזוי דערצו? עס וועט דען מאַכן לעבעדיק די מאַמען? ס'וועט דען אראָפּנעמען די שאַנד פון אונדזערע קעפּ? און דאָך וויל איך אים געפי־נען. און פאַרוואָס האָב איך זיך דען אַזוי אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרן קיין טשאַרלסטאָן? איך האָב אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס. ווערן אַן אַדוואָ־

סאַט? קאָן איך דען נישט ווערן אין פילאַדעלפיע פּונקט ווי אין טשאַרלס־טאָן? וואָס ציט מיך אַזוי קיין טשאַרלסטאָן? איצט פאַרשטיי איך אָבער שוין, וואָס עס ציט מיך. ווי נאָר איך האָב געקריגן דעם בריוו פון דעם פעטער, האָט עס מיך אַ הויב געטון: „פּאָר! פּאָר! פּאָר!" אין לויף פון מיין בלוט האָב איך געהערט אומאויפהערלעך: „פּאָר, פּאָר, פּאָר!" אין די אויערן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען: „פּאָר! פּאָר!" איך פאַרשטיי. דאָס מוז זיין דער ווילן צו געפינען דעם טאַטן, וואָס שטויסט מיך אַהין. דעם טאַטנס ברודער, די גאַנצע משפּחה פון טאַטנס צד, אַלע זענען זיי אין טשאַרלסטאָן. מיין איך, אַז דורך מיין זיין דאָרט, וועל איך געפינען דעם טאַטן, וואָס האָט דערהרגעט די מאַמען. אים זוך איך, וויל אים געפינען.

פון דערווייטנס האָט זיך דורך דער געדיכטער פינצטערניש געטראָגן אַ קול, נישט גאַנץ קלאָר:

— ...אַלץ אין אָרדענונג.

טייל 2

אין טשאַרלסטאָן

פּעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער האָבן אַרומגערינגלט מרדכין באַלד ווי ער איז אָנגעקומען קיין טשאַרלסטאָן.

— זע נאָר! זעסט דאָך אויס מיט צען יאָר עלטער! — האָט אים געזאָגט דער פעטער, ווי נאָר ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיף. — איך האָב געמיינט עס קומט אַ בחור. ביזט דאָך, קיין בייז אויג נישט, אַ ריז. קוקסט אויס אַ דרייסיקער.

— ער קוקט נישט אויס קיין דרייסיקער! וואָס דו רעדסט — האָט זיך אַריינגעמישט די מומע. — קוק גוט וועסטו זען. ער איז אַ יונגער בחור נאָר זאָל ער נישט קנייטשן דעם שטערן.

זיי האָבן זיך געזאָרגט איבער אים, אַרויסגעוויזן ליבשאַפט. מרדכין האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טוען דאָס צו פאַרענטפערן זיך פאַר אים, פאַר זיין פּאָטערס פאַרברעכן. אַ סימן האָט ער געהאַט — זיי האָבן נישט דערמאָנט דעם פּאָטערס נאָמען.

ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסרוען, ווי זיי האָבן אים געבעטן, און ער איז צומאָרגנס אַוועק צו דער „טשאַרלסטאָן טאַימס", וועמענס רעדאַקטאָר האָט געלויבט זיינע אַרטיקלען נאָך פריער.

— אַזוי, דאָס זייט איר דאָס דער „מאָרדעקאַי מ. נח"? — האָט דער רעדאַקטאָר אַרויפגעקוקט צו אים. — אייער פעטער האָט געזאָגט, אַז איר זענט נאָך יונג. אַ, יאָ, איר זענט נאָך יונג. מען זעט דאָס פון אייערע באַקנבערד. זיי הויבן ערשט אָן צו שפּראָצן. זיצט, זיצט. איך האַלט עס פאַר אַ פאַרגעניגן צו קענען אייך. איר האָט אַ שאַרפע פען. ווען איר וועט זיך באַקענען מיט אונדזער שטאָט און וועט עפּעס אָנשרייבן, וועלן מיר עס דרוקן מיט פאַרגעניגן.

אַ קעלט האָט אים אַ צי געטון איבערן רוקן. געקומען איז ער אַהער מיט אַ גאַנצן פּלאַן פון אַרבעט, זאָגט אים גאָר דער רעדאַקטאָר, אַז דערוויל ברויכט ער גאָרנישט. ווען ער וועט זיך באַקענען מיט דער שטאָט און ער וועט עפּעס אָנשרייבן. ערשט דעמאָלט. אויף אַזאַ קבלת פּנים ביים רעדאַקטאָר האָט ער זיך נישט געריכט. דער דאָזיקער רעדאַקטאָר

האָט דאָך געזאָגט דעם פעטער, אַז „אַזאַ שרייבער ווי ער, וועט ער קאָנען גוט געברויכן", און זע נאָר, ווי ער וויל אים געברויכן! ער לייגט אים אָפּ!

פונדעסטוועגן האָט אים מרדכי נישט פּרובירט איינצורעדן, אַז ער קאָן שוין שרייבן פאַר דער צייטונג. זאָל נישט דער רעדאַקטאָר האָבן קיין תירוץ. ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. פריער וועט ער זיך באַקענען מיט דער שטאָט.

— זייער גוט, מר. טאָמאַס, — האָט געזאָגט מרדכי, — איך וועל זיך באַמיען וואָס גיכער צו באַקענען מיט דער שטאָט. אַ שיינע שטאָט, טשאַרלסטאָן. איך האָב שוין געזען אייער געיעג־פעלד און די ביבליאָטעק.

— געיעג־פעלד... ביבליאָטעק? — האָט דער רעדאַקטאָר אַרויפגעקוקט צו אים, — זיי זענען נישט קיין פּאָר.

— איך האָב עס געזען, — האָט מרדכי צוגעשטימט, — טשאַרלסטאָן דאגה'ט מער פאַרן געיעג־פעלד ווי פאַר דער ביבליאָטעק. דאָס זעט מען די ערשטע מינוט.

— איר קריטיקירט שוין, יונגערמאַן?

— נאָך נישט. איך באַקען זיך נאָר מיט דער שטאָט.

דער רעדאַקטאָר האָט שווייגנדיק באַטראַכט דעם הויכן, פעסטן בחור מיט די באַקנבערד, וואָס הויבן ערשט אָן אַרויסצושפּראָצן. און זיך אָנגערופן:

— אויב איר ווילט וועגן דעם שרייבן אַן אַרטיקל, בין איך גרייט עס צו דרוקן.

— ווען ווילט איר עס?

— ווען איר קאָנט עס ברענגען.

די וואָך איז נישט אַריבער און עס האָט זיך געקאָכט אין שטאָט. די „טשאַרלסטאָן טאַימס" איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל פון אַ נייעם שרייבער, אַז פערד זענען גרעסערע מיוחסים פון מענטשן אין טשאַרלסטאָן: די ביבליאָטעק, וואָס איז פאַר מענטשן, איז אָרים, אָפּגעלאָזן, עס פעלן אַ סך ביכער; און דאָס געיעג־פעלד איז ציכטיק, ריין און עס פעלט דאָרט גאָרנישט, זאָגט דער שרייבער אין דעם אַרטיקל. ער האָט איבערגעגעבן אַ שאַרפן שמועס פון די געיעג פערד מיט די ביכער. די פערד האָבן באַוויזן, אַז די טשאַרלסטאָנער בירגער לויפן גיכער צו זיי, צו די פערד, ווי צו די ביכער.

און ווי דער שטייגער איז, — עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס

האָבן מסכים געווען מיט דעם נייעם שרייבער. זיי האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט קיין פערד־לויף. דער שרייבער איז גערעכט: עס איז דען נאָר אַ פערד־לויף? ס'איז דאָך אַזאַרט. די מענטשן שטעלן געלט אויף די פערד. אָפט פאַרלירן זיי דעם לעצטן דאָלאַר.

עס האָבן זיך אָבער געפונען געגנג חברה־לייט, וואָס האָבן געשטורעמט קעגן אים. אַ חוצפה! קומט אַ פרעמדער און וויל אונדז זאָגן אַ דעה וואָס צו טון!

מרדכים פעטער האָט געהאַט עגמת נפש: עטלעכע יידן האָבן געהאַט טענות צו אים:

— וואָס איז ער געקומען אַהער מיט טענות? ווער וויל זיין מוסר? מיר לעבן בשלום מיט די גויים, וואָס דאַרף זיי אַ ייד אויפרייצן? זיי וועלן נאָך ווערן אין כעס אויף אונדז. וואָס אַרט עס אים, אַז זיי לאָזן יאָ לויפן פערד?

אויף די רייד האָט מרדכי געענטפערט דעם פעטער:

— די, וואָס האָבן עס אייך געזאָגט, זענען פערדישער פון די פערד אויפן פעלד. אַז מיר געפעלט נישט אַ זאַך אין שטאָט, טאָר איך עס נישט זאָגן? פאַרוואָס? ווייל איך בין אַ ייד? אין אַמעריקע זענען אַלע גלייך. דאָס ווילן זיי, די דאָזיקע יידן, וואָס רעדן אַזוי, מאַכן די אומגלייכקייט: זיי ווילן דאָ אַ גלות. זאָגט זיי, פעטער, אַז זיי זענען פערד, גרויסע פערד. יידן זענען פריי דאָ פונקט ווי נישט־יידן.

דער אינצידענט האָט געמאַכט אַ רושם. מרדכי האָט דורך דעם אַרטיקל געקראָגן עטלעכע פריינט, אָבער נאָך מער שונאים. די ערשטע שונאים זענען געווען, נאַטירלעך, די, וואָס זענען געווען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַראינטערעסירט אין פערד־לויף; אָבער אויך די פּאָר יידן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט אָנטון צרות, האָבן אים שוין נישט געקאָנט ליידן.

פרנסה פון שרייבן האָט מרדכי פונדעסטוועגן נישט געהאַט. מיט דעם גאַנצן שטורעם, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט מיט זיין ערשטן אַרטיקל, האָט אים זיין שרייבן נישט געבראַכט אויף חיונה.

ער איז אויך באַלד אָנגעקומען צו זיין פעטערס אַדוואָקאַט צו לערנען יוריספּרודענץ. נאָר דאָס האָט אויך נישט פאַרבעסערט זיינע פינאַנצן. ביים אַדוואָקאַט האָט ער גאָרנישט פאַרדינט, ס'איז נאָך גוט געווען, וואָס ער האָט גאָרנישט געדאַרפט צוצאָלן.

געוווינט האָט ער ביים פעטער, דעם פאָטערס ברודער, געגעסן ביי אים. דאָס איז אים אויך נישט געווען ליב. ער האָט זיך אָבער געשראָקן,

אז ער וועט נאָך מוזן אָנקומען צו נעמען געלט פון דעם דאָזיקן פעטער. און חוץ דעם, וואָס ער האָט עס נישט געוואָלט, האָט ער נישט געוווּסט, צי דאָס וואָלט גאָר געשמעקט דעם פעטער.

און צום ערשטן מאָל האָט ער געבעטן געלט, — אָבער נישט ביים פאָטערס ברודער, נאָר ביי דער מוטערס. ער האָט געשריבן צום פעטער נפתלי, דעם עלטסטן פעטער זיינעם, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ שרייבער, און איז דערווייל געווען אַ סוחר אין ניו־יאָרק.

„מיט דיר, פעטער נפתלי, בין איך אויפגעצויגן געוואָרן; בעט איך דיך דעריבער, דו זאָלסט מיר שיקן פינף און צוואַנציק דאָלאַר, איך זאָל נישט ברויכן נעמען אַ סענט ביים היגן פעטער", — האָט ער אים געשריבן.

געפירט האָט ער זיך אין טשאַרלסטאָן אויפן זעלבן שטייגער ווי אין פילאַדעלפיע. ווען נאָר ער האָט געהאַט צייט, איז ער געזעסן אין ביבליאָטעק. זיין צוגעבונדנקייט צום טעאַטער איז דאָ נישט געוואָרן לויזער אויף אַ האָר. ער איז באַלד געוואָרן אַן איינגייער אין טשאַרלסטאָנער טעאַטער.

דער פעטער זיינער איז געוואָרן אַביסל אָפּגעקילט צו אים. ס'איז אים נישט געווען צום האַרצן. וואָס דער פּלימעניק גיט אוועק אַזויפיל צייט דער ביבליאָטעק, און ביז שפּעט ביינאַכט ליגט ער אין טעאַטער.

ער האָט אייגנטלעך גאָרנישט געקאָנט האָבן צו אים. ביים אַדוואָקאַט האָט ער געאַרבעט; געשריבן האָט ער אויך פון צייט צו צייט פאַר דער צייטונג; טאָ וואָס איז דען אַזוי שלעכט אין דעם, וואָס ער זיצט אָפּ שעהן אין ביבליאָטעק, אָדער ער איז אַן איינגייער אין טעאַטער?

דאָס האָט אָבער נישט געזען זיין פעטער, דער סוחר. געמיינט האָט דער פעטער, אַז מרדכי וועט גוט פאַרדינען פון שרייבן. ווען דער רעדאַקטאָר האָט געלויבט מרדכים שרייבן און געזאָגט, אַז אַזאַ שרייבער וועט ער קאָנען נוצן, האָט ער געמיינט, אַז דער פּלימעניק וועט שוין זיין פאַרזיכערט מיט פּרנסה.

איצט האָט ער געזען, אַז אויף צו לעבן פון שרייבן קאָן זיך מרדכי נישט פאַרלאָזן. איז דאָס שרייבן נישט קיין פּרנסה. וואָלט ער געדאַרפט זוכן עפּעס אַנדערש צו טון, ביז ער וועט קאָנען אָנהויבן צו פאַרדינען פון אַדוואָקאַטור. פון זיצן אין ביבליאָטעק וועט ער זיכער נישט האָבן קיין ברויט, און דאָס ליגן אין טעאַטער וועט אים ערשט מאַכן פאַר אַ ליידיקגייער.

אַביסל האָט ער זיך געשראָקן, אַז דער פּלימעניק גייט אויף אַ קרומ־

מען וועג; אָבער נאָך מער האָט ער מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט אַרויפֿוואַרפֿן אויף אים דעם גאַנצן יאָך.

די מורא ער זאָל נישט מוזן אויסהאַלטן דעם פּלימעניק, אָדער זיין געצווּונגען צו זאָגן אים, אַז ס'איז צו שווער פֿאַר אים, צוזאַמען מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעפֿונען, אַז זיין שרייבן איז נישט קיין פּרנסה, האָבן אים אָפּגעקילט און פֿאַרקלענערט זיין אָפּשיי פֿאַר מרדכין.

און אפֿילו נאָך דעם, ווי מרדכי האָט שוין געקראָגן געלט געשיקט פֿון זיין פֿעטער נפֿתלי פֿיליפּס, איז דער טשאַרלסטאָנער פֿעטער נישט געוואָרן צוריק וואַרעם צו אים. זיין קילקייט איז נאָך געוואָרן גרעסער.

דאָס, וואָס ער האָט געקראָגן געלט פֿון אַ פֿעטער, האָט פֿאַרשטאַרקט אין אים די מורא, אַז דער פּלימעניק וועט מיט דער צייט קומען צו אים נאָך געלט. יענער פֿעטער, וואָס איז אַזוי ווייט, אַזש אין ניו־יאָרק, וועט דאָך אים נישט שיקן געלט כסדר, און אַז דאָס געלט וועט זיך אויסלאָזן, צו וועמען וועט ער גיין, דער פּלימעניק, אויב נישט צו אים, דעם פֿעטער, וואָס איז דאָ לעבן אים?

מרדכי האָט נישט באַמערקט דעם פֿעטערס אָפּגעקילטקייט. ער האָט נישט געהאַט קיין פֿרייע מינוט. אויסער דער אַרבעט ביים אַדוואָקאַט, לייענען ביכער וועגן יוריספּרודענץ, האָט ער געלייענט שיינע ליטעראַטור; יעדע נייע דראַמע, וואָס ער האָט געקאָנט קריגן, האָט ער געלייענט. ער האָט געלייענט היסטאָרישע ווערק אַלטע און מאָדערנע, און ער איז דערצו געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכער לייענער פֿון ביכער בכלל. האָט ער זיך פֿלוצלינג גענומען לערנען פֿראַנצויזיש, שפּאַניש; דווקא ביידע שפּראַכן אויף אַמאָל.

ער האָט געוואָלט לייענען די מייסטערס פֿון די דאָזיקע שפּראַכן אין אָריגינאַל. דאָס טעאַטער האָט ער דאָך אויך נישט פֿאַרנאַכלעסיקט. טאָ ווי האָט ער געקאָנט זען, צי דער פֿעטער איז נאָך אַלץ וואַרעם צו אים אָדער געוואָרן קאַלט?

וועגן פֿאָטער האָט ער נאָך נישט געהאַט דערמאָנט אַ וואָרט פֿאַר דער משפּחה. זיי האָבן געשוויגן, נישט געוואָלט אויפֿרודערן אַ ווונד; און ער — ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אָנהויבן צו רעדן מיט זיי וועגן אים, וועט ער שוין מער נישט קאָנען בלייבן ביי זיי; ער וועט מער נישט קאָנען וווינען ביי דעם פֿאָטערס ברודער.

ער האָט נישט אויפֿגעהערט מיט אַלע זיינע גלידער צו זיין וואַך פֿאַר אַ שפּור פֿון זיין פֿאָטער. די לופֿט האָט ער אויסגעשמעקט, טאָמער וועט ער אויפֿכאַפּן אַ צייכן פֿון אים. געשטאַנען אויף דער וואַך יאָ,

אָבער ארויסרעדן זיין נאָמען האָט ער נישט געוואָלט. אויף איין רגע איז ער אים נישט ארויס פון געדאַנק; ער האָט אָבער מורא געהאַט צו דער־מאָנען אים.

***

אומרואיק, שטורמיש, איז געווען דער אָנהויב פון דעם 19טן יאָר־הונדערט. פול מיט שטאַרקע, אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, גוטע און בייזע, צען בייזע פאַר יעדער איין גוטער.

נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען איין לאַנד נאָכן אַנדערן. ער האָט גע־וואָלט צעשמעטערן ענגלאַנדס הערשאַפט און דעראָבערן די וועלט. פון איין זייט האָט ער געמאַכט אונטערטעניק לענדער און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געבראַכט פרייהייט פאַר פאַרשקלאַפטע פעלקער. ענגלאַנד האָט געזען די געפאַר, וואָס נאַפּאָלעאָן איז פאַר איר מאַכט. און זי האָט זיך געגרייט אים צו פאַרניכטן. א מלחמה אויף לעבן און טויט איז גע־גאַנגען צווישן ענגלאַנד און נאַפּאָלעאָנען.

אין דעם גרויסן געפעכט צווישן די צוויי ריזיקע כוחות פאַר מאַכט איז פאַרפלאָנטערט געוואָרן גאַנץ אייראָפּע. די יונגע רעפּובליק פון דער נייער וועלט, די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אויך אריינגעשלעפּט גע־וואָרן.

נאָך די פיר יאָר אומפּרוכטבאַרע און אויפגערעגטע פון פּרעזידענט עדעמסעס אַדמיניסטראַציע מיט אירע קרומע, אומפרייהייטלעכע געזעצן, איז געקומען די אַדמיניסטראַציע פון דעם גרויסן פרייהייט־גייסט, טאָ־מאַס דזשעפערסאָן. ער האָט פאַרגרעסערט די צאָל שטאַטן פון דער רע־פּובליק און ער האָט פאַרטאָפּלט די טעריטאָריע אירע. נישט מיט גע־וואַלד, נאָר אויף א פרידלעכן וועג — פון נאַפּאָלעאָנען האָט ער אָפּגע־קויפט די לואיזיאַנאַ טעריטאָריע. פופצן מיליאָן דאָלאַר האָט דזשעפער־סאָן באַצאָלט פאַר דעם שטיק לאַנד, וואָס איז געווען בעסער ווי די גאַנ־צע רעפּובליק.

די לואיזיאַנאַ טעריטאָריע איז געווען שיטער באַוווינט, און פיל איינפלוסרייכע בירגער האָבן זיך געשטעלט קעגן דעם קויף. זיי האָבן גע־זאָגט, אז דאָס געלט איז ארויסגעוואָרפן. הונדערטער יאָרן וועט דויערן ביז דאָס לאַנד וועט ווערן באַזעצט. א טייל פון די קעגנער האָבן גע־וואָלט, אז די ניי־ענגלאַנד שטאַטן, וואָס זענען געווען קעגן דעם קויף, זאָלן זיך אָפּרייסן פון דער רעפּובליק, אויב דזשעפערסאָן וועט קויפן לו־

איזיאנא. אָבער דער גרויסער פּרעזידענט דזשעפערסאָן האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די קעגנער. דערצו האָט ער געהאַט די שטיצע פון דעם ברייטן עולם, און ער האָט פאַרגרעסערט דעם שטח פון דער רעפּובליק.

דעמאָלט, אין דעם זעלבן צענדליק יאָרן איז אויך דערפונדן געוואָרן די דאַמף־שיף, ראָבערט פולטאָן, דער דערפינדער פון דאַמף־שיף האָט אין יענע יאָרן געלאָזט לויפן אויף דעם האדסאָן טייך זיין דאַמף שיף אינמיטן פון געלעכטער און שפּאָט פון אַלע זייטן. ער האָט געבויט די שיף אויף דאַמף וואָס האָט איבערגערודערט די וועלט.

אַזוי איז אין יענער צייט געווען ברכה און קללה פאַר די מענטשן. דער מענטשלעכער גייסט האָט געזוכט און געשאַפן אויסבעסערונגען פאַר דער מענטשהייט, געעפנט נייע וועגן, אַנטפּלעקט פאַרהוילענע ווערטן, און דער מענטשלעכער גייץ, האָט צעשטערט, פאַרניכטעט און פאַרגאָסן בלוט.

ביי די צוויי קריגנדיקע מלוכות, ענגלאַנד און פראַנקרייך, איז די יונגע רעפּובליק פון דער נייער וועלט געוואָרן אַ באַלעם אין די הענט, אויסצושפּילן איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע. ענגלאַנד האָט אויסגערופן אַ בלאָקאַדע אויף פראַנקרייך און נאַפּאָלעאָן האָט דערקלערט אַ בלאָקאַדע אויף ענגלאַנד. נאַפּאָלעאָן האָט נישט געוואָלט צולאָזן קיין שיפן צו די ענגלישע פּאָרטן און ענגלאַנד האָט נישט געוואָלט צולאָזן קיין שיפן צו די פראַנצויזישע פּאָרטן.

די אַמעריקאַנער סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט ביידע מלוכות. זענען געגאַנגען אַמעריקאַנער שיפן מיט סחורות קיין ענגלאַנד און קיין פראַנקרייך. די שיפן האָבן אָבער נישט דערגרייכט זייער ציל. זיי זענען נישט דערפאָרן צו די פּאָרטן, וואָס זענען געווען פאַר זיי באַשטימט.

ענגלישע קריגס־שיפן האָבן געלויערט אויף די אַמעריקאַנער האַנדלס־שיפן, וואָס זענען געגאַנגען קיין פראַנקרייך, און זיי האָבן זיי גענומען געפאַנגען. דאָס זעלבע האָבן געטון פראַנצויזישע קריגס־שיפן מיט די אַמעריקאַנער האַנדלס־שיפן וואָס זענען געגאַנגען קיין ענגלאַנד.

הונדערטער שיפן מיט סחורה האָבן פאַרלוירן אַמעריקאַנער סוחרים אין אַ מלחמה, וואָס זייער לאַנד איז געווען נייטראַל. די אָנפאַלן פון די ענגלענדער און פראַנצויזן אויף אַמעריקאַנער שיפן האָבן אַרויסגערופן גרויס צאָרן אין אַמעריקע. פון אַלע זייטן איז געוואָרן אַ שטורעם קעגן די אומגערעכטע אָנפאַלן.

פיל מענטשן האָבן געפאָדערט קריג קעגן די אָנפאַלער. פּרעזידענט דזשעפערסאָן האָט אָבער נישט געוואָלט קיין קריג, און כדי צו פאַר־

מיידן אריינגעשלעפט צו ווערן אין קריג, האָט ער דורכגעפירט אַ געזעץ קעגן האַנדל מיטביידע מלוכות.

דאָס האָט שוין אָבער אויפגערעגט די סוחרים. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דעם האַנדל. זיי האָט זיך בעסער געלוינט צו האַנדלען מיט ביידע, כאָטש זיי האָבן פאַרלוירן אַזויפיל שיפן. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געמוזט אַזוי טייער באַצאָלן פאַר די סחורות, וואָס זיי האָבן געקראָגן, אַז זיי האָבן שוין באַצאָלט אויך פאַר די פאַרלוסטן פון די פאַרכאַפּטע שיפן.

די רייכע שיף־אייגנטימער האָבן געשריגן:

— וואָס אַרט אייך אויב מען פאַרכאַפּט שיפן, אַז אונדז אַרט עס נישט. מיר דערלייגן נישט דערצו. זיי באַצאָלן פאַר אַלצדינג.

זיי האָבן ווייטער געוואָלט אָנגיין מיט דעם האַנדל מיט ביידע מלוכות. די, וואָס האָבן געפאָדערט קריג קעגן די אָנפאַלער, האָבן געהאַט זייערע טענות:

— עס האַנדלט זיך נישט אין דעם צי איר פאַרלירט געלט אָדער איר פאַרדינט. עס האַנדלט זיך אין אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט. איז אונדזער לאַנד אַ פרייִ לאַנד און אַנדערע מלוכות מוזן רעספּעקטירן אונדזער פאָן, אָדער נישט? יעדע מלוכה וואָס רעספּעקטירט נישט אונדזערע רעכט מוז ווערן געצווּנגען דאָס צו טון.

דאָס לאַנד איז געוואָרן צעטיילט. איין טייל האָט געהאַלטן מיט ענגלאַנד. די זיינען געווען די גרויסע גבירים, וואָס האָבן געהאַלטן מיט דעם ענגלישן קעניג בשעת דער רעוואָלוציע. זיי האָבן גאָר נישט געוואָלט אָפּרייסן ס׳לאַנד פון ענגלאַנד. אַן אַנדער טייל, דער ברייטער עולם, האָט געהאַלטן מיט פראַנקרייך. ער האָט נאָך געדענקט די צרות, וואָס ענגלאַנד האָט אָנגעטון דעם לאַנד, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז ענגלאַנד וויל נאָך ווייטער אָנטון צרות די פאַראייניקטע שטאַטן.

דזשעפערסאָן, וועמענס אָנהענגער האָבן געשטיצט פראַנקרייך, האָט נישט געוואָלט זיך שטעלן אויף קיינעמס זייט. איינע איז נישט בעסער פאַר דער אַנדערער, האָט ער געהאַלטן. און ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט:

— ענגלאַנד איז אַ נעסט פון פיראַטן און פראַנקרייך אַ נעסט פון גנבים. דאַרף מען זיך פוןביידן האַלטן פונדערווייטנס.

דאָס לאַנד האָט אָבער נישט גערוט. וואָס אַ טאָג איז אַלץ גרעסער געוואָרן דאָס געשריי קעגן די אָנפאַלן אויף די אַמעריקאַנער האַנדלס־שיפן.

מרדכי, דער פייערדיקער דזשעפערסאָניאַנער, ביי וועמען דזשעפער־סאָנס אַ וואָרט איז געווען אַ ליב און הייליק געבאָט, האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ שאַרפע אַגיטאַציע קעגן ענגלאַנדס אָנפאַלן אויף אַמעריקאַנער שיפן.

דער עיקר קעגן ענגלאַנד. ער איז אויך געווען קעגן פראַנקרייכס אָנ־פאַלן. אָבער אין פראַנקרייכס אָנפאַלן האָט ער נישט געזען דעם ווילן פון באַהערשן, ווי ער האָט דאָס געזען אין ענגלאַנדס אָנפאַלן.

— ענגלאַנד מוז אויפהערן אָנצופאַלן אויף שיפן מיט דער אַמערי־קאַנער פאָן! — האָט געפייערט מרדכי — אויב זי וויל נישט מיט גוטן, מוזן מיר זי צווינגען דערצו מיט בייזן!

די אַגיטאַציע האָט ער אָנגעהויבן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין טשאַרלס־טאָן.

אין דעם רייכן פּאָרט טשאַרלסטאָן זענען געווען אַ סך רייכע לייט, שיף־אייגנטימער, וואָס האָבן געהאַלטן מיט ענגלאַנד. דער גרויסער עולם האָט אָבער געברענט קעגן ענגלאַנד. ביידע צדדים האָבן זיך צעטיילט אויף דזשעפערסאָנס אָנהענגער און זיינע קעגנער. זיי האָבן זיך אַרומגע־ריסן, ס'איז געקומען צו אָפטע מחלוקת. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן שאַרפער פון טאָג צו טאָג.

איטלעכער צד האָט געוואָלט געווינען דעם עולם אויף זיין זייט, און אומאָפּגערעדטערהייט האָבן זיי זיך גענומען פאַר דעם אַלטן מיטל: צו פאַרזאַמלונגען. יעדע גרופּע האָט אויף איר חשבון גערופן מיטינגען אין פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט, אַרויסגעשטעלט די בעסטע רעדנער.

מרדכי איז געגאַנגען צו אַ פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג איז גע־רופן געוואָרן פון די רייכע לייט. זיי האָבן אָנאָנסירט די באַרימטסטע רעדנער. האָט מרדכי פאַרשטאַנען, אַז דאָרט וועט אַ סך ווערן גערעדט קעגן נעמען אַ פעסטע שטעלונג קעגן ענגלאַנד. איז ער אַהין געגאַנגען.

עס איז געקומען אַ צו גרויסער עולם. דער זאַל איז געווען צו קליין און האָט נישט געקאָנט אַריינגעמען אַפילו אַ העלפט פון די וואָס האָבן זיך געשטופּט אַריינצוגיין. האָבן די אָרגאַניזירער פון דער פאַרזאַמלונג אַלעמען גערופן צו גיין אין דער נאָענטער קירך אַריין.

איין רעדנער נאָכן אַנדערן האָבן גערעדט. זיי האָבן געשטורעמט קעגן די וואָס ווילן אַריינשלעפּן דאָס לאַנד אין אַ קריג מיט ענגלאַנד.

— די מלחמה־העצערס זענען נישט קיין אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן — האָבן זיי געשריגן. — זיי זענען פראַנצויזישע אַגענטן, נאַפּאָלעאָנס אַגענטן.

דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ האַנט, געבליבן שטיין אין דער לופטן. ווייט פון דעם אַלטאַר, באַלד ביי דער טיר, איז איבער אַלעמענס קעפּ געשטאַנען די האַנט.

— יאָ, וואָס וויל דאָרט דער דזשענטעלמאַן? — האָט געפרעגט דער פּאָרזיצער.

— איך בעט אַ וואָרט — האָט געענטפערט דער, וועמענס האַנט עס איז געשטאַנען איבער אַלעמענס קעפּ.

אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער האַנט, צום קול, און זיי האָבן גאָר געמוזט אַרויפקוקן! ער איז געשטאַנען אַזאַ הויכער און איבער זיין קאָפּ די האַנט הויך אויסגעשטעלט.

— אַ פּרעמדער, מסתמא — האָט יעדער איינער געקראָגן אַן ענט־פער.

ער איז נישט געשטאַנען פאַר זיי קיין גאַנצע מינוט און ער האָט זיי פּאַראינטערעסירט. מיט זיין קול מיט דער שפּראַך, וואָס ער האָט באַ־נוצט, האָט ער אַרויסגערופן זייער נייגעריקייט פון אַנהויב־אָן, כאָטש זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט אויף וועלכן צד ער שטייט.

אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ היסטאָרישן איבערבליק. ער האָט גע־רעדט וועגן דער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, וועגן גענעראַל מעריאָן, דעם טשאַרלסטאָנער העלד, וועגן דעם זיג איבער ענגלאַנד און וועגן די ער־שטע טריט פון דער רעפּובליק.

ביז אַהער איז שוין ענגלאַנד געשטאַנען פאַר די אויגן פון די פאַר־זאַמלטע הויל, נאַקעט. יעדער איינער האָט געזען ווי זי האָט באַהערשט די האָלאָניעס און ווי זי האָט וווּיטער געוואָלט זיי באַהערשן און זיי פאַר־שקלאַפן.

דאָ האָט דער רעדנער אויסגערופן:

— ענגלאַנד האָט נאָך נישט געענדיקט די מלחמה. אויף איין מינוט האָט ענגלאַנד נישט אויפגעהערט קעמפן קעגן דער אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך האָט ענגלאַנד נישט אָפּגעשטעלט אירע קריגערישע אינטריגעס קעגן אונדזער רעפּובליק. זי האָט אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך, ווייל זי איז געווען געצוווּנגען דערצו. געטון האָט זי דאָס נאָר מיטן מויל, אָבער דאָס האַרץ איז נישט געווען דערביי. די שווערד האָט זי נישט אומגעקערט אין שייד אַריין, נאָר באַהאַלטן אונ־טערן מאַנטל, גרייט צו יעדער מינוט אַריינצושטעכן אין האַרץ פון אונ־דזער פאָלק.

אין זיין רעדע האָט ער נישט געהעצט צו מלחמה, נאָר גערופן צו

באשיצן די אייגענע פרייהייט. זיינע רייד האָבן נישט געשמעקט מיט בלוט, זענען געווען דורכגעגליט אין דעם אייביקן, אומפאַרלעשבאַרן פייער פון פרייהייט. אין ליכט פון דעם אייביקן פייער האָבן געלויכטן זיינע רייד און אָנגעגאָסן די הערצער פון זיינע צוהערער מיט גרויס ליבשאַפט צו פרייהייט. און אַפילו די וואָס האָבן געהאַלטן מיט ענגלאַנד און זיי האָבן זייערע קעגנערס רייד איבערגעריסן, פאַרשריגן, האָבן איצט גע־שוויגן. זיי האָבן געעפנט די מיילער אים איבערצורייסן און זענען גע־בליבן אַזוי מיט אָפענע מיילער פון פאַרגאַפונג פון זיינע שיינע געדאַנ־קען, אויסגעדריקט אין אַזאַ פּרעכטיקער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען אַזוי אמת, אַזוי ערלעך.

געשפּאַנטע, פאַרגאַפטע, אין גרויס פאַרגאַפונג איז געזעסן דער עולם; שטיל, מורא געהאַט זיך צו טון אַ ריר, נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט.

— מיר טאָרן נישט דערלאָזן אַז דער ענגלישער קעניג זאָל זיך קאָ־נען איינרעדן, אַז מיר זענען אים נאָך אַלץ אונטערטעניק — האָט ער געוואָרנט די פאַרזאַמלטע. אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן נאָך עמיצער, וואָס קען גלויבן, אַז מיר זענען נישט פריי, איז דאָס אַ סימן, אַז מיר זענען טאַקע נאָך נישט פריי; אַז דער קאַמף, וואָס אייערע זיידעס, טאַ־טעס, ברידער און אויך מוטערס און שוועסטער האָבן געפירט; דער קאַמף, וואָס מיין זיידע האָט געפירט און — (נישט מיט זיין ווילן האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן די צוויי ווערטער) מיין טאַטע (ער איז דערביי געוואָרן בלאַסער, האָט שוין אָבער פאַרענדיקט דעם זאַץ) אונטער דער פירערשאַפט פון דעם היגן העלד, גענעראַל מעריאָן, אָט דער קאַמף האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. מיר מוזן אים ווייטער פירן!

די פריערדיקע רעדנער זענען נישט געוואָרן אַפּלאָדירט. אויס רעס־פּעקט צום אָרט, די קירך, האָבן די צוהערער זיך צוריקגעהאַלטן פון אַפּלאָ־דירן, חוץ דעם האָט דער פּרעזיצער אין אָנהייב פון מיטינג אָנגעזאָגט דעם עולם נישט צו אַפּלאָדירן. אויף אויסצודריקן זייער צושטימיקייט מיט אַ רעדנער האָבן זיי אים צוגעוואָרפן אויסרופן.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט מרדכין. ווי נאָר ער האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט אַן אויגנבליק געהערשט אַ טיפע שטילקייט. מען האָט, דאַכט זיך, אַפילו נישט געהערט קיינעמס אָטעם. און פּלוצים האָט זיך אַ טראָג געטון אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. דער ערשטער שטורעם האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. אַלץ האָט געשטורעמט שטאַרק און שטאַרקער. באַלד האָבן עטלעכע זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ קירך, האָבן זיי אָפּגעבריטע

א ריס געטון די הענט. דער שטורעם איז אָפּגעפאַלן. נאָך א היפּשע ווײַלע האָבן זיך פון דאַנען און פון דאָרטן געטראָגן אָפּקלאַנגען.

— ווער איז ער?

איינער דעם אַנדערן האָט געפרעגט די פראַגע. א סך האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן, צוגעלאָפן צו אים און געדריקט די האַנט. דער עולם אַרום אים איז געוואָרן גרעסער און זיי האָבן שוין געדריקט איםביידע הענט. אָנגעכאַפּט ביי די עלנבויגנס, ביי די אַקסלען, געדריקט דאַנקבאַר.

— אַ דאַנק!

— וואונדערלעך!

— גרויס!

דער אַלטער דאָקטאָר, פון די צייטן פון דער רעוואָלוציע, האָט א זאָג געטון הויך:

— גאָט זאָל אייך בענטשן, ברודער רעדנער. זינט די טעג פון דער רעוואָלוציע, איבער דרייסיק יאָר, האָב איך נישט געהערט אַזאַ רעדע. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן! — האָט דער אַלטער גערעדט און דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַמט. — נאָר די ערשטע רעוואָלוציאָנערן האָבן גע־רעדט ווי ער, מיט אַזאַ פייער, אַזאַ וואַרהאַפטיקייט ווי איר האָט גע־הערט — האָט דער דאָקטאָר גערעדט צו די אַרומיקע — איך האָב דאָך שוין עפּעס זיך אָנגעהערט מיט רעדנער, אָבער אַזאַ רעדנער ווי דער, האָב איך נאָך נישט געהערט זייט די רעוואָלוציע־טעג.

מרדכי איז געוואָרן רויט, לויב־רייד האָבן, אייגנטלעך, שוין לאַנג נישט געדאַרפט ווירקן אויף אים. פון קינדווייז אָן הערט ער נישט אויף צו הערן ווי מען לויבט אים. פונדעסטוועגן איז ער געוואָרן רויט, ווי עס איז שטענדיק מיט אים, ווען נאָר מען לויבט אים.

— אָבער, איך בעט אייך, ברודער רעדנער, — האָט דער דאָקטאָר נישט אָפּגעלאָזט און אים אויך נישט געלאָזט רעדן, — ווער זייט איר? וואָס איז אייער נאָמען?

באַשיידן האָט מרדכי געזאָגט:

— נח, מאָרדעקאַי מאַנועל נח.

— ווי? פון די היגע נחס? — האָט דער דאָקטאָר זיך געכאַפּט.

און ער איז נישט געווען דער איינציקער. אַנדערע האָבן אויך גע־קענט די טשאַרלסטאָנער נחס.

— באַלד, לאָזט נאָר, איך בעט אייך, נח? מענועל נח? — האָט גע־רעדט דער דאָקטאָר און זיך געוואָלט דערמאָנען. — אייער טאַטע, האָט איר געזאָגט, האָט געקעמפט אונטער דעם גענעראַל מעריאָן? איין מינוט,

זיין אזוי גוט. האָט נישט אייער פאָטער געהייסן מענועל נח? יאָ, יאָ, איך זע טאַקע, איר זייט אזוי ענלעך צו אים!

די גאַנצע פרייד, וואָס מרדכי האָט געהאַט, געווינענדיק אַזאַ גרויסע פּאַרזאַמלונג אויף זיין זייט, איז אין אַ רגע אויסגערונען. באַקאַלטן, פּאַרלייקענען האָט ער אָבער אויך נישט געוואַלט.

— יאָ, ער — האָט ער געזאָגט אַ בלאַסער.

דאָ האָט דער דאָקטאָר צוגערופן אַ פּאָר עלטערע באַקאַנטע זיינע.

— אַן אונדזעריקער! — האָט ער אָנגעוויזן אויף אים. — איר גע־דענקט דאָך דעם סוחר מענועל נח?

— דער, וואָס איז אַוועק מיט גענעראַל מעריאַן? — האָט איינער איבערגעפרעגט.

— יאָ, יאָ. ער, דער רעדנער, איז דאָך זיין זון. פון אונדזער טשאַרלסטאָנער סחורה!

פון רגע צו רגע איז מרדכין געוואָרן אומאַנגענעמער, שווערער. זיי וועלן פּאַרפירן אַ שמועס וועגן פאָטער, און וואָס וועט ער זיי זאָגן?

וואָלט עס מסתמא געווען ווי ער האָט מורא געהאַט, נאָר די פירער פון די דזשעפערסאָניאַנער האָבן אים געראַטעוועט. זיי האָבן אים באַ־גריסט און אים איינגעלאַדן צו קומען אין זייער קלוב.

— אַזאַ ווי איר דאַרפן מיר דאָ שטאַרק האָבן. איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, טאָ זייט מיט אונדז.

— הערט נאָר, איך בעט אייך — האָט דער דאָקטאָר נישט אָפּגע־לאָזט. — איר האָט דאָך געשריבן דאָס אַרטיקל וועגן דער ביבליאָטעק און געיעג־פערד. איר איאָ? ערשטער קלאַס! פון דעם ריכטיקן שטאָף אַזוי זענען זיי געווען, די ערשטע, פון די רעוואָלוציע־טעג.

מרדכי האָט אים געדאַנקט פּאַר זיינע האַרציקע רייד און דאָך זיך אָוועקגעריסן פון אים, וואָס גיכער. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט ווידער אָנהייבן צו רעדן פון דעם פאָטער.

אַהיימגעגאַנגען איז ער נישט אַליין. פון קירך אַרום זענען מיט אים מיטגעגאַנגען עטלעכע פון די פירער פון די דזשעפערסאָניאַנער, די רעפּובליקאַנער. אין דרויסן איז דער עולם אַרום אים געוואָרן גרעסער און גרעסער. אַ גרויסער טייל פון די, וואָס זענען געווען אויף דער פּאַרזאַמ־לונג, זענען מיט אים מיטגעגאַנגען, זענען אים נאָכגעגאַנגען, געקוקט אויף אים מיט באַגייסטערונג, באַוווּנדערונג, און ער, אַ הויכער, אַ גליי־כער, און כאָטש ער האָט אַביסל איינגעבויגן דעם קאָפּ איז ער אַלץ גע־ווען העכער פון אַלעמען, איז אַזוי געגאַנגען איבער דער גאַס, אַרומגע־

רינגלט פון א גרויסן עולם, וואס איז אים נאכגעגאנגען, נישט געקוקט, ווי זיי גייען, נאר געקוקט אויף אים.

אויפן וועג זענען מענטשן ארויס פון די קראמען, פון די הייזער; קופקעס מענטשן, וואס זענען געשטאנען אין מיטן גאס, האבן געזען דעם גרויסן עולם, וואס פירט עפעס א פרעמדן, קוקן אויף אים מיט צעפלאמטע פנימער, זענען זיי אויך צוגעשטאנען צו דעם עולם, מיטגעגאנגען, שטיל געשאקלט מיט די קעפ אויף דעם פרעמדן.

— ווער איז ער?

— דער נייער רעדנער! — איז געקומען אן ענטפער אין עקסטאז פון פיל מיילער.

— דער נייער רעדנער! האט מען אים נאכגעקוקט, געטייטלט מיט די פינגער.

— דער נייער רעדנער!

און דער דאקטאר איז געגאנגען און געהאלטן אין איין איבערחזרן:

— זינט די רעוואלוציע־טעג האב איך נאך נישט געהערט אזא רעדע!

צווישן עולם זענען געווען עטלעכע פעדעראליסטן, דזשעפערסאנס קעגנער. זיי זענען אויך געווען אונטער דעם מעכטיקן איינדרוק פון זיינע רייד, און דאס הארץ האט זיי געזאגט, אז פון דעם נייעם רעדנער וועלן זיי האבן א סך צרות.

— א פארפלוכטער דעמאקראט! — האט געזאגט איינער פון זיי שטיל, נאכדעם ווי ער האט זיך ארומגעקוקט צי די רעפובליקאנער הערן אים נישט.

— ריכטיק! א דעמאקראט! זיי זאגן נאר, אז זיי זענען רעפובליקאנער, אפצונארן דאס פאלק, אין דער אמתן זענען זיי אבער דעמאקראטן, פארשאלטענע דעמאקראטן, וואס ווילן איבערקערן די אָרדענונג, חרוב מאכן די וועלט.

— פארדאמטע דעמאקראטן!

די רייד פון עטלעכע פעדעראליסטן זענען אבער פארטרונקען געווארן אין דעם ים פון באגייסטערונג פון דעם גרויסן עולם, וואס איז אים אליין נאכגעגאנגען און שטיל געזאגט איינער צום אנדערן:

— דער נייער רעדנער!

***

מרדכי האָט געקראָגן אַ בריוו פון דער באָבע רבקהן.

„מיין קינד", האָט זי אים צווישן אַנדערע זאַכן געשריבן, „איך בין אומרואיק וועגן דיין שוועסטער, זאָל געזונט זיין, וועגן יהודיתן. איך אין אירע יאָרן, האָב שוין געהאַט דריי קינדער. די מאַמע אייערע, עליה השלום, די באַטריבטע מאַמע אייערע, איר זאָלט נאָר האָבן אַ בעסער מזל ווי זי האָט, נישט פאַר אייך געדאַכט, געהאַט, זי האָט דאָך אויך שוין געהאַט דיך. וואָס טוט מען אָבער, אַז יהודית, זאָל זיין געזונט, האָט נאָך נישט חתונה געהאַט? זי איז נאָך אַפילו נישט קיין כלה. זי וויל נישט הערן און גערעדט קענען פון אַ שידוך. איך ווייס נישט וואָס מען טוט, מרדכי טייערער, זי זאָל אײַנגיכן ווערן אַ כלה.

„זי האָט געהאַט טייערע שידוכים. איינער איז אייזיק פּרענקס אַ קרוב. חיים סאַלאָמאָנס ייִנגסטער בחור גייט־אויס נאָך אירע טריט. פון ניופאָרט האָט מען איר גערעדט צוויי שידוכים: אַ לאָפּעז און אַ קאַר־דאָזאָ. זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון קיינעם און זי וויל נישט הערן.

„איך האָב זיך געבעטן ביי איר: „גיי, מיין קינד. זע זיך מיט זיי. אַז זיי וועלן דיר נישט געפעלן איז נישט. קיינער וועט דיך, חלילה, נישט נויטן". וויל זי אָבער נישט. „באָבע", זאָגט זי, „איך וויל זיי נישט זען, קיינעם נישט זען". אַז זי וויל נישט רחל סאַלאָמאָנס ייִנגסטן בחור — אים קען זי דאָך! איך זאָג דיר, קינד מיינס, אַז ער איז אַ בחור נאָר אַ ברכה צו מאַכן איבער אים. אַ טייערער קינד, זייער געראָטן, טויג זיך צו געשעפט און איז מקיים כיבוד־אָם נאָך מער ווי מען דאַרף, און זי וויל אים אויך נישט. און אַז זי וויל אים אויך נישט, איז עק וועלט. עפּעס איז דאָ נישט, האָב איך מורא, אַלץ ביים גלייכן. דאָס האַרץ שרעקט מיך, ווער ווייסט, וואָס עס איז מיט דעם קינד? איך קאָן מיר נישט געבן קיין עצה. איך בין דאָך, ליידער, נישט מער ווי אַ שוואַכע פרוי. ווייס איך נישט וואָס צו טון.

„דעריבער בעט איך דיך, און עס איז די עצה פון מיר, דיין באָבע, וואָס האָט אייך, קינדער, ליב ווי די אויגן אירע אין קאָפּ, נאָך מער ווי די אויגן אירע אין קאָפּ, אַז דו זאָלסט טראַכטן פון דעם און זען אפשר קאָנסטו עפּעס טון דערצו, אַז דיין שוועסטער, זאָל זיין געזונט, זאָל זיך פירן ווי ביי לייטן און ווערן מיט מזל אַ כלה. ווײַסט, מיין ליב קינד, דערפרייען מיין האַרץ און אָנטון אַ נחת־רוח דיין מאַמען אויף יענער וועלט".

ער האָט אָפּט געשריבן צו דער באָבען. אַ סך מער ווי זי צו אים.

ער האָט נישט געוואָרט, ביז ער וועט דאַרפן שרייבן אַן ענטפער אויף אירע בריוו. און אַוודאי האָט ער תיכף געענטפערט אויף אירע בריוו. נאָר אויף דעם בריוו האָט ער נישט באַלד געענטפערט. ער האָט גאָרנישט געשריבן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו שרייבן. וואָס זאָל ער זאָגן דער באָבען? פאַרשווייגן דאָס האָט ער אויך נישט געקאָנט. האָבן די הענט זיינע פשוט זיך נישט גענומען צו שרייבן צו איר.

עפּעס ערגערס האָט ער איר גאָרנישט געקאָנט אָפּטון ווי נישט שרייבן צו איר. ער האָט באַלד געקראָגן נאָך אַ בריוו פון איר און עס איז אים אַריבערגעלאָפן אַ שרעק פון אירע רייד.

ער האָט איר באַלד געענטפערט און ער איז נישט געווען צופרידן מיט דעם ענטפער. אַ סך בויגן פּאַפּיר האָט ער צעריסן, געשריבן און צע־ריסן, איידער ער האָט ענדלעך אָנגעשריבן דעם בריוו.

און ווי נאָר ער האָט אַוועקגעשיקט דעם בריוו, האָט עס אים אַ הייב געטון: ער פאַרט זען וואָס עס טוט זיך דאָרט. עפּעס איז דאָרט נישט גלייך מיט יהודיתן.

ווייניק געפּעק האָט ער מיטגענומען. ער קומט דאָך באַלד צוריק.

— וואָס לויפסטו? האָסט נישט קיין זיץ־פלייש? — האָט אים גע־זאָגט דער פעטער. — געראָטן אין טאַטן דיינעם! — האָט ער צום ערשטן מאָל דערמאָנט דעם פאָטער.

מרדכין האָט אַ יאָג געגעבן דאָס בלוט איבער דעם גאַנצן לייב. עס איז אים געוואָרן היים און קאַלט. אָטעם האָט אים אויסגעפּעלט. ער האָט דערפילט, ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס.

— יאָ, דער טאַטע דיינער האָט אויך קיינמאָל נישט געקאָנט איינ־זיצן אויף אַן אָרט — האָט דער פעטער צוגעגעבן, נישט באַמערקנדיק, וואָס דאָ טוט זיך מיט אים — נאָר געלאָפן, נאָר געפאָרן! אַזוי לאַנג, ביז מען ווייסט נישט, ווו זיין געביין איז אהינגעקומען. וואָס האָסטו נישט בעסער חתונה און באַזעצסט דיך אויף אַן אָרט?

און דאָ האָט מרדכין אויסגעפּעלט דער אָטעם, אַז עס האַלט אים ביים האַלדז און עס ווערגט אים און דערביי האָט ער אין האַרץ געבעטן גאָט, ער זאָל אים לאָזן לעבן, ער זאָל נאָך קענען זען די באָבע רבקהן און יהודיתן. און נאָר דאָס, האָט ער געגלויבט, האָט געהאָלפן. גאָט האָט פאַרנומען זיין געבעט און ער האָט אים אַריינגעבלאָזן פרישן אָטעם. עס האָט אים אויפגעהערט צו ווערגן.

אויף דער שיף האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם־קע־שענע. ער האָט דאָרט געפונען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ערשט טעאַ־

טער־שטיק, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק אין פילאַ־דעלפיע, כאָטש ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי עס איז דאָרט אַריינ־געקומען.

„ווען האָב איך עס אַריינגעלייגט אַהער?", האָט ער נישט אויפגע־הערט צו פרעגן זיך אין גרויס וווּנדער.

די באָבע האָט זיך געמוזט אָנשטעלן ווי זי האָט אים דער־זען. עס האָבן די פיס זיך איר גענומען וואַקלען ווי ביי אַ שיכור:

— מרדכי, מיין טייער קינד!

ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אַז זי זאָל ווען עס איז מיט אַזוי פיל פרייד האָבן אויפגענומען אירע זין, ווען זיי זענען צוריקגעקו־מען פון דער פרעמד.

דאָס פנים האָט איר געפלאַמט, ווי זי וואָלט געווען לאַנג געשטאַ־נען ביי דעם אָפענעם פייער און ווי איר אַלטע געוווינהייט, האָבן אירע פינגער געציטערט קנעפּלענדיק די קנעפּלעך פון איר בלוזע.

יהודית האָט זיך אויך שטאַרק געפרייט מיט אים. אָבער געקוקט האָט זי אויף אים נישט ווי אַ יינגערע שוועסטער, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס איז פּעסט ביי זיך, אַנטשלאָסן. און עס האָט זיך אים אַפילו אויס־געזען, אַז זי קוקט אויף אים עפּעס שטרענג.

און ווייל ער האָט געוואָלט דורכנעמען איר בליק, האָט ער לענגער געקוקט אויף איר. און עס האָט אים געגעבן אַ זעץ אין האַרץ.

איבער איר לינקער שלייף האָט אין דעם לאָק שוואַרצע האָר זיך געשלענגלט עפּעס גרויעס.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער. זי האָט ער נישט געזען, נאָר די גרויע קנייטשן. און אַזוי איז ער געגאַנגען אויף איר. נאָכגייענדיק זיינע אויגן האָט ער האַלב זיי פאַרמאַכט צו זען בעסער, און זיי אויפגעריסן.

אויף דער צונג איז אים געלעגן אַ געשריי:

— האָסט אַ גרויע האָר!

ער האָט אָבער פאַרהאַלטן דאָס געשריי, די ציין פאַרהאַקט ווי אַ טיר.

זי האָט אויפגעכאַפּט זיינע געדאַנקען און אומבאַוווּסטזיניק האָט איר האַנט זיך צוגעלייגט צו דער לינקער שלייף, און ווי איר באָבע די קנעפּלעך פון איר בלוזע, האָבן אירע פינגער געציטערט אויסגלייכנדיק די האָר.

שפּעטער, ווען די באָבע האָט אַרויפגעבראַכט דעם שמועס וועגן שי־

דוכים, האָט יהודית, קוקנדיק פעסט, אנטשלאָסן, און עס האָט אפילו אויסגעזען עפּעס שטרענג, געזאָגט רואיק:

— זיי געפעלן מיר נישט.

מרדכי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. ווי ליב ער האָט געהאַט די באָבע, האָט ער נישט געוואָלט אויפרעגן יהודיתן אין איר קעגנוואַרט. ער האָט אפילו גאָרנישט געוואָלט זי אויספרעגן. ער האָט אָבער געפילט, אַז אַלס ברודער מוז ער רעדן מיט איר. ער איז דאָך איר באַשיצער. עס איז דאָך אַזוי. נאָר זאָל כאָטש קיינער נישט זיין דערביי.

— איז וואָס האָסטו באַשלאָסן? — האָט ער זי געפרעגט.

— דאָס אייגענע וואָס דו! — איז געקומען איר ענטפער פעסט, אַנטשלאָסן, אפילו שטרענג.

ער האָט זיך געוואונדערט. די איבערגעשראָקענע שוועסטער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ביים אוועקפאָרן, איז, דאַכט זיך, פעסטער, אַנטשלאָסענער פאַר אים. ער רעדט נישט אַזוי האַרב. ער האָט אויך געוווסט, וואָס זי מיינט. ער האָט געדענקט, וואָס ער האָט איר געזאָגט פאַרן פאָרן. פונדעסטוועגן האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס? וואָס מיינסטו?

— נישט חתונה האָבן.

ער האָט זי אָנגעהויבן מקנא צו זיין. נישט נאָר די פעסטקייט אירע, נאָר מער איר רואיקייט.

ווען ער האָט איר געזאָגט די דאָזיקע ווערטער מיט יאָרן צוריק, האָט זיין קול געציטערט דערביי. ווער רעדט נאָך פון זיין שמועס מיט מערי באַטלער. זיינע רייד זענען אַרויסגעקומען ווי פון איינעם, וואָס האָט הויכע היץ. און זי, אַ שוואַכע פרוי, וואָס ער איז איר באַשיצער, ער מוז זי באַשיצן, זיין יינגערע שוועסטער, אַ יתומה, און ווי רואיק זי רעדט דאָס!

— נישט חתונה צו האָבן! — האָט ער איבערגעזאָגט.

— איך וויל נישט האָבן אַזאַ סוף ווי די מאַמע. איך וויל נישט, אַז אַ מאַן זאָל מיך אוועקוואַרפן ווי דער טאַטע האָט אוועקגעוואָרפן די מאַמען.

ער איז געוועזן צופרידן מיט איר באַשלוס. די חרפה, וואָס דער פאַטער זייערער האָט אָנגעטון זייער מוטער, האָט אים אַזוי געברענט, אַז ער איז געוועזן צופרידן, וואָס ער און זי ווילן נישט חתונה האָבן. ער האָט נאָר זי געוואָלט איבערפרעגן, צי זי ווייסט, וואָס פאַר אַ פאַראַנט-

װאָרטלעכקייט זי נעמט אויף זיך מיט איר באשלום. װייך, מיט גרויס ליבשאַפט, האָט ער זי געפרעגט:

— יהודית, האָסט זיך גוט באַטראַכט? ס'אַ װױכטיקער באַשלוס. פאַר אַ פרוי פיל שװערער װי פאַר אַ מאַן.

זי מוז האָבן אַ סך און זייער לאַנג געטראַכט װעגן דעם. װאָרום נישט געריררט פון איר פּריװדיקער רואיקייט, האָט זי גלייך געענטפערט:

— גוט באַטראַכט, ברודער מײנער. אויסגערעכנט װי עס דאַרף צו זיין. נאָך מער װי מען דאַרף.

ער איז שױן געװען פּאַרטיק. נישט געהאַט װאָס נאָך צו פרעגן. עס איז אים געװען קלאָר און ער איז דאָך געװען צופרידן. זי האָט אָבער גערעדט װייטער און ער האָט אָנגעהויבן צו װערן אומרואיק.

— װייסט, מרדכי, װען איך װאָלט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, נאָר איך װאָלט געמוזט חתונה האָבן, װאָלט איך זיך גענומען דאָס לעבן.

דאָ האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס אומגליק זייערס זאָל נישט האָבן גערירט איר מוח. אויף איר האָט דאָס שטאַרקער געװירקט װי אויף אים. האָט ער איר דאָס געװאָלט אַרויסשלאָגן פון די געדאַנקען.

— יהודיתל, שװעסטערל מיינס, דאָס רעדסטו שױן נאַרישקייטן. אַזוי שטרענג האַרפּסטו עס נישט נעמען. דאָס לעבן איז דאָס העכסטע. עס איז אַ נאַרישקייט צו קלערן, אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, נאָר װאָלסט געמוזט חתונה האָבן. אַזאַ לאַגע איז אוממעגלעך. קיינער קאָן דיך נישט צװינגען חתונה צו האָבן. נאָר װען יאָ, טאָרסטו אויך נישט קלערן פון נעמען זיך דאָס לעבן. איידער דאָס, איז שױן בעסער חתונה צו האָבן. מען דאַרף נאָר זיין שטאַרק גענוג נישט צו נעמען זיך דאָס לעבן איבער אַ מאַן, װער ער זאָל נישט זיין, צי װען מען מוז מיט אים חתונה האָבן אָדער װען ער װיל נישט חתונה האָבן, װען ער... אַנטלויפט, װען ער לאָזט איבער.

— ס'איז נישט בלויז דאָס, נישט בלויז װייל איך האָב מורא, אַז אַ מאַן װעט מיך אָװעקװאַרפן — האָט זי אים געזאָגט. — איך װאָלט נישט גענומען זיך דאָס לעבן, װען אַ מאַן װאָלט מיך אָװעקגעװאָרפן. איך האָב מורא פאַר גאָר עפּעס אַנדערש. איך װיל נישט, אַז דער טאַטע זאָל האָבן אַ יורש, אימיצער, װאָס זאָל אים נאָכגעראָטן. און אַז איך װעל שױן קריגן אַ גוטן מאַן, ער װעט זיך האַלטן מיט מיר, װאָס װייס איך, צי מיינע קינדער װעלן נישט אַרייגעראָטן אין דעם זיידן, אונ-

דזער טאַטע? קיינער קאָן מיר נישט קאַווירן, אַז מיינע זין וועלן נישט אַוועקוואַרפֿן זייערע ווייבער.

די רייד אירע האָבן אים געהויבן פֿון אָרט. אויף אַזעלכע רייד פֿון איר האָט ער זיך נישט געריכט, נישט געקאָנט זיך גאָר ריכטן. ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן אירע רייד וואָס זענען געווען פֿאַר אים אַן איבעראַשונג. און ער האָט אַ פֿאַרגאַפֿטער זיך צוגעהערט:

— מרדכי, קינדער פֿון אַזעלכע טאַטעס ווי אונדזערער איז געווען, טאָרן נישט חתונה האָבן. אויב זיי ווילן נישט, אַז נאָך מענטשן זאָלן ליידן פֿון די פֿאַרברעכנס; אויב זיי ווילן פֿאַרמיידן נייע קרבנות, טאָרן זיי נישט חתונה האָבן. עס גייט נישט דאָ אין דעם, וואָס דו זאָלסט נישט חתונה האָבן, כדי דו זאָלסט נישט אומגליקלעך מאַכן אַ מיידל. דאָס איז נישט דער עיקר. אויב נאָר צוליב דעם, וואָלסטו יאָ געקאָנט חתונה האָבן, און אָפּמאַכן ביי זיך נישט אַוועקצוואַרפֿן דאָס ווייב. וועסט מיר נישט איינרעדן, אַז דו וואָלסט נישט געקאָנט פּועלן ביי דיר אַזאַ זאַך. מיט דיר וואָלט איך שוין גראָד געווען זיכער, אַז דו וועסט עס נישט אָפּטון דיין ווייב. די מורא איז, אַז דיינע זין זאָלן נישט אַריינגעראָטן אין זייער זיידן. דיינע זין, מיינע זין, און אַפֿילו די טעכטער אונדזערע, אויף זיי מיינסטו איז נישט קיין רחמנות? מיר דאַרפֿן דאָס ברענגען טעכטער אויף דער וועלט, אַז מענער זאָלן זיי מאַכן פֿאַר עגונות? דעריבער איז דאָס בעסטע פֿאַר אַזעלכע ווי מיר, ווי דו, ווי איך, נישט חתונה צו האָבן. קינדער פֿון שלעכטע טאַטעס טאָרן נישט חתונה האָבן, וועלן זיי פֿאַרהיטן פֿון קומען אויף דער וועלט אַ שלעכטן דור. שלעכטע מענטשן דאַרפֿן בלייבן קינדערלאָז. נאָר טאָמער לאָזן זיי יאָ קינדער, פֿאַלט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די קינדער, אויב זיי פֿאַרשטייען דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס, צו ענדיקן זייער משפּחה מיט זיך, מיט זיי זאָל עס זיך ענדיקן. וועלן זיי זיין זיכער, אַז זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פֿון בייז. דעריבער וויל איך נישט חתונה האָבן, און דו ביזט גערעכט, וואָס דו ווילסט נישט חתונה האָבן, און נישט ווייל איך האָב מורא פֿאַר מיין הויט אָדער איך האָב מורא, אַז דו וועסט נישט זיין גוט צו דיין ווייב. איך וויל, אַז דאָס בייז, וואָס ליגט אין דעם בלוט פֿון די נחס, זאָל נישט גיין ווייטער. איך וויל עס אויסראָטן מיט אונדז אינאיינעם.

אירע רייד זענען געפֿאַלן אויף אים ווי אַ שטאַרקער האַגל. ער איז גאָרנישט געווען גרייט פֿאַר אַזאַ שמועס. ער האָט נישט מסכים געווען

מיט אירע רייד. איז ער געבליבן שטיל. זי האָט אויך געשוויגן. און ער האָט צוגעגעבן:

— אַזוי אַ, ווער ווייס, צי עמיצער וואָלט געקאָנט חתונה האָבן. שוין לאַנג, לאַנג צוריק וואָלט די וועלט זיך געוווען געמוזט אָפּשטעלן, ווען אַ שלעכטער מענטש זאָל נישט טאָרן חתונה האָבן אָדער זיינע קינ־דער. טאָ ווער וואָלט געבליבן? ווער איז דען ריין פון שלעכטס? דעריבער איז נישטאָ אַזאַ געזעץ אין קיין געזעץ־בוך. דו ביסט צו שטרענג. ניין, ניין, שוועסטער, ביסט נישט גערעכט.

— איך מאַך נישט פאַר קיינעם אַזאַ געזעץ. איך מאַך עס נאָר פאַר מיר. אפילו פאַר דיר אויך נישט. ווען דו האָסט היינט חתונה, וואָלט איך אויך גאָרנישט געהאַט צו דיר. איך האָב נאָר געמיינט, אַז דאָס, וואָס דו האָסט באַשלאָסן נישט חתונה צו האָבן איז געוווען איבער דעם, וואָס דו האָסט געוואָלט נישט ברענגען ווייטער קיין בייז אויף דער וועלט. פאַר מיר מעג איך מאַכן וואָס נאָר פאַר אַ געזעצן מיר געפעלן, אבי נאָר זיי זאָלן נישט טון קיין שלעכטס צו קיינעם. אַז איך וויל נישט חתונה האָבן, טו איך קיינעם נישט קיין בייז. די אַלע בחורים, וואָס ווילן מיך, וועלן זיך געפינען כלות און חתונה האָבן. נאָר — האָט זי אַ טראַכט געטון אַ ווײַלע אין שנעלן לויף פון אירע רייד — נאָר וואָס שפּאַרסטו זיך אַזוי אָן אויף די געזעץ־ביכער? ס'איז נישטאָ אַזאַ געזעץ אין קיין געזעץ־בוך. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ! הלוואי וואָלט געוווען אַזאַ געזעץ אין די אַלטע צייטן, וואָלט די וועלט געוווען אָדער גוט, אָדער — אויס וועלט!

זי האָט גערעדט קלוג, איבערראַשנדיק קלוג. און קרעפטיק ווי די רייד זענען ביי איר ארויסגעקומען, איז נישט געוווען קענטיק אויף איר די מינדסטע אויפרעגונג. זי איז געוווען רואיק, שטרענג, אָבער רואיק און עס האָט גאָרנישט געקענט אײַנפאַלן, אַז אין איר האַלטונג אָדער רייד זאָל זיין דער קלענסטער גרונט פאַר אַ חשד אַז זי איז נישט פולשטענדיק געזונט, גאַנץ נאָרמאַל. אָבער מרדכי איז דאָך געוואָרן אומרואיק. ערשטנס האָט ער נישט געקאָנט דערוואַרטן פון איר, לויט ווי ער האָט זי איבער־געלאָזט, אַזעלכע רייד, און צווייטנס האָט ער נאָך פון קיין פרוי, צווישן די אַלע פרויען, וואָס ער האָט געקענט, נישט געהערט אַזאַ שטייגער רייד. ער האָט נישט געהאַט קיין אנונג, וואָס עס קאָן זיין מיט איר. דאָס האַרץ האָט אים אָבער נישט געוואָלט זיין רואיק.

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר, געקוקט אויף איר מיט גרויס ליבשאַפט און רחמנות — רחמנות אויף איר איבער די יסורים, וואָס, ווי

ער האָט פאַרשטאַנען, עסן איר נשמה. ער האָט זי אַרומגענומען, נאָר אַנשטאַט זי זאָל, ווי די ייִנגערע שוועסטער, די יתומה, אַרויספאַלן אויף אים, איינבייגן זיך און טוליען זיך צו אים, ווי צום שטאַרקערן, צום באַשיצער, האָט זי, פּונקט ווי ער זי, אים אַרומגענומען און פעסט צו־געדריקט צו זיך ווי אַ שטאַרקערער דעם שוואַכן, און ער האָט טאַקע אין דעם דרוק פון אירע הענט דערפילט אַ קראַפט, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין אייגענעם האַנט־דרוק.

ער האָט שוין איינגעזען, אַז זי איז נישט די יהודית, וואָס ער האָט דערוואַרט צו זען. אַ האָר נישט דיזעלבע. דער גלייכער צוגאַנג אירער און באַזונדער דער כוח פון אירע הענט, וואָס האָט אים דערמאַנט אין זיי־נעם, האָט אים אויפגעהייטערט און ער האָט, אַן אַרומגענומענער, נאָר אַרויסגעשמייכלט:

— יהודיתל, מיט דיין כוח האָסטו גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן פאַר קיין מאַנספּאַרשוין.

און זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

איז ער שוין געווען פאַרטיק מיט איר. וואָס נאָך וועט ער רעדן? איז ער דען אַליין געווען ווייניקער אַנטשלאָסן נישט חתונה צו האָבן? איז דען זיין פאַרדראָס אויפן פאָטער געווען קלענער? זי איז גערעכט, אַזוי ווי ער איז גערעכט. אָבער אויף דער באָבען איז אַ רחמנות, אַ גרויס רחמנות. זי האַלט דאָס נישט אויס. און ווי ער האָט אַזוי געטראַכט, האָבן די ווערטער זיך אַראָפּגעגליטשט אים פון די ליפּן:

— אָבער די באָבע, אויף איר איז אַ רחמנות.

צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען אַ שוואַכקייט, אַ ווייכקייט אויף איר פּנים. אין איר קול האָט זיך געהערט אַ שולדיקייט, אַן אונטערטע־ניקייט:

— יאָ.

— זי טאָר גאָרנישט וויסן.

— ניין.

— ווילסטו מיטפאָרן?

— קיין טשאַרלסטאָן?

— יאָ.

— וווּ וועל איך זיין? ביי אַ פעטער? ניין, איך וויל נישט — האָט זיך אומגעקערט איר פעסטקייט, איר שטרענגקייט. — ביי קיינעם נישט פון זיי. נאָר מיט דיר.

און אין דער מינוט האָט ער באַשלאָסן:

— ביסט גערעכט. מיט מיר. מיר האָבן נישט חתונה, ווײַנען מיר צוזאַמען.

און ער האָט ווײַטער געזאָגט ערנסט. אָן אַ שמייכל:

— ווײסט אכטונג געבן אויף מיר, איך זאָל האַלטן מײַן באַשלוס.

עס האָבן זיך אַ צינד געטון אירע אויגן.

***

די באָבע רבקה, די מאַמע פון איין און צוואַנציק קינדער און באַלד אַזוי פיל אייניקלעך, איז אויפגעציטערט געוואָרן, ווען זי האָט דערהערט, אַז איין אייניקל אירס, יהודית, גייט אַוועקפאָרן.

מרדכי האָט איר דערציילט, אַז ער נעמט מיט יהודיתן, און כדי צו באַרואיקן זי האָט ער געזאָגט, אַז עס קאָן זײַן, אַז עמיצער אין טשאַרלס־טאָן וועט איר געפעלן.

האָט די אַלטע באָבע אויפגעציטערט. ווען זי האָט געהערט, אַז דאָס אייניקל פאָרט אַוועק, גאָר נישט ווי עס וואָלט אַוועקגעפאָרן אַן אייניקל, נאָר דאָס ערשטע קינד פון אַ יונגער מוטער.

דאָס איז נישט געווען איבער דעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט אַוועקלאָזן אַן אייניקל פון זיך. אַ סך אייניקלעך האָט זי נישט געהאַט מיט זיך, און נישט אַלע האָט זי אַפילו געקענט אָדער געזען. זי האָט אויך נישט געקענט אַלע אייניקלעך פון איר עלטסטן זון, נפתלי, דעם ניו־יאָרקער סוחר. דאָס איז געווען איבער דעם וואָס יהודית איז נישט

ווען זי וואָלט געוואָרן אַ כלה און געגאַנגען אַוועקפאָרן צו אַ מאַן נאָך דער חתונה, וואָלט איר נישט אײַנגעפאַלן אויף אַ רגע צו קלערן, אַז עס איז נישט גלײַך וואָס זי פאָרט אַוועק. זי וואָלט נאָך געווען צו־פרידן. אַבי זי האָט נאָר חתונה געהאַט! אָבער אַוועקפאָרן אַ מיידל מיט אַ פאַסמע גרויע האָר אין קאָפּ, האָט זי זיך דערשראָקן, אַז מען וויל זי ביי איר אויסנאַרן, אַוועקפירן ערגעץ־ווו און האַלטן זי דאָרט אייביק, זי זאָל נישט קאָנען חתונה האָבן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר ציפּורהן.

אַ שוואַכקייט איז איר אַריין אין די פיס. אַז זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זי קאָן גאָר נאָך שטיין, און אירע פינגער האָבן שוין אין צי־טערניש געזוכט די בלוזקע־קנעפּלעך.

— זי אויך? — האָט זי געקרעכצט. — דו, זי, ביידע, צו זיי ן משפּחהטע (מישפּאַכטע)! מײַן קינד האָבן זיי אומגעבראַכט און איצט ווילן זיי אייך אויך צונעמען? מרדכי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!

עס האָט אים אַ קלעם געטון דאָס האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט די

באָבע אַזוי גערעדט צו אים. דערמאָנט דעם פֿאָטער, כאָטש נישט אַרויס־רעדנדיק זיין נאָמען. אים אַך די משפּחה זיינע. מיט וואָס פֿאַר אַ צער. זי האָט דאָס גערעדט און מיט וויפֿל אימה וועגן זיי. אויף אַ מינוט האָט אים שוין באַנג־געטון דער פּלאַן פֿון איר פֿאָרן. נאָר לאָזן זי דאָ וועט דען זיין בעסער?

— באָבעלע, צוערשט פֿאָרן מיר קיין ניו־יאָרק, צום פֿעטער נפֿתּלי. שוין לאַנג אים נישט געזען. איך בין אים שוין שולדיק אַביסל געלט — האָט ער גערעדט אויפֿגעלייגט פֿון דעם איינפֿאַל. — קאָן זיין, אַז יהודיתן זאָל עמיצער געפֿעלן אין ניו־יאָרק. אויב נישט, פֿאָרט זי מיט מיר קיין טשאַרלסטאָן און זי וועט וווינען מיט מיר, ביז, יאָ, ביז עמיצער וועט איר געפֿעלן.

ער האָט איר נישט געקאָנט אַרויסזאָגן קלאָר „ביז זי וועט חתונה האָבן”, נישט וועלנדיק זאָגן איר אַ בפֿירושן ליגן.

— ביי קיין אַנדערן וועט זי נישט וווינען, נאָר ביי מיר, מיט מיר

— האָט ער ווייטער גערעדט צו דער באָבען. — איך וועל מיר נעמען אַ דירה פֿאַר זיך. נאָר, באָבעלע, דאָס ערשטע פֿאָרן מיר צום פֿעטער נפֿתּלי.

זי האָט געמאַכט מיט די ליפּן. זי האָט נישט גערעדט, אָבער אין איר, האָט ער געזען, רוט עס נישט. האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער איר, געבעטן זיך:

— באָבעלע, ווער ווייס? עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן נאָך ביידע בלייבן אין ניו־יאָרק. מירן זיין ביי דעם פֿעטער נפֿתּלי, וועלן מיר זען.

איר פּנים איז געוואָרן רואיקער. נאָר די ליפּן אירע האָבן זיך באַוויגן ווי זיי וואָלטן גערעדט, און די ציטערדיקע פֿינגער האָבן נישט אָפּגעלאָזט די בלוזקע־קנעפּלעך.

***

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פֿון וואַלן פֿאַר פּרעזידענט. פֿון אַ סך זייטן האָט מען געוואָלט, אַז דזשעפֿערסאָן זאָל לויפֿן פֿאַר אַ דריטן טערמין. די ברייטע מאַסן האָבן אים געוואָלט ווייטער האָבן אין „ווייסן הויז”. די רייכע פֿעדעראַליסטן האָבן געציטערט, טאָמער נעמט ער אָן די נאָמינאַציע, וועט ער זיכער ווערן דערוויילט. האָבן זיי געמאַכט גע־וואַלדן קעגן דער מעגלעכקייט פֿון אַ דריטן טערמין פֿאַר אַ פּרעזידענט. דאָס לאַנד וועט ווערן חרב, אויב אַ פּרעזידענט וועט בלייבן אויפֿן אַמט מער ווי צוויי מאָל. ער וועט פֿאַרכאַפּן די מאַכט און וועט זיך נאָך קרוי־נען פֿאַר אַ קייסער. די פֿאַראייניקטע שטאַטן וועלן ווערן אַ זעלבסטהער־

שערישע מאָנאַרכיע. עס וועט דאָ נאָך זיין ערגער ווי עס איז געווען אונ־טער דעם ענגלישן קעניג.

אַ סך פון די שרייערס קעגן אַ דריטן טערמין פאַר דזשעפערסאָנען האָבן נישט אויפגעהערט חרטה צו האָבן אויף דער גאַנצער רעוואָלוציע; זייער כעס האָט געברענט אויף די פרייהייטן, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך דערוואָרבן, און זייער הויפּט־צאָרן אויף דזשעפערסאָנען איז געקומען נאָר פון דעם, וואָס דזשעפערסאָן האָט געקעמפט פאַר מער פרייהייט פאַרן פאָלק. אָבער ווען זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון דזשעפערסאָנען, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט פרייהייט־געשריען, אַבי צו דערגרייכן זייער ציל.

ווילנדיק געווינען די הערשאַפט איבערן לאַנד, כדי זיי זאָלן קאָנען באַגרעניצן די פרייהייטן פון פאָלק, האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר פריי־הייט־ליבנדע, צו קאָנען אָפּנאַרן דאָס פאָלק.

דזשעפערסאָן האָט אָבער נישט געוואָלט אָננעמען די נאָמינאַציע פאַר פרעזידענט אויף נאָך אַ טערמין. ער האָט געזאָגט, אַז צוויי טער־מינען זענען גענוג. זיין שטאַט־סעקרעטאַר דזשיימס מעדיסאָן איז אַרויס־געשטעלט געוואָרן פאַר קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט.

מרדכי איז געקומען קיין פילאַדעלפיע, אַזאַ ווייטע, שווערע רייזע פון טשאַרלסטאָן, טאַקע צוליב פאַמיליע־ענינים, ער האָט אָבער נישט דורכ־געלאָזט די פּאָליטישע אַרבעט. ער איז שוין געווען אַריין טיף אין דער פּאָליטיק. גלייך נאָך זיין באַרימטער רעדע אויף דער פאַרזאַמלונג אין דער טשאַרלסטאָנער קירכע, איז ער געוואָרן אַקטיוו אין פּאָליטישער אַר־בעט. די פירער פון די רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטן האָבן אים געוואָלט האָבן אין דער אַרבעט, און ער האָט זיך געפילט אין איר ווי אַ פיש אין וואַסער.

אין פילאַדעלפיע איז מעדיסאָן געווען שטאַרק באַקאַנט. פיל פריער נאָך איידער ער איז געוואָרן דזשעפערסאָנס הויפּט־מיניסטער. ער איז דאָך געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד, אַ חבר וואַשינגטאָנס, דזשעפערסאָנס. יאָרנלאַנג איז ער געווען אין פילאַ־דעלפיע. פיל פילאַדעלפיער באַלעבאַטים האָבן אים נאָך געדענקט פון יענע צייטן, ווען זיי, אַלע קליינע קינדער, פלעגן נאָכקוקן די באַרימטע מענטשן, ווי זיי זענען געגאַנגען אויף דער גאַס און זיי נאָכגעטייטלט.

מעדיסאָן האָט זיך גוט געקענט מיט מרדכיס זיידע, יאָנאַס פי־ליפּס, מיט חיים סאָלאָמאָנען. פיל מאָל האָט זיך מעדיסאָן געראַטעוועט פון הונגער מיט די הלוואות, וואָס ער האָט גענומען ביי חיים סאָלאָ־

מאַן. און דער קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט איז געווען פאַררעכנט ביי אַ סך פילאַדעלפיער פאַר זייערס אַן אייגענער.

פונדעסטוועגן האָט די שטאָט געדאַרפט ווערן אָרגאַניזירט פאַר די וואַלן. אַ סך אַרבעט האָט געדאַרפט נאָך געטון ווערן, אַז דער עולם זאָל שטימען פאַר מעדיסאָנען.

אַ שטיק פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט געטון מרדכי. ער האָט גע־שאַפן אַ קאָמיטעט פון אַכציק יונגע, קעמפערישע דעמאָקראַטן צו טון די אַגיטאַציע־אַרבעט אין שטאָט. זיי האָבן צעטיילט די שטאָט צווישן זיך און קיין איין ווינקל נישט אויסגעלאָזן.

איזראַעל איזראַעל, זיין אַלטער פריינט און פאַררערער, האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער פרייען מיט אַן אייגן קינד ווי ער האָט זיך געפרייט מיט מרדכים קומען. דעם קאָפּ זיינעם האָט דער שענקער געמוזט גאַר שטאַרק פאַרייסן אַרויפצוקוקן צו אים — אַזוי הויך איז געווען פאַר אים מרדכי.

איינמאָל איז מרדכי צו אים געקומען אין שענק. דאָס צימער, וואָס דער שענקער האָט אים געהאַט געגעבן פאַר זיין טעאַטער־גרופּע, האָט נאָך אַלץ געדינט דעם זעלבן צוועק. פון צייט צו צייט האָט די גרופּע געמאַכט דאָרט פּראָבעס. העלמבאָלד האָט דאָס צימער גענוצט אויך פאַר אַ רע־דאַקציע פון אַ קליינער הומאָריסטישער צייטונג, וואָס ער האָט געדרוקט, ווען ער האָט געהאַט געלט.

ווען מרדכי איז אַריינגעקומען אין שענק, איז ער נישט געווען אַליין. עס זענען מיטגעקומען טעאַטער־חברים, יונגע פּאָליטיקער. איזראַעל האָט קיינעם נישט געזען, נאָר אים. ער האָט מיט זיין גרויסן שווערן גוף זיך אַ וואָרף־געטון צו אים. זיין איין האַנט אַריינגעכאַפּט איןביידע און מיט אומבאַשרייבלעכער גליקזעליקייט געקוקט אויף אים און גערעדט:

— אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! מאָרדעקאַי, מאָרדעקאַי! געקומען זען אַן אַלטן פריינט! איך בין אַזוי גליקלעך! אַזוי גליקלעך! אַזאַ גאַסט!

אָפּצודאַנקען אים האָט מרדכי אַ זאָג געטון צו די חברים:

— איר ווייסט, מיסטער איזראַעל איזראַעל איז איינער פון די בעס־טע און געטרייסטע דעמאָקראַטן אין לאַנד.

אויף אַ רעספּעקטפולן ווונק פון דעם שענקער האָט מרדכי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— ניין, מיסטער איזראַעל איזראַעל, איך טרינק נאָך אַלץ נישט. טרינקט אַלע געזונטערהייט. איך וועל צוקוקן.

איזראַעל איזראַעל, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע דעה אין די פּאַ־

ליטישע קרייזן פון שטאָט, איז אַוועק צו דעם פּאַלקאָווניק, וואָס איז גע־וועזן דער קאָמאַנדיר פון דער שטאָט־מיליץ און צומאָרגנס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע און אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער מי־ליץ, גערופן פון דעם קאָמאַנדיר, און איינשטימיק איז מרדכי דערוויילט געוואָרן פאַר אַ באַאַמטער פון דער מיליץ מיט דעם טיטל מאַיאָר.

פון אַלע באַגריסונגען, וואָס ער האָט געקראָגן איז געווען די שטיל־סטע איזראַעלס. ער האָט אַלץ שטאַרק אַרויפגעקוקט צו נחן און געזאָגט אונטערטעניק:

— מזל טוב, מאַיאָר נח!

און צי מרדכי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער שענקער האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם און ער האָט עס אים געוואָלט געבן אָנצוהערן, אָדער ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס פון דער גאַנצער מעשה, אָבער געענט־פערט האָט ער אים:

— אַ שיינעם דאַנק, גענעראַל!...

**
*

מרדכי האָט כמעט נישט דערקענט ניו־יאָרק. ער האָט אפילו ווייניק וואָס געזען ניו־יאָרק, ווען ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט אַהין געקומען מיט דער באַבען (ווען זיי האָבן פאַרשפּעטיקט דעם זיידנס לוויה). אַנישט האָט ער דעמאָלט אפילו זיך אומגעקוקט. דאָך איז אים אויסגעקומען, אַז די שטאָט קוקט־אויס אַ סך אַנדערש ווי דעמאָלט. זי איז גרעסער, אַ סך גרעסער געוואָרן, פיל נייע הייזער זענען צוגעקומען. פריער זענען נישט געווען אַזעלכע הויכע הייזער; הייזער מיט אַזעלכע שיינע קאָלאָנעס און מיט מירמל־שטיינערנע פראָנטן.

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. יאָ, ס'איז דאָ. אָט דאָס טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק אָנגע־שריבן שטילערהייט, איז דאָ אין קעשענע. ער האָט עס נישט פאַרלוירן. ער האָט אפילו נישט געוווסט, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַריינגעלייגט אַהין. נאָר עס ליגט.

אַזוי ווי ער האָט אין פילאַדעלפיע מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם שטיק — נישט דעמאָלט, ווען ער האָט עס געהאַט אָנגעשריבן און נישט איצט און אויך נישט אין טשאַרלסטאָן. אַזוי האָט ער אין ניו־יאָרק נישט דערציילט דעם פעטער נפתלי קיין וואָרט וועגן דעם. אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם דעם פעטער אהרן, דעם אַקטיאָר, וואָס וועט

ער רעדן דערפון צו נפתלין? וועגן פֿאַרשיידענע פּלענער צו גרינדן אַ צײַ־טונג האָט ער גערעדט צו אים, אָבער נישט וועגן דעם מאַנוסקריפּט.

איינע פון די גאָר ערשטע זאַכן, וואָס ער האָט געטון אין ניו־יאָרק, איז געווען אַרײַנצוגיין צו דייוויד לאַנגוואָירטן אין טעאַטער־קראָם. ער האָט זיך געהייסן ווייזן אַלע נײַע טעאַטער־שטיק, וואָס זענען אָנגעקומען פון אייראָפּע, און די, וואָס דער טעאַטער־סוחר־אַרויסגעבער האָט נאָר וואָס אָפּגעדרוקט.

מרדכי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין בלעטל, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט טעאַטער, ער זאָל עס נישט איבערלייענען. ווערק צום אויפפירן, אָדער וועגן טעאַטער, ווי עס איז נאָר אָנגעקומען, האָט ער גע־מוזט האָבן.

שטילערהייט האָט ער אויך געאַרבעט אויף אַ ווערק וועגן שעקס־פּירן. ער האָט פיל צייט אָפּגעגעבן אויף לערנען שעקספּירן, און ער האָט געהאָפט צו מאַכן אַ רושם מיט זיין בוך וועגן שעקספּירן.

קוקט ער אויף דעם פּאַק ביכער, עטלעכע גראָבע, די מערסטע דינע און אַלע וועגן טעאַטער, מישט, שלינגט אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, אַ סצע־נע, און ער האָט אַליין זיך נישט געקאָנט קלאָר־מאַכן ווי אַזוי ער האָט עס געטון, אָבער ער האָט עס געטון. ער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם מאַנוסקריפּט זיינעם, אויסגעשטעלט צום סוחר־אַרויסגעבער, און ער האָט אים פּשוט אַ פרעג געטון:

— וואָס'ט איר געבן פאַר דעם מאַנוסקריפּט?

לאַנגוואָירט, אַ מיטליעריקער, דיקלעכער, האָט אויפגעהויבן זיין גלאַטשקאָפּ, געוווּנדערט זיך, וואָס אַ פרעמדער, וועמען ער קען נישט, וויל אים פאַרקויפן אַ מאַנוסקריפּט, און מיט איין קוק, האָט ער געמיינט, וועט ער ווערן מיט אים פאַרטיק. ס'איז אָבער, ווייזט אויס, נישט געווען גע־נוג דער ערשטער הויב. אָט אַזוי האָט ער נאָר געקאָנט זען די קנעפּ פון זיין ראָק, די קליאַפּעס האָט ער נאָך אפילו נישט געזען. האָט ער איינ־געבויגן דעם קאָפּ צו זען זיין פּרעכטיק געשניצט פּנים, פאַרפּוצט מיט אַזעל־כע פיינע, ווי שוואַרצע פּוך, באַקנבערד.

און אנשטאָט אים אָפּצומעסטן מיט אַ בליק פון ביטול, אַז יענער זאָל פאַרלירן זיין מוטערס מילך, האָט ער אים גאָר אַ זאָג־געטון:

— אויב איר וועט אַזוי גוט זיין, איך וועל עס איבערלייענען, וועל איך אייך זאָגן.

די וואָס האָבן שפּעטער געהערט די מעשה, האָבן עס אפילו נישט

געוואָלט גלויבן — לאַנגוואַירט האָט אים נישט געהייסן איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט אויף איבערצולייענען.

— ס'איז דאָך נישט צו לאַנג — האָט געזאָגט לאַנגוואַירט. — איך קאָן עס גלייך איבערלייענען. איך וועל אַריינגעמען אַ בענקל, וועט איר זיצן און צוואַרטן.

פון דעם ערשטן בלעטל אָן, ניין, טאַקע פון דער ערשטער שורה אָן, האָט דער סוחר־אַרויסגעבער גענומען לייענען מיט עפּעס אַ דרך־ארץ, וואָס מען גיט קיינמאָל נישט צו קיין מאַנוסקריפּט אָדער אפילו צו אַ געדרוקטן בוך פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער.

מרדכי האָט ביים לייענען געזען, אַז דער סוחר־אַרויסגעבער איז פאַראינטערעסירט. פון די באַוועגונגען, וואָס לאַנגוואַירט האָט געמאַכט ביים לייענען מיטן קאָפּ, מיט די אויגן, האָט ער דאָס געזען. ער האָט זיך נישט געאיילט ביים לייענען, נישט געמישט גיך די בלעטער.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן — מרדכי האָט געזען, אַז דאָס לעצטע בלעטל האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעלייענט — האָט ער אויסגעשטעלט דאָס פּנים גלייך און אָפּן צו מרדכין און געזאָגט:

— מיסטער נח, פון פאָדערבלאַט זע איך, אַז אייער נאָמען איז מאָר־דעקאַי עמאַנועל נח. אויב דאָס איז אייער ערשט ווערק וועגן טעאַטער, מוז איך אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אַז עס איז זייער גוט. איר האָט טאַלאַנט. איר קענט דאָס טעאַטער. מען זעט עס פון דעם בוי פון דעם ווערק. איר וועט מיר דאָך נישט זאָגן, אַז איר האָט קיינמאָל נישט באַזוכט קיין פאָרשטעלונג. מער ווי איין נאַכט זענט איר געלעגן אין טעאַ־טער. איר קענט דאָס טעאַטער, מיסטער נח, און אייער שפּראַך איז אַ רייכע, אַ פּאָעטישע, אַ ראָמאַנטישע, וואָלט איך געזאָגט. ס'איז גוט. נאָר, מיסטער נח, איך האָב נישט קיין געלט צו צאָלן פאַר מאַנוסקריפּטן צו מחברים. ניין, דאָס נישט.

מרדכי האָט זיך געפילט דערשלאָגן. ער האָט געמאַכט אַ טעות וועלנדיק דרינגען פון זיין פּנים ביים לייענען, אַז עס איז אים געפעלן. אָבער לאַנגוואַירט, אַ באַרעדעוודיקער, האָט נאָך נישט געהאַט אויפגע־הערט צו רעדן:

— מיר קאָנען פונדעסטוועגן שליסן געשעפט. אויב איר וועט נע־מען באַצאָלט מיט סחורה פאַר אייער מאַנוסקריפּט. איר וועט מיר געבן דעם מאַנוסקריפּט, איך וועל אים דרוקן, און האָנאָראַר וועל איך אייך צאָלן מיט סחורה.

— ס'איז אים געפעלן געוואָרן, מרדכין. ווי צאָלן? וואָסער סחורה?

דאָס איז אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געהערט, ווי ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אים געבן דעם מאַנוסקריפּט און ער וועט אים אָפּדרוקן. דאָס איז געווען! האָט ער דאָך נישט געמאַכט קיין טעות. איז דאָך דאָס טעאַטער־שטיק אים יאָ געפעלן!

און ווי עס האָט זיך אים שוין אָנגעהויבן פאַרצושטעלן, ווי מען שפּילט זיין פּיעסע, און ער האָט נישט געקלערט וואָס צו זאָגן לאַנגווײַרטן, וועלכער האָט דאָך געערדט צו אים וועגן געשעפט, נאָר אים האָבן זיך גאָר באַוויזן סצענעס פון זיין טעאַטער־שטיק אויף דער בינע — אינמיטן פון די טעאַטער־בילדער האָט ער געהערט ווי דער סוחר־אַרויסגעבער זאָגט צו אים:

— איך וועל אייך געבן דעם גאַנצן פּאַק טעאַטער־שטיקער, וואָס איך האָב אייך דערלאַנגט פריער; איך וועל אייך נאָך געבן אַלע טעאַטער־שטיקער, וואָס איך האָב געדרוקט פון ערשטן טאָג אָן. נו, איך גיב אייך צו איין עקזעמפּליאַר פון יעדן טעאַטער־שטיק, וואָס איך האָב אין מיין געשעפט, גוט?

— אָפּגעמאַכט! — האָט צוגעקלאַפּט מרדכי. — צו איין עקזעמפּלאַר פון יעדן טעאַטער־שטיק, און איר דרוקט מיין פּיעסע?

— עס גייט גלייך אין דרוק!

ער איז אַריין צו נפתלין, זיין פעטער, מיט אַ היפּשן פּאַק ביכער.

— פעטער נפתלי! מומע רחל! יהודית! — האָט ער געשריגן צו זיי. — קומט נאָר אַהער. זעט! אַלע טעאַטער־שטיק, וואָס זענען דאָ צו קריגן אין ניו־יאָרק, האָב איך. נאַ, זעט! פאַר דעם גרויסן פּאַק וועט אַרויס פון דרוק אַ קליין ביכעלע. פעטער נפתלי! מומע רחל! שוועסטער מיינע! מען דרוקט מיינס אַ פּיעסע! יאָ, דייוויד לאַנגוואָירט פון „טעאַטער רעפּאָזיטאָרי", דרוקט מיינס אַ פּיעסע. און ער האָט מיר נאָך צוגעצאָלט מיט דעם פּאַק ביכער! שטעלט אייך נאָר פאָר, איך האָב אַלע פּיעסן, וואָס מען קאָן נאָר קריגן אין ניו־יאָרק!

נפתלי פיליפּס, דער סוחר, פּאָליטיקער און זשורנאַליסט איז נישט געווען אַזוי צופרידן, ווייל ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ניגון:

— ווערסט גאָר אַ פּיעסן־שרייבער?

מרדכי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. עס געפעלט אים גאָרנישט? ביי אים איז דאָס אַזאַ גרויסע פרייד, און נפתלי קרימט זיך גאָר. האָט ער אים געוואָלט געבן אַ שנעל אין נאָז.

— פעטער נפתלי, עס מעג דיר אָנשטיין וואָס דיין פּלימעניק שרייבט פאַרן טעאַטער. עס איז אָנגעשטאַנען דעם אַלטן וויליאַם שעקס־

פיר צו שרייבן פאַרן טעאַטער, מעג עס אַנשטיין אויך דעם פּלימעניק פון נפתלי פיליפּס. און איך בעט דיך, פעטער נפתלי, דו פאַרגעס נאָר נישט, אַז דו ביזט נישט מיין איינציקער פעטער. איך האָב נאָך אַ פעטער, אהרן פיליפּס איז ער אַליין אַן אַקטיאָר.

— יאָ. — האָט געשמייכלט נפתלי פיליפּס — איך האָב נאָר מורא, אַז דאָס טעאַטער וועט דיך אויפפרעסן. איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער ציימונגסמאַן, דער גרעסטער אין לאַנד.

— מאַך נאָר אַ צייטונג, פעטער נפתלי — האָט געזאָגט מרדכי — וועסטו זען ווי איך וועל גלייך קומען צו דיר. צו יעדער מינוט, וואָס דו וועסט מיך רופן אַרבעטן אין דיין צייטונג, קום איך.

נפתלי האָט גאָרנישט געזאָגט אויף דעם. ער האָט די ווערטער אָבער אַריינגענומען גוט אין זינען.

**
*

מרדכי איז געקומען קיין טשאַרלסטאָן מיט דעם גרויסן פּאַק טעאַ־טער־שטיק און מיט אַ קלענער פּעקל פון זיין ערשטער פּיעסע, וואָס איז נאָר־וואָס אַרוים פון דרוק.

דאָס איז געווען אַ קליין ביכל, ווי אַ קליין סידורל, לויט דעם מוס־טער פון די סידורימלעך, געדרוקט מיט אַ הונדערט און פינף און זיבע־ציק יאָר פריער אין ר׳ מנשה בן ישראלס דרוקעריי אין אַמסטערדאַם, פאַר די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן. ער האָט געזען אַ סך אַזעלכע ביי די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן אין פילאַדעלפיע און אין טשאַרלסטאָן. קליין און דין איז עס געווען. עס האָט אָבער אַרויסגערופן מער אויפ־מערקזאַמקייט ווי אַנדערע גרויסע, דיקע ביכער.

צווישן שרייבער האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ווייל דאָס איז געווען איינס פון די ערשטע געציילטע פּיעסן געשאַפן פון אַמעריקאַנער. דערצו איז כמעט נישט געווען קיין שרייבער, וואָס זאָל אים מקנא זיין, נישט פאַרגינען. אַז אין גאַנצן לאַנד זענען געווען אינגאַנצן אַ פּאָר וואָס האָבן געשריבן פּיעסן. אָבער אַלע שרייבערס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דראַמע, נישט געזען אין זיין פּיעסע די מינדסטע קאָנ־קורענץ, זיי האָבן אים געלויבט.

פאַר טשאַרלסטאָן איז דאָס געווען אַ גרויסער כבוד. ווי ער וואָלט געקומען פון אַ שווערן קריג מיט דער קרוין פון זיג אויף זיין קאָפּ — מרדכי עמנואל נח, פון די טשאַרלסטאָנער נחס, האָט געשריבן אַ פּיעסע.

ניו־יאָרק האָט זי געדרוקט .דער באַוווסטער טעאַטער־אַרויסגעבער, לאַנג־וואָירט, האָט זי געדרוקט.

ווער ווייסט וויפיל סעודות און פאַראַדן זיי וואָלטן געווען גע־מאַכט פאַר זיין כבוד וועגן. איז אָבער טשאַרלסטאָן געווען דעמאָלט איין גרויסער באַרג פּולווער, גוט טרוקענער פּולווער, וואָס מען דאַרף נישט מער ווי איין פונק זאָל זיך צורירן און אַלץ וועט אויפרייסן.

אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן מחלוקות, רייסערייען, פאַר־דראָסן, פלאַמיקער צאָרן, ברענענדיקער כעס: אָט־אָט איז ער דאָ, דער טאָג פון די וואַלן... די רייכע פּעדעראַליסטן האָבן געפילט, אַז דזשע־פּערסאָנס פּאַרטיי וועט זיגן, מעדיסאָן וועט קריגן אַ מערהייט אין טשאַרלסטאָן, ער וועט געווינען דעם שטאַט, ער וועט געווינען די וואַלן אויף נאָך פיר יאָר, און דאָס מיינט, אייגנטלעך, אויף אַכט יאָר ווען די רעפּובליקאַנער (ווען זיי האָבן אין צאָרן געגעבן דעם זידל־נאָמען „דעמאָקראַטן") ווייטער האָבן די מאַכט.

האָבן זיי געקריצט מיט די ציין, געוואָרפן מיט געלט און אַגיטירט קעגן מעדיסאָנען און זיין פּאַרטיי. זיי האָבן דזשעפערסאָנען נאָך מער גע־זידלט ווי מעדיסאָנען, זיי האָבן געזאָגט, אַז מעדיסאָן איז דזשעפערסאָנס קאַנדידאַט און ער וועט טון דאָס, וואָס דזשעפערסאָן וועט אים הייסן.

ס'איז נאָר אַן אָנשטעל פון דעם גאָטלאָזן דזשעפערסאָנען — האָבן זיי געשטורעמט און געזידלט דזשעפערסאָנען מיט די ערגסטע ווערטער. — „גאָטלאָזער" איז געווען דאָס גרינגסטע. — ס'איז נאָר אַן אָנשטעל פון אים, וואָס ער האָט נישט אָנגענומען צו זיין פּרעזידענט אַ דריטן טערמין. ער וועט ווייטער זיין פּרעזידענט דורך מעדיסאָנען. נישט מעדיסאָן וועט זיין פּרעזידענט, נאָר דזשעפערסאָן.

און ווי זיכער עס זענען געווען די רעפּובליקאַנער, אַז זייער קאַנדי־דאַט וועט קריגן אַ גרויסע מערהייט, האָבן זיי פונדעסטוועגן געמוזט אַר־בעטן שווער, כדי אָפּצושוואַכן די אַגיטאַציע פון די רייכע פּעדעראַליסטן; די אַגיטאַציע, וואָס איז געווען אונטערגעשמירט מיט אונטערקויף־געלט.

אין דעם קאָלך־אויוון פון די וואַלן איז אַריין מרדכי גלייך ווי ער איז אָנגעקומען מיט זיין ערשט־אָפּגעדרוקטן בוך.

ער איז געווען דער בעסטער רעדנער אין טשאַרלסטאָן, נישט נאָר ביי די רעפּובליקאַנער, נאָר אויך ביי די פּעדעראַליסטן איז נישט געווען קיין רעדנער, וואָס זאָל זיך קאָנען גאָר פאַרגלייכן מיט אים. איז געפאַלן אויף אים אַ גרויסער טייל פון דעם יאָך פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין שטאַט. דאָס האָבן די פירער אַרויפגעלייגט דעם יאָך אויף אים, וואָס

איז שוין געווען דעמאָלט אַליין איינער פון די פירער. און ער האָט גע־האָט אַלע מאָל אַן אַנדערע פאַרזאַמלונג אָנצופירן, אויסער באַראַטונ־גען פון די פירער.

און דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג. די שטאַטן נאָרד־קאַראָליינע און דזשאָרדזשיע האָבן דורך זייערע רעפּובליקאַנישע פירער אויך געזוכט זיין הילף.

די פירער פון די צוויי שטאַטן און פון דעם שטאַט דרום קאַראָליינאַ האָבן געוואָלט, אַז די דריי שטאַטן זאָלן שטימען איינשטימיק פאַר מע־דיסאָנען צו פאַרזיכערן זיך קעגן די שטאַטן ווו די פעדעראַליסטן זענען שטאַרק.

נישט מרדכי אַליין און נישט די אַנדערע פירער האָבן געהאַט אַ מינוט צייט אָפּצוווענדן זיך פון וואַל־קאַמף.

און דעריבער האָט מרדכים ערשט בוך נישט געקראָגן דעם געהער־ריקן כבוד.

נאָר אויב די רעפּובליקאַנער האָבן נישט געהאַט קיין צייט אים אָפּצוגעבן ספּעציעלן כבוד (זיי האָבן נישט געשפּאָרט אים קיין כבוד אויף די פאַרזאַמלונגען, אומעטום האָבן זיי אים פאָרגעשטעלט פאַרן בעסטן רעדנער, פאַרן שענסטן שרייבער און זיי האָבן יעדעס מאָל דערמאָנט זיין נײַ בוך), וואָלט די יידישע געמיינדע, דער „קהל קדוש בית אלהים“, ווו מרדכי איז געווען אַ מיטגליד, אים דאָס געווען צוגעטיילט. האָט אָבער די געמיינדע דעמאָלט געהאַט איר אייגענעם קריג. ווי אַ צוגאָב צום וואַל־קאַמף, וואָס די יידן האָבן געהאַט ווי פעדעראַליסטן און רעפּובליקאַנער (צווישן די יידן האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל פעדעראַליסטן, און מערסטנס צווישן די שיף־מאַגנאַטן, אָבער רעפּובליקאַנער זענען געווען פיל מער). האָבן זיי נאָך געהאַט אַן אייגענע מחלוקה, אַ גרויסע קריגעריי אין שול.

די מחלוקה איז אויסגעבראָכן איבער דער פראַגע פון רעפאָרם, דורך אַן ענדערונג אין אַ מנהג פון שול, וואָס עס האָט געוואָלט מאַכן דער רב און חזן פון דער געמיינדע.

צי דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג מיטן וויסן פון דער רעפאָרם־באַ־וועגונג, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד, קאָן מען נישט וויסן. נאָר דאָס איז, דאַכט זיך, געווען די ערשטע פּראָבע פון רע־פאָרם אין שול אין אַמעריקע.

מרדכי איז געווען קעגן רעפאָרם. ער האָט פעסט געהאַלטן מיט די, וואָס האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן די ענדערונג.

געגאַנגען איז עס וועגן דעם געזאַנג פון שבתדיקן דאַוונען, אָנ־הייבנדיק מיט „השמים מספרים כבוד אל“. עס איז אייגנטלעך נישט גע־ווען וועגן געזאַנג פון די גאַנצע קאַפּיטלעך. נאָר פון די לעצטע פסוקים פון יעדן קאַפּיטל.

קאַרוואַלהאָ, דער רב־חזן, האָט אויך געלערנט מיט די קינדער. אין פּראָגראַם פון לערנען איז אויך געווען געזאַנג. האָט קאַרוואַלהאָ פּלוצלינג גענומען לערנען די קינדער אַ נייעם ניגון פאַר די לעצטע פסוקים פון יעדן קאַפּיטל.

ווען די קינדער האָבן שוין געקענט דעם נייעם ניגון, האָט דער רב־חזן זיי געהייסן שבת אין שול ענדיקן מיט אים קאַפּיטל ביי קאַפּיטל.

און ווי נאָר די קינדישע קולות האָבן אויסגעזונגען דעם נייעם ניגון, ביים ערשטן סוף־קאַפּיטל, האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אויגן, אויערן, קעפּ גאַנצע: דער עולם האָט זיך געוואונדערט: וואָס טוט זיך מיט די קינ־דער? זענען זיי אַראָפּ פון טאָן? ניין. ס'איז גאָרנישט דער זעלבער ניגון, ס'איז אַן אַנדערער. און זיי האָבן געוואַרט אויפן רב־חזן ער זאָל אַרויפ־פירן די קינדער צוריק אויפן ריכטיקן וועג.

די קינדער האָבן אָבער געזונגען דעם נייעם ניגון אויך ביים צווייטן קאַפּיטל.

די אויגן, אויערן און קעפּ גאַנצע האָבן זיך נאָך פלינקער, שאַרפער אויסגעדרייט: וואָס וועט דאָ זאָגן דער רב?

האָט אָבער געשוויגן דער רב.

אַזוי? דער רב שווייגט? די קינדער נעמען פּלוצלינג און פאַרוואַרפן דעם אַלטן ניגון און זינגען אַ נייעם? דאָס האָבן אַ טייל דאַוונער נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

עס איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי אין שול. זיי האָבן געפּאַטשט אין די סידורים, געקלאַפּט אין די שטענדערס:

— נו! נו, אַ! נו! נו! נו, אַ! — האָבן זיי געשריגן אַן גאַנצע, פאַר־שטענדלעכע ווערטער. עטלעכע האָבן נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און זיי האָבן אויסגעשריגן:

— ווו איז דער אַלטער ניגון?

זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען דעם אַלטן ניגון און איבערגעריסן דאָס זינגען מיט די געשרייען:

— וואָס עפּעס נייע ניגונים? דעם אַלטן ניגון, דעם אַלטן!

דער פּרנס האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ער, דער עלטסטער פון דער שול, פון דער געמיינדע, וועט דאָך נישט, ווי יעדער איינער, פּאַטשן אין סי־

דור אָדער קלאַפּן אין שטענדער. ער דאַרף געבן דעם באַפעל ווי עס זאָל זיין.

האָט ער אָבער נישט געוווּסט וואָס און ווי צו באַפעלן. ער מוז פריער הערן, וואָס דער רב האָט צו זאָגן. ער האָט טאַקע די דעה אויפן רב אויך אָבער פריער מוז ער פונדעסטוועגן הערן דעם רבס מיינונג. דערצו לערנט דער רב מיט די קינדער, איז כדאי צו וויסן, אויב די קינדער זענען גאָר אראָפּ פון טאָן, אָדער ס'איז טאַקע אַ נייער ניגון.

ענדלעך, ווען דער רב־חזן האָט זיך יאָ אָנגערופן, איז נאָך אַלץ קיין זאַך נישט געוואָרן קלאָר. ער האָט געווונקען צו די קינדער, צום עולם, אַז מען טאָר נישט אויסרעדן אין מיטן דאַוונען.

נאָך דער הויכער שמונה עשרה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס רעכטע פייער.

דער רב־חזן האָט געזאָגט, אַז די קינדער זענען גאָרנישט שול־דיק. זיי זענען גאָרנישט אראָפּ פון טאָן. זיי האָבן געזונגען אַ נייעם ניגון, וואָס ער האָט זיי אויסגעלערנט.

— דער אַלטער ניגון האָט נישט קיין טעם — האָט ער געזאָגט — און ס'איז גאָרנישט קיין זינגען, נאָר אַ געקוויטשעריי. דער נייער ניגון איז אַ שיינער און דאָס געזאַנג קומט אַרויס מיט אַ מאָס און אין אָרדענונג.

מער האָט מען נישט געדאַרפט. עס איז געוואָרן אַ טומל ביז אונטערן הימל.

— דער אַלטער ניגון איז הייליק — האָבן זיך אָנגעהויבן גע־שרייען. — מיר ווילן נישט קיין נייע ניגונים!

— מיר ווילן נישט קיין נייע פּירוגגען! אַלץ מוז בלייבן ביים אַלטן!

דעם אַלטן ניגון האָבן אונדזערע זיידעס געזונגען אין די קעלערן און היילן פון קאָרדאָווא, אין סעוויליע און ליסאַבאָן, אין באַרצע־לאָנאַ! פאַר דעם ניגון זענען זיי געגאַנגען אויף קידוש־השם — האָבן אַנדערע געשריגן.

— די אינקוויזיציע האָט זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט פאַר דעם ניגון!

און עס איז שוין טאַקע באַלד אויסגעקומען, אַז איבער דעם ניגון און נישט מער, זענען די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן געגאַנגען אויף קידוש־השם.

— אונדזערע זיידעס האָבן זייער לעבן איינגעשטעלט אַנטלויפנדיק

פון דער אינקוויזיציע. דעם ניגון האָבן זיי מיטגעבראַכט אהער, ווילט איר גאָר פאַרוואַרפן אים, דעם הייליקן ניגון!

— שאַ, שאַ! טומלט נישט! — האָבן זיך געהערט עטלעכע שטימען. וואָס האָבן געהאַלטן מיט דעם רב־חזן, — אַ מעשה מיט אַ ניגון! וואָס רייסט איר זיך אַזוי דערוועגן? עס איז דען אַ ניגון? ס'איז דאָך אַ קאַצן־יאָמער! דער נייער ניגון איז טאַקע שיין!

— אין קיין קירך וועט מען נישט הערן אַזאַ געזאַנג ווי דער אַלטער ניגון. ביי זיי זענען די געזאַנגען שיין, געשמאַק, מיט גרויס געפיל — האָט אימיצער געזאָגט.

דאָס האָט נאָך שטאַרקער צעצונדן דאָס פייער. די געשרייען זענען געוואָרן דיקער, שטאַרקער.

— אָ, זיי זענען מקנא די קירכעס! זיי גלוסט זיך קירכן־געזאַנג! אָט דאָס איז עס! זיי ווילן נאָכטון די גוים! זיי ווילן נישט קיין שול. גיט זיי אַ קירך!

— מיר זענען נישט אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע אין לעבנס־געפאַר צו מאַכן דאָ פון דער שול אַ קירך!

דער פּרנס האָט דאָך איינגעשטילט דעם טומל. ער האָט גערעדט ערנסט.

— איין עבֿרה שלעפּט נאָך זיך נאָך אַן עבֿרה — האָט ער גערעדט מיט אויטאָריטעט. — צוערשט אַ נייער ניגון, דערנאָך אַ קריי־געריי אין מקום קדוש. דאָס האַרץ טוט וויי אויף אַזאַ פאַרשוועכונג פון גאָטס הויז.

ס'איז געוואָרן שטיל אין שול ווי אין אויער. דער עולם האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ טומל, און האָט געשוויגן, און אַז דער פּרנס האָט געזען זייער געהאָרכזאַמקייט, איז ער געוואָרן נאָך חשוב־בער ביי זיך און ער האָט שוין גערעדט באַפעלעריש:

— איצט וועט מען לייענען. אויפדערנאָכט וועט מען, מיט גאָטס ווילן האָבן אַ זיצונג און באַשליסן וואָס צו טון.

דער רב־חזן איז גערופן געוואָרן צו דער זיצונג פון די פירער פון דער געמיינדע. זיי האָבן אים געמאַכט אַ שאַרפן פאַרוואורף, וואָס ער האָט זיך דערלויבט אָפּצוטרעטן פון די טראַדיציעס פון דער געמיינדע און גע־פאָדערט פון אים, ער זאָל אויפהערן לערנען מיט די קינדער דעם נייעם ניגון און אומקערן זיך צוריק צו דעם אַלטן.

האָט דער רב־חזן אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן. וואָס ווייסן זיי־

אין אַזעלכע זאַכן? דאָס האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט, נאָר געטראַכט. און ער האָט געוואָלט זיי איבערצייגן, אַז ער איז גערעכט.

— יידן האָבן אַלעמאָל געהאַט שיין געזאַנג — האָט ער געזאָגט. — ביי דוד המלך, ביי שלמה המלך זענען געווען די בעסטע זינגערס. אין בית המקדש זענען געווען די טייערסטע אינסטרומענטן. פאַרוואָס זאָל מען אין אונדזער שול קוויטשען און נישט זינגען?

נישט דער פּרנס און נישט די אַנדערע מיטגלידער פון שול־קאָמיטעט האָבן זיך געוואָלט צוהערן צו אים. וואָס מער ער האָט געבראַכט באַווייזן פון אַמאָל, אַלץ מער האָט ער פאַרשטאַרקט אין זיי דעם געדאַנק, אַז ער וויל מאַכן נייע איינריכטונגען. ער וויל אַרויסוואַרפן אַלטע און איינפירן נייע. האָבן זיי אים נישט געלאָזט ענדיקן. דעם פּרנסעס ברודער, וואָס איז אויך געווען אַ גבאי, האָט אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן. דער פּרנס האָט אים אָבער אָפּגעשטעלט מיט אַ שאַרפן בליק: איך בין דער פּרנס, איך האָב די דעה צו זאָגן!

— ר' קאַרוואַלהאָ! — האָט געזאָגט דער פּרנס. — אַלע, וואָס ווילן פאַרפירן יידן, ברענגען באַווייזן, ווייזן פּסוקים. אַז מיר ווילן נישט קיין רעפאָרמען, ברויכן מיר נישט קיין באַווייזן, נישט נויטיק קיין פּסוקים!

איז אָבער דער רב־חזן אַלץ געבליבן איינגעשפּאַרט. ער האָט דווקא געוואָלט דעם נייעם ניגון.

— אַ חילוק דאָרט אַזאַ ניגון, אָן אַנדער ניגון! אַ ניגון איז נישט הייליק!

דאָ האָט זיך אַ הויב געטון אַ שאַרף פלעמעל אין די אויגן פון דעם פּרנס. דער רב־חזן איז נאָך אַלץ אַן עקשן. דאַרף מען אים לערנען דרך־ארץ.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— ר' קאַרוואַלהאָ איז אונטערטעניק צו די פירער פון דער געמיינדע „קהל קדוש בית אלהים“ פון טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָליינע. און נישט די פירער צו אים! ער האָט אויף זיין אייגן אחריות, אָן צו באַראַטן זיך מיט די מנהיגים, אַריינגעפירט אַ נייע זאַך און אָפּגעשאַפט אַן אַלטע טראַדיציע. דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן, און צו ווייזן אַ ביישפּיל, אַז קיינער זאָל מער נישט דערוועגן אים נאָכצוטון, לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן אים באַשטראָפן.

די אַנדערע האָבן צוגעשטימט.

— יאָ, יאָ! אוודאי באַשטראָפן!

— זאָל ער האָבן וואָס צו געדענקען!

— דאָס זאָל זײַן אַ וואָרנונג אויף ווײַטער!

צופרידן מיט דער אײנשטימיקייט, האָט דער פּרנס, ווי אַ הויכער ריכטער מיט זיכערקייט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל:

— ר׳ קאַרוואַלהאָ ווערט אויסגעשלאָסן אויף אַ וואָך צייט.

„אויסגעשלאָסן"? — האָט אַ פּינצטערקייט זיך אַ גאָס געטון דעם רב־חזן אין די אויגן. — „אויסגעשלאָסן? חרם?".

ער האָט נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל, נישט צו ברענגען אויף זיך אַ גרעסערע צרה. אין זײַנע אויגן האָט, ווי פריער ביי דעם פּרנס, זיך אויך אַ צונד געטון אַ פלאַם.

דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן! נאָך דעם חרם קאָן דער פּרנס אים אינגאַנצן אָפּזאָגן.

איז אוועק דער רב־חזן צו אַ יונגן באַלעבאָס, פון די רייכסטע יידן אין שטאָט. ער איז געווען אַ דייטשער ייד, און כאָטש דער רב־חזן איז געווען אַ פּאָרטוגעזע, האָט דער דייטשער ייד אים געשטיצט. ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אײנפירן אַ ביסל נייעס אין שול.

זיי האָבן אויסגעשטעלט אַ פּאַפּיר מיט אַ פאָדערונג צום פּרנס, ער זאָל אַראָפּנעמען די שטראָף פון קאַרוואַלהאָן.

ביידע האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דעם פּאַפּיר און זיי האָבן געקריגן נאָך אונטערשריפטן פון געמיינדע־מיטגלידער.

קאַרוואַלהאָ האָט מיטגענומען מיט זיך זײַנע גוטע פריינט און איז אוועק אין קהל־שטוב, וווּ די גבאים מיטן פּרנס בראש האָבן געהאַט אַ זיצונג.

אַרײַנגעגאַנגען זענען זיי פּלוצים און קאַרוואַלהאָ האָט דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר דעם פּרנס. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין חשק, דער פּרנס, איבערצולייענען גלייך דאָס פּאַפּיר, נאָר זענענדיק צווישן קאַרוואַל־האָס אָנהענגער עטלעכע פּאַרשוינען, וועמען ער האָט געקענט פאַר הי־ציקע, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ פון אויפצוהייבן אַ האַנט, ווען עס האַנדלט זיך אין זייער כבוד, האָט ער מיט אַ בייז פּנים גענומען לייענען דאָס פּאַפּיר, און פון שורה צו שורה איז געשטיגן אין אים דער כעס.

אָפּוואַרפנדיק דאָס פּאַפּיר האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז קעגן דער קאָנסטיטוציע. איך קאָן דאָס נישט טון. די שטראָף איז געווען געזעצלעך און לויט אַן אײנשטימיקן באַשלוס.

ער האָט געוואָלט ווײַטער אָנגיין מיט דער זיצונג. קאַרוואַלהאָס אָנ־הענגער האָבן אָבער נישט געלאָזט. און ווען דער פּרנס האָט זיי געהייסן אַרויסגיין איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג.

עס האָט קיינמאָל נישט געקאָנט קלאָר ווערן, ווער עס האָט אָנגע־הויבן דאָס געשלעג, ווער עס האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די האַנט. יעדער צד האָט באַשולדיקט דעם צווייטן. און עס איז טאַקע געווען אומ־מעגלעך צו וויסן. עס איז געוואָרן פּלוצים אַ גרויסער טומל מיט גע־שרייען און אַ געשטופּעריי.

ווען עס איז אָנגעלאָפן אַן עולם פון גאַס אויף די געשרייען, האָבן זיי געפונען אין קהל־שטיבל די מלחמה אין איר גאַנצן ברען. פּעטש זענען געפלויגן; פויסטן האָבן געזעצט איבער קעפּ, אין די זייטן, קניען זענען אַריינגעקראָכן אין בייכער; קנוילן האָבן זיך געקייקלט אויפן דיל, געקלאַ־מערט זיך איינס אין דאָס אַנדערע, געפּליקט די האָר און געריסן, אָפּגע־שטופּט זיך און ווידער פאַרקנוילט.

די שטאַרקסטע קלעפּ האָט געקראָגן דער פּרנס. זיין ברודער און דער דייטשער ייד, וואָס האָט פון אָנפאַנג אָן געהאָלפן קאַרוואַלהאָן און זיי זענען אַרויס פון געשלעג מיט ביילן אויף די קעפּ, אונטערגעשלאָגענע אויגן און צעשפּאָלטענע ליפּן. די אַנדערע זענען אָפּגעקומען גרינגער. ווער עס האָט געהאַט ברוין און בלויע פלעקן און ווער אַ צעקרעלטע באַק. אָן אַ צייכן פון געשלעג איז כמעט קיינער נישט אַרויס.

דער רב־חזן איז געווען דער איינציקער, וואָס מען האָט נישט גע־קאָנט דערקאָנען צי ער האָט זיך אויך געהאַט אַריינגעמישט אין גע־שלעג. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט נאָר צוגעקוקט, און די באַלע־באַטים האָבן אים פונדעסטוועגן געשוינט און נישט אַריינגעצויגן.

האָט דאָס געשלעג אין קהל־שטיבל אין דער געביידע פון דער שול פון „קהל קדוש בית אלהים“, אויפגעקאָכט די שטאָט. נישט נאָר יידן אַליין, נאָר אויך נישט־יידן האָבן אַ צייט נישט אויפגעהערט צו רעדן דערפון.

— אַ געשלעג אין גאָטס הויז? — איז גערעדט געוואָרן אויף די גאַסן און אין די שטובן. — אַזאַ פאַרשוועכונג איז אומדערהערט!

— נאָר ביי יידן האָט געקאָנט טרעפן אַזאַ פאַרשוועכונג. אַזאַ לעס־מערונג — האָבן געזאָגט גויים, וואָס האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז יידן זענען אומגלויביקע.

אָבער יידן האָבן אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

— ביי זיי, ביי גויים, וואָלט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט פּאַסירן! — האָבן די יידן פאַרגעוואָרפן די שלעגער — נאָר ביי יידן האָט דאָס גע־קאָנט טרעפן.

דער פּרנס, געשטיצט פון זיינע אָנהענגער, האָט באַשולדיקט דעם

רב־חזן, אז ער האָט געבראַכט די שלעגער און זיי פּשוט אויפגערייצט צו דעם געשלעג.

— ס'איז אַ ליגן, אַ בלבול! — האָט געטענהט קאַרוואַלהאַ, געשטיצט פון זיינע אָנהענגער. — דער גאַנצער שולדיקער איז ער, דער פּרנס. וואָס גיט ער אַרויס אַ חרם!? און אַז מען איז געקומען צו אים מיט אַ בקשה, אונטערגעשריבן פון וויכטיקע באַלעבאַטים, האָט ער זיי גענומען אַרויסשטופּן, אַרויסוואַרפן.

די קלעפּ האָבן זיך אינגיכן אויסגעהיילט, די צייכנס אָפּגעגאַנגען, אָבער די חרפּה פאַר די נישט־יידן איז נישט אַזוי גיך געוואָרן אָפּגעווישט.

קאַרוואַלהאַ איז פונדעסטוועגן ווייטער געבליבן אויף זיין שטעל. דאָס האָט שוין באַזאָרגט מרדכי. ער האָט געהאַט גרויס צער פון דעם געשלעג, און ער האָט זיך שטאַרק געשעמט און איז אויך געווען שטאַרק קעגן דעם רב־חזן פאַר וועלן איינפירן אַ נייעם ניגון. ער איז געווען קעגן רעפאָרמען.

— אין שול דאַרף אַלץ בלייבן ביים אַלטן — האָט געזאָגט מרדכי.
— אַלע טראַדיציעס פון שול זענען הייליק. מען טאָר נישט לאָזן פאַלן די ערשטע טראַדיציע.

— עס האַנדלט זיך אָבער נישט אין דער פראַגע פון טראַדיציע אַליין — האָט ער ווייטער גערעדט מיט טיפן פאַרדראָס. — עס גייט אויך אין דעם שרעקלעכן חילול השם, וואָס עס איז געבראַכט געוואָרן דורך דעם געשלעג.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פילאַדעלפיער רב גרשם סעישעס, זיין זיידנס פריינט, ביי וועמען ער האָט געלערנט אַלס ייִנגל. ווי פיין, ווי איידל ער האָט זיך באַנומען מיט די באַלעבאַטים, און דעם גרויסן דרך־ארץ, וואָס אַלע האָבן געהאַט פאַר אים — האָט ער אין זיינע טענות קעגן קאַרוואַלהאָן אַרויפגעבראַכט דעם נאָמען פון דעם אַלטן, באַליבטן רב.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וועג פון אַ רב אויפצוהעצן באַלעבאַטים איינעם קעגן אַנדערן? — האָט ער געזאָגט קאַרוואַלהאָן. — איר האָט זיי אָרגאַניזירט ווי עפּעס אַ באַנדע שלעגער. פונדעסטוועגן איז דער פּרנס איינער פון די אָנגעזעענסטע לייט אין שטאָט, האָט איר אָנגעשיקט אויף אים, ניין, אַליין געבראַכט אַ חברה יונגאַטשעס, זיי זאָלן אים שלאָגן.

— וו איז דאָס געהערט געוואָרן צו דיסקוטירן וועגן אַ רעליגיעזער פראַגע מיט די הענט? וואָס עפּעס שלאָגן זיך אין שול־הויז? ניין, דער

ווירדיקער גרשם סעישעס וואָלט קיינמאָל נישט געטון אַזאַ זאַך. איר וואָלט געמעגט בעסער גיין אין ר׳ גרשם סעישעס׳ וועגן.

נאָר אָפּזאָגן אים האָט ער נישט געלאָזט.

— איך האַלט נישט פון אָפּזאָגן — האָט ער געזאָגט. — עס וועט איצט שוין זיין אַנדערש. מער וועט ער אַזעלכעס שוין נישט טון. און איך וויל אויך עס זאָל ווערן שטיל ווי פריער. וועט מען אָפּזאָגן דעם רב־חזן, וועט דאָס אויפהייבן אַ פּריש גערעדער. אַז אַלץ וועט בלייבן ביים אַלטן, וועט מען עס גיכער פאַרגעסן.

***

די רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטן האָבן געוווּנען די וואַלן. דזשיימס מעדיסאָן איז געוואָרן פּרעזידענט.

ווען די ידיעה איז אָנגעקומען קיין טשאַרלסטאָן, האָט דער גרעס־טער טייל פון דער שטאָט זיך שטאַרק געפרייט. די פּאַרטיי־פירער האָבן געמאַכט אַ יום־טוב מיט אַ פּאַראַד און מוזיק איבער דער הויפּט־גאַס. זיי, די פירער, זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך, געגאַנגען פאַראויס, און דער גרויסער עולם, וואָס איז געשטאַנען פון ביידע זייטן גאַס, האָט באַגריסט די פירער און זיי אַפּלאָדירט.

מרדכי איז געגאַנגען אין דער ערשטער רייע פון די פירער. ער איז געווען איינער פון די גאָר באַליבטסטע ביי דעם עולם. צווישן די נעמען וואָס דער עולם האָט אויסגערופן ביים באַגריסן, איז מרדכים געוואָרן אָפט געהערט.

נאָך דעם פּאַראַד, וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, זע־נען די פירער אַוועק אויף אַ מאָלצייט, וואָס זיי האָבן גערופן „די סעודה פון זיג". עס איז געווען נאָר פּאָר מענער. קיינער האָט נישט מיטגענו־מען זיין פרוי.

מרדכי האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט די פאָרבאַרייטונגען פאַר דער „סעודה פון זיג". מיט צוגרייטונגס־אַרבעט האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט צו טון. ער האָט נאָר גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען און אויף די פירער־באַראַטונגען, געהאָלפן אויסאַרבעטן פּלענער.

ער איז אָבער געקומען אויפן מאָלצייט. ער וואָלט אפשר בעסער געווען געזעסן איבער אַ בוך ביי זיך אין שטוב, נאָר אַז מען האָט אים גערופן, האָט ער נישט געקאָנט אָפּזאָגן און ער איז געגאַנגען.

אין דעם עס־זאַל האָט מרדכי געפונען אַ קליינעם עולם. נאָר די פּי־

דער זענען צוגעלאָזט געוואָרן און נישט קיין שום זייטיקער. דער עולם האָט געגעסן, באַדינט נאָר דורך מענער, און זיך געלאָזט ווילגיין. אַ הויך געשריי איז געשטאַנען אין זאַל.

מיטאַמאָל האָט איינער פון די עלטסטע פירער געגעבן עטלעכע קלעפּ מיט אַ גאָפּל אין זיין גלאָז און ס'איז געוואָרן שטיל. ער האָט באַפוילן די קעלנער אַרויסצוגיין און נישט אַריינצוקומען, ביז מען וועט זיי רופן. און ווען זיי זענען שוין געווען אַרויס האָט ער געזאָגט, אַז כאָטש דאָס איז אַ „סעודה פון זיג", וועלן זיי נישט רעדן פון פּאָליטיק, נאָר פּשוט זיך אַמוזירן.

— פּאָליטיק האָבן מיר געהאַט גענוג. מיר קאָנען זיך דערלויבן אַ ביסל רו, לאָמיר פאַרברענגען.

ער האָט באַלד געשטעלט דעם טאָן. ער האָט דערציילט אַ וווּלגאַרן אַנעקדאָט. אַ טייל האָבן שוין געוווּסט דעם אַנעקדאָט און זיי האָבן זיך צעשמייכלט מיט אַן אויליגן שמייכל. אַנדערע האָבן געשפּאַנטע צוגעהערט, ווייסנדיק, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן שמאַלציק, און זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן. זיי האָבן מיט די אויגן געריסן פון אים דעם סוף וואָס גיכער.

איבערן צימער האָט זיך אַ צעשאָט געטון אַ געלעכטער, ווי עס וואָלטן זיך צעקאָלערט אַ זאַק קליינע באַלן. דאָס האָט דער פּאָרזיצער דערזאָגט דעם סוף פון דעם אַנעקדאָט.

מרדכין האָט נישט געשמעקט די סצענע; ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן גראָבע רייד אַפילו אונטער פיר אויגן. וויפיל מאָל ער האָט נישט געמוזט אויסהערן וווּלגאַרע אַנעקדאָטן, שמוציקע וויצן, האָט ער אָלץ נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען דערצו. איצט, ווען ער האָט געהערט די גראָבע רייד אין קעגנוואַרט פון אַ היפּשן עולם, האָט אים באַשלאָגן אַן איבל.

דער צווייטער רעדנער איז געווען אַ מיטגליד פון הויכן געריכט פון שטאַט. אַן אַלטער מאַן, באַלד אַ זיבעציקער, מיט אַ רויט געזיכט און אַ ווייסן קאָפּ, האָט ער געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק.

מרדכי האָט אים גוט געקענט, און דעריבער איז ער געוואָרן מוראַדיק איבעראַשט, ווען דער אַלטער, הויכער ריכטער איז גלייך אין אָנהויב אַרויף אויף דעם וועג פון דעם ערשטן רעדנער. פון אים האָט מרדכי דערוואַרט ער זאָל האַלטן זיין מויל ריין. דערצו האָט דער ריכטער אינדערפרי ערשט געהאַט פאַרמשפּט צוויי מענער צום טויט, איז מרדכי גע-

ווען זיכער, אַז נאָך דעם טויט־אורטייל וועט ער נישט גלייך דעם זעלבן טאָג זאָגן גראָבע וויצן.

איז אים דעריבער פּשוט געוואָרן פינצטער אין די אויגן, ווען דער הויכער ריכטער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אַן עקלהאַפטע געשיכטע, און ער האָט באַנוצט די גראָבסטע ווערטער, די שמוציקסטע אויסדרוקן. דערצו האָבן אַלע געזען, ווי דער הויכער ריכטער האָט שטאַרק אָנגע־קוואָלן פון זיינע אייגענע גראָבע רייד. דאָס פּנים האָט אים געגלאַנצט און די ליפּן זענען אים געוואָרן פעט, ווי ער וואָלט געגעסן חזיר־ווורשט.

די געסט האָבן זיך געטרייסלט פאַר געלעכטער, אַ הייזעריק גראָב געלעכטער, וואָס האָט זיך געגאָסן אַלץ גרעבער, געדיכטער.

מרדכין האָט טאַקע געשווינדלט אין די אויגן און ער האָט זיך אויפ־געהויבן אַרויסצוגיין. אַ שכן זיינער, וואָס האָט געוווּסט, אַז מרדכי האָט נישט ליב דעם מין וויצן, האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט און צוריקגעצויגן.

— גייט נישט אַרויס, מיסטער נח — האָט ער אים געבעטן. — בלייבט דאָ, דער צוזאַמענקונפט וועט ווערן צעשטערט, ווען איר וועט אַוועקגיין, און — האָט ער געוויזן אויפן אַלטן ריכטער — ער וועט זיין באַליידיקט.

דאָס האָט מרדכי נישט געוואָלט. האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער קומט צוריק. ער גייט נאָר אַרויס נאָך אַ ביסל פרישע לופט. עס איז צו שטיקנ־דיק אין זאַל.

ער איז טאַקע באַלד צוריקגעקומען. עס האָט אים אָבער באַנג גע־טון, וואָס ער איז צוריקגעקומען. ווען ער ווייסט דאָס, וואָלט ער זיך נישט גערעכנט מיט קיין זאַך. ער וואָלט געווען אַהיימגעגאַנגען.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, איז אַריינגעקומען אַן אַלטיטשקער מיט לאַנגע ווייסע האָר, אַ ווייסע באָרד, וואָס איז קוים געגאַנגען.

דעם אַלטן האָט מרדכי געזען דאָס ערשטע מאָל. ער האָט געמוזט זיין אַ וויכטיקער מענטש, אַנישט וואָלט מען דאָך אים נישט אַריינגע־לאָזט. האָט ער געפרעגט זיין שכן, ווער עס איז דער גאַסט.

אָבער דער שכן האָט אויך נישט געוווּסט. אויף ווענען מרדכי האָט אַ קוק געטון, האָט ער געזען, אַז יעדער קוקט נייגעריק, ווי ער וואָלט גע־זען דעם גאַסט צום ערשטן מאָל.

דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט, נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען, מיט די גרעסטע לויב־ווערטער. ער איז באַליבט, וווּנדער־

באר. ס'איז געווען זייער שווער אים צו קריגן. עס איז א גרויס גליק, און נאך אנדערע שבחים.

ענדלעך איז דער אלטיטשקער צוגעקומען צום פּאַרזיצער. אלץ גע־גאַנגען שוואך, געבויגן, קוים געשטעלט די פיס, אנגעשפּאַרט זיך און באַ־קוקט די פאַרזאַמלטע מיט האלב־אָפענע אויגן.

אויגן, קעפּ האָבן זיך געצויגן צום אלטן. ווער איז ער?

פּלוצלינג האָט דער אלטיטשקער אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק און ער איז געבליבן שטיין אין וועסט־הויזן. דאָ האָט דער עולם שוין געעפנט די מיילער. און באַלד האָט ער אויך אַראָפּגעוואָרפן די וועסט.

האָבן די געסט שוין גענומען זיך אָנשטויסן, אַז דאָס מוז זיין א קונצנמאַכער, און זיי האָבן זיך אַ רוק געטון פאָראויס און אויסגעשטעלט די קעפּ.

מיטאַמאָל ווי אין א פאַרבלענדעניש, האָט דער אלטיטשקער אַראָפּ־געוואָרפן די באָרד, דעם קאָפּ ווייסע האָר, און פון א סך העלדזער האָט זיך אַ ריס געטון אַ קוויטש פון איבעראַשונג:

— אַה!

די איבעראַשונג איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז דער קוויטש האָט זיך איבערגעריסן.

אַנדערש נישט נאָר אַ כישוף! אין אַן אויגנבליק איז נישט געווען דער אלטיטשקער. אויף זיין אָרט איז געשטאַנען אַ נאַקעט מיידל מיט א שמייכל אויף איר יונג, קלאָר פּנים. און זי האָט געשאָקלט איר בלאָנדן קאָפּ רעכטס און לינקס.

— איצט זענט איר איבערציינט מיט אייערע אייגענע אויגן — האָט זיך פּלוצלינג אַ טראָג געטון דעם פאַרזיצערס קול — אַז מיר האָבן געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן אייך געמאַכט דעם אמתן סורפּריז.

א ווײַלע איז געווען שטיל. דער עולם איז געזעסן א געפּלעפּטער. באַלד איז געוואָרן א געפּאַטשעריי. דער גרעסטער טייל פון עולם האָט אַפּלאָדירט דעם פאַרזיצער און זיינע שותפים פאַר דער איבעררַאשונג.

פאַר די מערסטע געסט איז שוין נישט געווען קיין נייעס צו קומען אויף א מענערישער סעודה, ווו זיי האָבן געלאָזט די צונג פריי, און עס זענען אויך געווען אַקטיאָרן, וואָס האָבן געזונגען געמיינע קופּלעטן און דערציילט מיאוסע וויצן.

דאָס נייעס איז אָבער געווען, וואָס צום ערשטן מאָל איז אין טשאַרלסטאָן אויף אַזאַ מאָלצייט געבראַכט געוואָרן אַ נאַקעט מיידל. און אפילו די, וואָס האָבן זיך שיר נישט דערוואָרגן מיט דער כוואַליע היץ,

וואָס האָט זיי געגעבן אַ שפּאַר אַרויף אין האַלדז אַריין, האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ סורפּריז. זיי האָבן זיך טאַקע פאַרכליניעט פון צעלאַזענער גלוסטונג. זיי האָבן אַפּלאָדירט דעם איינפאַל. דאָס איז דאָך אָבער געווען אַזוי ניי, אַזוי געוואַגט, אַז אינגאַנצן זיכער מיט זיך זענען זיי פונדעסטוועגן נישט געווען.

אויגן פאַרוואונדערטע האָבן געפרעגט שטומערהייט, העלדזער האָבן אַרויסגעהייזעריקט:

— נאַקעט! נאַקעט!

מרדכי איז געוואָרן רויט און ער האָט באַגראָבן די אויגן. ער האָט געקענט דאָס מיידל בעסער ווי די אַנדערע געסט. זי איז געווען אַ קונצנמאַכערין און זינגערין פון אַ וואַנדערנדיקער טרופּע, וואָס איז געקומען פּרובירן מזל אין טשאַרלסטאָן. האָט אים נאָך דער שכן זיינער געגעבן אַ רוק אַריין דעם עלנבויגן אין זייט אַריין, איינרוימענדיק אין אויער:

— מיסטער נח, זי איז נאַקעט, אינגאַנצן נאַקעט.

האָט מרדכי נישט געוווסט וואָס צו טון. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּראָגראַם הייבט זיך ערשט אָן. ער האָט נישט געוואָלט זיין דערביי. ווי די אַקטריסע, אַ נאַקעטע, וועט ווייזן קונצן פאַר דעם עולם, און אַרויסגיין איז אים אויך נישט געווען אָנגענעם. נאָר דער אַלטער, הויכער ריכטער איז אים געקומען צו הילף:

דער ריכטער איז געזעסן נישט ווייט פון אים. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו דעם מיידל. זי איז אַרומגענומען, און דער עולם האָט זיך אַ ריר געטון, מען האָט נישט געוווסט, וואָס ער וויל דאָ טון. אַנדערע האָבן מורא געהאַט, אַז אפשר וויל ער זי אַרויסיאָגן.

זיין פּנים האָט נישט געוויזן, אַז ער וויל זי אַרויסיאָגן. ער האָט זי אַרומגענומען, איינגעקלאַמערט זיך אין איר קלאָר, יונג לייב, געדריקט זי און מיט דעם אָן־צייניקן מויל אָנגעהויבן לעקן איר דאָס פּנים, דעם האַלדז.

מער האָט שוין מרדכי נישט געקאָנט זיצן. אין די אויגן האָט אים אַ גאַס געטון אַ קרוג קאָכעדיק וואַסער. ער האָט גאַרנישט געזען און ער האָט זיך אויפגעהויבן.

ווייזט אויס, אַז ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז צערודערט געוואָרן פון דעם ריכטערס פריילעכן נומער. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אים דער שכן שוין נישט פאַרהאַלטן. געלאָזט גיין.

אַ פאַרשעמטער איז מרדכי געגאַנגען אַהיים און עס האָט אים נישט אויפגעהערט צו עסן נישט אַזוי, וואָס די אַקטריסע האָט זיך אויס־

געטון נאַקעט, אָדער וואָס דער ריכטער האָט זי געקושט, נאָר וואָס דער ריכטער, אין דעם זעלבן טאָג, וואָס ער האָט פאַראורטיילט צוויי מענטשן צום טויט, האָט ער גערעדט אַזעלכע געמיינע, מיאוסע רייד.

עס האָט געשריגן אין אים:

— ער האָט דאָך ערשט היינט מיט די זעלבע ליפּן אָנגעזאָגט טויט צו צוויי מענטשן!

***

דער כעס אויף ענגלאַנד איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. ענגלאַנד האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרכאַפּן אַמעריקאַנער האַנדלס־שיפן, וואָס האָבן געפירט סחורה קיין פראַנקרייך. אויב דאָס אַליין איז נישט געווען גענוג פאַר ענגלאַנד, האָט נאָך דער ענגלישער קעניג באַפוילן זיינע שיפס־קאַפּיטאַנען, זיי זאָלן אָפּשטעלן אַלע אַמעריקאַנער שיפן און אַרעסטירן יעדן מאַטראָז, וואָס איז אַוועק פון ענגלאַנד.

אַ סך ענגלישע מאַטראָזן זענען אַנטלאָפן פון די ענגלישע שיפן און זיי האָבן זיך פאַרדונגען צו די אַמעריקאַנער. זיי האָבן געקראָגן בעסער באַצאָלט אויף די אַמעריקאַנער שיפן און זיי זענען געווען זיכערער מיטן לעבן. ענגלאַנד האָט דאָך געהאַט איר מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען און אַמע־ריקע איז געווען נייטראַל, איז דאָך זיכער געווען בעסער פאַר די מאַ־טראָזן צו דינען אויף אַמעריקאַנער שיפן ווי אויף ענגלישע.

האָט דער ענגלישער קעניג געוואָלט אָפּנעמען מיט געוואַלד די דע־זערטירער פון זיינע שיפן. אַמעריקע האָט געהאַלטן, אַז קיין מלוכה קאָן נישט אַרויפשיקן אירע באַאַמטע אָדער סאָלדאַטן אויף די אַמעריקאַנער שיפן אָן אַ דערלויבעניש פון אַמעריקאַנער שיפס־קאַפּיטאַן. דאָס אָפּ־שטעלן די שיפן און זוכן אויף זיי איז פאַר אַמעריקאַנער געווען אַ באַ־ליידיקונג און דאָס פאַרנעמען מאַטראָסן פון אַמעריקאַנער שיפן איז באַ־טראַכט געוואָרן אין אַמעריקע ים־רויבעריי, און אויף די ענגלישע שיפס־קאַפּיטאַנען האָט אַמעריקע געקוקט ווי אויף פּיראַטן.

די ענגלענדער האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט פאַרנעמען מאַ־טראָזן, וואָס האָבן דעזערטירט פון זייערע שיפן. אַזוי ווי ענגלאַנד האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו קריגן גענוג מענטשן פאַר אירע שיפן, האָבן די ענגלישע שיפס־קאַפּיטאַנען, צוזאַמען מיט די דעזערטירער, פאַר־נומען אויך אַזעלכע מאַטראָזן, וואָס זייער פוס האָט קיינמאָל נישט גע־טראָטן אויף ענגלישער ערד. אַבי צוצושטעלן וואָס מער מענטשן פאַר די ענגלישע שיפן.

דאָס איז שוין געווען פשוט נעמען אַמעריקאַנער פאַר ענגלישע סאָל־דאַטן. האָט דאָס געהייסן, אַז אַמעריקע איז נאָך ביי דעם ענגלישן קעניג זיינס אַ קאָלאָניע: ער קאָן טון מיט איר וואָס ער וויל.

אַ סך אַמעריקאַנער זענען אויפגעטרייסלט געוואָרן פון גרויס צאָרן אויף ענגלאַנד. זיי האָבן געפאָדערט פון פּרעזידענט צו דערקלערן קריג קעגן ענגלאַנד.

מרדכי איז געווען איינער פון די פירער פון דער מלחמה־פּאַרטיי. ער האָט געשטורעמט אין זיינע אַרטיקלען, אין די רעדעס זיינע קעגן ענגלאַנד. ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאָדערן קריג מיט ענגלאַנד.

וועגן צוויי זאַכן האָט ער נישט אויפגעהערט צו האַמערן איבער די מוחות פון זיינע לייענער און צוהערער.

דער ים געהערט צו אַלעמען. די ימען מוזן זיין פריי פאַר אַלעמען. ענגלאַנד מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קריגן אַ לעקציע, זי זאָל געדענקען אויף אייביק, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ פרייע רעפּובליק, שוין לאַנג אומאָפּהענגיק, און איר פאָן איז הייליק און מוז רעספּעקטירט ווערן פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

פאַר די פאָדערונגען האָט ער נישט אויפגעהערט צו רופן דאָס פאָלק צו קריג קעגן ענגלאַנד.

און פּונקט ווי אין די צייטן פון פּרעזידענט דזשעפערסאָן, איז גע־ווען אויך איצט אַ גרופּע רייכע לייט, וואָס זענען געווען קעגן קריג. אַ סך פון זיי זענען געווען קעגן קריג נישט אומזיסט, זיי האָבן געקראָגן זייער לוין שטילערהייט פון ענגלאַנד, און זיי, צוזאַמען מיט ענגלישע אַגענטן, האָבן געפירט פּראָפּאַגאַנדע קעגן קריג און געקעמפט קעגן די, וואָס האָבן גערופן צו קריג.

די קעגנער פון קריג האָבן געזען, אַז איינער פון זייערע ביטערסטע און געפערלעכסטע פיינט איז מרדכי, האָבן זיי געקעמפט קעגן אים צום ביטערסטן און זיי האָבן אים מוראדיק געהאַסט. זיי איז קלאָר געווען, אַז מיט זיין פייערדיקער אַגיטאַציע וועט ער ענדלעך דערפירן צו מלחמה מיט ענגלאַנד.

מרדכי איז דעמאָלט שוין געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער „טשאַרלס־טאָן טיימס". ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם רעדאַק־טאָר־אייגנטימער.

און נישט גענוג וואָס ער האָט געפירט אַ פייערדיקע קאַמפּאַניע קעגן ענגלאַנד, האָט ער גענומען פאָדערן רעפאָרמען אין דער אָרדענונג אין שטאַט.

געטון האָט ער דאָס אין אַ שאַרפער סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט אויפגעשטורעמט נישט טשאַרלסטאָן אַליין, נאָר דעם גאַנצן שטאַט, און עס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אומעטום, ווו די אַרטיקלען זענען אָנגעקומען.

די אַרטיקלען האָט ער נישט געשריבן אונטער זיין נאָמען, נאָר אין נאָמען פון אַ טערק. אין טשאַרלסטאָן, הייסט עס, האָט געוווינט אַ טערק, וואָס האָט זיך קאָרעספּאָנדירט מיט זיין חבר אין טערקיי, און אין די בריוו האָט ער דערציילט דעם חבר, וואָס עס טוט זיך אין טשאַרלסטאָן.

„מולי מאַלאַק" איז געווען אַ נייער, אומבאַקאַנטער נאָמען, וואָס איז פּלוצים דערשינען אין „טשאַרלסטאָן טיימס" אונטער די בריוו. די צייטונג האָט געקראָגן אַ קאָפּיע פון די בריוו, האָט עס געהייסן, וואָס דער טערקישער גאַסט האָט אַהיימגעשריבן.

קיין זאַך האָט ער נישט דורכגעלאָזט אין די בריוו. ער האָט קריטיקירט רעכטס און לינקס. געשריבן האָט ער העפלעך, איידל, לויט דעם שטייגער פון די מזרח־לייט. אויסרעכענענדיק די חסרונות פון דער שטאַט־פירונג האָט ער אַלעמאָל צוגעגעבן די ווערטער „ווירדיקע", „געערטע" דעפּוטאַטן. וואָס ער האָט געלאָזט וויסן דעם אויסגעטראַכטן חבר אין טערקיי, איז אָבער געווען אויסגעשטעלט אַזוי, אַז טשאַרלסטאָן האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן: איין טייל האָט זיך באַגראָבן פאַר חרפּה, געשעמט צו ווייזן דאָס פּנים, און אַן אַנדערע טייל האָט געלאַכט אין די פויסטן און אַנגעקוואַלן.

ער האָט באַשריבן די חסרונות פון די מענער און פון די פרויען. ער האָט קריטיקירט שאַרף דעם אופן ווי די טשאַרלסטאָנער האָבן זיך געפירט אין הויז און אויף דער גאַס, אין דער פּאָליטיק און אין קירך. מיט באַדויערן האָט ער גערעדט וועגן דעם וועג ווי די טשאַרלסטאָנער לערנען זייערע קינדער, באַזונדער די טעכטער.

דעם ערשטן חסרון, וואָס ער האָט באַמערקט באַלד ווי ער איז געקומען קיין טשאַרלסטאָן, דאָס פערד־געיעג, האָט ער נישט דורכגעלאָזט אין „בריוו פון מולי מאַלאַק".

די מענער און די פרויען — האָט ער טיף באַדויערט אין אַ בריוו — לויפן צום פערד־געיעג. אין ביבליאָטעק גייען זיי אפילו נישט פאַרמעלעך, און צום פערד־געיעג לויפן זיי. זיי שטעלן־איין געלט אויף די פערד. פיל מאָל שטעלן זיי איין זייער גאַנץ פאַרמעגן אויף אַ פערד און פאַרלירן.

פּאָליטיק האָט ער אויך נישט געשוינט. ער האָט איבערגעגעבן זיין

חבר', ווי הויכע באַמטע ווערן דערוויילט דורך שווינדל. זיי קויפן אונ־טער די וויילער. זיי פאַרלירן אָבער נישט. שפּעטער, ווען זיי זענען שוין אין אַמט, נעמען זיי זיך אָפּ צען מאָל אַזויפיל, וויפל זיי האָבן אויסגע־געבן אויף די וואַלן. זיין קריטיק האָט ער געשיקט אויף דעם אַדרעס פון ביידע פּאַרטייען: זיין אייגענע אויך. נאָר די רייכע פעדעראַליסטן. זיי האָבן אַריינגעכאַפּט די גרעסטע און ביטערסטע פּאַרציע.

אַ סך שטאַטלייט האָבן געמיינט, אַז דאָס שרייבט טאַקע אַ טערק, און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפזוכן דעם טערק. אַ טייל האָבן אים געוואָלט דאַנקען; די מערסטע האָבן אים געוואָלט צערייסן.

איין בריוו וועגן דער שטעלונג פון די רייכע טשאַרלסטאָנער צו ענג־לאַנד, האָט אַרויסגערופן די שאַרפסטע אויפרעגונג.

דאָס לאַנד וועט ענדלעך זיך אויפהייבן קעגן די פרעמדע אָנפּאַ־לער. נישט אַלע האָבן פאַרלוירן דאָס געפיל פאַר פרייהייט און אומאָפּ־הענגיקייט. האָט „מולי מאַלאַק" געשריבן צו זיין פריינט דעם אויסגע־טראַכטן „כאַלעד" אין אַלעפּאָ. נאָר די רייכע לייט, וואָס זייער גאָלד האָט פאַרשטאָפּט זייערע הערצער און זיי האָבן פאַרלוירן זייער ענערגיע און מוט, ווילן נאָר רוען און הוליען, נאָכגעבן זיך אַלע פאַרלאַנגען, לעבן אין גרעסטן לוקסוס, און זאָלן פרעמדע אַגרעסאָרס באַליידיקן און באַ־רויבן זייער לאַנד.

ער האָט אויך געהאַט שאַרפע רייד פאַר דער אַרמיי און פאַרן פלאָט. די אָפיצירן פון דער אַרמיי און פלאָט ווילן זיך אויסצייכענען — האָט דער אויסגעטראַכטער טערק געשריבן — נאָר אַזוי ווי זיי האָבן נישט קיין אַרבעט אויפן שלאַכטפעלד פאַרנעמען זיי זיך אָבער אַלץ מיט הרגענען. זיי הרגענען אַוועק צייט, זיי הרגענען אַוועק איינס דאָס אַנדערע איבער קלייניקייטן, איבער נאַרישקייטן, אין דועלן.

דועלן זענען דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע. פאַר אַ קרומען בליק האָט איינער דעם אַנדערן אַרויסגערופן אויף אַ דועל, זיך דורכגעשטאָכן מיט שווערדן אָדער אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרץ אַריין.

פריש איז נאָך געווען דער טויט פון אַלעקסאַנדער האַמילטאָן, וואָס איז געפאַלן אין אַ דועל מיט דעם געוועזענעם וויצע פרעזידענט פון לאַנד אייראָן בויר. דער טערק האָט שטאַרק פאַרדאַמט דועלן.

ווען דער דאָזיקער בריוו איז געוואָרן אָפּגעדרוקט איז ער געוואָרן דער געשפּרעך פון שטאָט, דער היציקסטער וואָס מען האָט געקאָנט גע־דענקען.

די רעדאַקציע איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו פון לייענער —

דאַנק־בריוו און פּראָטעסטן. איין בריוו האָט די צייטונג אָפּגעדרוקט פון א פּראָטעסטאַנט. ער איז געווען א רייכער פעדעראַליסט און ער האָט אויסגעגאָסן זיין גאַנצן צאָרן אויף דעם קריסטלעכן רעדאַקטאָר, וואָס דערלויבט א נישט־קריסט צו קריטיקירן די קריסטלעכע שטאָט טשאַרלס־טאָן.

נאָר דאָס איז געווען צופיל פאַר מרדכין. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשווייגן וואָס עס איז אריינגעמישט געוואָרן די רעליגיע־פראַגע — קריסט און נישט־קריסט.

האָט ער זיך שוין נישט געוואָלט פאַרבאָרגן אונטער דעם טערקישן נאָמען. ער איז גלייך אַרויסגעקומען מיט דעם סוד, אויסגעזאָגט ווער עס איז „מולי מאלאק" און געגעבן א שאַרפן ענטפער דעם רייכן פּראָטעס־טירער.

און ערשט איצט האָט אָנגעהויבן קאָכן אין שטאָט אויפסניי. אַלע האָבן געשטוינט: „מרדכי נח איז גאָר מולי מאלאק"! יאָ, ווי איז עס נישט געווען קלאָר גלייך פון אָנהויב־אָן, אז א טערק שרייבט נישט אַזאַ גוטן ענגליש? און ווי איז זיי נישט איינגעפאַלן צו פרעגן פון וואַנען קאָן א טערק אַזוי גרינטלעך וויסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, און ווו איז גאָר דאָ אַזאַ טערק?

צו דעם האַס פון פריער איבער זיין פּאַטריאָטישער פּראָפּאַגאַנדע קעגן ענגלאַנדס פאַרכאַפּן אַמעריקאַנער שיפן און מאַטראָסן, איז איצט צוגעקומען א נייער ים מיט שנאה פאַר זיינע טערקישע בריוו.

און טאַקע באַלד האָט ער געקראָגן אַן אויפפאָדערונג צו א דועל.

דער רייכער מאַן, וואָס האָט געשריבן קעגן דעם נישט־קריסט „מולי מאלאק", האָט איצט אַרויסגערופן אויף א דועל דעם אמתן שרייבער, מרדכי נחן.

ער איז געווען אין רעדאַקציע ווען ער האָט געקראָגן די אַרויספאָ־דערונג, און ער האָט די זאַך נישט גענומען ערנסט. ס'איז אוודאי נאָר א וואָרנונג, האָט ער זיך געקלערט. אים איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז אימיצער זאָל אים וועלן אַרויסרופן אויף א דועל. איבער דעם, וואָס דועלן זענען אים געווען דערווידער, האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז ער וועט אַמאָל זיך מוזן באַטייליקן אין א דועל.

ס'איז גאָרנישט, איז ער געווען זיכער. דער אַרויסרופער וועט גלייך פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע. העכסטנס וועט דאָס אויסגיין צו א שמועס און אַן אַנטשולדיקונג. עס וועט ווערן אויסגעגליכן אָן א פאַר־מעסט מיט געווער.

מרדכי איז געווען גרייט אפילו צו אנטשולדיקן זיך פאר ווער עס זאָל נישט זיין, אבי נישט צו האָבן אַ דועל. אַזוי שטאַרק איז אים געווען דערווידער דער מיאוסער בלוטיקער מנהג פון דועל. דערצו האָט ער זיין קעגנער נישט געקענט. ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען, און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס פאַר צוויי פרעמדע וואָס קענען זיך נישט, האָבן קיינ־מאָל נישט גערעדט, צו נעמען פּלוצלינג שווערדן אָדער רעוואָלווערן אין די הענט אַריין און איינער דעם אַנדערן וועלן טויטן?

און אנשטאט עפּעס צו טון וועגן דער אַרויספאָדערונג איז ער נאָך דער אַרבעט, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלעמאָל, אַוועק אין ביבליאָ־טעק לייענען.

זיצט מרדכי אין ביבליאָטעק און לייענט. פּלוצלינג וואַקסט אויס פאַר אים אַ הויכער, געזונטער פאַרשוין פאַרנייגט זיך פאַר אים, ווי די העפלעכקייט האָט געפאָדערט, דריי מאָל, אַרויסשטופּנדיק דעם ברייטן הינטער־חלק, און זיך פאַרגעשטעלט:

— מאַיאָר העמילטאָן!

האָט מרדכי זיך אויפגעשטעלט, געענטפערט אים, פאַרנייגנדיק זיך צוריק פונקט דריי מאָל:

— מאַיאָר נח.

זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט און מרדכי האָט דערזען, אַז די זאַך איז ערנסט. ער איז געווען דער סעקונדאַנט פון דעם מאַן, וואָס האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל, און ער איז געקומען פירן די פאַרהאַנדלונ־גען.

— מאַיאָר נח, מיט וואָסערע געווער ווילט איר זיך שלאָגן, שווערדן אָדער פּיסטאָלעטן?

וואָלט מרדכי, ווען עס האַנדלט זיך נאָר וועגן אים אַליין, אים גערן געענטפערט, אַז דער דועל איז אינגאַנצן איבעריק און מען קאָן זיך אַזוי אויסגלייכן. זאָל ער נאָר זאָגן וואָס פאַר אַ באַפרידיקונג וועט זיין גוט פאַר זיין צד. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז דאָס איז נישט זיין פּריוואַ־טער ענין אַליין. ער איז אַ פירער פון אַ פּאַרטיי. אויב ער וועט זיך אָפּ־זאָגן פון דועל קאָן דאָס זיך אָפּרופן שלעכט אויף זיין פּאַרטיי. וויל ער גאָרנישט טון אַליין, אָן דער עצה פון זיינע חברים, די אַנדערע פירער.

— מאַיאָר העמילטאָן — האָט מרדכי געזאָגט — מאָרגן ניין אין דער פרי וועל איך אייך געבן אַן ענטפער.

ער האָט באַלד צוזאַמענגעבראַכט די וויכטיקסטע פירער פון דער

רעפּובליקאַנער (דעמאָקראַטן) פּאַרטיי, געוויזן זיי די שריפטלעכע אַרויס־פאָדערונג און געזאָגט:

— איך בין קעגן דועלן. ווען איך האָב נישט מורא, אַז עס וועט שאַטן אונדזער פּאַרטיי, וואָלט איך נישט אָנגענומען די אַרויספאָדערונג. מיך וואָלט נישט געאַרט וואָס אימיצער וואָלט געזאָגט. איך וויל נישט הרגענען און וויל נישט ווערן געהרגעט. נאָר די פּאַרטיי איז דאָ פאַר־מישט. וויל איך האָבן אייער מיינונג. וואָס זאָגט איר?

— דועלירן! — איז געווען דער איינשטימיקער ענטפער פון די פאַר־זאַמלטע.

ער האָט נישט געהאַט קיין אויסוועג. אויסצומיידן בזיונות פאַר דער פּאַרטיי איז ער באַשטאַנען צו טון אַ זאַך וואָס איז אים געווען מוראדיק דערווידער.

ער האָט אָנגענומען דעם אַרויסרוף. זיין סעקונדאַנט, טאָמאַס, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „טשאַרלסטאָן טיימס", האָט געבראַכט דעם ענטפער צו זיין קעגנערס סעקונדאַנט צומאָרגנס, ניין אין דער פרי.

די סעקונדאַנטן האָבן באַשלאָסן צו האָבן דעם דועל מיט פּיסטאָ־לעטן אויף דעם גויעג־פעלד, דעם צווייטן טאָג, פיר נאָכמיטיק.

זיי האָבן געמאָלדן דערוועגן דער פּאָליציי און דער פּאָליציי־הויפּט האָט באַקאַנט געמאַכט די נייעס אין שטאָט.

טשאַרלסטאָן האָט זיך גענומען גרייטן צום דועל ווי צו אַ זעלטענער פאָרשטעלונג. זיי זענען נישט געווען זשעדנע אין דועלן. עס איז פאַר זיי דווקא געווען אַ געוועגלעכע דערשיינונג בייצווווינען דועלן. אָבער אַזאַ דועל ווי צווישן דעם בעסטן זשורנאַליסט, פּרעכטיקסטן רעדנער, מרדכי נח, און דעם יונגן, רייכן פעדעראַליסט, האָבן זיי נאָך נישט געהאַט אין שטאָט. איז דאָס געווען פאַר זיי אַ יום־טוב, אַ גרויסער ספּעקטאַקל.

אפילו די, וואָס זענען נישט געווען פאַרליבט אין דועלן, זענען אויך געווען נייגעריק צו זען ווי דער פירער פון די רעפּובליקאַנער וועט זיך דועלירן מיט דעם רייכן פעדעראַליסט. און די וואָס האָבן געגעבן אַ קרעכץ אויף דעם בלוט, וואָס וועט זיכער ווערן פאַרגאָסן, זענען אויך שטילערהייט געווען אומגעדולדיק. די צייט האָט זיך זיי געצויגן צו לאַנג. זיי האָבן שוין געוואָלט זען די פאָרשטעלונג.

דער סעקונדאַנט, רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער טאָמאַס, האָט מיטגענו־מען צוויי פריינט און צוגעפאָרן צו מרדכים הויז, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט מיט יענעמס פאָרשטייער אויסגעאַרבעט די באַדינגונגען פון דועל.

— מאַרדעקאַי, איר טויגט זיך עפּעס אויס מיט אַ פּיסטאָלעט? — האָט טאָמאַס אים געפרעגט.

— איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהאַטן קיין פּיסטאָלעט אין האַנט — האָט מרדכי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— און אַ שווערד?

— אויך נישט. קיין שום געווער נישט.

— טאָ טוט זיך אָן, מאַרדעקאַי און קומט מיט אונדז. די קאַרעטע וואַרט אין דרויסן. מירן צופאָרן צום וואַלד און איר וועט זיך לערנען שיסן.

מרדכי האָט זיך גלייך אָנגעטון און איז מיט זיי אַרויסגעגאַנגען.

אין קאַרעטע האָט דער סעקונדאַנט זיינער אים אָנגעוויזן אויף אַ קעסטל.

— דאָ ליגן זיי, די כלים — האָט ער אים געזאָגט.

רואיק האָט מרדכי באַטראַכט דאָס געווער. צוויי פּיסטאָלעטן — איינעם פאַר אים און איינעם פאַרן קעגנער.

— גוט אַזוי, מאַרדעקאַי, איר האַלט זיך אויסגעצייכנט — האָט אים געזאָגט איינער פון די פריינט.

— ווי דען? אויב איך טו דאָס שוין יאָ, וועל איך עס טון ווי עס געהער צו זיין.

ביים וואַלד זענען זיי אַרויסגעגאַנגען. די פריינט האָבן מיט אַ מעסער געמאַכט שניטן אין עטלעכע ביימער, צו עטלעכע אין אַ בוים, און איטלעכער באַזונדער האָט אים געזאָגט ווי צו האַלטן דאָס געווער און ווי צו צילן.

מרדכי האָט אויסגעשטעלט דעם פּיסטאָלעט אין זיין זיכערער, רויִקער האַנט און געוואָרט אויף אַ צייכן.

טאָמאַס האָט געמאַכט אַ צייכן מיט קרייד אַרום אַ שניט, אָפּגעטראָטן און געזאָגט:

— שיסט!

— בראַוואָ! — האָבן אַלע דריי אויסגעשריגן פאַרוווּנדערט.

מרדכי האָט אַריינגעשאָסן אין שניט אַריין.

— אַזוי איז ער, אונדזער מאַיאָר נח — האָט געזאָגט איינער פון די פריינט. — וואָס ער טוט טוט ער ווי אַ מייסטער.

פון דער נאָענט און פון דער ווייטנס האָט מרדכי געשאָסן אויף די ביימער. נאָר איין מאָל, אין דעם ערשטן צענדליק שאָסן, האָט ער נישט געטראָפן.

— איצט איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן — האָט געזאָגט טאַמאַס אַי־בערקוקנדיק דעם רעזולטאַט. — מאָרדעקאַי, איך ראָט אייך צו באַטייליקן זיך אין אַ שיס־קאָנקורס מיט די בעסטע שיסערס פון אונדזער אַרמיי. איר וועט נעמען דעם ערשטן פּרייז.

מרדכים פּנים איז געבליבן ערנסט.

— מאָרדעקאַי, מיט דעם ערשטן שאָס וועט איר אים אָוועקלייגן!

— האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

דאָ האָט מרדכי שוין נישט געקאָנט שווייגן.

— איך בין זיכער אין דעם — האָט ער געזאָגט — נאָר וואָס איז דאָ דאָס גליק? איך קען אים דאָך גאָר נישט און פּלוצלינג וועל איך אים הרגענען!

— און אַז ער וועט מיך הרגענען וועט עס אויך נישט זיין קיין קלוגער אויפטו — האָט ער צוגעגעבן.

דער דריטער פריינט, וועלנדיק אים צוגעבן קוראַזש, האָט זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט, מאָרדעקאַי, איר זענט ביי אונדז זייער געשעצט, די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אין פאַל ווען ער טויט אייך, צו געבן אייך אַ פּאַראַדנע מיליטערישע לויה לויט דעם ראַנג אייערן פון מאַיאָר.

— אָ, אַ דאַנק! האָט געזאָגט מרדכי און עס איז אים געוואָרן זויער אין מויל.

שעהן פריער איידער זיי האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן צום געיעג־פעלד איז דאָס פּלאַץ געווען געפּאַקט. אויסגעפּוצטע זענען געקומען די רייכע לייט, די מענער מיט זייערע פרויען, יונגע בחורים און מיידלעך. און עס זענען געקומען אָרעמערע אויך. דער עולם איז נישט געווען קלע־נער ווי ביים גרעסטן פערד־געיעג מיט די סאַמע בעסטע לויף־פערד. אַרום און אַרום זענען געשטאַנען גרויסע, שווערע קאַרעטעס, לייכטע וועגעלעך און צוויי־רעדערדיקע קאַטשלעך. אומגעדולדיק האָט דער גרוי־סער עולם געוואַרט אויף די אַקטיאָרן — מרדכי נח און זיין קעגנער מיט זייערע סעקונדאַנטן — אַז זיי זאָלן שוין קומען און דאָס בלוטיקע שפּיל זאָל זיך אָנהייבן. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער מינוט ווען איינער וועט דעם צווייטן אָוועקלייגן אַ טויטן — דאָס וואָלט גע־ווען פאַר זיי דאָס שענסטע. זיי איז נישט געווען קיין אונטערשיד ווער וועמען. נאָר די סאַמע נאָענטסטע פירער און טוער פון די פּאַרטייען האָבן געוואָלט, אַז זייער מענטש זאָל אָוועקלייגן דעם אַנדערן. אָבער אַפילו זיי שטייענדיק אויף דעם געיעג־פעלד, האָבן זיי פאַרגעסן אַלע פּאַרטיי־חש־

בונות. זיי האָבן איצט נאָר געוואָלט זען דאָס אויפרעגנדיקע שפּיל, דעם דועל, דאָס בלוט רינען. יאָ, די פאַרשטעלונג וואָלט געווען דער גרעסטער דערפאָלג ווען עס זאָל איינער פון זיי ביידע ווערן פאַרוווּנדעט. דאָס איז דאָך גאַנץ מעגלעך. ביידע קאָנען טרעפן.

די נייגעריקע, אומגעדולדיקע צושויער זענען אָבער געבליבן אַנטוישט.

אין דער לעצטער מינוט, ווען אָט־אָט האָט עס זיך שוין געזאָלט אָנהייבן, איז אַנגעפלויגן אַ רייטער און אויסגערופן, אַז עס וועט נישט זיין קיין דועל. די סעקונדאַנטן האָבן זיך ווידער באַגעגנט און באַשלאָסן אויסצוגלייכן דעם סכסוך אָן אַ דועל.

— אָ, אָ, אָ, אָ, — האָט דער עולם אויסגעקרעכצט די אַנטוישונג.

אָפּגעשמיסענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אַרויסגעטריבענע פון גן־עדן, זענען די רייכע לייט געגאַנגען צו זייערע קאַרעטעס און קאַטשלעך, און די פּוסגייער זענען זיך אויך פונאַנדערגעגאַנגען אומצופרידענע.

—ס׳אַ מיאוס שפּיצל! — האָט דער עולם געריעדט מיט פאַרדראָס.

אַנדערע האָבן געוואָרפן די שולד אויף מרדכין. דער אמת איז געווען, אַז מרדכים סעקונדאַנט האָט דערציילט דעם קעגנערס סעקונדאַנט וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער שיסער זיין קליענט איז, האָט יענער זיך דערשראָקן און פאַרגעלייגט אַ שלום אָן אַ דועל.

אַ פּאָר רייכע פעדעראַליסטן האָבן אָבער מיט אַ כוונה פאַרשפּרייט דעם געדאַנק, אַז דאָס האָט מרדכי זיך צוריקגעצויגן אין דער לעצטער מינוט.

— מיטן מויל איז ער אַ גוטער שיסער — האָבן זיי געזאָגט אויף מרדכין — גיט אים טינט, נישט קיין פּולווער. ער איז אַ פייגלינג.

צו מרדכין זענען דערגאַנגען די רייד. עס האָט אים פאַרדראָסן, דאָך נישט באַנג געטון וואָס ס׳איז נישט געווען. אַפילו, ווען ער וואָלט יענעם געקענט אָוועקלייגן מיטן ערשטן שאָס, נאָר צו וואָס האָט ער עס אינגאַנצן געדאַרפט? און טאָמער וואָלט יענער אים דערשאָסן, וואָס פאַר אַ גליק וואָלט אים געטראָפן?

דעריבער האָט ער נישט געפּרובירט זיך פאַרענטפערן, וועלן באַווייזן, אַז ער האָט זיך נישט דערשראָקן. ס׳איז אַלץ בעסער אַזוי איידער אַ דועל.

ביי די פעדעראַליסטן איז עס אָבער נישט געווען אַזוי. אייניקע פון זיי, וואָס האָבן נישט געוווּסט דעם אמת און געמיינט, אַז מרדכי האָט

זיך טאקע צוריקגעצויגן פאר שרעק, האבן נישט געקאנט איינרוען און דווקא געוואלט אריינצווינגען אים אין א דועל.

און ס'איז טאקע באלד ארויסגעשפרונגען נאך א יונגער, רייכער פעדעראליסט.

— איך וועל אים צווינגען נעמען געווער אין האנט אריין.

— און אז נישט? — האבן אים געפרעגט די פריינט, אונטערצוגעבן אים פייער קעגן מרדכין.

— וועל איך אים דערשיסן ווי א הונט.

— ס'ווילט זיך זיי דווקא א דועל — האט געזאגט מרדכי ווען ער האט דערהאלטן די צווייטע ארויספאדערונג: גוט, כ'וועל זיי ווייזן ווי צו דועלירן.

טאמאס איז ווידער געווען מרדכיס סעקונדאנט. זיי האבן אויסגעארבעט אלע פונקטן פון דועל. נאר פארן אוועקגיין האט טאמאס געזאגט צום צווייטן:

— מעגסט פונדעסטוועגן קויפן א קבר פאר דיין קליענט. מאיאר נח וועט אים אוועקלייגן מיטן ערשטן קנאל.

און ער האט אים דערציילט וועגן מרדכיס שיס־קענטשאפט.

יענער האט געפרובירט צונישט מאכן די ווארענונג. נאר דער דועל איז נישט פארגעקומען. דער ארויסרופער איז פלוצלינג קראנק געווארן, מען האט אים נישט געקענט רירן פון געלעגער. איז ווידער געווארן אויס דועל.

דאס מאל האבן די פעדעראליסטן שוין געהאלטן ס'מויל. זייער כעס איז געווארן שארפער, זיי האבן אבער נישט געקענטווארפן די שולד אויף מרדכין, אז זייער מענטש האט זיך דאך געמאכט קראנק, אדער ער איז געווארן קראנק פאר שרעק.

די צוויי ערשטע ארויספאדערער זענען געווען קריסטן. האט זיך איצט אריינגעמישט א ייד, א דריטער פארשוין, מיט א נייעם דועל.

מרדכי האט געמיינט, אז איצט וועט ער שוין האבן מנוחה פון דער דועל־צרה. ביידע מאל איז ער געווען גרייט. די אנדערע האבן זיך צוריקגעצויגן, וועט שוין קיין אנדערער נישט האבן דעם מוט ארויסצורופן אים אויף א דועל.

האט ער געקראגן אן ארויספאדערונג פון א ייד, אויך א פעדעראליסט, א שיף־מאגנאט. דער ייד, סעמועל קאנטאר, א דייטשער ייד, האט געהאט אויף מרדכין אן אלטן כעס. ער איז געווען בייז וואס מרדכי רופט דאס פאלק צו קריג קעגן ענגלאנד. מען וועט זאגן, אז א ייד העצט צו

קריג. און וואָס גייט עס אים אזוי אין לעבן וואָס ענגלאַנד פאַרכאַפּט אַמעריקאַנער שיפן? זי פאַרכאַפּט דען זיינע שיפן? זי פאַרכאַפּט אונדזע־רע שיפן, אַרט עס אים! וואָס איז דאָס זיין עסק? און וואָס איז דאָס זיין עסק אויב ענגלאַנד פאַרנעמט אַמעריקאַנער מאַטראָסן?

דער רייכער קאָנטאָר האָט געהאַט נאָך אַ שרעק — ווען עס וועט ווערן מלחמה, וועט ער דאָך נישט קענען האַנדלען מיט ענגלאַנד און ער וועט פאַרלירן איינעם פון זיינע בעסטע קונדן.

נאָר וועגן דער מורא האָט ער נישט גערעדט הויך. ער האָט אפילו נישט געוואָלט טראַכטן דערפון. עס זאָל הייסן, אַז עס איז ביי אים נישט קיין פערזענלעכער ענין, נאָר אַ כלל־זאַך.

נאָך אורזאַכן האָט ער געהאַט צו פאַרגרעסערן דעם כעס זיינעם אויף מרדכין. די „טערקישע בריוו" האָבן אויפגערעגט אַ סך גרויסע לייט פון שטאָט און אַרויסגערופן שנאה צו יידן. און אויך אַ ריין־יידישע זאַך: מרדכין איז געווען קעגן דעם „נייעם ניגון" אין שול.

צו דעם אַלעם האָט אים נאָך אויפגעקאָכט דאָס, וואָס צוויי באַ־וווסטע מענער, קריסטן, האָבן זיך דערשראָקן פאַר מרדכין און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דועלירן זיך מיט אים.

דער דאָזיקער נצחון מרדכיס האָט אים געקאָסט געזונט. די גאַנצע שטאָט וועט איצט ציטערן פאַר אים און צום סוף וועלן יידן ליידן דער־פון — אַ ייד האַלט אַ שטאָט אין דער מורא.

ער וועט דאָס נישט דערלאָזן, האָט ער באַשלאָסן. זאָל ער, מרדכי, לאָזן צורו די שטאָט אין זיין שרייבן, ס'מויל זאָל ער האַלטן. ער מעג ווערן אַ גביר, אפילו אַ שיף־מאַגנאַט, נאָר זאָל ער זיך נישט מישן אין פרעמדע געשעפטן, זאָל ער נישט זאָגן קיין דעה די גויים.

מרדכי האָט נישט גערעדט, אויב ער האָט אַמאָל אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט דעם נייעם קעגנער זיינעם. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער וועט מוזן אָנטון יענעם שאָדן, און נאָך מער וואָס צוויי יידן וועלן פּלוצלינג זיך שלאָגן אין אַ דועל.

אָבער ער האָט גלייך אָנגענומען דעם אַרויסרוף, און אין האַרץ האָט ער געהאָפט, אַז דער אַרויסרופער זאָל חרטה האָבן.

נאָר איצט האָט ער זיך ערנסטער געגרייט צום דועל ווי אין ביידע פאַריקע פאַלן. ער האָט געפילט, אַז קאָנטאָר וועט זיך נישט צוריקציען, כאָטש ער ווייסט, אַז ער, מרדכי, איז דער בעסערער שיסער. אפילו מיט אונטערגעהאַקטע פיס וועט גיין קאָנטאָר. ס'וועט אים נישט אָנשטיין צו ווייזן, אַז ער האָט מורא.

אויפן געיעג־פעלד איז ווידער געווען א גרויסער עולם. נישט אזוי גרויס ווי ביים ערשטן מאל, ווייל נישט אלע האבן געגלויבט, אז דאס מאל וועט שוין טאקע יא זיין דער דועל. עס זענען אפילו געווען אזעלכע, וואס האבן נישט געוואלט גיין אויף א דועל צווישן צוויי יידן.

דער דועל איז דאס מאל שוין טאקע יא פארגעקומען.

אינדערפרי האט מרדכי א זאג געטון צו דער שוועסטער, זי זאל אנגרייטן מיטאג.

— ווילסט עסן פארן דועל?

— ניין, נאכן דועל.

ביידע האבן זיך אנגעקוקט רואיקע.

דער ערשטער איז אנגעקומען אויפן געיעג־פעלד מרדכי, אין א קא־רעטע, מיט זיינע סעקונדאנטן. פאר דעם צווייטן סעקונדאנט האט ער אויסגעקליבן א דאקטאר. באלד איז אויך אנגעקומען קאנטאר מיט זיינע לייט.

טאמאס האט ארויסגענומען פון קארעטע דאס קעסטל מיט די צוויי פיסטאלעטן, געגעבן איינעם מרדכין און איינעם זיין קעגנער, און ער האט זיך גענומען אפמעסטן דעם שטח צווישן די דועלאנטן.

לויט דעם אפמאך האבן זיי געזאלט שטיין צען טריט אפגערוקט איינער פון דעם אנדערן.

— איינס, צוויי, דריי, פיר — האט טאמאס געשטעלט טריט און געציילט.

מרדכי האט באמערקט זיין סעקונדאנטס קורצע פיס, און ער האט א טראכט געטון, אז טאמאסעס צען שפרייזן זענען נישט מער ווי א העלפט זיינע.

די דועלאנטן זענען געשטאנען מיטן רוקן איינער צום אנדערן און אין די אראפגעלאזטע הענט די פיסטאלעטן. ס'איז געווען אפגעמאכט, אז ווען זיי וועלן קריגן דעם באפעל צו שיסן, זאלן זיי זיך אויסדרייען מיטן פנים איינער צום אנדערן און שיסן.

ס'איז געווען שטיל די גאנצע צייט, שטיל צווישן זיי און שטיל צווישן גרויסן עולם נייגעריקע, וואס זענען געשטאנען מיט איינגע־האלטענעם אטעם, און געהיט נישט דורכצולאזן דאס מינדסטע פון דער פארשטעלונג.

מיטאמאל האט זיך דערהערט טאמאסעס שטים:

— מיינע הערן, זענט איר גרייט? — גרייט!

— דרייט זיך אוים און שיסט!

א געדאַנק איז דורכגעפלויגן מרדכין, ער האָט אים געזען פליען, ווייס, אַ מאָדנער ווייסער פויגל — ער זאָל שיסן נידעריקער פון קני, נישט הרגענען, נאָר פאַרוונדן.

און אויגנבליק האָט געדויערט דעם געדאַנק דורכצופליען, און אין דעם אויגנבליק האָט שוין מרדכי זיך געגעבן אַ דריי אויס, אַ קוק געטון אין קעגנערס רעכטן קני, און ווען דער אויגנבליק איז נאָך נישט געווען פאַראיבער האָט זיך דערהערט אַ קנאַל.

קאַנטאָר איז געפאַלן.

— אָ! — האָט זיך אַ ריס געטון פון דער מאַסע צושויער, וואָס האָבן זיך געגעבן אַ לאָז נענטער צום געפאַלענעם. נאָר די פּאָליציי, וואָס איז דאָ געווען אַזוי ווי אַלע נייגעריקע, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ וואַך.

מרדכי האָט דערפילט ווי ס׳איז אים געוואָרן אַ לאָך אין האַרץ. ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט ער דאָך נישט געטראָפן אין קני נאָר ער האָט אים דערהרגעט.

ער האָט זיך אָבער דערפרייט ווען טאָמאַס האָט אים געהייסן זיך צו־ריקשטעלן אויף זיין אָרט, ווייל קאַנטאָר וויל עס איבערגיין. ער וויל נאָך אַ שאָס, ער וועט איצט שוין טרעפן.

אַז ער וויל נאָך אַ שאָס, לעבט ער דאָך, האָט ער דאָך יאָ געטראָפן. מיט שמחה, ווי צום טאַנץ, איז מרדכי צוריקגעגאַנגען אויף זיין פריער־דיקן אָרט און אויסגעדרייט זיך מיטן רוקן צום קעגנערס זייט, האָט ער געוואַרט אויף אַ פרישן באַפעל.

דער באַפעל איז נישט געקומען. קאַנטאָר האָט זיך נישט געקענט אויפשטעלן. ליגנדיק האָט מען אים נישט געלאָזט שיסן. האָט דער דאָק־טאָר אים געגעבן די ערשטע הילף, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרזיכערט, אַז די וווּנד איז נישט געפערלעך, האָט אים מרדכי אריינגענומען צו זיך אין קארעטע און גענומען אָפפירן אים אהיים.

ווי נאָר מרדכיס קארעטע מיטן פאַרוונדעטן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט דער גאַנצער עולם אין די קארעטעס, צוויי־רעדערדיקע קאַטש־לען און וועגעלעך, רייטנדיק אויף פערד און פוסגייער, זיך געיאָגט נאָך אים, באַגריסט און אַפּלאָדירט.

מרדכי האָט שטאַרק הנאה געהאַט. נישט ער איז געהרגעט געוואָרן, נישט ער האָט געהרגעט, און דער עולם פרייט זיך אַזוי שטאַרק, וואָס ער איז ארויס דער זיגער.

— היימאַן — האָט מרדכי געזאָגט צו דעם יידישן סעקונדאַנט — אינגאַנצן אָפּגענאַרט האָב איך זיי נישט. זיי האָבן זיך געגרייט אויף אַ

פאראדנער לויה פאר מיר. אזויפיל נאכגעבן האב איך זיי נישט געוואלט, אבער א שטיקל פאראד האבן זיי דאך געקראגן פון מיר.

— א שטיקל פאראד? מאיאר נח, — האט דער ייד איבערגע־פרעגט מיט א טענה. — איר רופט דאס א שטיקל פאראד? — און ער האט אים געוויזן אויף דער מחנה, וואס איז זיי נאכגעפארן, נאכגעריטן און נאכגעגאנגען, און אויף דעם נייעם עולם, וואס איז צוגעשטאנען פון די זייטן־גאסן און זיי געקומען אנטקעגן. — דאס איז א טריאומף־צוג פון א גענעראל, וואס קערט זיך אום א זיגער פון שלאכט־פעלד. בין איך נישט גערעכט, מיסטער טאמאס? — האט דער ייד זיך געווענדט צום רעדאקטאר־ארויסגעבער.

— גערעכט, זיכער.

ביים געזעגענען זיך מיט קאנטארן האט אים געזאגט מרדכי:

— נו, שוין איבערגעקומען דעם עקלהאפטן בלאף! דאנקט גאט, וואס איר האט אזוי גליקלעך אפגעשניטן און רופט קיינעם נישט מער אויף דועלן. ס'איז א מיאוסע זאך.

די פעדעראליסטן האבן שוין געהאלטן ס'מויל. זיי האבן שוין מער נישט געזאגט, אז מרדכי איז א שיסער נאר מיטן מויל. און ביי זיין אייגענער פארטיי, ווי הויך עס איז געווען זיין פרעסטיזש פון פריער, איז ער געשטיגן נאך העכער.

ער אליין מרדכי, האט דאס מאל, ווי עס איז אלעמאל געווען זיין שטייגער, זיך נישט געגרויסט דערמיט. אין א בריוו צו זיין פעטער נפתלין אין ניויארק האט ער אין א פאר ווערטער אפגעפטרט די מעשה מיט דעם דועל.

„עפעס א סטראשידלע, א טשוטשעלע, ער הייסט קאנטאר, האט געהאט די חוצפה מיך ארויסצורופן אויף א דועל", האט ער געשריבן: „איך האב גלייך ביים ערשטן שאס אים אריינגעיאגט א קויל אין פוס אריין און גאנץ טשארלסטאן האט זיך געפרייט. היימאן קאהן איז א סעקונדאנט. אלע מיינע פריינט זענען געווען אויפן פעלד. עס איז געווען קיל און אנגענעם. גרים הארציק דער מומע רחלען און אלע דיינע קינ־דער".

***

מיט דעם גאנצן דערפאלג זיינעם, די גרויסע פראיעקטן און פרעס־טיזש, האט מרדכי נישט פארדינט גענוג צו קאנען פירן זיך לויט זיין שטאנד. די שוועסטער האט אים געקאסט וויניק. זי האט געפירט די

ווירטשאַפט האָט זי געשווינט זיין געלט, און עס איז דאָך נישט געווען גענוג.

האָט ער איבערגערעדט וועגן דעם מיט זיין באַלעבאָס, דעם רעדאַק־טאָר ארויסגעבער, טאָמאַס.

— איך בין שטאַרק געענגט... אַלע מאָל פעלט מיר אויס אויף דעם, אויף יענעם. און איך טרינק נישט, שפּיל נישט קיין קאָרטן. אַ גליק וואָס עס איז אַזוי, וואָס איך בין נישט קיין שפּענדער. וואָס וואָלט איך נאָך געטון ווען איך וואָלט געווען אַ קאָרטן־שפּילער און אַ טרינקער אויך דערצו? איך זוך נישט קיין פאַרמעגנס — האָט ער געזאָגט דעם אַלטן — אָבער וואָס פאַר אַ גאַנג איז דאָס צו זיין שטענדיק געדריקט?

— זיכער איז עס נישט אַנגענעם — האָט טאָמאַס צוגעשטימט.

— איך קלער און קלער, מאַטער מיר דעם מוח און איך האָב אַלץ נישט קיין עצה. אפשר האָט איר עפּעס אַן עצה?

— אַן עצה? — האָט געשמייכלט טאָמאַס. — אַן עצה ווי אויפ־צוהערן זיין געדריקט אין געלט? איר, מאַרדעקאַי, וואָלט געקאָנט דווקא מאַכן אַ סך געלט. איר זענט דאָך אין פּאָליטיק. דאָס איז אַ גוט געשעפט. מענטשן ווערן רייך פון פּאָליטיק. נאָר איר טויגט נישט דערצו. איר זענט ערלעך. אַן ערלעכן פּאָליטיקער וועט אַלעמאָל אויספעלן דער דאָלער.

— איך קאָן נישט אַנדערש, אַז נישט אַנטלויף איך פון פּאָליטיק.

— איך ווייס דאָס — האָט דער אַלטער געלאַכט. — מוזט איר זיך פאַרזיכערן מיט אַ שטעל ביי דער רעגירונג. אוודאי, קיין עושר וועט איר קיינמאָל נישט ווערן אויף אַ רעגירונגס־שטעל, איך מיין בלייבנ־דיק ערלעך, אָבער ס'וועט אייך זיין גרינגער ווי איצט. איר וועט נישט דאַרפן ארבעטן אַזוי שווער און איר וועט וויסן, אַז אייער געהאַלט איז זיכער און איר וועט אים דערהאַלטן פּינקטלעך ווי אַ זייגער.

— אַ שטעל ביי דער רעגירונג איז נישט קיין קרומער געדאַנק — האָט מרדכי צוגעגעבן. — איך האָב דאָך שוין געאַרבעט אַלס יינגל ביי דער רעגירונג. ס'איז נישט שלעכט. אָבער דאָס קען געדויערן ווער ווייסט ווי לאַנג, און איך ברויך שוין געלט.

— באַלד! — האָט זיך אַ כאַפּ געטון מרדכי און געפרעגט טאָמאַסן, צי ער וואָלט אַנגענומען זיינע אַ גרעסערע דערציילונג אָדער אַ ראָמאַן.

— איך קאָנט דאָך אַלץ — האָט געזאָגט דווקא ערנסט דער רעדאַק־טאָר־ארויסגעבער. — אַז איר נעמט זיך אונטער וועט עס מוזן זיין אַ דערפאָלג. נו, גוט, איך וועל קויפן ביי אייך אַ ראָמאַן.

אין עטלעכע טעג ארום איז מרדכי צוגעגאנגען צו דעם אלטן און אים געזאגט, אז ער האט שוין גרייט דעם פלאן פון דעם ראמאן.

האבן זיי זיך ביידע שפעטער איינגעשלאסן אין הינטערשטן צימער און מרדכי האט פארגעלייגט פאר דעם רעדאקטאר דעם פלאן פון דעם ראמאן.

דאס איז געווען א ראמאנטישע געשיכטע:

א רייכער בחור פארליבט זיך אין אן ארעם מיידל און זי אין אים אויך. אן אנדער רייך מיידל איז פארליבט אין דעם בחור און זי אינטרי־גירט קעגן די פארליבטע. זיינע עלטערן, די מאגנאטן, שטייט נישט אן דער שידוך, זיי געפעלט נישט די ארימע משפחה. זיי ווילן דעם רייכן שידוך.

אינמיטן רעדן איז מרדכי געווארן צעטומלט. ער איז אראפגעפאלן פון דעם אויפגעלייגטן טאן מיט וועלכן ער האט אנגעהויבן צו רעדן.

טאמאס איז געזעסן קעגנאיבער אים א קאלטער. מרדכין האט זיך געדאכט, אז זיינע רייד לאנגווייליקן דעם אלטן און דעריבער איז ער געווארן צעטומלט. ער איז נישט געווען געוווינט צו אזא לאגע. טאמאס פלעגט זיך אלעמאל צוהערן צו אים מיט גרויס אינטערעס. דאס ער־שטע מאל טרעפט עס מיט אים.

ער אליין, מרדכי, האט אנגעהויבן צו פארלירן דעם אינטערעס צו רעדן. די רייד זענען שוין ביי אים ארויסגעקומען פאמעלעכער, ווי איי־נער וואס לויפט גאלאפ, שטעלט פלוצלינג אפ דאס לויפן און גייט בא־זאכט.

און אזוי רעדנדיק פאמעלעך און פאמעלעכער האט ער אויפגעהערט צו רעדן.

דער אלטער האט געקוקט אויף אים מיט וווּנדער און זיך ענדלעך אנגערופן:

— ניין. דער פלאן טויג נישט. אזא ראמאן איז נישט אינטערע־סאנט.

— איר האט דאך נאך נישט געזען די ערשטע שורה. פון וואנעט ווייסט איר, אז עס וועט נישט זיין אינטערעסאנט?

—די גאנצע טעמע טויג נישט.

— פארוואס?

— די מעשה איז אן אלטע, צו אלט.

— וואס?

— יא, — האט טאמאס גערעדט מיט זיכערקייט. — אזא טעמע

איז שוין געווען אַלט אין קאָלומבוסעס צייטן. איך מיין — האָט ער גע־שמייכלט — נאָך איידער קאָלומבוס האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט אויף דער היגער ערד איז שוין די מעשה געווען אַלט.

מרדכי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען מיט זיין אַלטן פריינט, דעם רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט צו אים מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן שרייבן. שטענדיק איז אין טאָמאַסעס רעדן צו אים געווען צו מערקן אַ געפיל פון פריינטשאַפט און אויך רעס־פּעקט. וואָס איז דאָס וואָס עס מאַכט יענעם אַזוי אַנדערש צו רעדן צו אים?

נאָר ווי אומאַנגענעם־איבערראַשט ער איז געווען, האָט ער דאָך זיך נישט געמאַכט וויסן, אַז עס אַרט אים דער טאָן; אַז ער באַמערקט אַפילו די ענדערונג, און אָנשטאָט צו דיסקוטירן מיט אים, באַווייזן אים וואָס ער וויל, וואָס ער איז אויסן, האָט ער אים געפרעגט רואיק:

— וואָס פאַר אַ ראָמאַן האָט איך דערוואַרט?

— מיט אַן אשת איש! — האָט דער רעדאַקטאָר טאָמאַס אַרויסגע־שאָסן. — איר הערט, מאָרדעקאַי, נאָר מיט אַן אשת איש!

דער אַלטער איז געוואָרן באַגייסטערט פון זיינע אייגענע רייד. ער האָט גערעדט היציק, אַז די אונטערשטע ליפּ אַ פייכטע איז ביי אים אַראָפּגעהאָנגען.

— ראָמאַנען פון בחורים און מיידלעך האָבן זיך שוין לאַנג דערעסן. ער האָט חוזק געמאַכט, נאָכגעקרימט:

— אַ רייך יינגל, אַן אָרעם מיידל, אָדער אַן אָרעם יינגל און אַ רייך מיידל. אַלט, אויסגעדראָשן! וועמען אינטערעסירט אַ ליבע פון אַ בחור און אַ מיידל? קיינער איז שוין היינט נישט נייגעריק צו הערן אַ מעשה וועגן אַ ליבע פון אַ בחור מיט אַ מיידל. דאָס איז אַ כשרע ליבע. וועמען איז אינטערעסאַנט היינט אַ כשרע ליבע?

— פאַרגעסט נישט, מאָרדעקאַי — האָט ער שוין גערעדט צו אים ווי אַ וועגווייזער — פאַרגעסט נישט אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן היינט! די גאַנצע וועלט איז דאָך כמעט איין שלאַכטפעלד. נאַפּאָלעאָן צע־טראָגט די וועלט. פעלקער שניידן זיך איבער די העלדזער. מיר אַליין דאָ האַלטן אויך אין אריינשפּרינגען אין פייער. אָט־אָט און מיר וועלן האָבן מלחמה מיט ענגלאַנד. אין אַזאַ צייט, מיין פריינט, פון שטורעם און קאַמף, פון קאָכעדיקע געפילן און אָנגעצויגענע נערוון, ווילט איר דער־ציילן אַ ראָמאַנטישע געשיכטע מיט אַ יונג מיידעלע, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן נישט דערלאָזט איר ליבע!

— ניין, מיין טייערער מאָרדעקאַי! נאָר אַ פאַרבאָטענע ליבע, אַ נישט־מאָראַלישע קאָן האָבן אַ שאַנס ביי די לייענער. אַן אשת־איש, זי האָט אַ מאַן. ער האָט זי ליב. זי פאַרליבט זיך אין אַן אַנדער מאַן. ער טאָר זי נישט גטן, ווייל ווען ער גט זי און זי האָט חתונה מיט דעם גע־ליבטן, איז עס דאָך שוין ווייטער אַ כשרע זאַך, ווידער אַ מאָראַלישע געשיכטע. דאָס טויג נישט.

ביים אַלטן האָט דער שטראָם רייד וואָס האָט זיך געגאָסן מיט אַזאַ היץ, ווי פון אַ קאָכעדיקן קעסל, נישט געוואָלט אָפּשטעלן. און מרדכי האָט אים נישט געשטערט. האָט טאָמאָס שוין נישט גערעדט נאָר וועגן דעם ווער עס דאַרף זיין די הויפּט־העלדין פון דעם ראָמאַן, נאָר אויך ווי ער דאַרף ווערן געשריבן.

— אַ ליבע פון בענקען, גלוסטן, שווערן זיך הייסע ליבע, איז אויך גאָרנישט ווערט. עס מוז זיין אַ זינדיקע ליבע. די אשת־איש מוז זינדיקן מיט איר געליבטן. איר מוזט דערציילן אַלע איינצלהייטן פון זייער זינ־דיקער ליבע מיט אַלע פּינטעלעך: ווי זיי קושן זיך, ווי זיי האַלדזן זיך, ווי זיי האָבן זייערע אינטימע באַציאונגען. איר טאָרט נישט וועלן יוצא זיין מיט זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט אינטימע באַציאונגען. דאָס איז גאָר־נישט ווערט. מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער פאַנטאַזיע פון די לייענער, אַז זיי וועלן זיך שוין פאָרשטעלן די ליבע־סצענעס פון דער אשת איש מיט איר געליבטן. איר האָט אין זינען איין זאַך, אַז איר טאָרט נישט איבערלאָזן די ליבע־סצענעס צו דער פאַנטאַזיע פון די לייענער. מען דאַרף זיי אַלע באַשרייבן, הייס, קאָכעדיק, און ווי עס זענען די אינטי־מע באַציאונגען צווישן אַן אשת־איש מיט אַ געליבטן, דאַרף דאָס זיין באַשריבן. זודיק, קאָכעדיק, צאַפּלענדיק, אַז די לייענער, מענער און פרויען, זאָלן אויפצאַפּלען ביים לייענען. זייער בלוט זאָל אויפזידן. פייער זאָל זיך זיי גיסן אין די אויגן, אין אַלע גלידער, ביים לייענען. אַזאַ ראָ־מאַן וועט האָבן דערפאָלג.

מרדכין האָט געשלאָגן אַן עקל, אַ טיפער עקל, פון דעם אַלטנס רייד. מיט אייזערנע כוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן ניט צו לאָזן אים זיצן און אַרויסצולויפן. דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך צעברענט און ער האָט פאַרענדיקט:

— הייס! קאָכעדיק! צאַפּלענדיק!

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, אָפּגערוט זיך און געזאָגט מיט אַ טאָן נידעריקער:

— איך ווייס, מיין טייערער מאָרדעקאַי, איר זענט אַ צנועדיקער

בחור. איר האָט נאָך נישט אָנגערירט קיין פרוי. אָבער אייער פּריוואַט לעבן איז איין זאַך און שרייבן, אַז לייענער זאָלן וועלן לייענען איז אַן אַנדער זאַך.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי לאַנג ער געדענקט, האָט מרדכי פּשוט פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. געהאַט צו ענטפערן האָט ער שוין גאָר אַ סך. כאָטש ער איז געווען געפּלעפט צו הערן אַזעלכע רייד בכלל און נאָך מער פון טאָמאַסן, האָבן זיך געריסן ביי אים רייד, אַרגומענטן, וואָס — ווי ער איז געווען זיכער — וואָלטן דעם אַלטנס טענות צעקלאַפּט. פונדעסטוועגן האָט ער אים נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט געפילט, אַז טאָמער נעמט ער אים ענטפערן וועט מוזן קומען צו אַ ריס צווישן זיי, און ער האָט נישט געוואָלט איבער־רייסן מיט דעם אַלטן.

דעם אַלטנס רייד זענען אין זיינע אויגן געווען אַזוי ווילד, אַזוי אומזיניק, און באַזונדערס נאָך די פאָדערונג זיינע, אַז די העלדן מוז דווקא זיין אַן אשת־איש — אַז רעדן רואיק צו אים האָט ער נישט גע־קאָנט. עס איז נאָך צוגעקומען אַן איבלדיקער געפיל ווי דערמאָלט אויף דעם מענערשן „מאַלצייט פון זיג“, ווען דער אַלטער, הויכער ריכטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער נאַקעטער מיידל און גענומען לעקן איר פּנים. ער האָט געשפּירט, אַז אַלץ קערט זיך איבער אין אים.

האָט ער זיך אויפגעהויבן רואיק און געזאָגט:

— טשאַרלי, לאָמיר רעדן פון וויכטיקערע זאַכן. פאַרגעסט די גאַנ־צע געשיכטע. זאָל אייך דאַכטן, אַז ס'איז געווען אַ בייזער חלום.

— ניין, ניין! — האָט דער אַלטער נישט געוואָלט אָפּלאָזן. — איך מיין אייער טובה און, פאַרשטייט זיך, אויך די טובה פון דער צייטונג. פאַרוואָס פאַרגעסן? איך בין זיכער, אַז איר, מאָרדעקאַי, מיט אייערע געניאַלע פעאיקייטן, וואָלט אָנגעשריבן אַ גוטן ראָמאַן. זעט נאָר, אי״ר האַלט דאָך, דאַכט זיך, אינמיטן, נישט דערציילט די זאַך ביזן סוף. נו, דערציילט ווייטער. איך וויל פונדעסטוועגן הערן.

— פאַרגעסן, טשאַרלי, אַלץ פאַרגעסן — האָט געזאָגט מרדכי פעסט און עס האָט געצויגן אַן אומעט אין זיין קול. — אַ נאַרישער, אַ בייזער חלום.

טאָמאַס האָט נאָך געפּרובירט אים אָנהאַלטן, נאָר מרדכי האָט שוין נישט גערעדט. ער האָט נאָר געדרייט דעם קאָפּ:

— ניין.

דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער האָט עס גענומען גוטמוטיק. ער האָט עס פאַרענדיקט מיט אַ וויץ:

— איך האָב — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב נישט מטמא געווען אייער צניעות.

מרדכי האָט געענטפערט אויף דעם מיט אַ קרומען שמייכל, וואָס האָט דערמאָנט די מינע, וואָס אַ מענטש מאַכט ווען ער האָט שטאַרקע קרעמפּן און ער וויל נישט קרעכצן.

שוין לאַנג איז מרדכי נישט געגאַנגען מיט אַזאַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי אויפן וועג אַהיים פון רעדאַקציע.

ער איז נישט געגאַנגען אין ביבליאָטעק. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט נישט קאָנען לייענען. ער איז געגאַנגען אַהיים. אויפן וועג האָט ער אויסגעמיטן מענטשן און זיי נישט באַגריסט. נישט ווייל ער האָט זיי געוואָלט אויסמיידן, נאָר ער האָט זיי פּשוט נישט געזען. דער קאָפּ האָט זיך אים פון זיך אַליין אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז ער האָט נאָר געקוקט צו דער ערד. מען האָט אים אויך שיעור איבערגעפאָרן. ער האָט נישט געקוקט און איז געגאַנגען גלייך אין די פערד אַריין, וואָס זענען אָנגעלאָפן פון אַנטקעגן. אַ מערכה וואָס דער פורמאַן האָט אים דערזען און פאַרכאַפּט אין צייט, אַ ריס געטון די לייצעס און געיאָגט די פערד אין אַ זייט. אַניט וואָלט ער שוין געווען געלעגן אונטער די קאָפּיטעס אַ צעטראָמפּעלטער.

אַזוי פאַרטראַכט, דערשלאָגן איז ער געגאַנגען. מרדכי, דער באַרימטער שרייבער, דער בעסטער רעדנער, דער גלענצנדער שיסער, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים ערשט אַפּלאָדירט אַלס דער זיגער אין אַ דועל, איז געגאַנגען פון דער רעדאַקציע אַהיים ווי אַ קליין יינגעלע, וואָס גייט אַהיים פון דער שולע אַן אָפּגעשמיסענער.

און ווי שטאַרק עס האָט אים וויי געטון דער שמועס, די רייד, דער טאָן דעם רעדאַקטאָרס, האָט אים נאָך מער וויי געטון, וואָס ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן וועגן דעם.

פון די חברים אין דער פּאָליטיק, די פּאַרטיי־חברים, איז געווען אָפּגערעדט. דער פיינסטער צווישן זיי איז דאָך אַלץ געווען טשאַרלס טאָמאַס. די שרייבער? די אַקטיאָרן? ניין, בעסער נישט. זיין שוועסטער יהודיתן וואָלט ער יאָ געקאָנט דערציילן. ער וועט דאָך איר מוזן זאָגן, אַז דאָס איז אַרויסגעקומען איבער דעם וואָס ער איז געדריקט אין געלט.

נאָר אויב ער האָט פאַרגעסן אָן דעם מענטשן וועמען ער האָט יאָ געקאָנט דערציילן, האָט ער דאָס נאָר געהאַט פאַרגעסן פון אויבן־אויף, אין דער אויבערשטער קאַמער פון זיין געדאַנק אין באַוואוסטזיין, —

אָבער טיפער, הינטער דעם באַווּסטזיין, אומבאַוווּסט פאַר אים, איז יענער נישט געווען פאַרגעסן. אַהין האָבן אים געפירט די פיס זיינע.

די קלעפּ פון האַמער איוף דעם גליִענדיקן אייזן האָבן אים נאָך נישט געבראַכט צו זיך. ערשט ווען ער איז געשטאַנען אין דער הויכער טיר, אַריינקוקנדיק אין דער גרויסער, שוואַרצער קוזשניע, און ער האָט דערזען ווי די פונקען צעשפּריצן זיך אויף אַלע זייטן, האָט ער מיט אַ זיפץ אויסגערופן:

— העלאָ, העקלי!

— העלאָ, מאַיאָר נח!

אַזוי, ער איז גאָר אַוועק צו דעם שמיד, צו דזשאָזייע העקלי, וואָס אַרבעט בסוד אויף אַ מאַשין, וואָס וועט מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש, און ער האָט ליב צו פילאָזאָפירן.

אַן ערלעכער, אַ ריינער מענטש איז געווען דזשאָזייע העקלי. פון די פּאַרטייען האָט ער זיך געהאַלטן אָפּגערוקט אויף מיילן. ער האָט ביי מרדכין, באַלד נאָכן ערשטן „בריוו פון מולי מאַלאַק", געוווּסט, אַז ער איז דער מחבר.

דזשאָזייע העקלי איז געווען דער איינציקער מענטש אין טשאַרלסטאָן, וואָס מרדכי האָט געקאָנט, וועלכער קריטיקירט אַזוי שאַרף און אַזוי אומאייגננוציק די בייזע פירונגען פון די אַלע שטאָט־עלטסטע, פון די רייכע און אפילו פון דורכשניטלעכן עולם. מרדכי האָט געפילט, אַז דער שמיד, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, שטענדיק אָנגעטון אין לעדערנעם פאַרטוך און במעט שטענדיק מיט גליִענדיק אייזן אויף דער קאָוואַדלע, זעצנדיק מיט דעם האַמער, וואָס שפּריצט מיט פונקען — אַז ער האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס. אין זיינע אַרטיקלען האָט ער שפּעטער, ווען ער האָט זיי געלייענט געדרוקטערהייט, געפונען אַ געדאַנק, אפילו אַ ווערטל, וואָרט אין וואָרט, דעם שמידס. ביים שרייבן האָט ער נישט געדענקט, אַז ער האָט עס געהערט פון אים, אָדער אַז ער האָט דאָס גאָר אינגאַנצן געהערט. שפּעטער האָט ער זיי דערקענט. דזשאָזייע העקלים.

דער שמיד איז נישט געווען אַליין. זיין געזעל, אַ שווייגער, איז געשטאַנען און נאָר געזעצט מיט דעם האַמער. קיין וואָרט האָט ער נישט אַריינגערעדט. ער האָט אפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט. דער באַלעבאָס האָט געהאַלטן מיט איין האַנט דעם שטעקן פון דעם בלאָז־וואַלעק, געאַרבעט מיט אים אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און מיט דער צוואַנג אין דער אַנדערער געהאַלטן אין פייער אַ שטיק אייזן. האָט דער געזעל געוואַרט ביז העקלי האָט אַרויסגענומען דאָס רויטע אייזן, אַוועק־

געלייגט אויף דער קאַוואַדלע, געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ, האָט ער דאַן גע־געבן דעם צווייטן.

שטייענדיק, האָט מרדכי אים דערציילט:

— דזשאַזייע — האָט מרדכי געזאָגט פאַרביטערט, אָבער רואיק. — אַנדערש נישט נאָר אַן אשת־איש.

אַ ווײַלע איז דער האַמער געבליבן ביי דעם שמיד שטיין אין דער לופטן. באַלד האָט זיך אַ ריס געטון אַ וואָרט:

— טמאים!

און נאָכדעם אַ קלאַפּ און מיליאָסן פונקען האָבן זיך צעשאָטן.

מרדכין האָט זיך געדאַכט, אַז דער שמיד האָט צו דעם וואָרט „טמאים" נאָך צוגעלייגט אַ שפּיי, אַ שפּיי מיט פייער. די מיליאָסן פונ־קען וואָס האָבן זיך צעשאָטן זענען נישט געווען פון גליענדיקן אייזן אויף דער קאַוואַדלע, נאָר פון גליענדיקן עקל אין שמידס האַרץ. די פונקען האָבן אויסגעברענט דעם פאַרדראָס פון מרדכיס האַרץ ביזן גרונט. עס איז אים געוואָרן גרינג.

— מאָרדעקאַי נח, „מולי מאַלאַק" וועט נישט מטמא זיין די פען, וועט זי האַלטן ריין, ווי עס איז ריין דער האַמער, וואָס קלאַפּט אויפן גליענדיקן אייזן — האָט געזאָגט דער שמיד צו זיין שווייגנדיקן געזעל, און פלינקער האָבן זיך געיאָגט די האַמערס און שטאַרקער געזעצט אויף דעם גליענדיקן אייזן. די גאַנצע קוזשניע איז געוואָרן פול מיט פונקען. און זיי זענען נאָך אַרויסגעפלויגן אין גאַס אַריין.

***

מיט ברען האָט מרדכי זיך גענומען שרייבן זיין בוך וועגן שעקס־פּירן. ער האָט שוין אַ לענגערע צייט געאַרבעט אויף דעם ווערק, אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געקלערט צו שרייבן עס אַזוי גיך.

ערשט ווען טאַמאַס האָט אים פאַרגעלייגט צו שרייבן אַ שמוציקן ראָמאַן און ער האָט זיך דערפילט ווי מען וואָלט אים געוואָשן באַגאָסן מיט אַ פאַס שמוץ, האָט ער זיך גענומען שרייבן דאָס שעקספּיר־בוך, ווי ער וואָלט געוואָלט אין דעם שעקספּיר־בוך זיך טובל זיין, אָפּוואַשן פון זיך דעם שמוץ, וואָס דער אַלטער רעדאַקטאָר האָט אויף אים אַרויפגעגאָסן.

דאָס שעקספּיר־בוך זיינס איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: איינס איז געווען די קוואַלן ווו שעקספּיר האָט גענומען דעם ספּור המעשה פאַר זיין ווערק. די קוואַלן און זייער אינהאַלט. די דאַזיקע אַרבעט האָט ער גע־

לאָזט טון אַן אַנדערן. אַ שרייבערן האָט געגרייט פאַר אים די אַרבעט. ער האָט צוגעגעבן קריטישע באַמערקונגען. און דאָס איז געווען דער צווייטער טייל — פירוש אויף שעקספּירן, אַ סך קריטיק איבער שעקספּירס געניאַלע ווערק.

וויפל מען לויבט דעם גרויסן דיכטער — האָט ער געשריבן וועגן שעקספּירן — איז עס אַלץ נישט גענוג. זיין גרויסקייט האָט ער באַוואונדערט. ער איז אין דער זעלבער צייט אָבער אויך געווען נישט דערשראָקן אַנצוווייזן, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, פעלערן אין שעקספּירן.

שטילערהייט, מייסטנס פאַר זיין רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער, האָט ער געשריבן און געלאָזט דרוקן דאָס שעקספּיר־בוך. עס האָט געזאָלט באַשטיין פון צוויי טיילן. און ער האָט געשווינדע, און אין פיבער, געשריבן און געדרוקט דעם ערשטן טייל.

עס איז אַרויסגעקומען אַ שיין און אַ גרויס בוך — אויסערלעך און אינערלעך. עס איז געווען געדרוקט אין גרויסן פאָרמאַט, ווי די זעלטענע, ערנסטע ביכער, און עס איז געווען איינס פון די געציילטע ערשטע ווערק אין אַמעריקע פון קריטיק איבער שעקספּירן.

דאָס ווערק האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער ליטעראַרישער אַמעריקע.

ער האָט צוגעטראָגן אַ בוך טאָמאַסן. אַ צופרידענער, אַ לויטערער, ראָט ער אים דערלאַנגט דאָס בוך.

ערשט איצט האָט ער געפילט, אַז דער לעצטער טראָפּן שמוץ איז פון אים געוואָרן אָפּגעווישט. איצט, ווען ער האָט צוגעטראָגן טאָמאַסן דאָס שעקספּיר־בוך.

דער אַלטער רעדאַקטאָר האָט דאָ, ווייזט־אויס, עפּעס פאַרשטאַנען. האָט ער אים באַגריסט, נאָר צוגעגעבן האָט ער גאַנץ רואיק:

— מאָרדעקאַי, איינס צום אַנדערן האָט נישט. איר דאַרפט שרייבן אַזעלכע שעקספּיר־ביכער, וואָס עטלעכע בטלנים, די ביכער־ווערים, וועלן זיצן איבער זיי און מאַכן מוח־איבונגען. אויב איר וועט זיך פאַרדינען אַ מאָנומענט וועט עס זיין פאַר דעם סאָרט ביכער. אָבער ווען איר ווילט האָבן מאַטעריעלן דערפאָלג, געלט, מיין פריינט, ווען איר ווילט געלט, ווען איר ווילט, אַז מאַסן מענטשן זאָלן אייך לייענען, אייך אָפּוועגן מיט גאָלד, מוזט איר שרייבן דעם ראָמאַן וואָס איך האָב אייך געהייסן.

מרדכי, אַ ריינער, אַ געלייטערטער, האָט געפילט, אַז איצט מעג שוין טאָמאַס זאָגן וואָס ער וויל. די ווערטער זיינע וועלן גאָר נישט צוקומען צו אים. זיי וועלן נישט גיין ווייטער פון טאָמאַסעס ליפּן. ווי גאַ־

ווער וועלן זיי רינען איבער דעם אַלטנס גאַמבע, קליידער, און פאַלן אויף זיינע שיך. דאָס שעקספּיר־בוך איז זיין שמירה, זיין שוץ. און ער האָט זיך אַליין דערליובט נאָך מער.

— מיט דער אשת־איש? — האָט ער אים איבערגעפרעגט מיט שפּאָט.

טאָמאָסן האָט עס אַ הויב געטון. ער האָט געוווּסט וואָס מרדכי איז אויסן. ער מאַכט פון אים דאָס געשפּעט מיט זיין אשת־איש־פּלאַן. האָט ער אָנגעהויבן ציטערן, כאָטש ער האָט געהאַלטן איצט נאָך מער, אַז ער איז גערעכט. עס האָט זיך געהערט דאָס ציטערן אין זיינע רייד:

— יאָ, יאָ, טאַקע מיט דער אשת־איש. מאָרדעקאַי, איר וועט דאָס מוזן טון. איר זענט נאָך יונג, אומדערפאַרן, ווייסט איר נישט, קענט איר נישט דאָס לעבן, די מענטשן. איר רעדט זיך איין, אַז מיט די שעקספּיר־ביכער וועט איר ראַטעווען די וועלט. איר נאַרט זיך, מיין פריינט. איך מיין אייער טובה. איך וועל אייך נישט אָפּרעדן פון אייערע אידעאַליס־טישע קאַפּריזן, שרייבט זיך אייך געזונטערהייט אייערע שעקספּיר־ווערק, צום־די לאַנגע לערנערישע ביכער. איר קאָנט אָבער אין דער זעלבער צייט אויך שרייבן אַן אינטערעסאַנטן, שפּאַנענדיקן ראָמאַן, אַ צאַפּלדיקע גע־שיכטע, וואָס זאָל אויפקאָכן דאָס בלוט און צוציען דעם עולם.

— יאָ, יאָ! — האָט טאָמאָס געזאָגט בייז — מיט דער אשת־איש. אַנישט וועט איר בלייבן אַ קבצן. מיט אַלע אייערע געניאַלע פעאיקייטן וועט איר נישט האָבן אויף ברויט. איר וועט זיין אַ פילאָזאָף און אויס־גיין פון שווינדזוכט אויף אַ בוידעם־שטיבל.

מרדכין האָבן אַלץ די רייד נישט אָנגערירט. ער האָט אויך נישט געוואָלט דיסקוטירן מיט אים. אין קאָפּ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן וועבן ביי אים פּלענער וועגן אַוועקפאָרן פון טשאַרלסטאָן, און ער האָט געזאָגט רואיק צום אַלטן:

— טשאַרלי, נעם עס דיר גוט אין זינען אריין: איך וועל נישט שרייבן קיין ראָמאַן, ווי עס הייסט ביי דיר, מיט אַן אשת־איש. קיינמאָל נישט!

שפּעט ביינאַכט האָט ער געשריבן צו דעם פעטער נפתלין אין ניו־יאָרק. אַ לאַנגן בריוו האָט ער געשריבן. פּאָליטיק, פאַמיליע־זאַכן, און ער האָט געבעטן אַ נייע הלוואה.

„פעטער נפתלי", האָט ער געשריבן צווישן אַנדערע זאַכן, „איך זע נישט קיין תכלית פאַר מיר אין בלייבן אין טשאַרלסטאָן. איך וויל פאָרן קיין אויסלאַנד. אַ קאָנסול־שטעל וואָלט געווען גוט. איך פיל אין זיך

כוחות צו טון גוטע ארבעט אלס אמעריקאנער קאנסול. פאר אונדזער רע־פובליק, מיין איך, גוטע ארבעט. ריגע וואלט געווען נישט קיין שלעכט ארט. איך וויל קריגן די קאנסול־שטעל אין ריגע. רוסלאנד וועט זיין אפן פאר מיר, דער באלטיק, סקאנדינאוויע. איך זע גרויסע געלעגנהייטן פארן אמעריקאנער האנדל. איך וועל זיך אריבערכאפן קיין וואשינגטאן וועגן דעם. וואס מיינסטו וועגן דעם?

„איך בעט דיך א טובה, פעטער נפתלי, שרייב מיר איינצלהייטן וועגן דעוויט קלינטאן. ער האט חשק, הער איך, צו ווערן פרעזידענט. ניו־יארק האט באשטימט אים פאר איר „גינציקן זון". פארזיכער איך דיך, אז דער קלינטאן אייערער וועט קיינמאל נישט ווערן פרעזידענט. דאס וועלן מיר שוין באזארגן. מעגסט דאס אים זאגן אין מיין נאמען. סאוט קאראליינא, נארד קאראליינא און דזשארדזשיא וועלן גיין איינשטימיק פאר מעדיסאנען.

„פארשטייט זיך, איך וועל נישט אוועקפארן פאר די וואלן. פריער וועלן מיר נאכאמאל דערוויילן מעדיסאנען. דערנאך — אלס קאנסול — קיין ריגע.

„און זיי שוין אזוי גוט, פעטער נפתלי, און שיק מיר א צוואנציק דאלאר. האב נאר נישט קיין מורא. מעגסט שלאפן גאנץ רואיק. איך וועל דיר אפגעבן ביזן לעצטן סענט. איך וויים, איך בין דיר שוין שולדיק א סך געלט. איך האב ביי מיר פארשריבן יעדן סענט וואס איך האב גע־ליגן ביי דיר. אזוי נאר ווי איך פאר קיין ריגע אלס קאנסול, וועל איך דיר אנהויבן באצאלן דעם חוב. פון מיין געהאלט וועל איך דיר קאנען באצאלן דעם חוב אין א קורצער צייט. און גריס מיר די מומע רחלען און די קינדער".

***

אינמיטן פון די בערג ארבעט: די לאקאלע וואלן, די נאציאנאלע; צווישן דעם שעקספיר־ווערק און דער באשטימונג פאר קאנסול אין ריגע, האט ער באקומען א פארשלאג אנצושרייבן א פיעסע פאר דעם טשארל־סטאנער טעאטער.

יאנג, דער באלעבאס פון טשארלסטאנער טעאטער, האט געהערט וואס פאר א רושם ס'האט געמאכט מרדכים שעקספיר־ווערק, און ער האט נאך געזען וואס פאר א גרוים בוך עס איז. צי ס'איז גרוים אין אינ־האלט, האט דער טעאטער־באלעבאס נישט געוווסט. גרוים אין דער אויי־

סערלעכער מאָס. איז אים איינגעפאַלן, אַז אַ פּיעסע פון דעם באַרימטן שרייבער, גלענצנדיקן רעדנער, דעם זיגער פון דועל און דערצו איצט דער מחבר פון אַ ווערק איבער שעקספּיר — זיינס אַ פּיעסע דאַרף זיין אַ דערפאָלג, וועט זיכער ציען אַ גרויסן עולם.

די פּיעסע האָט יאָנג געוואָלט פאַר זיין פרוי, די באַרימטע הויפּט־אַקטריסע, אַ „שטערן" אין טעאַטער, געשריבן ספּעציעל פאַר איר צו איר ערן־אָוונט.

מרדכי איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער פון טעאַטער. צו די פּראָבעס איז ער דאָ שוין נישט געגאַנגען ווי אין פילאַדעלפיע. ער האָט אָבער אין צייטונג, אָפט געשריבן וועגן טעאַטער. צו אַלע זיינע מעלות איז ער שוין געווען באַרימט אויך אַלס טעאַטער־קריטיקער, און דאָ, ווי אין פי־לאַדעלפיע פריער, איז ער געווען דער פריינט פון טעאַטער און די אַק־טיאָרן.

די אַקטריסע יאָנג איז געווען איינע פון די שענסטע פרויען אין אַמעריקע און פון די בעסטע אַקטריסעס. מרדכי האָט זי טאַקע געהאַלטן פאַר איינער פון די סאַמע שענסטע פרויען און בעסטע אַקטריסעס. און אַז איר מאַן האָט אים געבעטן שרייבן פאַר איר ערן־אָוונט אַ פּיעסע מיט אַ הויפּטראָלע פאַר איר, האָט ער מסכים געווען.

— פאַר דער שענסטער פרוי און דער בעסטער אַקטריסע וועל איך אפילו גלייך זיך זעצן שרייבן אַ פּיעסע.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס יאָנג האָט געהערט פון אַ מאַן אַזאַ קאָמפּלימענט. און דער עיקר וועגן איר שיינקייט, און עס האָט אים נישט געגעבן אַ שטאָך אין האַרץ. ער איז געווען זיכער, אַז מרדכי וועט ביי אים נישט צונעמען דאָס ווייב. ער וועט זי אפילו נישט אָנרירן. נישט ווייל זי וועט נישט וועלן. אין דעם איז ער געווען זיכער אויף פאַר־קערט. אַזאַ שיינער, העלדישער מאַן ווי מרדכי און מיט אַזאַ רום. נאָר ער, מרדכי, וועט נישט וועלן. ער האָט אים גוט געקענט. צווישן אַקטיאָרן האָט מען געוווסט וועגן מרדכין נאָך פון פילאַדעלפיע.

— איך בעט אייך, מאַיאָר נח — האָט דער טעאַטער־באַלעבאָס גע־זאָגט — צו האָבן אין זינען אַ פּיעסע וואָס זאָל פאַרכאַפּן ביים האַרץ. עס זאָל רירן, שטאַרק רירן. דאָס פּובליקום זאָל זיך גוט אויסוויינען דער־ביי. וואָס מער טרערן, אַלץ גרעסער דער דערפאָלג.

און איידער מרדכי האָט נאָך געקאָנט זאָגן אַ וואָרט האָט יאָנג גע־רעדט ווייטער:

— אייך, מאַיאָר נח, אַזאַ גרויסן מאַן ווי איר זענט, פאַרשפּאַר איך

צו זאָגן, אַז דאָס פּובליקום מוז אויך קריגן אַ פּאַרציע געלעכטער. גוט אָנגעווייגט זיך, מוז עס קריגן אַ געלעגנהייט צו לאַכן, צו טרייסלען זיך פאַר געלעכטער. אָבער אויך מיט אַ מאָס, פאַרשטייט זיך. ווען אַ געזונטע פאַרציע געלעכטער האָט זיך שוין דורכגעקייקלט זייערע העלדזער, מוז מען זיי גלייך דערלאַנגען ערנסט שטאָף און ווידער עפענען דעם קוואַל פון טרערן.

—יאַנג, איר רעדט אַזוי ווי איר וואָלט געווען אַן אַלטער פּיעסן־שרייבער — האָט מרדכי אַ זאָג געטון, נישט ענטפערנדיק אויף זיינע עצות.

— אַהאַ! ווען איך וואָלט נאָר געהאַט צייט, זיך געוואָלט אָפּגעבן מיט שרייבן פּיעסן, וואָלט איך שוין געווען גאָר אַ גוטער בעל־מלאכה. עס איז איינפאַך. מען דאַרף האַלטן גרייט צוויי שליסלען: דעם שליסל צום קוואַל פון טרערן און דעם שליסל צו דעם קוואַל פון געלעכטער.

— יאָ, פאַר אַזאַ שיינקייט, פאַר אַזאַ קינסטלערן! — האָט געזאָגט מרדכי און האָט איגנאָרירט דעם גאַנצן שמועס פון דעם טעאַטער־באַלעבאָס. — פאַר איר װעט איך זיך גלייך שרייבן אַ פּיעסע.

— נאָר איין בקשה, מאַיאָר — האָט צוגעגעבן יאַנג. — זאָל איר ראָל זיין אין הויזן, אַ הויזן־ראָל. זי צייכנט זיך אויס אין אַ הויזן־ראָל. די פרויען ווערן היסטעריש ווען זיי זעען זי אין הויזן, און די מענער גייען אַראָפּ פון זינען, ווען זיי זעען זי אין קלייד. אוודאי, די גאַנצע צייט אין הויזן וועלן די מענער נישט זיין צופרידן. כאָטש די מענער זאָגן, אַז זיי האָבן ליב צו זען זי אין הויזן, פונדעסטוועגן וואָלט איך נישט ריזיקירט אויף בלויז הויזן. עס דאַרף זיין, מאַיאָר, גענוג פאַר ביידן.

מרדכי האָט אים נאָר געזאָגט:

— איך וועל זען.

נאָר ווען עס איז דערנאָך אָנגעקומען די אַקטריסע און מרדכי האָט אַ קוק געטון אויף איר ליטער פּנים, האָט אים אַ בלענד געטון אין די אויגן, און אַז זי האָט נאָך מיט אַ שמייכל זיך אַ לאָז געטון אויף אים און געזאָגט מיט האַלב געבעט:

— אין הויזן, יאָ?

האָט מרדכי פאַרלוירן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— יאָ.

דאָס טעאַטער האָט אָנאָנסירט דעם ערנאָוונט פאַר דער הויפּט־אַקטריסע, אָנגעגעבן, אַז זי וועט שפּילן אין אַ נייער פּיעסע, ספּעציעל געשריבן פאַר איר פון מאַיאָר נח.

דער עולם האָט אָנגעהויבן לויפן גאַנץ פרי נאָך בילעטן. אַ וואָך פריער זענען זיי שוין געווען אויספאַרקויפט. שטילערהייט האָט זיך אָבער געגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן דער פאָרשטעלונג.

אַלץ האָט געשטאַמט פון מרדכים פעדעראַליסטישע שונאים. זיי האָבן אים געוואָלט אַרונטעררייסן. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ פּיעסע ער האָט אָנגעשריבן. דאָס איז זיי אויך נישט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן נאָר געוואָלט אים ווײ טון.

זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך נישט צו לאָזן דורכגיין די פאָר־שטעלונג רויִק. פון צייט צו צייט זאָלן זיי זי אויספייפן.

„ווענט האָבן אויערן" איז אַן אַלט וואָרט. און אין דעם פאַל איז נישט געקומען דערצו, אַז די פאַרשווערונג זאָל אויפגעדעקט ווערן דורך דעם, וואָס ווענט האָבן אויערן. אַרויסגעקומען איז עס גאָר איבער דעם, וואָס, ווי מען זאָגט: וואָס ביים ניכטערן אויף דער לונג איז ביים שי־כור אויף דער צונג.

אַ פעדעראַליסט האָט אין שענק, נאָך דעם אַכטן גלעזל, אַרויסגע־פּלוידערט דעם גאַנצן פּלאַן.

— ער איז אַ גוטער שיסער? יאָ? נו, איז ער! מיר וועלן אָבער פייפן, אוי וועלן מיר פייפן! אַ סך אונדזערע וועלן פייפן. און וואָס וועט ער קאָנען טון? פייפן! אויך פייפן, נו גוט, זאָל ער אויך פייפן.

די אַקטיאָרן זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק, ווען זיי זענען דאָס געוווּיר געוואָרן. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין עצה. און דאָס אײ־גענע איז געווען מיט מרדכין. מיט אַ שווער האַרץ האָבן זיי זיך געגרייט צו דער פאָרשטעלונג.

ווען דער עולם האָט זיך גענומען אַריינלאָזן אין טעאַטער אַריין, איז מרדכין געוואָרן נאָך שווערער. ער האָט געזען אַ גרויסע מענגע זיינע פיינט. פאַר אים פערזענלעך האָט אים, אייגנטלעך, נישט געאַרט אַזוי פיל ווי פאַר דער אַקטריסע. וועגן זיך האָט אים נאָר פאַרדראָסן, וואָס ער וועט זיין די אורזאַך צו פאַרשטערן דער בארימטער אַקטריסעס ערן־אָוונט.

נערוועזע האָבן די אַקטיאָרן אָנגעהויבן שפּילן. יעדע מינוט האָבן זיי זיך געריכט עס זאָל ווערן אַ פייפעריי. מרדכי האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח צו זיצן רויִק.

ס'איז אָבער נישט אַריבער קיין מינוט און די הויפּט־אַקטריסע, אָנ־געטון אין הויזן, איז אַרויס אויף דער בינע. ס'האָט ביים עולם פאַר־

כאַפּט דער אָטעם און ס׳איז געווען שטיל. איבערן טעאַטער האָבן זיך געטראָגן די רייד פון די אַקטיאָרן.

די פּיעסע — ווי דער שטייגער פון דער צייט — האָט געהאַט אַ טאָפּלטן נאָמען: „פּאַל ענד אַלעקסיס אָר דהי ארפענס אָוו דהי רהיין" — אַ מעשה וועגן צוויי טייערע קינדער יתומים — האָט פון דער ער־שטער מינוט אָן אַריינגעכאַפּט די הערצער אין אַ צוואַנג.

ווען די ערשטע סצענע איז אַריבער אָן איין פּייף, האָט מרדכי זיך אומגעקוקט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען. אַ גרויס געיאָמער האָט אויסגעבראָכן. דער עולם האָט דערנאָך זיך געקייקלט פאַר געלעכטער, נאָר נישט געפּייפט.

די גאַנצע שרעק איז געווען אומזיסט. אפילו איין פּייף איז נישט געהערט געוואָרן דורך דער גאַנצער פאָרשטעלונג. ערשט ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט און עס האָבן זיך צעקנאַלט די אַפּלאָ־דיסמענטן, איז אויך געוואָרן אַ געפּייף. נאָר דאָ זענען די אַפּלאָדיס־מענטן געוואָרן נאָך שטאַרקער און זיי האָבן פאַרהילכט די פּייפערס.

ביים אַרויסגיין האָט מרדכי באַמערקט אַ סך פּעדעראַליסטן מיט פאַרוויינטע אויגן.

די אַקטיאָרן האָבן דאַנקבאַרע אַרומגערינגלט מרדכין. די הויפּט־אַקטריסע, אַ גליקלעכע, האָט זיך אַ לאָז געטון אויף אים מיט איר לוי־מער פּנים, אַז ס׳האָט אים געבלענדט אין די אויגן, און זי האָט געזאָגט:

— מיין ליבער מאַיאָר נח, איך דאַנק אייך, כ׳בין אַזוי דאַנקבאַר. דאָס שטיק איז ווונדערלעך! אַפילו די פאַרשווערער זענען געזעסן גע־שפּאַנט.

— צוליב אייער שיינקייט, אייער גרויסן טאַלאַנט — האָט מרדכי איר געגעבן דעם קרעדיט.

— ניין, טייערער מאַיאָר, ס׳איז איר, איר!

זי האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די שפּיץ פינגער און געגעבן מרדכין אַ קוש אין מויל אַריין.

מרדכיס פּנים איז געוואָרן רויט ווי פייער. ס׳איז געווען אַ שאָד, וואָס זי האָט אַזוי גיך אַוועקגענומען דאָס מויל, כאָטש ער האָט עס נאָך אַלץ געפילט אויף זיינע ליפּן.

צומאָרגנס האָט מרדכי געהאַט אמתן עגמת־נפש. געקראָגן האָט ער דאָס פון זיין גוטן פריינט טאָמאַס. ווען ער איז אַריינגעקומען אין רע־דאַקציע, האָט אים דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער באַגריסט מיט באַזונ־דערער פריינטלעכקייט און געזאָגט:

— א גוטע פיעסע, מאָרדעקאַי. איך גראַטוליר אייך.

ער האָט דורכגענומען מרדכין מיט די אויגן און צוגעגעבן:

— איך גראַטוליר אייך טאָפּלט, צום דערפאָלג און וואָס איר פאָלגט.

יאָ, איך זע, מאָרדעקאַי, איר האָט מיך געפאָלגט. איר האָט נישט געשריבן קיין לאַנגווייליק ליטעראַריש שטיק. איר האָט געשריבן אַ פּיעסע פאַרן פּובליקום. איר פאָלגט מיין עצה. איר וועט נאָך שרייבן דעם ראָמאַן, וואָס איך האָב אייך געהייסן און טאַקע מיט אַ אשת־איש.

מרדכי איז געוואָרן בלאַס.

— איך וועל נישט, קיינמאָל נישט! — האָט ער געזאָגט פעסט.

האָט אים דער רעדאַקטאָר חבריש געקלאַפּט אין פּלייצע און געלאַכט.

— אָ, יאָ, מאָרדעקאַי, איר וועט יאָ. אָט האָט איר דאָך געשריבן אַ פּיעסע אויך פאַרן פּובליקום? איר, וואָס האָט ערשט אָנגעשריבן אַ ווערק, יאָ, נאַטירלעך, אַ וויכטיק ליטעראַריש ווערק וועגן שעקספּירן, ווו איר קריטיקירט אים, איר ווייזט אָן אויף אַ סך פעלערן, אמת איר הייבט אים אויך ביזן הימל, וואָס איז צופיל און איך בין נישט איינשטימיק — אָבער דאָס האָט נישט צו טון מיט אונדזער ענין. מאָרדעקאַי, איר האָט ערשט אויסגערעכנט שעקספּירס חסרונות. און וואָס האָט איר געטון אַליין, ווען איר האָט געשריבן אַ פּיעסע? — אַריינגעגעבן אין איר אַלע חסרונות, וואָס איר האָט קריטיקירט ביי שעקספּירן. פאַרוואָס האָט איר דאָס געטון? מיין פריינט, איר האָט דאָס געטון צוצופּאַסן זיך צום עולם, צו שרייבן פאַרן פּובליקום. אָט איז וואָס איך האָב אייך געזאָגט! שרייבן, אַז דער עולם זאָל וועלן לייענען. איך גראַטוליר אייך, מאָרדעקאַי, פון טיפסטן הארצן גראַטוליר איך אייך.

מרדכי איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט שרייבן אַ ראָמאַן ווי טאָמאַס וויל. ער האָט אָבער גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן טאָמאַסן אויף זיינע רייד וועגן דער פּיעסע. יאָ, טאַקע, דער אַלטער איז גערעכט! ער האָט ערשט אָנגעוויזן אויף אַזוי פיל חסרונות ביי שעקספּירן און ער אַליין האָט זיי אַריינגעפּאַקט אין זיין אייגענער פּיעסע.

ער האָט אפילו געקאָנט זאָגן טאָמאַסן, אַז ער האָט נישט געשריבן די פּיעסע כדי זיך צוצופּאַסן צום עולם, ער האָט דאָך נישט גענומען קיין כענט ביי די אַקטיאָרן. ער האָט דאָס נאָר צוליב געטון דער אַקטריסע. איר צוליב האָט ער דאָס געטון.

אָבער דאָס האָט ער נישט געוואָלט דערציילן דעם אַלטן. מער פעלט אים נישט ווי נאָר אַ זאָג צו טון אַז ער האָט דאָס געטון צוליב איר!

באַלד איז אים איינגעפאַלן, אַז נישט נאָר טויג נישט דער דאָזי־קער תרוץ פאַר טאָמאַסן, נאָר פאַר זיך אַליין אויך נישט. טאָמאַס איז גע־רעכט. ער האָט זיך דאָך יאָ צוגעפּאַסט צו דער אַקטריסעס פאַרלאַנג, צו איר געשמאַק. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו דעם פּלאַן פון איר מאַן, ווי ער פאַרשטייט דעם נוסח פון עולם.

און אומעט האָט אָנגעהויבן אים נאָגן ס׳האַרץ. נאָר ס׳האָט אים אַ בלענד געטון פאַר די אויגן איר לויטער פּנים, און ווען ער האָט דער־שפּירט איר מויל אויף זיינע ליפּן, האָט ער פּלוצלינג זי נישט געוואָלט לאָזן אַוועקנעמען ס׳מויל, און ס׳האָט אים אַביסל גרינגער געמאַכט. ער האָט אַ זאָג געטון צו זיך:

— ס׳איז אַ ריינע פּיעסע. נישטאָ אין איר קיין אומריין וואָרט. זי האָט חסרונות, אָבער זי איז אַ מאָראַלישע פּיעסע, אַ מאָראַלישע...

***

מרדכי האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז קריגן אַ קאָנסול־אַמט.

ער איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן און געזען דעם שטאַטס־סעקרע־טאַר דזשיימס מאָנראָו. דער הויפּט־מיניסטער האָט אים נישט אויפגע־נומען לויט זיין רעפּוטאַציע, נאָר מרדכי האָט דאָס פאַרקוקט.

מאָנראָו האָט אים געהייסן אויסשטעלן אַ מעמאָראַנדום, ווו ער זאָל לאָזן וויסן אין וועלכן לאַנד ער וויל זיין קאָנסול, וועט ער דאָס פאָרלייגן פאַרן פּרעזידענט.

אַרויסגייענדיק פון שטאַטס־סעקרעטאַר האָט מרדכי געהאַט חשק צו גיין גלייך צום פּרעזידענט. ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, און ער איז נישט געגאַנגען. לויט דעם געזעץ מוז די באַשטימונג אויף קאָנסולאַרע אַמטן גיין דורך דעם שטאַטס־סעקרעטאַר — האָט ער נישט געוואָלט איגנאָרירן די געזעצלעכע פּראָצעדור.

ער האָט צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צו מאָנראָון און ער האָט דערקלערט צווישן אַנדערע ערטער ריגע און טוניס, ווו ער וואָלט געוואָלט קריגן די באַשטימונג.

אַ שטיקל צייט איז דורכגעגאַנגען און ער האָט נישט געהערט פון שטאַטס־סעקרעטאַר. איז ער צוגעגאַנגען אין מיניסטעריום. מאָנראָס הויפּט־געהילף איז יאָ געווען שטאַרק פריינטלעך צו אים. האָט ער דורך אים געוואָלט אונטערטרייבן די זאַך.

מרדכי איז געזעסן אַליין אין ביורא פון דעם הויפּט־געהילף, וואַרטנ־

דיק אויף אים. האט זיך געעפנט די טיר און מרדכי האט זיך געגעבן א שטעל אויף די פיס — דער פרעזידענט איז אריינגעקומען!

פאמעלעך, מיט א נאכלעסיקן גאנג, ווי אויף א שפאציר, אן ספעציעלן צוועק, איז דער פרעזידענט אריין און אזוי זיך דערנענטערט צו מרדכים ווינקל.

נאכדעם ווי דער פרעזידענט האט האלב פארמאכט די אויגן, האט ער זיך פארנויגט פאר אים און איז געגאנגען צו דער טיר. מרדכי האט פארשטאנען, אז דער פרעזידענט איז פארבייגייענדיק אריינגעגאנגען צו דעם געהילף־מיניסטער, און פון ווייטן, האט ער געמיינט אויף אים. אז דאס איז ער. נאר ווען ער איז צוגעקומען נענטער און ער האט א זשמורע געטון מיט די אויגן, האט ער איינגעזען דעם טעות און ער איז אוועק.

מיט איין געשיקטער באוועגונג איז ער געווען נעבן פרעזידענט און אים געזאגט, אז דער געהילף־מיניסטער איז אין צווייטן צימער, און פארנויגנדיק זיך, האט ער זיך אפגערוקט הינטערווייל͏עכטס.

אים איז נישט איינגעפאלן, אז דער פרעזידענט וויים ווער ער איז. ער האט געדענקט מעדיסאנען. ער האט אים יינגלווייז געזען פיל מאל אין פילאדעלפיע. ער האט אויך געזען זיין בילד אין צייט פון די וואלן. אבער ווי קומט מעדיסאן אים קענען?

דער געהילף־מיניסטער איז נישט אזוי גיך אריינגעקומען. מרדכי האט פארשטאנען, אז ס'איז ווייל ער איז פארנומען מיט דעם פרעזידענט, און נישט ווייל ער וויל אים לאזן ווארטן.

ווען ער איז ענדלעך אריינגעקומען, איז ער צוגעלאפן צו אים און א זאג געטון:

— מאיאר, דער פרעזידענט האט זיך ערשט געפרעגט אויף אייך?

— אז וואס?

— צי איר זענט מאיאר נח? ער האט מיר געזאגט, אז ער האט אייך געטראפן אין מיין צימער, און אז איר האט אים געזאגט וווּ איך בין. יא, דער פרעזידענט האט מיך געפרעגט: „איז דער גאסט ביי אייך מאיאר נח?" איך האב זיך געוווּנדערט פון וואנען ער קען אייך. איר זענט געווען ביי אים?

— ניין, קיינמאל נישט — האט מרדכי געזאגט און זיך געוווּנדערט ווי עס איז איינגעפאלן דעם פרעזידענט, אז ער איז מרדכי נח?

— א ווונדער! יא, דער פרעזידענט האט מיר געזאגט, אז ער האט געהערט וועגן אייך גרויסע זאכן. ער האט מיר אויך געזאגט, אז ער האט געקענט אייער זיידע פיליפס, דער פרעזידענט געדענקט אים גוט.

מרדכי האָט געשמייכלט. דאָס האָט באַשטעטיקט, אַז ער וועט קריגן דעם אמת. באַלד האָט ער דאָס געהערט — בפירוש.

— ווו וואָלט איר געוואָלט בעסער זיין קאָנסול — האָט אים דער געהילף־מיניסטער געפרעגט — אין טוניס אָדער אין ריגע?

— אין טוניס.

— וועט איר מוזן וואַרטן. דער פּרעזידענט האָט מיר געזאָגט, אַז כאָטש ריגע איז אַ וויכטיקער פּונקט און איר וועט האָבן אונטער זיך גע־הילפן אין רעוואַל און אין אַנדערע פּאָרט־שטעט, איז אָבער די קאָנסול־שטעל אין טוניס אַ בעסערע. דאָרטן זענען די בערבערן לענדער, און אויב איר ווילט וואַרטן, קריגט איר דעם טוניס־אמט.

ס'איז אים געווען קלאָר איצט, אַז ער קריגט אַן אמט. ער וואָלט בעסער געוואָלט טוניס. אויסער דעם, וואָס עס איז געווען, אַ בעסערער אמט, האָט אים שטאַרק געצויגן צו יענעם טייל — אַפריקע, טוניס מיט אַ גרויסער געשיכטע פון די אַלטע צייטן, קאַרטאַגע, האַניבאַל, דער ליב־האָבער פון היסטאָריע האָט געהאַט גרוים חשק צו אַרבעטן אין די היס־טאָרישע פּלעצער.

ער האָט אויך געהאַט אַ יידישע אורזאַך צו וועלן בעסער פאָרן קיין טוניס.

פון זיין באָבעס זייט, דער מאַמעס מאַמע, אַ ספרדי, פון די שפּאַ־ניש־פּאָרטוגעזע יידן, האָט ער געוואָלט זען די יידן פון די בערבערן לענ־דער. אַ טייל פון עגיפּטן און אַ טייל זענען אפשר געקומען אַהין פון ארץ־ישראל מיט די אַרויסגעטריבענע, וואָס טיטוס הרשע האָט אַרויס־געטריבן אין גלות אַריין.

ער האָט געוואָלט זען ווי זיי זעען אויס, ווי זיי לעבן — די אייני־קלעך פון די אַרויסגעטריבענע נאָכן חורבן ירושלים, נאָכן גירוש שפּאַניע.

פונדעסטוועגן האָט ער געמוזט אויפגעבן זיין פאַרלאַנג צו טוניס. זיין פינאַנציעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע. און דורך דעם איז אויך זיין גייסטיקע שטימונג געווען אַ צערודערטע, האָט ער נישט געוואָלט וואַרטן אויף טוניס און האָט מסכים געווען אויף ריגע.

און אַז ס'איז אַריבער אַ נייע וואָך און ער האָט אַלץ נישט געקראָגן דעם אמט, האָט ער געבעטן אַן אוידיענץ ביי מאָנראָו. ער האָט געוואָלט הערן פון שטאַטס־סעקרעטאַר אַליין די אורזאַך פון פאַרשלעפּעניש.

מאָנראָו האָט אים געהייסן קומען אין אַ באַשטימטער שעה. מרדכי

איז געקומען. ער האָט געוואַרט אַ פּאָר שעה, און מאַנראָו האָט זיך נישט באַוויזן.

איצט איז מרדכי געווען זיכער, אַז מאַנראָו האָט עפּעס קעגן אים. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין אורזאַך פאַרוואָס מאַנראָו זאָל זיין אויף אים בייז. ער איז אָבער שוין נישט געגאַנגען צו אים.

ער איז ענדלעך באַשטימט געוואָרן פאַר ריגער קאָנסול.

ריגע איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער פּאָרט. אַלס האַנדל־פּאָרט נאָך בעסער ווי פּעטערבורג. הונדערטער שיפן פון דער גאַנצער וועלט האָבן אַריינגעפירט סחורה קיין ריגע און אַרויסגעפירט.

מרדכי האָט גלייך אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר דער פאַרגרעסערונג פון האַנדל פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט דער געגנט אַרום ריגע. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט גרויסע סוחרים אין ניו־יאָרק און זיי פאַרגעלייגט צו שיקן סחורות אויף דער שיף, וואָס וועט אים פירן קיין ריגע. ער האָט געוואָלט אָנהייבן אַנטוויקלען אויף אַ גרויסן אופן דעם האַנדל מיט שפּיגל־גלאָז.

די גאַנצע פאַמיליע איז געווען צופרידן. מרדכי איז געוואָרן אַ קאָנסול. ער וועט פאַרטרעטן די אַמעריקאַנער רעגירונג אין רוסלאַנד. איינער נאָר איז געווען אומעטיק, זיין פעטער אהרן פיליפּס, דער אַקטיאָר. האָט געקוקט אויף אים טרויעריק און גאָרנישט געזאָגט, אפילו אים נישט באַגריסט צו דער באַשטימונג.

— פעטער אהרן — האָט מרדכי אים אַ פרעג געטון, זעענדיק זיין אומעט — זאָגסט מיר אפילו נישט קיין מזל־טוב?

אהרן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— צו זיין אַמעריקאַנער קאָנסול איז ביי דיר גאָרנישט?

— כ׳וואָלט בעסער געוואָלט זאָלסט בלייבן אַ דראַמאַטורג, אַ רעד־דאַקטאָר איידער אַ קאָנסול. זאָלן די פּאָליטיקער זיין קאָנסולן. ס׳קאָסט מיך געזונט וואָס דו וואַרפסט אַוועק דאָס שרייבן. כ׳האָב געהאָפט, דו וועסט שרייבן פאַר מיר אַ פּיעסע.

— איך וואַרף נישט אַוועק ס׳שרייבן — האָט אים מרדכי פאַרזי־כערט — פעטער אהרן, שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ, אַז כ׳גיב־אויף דאָס שרייבן, און אַ פּיעסע פאַר דיר? זיכער! כ׳וועל שרייבן פאַר דיר אַ פּיעסע ספּעציעל פאַר דיר, פאַרן פעטער אהרן. כ׳וועל קומען אויפן ערשטן וויזיט פון ריגע, זאָלסטו מיך דערמאָנען, וועל איך אָנשרייבן אַ פּיעסע פאַר דיר.

***

מרדכי איז נישט געפאָרן קיין ריגע. ער האָט נישט אָנגענומען די ריגער קאָנסול־שטעלע.

דעמאָלט, ווען ער איז געווען גרייט צו פאָרן, ווען ער האָט געהאַט אויסגעאַרבעט גרויסע פּלענער פאַר דעם האַנדל צווישן אַמעריקע און ריגע, איז אָנגעקומען די נייעס, אַז דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אָפּגעבראָכן זיין אָפּמאַך מיט נאַפּאָלעאָנען.

די וועלט האָט אַ ציטער געטון. דאָס האָט געמיינט קריג צווישן נאַפּאָלעאָנען און רוסלאַנד. האָט מרדכי נישט געוואָלט פאָרן קיין ריגע. זיינע האַנדלס־פּלענער פאַר ריגע זענען געווען אויסגערעכנט אויף אַ צייט פון פרידן. אין קריגס־צייט האָט ער דאָרטן גאָרנישט גע־קאָנט אויפטון.

ער האָט געלאָזט וויסן וואַשינגטאָן, אַז ער וואַרט אויף זיין באַשטי־מונג קיין טוניס.

ביי אַמעריקע האָט ענדלעך געפּלאַצט דאָס געדולד. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דערקלערט קריג ענגלאַנד.

די רייכע פעדעראַליסטן אומעטום, באַזונדערס די פון די ניו־ענ־גלאַנד שטאַטן, זענען געווען קעגן קריג. זיי האָבן געהאַט די גרעסטע פאַרלוסטן אין דער מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. די ענגלישע בלאָקאַדע האָט זיי אָנגעטון גרויס שאָדן. זיי זענען אָבער אַלץ געווען פאַר ענגלאַנד און קעגן קריג. די מלחמה איז אַרויסגעקומען, ווייל דאָס לאַנד האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע, און זיי אַליין האָבן גאָרנישט גע־וואָלט, מ'זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי.

מרדכי, אַלס איינער פון די הויפּט־מלחמה־פּראָפּאַגאַנדיסטן, האָט נישט געזען אין דער מלחמה אַ מיטל צו באַשיצן די רייכע סוחרים, די שיף־מאַגנאַטן — ער האָט געפּרעדיקט מלחמה קעגן ענגלאַנד צו באַשיצן די פרייהייט פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, איר אומאָפּהענגיקייט, וואָס זענען צעטראָטן געוואָרן דורך ענגלאַנדס חוצפּהדיקער בלאָקאַדע, דורך איר באַפאַלן אַמעריקאַנער שיפן.

— ס'האַנדלט זיך נישט וועגן באַשיצן די סחורה פון דעם מאַג־נאַט אָדער יענעם — האָט געזאָגט מרדכי — ס'גייט אין כבוד פון אונ־דזער לאַנד. איז אַמעריקע אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק, און די אַמערי־קאַנער פאָן טאָר נישט ווערן באַליידיקט? אָדער מיר זענען נאָך אַלץ אונ־טערטעניק צו ענגלאַנד, און זי מעג טון מיט אונדז וואָס איר האַרץ גלוסט? עס זעט אויס, אַז דער קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט.

א היפּשע צייט איז אריבער, און מרדכי האָט נישט געקראָגן די קאָנ־סול־שטעלע. ער איז אָבער נישט ארומגעגאַנגען לייד־ק. מעדיסאָן איז געלאָפן און געוואָרן דערוויילט פאַר א צווייטן טערמין. מרדכי איז גע־ווען שטאַרק אַקטיוו אין דער וואַל־קאַמפּאַניע, און ער האָט געלאָזט צורו וואַשינגטאָן. ער האָט נישט געוואָלט אויסאיבן דעם מינדסטן דרוק צו קריגן די קאָנסול־שטעלע וואָס פריער, פילנדיק, אַז ער דאַרף זיך נישט יאָגן נאָך א קאָנסול־שטעלע.

נאָכדעם ווי מעדיסאָן איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר זיין צווייטן טערמין, האָט מרדכי געקראָגן אַן איינלאַדונג פון ווייסן הויז צו קומען שבת אויף מיטאָג מיטן פּרעזידענט.

צופרידן מיט דער איינלאַדונג, האָט מרדכי פונדעסטוועגן נישט ארויפגעבראַכט די פראַגע פון קאָנסול־שטעלע. ס'איז אים נישט אָנגע־שטאַנען צו דאַרפן דאָס דערמאָנען נאָך אַלע זיינע פאַרדינסטן פאַר מע־דיסאָנס פּאַרטיי.

דער פּרעזידענט, ווייזט אויס, האָט פאַרשטאַנען, אַז מרדכי פילט זיך געקריוודעט. זיין שטאָלץ איז געוואָרן אָנגערירט. האָט ער אים גע־וואָלט פאַרגיטיקן און ער האָט אים גערופן ביים ערשטן נאָמען, דערמאָ־נענדיק דערביי זיין זיידן.

— מאָרדעקאַי, אייער זיידע פיליפּס איז געווען איינער פון די פיינסטע מענער. א דאַנק אַזעלכע פרייהייט־ליבהאָבער, האָבן מיר באַ־זיגט ענגלאַנד.

— איך געדענק אים גוט. ער שטייט מיר פאַר די אויגן, דער הוי־בער סוחר, — האָט זיך אָנגערופן דאַלי, דעם פּרעזידענטס פרוי.

מרדכי איז זיי געווען דאַנקבאַר, דאָס וואָס זיי האָבן מיט אַזאַ האַר־צ'יקייט דערמאָנט זיין זיידן — איז געווען פאַר אים גאָר אומדערוואַרט. ער האָט דערפילט, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. א פאַרלוירענער האָט ער געזוכט זיי אַריינצוציען אין אַן אַנדער געשפּרעך.

דער שמועס איז באַלד אריבער אויף פּאָליטיק — די מלחמה. דעם פּרעזידענט איז געווען גוט באַקאַנט זיין אַגיטאַציע קעגן ענגלאַנדס אָנ־גריף אויף אַמעריקעס רעכט אויף די ימים. פּלוצלינג האָט דער פּרעזי־דענט א זאָג געטון:

— זאָגט מיר, מאָרדעקאַי, אייער מיינונג וועגן אונדזערע האַנדלס־מעגלעכקייטן מיט די בערבערן־לענדער. מיט זייער היסטאָריע זענט איר, לויט ווי כ'האָב געהערט, זייער גוט באַקאַנט.

מרדכי האָט גערעדט גאַנץ באַשיידן. פעסטע מיינונגען, זיכערקייטן

האָט ער גאָרנישט פּרובירט צו געבן. אַלץ נאָר וועגן מעגלעכקייטן. דער פּרעזידענט האָט געזען, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט דעם ענין.

די גאַנצע צייט איז נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז מרדכי איז אַ קאַנ־דידאַט פאַר קאָנסול. ער האָט מיט אַ וואָרט נישט דערמאָנט און אוודאי נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער בעט די שטעל.

אַזוי ביזן אַוועקגיין. דער פּרעזידענט האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט אים און אים געוווּנטשן גליק, צוגעבנדיק:

— אינפאָרמאַציע איז איינע פון די הויפּטזאַכן פאַר רעגירונגס־פאָר־שטייער אין פרעמדע לענדער. איך בין צופרידן, איר פאַרמאָגט דאָס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מרדכי געקראָגן די אָפיציעלע ידיעה, אַז דער פּרעזידענט האָט אים באַשטימט פאַר „שאַרזש ד'אפעירס” אין טוניס. דאָס האָט געמיינט איבער אַלע לענדער פון די בערבערן.

צוזאַמען מיט דער אָפיציעלער ידיעה פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט האָט ער אויך געקראָגן אַביסל געלט פון זיין פעטער נפתלי, פון ניו־יאָרק.

דאָס געלט האָט ער דערהאַלטן אין ענטפער אויף אַ בקשה, וואָס ער האָט געשיקט פריער צום פעטער, לאָזנדיק אים וויסן, אַז ער איז שטאַרק געענגט אין געלט, און ביז ער וועט קריגן די שטעלע וועט ער אים דאַרפן אַרויסהעלפן מיט אַן הלואה.

קאָנסול נח

קאָנסול מרדכי נח האָט פאַרן פאָרן געקראָגן אַ פּאַק אינסטרוקציעס פון דעם שטאַטס־סעקרעטאַר דזשיימס מאָנראָו. איין אינסטרוקציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין מרדכים לעבן; זי האָט געפירט צו געשעעניש פון גרויס וויכטיקייט.

די אינסטרוקציע איז געווען וועגן אַמעריקאַנער געפאַנגענע אין אַלזשיר.

„אויפן וועג קיין טוניס", האָט מאָנראָו אויפגעשריבן אַ פאָראָרדענונג פאַר דעם נייעם קאָנסול אין טוניס, „אין מאַלאַגאַ אָדער אין מאַרסעי, זאָלט איר זוכן די מיטלען צו באַפרייען אונדזערע אומגליקלעכע לאַנדסלייט אין אַלזשיר. זייער לאַגע האָט אַרויסגערופן צו זיי די וואַרעמסטע סימפּאַטיע פון זייערע פריינט און ווירקלעך פון גאַנצן לאַנד. ווען איר וועט געפינען אַ פּאַסנדן קוואַל דורך וועמען צו פאַרהאַנדלען וועגן זייער באַלדיקער באַפרייאונג, ווערט איר באַפולמעכטיקט צו גיין אַזוי ווייט ווי אויסצוגעבן צו דריי טויזנט דאָלאַר אויף אַ מאַן. אָבער אַ קלענערע סומע וועט מסתמא אויך געווינען זייער פרייהייט. נאָר וואָס עס זאָל נישט זיין דער רעזולטאַט פון אייער פאַרזוך זיי אויסצוקויפן, זאָלט איר, צוליב זעלבסטפאַרשטענדלעכע אורזאַכן, מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָס געלט קומט נישט פון אונדזער רעגירונג, נאָר פון די פריינט פון די געפאַנגענע. ביז איצט ווייסן מיר נאָר פון עלף געפאַנגענע: די מאַטראָזן פון דער שיף עדווין פון סעילעם, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין אַלזשיר, און עס איז צו האָפן, אַז די צאָל געפאַנגענע איז נישט געוואָרן פאַרגרעסערט. אויב אייערע באַמיאונגען זאָלן האָבן דערפאָלג, קאָנט איר נעמען אויף דער קאָנטע פון דעם שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט די נויטיקע סומע צו באַצאָלן פאַר זיי אויסלייז־געלט און צו באַזאָרגן פאַר זיי אַ באַקוועמע רייזע אַהיים צו זייער לאַנד און פריינט".

דאָס האָט געמיינט, אַז מרדכי האָט געדאַרפט אָנהייבן אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון די אַמעריקאַנער געפאַנגענע נאָך איידער ער וועט אָנקומען קיין טוניס. דאָס איז געווען זיין ערשטע אויפגאַב אויף זיין דיפּלאָמאַטישן אַמט.

די יונגע אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט שוין געהאַט אַ סך צרות אין

דער געגנט פון מיטללענדישן ים. זי האָט שוין געהאַט אויך אַ קריג מיט דעם הערשער פון טריפּאָלי. פון אירע ערשטע טעג אָן האָט אַמעריקע גע־ליטן פון די פּיראַטן אין מיטללענדישן ים.

הונדערטער יאָרן האָבן געלויערט ים־רויבער אין דעם מיטללענדישן ים. די פּיראַטן האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין שיף סיידן פון די לענדער, וואָס האָבן אונטערגעקויפט די רויבערישע הערשער פון יענע לענדער, צאָלנדיק זיי אַ יערלעכן אָפּצאָל. און דער אָפּצאָל איז נישט געווען גענוג. אויסער דער סומע, וואָס דער הערשער האָט געקראָגן, האָט מען נאָך געמוזט באַפרידיקן זיינע מיניסטאָרן, צאָלנדיק זיי היפּשע סומעס, און נאָך צולייגן צו דעם אָפּצאָל ווערטפולע מתנות אויך.

די גרעסטע און די קלענסטע מלוכות פון דער וועלט האָבן געמוזט קויפן די זיכערקייט אויף דעם מיטללענדישן ים פאַר אַ יערלעכער טריבוציע, ווי אונטערטעניקע, וואָס צאָלן צינזן דעם הערשער.

אַן אַמעריקאַנער שיף־עסקאַדרע האָט אַטאַקירט דעם שונא אין טריפּאָלי. מיט דעם כוח פון מאַכט און מיט דער הילף פון דעם פּאַשאַס ברודער, וואָס איז געווען אַ פּרעטענדענט אויף דעם טראָן, האָט געהאַלטן דערביי, אַז אַמעריקע זאָל האָבן אַ פולשטענדיקן זיג. נאָר די נאָכגעבי־קייט פון אַן אַמעריקאַנער קאָנסול האָט אַלץ צונישט געמאַכט, אָנשטאָט שטעלן זיך מיט מאַכט קעגן די פּיראַטן האָט דער קאָנסול זיי פאַרגע־לייגט געלט. האָבן די פּיראַטן געזען, אַז אַמעריקע איז לייכט אויף דער קעשענע, האָבן זיי זיך ערשט גענומען נייען אַ בייטל אויף אַמעריקעס חשבון.

די פּיראַטן פון אַלזשיר, אויפן באַפעל פון דעם פּאַשאַ, האָבן גע־נומען געפאַנגען די שיף „עדווין" פון סעילעם.

אַמעריקע איז דעמאָלט געשטאַנען אין קריג מיט ענגלאַנד. דער מיטללענדישער ים איז געווען געשלאָסן פאַר אַמעריקאַנער שיפן. ענגלאַנד האָט זיי נישט צוגעלאָזט.

די געפאַנגענע קאָמאַנדע פון דער שיף „עדווין" האָט אויף אַלערליי וועגן געשיקט אַפּילס קיין אַמעריקע, מען זאָל זיי באַפרייען פון דער גע־פערלעכער געפאַנגענשאַפט.

ראַטעווען זיי מיט מאַכט דורך דערקלערן קריג אַלזשיר איז געווען אוימגעשלאָסן. האָבנדיק אויף דער האַנט אַ מלחמה מיט ענגלאַנד איז געווען אוממעגלעך אָנצוהייבן אַ מלחמה מיט אַן אַנדער מלוכה, אַפילו אַזאַ קליינע ווי אַלזשיר.

דאָס האָט געוווסט דער רויבערישער הערשער פון אַלזשיר. ער האָט

נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. און נאָך מער צו דערנידעריקן אַמע־ריקע, האָט ער אָן צערעמאָניעס משלח געווען דעם אַמעריקאַנער קאָנסול פון אַלזשיר.

איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה פאַר אַמעריקע, נאָר צו ראַ־טעווען די געפאַנגענע שיפלייט מיט דער הילף פון געלט, באַצאָלן פאַר זיי אויסלייז־געלט.

די מיסיע אויסצולייזן די געפאַנגענע אַמעריקאַנער האָט די אַמערי־קאַנער רעגירונג, דורך דעם שטאַטס־סעקרעטאַר מאָנראָו, ארויפגעלייגט אויף דעם נייעם קאָנסול מרדכי נח.

אין פרילינג פון דעם יאָר 1813, קאַרגע דריי חדשים נאָך פרעזי־דענט מעדיסאָנס צווייטער אינאַוגוראַציע, האָט קאָנסול מרדכי נח זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף „דזשאָעל באַרלאָו" אויפן וועג קיין טוניס.

א באַרג מיט שווערע פאַרפלאָנטערטע אויפגאַבן און מיסיעס האָט אויפגענומען אויף זיינע פלייצעס קאָנסול מרדכי נח, וואָס איז אַלט גע־ווען נישט קיין גאַנצע אַכט און צוואַנציק יאָר.

יונג אין יאָרן, איז מרדכי נח אָבער געווען אַלט אין דערפאַרונג. א דראַמאַטורג, א זשורנאַליסט פון די בעסטע, איינער פון די שענסטע רעד־נער און אַן ערשטקלאַסיקער פאָליטיקער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע וואַל־קאַמפן, האָט ער זיך געפילט ראוי פאַר זיין שווערן אַמט.

מיט א רואיק האַרץ איז געשטאַנען מרדכי אויף דער שיף ווען זי האָט אַרויפגעצויגן דעם אַנקער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. רואיק, ז'ורך דעם צוטרוי וואָס ער האָט געהאַט צו זיך אַליין, — עס איז אים אַרויף אויפן געדאַנק, אַז ווען ער איז אַלט געווען א העלפט ווי איצט, האָט ער שוין געאַרבעט ביי דער רעגירונג און געקראָגן א באַנוס.

טעג זענען געווען שיינע, וואַרעמע, און טאָמער האָט די זון געגומען גיסן פייער האָט דער ים געבלאָזן דערויף מיט א ליבן ווינט, ווי דער מענטש, וואָס בלאָזט אויפן הייסן, און עס אָפגעקילט נאָך איידער עס האָט דערגרייכט די פאַסאַזשירן.

די „דזשאָעל באַרלאָו", א לאַנגע, שמאָלע שיף מיט צוויי קאַנאָ־נען, האָט געפירט א טראַנספּאָרט באַוול, פינף פאַסאַזשירן און א קאָ־מאַנדע פון זעכצן פאַרשוין. די שיף האָט געהאַט א דערלויבעניש צו באַ־פאָלן שיפן אינמיטן ים און זיי נעמען געפאַנגען.

פיר און דרייסיק טעג זענען זיי געווען אויפן וואַסער. זיי האָבן נישט

געהאַט קיין שטורעם. עס איז געווען צו שטיל דער ים, און זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין באַגעגעניש מיט אַ פיינט.

מיט קאַרגע דריי וואָכן פריער, ווען זיי זענען שוין געווען אַ צוויי וואָכן אויפן וואַסער, האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט פון גאַנץ ווייט אַ שיף, וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט זי קאָנען נעמען געפאַנגען.

ער האָט פאַרקירעוועט די שיף אין איר ריכטונג. נאָר ווען ער איז צוגעקומען אַביסל נענטער האָט ער דערזען, אַז דאָס איז גאָר אַן ענגלישע קריגס־שיף וואָס באַגלייט ענגלישע האַנדלס־שיפן.

עס האָט אים צוגעשפּילט דאָס מזל און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער נעץ. די שיף איז נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער ענגלישער קריגס־שיף.

ערשט ווען זיי זענען געווען זיכער, אַז די ענגלישע קריגס־שיף זעט זיי נישט האָבן זיי אָפּגעאָטעמט פרייער. אָבער נערוועז זענען זיי נאָך געווען אַ היפּשע צייט.

זיי האָבן אָבער כמעט שוין געהאַט פאַרגעסן זייער שרעק, ווען עס זענען אַריבער נייע דריי וואָכן, אָן דער מינדסטער אומאַנגענעמלעכקייט. האָבן זיי שוין באַלד געזען שפּאַניש לאַנד. זיי זענען געווען שוין נישט ווייט פון ציל. מאָרגן וועלן זיי שוין דערגרייכן יבשה, וווּ ער אַרויפגיין אויף לאַנד.

אַביסל אומגעדולדיק, מער ווי אַלע פיר און דרייסיק טעג און נעכט, מיט דער לעצטער נאַכט אויפן וואַסער, האָט מרדכי זיך געלייגט אין קאַיוטע, וואָס האָט געהאַט אָרט פאַר צוויי פּאַרשוין און אויפגעהאַלטן האָבן זיך דאָרטן פינף.

ער האָט קוים פאַרמאַכט די אויגן אין אָנגעהויבן איינדרימלען. אין אמתן איז מרדכי געווען זיכער, אַז ער האָט אפילו נישט געהאַט איינגעדרימלט — איז אַריינגעקומען צו אים די מוטער, זיין יונגע מוטער, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זי קוים געדענקט, אַ געזונטע, איידער זי האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין. זי איז אַריינגעקומען אַן ערנסטע, אַ פאַרזאָרגטע, געקוקט מיט ליבשאַפט אויף אים, אָבער גערעדט האָט זי צו אימיצן אַנדערש, נישט צו אים.

— גיב באַטש איצט אַכטונג אויף מיין קינד! — האָט זי געזאָגט צו אימיצן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט זען צו וועמען זי רעדט און ער האָט זיך אויפגעזעצט אין גרויס שרעק.

דער פאַטער איז געזעסן אין ווינקל אַ פאַרוואַקסענער, אַן אָפּגעלאָזענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מער האָט ער שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן אויף דעם געלעגער, ווו עס איז נישט געווען קיין אָרט זיך אויסצודרייען. עס האָט אים נישט געלאָזט רוען.

די מוטער איז אים געקומען וואָרענען, אַז ער איז אין סכנה. זי האָט אויך מיטגעבראַכט דעם פאַטער — אים, דעם אַנטלאָפענעם — ער זאָל איר העלפן באַשיצן אים.

מיט אומרו אין האַרץ איז ער אויפגעשטאַנען פריער פאַר אַלעמען. און ווי נאָר עס איז געוואָרן ליכטיק איז געקומען, ווי עס האָט זיך גע־דאַכט מרדכין, דער באַשייד פון זיין חלום: אַן ענגלישע שיף איז געגאַנגען צו זיי.

צוערשט האָט זיך באַוויזן אַ פּינטעלע. גאַנץ ווייט, ווו הימל און ים נעמען זיך אַרום און קושן זיך. וואָס פאַר אַ פּינטעלע איז דאָס? ס'איז נישט געווען קלאָר, צי דאָס פּינטעלע איז אַן אָפּשיין פונעם פּנים פון הימל אָדער פון דעם צעקנייטשטן געזיכט פון ים.

דאָס פּינטעלע איז אָבער געוואַקסן צוקוקנדיקערהייט. און מען האָט שוין געזען, אַז ס'איז אַ שיף.

ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו פּרובירן אַנטלויפן. די שיף איז געגאַנגען גלייך אויף זיי. זי איז צוגעפאָרן נאָענט, אַריינגעשאָסן אַ קויל אין די פאָדערשטע שטריק פון דער „דזשאָעל באַרלאָו", און דער ענגלישער שיפס־קאַפּיטאַן האָט צוגעשטעלט די טרובע צום מויל און אַריבערגעשריגן:

— ציט אַראָפּ די מינוט דעם פראַנט־זעגל!

דער קאַפּיטאַן פון דער אַמעריקאַנער שיף האָט נישט געקענט קלערן פון ווידערשטאַנד. מיט זיין קאָמאַנדע וואָס איז באַשטאַנען פון זעכצן מאַן און צוויי קאַנאָנען האָט ער נישט געהאַט דעם מינדסטן שאַנס אין אַ פאַרמעסט מיט דער גרויסער ענגלישער קריגס־שיף. די קריגסשיף איז געווען די „בריטאַן", איינע פון ענגלישן פלאַט, וואָס האָט געהאַלטן די בלאָקאַדע אויף פראַנקרייך.

האָט די אַמעריקאַנער שיף זיך אונטערגעגעבן און די ענגלענדער האָבן זי גענומען געפאַנגען.

ס'איז געווען דער פערטער יולי. די „דזשאָעל באַרלאָו" איז געווען דעקאָרירט. די פּאַסאַזשירן פון דער שיף־קאָמאַנדע האָבן זיך געגרייט צו פייערן דעם יום־טוב פון אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט. האָט זיי טאָפּלט

ווי געטון: די פארלוסט פון דער שיף און וואס זייער יום־טוב איז גע־וואָרן פארשטערט.

מרדכי האט נאך שארפער איינגעזען ווי גערעכט ער איז געווען אין זיין רוף צו מלחמה מיט ענגלאנד איבער אירע אנפאלן אויף אמעריקא־נער שיפן.

די איראניע! — האט ער זיך געטראכט, אין יום־טוב פון אמערי־קעס אומאפהענגיקייט־רוף איז די אמעריקאנער שיף געוואָרן געפאנגען פון די זעלבע ענגלענדער מיט וועמען די באפרייאונג־מלחמה איז געווען, און קענטיק, אז די מלחמה האט זיך נאך נישט געענדיקט. נישט זי האט זיך אנגעהויבן אויפסניי מיט א יאר צוריק, נאר זי האט זיך גארנישט געהאט געענדיקט.

דער ענגלישער שיפס־קאפיטאן האט אריבערגענומען די פאסאזשירן פון דער „דזשאָעל בארלאָו" צו זיך אויף דער „ברימאן" און ער האט זיי איבעראשט.

ער האט זיי געלאזט ארומגיין פריי נישט געשמידט אין קייטן, נישט איינגעזעצט. ער האט זיי נאר געוויזן, וואס פאר א פראכטפולע שיף עס איז די „בריטאן" און ער האט זיי מכבד געווען מיט וויין.

— צום אנדענק פון אייער באפרייאונג! — האט דער ענגלישער שיף־קאפיטאן געהויבן זיין גלאז וויין און געזאגט אין זיין טאסט: — איך וויל אייך נישט פארשטערן אייער יום־טוב פון פערטן יולי.

זיי האבן אויך געהאט מוזיק לכבוד דעם יום־טוב. דער קאפיטאן האט געהייסן דעם ארקעסטער שפילן יום־טובדיקע זאכן לכבוד די אמע־ריקאנער געסט.

די גאנצע פריינטלעכקייט איז מרדכין נישט איינגעגאנגען. ער האט נישט געוואָלט די מינדעסטע געפאנגנשאפט, אפילו נישט אזא פריינט־לעכע ווי ער האט דא געהאט.

מען האט זיי טראנספערירט פון איין שיף אויף דער אנדערער, ביז זיי זענען ענדלעך אנגעקומען קיין ענגלאנד און מען האט זיי געבראכט צום אויפזעער פון די קריגס־געפאנגענע.

מרדכים שרעק איז נישט געקומען. ער האט מורא געהאט, אז צו אים וועלן די ענגלענדער זיין באזונדערס שטרענג. ער האט דאך אזוי פייערדיק געקעמפט פאר קריג מיט ענגלאנד. איצט, ווען ס'איז שוין מל־חמה און זיי האבן אים אריינגעקראגן, ער איז דאך נאך אויך א קאנסול דערצו, וועלן זיי זיך אפרעכענען מיט אים.

אבער ענגלאנד האט זיך נישט נוקם געווען אן אים און האט אים

אפילו נישט איינגעזעצט. ער איז געווען פריי צו טון אַלץ, וואָס ער וויל ווי אַלע איינוווינער. נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן האָט ער זיך באַדאַרפט מעלדן אין דעם פרעמדן־ביוראָ.

פאַר איבעראַשונג, וואָס מען באַהאַנדלט אים אין פיינטלעכן לאַנד אַזוי פיין, האָט ער גאָר געבעטן מען זאָל אים דערלויבן אַרויסצופאָרן פון לאַנד.

— ניין, דאָס נישט — האָט ער געקראָגן אַן ענטפער. — ער מוז בלייבן. מעלדן זיך איין מאָל אין צוויי וואָכן און די צייט פאַרנוצן ווי ער פאַרשטייט.

מרדכי האָט זיך גענומען באַקענען מיט לאָנדאָן. ער איז געגאַנגען אין די ביבליאָטעקן, אין טעאַטער, אין געזעלשאַפטלעכע פּלעצער, אין קירכעס, אין שענקען. ער האָט געלערנט, שטודירט לאָנדאָן.

צומייסטנס איז ער געגאַנגען אַליין. איינמאָל האָט ער מיטגענומען אין טעאַטער איינעם פון זיינע מיטפּאַסאַזשירן אויף דער „דזשאָרדזש באַרלאָו", וואָס איז, ווי ער, געווען אַ קריגס־געפאַנגענער.

דאָס איז געווען אין „לייסעאום", אַ קליין טעאַטער. די גרויסע, ווי דער „קאָווענט גאַרדען", זענען געווען געשלאָסן אין די זומער־מאָנאַטן. איז דאָס „הויז" געווען כמעט פול.

דאָס פּובליקום איז געווען פאַרשידנאַרטיק. אַביסל רייכע לייט, אַ סך פּראָסטיטוטקעס און לעב־יונגען.

מרדכי מיט זיין פּאַסאַזשיר, אַ סוחר פון טשאַרלסטאָן, האָבן זיך געזעצט אין דער צווייטער רייע. עטלעכע פּלעצער אין דער ערשטער רייע זענען געווען ליידיק.

באַלד האָט מען צוגעפירט צו דער ערשטער רייע פיר מענער שוואַרצע, אָנגעטון שיין, עלעגאַנט און זיי האָבן פאַרנומען די ליידיקע ערטער. דער מיטבאַגלייטער זיינער, דער סוחר פון טשאַרלסטאָן האָט נישט געקענט איינזיצן רואיק. ער האָט זיך געדרייט, ווי ער וואָלט געווען פּלוצים געקראָגן שווערע קרעמפּן.

— עס טוט אייך עפּעס וויי, עלסטאָן? — האָט מרדכי געפרעגט.

— די חוצפּה! — האָט דער מאַן פון דער אַמעריקאַנער דרום־געגנט געבורטשעט. — אַוועקזעצן פאַר אונדז שמוציקע נעגערס!

מרדכין האָט עס אַ הויב געטון. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער מיטפּאַסאַזשיר זיינער רעדט אַזוי געמיין, און ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָבן די שוואַרצע געהערט די רייד און עס האָט זיי וויי געטון.

— שווייגט, עלסטאָן! — מיר זענען דאָ קאָאַפּערע געסט פון זיי —

האָט מרדכי אים געוואָרנט. — מיר זענען קריגס־געפאַנגענע און זיי זע־נען פרייע מענטשן.

— אַ נעגער איז נישט פריי! — האָט עלסטאַן אים אָפּגעהאַקט פאַר פאַרדראָס, וואָס מרדכי פאַרגלייכט אים מיט די שוואַרצע.

מרדכי האָט זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און ער האָט אים געגעבן אַ שניט צוריק.

— זאָגט נאָר, עלסטאַן, די פּראָסטיטוטקעס — און ער האָט פּאָרזיכ־טיק געוויזן אים אויף רייען גאַנצע — קוקט! דאָרט זעט מען בלויז פּראָס־טיטוטקעס. דאָס טעאַטער איז איצט גיכער אַ באָרדעל איידער אַ טעאַ־טער און עס אַרט אייך נישט.

— אַ פאַרגלייך! — האָט געקוקט אויף אים בייז דער שכן. — זיי זענען דאָך נישט קיין נעגערס, זיי זענען דאָך ווייסע!

— הייסט עס, עלסטאַן, אַז אייך זענען ליבער ווייסע פּראָסטיטוט־קעס ווי אָרנטלעכע שוואַרצע? — האָט מרדכי אים געשליידערט אין פּנים אַריין ברענענדיקע רייד.

דער רייכער עלסטאַן האָט אָבער גאָרנישט געשפּירט דעם ברי. ער האָט גיך געענטפערט:

— זיכער! זעלבסטפאַרשטענדלעך! וואָס איז דאָס גאָר פאַר אַ פראַ־גע?

די דיסקוסיע איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. מרדכי האָט נישט געהאַט קיין הנאה פון דער פאָרשטע־לונג. זיין שכנס רייד האָבן אים נישט געלאָזט רוען.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָט מרדכי זיך אָנגערופן:

— דאָס איז נישט מער ווי אַ בייזע געוווינהייט. ביי אונדז אין דרום האָט מען זיך צוגעוווינט צו קוקן אויף די שוואַרצע ווי אויף מינ־דערווערטיקע מענטשן. אָט זעט, עלסטאַן, די ענגלענדער קוקן אויף די שוואַרצע ווי אויף ווייסע. איר האָט געזען דעם רעספּעקט וואָס די שוואַר־צע האָבן דאָ היינט געקראָגן?

— איר רעדט נישט ווי איינער פון אונדז; איר זענט נישט קיין עכטער דרומדיקער, האָט איר אַזעלכע פאַלשע, פאַרדאָרבענע מיינונגען — האָט עלסטאַן גערעדט מיט אָנטריסטונג.

— אומגערעכט! עלסטאַן, איר זענט אומגערעכט! דאָס איז איינגע־וואָרצלטער פאָראורטייל, נישט מער. די ענגלענדער זענען פונדעסטוועגן נישט ווייניקער איידללייט פון אונדז, די דרומדיקע, און זיי קוקן אויף די שוואַרצע ווי אויף גלייכע מענטשן.

עלסטאָן האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער מרדכי האָט אים נישט געלאָזט איבעררייסן:

— לאָזט מיך אויסרעדן, עלסטאָן. הערט וואָס איך זאָג אייך! מיר אין דרום, וועלן מוזן געבן אַ גרעסערע מאָס גלייכהייט צו די שווארצע. עס וועט נישט טויגן אַנדערש. עס איז אַ בלבול, וואָס מען זאָגט, אַז די שווארצע זענען נישט קיין מענטשן מיט מענטשן גלייך! די שווארצע פירן זייערע מלוכות אַזוי קלוג און מאָראַליש ווי די ווייסע. נעמט הייטי פאַר אַ ביישפּיל. זייער אָנפירונג איז לויבנסווערט און באַווייזט, אַז זיי האָבן אַ געזונטן שכל, דעם געזונטן שכל, וואָס געוויסע שרייבער ווילן עס פאַרלייקענען.

— איר האָט אַלעמאָל אַזוי געדענקט — האָט עלסטאָן אים גע־פרעגט מיט אַ גיפטיקן טאָן — אָדער איר רעדט אַזוי איצט, ווייל איר וועט זיין אַ קאָנסול ביי די שווארצע?

ביי מרדכין אויף דער צונג איז געלעגן אַ שאַרפער ענטפער. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז דעמאָלט, ווען עלסטאָנס עלטער־זיידעס זענען נאָך ארומגעלאָפן ווילדע אין די אייראָפּעאישע וועלדער, האָבן די עלטער־זיידעס פון דעם פאָלק, וואו ער וועט זיין קאָנסול, שוין געהאַט אַ גרויסע, אַ מעכטיקע אימפּעריע. דעם גאַנצן ענטפער האָט ער אים אָבער נישט גע־געבן. ער האָט אים נישט געוואָלט צערייצן. האָט ער ארויסגעלאָזט דעם טייל ווערטער וועגן זיינע ווילדע עלטער־זיידעס. די אַנדערע העלפט וועגן די עלטער־זיידעס פון די טוניסער האָט ער אים יאָ געזאָגט.

דער דרומדיקער סוחר האָט ווייזט אויס, נישט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן דעם. איז דאָס געווען ביי אים אַ לעסטערונג פון דעם ווייסן מענטש, און ער איז אַוועק אַ בייזער פון מרדכין.

***

אומעטום, וווּ נאָר אַן אָרט פון אינטערעס, איז מרדכי געווען. צוויי פּלעצער האָבן אים אינטערעסירט מער פון אַלע אַנדערע אין לאָנדאָן. און ער איז געגאַנגען זיי זען צו עטלעכע מאָל.

דאָס איז געווען דער פּאַרט און די בערזע. אין פּאַרט האָט ער זיך צוגעקוקט ווי די ענגלענדער געווינען־צו יונגע יינגלעך צום ים־לעבן, צו אַרבעטן אויף שיפן. דעריבער איז ענגלאַנד די הערשערן פון די ימים, האָט מרדכי געטראַכט, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן אהיים, וועט ער אויפשטורעמען דאָס לאַנד פאַר אַ גרויסן פּלאַט.

צו דער בערזע איז ער אויך געגאַנגען מער ווי איינמאָל. די רייכע בערזע־לייט, די מעכטיקע פירשטן פון די פינאַנצן האָבן אים אינטערע־סירט. ביז לאָנדאָן האָט ער נישט געזען אַזעלכע מאַגנאַטן. זיי האָבן די וועלט אויף דער דלאָניע, האָט ער געטראַכט קוקנדיק אויף זיי.

ער האָט אָבער געהאַט נאָך אַן אורזאַך צו גיין צום פּאָרט און צו דער בערזע. עפּעס האָט אים געפירט אַהין. האָט ער אימיצן געוואָלט דאָרטן געפינען?

צו דער בערזע איז ער נישט געגאַנגען אַליין. אַן עלטערער מאַן, וועמען ער האָט געטראָפן אין שול, איז מיט אים מיטגעגאַנגען. דער ייד האָט געקענט האַלב לאָנדאָן און געוווּסט די נעמען פון אַלע בערזע־לייט.

מרדכי האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אַ פאַרווונדערטער. צו דער בערזע איז צוגעקומען אַ יונגער מענטש וואָס ער האָט געמוזט פאַררייסן דעם קאָפּ צו אים.

„העבער פאַר מיר?“ — האָט מרדכי זיך אַ כאַפּ געטאָן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם זעלטן־הויכן, מעכטיק געבויטן מאַן. — „ער איז, דאַכט זיך, אין מיינע יאָרן“.

ער האָט אָנגענומען דעם באַגלייטער פאַרן אָרעם, און איידער ער האָט נאָך אַ ווינק געטאָן, האָט יענער אים שוין געזאָגט:

— פון אונדזער שבט, אַ ספרדי. מאָזעס מאָנטעפיאָרע הייסט ער. ער איז זייער רייך, אַן אייגענער ביי די נאָבל־לייט. לאָמיר צוגיין צו אים. ער וועט זיין צופרידן צו זען אַ ספרדי פון אַמעריקע, אַ קאָנסול.

— בעסער נישט — האָט מרדכי געזאָגט. — איך בין אַ קריגס־געפאַנגענער. איך וויל אים נישט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט.

נאָר דאָ איז דער ענגלישער ספרדי, וואָס איז נאָך העבער פאַר אים, דעם ספרדי פון אַמעריקע, שוין באַלד געווען נעבן זיי פאַרבייגייענדיק. ער האָט געגריסט צו דעם עלטערן ייד, וואָס האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק וואָס צו טון מיט דעם אַמעריקאַנער. נאָר אַז דער ענגלענדער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, עפּעס געפרעגט דעם עלטערן ייד, איז שוין נישט געווען קיין אַנדער ברירה.

—מאָזעס, ס'אַ ספרדי פון איבערן ים פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ קאָנסול.

קיין רגע האָט נישט געדויערט די פאַרלעגנהייט. דער ענגלישער ספרדי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און מרדכי האָט זי אַריינגענומען — צוויי גרויסע הענט, אויסערגעוויינלעך גרויסע הענט, און זיי האָבן

זיך ארומגענומען מיט אזא ווארעמען פארטרויען. די הענט האבן זיך שוין דורכגערעדט.

—ווי לעבט זיך אונדזערע ברידער אין אייער לאנד? — האט דער ערשטער געפרעגט משה מאנטעפיארע.

ענטפערנדיק איז, דאכט זיך, מרדכי מיטאמאל אויסגעוואקסן מיט א קאפ העכער. ער איז געשטאנען איבער דעם ענגלישן ספרדי. דאס פנים האט ביי אים אויפגעלויכטן און ער האט געזאגט:

— יידן זענען פריי אין אונדזער געבענטשטער רעפובליק. גלייך מיט אלע איינוווינער.

מרדכים ליכטיקייט האט אפגעשלאגן אויף מאנטעפיארעס פנים, וואס האט אויך אנגעהויבן אויפצולייכטן.

באלד איז מאנטעפיארעס פנים געווארן פארכמורעט, און דער עלטערער ייד, וואס איז געווען פון פריער מיט מרדכין, האט א זיפץ געטון.

— ער איז אנטלאפן פון אונדז! — האט דער עלטערער אנגעוויזן מרדכין אויף א מאן, וואס איז געגאנגען מיט א יינגל. — ער וויל נישט געהערן צו דער שול מער, און דאס יינגל זיינס האט ער שוין געשמדט.

א ווייטיק איז מרדכין דורכגעלאפן איבערן גאנצן גוף. דאס ערשטע מאל האט ער געהערט, אז א פאטער זאל שמדן זיין קינד.

— ווער איז ער?

— אייזיק דיזראעלי.

— דער שרייבער? — האט מרדכי געפרעגט און געפילט ווי ער ווערט וויים.

— יא, יא, דער שרייבער אייזיק דיזראעלי. ער האט נישט ליב קיין יידן. איר האט געדארפט קענען זיין פאטער. געווען אן ארנטלעכער ייד, א פרומער. נעמט ער און שמדט אפ זיין יינגל. ער איז אויך א ספרדי.

— א שאד דאס יינגל — האט געזאגט אן אומעטיקער משה מאנטעפיארע. — ער וואלט געווען א ווילער ייד, האט ער אים געמאכט פאר א גוי.

— זיינע זיידעס האבן זיך קוים מיטן לעבן געראטעוועט אהער צו קאנען זיין יידן. נעמט ער און שמדט זיין יינגל — האט מרדכי גערעדט א באליידיקטער.

די מלחמה צווישןביידע לענדער איז גאר ווי קיינמאל נישט געווען. די דריי יידן, צוויי פון איין לאנד און איינער פון א צווייטן לאנד — זיי זעען זיך דאס ערשטע מאל — זענען זיי געשטאנען פארזונקען בשותפות אין איין צער, וואס א פערטער ייד האט געשמדט זיין קינד.

**
*

מרדכי האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון ענגלאַנד. ער האָט געכאַפּט די ערשטע שיף און געפאָרן קיין קאַדיז, שפּאַניע.

פון שיף איז ער געגאַנגען גלייך צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין קאַדיז און האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל גלייך אָנהויבן צו טון וועגן דער באַפרייאונג פון די געפאַנגענע מאַטראָזן אין אַלזשיר.

— מיר האָבן פאַרלוירן באַלד דריי מאָנאַטן — האָט מרדכי אים דערציילט. — אָנהויב יולי זענען מיר שוין דאָ געווען, האָבן די ענגלענדער אונדז גענומען געפאַנגען. אונדזערע מאַטראָזן ווערן געפּייניקט אין אַלזשיר. ווען נישט די ענגלענדער וואָלטן זיי שוין אפשר געווען פריי. איך מוז גלייך זיך נעמען דערצו. ווייסט איר פון אַ פּאַסנדן מענטש, וואָס זאָל פאַר מיר פירן די פאַרהאַנדלונגען מיט אַלזשיר?

— איך האָב אַזאַ מענטש — האָט געזאָגט דער קאָנסול און זיך געוווּנדערט, וואָס מרדכי וויל נישט פריער זיך אָפּרוען. ווען ווילט איר אים?

— די מינוט, אויב מעגלעך.

— איר זענט נישט מיד?

— די מאַטראָזן זענען ביי די פּיראַטן. יעדע מינוט איז אַ יאָר. מען מוז זיי ראַטעווען וואָס פריער.

דער קאָנסול האָט געשמייכלט.

— איר האָט נאָך אַ סך צייט. רוט זיך אויס פריער. זיי וועלן נישט אַזוי גיך אַרויס פריי.

— ניין, איך בין נישט מיד. קיין סעקונדע וויל איך נישט פאַרלירן.

דער מאַן, וואָס האָט געדאַרפט פירן די פאַרהאַנדלונגען איז אַריינגעקומען. קין, אַ געבוירענער אין אַמעריקע, וואָס האָט שוין יאָרן געוווינט אין שפּאַניע, איז שוין אפילו געוואָרן אַ שפּאַנישער בירגער, האָט זיך אונטערגענומען צו פירן די פאַרהאַנדלונגען.

— אַלזשיר טאָר נישט וויסן, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג גיט דאָס אויסלייזגעלט — האָט אים געזאָגט מרדכי. — עס הייסט, אַז די קרובים זייערע לייזן זיי אויס. אַנישט איז אפשר נישטאָ אַזויפיל געלט אויף דער וועלט וויפיל די באַנדיטן קאָנען זיך הייסן געבן.

— נאַטירלעך — האָט דער פאַרמיטלער צוגעשטימט, ניט רעדנדיק וועגן דעם מער קיין וואָרט.

ביי דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין קאַריז האָט מרדכי געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם פּאַרמיטלער, פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס:

„מרדכי נח, אַמעריקאַנער קאָנסול אין טוניס, די שטאָט און קעניג־רייך, באַפולמעכטיקט פון זיין רעגירונג לייגט פאַר דעם שפּאַנישן ביר־גער, דאָן ריקאַרדאָ קין אויסצוווירקן די באַפרייאונג פון געפאַנגענשאַפט אין אַלזשיר פון אַ צאָל בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיי צו ברענגען אויף אַ זיכער אָרט, זיי זאָלן זיך קאָנען אומקערן אַהיים, און קין נעמט אויף זיך דאָס דורכצופירן אויף די דאָזיקע באַדינגונגען:

„מרדכי נח זאָל געבן טויזנט דאָלאַר אָן אַדערויף קינען אויף אויס־גאָבן. אויב אים וועט נישט געלינגען צו באַפרייען די געפאַנגענע זאָל ער מער גאָרנישט קריגן. נאָר אויב ער וועט זיי יאָ באַפרייען, זאָל ער קריגן נאָך דריי טויזנט דאָלאַר אַלס באַלוינונג. און אויב עס וועט בלייבן געלט פון דער סומע, באַשטימט אויף דעם אויסלייז־געלט צו דריי טויזנט דאָלאַר פאַר אַ קאָפּ, זאָל ער עס אויך קריגן. מרדכי נח דאַרף אויך באַ־זאָרגן די הוצאות אויף צו ברענגען די געפאַנגענע אויף אַ זיכער אָרט“.

דאָס געלט האָט מרדכי נישט געהאַט ביי זיך. אין קאַריז האָט ער נישט געקאָנט עפענען קיין קרעדיט פאַר דער אונטערנעמונג, און ער האָט געמוזט פאָרן קיין גיבראַלטאַר, וווּ ער האָט איינגעאָרדנט דעם נויטיקן קרעדיט.

מאָנאַטן זענען אַריבער און מרדכי האָט נישט געהערט פון דעם פּאַרמיטלער. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, אומרואיק. ער האָט ענד־לעך געקראָגן אַ בריוו פון קינען. איבער אַ האַלב יאָר איז אַריבער.

ער האָט אים אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה: ער האָט גערעדט מיט דעם בעי (הערשער) פון אַלזשיר, און יענער האָט אים געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער געפאַנגענע וועט ער נישט באַפרייען פאַר קיין געלט אויף דער וועלט.

„אפילו נישט פאַר צוויי מיליאָן דאָלאַר“, האָט געזאָגט דער בעי פון אַלזשיר.

נאָר — האָט ער אים געלאָזט וויסן — דער ענגלישער קאָנסול העלפט אים, און דער הערשער פון אַלזשיר איז גרייט צו באַפרייען נאָר צוויי געפאַנגענע, איינעם פון סעילעם און איינעם פון ניו־יאָרק. פאַר דעם וויל ער פיר טויזנט דאָלאַר.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מען האָט געבראַכט קיין אַלזשיר נייע פיר געפאַנגענע. אויך מאַטראָזן. זיי זאָגן, אַז זיי זענען פון לואי־זיאַנע. זאָל ער די פיר אויסלייזן?

מרדכי האָט נישט געהאַט קיין אינסטרוקציעס פון וואַשינגטאָן וועגן די נייע געפאַנגענע. עס איז אויך געווען אַ מעגלעכקייט, אַז זיי זענען גאָר נישט געווען קיין אַמעריקאַנער, נאָר זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען אַמע־ריקאַנער צוליב פּערזענלעכע חשבונות.

זיי אויסלייזן, אויסגעבן געלט אויף זיי, געלט פון דער אַמעריקאַ־נער רעגירונג, האָט געמיינט פאַר מרדכין אַריבערטרעטן די גרענעצן פון זיין מאַכט, ער האָט אָבער געהייסן זיי אויסלייזן.

„אויב איך וועל מאַכן אַ טעות און איך וועל זיי אויסלייזן, איז אַלץ בעסער ווי נישט מאַכן קיין טעות און די באַנדיטן זאָלן זיי פאַרפּייניקן צום טויט".

מרדכי האָט זיך נאָך דערמאָנט, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין אַלזשיר, וואָס איז פון דאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דעם הערשער, האָט אויסגעגעבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר רעגירונגס־געלט אונטערצו־קויפן די באַנדיטן. ער פלעגט געבן דעם הערשער און זיינע מיניסטאָרן טייערע מתנות און גרויסע סומעס געלט; ער פלעגט צאָלן אַכציק דאָלאַר פאַר אַ טאַס טערקישער קאַווע. דאָס האָט מרדכין איינגאַנצן באַרואיקט. ער איז געווען זייער פּאַרזיכטיק אין אויסגעבן געלט. דאָס אויסלייז־געלט צוזאַמען מיט די אַלע הוצאות קיין אַמעריקע פאַר די זעקס געפאַנגענע האָט אָנגעטראָפן אַרום אַכצן טויזנט דאָלאַר. לויט די רויבערישע אומ־שטענדן אין יענע לענדער איז עס געווען אַ מציאה. דאָס געלט איז גע־נומען געוואָרן אין גיבראַלטאַר אויף זיינע טשעקן, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט שפּעטער געדאַרפט באַצאָלן.

ווען די געפאַנגענע זענען שוין געווען אויף דער שיף קיין אַמעריקע, איז מרדכי געפאָרן קיין טוניס צו פאַרנעמען זיין קאָנסול־אַמט. געפאָרן איז ער דורך פראַנקרייך.

ער האָט אָבער נישט געטאָרט פאָרן מיט ליידיקע הענט. ער האָט געמוזט מיטנעמען מתנות. דער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט האָט אים געהייסן אויסגעבן פיר טויזנט דאָלאַר אויף מתנות. האָט ער איינגעקויפט טייע־רע סחורות, צירונג, זייגערס, געווער און מיטגענומען דעם גרויסן טראַנס־פּאָרט צו פאַרטיילן צווישן די מאַכטהאָבער און געווינען זייער פריינט־שאַפט.

באַלד נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין טוניס און האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעפּאַקט די אַלע מתנות, איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. אויפן זעקסטן טאָג פון זיין אין טוניס איז דאָס געווען. די נאַכט פריער

איז געמאַכט געוואָרן אַ אַטענטאַט אויף דעם הערשער, און דער אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד האָט איבערגענומען די מאַכט.

מרדכי האָט זיך צומאָרגנס פאָרגעשטעלט פאַר דעם נייעם בעי. דורך זעקס טויערן, באַוואַכט פון יאַניטשאַרן און מאַמעלוקען, איז דער אַמע־ריקאַנער קאָנסול דורכגעגאַנגען. אַן עלטסטער פון דער וואַך האָט ביי דעם לעצטן טויער צוגענומען ביי אַבדאַלאַן, מרדכים איבערזעצער, זיין שווערדל. ער האָט געהאַט חשק צוצונעמען דעם קאָנסולס שווערד אויך, אָבער מרדכי האָט געהאַלטן די האַנט אויף דער שווערד, גרייט צו קעמפן פאַר זיין רעכט אַריינצוגיין באַוואָפנט. דער עלטסטער האָט דאָס באַ־מערקט און אים איבערגעלאָזט די שווערד.

אַרויסגעגאַנגען פון פאַלאַץ איז דער קאָנסול מרדכי אַן איין פאָרעם סחורה, און אַן דער לעצטער מטבע אין קעשענע. ווי די בינען האָט דער עולם פון פאַלאַץ אים אַרומגערינגלט, און מיט די אויגן און אפילו מיט די הענט געריסן פון אים די מתנות וואָס ער האָט געלאָזט ברענגען צו־טראָגן.

⁂

נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָנגעשטאָפּט די גזלנישע העלדזער פון די הויפּלייט און ער האָט זיך באַקענט מיט די קאָנסולן פון די אַנ־דערע לענדער, איז קאָנסול נח געגאַנגען באַקוקן די שטאָט.

פאָרנדיק אין זיין צוויי־רעדערדיק קאַטשל מיט דער אַמעריקאַנער פאָן פלאַטערנדיק, האָט ער געטראַכט, אַז דאָ איז אַמאָל געפאָרן האַני־באַל, דער סעמיטישער העלד; דאָ זענען געגאַנגען די זין פון גרגשי, וואָס האָבן איבערגעלאָזט דאָס לאַנד כנען פאַר די יידן, און זענען אַוועק קיין אַפריקע און אויפגעבויט קאַרטאַגע.

ער האָט נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד. ער איז נישט געגאַנגען אין שול. ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער מאַכמעדאַנישער הערשער און די קריסטלעכע קאָנסולן זאָלן רעדן וועגן זיין גלויבן, ווייל דאָס קאָן אפשר שטערן זיין טעטיקייט.

יעדן זונטיק, אַלס אַ קריסטלעכער יום־טוב, און אין אַלע קריסטלעכע באַגעס, האָט ער, ווי די אַנדערע קאָנסולן, אַרויסגעהאָנגען די אַמעריקאַנער פאָן. דער קאַטוילישער גלח פלעגט אַריינקומען אין קאָנסולאַט שפּריצן דאָס „הייליקע וואַסער" און אָפּריכטן אַ געבעט. אַ מאָנאַך, אַ באָרוועסער פראַנציסקאַנער, פלעגט קומען נאָך אַ נדבה, און קאָנסול נח האָט אים געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט.

אָבער ער איז נישט אָפּגעקומען מיט די קאַטוילישע גלחים אַליין. די גריכישע גלחים האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי ווי די רוימישע, האָבן זיי אויך אַ רעכט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט. פּלעגט דער גריכישער בישאָף אין פּאַלמען יום־טוב אים אַריינשיקן אַ פּאַלמע־צווייג און מרדכי האָט אים צוגעשיקט אַ שיינע נדבה.

אָן אויסנאַם זענען געווען די יידן. נישט די רבנים און נישט אַנ־דערע כלי־קודש און אויך נישט סתם אָרעמע לייט האָבן געבעטן געלט ביי דעם אַמעריקאַנער קאָנסול. זיי זענען גאָר נישט געקומען צו אים.

קאָנסול נח איז נישט געגאַנגען ספּעציעל צו די יידן. ער איז גע־גאַנגען זען די שולן פּונקט ווי ער איז געגאַנגען זען די מאַכמעדאַנישע מעטשעטן און די קריסטלעכע קירכעס.

ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן גלויבן פון די יידן. אָבער פּאַר מענטשן האָט עס געהייסן, אַז ער זוכט אינפאָרמאַציע וועגן די איינ־ווינער פון לאַנד. האָט ער געזוכט ידיעות וועגן אַלע איינוווינער, אָבער נאָר ווי אַ צודעק פּאַר זיין אויספאָרשונג וועגן יידן.

איז ער אין יידישע אינסטיטוציעס געווען לענגער ווי אין נישט־יידישע און ס'האָבן זיך געפונען יידן וואָס האָבן זיך גענומען היטן פּאַר אים.

— וואָס וויל דער ערל? ער קוקט צופיל אין אונדזער קהלשן טאָפּ — האָט אַ גבאי געזאָגט.

— אפשר האָט ער אַ שייכות מיט יידן? — האָט עמיצער אַריינגע־וואָרפן אַ געדאַנק.

צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געוווינט אין טוניס. די גרעסטע צאָל איז באַשטאַנען פון אָרעמעלייט. אַ סך האָבן מיט נסים דורכגעלעבט דעם טאָג. זיי האָבן געוווינט אין לעכער, אין קליינע ליימענע שטייגן, אַביסל העכער פון דער ערד.

טוניס האָט אָבער געהאַט רייכע יידן אויך. זיי האָבן געהאַלטן דעם האַנדל פון לאַנד אין זייערע הענט. אין הערשערס הויף זענען זיי געווען איינפלוסרייך. צווישן די ראַטגעבער פון בעי האָבן זיך געפונען אַ סך יידן.

באַלד ווי ער איז אָנגעקומען, האָט ער געזען, אַז די רייכע יידן האָבן מאַכט אין טוניס. מיטן כח פון געלט קויפן זיי זיך שוץ. און מען האָט אים דערציילט פון אַ פאַל מיט אַן אַמעריקאַנער קאָנסול און אַ טוניסער ייד, וואָס האָט אים ערשט רעכט באַוויזן די מאַכט פון די רייכע יידן. מיט אַ שטיקל צייט פריער איידער מרדכי איז געקומען קיין טוניס

האָט אַן אַמעריקאַנער קאָנסול זיך צעקריגט מיט אַ ייד אין אַ באַזאַר. דער קאָנסול האָט דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ דעם ייד און אים אומגעוואָרפן, איז דער ייד אַוועק צום בעי און זיך באַקלאָגט אויף דעם קאָנסול.

דער בעי האָט באַפוילן דעם קאָנסול צו אַנטשולדיקן זיך פאַר דעם ייד און אים געבן אַ קוש. דער קאָנסול האָט געפאָלגט. ער האָט איבערגעבעטן דעם טוניסער ייד און אים געגעבן אַ קוש.

די, וואָס האָבן דערציילט די געשיכטע מרדכין, האָבן געלאַכט אויף דער מפלה פון דעם שלעגער און אָנגעוויזן אויף דעם איינפלוס פון יידן אין בעיס הויף.

קאָנסול נח האָט נישט געלאַכט. אפילו נישט געשמייכלט. ער האָט נאָר באַמערקט:

— אַלץ איז גוט. מיר געפעלט נאָר נישט, וואָס דער ייד האָט זיך געלאָזט געבן פון אים אַ קוש.

עס איז דאָרט געווען נאָך אַ קלאַס יידן, וואָס איז געשטאַנען צווישן די אָרעמע און די רייכע — די בעלי־מלאכות. זיי האָבן געאַרבעט שווער, זיי האָבן אָבער געהאַט פרנסה.

מרדכין איז אויסגעקומען מערסטנס צו טרעפן זיך מיט די רייכע יידן, די פירער פון טוניסער האַנדל און דעם הערשערס ראַטגעבער. ער האָט פון זיי נישט געהאַט קיין הנאה. זיי האָבן געמאַכט אויף אים אַ שווערן איינדרוק. ער האָט געזוכט צו פאַרענטפערן זייערע חסרונות דערמיט, וואָס דער גלות האָט געווירקט אויף זיי צום שלעכטן. אָן געלט איז דער ייד געווען הילפלאָז, האָט ער געמוזט זוכן צו האָבן געלט. זייערע מעטאָדן אין האַנדל און זייער חוצפהדיקע פירונג האָבן אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זיי. ער האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט דרוקן, עס זאָל נישט טאָן שאָדן די אומשולדיקע יידן, די בעל־מלאכות און די אָרעמע.

אין טוניס זענען דעמאָלט געווען צוויי סאָרטן יידן; די אַלטגעזעסענע טוניסער און איטאַליענישע. די איטאַליענישע יידן זענען שוין געגאַנגען געקליידט ווי די אייראָפּעאישע קריסטן. אָבער די טוניסער, מיט זייער גאַנצער מאַכט, האָבן געליטן פון אַ סך גזירות. די מענער האָבן נאָר געמעגט גיין אָנגעטון אין אַ בלויען כאַלאַט, אַן אַ קאָלנער און אָן אַרבל. זיי זענען געגאַנגען אין שוואַרצע פּאַנטאָפל, קליינע, שוואַרצע יאַרמולקעס אויף די אָפּגעגאָלטע קעפּ, אַרומגעבונדן מיט אַ בלוי זיידן טיכל.

בלויז די פארב איז געווען דערלויבט די יידישע מענער און זייערע ברייטע הויזן האבן אויך געמוזט זיין פון זעלביקן קאליר.

א שטיק צייט איז מרדכי געווען אין טוניס און ער האט נישט געזען דאס פנים פון א יידישער פרוי. אויף דער גאס זענען די יידישע פרויען נישט געגאנגען ס'פנים אפגעדעקט. די גאמבע, ס'מויל איז געווען ביי זיי פארדעקט מיט שווארצער קרעפע. די מערסטע יידישע פרויען זענען געווען פעט, צעגאסן.

— אבדאלא, אלע יידישע פרויען זענען פעט? — האט מרדכי געפרעגט זיין דראגאמאן (איבערזעצער) — נישטא גאר נישט קיין פעטע?

—עקסעלענץ — האט אבדאלא זיך פארבויגן — איבער אלאס חסד זענען זיי פעט. ווי איז צו די, וואס אלא האט זיי פארשאלטן צו זיין דאר.

— כ'וויס, אין די היגע מקומות שיין צו זיין, מיינט צו זיין פעט.

— האט צוגעגעבן מרדכי — יא, ווען זעט מען א יידישע פרוי אן דעם שלייער?

— אין שטוב און אויפן בית־עולם, עקסעלענץ. אלע פרייטיק גייען די יידישע פרויען אויפן בית־עולם.

פרייטיק, א שעה פאר מיטאג, איז מרדכי אוועק צום בית־עולם.

מחנות ווייבער זענען געווען צעשאטן איבערן בית־עולם, אריבערגעבויגן איבער די קברים. נייע מחנות פרויען האבן געצויגן פון אלע זייטן צום בית־עולם.

עס זענען געגאנגען ווייבער אין געל־פאפעלאטע הויזן און זיידענע קאפ־טיכלעך, און מיידלעך מיט דריי־גארנדיקע קוקסן, דורכגעפלאכטן מיט פארשידנפארביקע בענדער. אויף די פיס האבן זיי נישט געהאט קיין זאקן, נאר סאנדאלן מיט זילבערנע רינגען ארום די קנעכל.

זיי האבן געטראגן ערדענע קרוגן מיט קאלך און פענדזלען.

עטלעכע ווייבער האבן זיך אויסגעצויגן אויף די קברים; די יינגערע האבן זיך אוועקגעזעצט און עס האבן זיך געטראגן געשרייען, געוויינען.

— זיי רעדן אראפ די הערצער פאר זייערע קרובים, עקסעלענץ — האט געזאגט אבדאלא — זיי זאגן די טויטע, זיי זאלן לויפן צו אלאן בעטן פאר זיי.

די יידן פון דער גאנצער וועלט זענען איין פאלק, האט געטראכט מרדכי, אין אמעריקא און אין טוניס, ווי אומעטום, די זעלבע זיטן, די אייגענע מנהגים. אויפן פילאדעלפיער בית־עולם וויינען אויס יידישע ווייבער די הערצער, און אויפן בית־עולם אין טוניס אויך דאס אייגענע.

ער האָט זיי נישט פאַראינטערעסירט. זיי זענען געווען אַריינגעטאָן אין שמועס מיט זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים. ער איז אויך נישט געווען דער איינציקער מאַנסביל אויפן בית־עולם. אַ סך מאַנסבילן פלעגן קומען זען די ווייבער אויפן בית־עולם.

אויסגעוויינט זיך, האָבן די ווייבער איינגעטונקט די פענדזלען אין קאַלך און אָפּגעווייסט די מצבות, געשמירט דעם קאַלך און געמורמלט אַ תפילה.

אַ סך שיינע פּנימער האָט מרדכי דערזען און ער האָט געקלערט: אַז ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי פעט, וואָלטן זיי געהאַט אַ סך שיינקייטן.

**
*

קאָנסול נח האָט געלערנט דרך־ארץ דעם הערשער פון טוניס. ביז אים האָבן די הערשער פון טוניס זיך דערלויבט צו טון מיט די קאָנסולן פון אַלע לענדער, וואָס זיי האָבן געוואָלט. די קאָנסולן האָבן אַראָפּגעשלונגען אַ סך פאַרדראָסן און זעלטן געלאָזט וויסן זייערע רעגירונגען. יעדער קאָנסול האָט געוואָלט זיך אויסצייכענען, ווייזן זיין רעגירונג, אַז ער טוט אויף גרויסע זאַכן און אַז ער ווייסט ווי אומצוגיין מיט פרעמדע הערשער. האָבן די קאָנסולן דעריבער בעסער געוואָלט אויספירן אַ סך זאַכן מיט דער הילף פון אונטערקויף־געלט, מיט מתנות איידער מיט פאָדערן גערעכטיקייט.

מרדכי איז געווען ציטערדיק איבער דעם כבוד פון די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין אַגיטאַציע קעגן ענגלאַנד איז דאָך אויך געווען נאָר איבער איר טרעטן אויף די אַמעריקאַנער רעכט. זאָל ער לאָזן אַ באַנדיט, וואָס רופט זיך הערשער, יאָ טרעטן אויף די רעכט פון זיין פאָלק? ער וועט קיינעם נישט לאָזן האָבן חוצפה קעגן אַמעריקע.

די ערשטע געלעגנהייט איז געקומען גיך:

אַן אַמעריקאַנער שיף האָט פאַרכאַפּט אַן ענגלישע שיף, וואָס האָט געפירט אַ גרויסן טראַנספּאָרט סחורות פון ליווערפּול קיין סיציליע, און האָט זי אַריינגעפירט אין פּאָרט פון טוניס.

ווען דער אַמעריקאַנער שיף־קאַפּיטאַן האָט געוואָלט פאַרקויפן די איבערגעכאַפּטע סחורות, האָט זיך דאַן אַריינגעמישט דער ענגלישער קאָנסול. ער איז אַוועק צום הערשער און אים געזאָגט, אַז לויט דעם אָפּמאַך פון טוניס מיט ענגלאַנד, טאָר דער אַמעריקאַנער נישט פאַרקויפן

די סחורה, מען מעג אריינפירן קיין טוניס פאַרכאַפּטע ענגלישע סחורות, אָבער פאַרקויפן טאָר מען זיי נישט.

קאָנסול נח האָט איבערגעלייענט דעם ענגליש־טוניסער אָפּמאַך און ער האָט געזאָגט דעם בעי, אַז די דאָזיקע סחורות מעגן יאָ פאַרקויפט ווערן אין טוניס.

— אין אָפּמאַך איז פאַרשריבן — אַז קיין מלוכה פון אייראָפּע, וואָס באַטייליקט זיך אין קריג, טאָר נישט פאַרקויפן פאַרכאַפּטע ענגלישע סחורות אין טוניס. די פאַראייניקטע שטאַטן קומט נישט אַרונטער אונטער דעם דאָזיקן פּונקט; זי באַטייליקט זיך נישט אין אייראָפּעאישן קריג.

דאָס האָט צוגעגעבן דער בעי. ער האָט אָבער געשטעלט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין אַ פאַרלעגנהייט מיט אַ שאַרפער פראַגע:

— אין קיין לאַנד אין אייראָפּע וואָלט איר נישט געקאָנט פאַרקויפן די סחורות, ניין? אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר אַזאַ פּריווילעגיע, וואָס קיין אַנדער לאַנד אין אייראָפּע גיט אייך נישט?

מרדכי איז געוואָרן געפּלעפט. ער האָט זיך אָבער באַלד געפונען. ער האָט אים געגעבן אַ שאַרפן ענטפער:

— יעדע מלוכה האָט געקראָגן גוט באַצאָלט פון ענגלאַנד פאַר נישט לאָזן פאַרקויפן פאַרכאַפּטע ענגלישע סחורות. דער בעי פון טוניס האָט אָבער פאַר דעם נישט געקראָגן קיין געצאָלט.

מער האָט ער נישט געדאַרפט. דער בעי האָט זיך באַלד אָנגעצונדן:

— וואָס? די ענגלענדער האָבן באַצאָלט די אַנדערע מלוכות פאַר דער פּריווילעגיע, און ביי מיר האָבן זיי אויסגענאַרט בחינם? מיך, דעם גרויסן הערשער, דעם באַרימטן מלך, האָבן זיי אַזוי באַשווינדלט? קאָנסול נח, איר קריגט מיין דערלויבעניש צו פאַרקויפן אַלע פאַרכאַפּטע ענגלישע סחורות.

דעם ערשטן זיג האָט קאָנסול נח געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין שאַרפן קאָפּ. מיט איין פראַגע האָט ער געוווּנען דעם בעי אויף זיין זייט. שפּעטער איז אים אָבער אויסגעקומען צו באַשטיין אויף זיינע פאָדערונגען שטיצנדיק זיך אויף מאַכט.

די היץ פון זיין שמועס מיט דעם בעי איז נאָך נישט געווען אויסגעוועפּט. פאַרע־פלעקן האָבן נאָך געהאָנגען אויף דער לופטן. האָט דער בעי זיך דערוווּסט, אַז דער סאַפּאַטאַפּאַ, זיין הויפּט־מיניסטער, גרייט צו אַן אויפשטאַנד קעגן אים. דער הויפּט־מיניסטער האָט ערשט נישט־לאַנג אים געהאָלפן הרגענען דעם פריערדיקן הערשער און פאַרנעמען דעם טראָן. איצט האָט ער געגרייט אַן אַטענטאַט אויף אים.

קאָנסול נח איז געווען אין פּאַלאַץ; ער האָט גערעדט מיט דעם בעי. דער הויפּט־מיניסטער, אַ הויכער בערבער, מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט זיך באַטייליקט אין שמועס.

אומגעמאַלדן איז אַריין אַ מיטליעריקער מאַן. ער האָט זיך פאַר־נייגט ביז צו דער ערד און אַזוי דערנענטערט זיך ביז צום הערשער, וואָס איז געזעסן האַלב־ליגנדיק אויף אַ נידעריקער קאַנאַפּע, באַוואָרפן מיט קישנס, און יענער האָט אים עפּעס איינגערוימט אויפן אויער.

דער בעי האָט זיך געגעבן אַ ריס: ער האָט אָפּגעמאָסטן אים מיט אויפגעריסענע אויגן. יענער האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק.

האָט דער בעי זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען רואיק צו זיין הויפּט־מיניסטער, געשמייכלט צו אים און אים אַ כאַפּ געטון מיט דער לינקער האַנט פאַר דער באָרד, ווי ער וואָלט אים געוואָלט געבן אַ קוש אין מויל אַריין.

אין זיין צווייטער האַנט האָט אַ בליאַסק געטון אַ לאַנגער מעסער. ער האָט ווי אַ פאַרטוך פאַרשאַרצט דעם הויפּט־מיניסטערס באָרד און אים דורכגעשניטן דעם האַלדז.

אַ פאַרגאָסענער מיט בלוט האָט ער אַ שליידער געטון דעם הויפּט־מיניסטער, וועלכער האָט נאָך געזשיפּעט, געקייקלט אים מיטן פוס ווי אַ נבלה און אַ זאָג געטון:

— אַזוי! האָסט מיך געוואָלט דערמאָרדן!

— שלעפּט אים איבער די גאַסן פון שטאָט! — האָט ער באַפוילן דעם הויפּט־קאָמענדאַנט.

צוגעבונדן צו דעם עק פון אַ פערד, האָבן זיי געשלעפּט דעם הרוג איבער די גאַסן פון טוניס, און אַ גרויסער עולם איז נאָכגעלאָפן מיט גע־שרייען פון פרייד, וואָס זיי האָבן דערלעבט נקמה אין דעם גרויזאַמען הויפּט־מיניסטער.

עטלעכע טעג האָט מרדכי נישט געקאָנט נעמען קיין שפּייז אין מויל אַריין. עס האָט אים געשלאָגן אַן איבל פון דער שרעקלעכער סצענע. אַלץ אין אים האָט זיך איבערגעקערט.

די אַמעריקאַנער שיף, וואָס האָט אין אָנהויב געפאַנגען אַן ענגלישע שיף, האָט ווידער געפאַנגען צוויי ענגלישע שיפן און זיי אַריינגעפירט אין דעם טוניסער האַפן. האָט אָבער אין האַפן זיך אַריינגעריסן אַן ענגלי־שע קריגס־שיף און האָט אַרויסגעפירט די געפאַנגענע שיפן און איז מיט זיי אַוועק קיין מאַלטאַ. די אַמעריקאַנער שיף איז דעמאָלט געווען ווייט פון פּאָרט.

שולדיק איז דאָ געווען די טוניסער רעגירונג, וואָס זי האָט אַריינגעלאָזט די ענגלישע קריגס־שיף, און נישט געשטערט איר אַרויסצופירן די געפאַנגענע שיפן, וואָס זענען פּאַרטרויט געוואָרן איר האַפן.

קאָנסול נח האָט גלייך דערלאַנגט אַ פּראָטעסט דעם נייעם סאַפּאַ־טאַפּאַ. טוניס האָט געבראָכן איר אָפּמאַך מיט די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסול געזאָגט אין פּראָטעסט, אָפּצוהיטן אַמעריקאַנער אייגנטום, די רעגירונג דאַרף באַצאָלן פֿאַר דעם שאָדן.

מרדכי האָט גלייך דערהאַלטן אַן ענטפֿער. דער סאַפּאַטאַפּאַ האָט אויסגעדריקט באַדויערן, וואָס עס איז געטון געוואָרן שאָדן צו אַמעריקאַנער בירגער. ער האָט אָבער געלייקנט, אַז טוניס איז פֿאַרפּליכטעט אומצוקערן דעם שאָדן.

דער הויפּט־מיניסטער האָט געמאַכט ס׳געלעכטער פֿון דער פֿאָדערונג.

— אַלעמאָל צאָלט אַמעריקע אונדז געלט — האָט דער הויפּט־מיניסטער געזאָגט — אַז מיר זאָלן זיין פֿריינטלעך צו אייך. וואָס האָט דען פּאַסירט, עס זאָל ווערן פֿאַרקערט? טוניס זאָל גאָר צאָלן געלט אַמעריקע?

זעקס און פֿערציק טויזנט דאָלאַר האָט געמאָנט מרדכי פֿון דער טוניסער רעגירונג פֿאַר די פֿאַרלוירענע צוויי שיפֿן. טוניס האָט נישט געוואָלט באַצאָלן. האָט מרדכי געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו קאָנען איינמאָנען דאָס געלט.

***

קאָנסול נח האָט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט געגעבן אַ באַל אין טאָג פֿון וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג. צווישן די געסט זענען געווען אַלע קאָנסולן, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, דעם בעיס ראַטגעבער און די גרעסטע מאַגנאַטן פֿון דער הויפּטשטאָט.

די צאָל פֿון יידישע געסט אויף דעם באַל איז געווען נישט קליין. זיי זענען געווען צווישן דעם בעיס ראַטגעבער און די מאַגנאַטן. אַלע זענען געקומען מיט זייערע פֿרויען.

מרדכי נח האָט נישט הנאה געהאַט פֿון די יידישע געסט זיינע. די רייכע מענער מיט זייערע פֿעטע ווייבער. זייערע אָנגענעמע פּנימער מיט די שיינע אויגן וואָלטן געווען צוציענד, ווען נישט די ברייטע, גיגאַנטישע פֿעדעסטאַלן זייערע, די ריזיק־פֿעטע קערפּערס.

די הענט מיט די נעגל און די ברעמען האָבן זיי געפֿאַרבט שטאַרק

ברוין. צו דעם זענען זיי געווען אנגעטון געשמאקלאז און פון קאפ ביז די פיס באהאנגען מיט צירונג.

דער באל איז געווען א פריילעכער. אלע האבן זייער גוט פארבראכט. א סך קלוגע רייד, הומאריסטישע אנעקדאטן האט מען זיך דערציילט. נאר שטילערהייט האט איינער נישט פארגונען דעם צווייטן, גערעדט איינס אויף דעם אנדערן אין אויער פון א דריטן.

מרדכין האט נישט געשמעקט, וואס די יידישע געסט האבן מער און שארפער גערעדט איינס אויף דעם אנדערן ווי די נישט־יידן. די אפריקאנער האבן גענוג גיפט געהאט איינער פארן אנדערן. עס האט אויך נישט געפעלט קיין סם ביי די קאנסולן. זייערע צונגען האבן געשעפט גיפט טורנענוויז. די יידישע ראטגעבער פון דעם בעי און די גרויסע סוחרים האבן אלעמען איבערגעשטיגן. זיי האבן געוואלט מאכן צו אש די אנדערע ביי דעם אמעריקאנער קאנסול אין די אויגן.

— ראכמאן מאכט נאר אן אנשטעל — האט איינער געוויזן אויף א צווייטן איינרוימענדיק. — ער פארמאגט נישט קיין צענטל פון דעם אנשטעל, וואס ער מאכט.

— ניסים איז א קארגער כלב — האט מען אים אריינגערעדט אן אנדער נוסח. — ער איז רייך ווי קורח, ער קויפט אבער נישט קיין צירונג, ווייל ער וויל נישט צאלן דעם צירונג־שטייער פאר דער געמיינדע.

עס איז נישט אויסגעלאזט געווארן קיין סארט רכילות אויף יענעם באל, וועגן פארמעגן און וועגן פאמיליען־לעבן. אלע האבן זייערע בייזע צונגען ווי קראנען באשפריצט און באגאסן.

דער עסטרייכישער קאנסול האט געוואלט א בים טון די יידן, האט ער זיך געווענדט צו א יידישן מאגנאט מיט א פראגע:

— איז דאס אמת, אז איר, יידן, אין טונים גלויבט, אז אייערע פרויען זענען באשעפענישן אן נשמות? איר לאזט אריין די פרויען אין שול נאר בלויז איין מאל אין יאר, און די פרויען טארן אויך נישט מקיים זיין דאס געבאט פון מל זיין?

דער יידישער מאגנאט איז נישט געווען דער איינציקער. זיינע קאלעגן זענען צוגעשטאנען צו אים אין דעם ענטפער, וואס דער עסטרייכישער קאנסול האט געקראגן. זיי האבן שארף אפגעלייקנט זיינע באשולדיקונגען. אלע האבן אויסגעלאכט זיינע רייד. די פרויען האבן א נשמה און זיי גייען אין שול אריין אלע טאג, האבן זיי געזאגט. וועגן דער דריטער פראגע האבן זיי געשוויגן. האט זיך אריינגעמישט דער אמעריקאנער קאנסול:

— איר זענט גערעכט — האָט ער געזאָגט צום עסטרייכישן קאָנ־סול. — די פרויען זענען נישט מקיים דאָס געבאָט פון מל זיין, סיידן איר וועט אַנטדעקן אַ פּאַרטל זיי זאָלן דאָס יאָ קאָנען.

אַ געלעכטער האָט זיך צעשאָטן צווישן די געסט. דער עסטרייכער האָט דערשפּירט דעם שטאָך, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנסול נעמט זיך אָן פאַר יידן.

און ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— איר מעגט דאָך האָבן אַ סך ווייבער? — האָט ער געשיקט אַ פראַגע צו אַ גרופּע יידישע געסט.

— אמת, מיר מעגן — האָט אים געענטפערט אַ ייד — פונדעסט־וועגן וועט איר נישט געפינען אין גאַנץ טוניס מער ווי איין ייד, וואָס האָט צוויי ווייבער. צווישן צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס מעגן נעמען צו עטלעכע ווייבער, נאָר איינער. און איר, קריסטן, איר טאָרט נישט האָבן מער ווי איין ווייב און אַ סך פון אייך האָבן הארעמס. נישט אין איין אָרט. צעזייט און צעשפּרייט איבער דער שטאָט, אויפן דאָרף. ווען איר וואָלט זיי צוזאַמענגענומען, וואָלט איר געהאַט גאַנצע הארעמס.

דער עסטרייכער האָט שוין געשוויגן. ווען אים איז עס געווען אַ באַקאַנטע זאַך. האָט ער שוין געלאָזט צורו די יידן.

מרדכי האָט אַ טראַכט געטון, אַז ווי עס קומט צו יידן, איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן די ווילדע פּיראַטן און דעם ציוויליזירטן עסטריי־כישן קאָנסול.

***

אָפּגעגאָסן מיט שווייס פון דער פאַליענדער זון און פון לויפן, איז אַריינגעפאַלן אַ מאַן אין דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט, געוואָרפן זיך צום קאָנסולס פיס מיט אַ געשריי:

— עקסעלענץ, ראַטעוועט! ראַטעוועט מיך פון טויט!

— שטעלט זיך אויף — האָט געזאָגט מרדכי, העלפנדיק אים אויפ־הייבן זיך. — איך וועל אייך העלפן.

— איך בין קוראדי, אַן איטאַליענער — האָט דער מאַן גערעדט און מיט שרעק און געבעט געגלאָצט אויפן קאָנסול — אַ סוחר. מיינע טשעקן אויף צוואַנציק טויזנט פּיאַסטערס זענען צוריקגעקומען. ווילן מיינע קרע־דיטאָרן נישט וואַרטן ביז איך וועל מיר שאַפן געלט, נאָר זיי ווילן מיך פאַרשפּאַרן אין געפענגעניש. זיי ווילן מיך רואינירן, די בלוטזויגערס. פון

געפענגעניש וועל איך שוין נישט ארויסקומען א לעבעדיקער און זיי וועלן זיך צונעמען מיין פארמעגן, וואס איז מער ווי טאפּלט ווי איך בין זיי שולדיק.

דער איטאליענער האט זיך געצלמט, געשווירן, אז ער איז נישט קיין שווינדלער. ער האט פון קיינעם נישט באהאלטן קיין פיאסטער. די באנק האט נישט אויסגעצאלט זיינע טשעקן, אבער ער ווייסט נישט פארוואס. זאל מען אים דא לאזן שאפן געלט, וועט ער באצאלן דעם גאנצן חוב.

— עקסעלענץ, נעמט מיך אונטער אייער שוץ, אונטערן שוץ פון אמעריקאנער פאן — האט דער איטאליענער זיך געבעטן, — לאזט נישט אומברענגען אן אומשולדיקן מאן.

— איר האט די שוץ פון אמעריקאנער פאן — האט מרדכי אים געזאגט גלייך — אונדזער פאן שיצט אלע פארפאלגטע, וואס זוכן ביי איר שוץ.

דער איטאליענער איז געבליבן אין קאנסולאט.

צומארגנס האט קאנסול נח דערהאלטן א פאדערונג פון דעם בעי ארויסצוגעבן דעם אנטלאפענעם בעל־חוב.

ערשט איצט האט מרדכי דערזען פאר זיך א געלעגנהייט צו געבן א לעקציע אין רעספעקט פאר דער אמעריקאנער פאן דעם בעי און טאקע ראטעווען א הילפלאזן מענטש פון זיינע גרויזאמע קרעדיטארן.

אויף דער פאדערונג פון דעם בעי האט מרדכי געשיקט דעם דאזיקן ענטפער:

„אן אמעריקאנער קאנסול גיט נישט ארויס די, וואס קומען זוכן שוץ אונטער דער אמעריקאנער פאן. די קרעדיטארן קאנען קומען אין קאנסולאט און זיך אויסגלייכן מיט דעם בעל־חוב“.

עטלעכע טעג האבן געדויערט די פארהאנדלונגען. דער בעי האט יעדן טאג צוגעשיקט א נייע פאדערונג און דער אמעריקאנער קאנסול האט געענטפערט, אז ער וועט אים נישט ארויסגעבן.

אויפן זעקסטן טאג איז געקומען פון בעים הויף מרדכים איבערזעצער מיט א בייזער בשורה:

— עקסעלענץ, דער בעי האט מיר געזאגט, אז ער וועט גלייך צו־שיקן צוואנציק מאמעלוקן און זיי וועלן צערייסן די אמעריקאנער קריסטן אויף שטיקער, אויב איר גיט נישט ארויס אים גלייך דעם אנטלאפענעם.

— ער וויל קריג? — האט געזאגט מרדכי. — זאל ער נאר וואגן צו באפאלן דעם קאנסולאט!

מרדכי האָט געהאַט דינער, געווער, האָט ער אַלעמען באַוואָפנט, אַרויסגעצויגן די אַמעריקאַנער פאָן און פאַרשלאָסן דעם טויער. ער האָט געוואַרט גרייט צו שיסן אויף די מאַמעלוקן.

דער איטאַליענער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז צוליב אים זאָל דער גוטער אַמעריקאַנער קאָנסול האָבן אַ שלאַכט מיטן בעיס ווילדע סאָלדאַטן, און אפשר וועט נאָך טרעפן אים אַ קויל. האָט ער געבעטן מרדכין, ער זאָל אים פירן אין דעם בעיס פּאַלאַץ, וועט ער פאַרלייגן זיינע טענות פאַר דעם בעי, איז ער זיכער, אַז דער הערשער וועט אויף אים רחמנות האָבן און נישט לאָזן אים פאַרשפּאַרן אין גע־פענגעניש.

האָט מרדכי אים צוליב געטון און אים אַוועקגעפירט אין בעיס פּאַלאַץ. אָבער איידער דער איטאַליענער האָט פאָרגעלייגט זיינע טענות, האָט קאָנסול נח געפאָדערט אַ דערקלערונג פון דעם בעי פאַר זיין דראָ־אונג צו שיקן מאַמעלוקן צו אַטאַקירן דעם קאָנסולאַט.

דער בעי איז געוואָרן כלומרשט איבערראַשט צו הערן אַזאַ בלבול אויף אים. עס איז אים גאָר אויפן געדאַנק נישט געקומען צו טון אַזאַ זאַך. ווער האָט געקאָנט אויסטראַכטן אַזאַ בלבול?

— אַבדאַלאַ! — האָט דער בעי געגעבן אַ געשריי, — האָב איך דיר ווען געזאָגט אַזאַ זאַך?

דער דראַגאָמאַן האָט געציטערט און געשוווירן, אַז דער בעי האָט קיינמאָל דאָס נישט געזאָגט; דאָס איז געווען זיין טעות. ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען דעם בעי.

קאָנסול נח האָט אויסגעפירט: דער בעי האָט געלאָזט פריי דעם אי־טאַליענער און האָט אים געגעבן צייט זעכציק טעג צו שאַפן זיך דאָס געלט צו דעקן די טשעקן.

דער דאָזיקער פאַל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק צווישן די קאָנסולן. אַלע האָבן אים באַגריסט פאַר זיין מוט. לאַנגע יאָרן האָבן די הערשער זיך אַלצדינג דערלויבט מיט די קאָנסולן. די אַמעריקאַנער קאָנ־סולן האָבן פון דעם געהאַט צרות, און פּלוצלינג האָט קאָנסול נח מיט זיין פעסטקייט געהאַט אַזאַ זיג.

מרדכי איז געווען זיכער, אַז דער איטאַליענער וועט צומאָרגנס אַריינקומען צו אים. דער איטאַליענער האָט זיך אָבער נישט געוויזן צו־מאָרגנס און איבערמאָרגן אויך נישט. דאָס איז שוין געווען אים אויפ־פאַלנדיק, און ער האָט זיך דערוווסט, אַז דער איטאַליענער איז אין גע־

פענגעניש: דעם בעים זון האָט אים אַרעסטירט און איינגעזעצט. ער האָט, נאַטירלעך געקראָגן אַ פיינע מטבע פון די קרעדיטאָרן.

אין גרוים כעס איז קאָנסול נח אוועק אין בעים פּאַלאַץ און געפּאָדערט, אַז דער איטאַליענער זאָל גלייך באַפרייט ווערן.

— ער איז אַלץ אונטער אַמעריקאַנער שוץ — האָט געזאָגט מרדכי צום בעים זון.

— ער איז מיין אַרעסטאַנט, — האָט געזאָגט דעם בעים זון, — איך וועל אים נישט אַרויסלאָזן.

— אויב איר לאָזט אים נישט אַרויס די מינוט — האָט מרדכי געענטפערט — גיי איך אין קאָנסולאַט, צי אַראָפּ אונדזער פאָן. און די פריינטלעכע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און טוניס ווערן גלייך איבערגעריסן.

— איר זענט איצט צופיל אויפגערעגט — האָט אים געראַטן דעם בעים זון, — גייט אַהיים, באַרואיקט זיך און קומט מאָרגן, וועלן מיר זען.

— ניין, אַ מינוט וואַרט איך נישט. איר לאָזט אים אַרויס איצט אָדער איך וועל מער מיט אייך נישט האָבן צו טון!

דעם בעים זון האָט געקריצט מיט די ציין. ער האָט אָבער גלייך אַרויסגעלאָזט דעם איטאַליענער. און ווי גרוים עס איז געווען דער וווּנדער, ווען מרדכי האָט געהאַט דעם ערשטן זיג אין פּאַלאַץ, בשעת מען האָט אים נאָכגעגעבן זיין פאַרלאַנג וועגן דעם איטאַליענער, איז איצט דאָס ווונדער געווען פיל גרעסער: פון געפענגעניש האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסול אַרויסגעריסן דעם קרבן.

ווידער האָבן די קאָנסולן אים באַגריסט צו זיין נייעם זיג.

— דער אַמעריקאַנער קאָנסול שאַפט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון געזאַנדטע אין טוניס — האָבן צוגעגעבן די קאָנסולן. — ער צווינגט דעם בעי זיך אונטערצוגעבן.

די שענדלעכע באַליידיקונג

דער ענגלישער קאָנסול אין טוניס, וואָס האָט ערשט באַגריסט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול פאַר זיינע זיגן איבער דעם בעי, האָט געקראָגן פון גיבראַלטאַר צוגעשיקט די טשעקן, וואָס דער זעלבער מוטיקער און זיג־רייכער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט אַרויסגעגעבן צו באַצאָלן אויסלייז־געלט און רייזע־קאָסטן פאַר די זעקס אַמעריקאַנער געפאַנגענע מאַטראָזן אין אַלזשיר.

אַן ענגלישע באַנק אין גיבראַלטאַר האָט אויסגעצאָלט דאָס געלט אויף דעם קאָנסול נחס טשעקן. אָבער די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן פאַר די טשעקן. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט צור־ריקגעשיקט די טשעקן צו דער באַנק אין גיבראַלטאַר מיט אַ דערקלערונג, אַז זי וויל נישט באַצאָלן איר קאָנסולס חוב.

ווען די ענגלישע באַנק אין גיבראַלטאַר האָט צוריקגעקראָגן די נישט־געצאָלטע טשעקן, האָט זי זיך דערשראָקן. זי האָט אויסגעלייגט פאַרן אַמעריקאַנער קאָנסול אַכצן טויזנט און זיבן הונדערט און דריי און פערציק דאָלאַר. איצט איז די סומע געוואָרן פאַרגרעסערט פאַר פּראָ־צענט, פּראָטעסט. איצט באַטרעפט שוין דעם אַמעריקאַנער קאָנסולס חוב איין און צוואַנציק טויזנט זעקס הונדערט מיט דרייצן דאָלאַר — אַ שטראָף פון כמעט דריי טויזנט דאָלאַר.

אויב די אַמעריקאַנער רעגירונג וויל נישט באַצאָלן איר קאָנסולס חוב, זי צאָלט נישט אויס זיינע טשעקן, איז דער דאָזיקער קאָנסול אודאי אַ שווינדלער, זיין רעגירונג געטרויט אים נישט. מוז די באַנק זיך פאַר־זיכערן זי זאָל נישט האָבן קיין שאָדן.

אין דעם בריוו פון דער גיבראַלטאַר באַנק איז געקומען אַ שטרענ־גער באַפעל צו דעם ענגלישן קאָנסול, ער זאָל איינמאָנען דאָס געלט גלייך, און אויב נישט, זאָל ער לאָזן אַרעסטירן דעם אַמעריקאַנער קאָנ־סול פאַר אַרויסגעבן טשעקן אָן אַבאַפּולמעכטיקונג.

דער ענגלישער קאָנסול האָט געקאָנט שטעלן מרדכין פאַר דער ברירה, צו באַצאָלן גלייך, און אַזוי־ווי מרדכי האָט דאָך נישט געהאַט וווּ צו נעמען דאָס געלט, אים צו לאָזן אַרעסטירן.

אָבער קיין שרעקלעכערע זאַך האָט נישט געקאָנט דער ענגלישער

קאָנסול זיך פאָרשטעלן. ער האָט געוווּסט, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנסול וועט נישט קאָנען גלייך קריגן דאָס געלט. און איינזעצן אים, וואָלט גע־ווען דאָס זעלבע ווי מאָרד. דער בעי און זיין זון וואָלטן אים נישט אַרויסגעלאָזט קיין לעבעדיקן. זיי וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט אים פאַר זיין צווינגען זיי אָפּצוהיטן די רעכט פון אַמעריקאַנער קאָנסולאַט.

האָט דער ענגלישער קאָנסול קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם. ער האָט נישט געוואָלט שעדיקן זיין פּרעסטיזש. ער האָט געהאַלטן פון אַמע־ריקאַנער קאָנסול און רעספּעקטירט אים פאַר זיין פעסטער האַנדלונג קעגן דעם בעי. ער האָט זיך געזען מיט מרדכין, אים געוויזן די פּראָטעסטיר־טע טשעקן און ביי אים געפרעגט, וואָס ער דענקט צו טון, ווען דענקט ער, וועט ער קאָנען באַצאָלן.

מרדכי איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. דער גיבור מרדכי האָט דערפילט אַזאַ שוואַכקייט אין די פיס, אין גאַנצן גוף, אַז ער האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי ער זיצט נאָך און ער פאַלט נישט אום.

אַזאַ זאַך איז געווען אומדערהערט: אַ רעגירונג זאָל נישט דעקן די טשעקן פון איר קאָנסול? דאָס האָט ער געהערט צום ערשטן מאָל.

— האָט איר געהערט שוין, אַז אַ רעגירונג זאָל נישט צאָלן איר קאָנסולס טשעקן? — האָט ער געפרעגט ביים ענגלישן קאָנסול.

— ניין, — האָט דער ענגלישער קאָנסול געשאָקלט מיטן קאָפּ. — עס איז מיר אַ חידוש. איר ווייסט, קאָנסול נח, איר האָט מיין אַכטונג. אייערע האַנדלונגען דאָ די גאַנצע צייט זענען געווען ערלעכע, מוטיקע. איר פאַרדינט אַן אויסצייכענונג. דאָ מוז זיין זיכער אַ טעות, אַ שרעק־לעכער טעות. עס שמעקט מיט געפאַר. נאָך גוט, וואָס מיר זענען פריינט. איך בין איבערצייגט אין אייער ערלעכקייט, ווען אַן אַנדערער וואָלט דאָ געווען פאַרמישט, וואָלט איר דאָך געווען רואינירט אויף אייביק.

שטיקער פינצטערניש זענען געפלויגן אַרום מרדכין, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין מערן און אים אַרומוויקלען. ער האָט נישט איבערגע־ריסן דעם ענגלישן קאָנסול, געלאָזט אים רעדן.

— איך בין זיכער, אַז איר וועט קאָנען אויפקלערן דעם טעות — האָט דער ענגלישער קאָנסול גערעדט ווייטער. — אָבער דאָס וועט איר נישט קאָנען טון פון ווייטנס. איר וועט אַליין מוזן זיין אין וואַשינגטאָן. אָבער פריער וועט איר מוזן קריגן דאָס געלט. עס איז אַ ריזיקע סומע. ווי פריינטלעך איך זאָל נישט זיין צו אייך און ווי איבערצייגט איך זאָל נישט זיין אין אייער ערלעכקייט, וועל איך מיר נישט קאָנען העלפן. איך וועל זיין פאַראַנטוואָרטלעך. פאַרשטייט מיך, געערטער פריינט, איך קאָן

דאָ ווערן רואינירט. איר מוזט געפינען אַן עצה. איר מוזט קריגן דאָס געלט. וועט איר שפּעטער קאָנען פאַריכטן דעם טעות.

אַן עצה... אַ טעות... קריגן דאָס געלט, געפענגעניש... ווערטער, אָפּגעריסן פון זאַצן האָבן אים געקלונגען אין די אויערן און אָפּגעקלונגען. דער מוח האָט זיך אים אָנגעצונדן. ער האָט זיך דערמאָנט די צורה פון דעם איטאַליענער נאָכדעם ווי ער האָט אים אַרויסגעריסן פון געפענגעניש. אַ פּאָר טעג איז דער איטאַליענער דאָרט געווען און ער איז שוין נישט געווען צו דערקענען.

פּלוצלינג איז די גאַנצע היץ אָפּגעטראָטן, דאָס פייער אין מוח האָט זיך געלאָשן. אַ שמייכל האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיינע וויעס; די אויגן זענען געוואָרן רואיק.

— קאָנסול אָגלענדער — האָט מרדכי געזאָגט רואיק און זיכער. — איך וועל באַלד האָבן דאָס געלט. איר האָט נאָר געדולד. — באַלד קומט די אַמעריקאַנער עסקאַדרע אונטער דער קאָמאַנדע פון מיין פריינט קאָמאַדאָר דיקעיטור. איר האָט דאָך אוודאי געזען אין די ציייטונגען. ער וועט מיר געבן דאָס געלט און איך וועל אייך באַצאָלן מיט גרויס דאַנקבאַרקייט דערצו.

דער ענגלישער קאָנסול האָט איינגעשטימט צו וואַרטן.

ביים געזעגענען זיך האָט מרדכי געזאָגט:

— צו זיין אַ קאָנסול אין דעם טייל וועלט איז שוין גענוג אַ גרויסער קרבן, דאַרף די רעגירונג נאָך דערצו אָפּשטעלן דעם קרעדיט אויך.

***

מוראַדיקע ענדערונגען איז די וועלט דורכגעגאַנגען אַרום יענער צייט. געפאַלן איז דער שטערן פון נאַפּאָלעאָן דער דעראָבערער. דער צווייבערהאַפּטער זיגער, ביי וועמען די וועלט איז געלעגן צו די פיס אַן אונטערטעניקע, ער האָט אָנגעהויבן צו האָבן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. ער האָט פאַרלוירן זיין טראָן און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף דעם אינדזל עלבאַ.

לאַנג איז ער אָבער נישט איינגעזעסן אין זיין געפענגעניש־מלוכה. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון עלבאַ און זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך. די אַרמיי און דאָס פאָלק האָבן אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. מיט טריאומף איז ער צוריקגעקומען קיין פּאַריז. דער קעניג פון דער אַלטער פראַנצויזישער דינאַסטיע איז אַנטלאָפן.

אינגיכן איז אָנגעקומען קיין טוניס אַ נייער קאָנסול פון פראַנקרייך

— נאפאלעאָנס קאָנסול. דער הערשער פון טוניס האָט אים אויפגענו־מען, ער האָט מורא געהאַט פאַר נאפּאָלעאָנס צאָרן.

אנערקענט האָט אים אויך דער אַמעריקאַנער קאָנסול. אַלע אַנדערע קאָנסולן האָבן אים נישט געוואָלט אנערקענען. זייערע רעגירונגען זענען דאָך געווען קעגן נאפּאָלעאָנען און אים אָראָפּגעזעצט.

קאָנסול נח האָט אַרויסגעוויזן גרויס פריינטשאַפט צו נאפּאָלעאָנס קאָנסול. ער האָט געגעבן אַ באַנקעט אין קאָנסולאַט און ער האָט אוועק־געזעצט אויבנאָן נאפּאָלעאָנס קאָנסול, לויט דעם כבוד, וואָס עס איז אים געקומען, אַלס פאַרשטייער פון פראַנקרייך.

די מלחמה צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט. האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געשיקט אַ קליינע עסקאַדרע שיפן, אונטער דיקעיטורס קאָמאַנדע, אין די וואַסערן פון מיטללענדישן ים. עטלעכע אויפגאַבן האָט אים די רעגירונג פאַרטרויט. איינע פון זיי איז געווען צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט אַלזשיר.

דיקעיטור, מרדכים פריינט פון פילאַדעלפיע, האָט געשלאָסן אַן אָפּ־מאַך מיט דעם הערשער פון אַלזשיר. דער בעי פון אַלזשיר האָט נישט געוואָלט רעדן פון קיין אָפּמאַך. האָט קאָמאַדאָר דיקעיטור אָנגעשטעלט די מיילער פון זיינע קאַנאָנען אויף דעם פּאַלאַץ פון דעם הערשער און האָט אים געגעבן אַן אולטימאַטום: באַלד אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך, אין וועלכן אַמעריקע זאָל קריגן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס אַנדערע מלו־כות קריגן; אָפּשאַפן דעם אָפּצאָל וואָס אַמעריקע האָט געמוזט צאָלן און גלייך באַפרייען די 9 געפאַנגענע מאַטראָזן. אויב נישט, עפנט ער פייער אויף אַלזשיר, און די ערשטע קוילן וועלן פאַלן אויפן הערשערס פּאַלאַץ.

דער הערשער פון אַלזשיר האָט גלייך נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען. וועגן דעם זיג איז געווען געשריבן אין די צייטונגען וואָס זענען אָנגע־קומען פון גיבראַלטאַר. עס איז אויך דערציילט געוואָרן, אַז דער זיגער פירט זיין עסקאַדרע קיין טוניס.

אינגאַנצן זיכער, אַז דיקעיטור וועט אים געבן דאָס געלט איז מרדכי נישט געווען. זיי האָבן זיך געקענט נישט זייער לאַנג. דיקעיטור האָט אים אויפגעזוכט אין פילאַדעלפיער ביבליאָטעק און ביי אים געפרעגט אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע. האָבן זיי זיך דעמאָלט באַפריינדעט, צוגע־בונדן זיך איינער צום אַנדערן. עס איז שוין אָבער יאָרן פון דער געשיכ־טע. ער איז שוין געוואָרן מער ווי נאָך אַמאָל אַזוי אַלט. די גאַנצע צייט האָט דיקעיטור אים נישט געשריבן קיין וואָרט. ווער ווייסט, צי געדענקט ער אים גאָר?

נאָר וואָס דיקעיטור זאָל נישט טון שפּעטער, איז ער שוין געווען פאַר אים אַ שטיק הילף. ער קאָן אָפּציען דעם אָטעם. דער ענגלישער קאָנ־סול וואַרט דאָך.

מרדכי האָט געפילט, אַז בלייבן אין טוניס וועט ער נישט קענען, אפילו, ווען דיקעיטור זאָל אים געבן דאָס געלט צו דעקן די טשעקן. נאָך דעם פּאַטש אין פּנים פון זיין רעגירונג קאָן ער דאָ נישט בלייבן. ער וועט מוזן אַהיימפאָרן זוכן גערעכטיקייט.

די גאַנצע צייט האָט מרדכי געפיבערט. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דיקעיטורן. זאָל ער שוין וואָס פריער קומען און אים אויסלייזן. אייגנצייטיק האָט ער געוואָלט, אַז ער זאָל קומען וואָס שפּע־טער. טאָמער גיט ער אים נישט דאָס געלט.

ענדלעך איז געקומען די אַמעריקאַנער עסקאַדרע אין טוניסער פּאָרט. דעם 30טן יולי, אין יאָר 1815, איז זי אָנגעקומען. יענעם טאָג איז גע־ווען ווילד היים. אַ פייער איז געהאָנגען איבער טוניס. מענטשן האָבן זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות, שווער געפּרייכט פון דער אומדער־באַרעמדיקער היץ.

אַלע מאַטערנישן פון דער היץ זענען אָבער פאַרשווונדן ביי מרדכין אין דער רגע, ווען ער האָט דערזען די אַמעריקאַנער פאָן איבער דער ערשטער אַמעריקאַנער שיף אַריינקומען אין האַפן. פון דער פאָן האָט זיך געצויגן צו אים אַ ליבער, פרישער ווינט, וואָס האָט אים דערקוויקט און אָנגעגאָסן זיין לייב מיט פריש בלוט.

אָנגעטון אין פולן אוניפאָרם האָט מרדכי באַשטיגן די שיף ווי נאָר זי האָט געאַנקערט. דער קאָמאַנדאַר האָט אים אויפגענומען מיט דער ערע וואָס עס קומט אַ קאָנסול. די מאַטראָזן, אָנגעטון אין יום־טובדיקע אוני־פאָרמען, מיט געווער אין די הענט, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען אויפן דעק. ביי דעם בריקל, וואָס פירט אויף דער שיף, איז גע־שטאַנען קאָמאַנדאַר דיקעיטור מיט אַ קאַפּיטאַן. זיי האָבן באַגריסט דעם קאָנסול און דורכגעגאַנגען מיט אים פאַרביי די רייען פון די מאַטראָזן.

אָבער דאָס איז געווען אָפיציעל. באַלד האָט דיקעיטור אַ נעם געטון דעם קאָנסול פאַר די פּלייצעס, אים געגעבן אַ געזונטן טרייסל און גע־זאָגט:

— מאָרדעקאַי, איך בין אַזוי צופרידן דיך צו זען!

— אַ, סטיוו, איך בין טאָפּלט צופרידן דיך צו זען — האָט מרדכי געזאָגט און דאָס הארץ האָט זיך ביי אים אַ ריס געטון פאַר פרייד, וואָס דיקעיטור פרייט זיך מיט אים.

— זאָג מאָרדעקאַי — האָט, גייענדיק צו דער קאַבינע, געפרעגט דיקעיטור — געדענקסט נאָך די אויפגאַבע, איך מיין די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איך האָב ביי דיר געפרעגט?

שמייכלענדיק האָט מרדכי אָנגעהויבן איבערזאָגן די אויפגאַבע. דיקעיטור האָט אונטערגעכאַפּט אַפּריער, און מרדכי האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי דער מאַטראָז, וואָס געפינט זיך שטענדיק אויפן וואַסער, געדענקט אַזוי לאַנג אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע.

אין די 15-16 יאָר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, האָט דיקעיטור זיך שטאַרק געעלטערט. מרדכי האָט געוווּסט ווי אַלט ער איז און האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט אויסגעזען אַ סך עלטער. אפשר מיט 20-25 יאָר. גרוי ווי אַ טויב. די האָר אויסגעפאַלן, דאָס פּנים פאַרטריקנט, צעאַקערט.

דיקעיטור האָט אויפגעוואַרט זיין חבר מיט וויין. זיין אייגן גלאָז האָט ער שוין געהאַלטן אין האַנט. האָט מרדכי אים דערמאָנט:

— סטיוו, געדענקסט דאָך, אַז איך טרינק נישט. וויין אוודאי נישט. אָבער צוליב דער שמחה פון דיין קומען וועל איך טרינקען, אויב דו האָסט אַביסל בראָנפן.

— טרינקסט נאָך אַלץ נישט, מאָרדעקאַי? — האָט דער קאַמאַראַר געשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאַכט. — האָסט אַלץ מורא, אַז וועסט זיך וואַלגערן אין רינשטאָק אַ שיכורער?

אינמיטן שמועס האָט דיקעיטור זיך אַ כאַפּ געטון:

— מאָרדעקאַי, שיר פאַרגעסן. איך האָב פאַר דיר אַ בריוו דער באַס דיינער, דער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט, האָט מיר אים געגעבן.

פון אַן אייזערן קעסטל האָט ער אַרויסגעצויגן אַ בריוו, דערלאַנגט אים און געזאָגט:

— וואַרט נישט אויף צערעמאָניעס, שטער דיר נישט, אויב דו ווילסט, קאָנסטו אים גלייך איבערלייענען.

מרדכי האָט געעפנט דעם בריוו, און ער האָט נאָך נישט געהאַט איבערגעלייענט אַ צווייטע שורה, איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, און אין האַרץ האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שאַרפער ווייטיק, אַ ברענענדיקער.

קלאָר די אותיות פון דעם בריוו האָט ער שוין נישט געזען. זיי האָבן זיך צעהויפגעגאָסן, די בוכשטאַבן, און ווי אַ מחנה פליגן גענומען פליען. ער האָט אים פונדעסטוועגן איבערגעלייענט.

איבער דריי מאָנאַטן זענען אַריבער זינט דער שטאַט־דעפּאַרטאַ־

מענט האָט געשריבן דעם בריוו. ער איז געווען דאַטירט דעם 25טן אַפּריל און אונטערגעשריבן פון שטאַט־סעקרעטאַר.

דאָס איז דער בריוו וואָרט אין וואָרט:

„הער. —

„אין דער צייט, ווען איר זענט באַשטימט געוואָרן פאַר קאָנסול אין טוניס, האָט מען נישט געוווסט, אַז אייער רעליגיע וועט זיין אַ שטע־רונג אין אייערע קאָנסולאַרע פליכטן. אינפאָרמאַציע ערשט דערהאַלטן, אויף וועלכער מען קאָן זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן, באַשטעטיקט, אַז עס וועט מאַכן זייער אַן אומגינסטיקן איינדרוק.

„אַלס רעזולטאַט דערפון האָט דער פרעזידענט געפונען פאַר פּאַסנד צוריקצורופן אייך פון אַמט. ביים דערהאַלטן דעם בריוו זאָלט איר, דע־ריבער, זיך באַטראַכטן פאַר נישט מער אין עפנטלעכן דינסט. פאַראַן נאָך דאָ געוויסע איינצלהייטן אויך, פאַרבונדן מיט אייערע חשבונות, וואָס פאָדערן אַ מער גענויע אויפקלערונג, וועלכע, מיט דעם, וואָס איז שוין אָנגעגעבן, האָבן נישט די הסכמה פון פּרעזידענט.

איך בין רעספּעקטפול, הער,

אייער געהאָרכזאַמער דינער,

(אונטערגעשריבן) דזשיימס מאָנראָו.

מאָרדעקאַי מ. נח, עסקוואיר, עטצ. עטצ."

די בוכשטאַבן זענען געוואַקסן, אויפגעשוואָלן, געדרייט זיך גיך און גיכער, ווי אַ מחנה גרויסע, גראָב־בייכיקע פליגן זענען זיי וויכערדיק גע־פלויגן. מרדכי איז זיי נאָכגעלאָפן מיט די אויגן, געוואָלט זיי כאַפּן, פאַר־שטיין זייער באַדייט.

די ערד האָט זיך געעפנט אונטער זיינע פיס. אַלץ פאַלט־איין, זינקט, און ער פאַלט מיט, זינקט. פון דער גאַנצער וועלט פאַלן אָן הייזער, מויערן, בערג און זיי פאַלן אַרויף אויף אים.

דער בריוו מאָנראָס איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אומגלויב־לעך! אַזעלכעס איז נישט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דיפּלאָ־מאַטיע ביי קיין פאָלק. אָן אַ פאַרהער, אָן אַן אויספאָרשונג אים אָפּגע־זאָגט, אַרויסגעוואָרפן.

איצט איז אַלץ אויס, אַ סוף! ער איז רואינירט אויף אייביק. זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט שאַנד. אַ טאָפּלטע שאַנד: אַראָפּגעוואָרפן פון אַמט און פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ ייִד!

מאָנראָו האָט אים אָנגעטון דעם שאַנד־צייכן. מיט אַ גליענדיק אייזן האָט ער דעם שאַנד־צייכן אויסגעברענט אויף זיין שטערן.

איצט — ער איז שוין נישט מער קאָנסול — וועט דיקעיטור אים נישט געבן קיין סענט צו באַצאָלן דעם ענגלישן קאָנסול פֿאַר דער באַנק אין גיבראַלטאַר. אַ ציווילער מאַן, ווי ער איז איצט, וועט מען אים גלייך אַרעסטירן פֿאַר דעם חוב. מען וועט אים אַריינוואַרפֿן אין געפֿענגעניש. אין דעם זעלבן געפֿענגעניש, וווּ זיי האָבן געהאַלטן דעם איטאַליענער קוראַדין.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי חושכדיק עס האָט אויסגעזען דער איטאַליענער נאָך אַ פּאָר טעג געפֿענגעניש, איז אים פֿאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן.

איצט, וועלן דער בעי און זיין טייערער זון ערשט נעמען אָן אים די ריכטיקע נקמה. זיי וועלן אים קיין לעבעדיקן שוין נישט אַרויסלאָזן פֿון געפֿענגעניש.

די באָבע רבקה איז אים די ערשטע אַרויסגעשוווּמען פֿאַר די אויגן. דערנאָך זענען שוין געקומען יהודית, די שוועסטער זיינע, דער פֿעטער נפתלי, זיין פֿעטער אהרן דער אַקטיאָר. גאַנצע מחנות פֿון דאַנען און פֿון דאָרט זענען פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר די אויגן — ער וועט זיי מער נישט זען! קיינעם נישט מער! אַלץ האָט זיך געענדיקט, אַ סוף! דער בעי, זיין זון, זיי וועלן קעמען זיין פֿלייש מיט אייזערנע קאַמען. ווי די רוימער ר' עקיבאַן. טאָרקעמאַדאָס אינקוויזיציע, וואָס האָט פֿאַרפּייניקט צום טויט זיינע ספֿרדישע יידעס, איז נאָך געווען פֿול מיט רחמנות אין פֿאַרגלייך מיט די מאַטערנישן, וואָס עס וועט אים אָנטון דער בעי, זיין זונדל.

זיי וועלן שניידן זיין פֿלייש לעבעדיקערהייט, אים לאָכן אין פּנים אַריין. זיי וועלן שטעכן זיין לייב מיט גליענדיקע נאָדלען און קייכן פֿאַר געלעכטער.

„האָסט דאָך שטרענג געפֿאָדערט איך זאָל באַפֿרייען דעם איטאַליענער בעל־חוב. נו, גוט, זיצסטו איצט אויף זיין אָרט. איך מוז דיר דווקא אומקערן דעם שאָדן, וואָס דו האָסט געהאַט, ווען די ענגלענדער האָבן אַרויסגעכאַפּט די צוויי פֿאַרכאַפּטע שיפֿן. נו, קער איך דיר איצט אום דעם שאָדן, דו אומווירדיקער, פֿאַרפֿלוכטער הונט".

דיקעיטור איז געוואָרן אומגעדולדיק, וואָס ער לייענט אַזוי לאַנג דעם בריוו. ער האָט געוואָלט בעסער מיט אים שמועסן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צוגעקלעפּט צום בריוו. מען קאָן דאָך מיינען אַז דאָס איז אַ בריוו פֿון דער כּלה. לייג שוין אַוועק דעם בריוו. לאָמיר בעסער שמועסן אַביסל.

מרדכי האָט אַ קוק געטון אויף דיקעיטורן און עס האָט אויפגעלויכטן ביי אים אין מוח... זע נאַר, ער ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס עס שטייט געשריבן אין בריוו!

אין איין אויגנבליק האָט די ערד צוריק פאַרמאַכט איר מויל. זי איז ווידער געשטאַנען פעסט אונטער זיינע פיס. עס האָט אויפגעהערט איינ־צופאַלן, צו זינקען די וועלט אַרום אים, אויף אים.

רואיקער האָט ער צונויפגעלייגט דעם בריוו, אַריינגעלייגט אין קעשענע, און געזאָגט דיקעיטורן:

— ביזט געדעכט, סטיוו. מיר האָבן זיך אַזוי פיל יאָרן נישט געזען. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאַרשטעלן ווי איך פריי מיך, וואָס דו ביזט געקומען. וועסט שוין איינזעען מיר העלפן אויפמאַנען געלט פון דעם באַנדיטישן בעי.

דאָס פּנים האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי דיקעיטורן. ער האָט דער־הערט, אַז ער האָט שוין דאָ עפּעס צו טון.

— סטיוו! — האָט מרדכי געצויגן דעם שמועס. — דאָס האַרץ טוט מיר וויי, קוקנדיק אויף די פאַרשווינען, וואָס האָבן דאָ די מאַכט. אַמאָל האָט דאָ, אין אַט דער פּרוכטבאַרער געגנט, אין נאָרד־אַפריקע, געלעבט אַ ראַפינירט, אַן עלעגאַנט פאָלק. און ווי איז צו זיינע אייניקלעך! די געשיכטע פון די מאָדערנע באַזיצער פון דעם לאַנד איז נישט מער ווי אַ געשיכטע פון פאַרברעכנס און דעספּאָטיע. די אייניקלעך פון דעם ציווויליזירטן פאָלק זענען געוואָרן ווילדע ברואים!

מרדכי האָט אים דערציילט די געשיכטע מיט די צוויי ענגלישע שיפן, וואָס אַן אַמעריקאַנער האָט פאַרכאַפּט און אַריינגעפירט אין טוני־סער האַפן, און ווי די ענגלענדער האָבן דערנאָך אַרויסגעפירט די דאָזיקע שיפן פון האַפן.

— טוניס איז, לויט אונדזער אָפּמאַך, פאַרפליכטעט צו געבן שוץ די פאַרכאַפּטע שיפן, וואָס אַמעריקאַנער ברענגען אין איר האַפן — האָט געזאָגט מרדכי. — ווען דער בעי האָט געלאָזט די ענגלענדער אַרויס־כאַפּן די שיפן, איז ער פאַראַנטוואָרטלעך. מוז ער אונדז אומקערן דעם שאָדן. איך מאָן ביים בעי זעקס און פערציק טויזנט דאָלאַר פאַר די צוויי שיפן, און פון דעם בעים שותפים, אַ גרופּע סוחרים, מאָן איך פיר און פערציק טויזנט פּיאַסטער באַזונדער. סטיוו, איך בין זיכער, אַז דו וועסט דאָס געלט אויפמאָנען.

— איינס און צוויי טו איך דאָס — האָט געזאָגט דיקעיטור. — איך גיי גלייך צום בעי אין פּאַלאַץ.

מרדכי האָט אָבער אויסגערעכנט, אַז דיקעיטור טאָר נישט גיין אין פּאַלאַץ. ער טאָר אַפילו נישט אַראָפּגיין פריער פון שיף, ביז דער בעי וועט שיקן דאָס געלט. זאָל נאָר דער בעי וויסן, אַז דער ים־העלד פון אַמעריקע, קאָמאַדאָר דיקעיטור, וואָס האָט ערשט אָנגעלערנט דעם הער־שער פון אַלזשיר, וויל נישט שטעלן זיין פוס אויף טוניסער ערד, ביז דאָס געלט וועט זיין באַצאָלט, וועט ער שוין באַצאָלן.

ער האָט דאָס געזאָגט דיקעיטורן, האָט עס יענעם נישט געשמעקט. דיקעיטור האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף דער שיף ביז דער בעי וועט באַצאָלן דאָס געלט. ער האָט געוואָלט באַלד אַראָפּגיין אויף דער יבשה, זען טוניס, פאַרברענגען מיט נחן אין קאָנסולאַט, אַ קוק טון אויפן נאַכט־לעבן אין דער היסטאָרישער שטאָט. האָט ער זיך געשפּאַרט מיט מרדכין, אַז עס איז נישט נייטיק, אַז ער זאָל בלייבן אויף דער שיף. מרדכי האָט געזוכט אים צו איבערצייגן, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג.

דאָס האָט אַביסל אויפגערעגט דיקעיטורן, און ער האָט אַ זאָג גע־טון בייזלעך:

— קאָנסול, דו מיינסט אוודאי, אַז דו ביזט דאָ מיין באַלעבאָס; אַז איך דאַרף נעמען באַפעלן פון דיר. מאַכסט אַ טעות. איך בין דאָ מיין אייגענער באַלעבאָס. קיינער קאָן מיר דאָ נישט געבן באַפעלן.

מרדכי האָט זיך דערשראָקן. מיט איין שמייכל האָט ער אָבער אַלץ אויסגעגליכן.

— אַ, ווער וואָגט גאָר צו טראַכטן פון געבן באַפעלן דעם באַרימטן העלד סטיוון דיקעיטור! — האָט מרדכי אויסגערופן. — איך זאָג דיר נאָר, וואָס איך ווייס פון דערפאַרונג, ווי אַזוי עס איז בעסער איינצו־מאָנען ביי דעם היגן פּיראַט.

דיקעיטור האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ בריוו מיט אַ מאַמעלוק צו דעם בעי. ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט פריער נישט אַראָפּגיין פון שיף, ביז דאָס געלט וועט זיין אין אַמע־ריקאַנער קאָנסולאַט.

— איך מוז זיך גלייך אומקערן אין שטאָט אריין — האָט מרדכי געזאָגט צו דיקעיטורן. — איצט מוז איך זיין אין קאָנסולאַט.

ביז ער איז אריינגעקומען אין קאָנסולאַט האָט מען גאָרנישט גע־קאָנט דערקענען אויף מרדכין די מינדסטע ענדערונג. זיין הויכע פיגור איז געבליבן גלייך, אַ האָר נישט געבויגן. מיט קאָנסולאַרישער ווערדע איז ער געגאַנגען פון שיפל אין קאַטשל און אַרויף די טרעפּ אין קאָנ־סולאַט אריין.

אָבער ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל זיינע, איז אים דער קאָפּ איינגעזונקען צווישן די פּלייצעס, און די פּלייצעס האָבן זיך אויך אַראָפּ־געלאָזט. ווי אַ געביידע, וואָס פאַלט איין און עס שיטן זיך צוזאַמען ציגל, שטיינער, שטיקער לייִם און העלצער, אַזוי איז ער צוזאַמענגעפאַלן.

זיין איבערזעצער אַבדאַלאַ פרעגט אָבער קיין זאַך ביי זיין האַר. ער האָט נאָר אַרויסגענומען זיין ליולקע פון גאַרטל, אָוועקגעזעצט זיך אויף די טרעפּ, פאַררויכערט, און די אויגן פאַרזשמורעט, געזעסן און גע־טראַכט.

אין זיין צימער איינער אַליין האָט מרדכי נישט געקאָנט איינזיצן און נישט איינשטיין. עס האָט אים געטראָגן אין דער הויך. אַ וווּנדער, אַז ער האָט מיטן קאָפּ נישט אַרויסגעשטופּט דעם באַלקן. ווי אַ יונגער לייב, וואָס מען האָט אים פּלוצלינג געכאַפּט אין דזשאַנגל און אים אַריינ־געזעצט אין אַן אייזערנער שטייג — רוט נישט, יאָגט זיך צו דער פריי און שלאָגט זיך אָן אין אייזערנע ווענט און בייסט מיט די ציין די איי־זערנע שטאַבעס, אַזוי האָט דאָס געיאָגט מרדכין און ער האָט געוואָלט אַלץ צעטראָגן.

עס האָט אין אים געשריגן:

„וואָס האָט ער צו מיר, דער רשע מאָנראָו?! ווי האָט ער זיך דאָס דערלויבט מיך אַזוי צו באַליידיקן, אַזוי צו דערנידעריקן! פון אָנהויב אָן בין איך אים נישט געפעלן.

„ער האָט מיך געהייסן קומען אים זען און ער האָט נישט געוואַרט אויף מיר. אַ פּאָר יאָר האָט געדויערט ביז איך האָב באַקומען דעם אַמט. דאָס האָט אַלץ ער געטון. נישט דער פּרעזידענט. מעדיסאָן איז געווען האַרציק צו מיר. עס איז אַלץ מאָנראָו!

„מען וואָלט כאָטש געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען אַ גרויסער מאַן! אַליין איז ער דאָך אַ גרויסער גאָרנישט. אים האָט דאָך טאַקע דער גרוי־סער וואַשינגטאָן צוריקגערופן פון אַמט. ער האָט דאָך געזידלט וואַשינג־טאָנען, דער גאָרנישט!

„ער וואָלט פונדעסטוועגן געדאַרפט זיך דערמאָנען, ווי ער האָט געפילט, ווען וואַשינגטאָן האָט אים צוריקגערופן פון זיין אַמבאַסאַדאָר־שטעל, און עס איז דאָך נישט געווען דאָס איינציקע מאָל. אונטער דזשע־פערסאָנען האָט ער דאָך אויך גאָרנישט אויפגעטון אַלס אַמבאַסאַדאָר. זיין אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט ענגלאַנד, האָט דזשעפערסאָן אים צוריקגעוואָרפן, האָט אפילו נישט געוואָלט פאָרלייגן פאַרן סענאַט. נאָכדעם האָט ער געמוזט אומקערן זיך אַהיים מיט גאָרנישט.

„פאַרוואָס האָט ער זיך דאָס אַלץ נישט דערמאָנט. וואָלט ער דאָך אפשר מיך נישט געווען אַזוי באַליידיקט? און אפשר האָט ער מיך דווקא דערפאַר אַזוי באַליידיקט, ווייל ער האָט געזען אַז מיר איז יאָ געראָטן אויסצולייזן די געפאַנגענע מאַטראָזן? מיר, נאָר אַ קאָנסול, און אים, אַ חבר פון וואַשינגטאָנען, דזשעפערסאָנען און מעדיסאָנען, אים איז קיין זאַך נישט געלונגען. ווו נאָר ער איז געווען אַמבאַסאַדאָר, האָט ער נישט אויפגעטון דאָס מינדסטע, האָט ער פאַר כעס און נישט פאַרגינען מיך אַראָפּגעזעצט פון אַמט.

— „וואָס מיינט ער מיט זיך? ער איז דאָך אַ מערדער. ווי האָט ער דאָס געקאָנט מיך אַזוי אַראָפּזעצן נישט אויספרעגנדיק מיך פריער? אויב ער האָט טענות צו מיר, האָט ער מיר געקאָנט שרייבן, אַז איך זאָל קומען קיין וואַשינגטאָן און דאָרט מיך אויספרעגן, מיך שטעלן צום משפט. אָבער גלאַט אַזוי אַרויסוואַרפן אַז איך זאָל אין איין רגע פון אַ קאָנסול ווערן אַ הילפלאָזער, אומגליקלעכער, אומבאַשיצטער ביין!"

דער מוח איז אים געשטאַנען אין אַ פייער און עס האָט נאָך העכער געשריגן אין אים.

„איין גליק, וואָס מאַנראָו האָט נישט דערציילט דיקעיטורן, וואָס עס שטייט אין בריוו. ווען ער ווייסט דאָס, וואָלט איך דאָך שוין דאָ נישט געווען. איך וואָלט שוין געווען אויס קאָנסול. דיקעיטור וואָלט דאָך גע־מוזט איבערנעמען דעם קאָנסולאַט און איך, געוואַלד, איך וואָלט שוין גע־לעגן אין בעים געפענגעניש, אויב איך וואָלט נאָך געלעבט. אויב ער וואָלט מיך נאָך ביז איצט געלאָזט לעבן. פאַרוואָס האָט דער רשע מאָנ־ראָו מיר דאָס געטון? וואָס האָט ער צו מיר? אַזאַ לוין קריג איך דאָס פאַר מיין געטריישאַפט צו די רעפּובליקאַנער?

פלוצלינג האָט זיך פאַרלאָשן דאָס פייער אין זיין מוח, עס איז גע־וואָרן פינצטער. שטאָק פינצטער. אין דער פינצטערניש איז אים געוואָרן קאַלט. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן פאַר קעלט.

— „מיין רעליגיע, מיין רעליגיע — האָט ער אויסגעקלאַפּט צווישן די ציין. — מיין רעליגיע, מיין רעליגיע. וואָס? מיין רעליגיע איז אַ שטערונג? אַ ליגן! אַ בלבול! ער איז אַ שונא ישראל! ער איז אַ פאַר־ברעכער! ער האָט דערנידעריקט די פאַראייניקטע שטאַטן! ער האָט אויס־געשמירט אונדזער פריי לאַנד מיט בלאָטע, מיט שמוץ. ער טרעט אויף דער דערקלערונג פון אומאָפּהענגיקייט. ער טרעט אויף דער קאָנסטיטו־ציע! ער פאַרגוואַלדיקט דעם פרייען גייסט פון אונדזער רעפּובליק!

— „וואָס מיינט ער מיט זיין שרייבן, אַז מען האָט נישט געוווסט,

אז מיין רעליגיע וועט זיין אַ שטערונג? אַלע אין אַמעריקע ווייסן, אַז איך בין אַ ייד. דער פּרעזידענט ווייסט, ער ווייסט. איך האָב זיי נישט גע־נאַרט. אָבער דאָ איז מיין יידישקייט נישט קיין שטערונג. דעם קאַטוי־לישן גלח לאָז איך אַריין צו שפּריצן דאָס הייליקע וואַסער. דעם באַר־וועסן פראַנציסקאַנער גיב איך שיינע נדבות. דער גריכישער בישאָף קריגט אויך פון מיר געלט. די קריסטלעכע כאָגעס האַלט דער אַמעריקאַ־נער קאָנסולאַט, די אָרעמע קריסטן קריגן פון מיר כסדר טובות. נאָר די יידן קריגן פון מיר גאָרנישט. זיי בעטן ביי מיר גאָרנישט. טאָ מיט וואָס איז מיין רעליגיע אַ שטערונג פאַר מיין אַמט? איך זע דאָך טאָקע, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שטערונג.

„דאָס איז אָן אַלגעמיינער בלבול. דער בעי ווייסט נישט, אַז איך בין אַ ייד. און ווען ער וואָלט געוווסט, וואָלט עס אויך נישט געווען קיין שטערונג. ער האָט דאָך פאַרשטייער יידן אין אויסלאַנד. יידן זענען ביי אים ראַטגעבער. אַ סך מלוכות האָבן יידן אַמבאַסאַדאָרן. מיין יידישקייט איז נישט און קאָן נישט זיין קיין שטערונג!"

זיין ווייטיק האָט אַזוי געשריגן אין אים, אַז ער האָט זיך געוווּנ־דערט, וואָס די גאַנצע שטאָט לויפט זיך נישט צוזאַמען.

— „פאַרוואָס האָט ער דאָס געטון? פאַרוואָס האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם קעגן יידן? פאַרוואָס האָט ער געשריבן, אַז איך פאַרליר דעם אַמט איבער מיין יידישקייט? פאַרוואָס האָט ער געמאַכט באַגרענ־צונגען קעגן יידן? פאַרוואָס האָט ער געשאַפן דעם פינצטערן, דעם באַר־באַרישן פּרעצעדענט? פאַרוואָס זאָל זיך געפינען אין דעם אַרכיוו פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַ בריוו קעגן יידן? ער האָט דאָך געשענדט די פרייהייט פון אונדזער לאַנד! ער האָט געבראַכט שאַנד, אומגליק אויף די קעפּ פון יידן, אויפן קאָפּ פון גאַנצן לאַנד! ער וויל אינדז, יידן, באַרויבן פון אונדזער גלייכקייט פאַרן געזעץ!

— „געוואַלד, פאַרוואָס האָט ער דאָס געטון? אויב ער האָט מיך נישט געוואָלט איבער מיין יידישקייט, צו וואָס האָט ער מיר דאָס גע־שריבן? פאַרוואָס זאָל דער שענדלעכער בריוו זיין אָפן פאַר אַלעמען? ער האָט דאָך געקאָנט מיר שרייבן, אַז ער זעצט מיך אַראָפּ, נישט אָנגעבנ־דיק קיין אורזאַך, און ווען איך וואָלט געקומען קיין וואַשינגטאָן, האָט ער מיר דאָס געקאָנט זאָגן. פאַרוואָס האָט ער דאָס פאַרשריבן? עס וועט דאָך בלייבן אַן אייביקער שאַנדפלעק אויף אונדזער פרייער רעפּובליק!

„ניין, דאָס טאָר נישט, דאָס וועט אים נישט ווערן געשאָנקען! דעם שאַנדפלעק וועט מען מוזן אַראָפּנעמען; אַראָפּנעמען פון די יידן און פון

אַמעריקע! איך וועל נישט רוען, דאָס לעבן וועל איך מקריב זיין אָראָפּ־צונעמען דעם שאַנדפלעק. דאָס פאַרברעכן וועט מוזן ווערן דערשטיקט פון אָנהויב אָן. די שונאי־ישראל טאָר מען נישט לאָזן אויפהייבן די קעפּ! זיי הייבן אָן מיט די יידן. באַלד וועלן זיי פאַרשקלאַפן דאָס גאַנצע פאָלק, פאַרקויפן די רעפּובליק צו די שונאים. דאָס מוז ווערן אויסגעראָטן מיטן וואָרצל!"

ער האָט זיך נישט אויסגעטון. עס איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן זיך צו לייגן. נאָך שעהן פון היץ און פון קעלט, פון מוראדיקע געשרייען נישט אַרויסגעשריגענע, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל אַ מי־דער, אָן אויסגעשעפּטער, אָן כוחות. און פון אַלע זייטן האָט עס געקלונ־גען:

„די רעליגיע, די רעליגיע, די רעליגיע, די רעליגיע".

זיינע מידע אויערן האָבן מיטאַמאָל פאַרנומען אַ שטיל געגרויש. ער־געץ ווייט, ווייט רוישט עס. ער הערט עס קוים. ער האָט אויפגעהויבן זיינע מידע אויגן: וואָס רוישט עס דאָרטן? — ס׳האָבן זיך געהויבן פלאַ־מען. אין דער פינצטערניש אַרום אים האָט ער געזען פלאַמען. דאָס פייער איז אויך ווייט, גאַנץ ווייט. דאָרטן מוזן די פלאַמען זיין גרויסע, ריזיקע, ציען אַרויף גאַנץ הויך, אַזש צום הימל.

אין שיין פון די פלאַמען זעט ער גלחים, צלמים, פענער און — מענטשן ברענען. שטייען אין פייער און ברענען. מענטשן־פלאַמען. די פלאַמען זענען מענטשן וואָס ברענען.

דער מידער מוח האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן. די אויטאָ־דאַ־פע, דער שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע. זיינע זיידעס פון דער מוטערס צד. זיין עלטער זיידע נונעסעס אָבות, זיי זעט ער ברענען.

פייער, פלאַמען, פאַרוואָס? פאַרוואָס?

און פון אַלע זייטן האָט עס געקלונגען:

די רעליגיע, די רעליגיע, די רע־לי־גיע, די רע־לי־גיע.

— „און וואָס האָב איך שוין אויסגעפירט, אַז איך האָב דאָ באַהאַלטן מיין יידישקייט? דער בעי וואָלט מיך נאָך מער געאַכט, זיכער וואָלט ער מיר מער געטרויט. ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד, נישט ווי ער מיינט, אַז איך בין אַ קריסט. און עס וואָלט מיך נישט געקאָנט אַזויפיל פאַרדריסן, ווען איך וואָלט אַלעמען דאָ געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד. באַהאַלטן מיין יידישקייט, און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס באַ־האַלטן. דער שונא ישראל האָט מיך סיי־ווי דערנידעריקט.

— „און אפשר בין איך גאָר אַליין שולדיק? מיט דעם, וואָס איך האָב

דאָ באַהאַלטן מיין יידישקייט, האָב איך דאָך באַשטעטיקט, אַז עס קאָן זיין, אַז מיין יידישקייט זאָל טאַקע זיין אַ שטערונג? טאָ קאָן איך דאָך נישט האָבן קיין טענות צו מאַנראָון. אויב איך, דער ייד, מיין אַזוי, פאַר־וואָס זאָל נישט דענקען אַזוי ער, דער רשע?"

פאַר דעם געדאַנק, אַז ער אַליין איז שולדיק אין דער באַליידיקונג, האָט ער זיך נאָך שטאַרקער דערשראָקן. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט אַ חלק אין דעם אומגליק, וואָס וועט נאָך ברענגען אַ סך צרות אויף אַנדערע יידן אויך. האָט ער ס'פּנים אַריינגעכאַפּט איןביידע הענט, ווי אין אַ צוואַנג צונויפגעדריקט, זיינע ציטערנדיקע פינגער זענען אַריין טיף אין פלייש און ווי פייערדיקע קאַמען געריסן זיין לייב.

— כ'האָב עס פאַרדינט, האָט ער זיך געשטראָפט. איך האָב באַ־האַלטן דאָ מיין יידישקייט. וואָלט מיך נישט געאַרט ווי גרויס די שטראָף וואָלט געווען, ווען נאָר איך וואָלט געטראָגן די שטראָף. מיין שטראָף וועט דאָך אָבער מוזן פאַלן אויפן קאָפּ פון מיינע ברידער. אַלע יידן וועלן דאָך ליידן פון מאַנראָוס בייזן, ווילדן, אוממענטשלעכן פּרעצעדענט. דאָס גאַנצע לאַנד וועט ליידן פון דער רשעות. ניין, דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן! דאָס מוז איך באַקעמפן! מיין לעבן וועל איך אוועקגעבן אָראָפּ־צונעמען די שטראָף פון מיינע ברידער!"

דער באַשלוס צו באַקעמפן מאַנראָון האָט אים נישט געמאַכט גרינ־גער. שאַרפער האָט די שרעק זיך צעגאָסן אין אים, ווי מיט טויזנט פייער־לעך געבריט. און פּלוצלינג האָט ער דערפילט אַ שניט אין האַרץ, אַז פונקען זענען אים פאַר די אויגן געפלויגן. דאָס האָט אַ געדאַנק זיך אַ טראָג געטון אין אים און ווי מיט אַ שווערד דורכגעשניטן.

— „ס'איז אַלץ ווייל מ'האָט נישט קיין אייגענעם שפּאָן ערד אונ־טער די פיס. אַלץ דערפאַר, אַלץ. אַלע צרות. ווייל יידן האָבן נישט איין שטיקל לאַנד זייער אייגנס. ווען עס וואָלט ערגעץ־ווו געווען אַ יידיש לאַנד, אַ יידישע מדינה, וואָלט מאַנראָו נישט געוואַגט מיר צו וואַרפן די אמונה אין פּנים אַריין. ער וואָלט געוווסט, אַז ס'איז דאָ אַ יידישע מלוכה, וואָלט ער געהאַט רעספּעקט. אַ שטיקל מלוכה, אַ טעריטאָריע, אַ ברעקל טעריטאָריע, נאָר זיין ווי אַלע פעלקער, האָבן אַ מלוכה, לערנען די רשעים דרך־ארץ."

אים איז נישט קלאָר געווען דער גאַנצער געדאַנק. ס'איז אים אפילו געווען פרעמד. ער האָט געמיינט, אַז ער גייט אַראָפּ פון זינען. עפּעס האָט זיך באַזעצט אין אים און רעדט אין אים מאָדנע, מוראַדיקע רייד. ער האָט זיך דערשראָקן. וואָס טוט זיך מיט אים? ער ווערט דאָך טאַקע

משוגע! וואָס טוט זיך מיט אים? וואָס קלערט ער? וואָס טראַכט ער? אַן אייגן לאַנד, אַ מלוכה, אַ טעריטאָריע? ער פאַרלירט דעם שכל. ער ווערט משוגע! נאָך וואָס אַ שטיקל מלוכה, אַז די גרויסע וועלט, אַ פרייע איז בעסער. אומעטום פרייהייט, גלייכהייט...

ניין! דאָס נישט, נאָר דאָס נישט! ער מוז זיך באַהערשן. ער טאָר נישט לאָזן זיין מוח זאָל פּלאַצן. ניין! ער מוז זיך באַהערשן. ער מוז דאָך פאַרניכטן דעם באַרבאַרישן פּרעצעדענט!

***

גאַנץ פרי איז געקומען אַ שליח פון בעי אים רופן:

— וואָס איז געשען? — האָט זיך געבייזערט דער הערשער — אויב דער אַדמיראַל אייערער וויל עפּעס פון מיר, פאַרוואָס קומט ער נישט אַהער? ער וויל מיך באַליידיקן צי וואָס? און פאַרוואָס זאָל איך מוזן באַצאָלן פאַר שיפן, וואָס די ענגלענדער האָבן אַרויסגעגנבעט? דערצו פאָדערט אייער אַדמיראַל איך זאָל אים גלייך ענטפערן. איך בין נישט געוווינט צו אַזאַ באַהאַנדלונג. ווי לאַנג איז עס אײַנגאַנצן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך געבעטן, אַז איך זאָל זיין גינציק צו איר? האָט איר שוין פאַרגעסן, אַז איר האָט מיר צוגעזאָלט איך זאָל שליסן אַן אָפּמאַך מיט אייער לאַנד? און די מתנות, וואָס איר האָט אונדז געבראַכט, געדענקט איר אויך נישט? טאָ וואָס פּלוצלינג אַזאַ אומפריינטלעכקייט, אַזאַ שטרענגקייט?

אויף דער לאַנגער רעדע האָט מרדכי געענטפערט קורץ:

— דער אַדמיראַל וועט פריער נישט אַרויף אויף דער יבשה, ביז דאָס געלט וועט זיין באַצאָלט.

— איך וועל קיינמאָל נישט באַצאָלן — האָט געזאָגט פעסט דער הערשער — איר וועט נישט קריגן קיין איינציקן פּיאַסטער.

מרדכי האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועק פון פּאַלאַץ.

דער בעי און זיינע מיניסטאָרן האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנסול איז אַזוי שטיל. דערווייל האָבן הויפישע שפּיאָנען אויסגעפונען, אַז דער אַמעריקאַנער אַדמיראַל איז, פאַרשטעלטערהייט, געפאָרן מיט אַ גרופּע מאַטראָזן, אויף אַ שיפל אין די וואַסערן פונעם פּאָרט.

ער גרייט זיך צו שיסן אויף דער שטאָט און זי פאַרנעמען. איז זיי געוואָרן קלאָר. האָט דער הערשער ווידער גערופן צו זיך מרדכין.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, קאָנסול נח — האָט געזאָגט דער בעי, — אַזוי לאַנג ווי אייערע שיפן זענען נישט געווען אין פּאָרט, האָט איר געשטורעמט. איצט, ווען איר האָט שוין דאָ די שיפן, שווייגט איר. איר קומט גאָרנישט פאָדערן?

— איצט איז נישט די צייט צו קומען צולויפן מיט פאָדערונגען — האָט מרדכי געזאָגט רואיק, קוקנדיק אים אין די אויגן — די פאָדערונג האָט צוגעשיקט דער אַדמיראַל. און ער וואַרט אויף אַן ענטפער. איצט האַלט עס ביי מעשים, נישט רעדן, נאָר טון.

דעם הערשערס אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און נאָכדעם ווי ער האָט צוזאַמענגעקלאַפּט די ציין, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אייך צושיקן דאָס געלט. נאָר געדענקט, אַז עס וועט קומען מיין געלעגנהייט. זאָגט אייער אַדמיראַל, ער זאָל קומען אַהער. איך שיק באַלד צו דאָס געלט. איך בין אַ רייכער הערשער. געלט שפּילט ביי מיר קיין ראָל נישט.

דער הערשער האָט באַצאָלט די פולע סומע — 46.000 דאָלאַר. די יידישע סוחרים האָבן נאָר באַצאָלט אַ פערטל — 11.000 פּיאַסטער.

מרדכי האָט באַצאָלט דעם חוב. ער האָט אויסגעלייזט די טשעקן, וואָס דער שטאַט־סעקרעטאַר, מאָנראָו, האָט נישט געוואָלט דעקן. ס'איז אים נאָך געבליבן אַ פופצן טויזנט דאָלאַר פאַר די שיף־אייגנטימער אין אַמעריקע, וואָס האָבן געהאַט דעם פאַרלוסט, ווען די ענגלענדער האָבן אַרויסגעגנבעט די פאַרכאַפּטע שיפן.

און כאָטש ער האָט געהאַט באַצאָלט דעם חוב, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויסגעזאָגט דעם הערשער, אַז ער קערט זיך אום קיין אַמעריקע. צו זיין זיכער, אַז דער הערשער זאָל נישט שטילערהייט אים טון בייז, אונטערשיקן אַ מערדער, האָט מרדכי געזאָגט, אַז ער פאָרט אויף אַ רייזע קיין פראַנקרייך.

דער הערשער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געוואָלט לעבן גוט מיט אַמעריקע און פאַר איר קאָנסול האָט ער געהאַט מער רעספּעקט ווי פאַר אַנדערע קאָנסולן. ער האָט אָפּגעשאַצט זיין פעסטקייט, זיין אומדערשראָקנקייט. האָט ער צו אים אַ זאָג געטון:

— קאָנסול נח, פאַרוואָס זאָלט איר אַוועקפאָרן? איצט איז דאָך נישטאָ צווישן אונדז קיין שום סיכסוך. איך האָף, אַז אונדזערע באַציאונגען זענען פריינטלעכע.

— זיכער — האָט געזאָגט מרדכי — איך לאָז דאָ איבער מיין פאַרטרעטער, און טאָמער מאַכט זיך, אַז איך קום נישט צוריק, וועט איר

אויפנעמען א נייעם קאנסול, וואס וועט ברענגען זיין באשטימונג פון אונ־דזער פרעזידענט.

— די אמעריקאנער רעגירונג גיט אים אוודאי א העכערן פאסטן — האט געזאגט א מיניסטער צום הערשער.

מרדכין האבן געשטאכן די רייד. ער האט זיך געטראכט, אז די ווילדע מענטשן פאלט גארנישט איין, אז זיין רעגירונג האט אים געקאנט וועלן אראפזועצן פון אמט, אז זי האט אים באליידיקט, דערנידעריקט.

דער הערשער האט אים שטארק געדריקט די האנט. ער האט אים צוגעפירט ביז צו דער טיר און זיך געזעגנט מיט אים זייער הארציק. אלע מיניסטארן האבן אים ארויסגעוויזן גרויס פריינטשאפט. דער הערשער און די מיניסטארן האבן אים געבעטן, ער זאל זיך אומקערן אינגיכן.

פון זייער פריינטשאפט איז אים געווארן גוט אויפן הארצן. ער איז געגאנגען מיט לייכטע טריט און גערעדט צו זיך:

— דער רשע מאנראו! „מיין רעליגיע האט דא געמאכט א זייער אומגינסטיקן איינדרוק".

— איך האב נישט געהערט, עקסעלענץ — האט געזאגט זיין דראגאמאן, אבדאלא, וואס איז געגאנגען א געבויגענער נעבן אים, און ער האט געמיינט, אז דער קאנסול האט גערעדט צו אים.

— א, איך האב געזאגט, אבדאלא, אז מען ווייסט נישט, וועמענס הארץ ס'איז פול מיט פריינטשאפט און וועמענס הארץ ס'איז פול מיט רשעות.

— נאר צו אלא אליין איז דאס באוווסט, עקסעלענץ, — האט צוגעשטימט דער דראגאמאן.

נאר וויפל פריינטשאפט דער הערשער מיט די מיניסטארן האבן אים ארויסגעוויזן, איז דאס נישט געווען קיין פארגלייך מיט דער גרויסער מאס טיפער פריינטשאפט, וואס עס האבן אים ארויסגעוויזן די קאנסולן.

אויסער דעם, וואס זיי האבן זיך געזעגנט מיט אים זייער הארציק, באדויערט שטארק זיין אוועקפארן האבן זיי אים געגעבן בריוו צו מאכן גרינגער דאס דורכפארן אין זייערע לענדער.

אין די בריוו האבן זיי געשריבן ווי עס טוט זיי באנג, וואס ער פארט אוועק און זיי האבן אויסגערעכנט זיינע מעלות אלס מענטש און אלס קאנסול.

„ס'איז א ווייטיק צו שיידן זיך מיט אזא געשעצטן קאלעגע און פריינט", האט געשריבן איין קאנסול.

„איך וועל נאָך אייער אוועקפאָרן באַלד בלייבן עלנט", האָט געשריבן אַ צווייטער קאָנסול.

צווישן די בריוו איז געווען איינער פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין טריפּאָלי, וואָס האָט שטאַרק געלויבט זיין פעסטע האַלטונג אַלס פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ער האָט געלייענט די בריוו און עס איז אים געוואָרן וואַרעם פון די האַרציקע רייד און ער האָט ווידער געטראַכט מיט ווייטיק: אַט וואָס פאַר אַ שטערונג עס איז מיין רעליגיע!

אוועק פון טוניס איז ער מיט אַ פראַנצויזישער שיף.

נאַפּאָלעאָן האָט שוין ווידער געהאַט פאַרלוירן. נאָך זיין אַנטלויפן פון אינדזל עלבאַ, איז ער געווען 100 טעג קייזער פון פראַנקרייך. ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף סעינט העלענאַ. דער צוריקגעקומענער בורבאָן־קעניג האָט געשיקט זיין קאָנסול קיין טוניס. און כאָטש קאָנסול מרדכי־נח האָט אָנערקענט נאַפּאָלעאָנס קאָנסול און אים אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט האָט דאָס נישט געשטערט דעם קעניגס שיפס־קאַפּיטאַן צו אויפנעמען דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אויף זיין שיף.

קיין איין מינוט רו האָט ער נישט געהאַט. עס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ווידער אָבער איז געשטאַנען פאַר אים מאָנראָוס פּרצוף און ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן אין געדאַנק צו אים. געמאָנט ביי אים אַן ענטפער, פאַרוואָס ער האָט אַזוי אומאַמעריקאַניש געהאַנדלט לגבי אים, אַן אַמעריקאַנער בירגער?

אין עטלעכע שטעט אין פראַנקרייך איז מרדכי דאָס מאָל געווען, ער איז געווען אין טולוז, אין מארסעי, אין באָרדאָ און אין פּאַריז. ער האָט ליב געהאַט אַרומצופאָרן, צו באַקענען זיך מיט נייע ערטער. נאָר דער דאָזיקער ווילן איז נישט געווען די איינציקע אורזאַך וואָס האָט אים געפירט, נישט גלייך קיין אַמעריקע, נאָר אויף געדרייטע וועגן, וואָס האָט אַלץ אָפּגעלייגט זיין קומען אַהיים.

ער האָט זיך יאָ געאיילט אַהיים. געריסן זיך צו זיין וואָס פריער אין אַמעריקע און אויפשטורעמען די אמתע פריינט פון פרייהייט קעגן מאָנראָוס פאַרברעכן. ער איז אויך געווען זיכער, אַז ער וועט זיגן אין זיין קאַמף, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז אומשולדיק. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז ער האָט נישט געטון קיין שום זאַך קעגן זיין אמת.

פונדעסטוועגן איז ער געווען אין פּאָרט־שטעט, געגאַנגען אין די

שענקען ,געווען ווידער אויף דער בערזע. ער האָט נאָר געזוכט צו זען נייע ערטער, נייע פּנימער?

און ווי אומרואיק עס זענען געווען די צייטן און מענטשן האָבן אויסגעמיטן אַרומצופאָרן, האָט ער אַלץ געזען פאַר זיך וועלטן מיט נייעס. מאַרסעי און פּאַריז, אין זיי האָט ער געזען, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט. מענטשן פון אַלע לענדער, פון די פאַרוואָרפנסטע מקומות, האָט ער געזען. איטלעכער אין זיין נאַציאָנאַלן טראַכט, אין די קליידער פון זיין פאָלק אָדער שבט, און די פראַנצויזן האָבן זיך וויניק־וואָס אומגעקוקט אויף די אַלערליי מענטשן, מיט זייערע פאַרשידנאַרטיקע אָנטועכצער.

איז מרדכי איינמאָל אַריין אין אַ שענק אין פּאַריז. ער האָט זיך שוין געהאַט געגרייט אַוועקצופאָרן און אויך נישט גלייך קיין אַמעריקע. ער האָט געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן פריער קיין לאָנדאָן. אַזוי ווי ער האָט געפּלאַנט צו שרייבן אַ בוך וועגן זיינע רייזעס, האָט ער געוואָלט, זייענדיק שוין אין פּאַריז, פאָרן קיין לאָנדאָן, רעדן מיט די לאָנדאָנער אַרויסגעבער פון ביכער. פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע אָדער טשאַרלסטאָן וועט ער זיך דאָך נישט קאָנען אַריבערכאַפּן אַזוי גיך קיין לאָנדאָן, ווי איצט, פון פּאַריז.

די שענק איז געווען פון ביליקסטן סאָרט. געקומען דאָרט זענען מערסטנס סאָלדאַטן, מאַטראָזן און אַביסל אָרעמע שכנים. ער איז טאַקע געווען אין אָרעמסטן געגנט און דערצו נאָך אין אַ קעלער. מרדכי איז שוין געהאַט געווען אין אַזויפיל שענקען, איז ער אַריין אין קעלער־שענק אויך.

געטרונקען האָט ער נישט, אין ערגעץ נישט. ער האָט געוויינלעך באַשטעלט פאַר זיך אַ טרונק, און ווען עמיצער האָט זיך צוגערוקט צו אים, פאַר נאָך איינעם. זיין טרונק האָט ער איבערגעלאָזן, אויב דער שכן האָט עס נישט אויסגעטרונקען.

דאָ איז ער גלייך נישט געווען אַליין. אַ פּאָר סאָלדאַטן האָבן זיך צוגעזעצט צו אים. און גיכער האָט ער זיך גאָר צוגעזעצט צו זיי. ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון זיי, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי ער פאַרבעט זיי צו זיצן מיט אים.

די סאָלדאַטן האָבן שוין געהאַלטן ביים אַריינגיסן אין האַלדז אַריין די שעפּער ווייַן, וואָס ער האָט באַשטעלט פאַר זיך. נאָר ווען זיי האָבן דערזען, אַז ער האַלט נאָר די שעפּ, ער טוט נישט דעם מינדעסטן ריר מיטן קאָפּ, ווי צום טרינקען, האָבן זיי צוריקגעשטעלט די שעפּער ווייַן אויפן שוואַרצן טיש און געזאָגט:

— אָן דיר טרינקען מיר נישט! דו מוזט אויך טרינקען!

ס'איז געוואָרן אַ געאַמפּעריי. דאָס האָבן די זעלנער זיך געאַמפּערט מיט אים. ער האָט נאָר געשוויגן. געזאָגט איינמאָל, אַז ער וועט טרינקען שפּעטער. אין דער געאַמפּעריי, איז צו זיי צוגעגאַנגען נאָך אַ סאָלדאַט, פון אַ ווינקל, וווּ עס איז געזעסן אַ גרופּע זייערע. ער איז צוגעקומען אַביסל שיכורלעך זיך געשטעלט פאַר מרדכין און געזאָגט:

— אַן אַמעריקאַנער, יאָ, ריכטיק.

— ריכטיק, אַן אַמעריקאַנער, — האָט צוגעגעבן מרדכי.

— ביסט נישט דער איינציקער אַמעריקאַנער דאָ. מיר האָבן דאָ נאָך אַן אַמעריקאַנער. ווילסט אים זען? ער האָט געזאָגט, אַז דו ביסט אַן אַמעריקאַנער, זעענדיק דיך פון ווייטנס. נו, ער האָט געטראָפן. ווילסט אים זען?

מרדכי האָט שוין גאָר געוואָלט זען דעם אַמעריקאַנער. ווי נאָר ער איז געקומען און ער האָט געטראָפן אַמעריקאַנער, האָט ער זיך באַנומען מיט זיי ווי מיט משפּחה. אָבער אומעטום אין אייראָפּע, וווּ ער האָט געטראָפן אַמעריקאַנער, זענען זיי געווען סוחרים, פאַרמעגלעכע לייט, וואָס זענען ארומגעפאָרן צוליב געשעפט, אָדער פון פאַרגעניגן וועגן. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים געזאָגט וועגן אַן אַמעריקאַנער אין אַזאַ אָרעמער ביליקער שענק, אין חברותא פון די אָרעמע זעלנער. נאָר ווי נייגעריק ער איז נישט געווען צו זען דעם אַמעריקאַנער, האָט ער פונדעסטוועגן געוואַרט, דער סאָלדאַט זאָל אויפהערן צו רעדן און אים מיטנעמען צו זיך אין זיין ווינקל אַריין. ער האָט מורא געהאַט, דער סאָלדאַט זאָל זיך נישט צעבייזערן. ער איז שיכורלעך, און אַוועקגיין אַ בייזער.

אין ווינקל, צווישן די פראַנצויזישע סאָלדאַטן, איז געזעסן אַ פרעמדער סאָלדאַט, יאָ, אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט ווי אין דער מלחמה פאַר פרייהייט מיט ענגלאַנד — אַ בלויען ראָק, אַ לעדערנע וועסט, הויזן ביז צו די קני און די גרויע האָר פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ.

דער סאָלדאַט אין אַמעריקאַנער אָנגעטועכץ איז שוין געווען גאָר אַן אַלטער. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם גאַסט, וועמען ער אַליין האָט ערשט דערקענט פון ווייטנס, אַז ער איז פון אַמעריקע. ער איז געווען גוט אָנגעטרונקען און ער האָט זיך צוגעהערט צו אַ שכן.

פאַרלוירן, ווי ער האָט זיך געפילט, וואָס דער אַמעריקאַנער אַלטער סאָלדאַט קוקט גאָרנישט אויף אים, איז מרדכי דאָך נישט אַוועקגעגאַנגען. דער, וואָס האָט אים געבראַכט צו פירן, האָט אַ זאָג־געטון צום אַלטן:

— אַט איז דאָך דער אַמעריקאַנער!

— נו, איז וואָס? איך בין דאָך אויך אַן אַמעריקאַנער, — האָט דער אַלטער געזאָגט — און נישט גלאַט דיר אַן אַמעריקאַנער. איך האָב זיך געשלאָגן פאַר אַמעריקע, אַרויסגעיאָגט דעם ענגלענדער.

ער האָט אויפגעהויבן ס'פּנים, באַקוקט מרדכין און געזאָגט:

— יונגערמאַן, דו האָסט זיך נישט באַטייליקט אין פרייהייטס־קריג. ביסט נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. זאָג נאָר, אין דער מלחמה, אין דער לעצטער, ביסטו געווען אַ סאָלדאַט?

מרדכי האָט געפילט, אַז ער ווערט רויט, כאָטש ער האָט נישט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז דער אַלטער סאָלדאַט זאָל וויסן ווי ער האָט געשטורעמט קעגן ענגלאַנד.

— מיין טייערער הער — האָט מרדכי גערעדט צו אים מיט דרך־ארץ — איך האָב גערופן דאָס לאַנד צו האַלטן מלחמה קעגן ענגלאַנד.

— יאָ? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבן און נישט געקאָנט איינשטיין, און וואַקלענדיק זיך, האָט זיך מיטגעשאָקלט זיין גרויער צאָפּ.

— טאָ קום אַהער, קום אַריין אינמיטן. איך הייס עמנואל נח, פון די טשאַרלסטאַנער.

מיט אַן אָפן מויל איז געבליבן מרדכי. זיינע גרויסע אויגן זענען גע־וואָרן נאָך גרעסער, מוראדיק גרויס. און אַזוי, מיט דעם אָפענעם מויל און די אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן איז ער געשטאַנען. דאָס פּנים האָט זיך נישט גערירט. פאַרגליווערט, פאַראַליזירט.

— האַ? וואָס זעצסטו זיך נישט? מיר בעטן דיך זיצן מיט אונדז. וואָס איז? וואָס קוקסטו אַזוי? זעעסט גייסטער? וואָס קוקסטו אַזוי?

ס'מוז האָבן לאַנג געדויערט, ביז מרדכי האָט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט. דער אַלטער סאָלדאַט האָט גאָרנישט אַזויפיל געמיינט וויפל ער האָט געזאָגט, צי ער זעט גייסטער, האָט ער אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ ביטערע זעאונגען עס זענען דאָ פאַרבייגעלאָפן אים פאַר די אויגן, וואָס פאַר אַ ווייטיקדיקע בילדער ער האָט אין די פאָר מינוטן געזען.

דעם אַלטן האָט אויך אַרומגענומען אַן אומרואיקייט. די אַנדערע סאָלדאַטן האָבן געקוקט אויף ביידן מיט וווּנדער. מרדכי האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אפילו אָן דעם אַלטן סאָלדאַטס אָנווייזן אויף אים. דער הויכער ברייטפּלייציקער מרדכי מיט זיין שיין־געשניצט פּנים און די געקרייזלטע באַקן־בערד און נאָך מער מיט זיינע פּרעכטיקע גרויסע אויגן, האָט שטענדיק און אומעטום צוגעצויגן יענעמס אויפמערק־

זאַמקייט און נישט סתם נייגעריקייט, נאָר אַ פאַרלאַנג צו קוקן אויף אים, איינקוקן זיך מיט אינטערעס געמישט מיט דרך־ארץ.

האָט זיי גאָרנישט געקענט איינפאַלן צו בייזערן זיך אויף אים, וואָס ער שטערט זיי. ס׳איז ביי זיי אויסגעוואַקסן אַ נייגעריקייט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָ צווישן די צוויי אַמעריקאַנער.

וואָס דער אַלטער סאָלדאַט האָט געזאָגט, האָבן זיי דאָך נישט פאַר־שטאַנען. ער האָט גערעדט צום פרעמדן ענגליש. מיט זיי פריער האָט ער גערעדט פראַנצויזיש.

— טאַטע! טאַטע! — האָט מרדכי ענדלעך אַרויסגערעדט און זיין צעטומלטקייט איז נישט געוואָרן קלענער — מיין טאַטע!

דער אַלטער האָט זיך אַ מוראדיקן טרייסל־געטון. אַזוי גיט אַ מענטש זיך אַ טרייסל איידער ער פאַלט אַוועק. ער איז אָבער נישט אַוועקגע־פאַלן. ער איז גאָר געבליבן שטיין פעסט. אין אַ רגע האָט ער זיך אויס־געניכטערט. ווייס ווי קאַלך, איז ער געשטאַנען, געקוקט אויף דעם צע־שראָקענעם פרעמדן. די ליפּן האָבן נאָר ביי אים געציטערט. אייגנטלעך, נישט געציטערט, נאָר באַוועגט זיך. דאָס האָט ער געוואָלט רעדן. און ער האָט גערעדט, קוים וואָס די ווערטער זענען אַראָפּ פון זיינע ציטערדיקע ליפּן.

— מר־ד־כי? ביסט מר־ד־כי?

מרדכי האָט נישט גערעדט. ער האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס מאַכט די מאַמע? צי־צי־פּו־רה?

מרדכי האָט נישט גערעדט, נישט געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג. דאָס בלוט האָט זיך אים געגאָסן אין די אויגן אַריין און אין האַרץ. האָט ער געמורמלט. קיינער האָט נישט געהערט: דער טאַ־טע, מיין טאַ־טע.

דער מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן ס׳ווייב אויף אייביק, דער פאָ־טער, וואָס האָט פאַרלאָזן זיינע קינדער אויף אייביק, ער האָט אָבער, ווי נאָר ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין זון, אַזוי גערן ווי ער האָט געוואָלט לעבן, געוואָלט וויסן, וואָס עס מאַכט זיין אַוועקגעוואָרפן ווייב. ער האָט נישט געפרעגט אויף די אַנדערע קינדער. לויט זיין חשבון, האָט ער דאָך איבערגעלאָזט דריי קינדער. ווו זענען די אַנדערע צוויי? ניין, ס׳ערשטע האָט ער געוואָלט וויסן וועגן ווייב.

און אַז מרדכי האָט אים אַלץ נאָך נישט געזאָגט, האָט ער זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער באַנק, אָן כוחות, צונויפגעקנוילט זיך און אַרויסגע־קרעכצט:

— זי איז שוין נישטאָ! די אָרעמע צפּורה — נישטאָ.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מרדכין און גערעדט צו זיך:
— אָרעמע צפורה. זי וואָלט איצט נישט געווען נאָך קיין פופציק יאָר. און איך, דער אַלטער מאַן, איך לעב, איך האָב זי איבערגעלאָזט.
דאָס האָט ער געזאָגט אַזוי, נישט ווײסנדיק, אַז ס'איז שוין געווען איבער צוואַנציק יאָר, ווי זי איז געשטאָרבן, אַז זי איז אויסגעגאַנגען נישט לאַנג נאָך דעם, ווי ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן, ווי זי האָט געהאַט דאָס מיידעלע.
מרדכי האָט נישט געפרעגט דעם פאָטער, ווו ער איז געווען, וואָס ער טוט, וואָס ער מאַכט. ווי נאָר עס איז איבערגעגאַנגען די אויפטרייס־לונג, נאָך אַלץ מיט אַ געענדערטער מראה אין פנים, אָבער מיט אַ זיכערן, פעסטן טאָן, האָט ער אים געזאָגט:
— טאַטע, פאָרסט מיט מיר אַהיים.
— יאָ — האָט דער אַלטער געזאָגט און געקוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן.
עפּעס האָט זיך געפונען איין סאָלדאַט אין דער גרופּע, וואָס האָט גענומען מאָנען, אַז זיי זאָלן צוזאַמען ווייטער טרינקען. דער פאָטער מיטן זון האָבן געשוויגן און די אַנדערע סאָלדאַטן האָבן אַ מאַך־געטון צו דעם מאָנער, ער זאָל האַלטן דאָס מויל. האָט ער אויך געשוויגן.
מרדכי האָט גלייך מיטגענומען דעם פאָטער צו זיך אין האָטעל אַריין. עס איז נאָך נישט געווען שפּעט ביינאַכט, ווען מרדכי האָט גע־הערט דעם פאָטער כראָפּען.
ער, מרדכי, האָט זיך נאָך נישט געהאַט געלייגט און ער האָט נישט געקלערט פון לייגן זיך. ער איז געווען אַזוי אויסגעהוילט, אַזאַ טרוקנ־קייט האָט ער געפילט אין אַלע גלידער, אַז ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט קאָנען איינשלאָפן.
מיטאַמאָל האָט עס אים געגעבן אַ הויב פון אָרט, ווי עמיצער וואָלט אים אָנגענומען אונטערן אָרים און אויפגעהויבן. אָט דער זעלבער האָט אים צוגעפירט צום פענצטער. שטאָק פינצטער איז געווען אויף דער גאַס. ער האָט אָבער גאָרנישט אַרויסגעקוקט. ער האָט נאָר צוגעלייגט דעם קאָפּ צום פענצטער און פּלוצים האָבן זיך אים אַ גאָס־געטון די טרערן פון די אויגן. נישט ער האָט געוואָלט באַוווסטזיניק וויינען, נישט ער האָט צו־ריקגעהאַלטן די טרערן. ער איז נישט געווען ביי זיך אין די הענט. עמיצער האָט אים אַריינגענומען אין די הענט אַריין.
די טרערן האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו גיסן. פאַרבאָרגענע קוואַלן

האָבן זיך געעפנט און זיי שטראָמען מיט אימפּעט, זעצן־אַרויף צו די אויגן און זיי גיסן אָן אויפהער.

ער איז געשטאַנען שטיל, נישט געקרעכצט, נישט געזיפצט. אוודאי נישט געהעשעט. מען האָט נאָר געקאָנט זען זיינע טרערן, אָבער נישט הערן ווי ער וויינט.

מרדכי האָט זיך נישט דערמאָנט צי האָט ער ווען עס איז געוויינט.

ווען זיין זיידע, יאַנאָס פּיליפּס, וואָס איז אים געווען זיידע און פאָ־טער, איז געשטאָרבן, האָט ער נישט געוויינט. (פון דער מוטער האָט ער נישט געדענקט — ער איז געווען אַ ייִנגעלע). איצט, צום ערשטן מאָל, וואָס ער וויינט, איז דאָס, ווען ער האָט געפונען זיין פאַרשוווּנדענעם פאָטער.

אַ שטיק צייט איז מרדכי אַזוי געשטאַנען מיטן פּנים אין פענצטער אַריין, און די קוואַלן פון טרערן האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרמאַכן.

***

מרדכי האָט נישט געפרעגט דעם פאָטער און דער פאָטער האָט אים נישט דערציילט, ווו ער איז געווען די גאַנצע צייט. דער פאָטער האָט גאָר נישט אויפגעהערט צו רעדן צו אים. ס'איז געווען מער געמאַכט מיט די ליפּן ווי גערעדט.

— זי איז געשטאָרבן. אָרעמע צפּורה. איך בין שולדיק! איך בין שולדיק!

— ווילסט טרינקען, טאַטע? — האָט מרדכי געזאָגט צומאָרגנס צום פאָטער.

האָט דער פאָטער צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ און מרדכי האָט אים גענומען אין שענק אַריין.

ער האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם פאָטער די מינדסטע וואַרעמקייט און קיין ווידערווילן אויך נישט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דער פאָ־טער מיטן זון זענען געווען שטענדיק צוזאַמען. דער פאָטער איז נישט אַוועק מיט אַ יאָר זעקס און צוואַנציק צוריק און דער זון האָט אים נישט דאָס ערשט געזען.

ער איז שוין נישט געפאָרן קיין לאָנדאָן. געוואָלט האָט ער אפילו יאָ אַהין פאָרן, ווי ער האָט געהאַט פריער באַשלאָסן. נאָר ס'האָט זיך גראָד געמאַכט אַ שיף קיין אַמעריקע, האָט ער געוואָלט זיין וואָס פריער אין דער היים.

אויף דער שיף האָט ער אויך געזען דעם פאָטער זאָל נישט פעלן קיין

טרונק. און אז דער פֿאָטער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן די אַנדע־רע פּאַסאַזשירן פֿון די מלחמה־טעג, ווי ער האָט זיך געשלאָגן אונטער גע־נעראַל מעריאַן און ווי ער איז געקומען צו וואַשינגטאָנען, ווי ער האָט דאָס ליב געהאַט צו טון כסדר, האָט דער זון אים נישט געשטערט. נישט געזאָגט אים, פֿאַרוואָס ער רעדט אַזויפֿיל. געלאָזט אים רעדן וויפֿל ער האָט געוואָלט. און ער האָט זיך נישט צוגעהערט. ווערטער האָבן זיך גע־שאָטן אָן א שיעור. פֿאַר אים האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוזאַמענהאַנג, קיין זין.

פֿיר און פֿערציק טעג האָבן זיי זיך געשלעפּט אויפֿן וואַסער. דער קאָפּ מרדכים האָט אַ מינוט נישט גערוט וועגן מאַנראָוען און אויף דעם דאָזיקן אומרואיקן קאָפּ האָבן אָן אויפֿהער זיך געשאָטן דעם פֿאָטערס רייד, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צוזאַמענהאַנג, קיין זין.

דער פֿאָטער האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון זון. ער האָט אים אויך גאָר־נישט געפֿרעגט. זיי זענען אַוועק צו נפֿתלין, וואָס אי ער און אי זיין פֿרוי, די מומע רחל, האָבן זיך געוואָלט אַ וואָרף־טון אויף מרדכין און זיך צע־קושן, ווי עס טוען געוויינלעך פֿעטער און מומע, וואָס האָבן שטאַרק ליב זייער באַרימטן פּלימעניק, ווען זיי האָבן נישט געזען דריי יאָר. זיי זענען אָבער געוואָרן אָפּהענטיק איבער דעם פֿרעמדן, וואָס האָט זיי אויס־געקוקט אַזוי באַקאַנט.

— ס׳איז דער טאַטע — האָט מרדכי געזאָגט רואיק, ווי דאָ וואָלט מאַקע גאָרנישט פּאַסירט.

— האָ? — האָט אַ שטוין־געטון נפֿתלי פּיליפּס און אים נישט גע־שאָנקען מער ווי אַ קרומען בליק. די מומע רחל, זי האָט נישט געזאָגט דאָס וואָרט „האָ" אויך נישט. ס׳פּנים האָט זיך איר אויסגעצויגן, די אויגן זענען איר אַרויסגעקראָכן און זי האָט זיך געמוזט אַוועקזעצן.

ווען יהודית האָט דערזען דעם פֿאָטער האָט זי אים נישט געגעבן די האַנט. זי האָט געקוקט אויף אים קאַלט. איר פּנים איז געווען געפֿרוירן, ווען זי האָט אים געזאָגט:

— איך וועל אַכטונג געבן אויפֿן טאַטן.

אָבער נאָכדעם האָט זי אים אויך נישט געגעבן די האַנט.

— ווען גענעראַל מעריאַן האָט מיך געשיקט צו וואַשינגטאָנען — האָט דער פֿאָטער אָנגעהויבן צו דערציילן אין נפֿתלים שטוב, גערעדט רואיק, גאָרנישט, ווי ער וואָלט ערשט געפֿונען זיין טאָכטער, וואָס ער האָט פֿאַרלאָזן אַ פּאָר טעג נאָך איר געבורט און זי נישט געזען באַלד 27 יאָר.

מרדכי ווערט רעדאַקטאָר

מרדכי האָט דערציילט דעם פעטער, וואָס מאָנראָו האָט אים געטון, געוויזן אים דעם בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געשריבן, אַז זיין יידישקייט איז אַ שטערונג.

נפתלי פיליפּס איז געוואָרן בלאַס. אַ ווייַלע האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ער איז נישט דער ערשטער רשע און נישט דער לעצטער. יידן וועלן זיין רשעות אויך איבערלעבן. אוודאי מוז מען עס גלייך באַקעמפן. אָבער באַלד וועט ער מוזן אָנקומען צו דיר, צו דיין טובה.

— וואָס מיינסטו?

— כאַפּ נישט, מיין טייערער פּלימעניק — האָט נפתלי אים אַ דריקגעטון די האַנט — מאָנראָו וויל ווערן פּרעזידענט. ער איז אונדזער קאַנדידאַט. די רעפּובליקאַנער שטעלן אים אַרויס. און דו, מרדכי, דו ווערסט ביי מיר רעדאַקטאָר פון מיין ציימונג, פון „נעשאָנאַל עדוואָקעיט". פאַרשטייסטו שוין, מיין טייערער פּלימעניק, דו וועסט דאַרפן פירן דעם קאַמפּיין פון די רעפּובליקאַנער אין ניו־יאָרק. וועט צו דיר מוזן אָנקומען מאָנראָו. ער איז נישט אַזויפיל רשע ווי בהמה.

— גוט. אָבער איך מוז פאָרן פריער קיין וואַשינגטאָן. איך מוז זען מאָנראָון.

— יאָ, גלייך טאַקע פאָרן. פריער מוזטו אָבער זיין רעדאַקטאָר פון „נעשאָנאַל עדוואָקעיט". צו מאָנראָון זאָל קומען מאַיאָר נח, דער רעדאַקטאָר פון „נעשאָנעל עדוואָקעיט", די צייטונג פון די ניו־יאָרקער רעפּובליקאַנער.

— אַ דירה האָב איך שוין אויך גרייט פאַר דיר — האָט צוגעגעבן נפתלי — דו און יהודית, ווייסטו דאָך, האָבן געקאָנט וווינען ביי מיר, ווי לאַנג איר וואָלט געוואָלט. איר ווייסט, ווי ליב איר זענט מיר, ווי מיינע אייגענע קינדער. נאָר אַז דו האָסט אים געבראַכט, מוזט איר וווינען באַזונדער. איך וויל אים נישט האַלטן אין מיין שטוב. צאָלן וועל איך דיר נישט וויפל איך וואָלט געדאַרפט צאָלן. וועסט אָבער דורכקומען. פופצן הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. טאַמאַני־חברה וויל אַלץ פאַר זיך. פופצן הונדערט דאָלאַר איז אויך קוים מיט צרות.

נפתלי פיליפס, מרדכים פעטער, איז געווען דער ארויסגעבער פון „ניישאנאל עדוואקעיט", א צייטונג, וואס איז ארוים וועכנטלעך, צוויי מאל וועכנטלעך און טעגלעך, און איז געווען דער ארגאן פון די רעפּובּליקאנער (דעמאקראטן) אין ניו־יארק. די ארגאניזאציע פון די רעפּובּליקאנער איז געווען די „טעמעני סאסייעטי".

— מיין טייערער פלימעניק — האט געזאגט דער ארויסגעבער נפתלי, דער פּראקטישער סוחר, וואס איז געווען א מאכט אין דער ניו־יארקער פּאליטיק, צו זיין איבער דרייסיקיאריקן שוועסטערס זון — צו מאנראון פּארט נישט אן אראפּגעזעצטער קאנסול, נאר דער רעדאקטאר פון זיין פּארטיים צייטונג אין ניו־יארק.

דער ערשטער נומער צייטונג, וואס איז ארוים אונטער מרדכים רעדאקציע, האט געמאכט א שטורעם אין ניו־יארק. איידער מען האט זיך אומגעקוקט, האבן אויסגעפּעלט נומערן. נפתלי האט געלאזט דרוקן עקסטרא נומערן, דערוואַרטנדיק, אז א נייגעריקער עולם וועט קומען קריגן די צייטונג. אבער אויך די עקסטרא־נומערן זענען נישט געווען גענוג.

ס'איז געווען א נייעס אין שטאט, אין דער וועלט פון צייטונגען. צייטונגס־לייענער האבן נישט געדענקט צו האבן ווען עס איז געלייענט אזא שפּראך. אזא פרישע, אזא לעבעדיקע, אזא שיינע, רייכע און קלארע שפּראך אין א צייטונג. דער טאן האט זיך א הויב־געטון — קרעפּטיק, קעמפּעריש. עס וועט שוין זיין לעבעדיק אין שטאט, — האבן די לייענער געזאגט. — ער וועט נישט פּארקוקן קיין אומרעכט, ער וועט דערלאנגען שמיץ. מען זעט שוין פון ערשטן נומער. ער איז אויך א קענער, א געלערנטער, זעט מען.

מרדכי איז געפארן קיין וואשינגטאן. אן חשק האט אים אויפגענומען מאנראו. מרדכי האט אבער גערעדט צו אים רואיק און שארף.

— די פאראייניקטע שטאטן איז נישט קיין קריסטלעך לאנד — האט מרדכי געזאגט דעם שטאט־סעקרעטאר — אין אונדזער אפּמאך מיט טריפּאלי איז אזוי פארשריבן. דזשאעל בארלאו, אונדזער פארשטייער, אליין א קריסט, האט דאך ארייגעשריבן אין אפּמאך דעם דאזיקן פּונקט: „ארטיקל 11 — אזוי ווי די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע איז באין אופן נישט באזירט אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, אזוי ווי זי האט נישט אין זיך קיין שטריך פון שנאה צו די געזעצן, רעליגיע אדער רואיקן לעבן פון די מוסולמענער; און אזוי ווי די דערמאנטע שטאטן זענען קיינמאל נישט ארוים אויף מלחמה אדער מיט א פיינטלעכן טאט קעגן קיין מאכמעדאניש פאלק, ווערט דערקלערט פון ביידע

צדדים, אַז קיין שום טענה, וואָס וועט אַרויסקומען דורך רעליגיעזע מיי־נונגען, זאָל קיינמאָל נישט איבעררייסן די האַרמאָניע, וואָס עקזיסטירט צווישן די צוויי פעלקער".

ער האָט געוויזן מאַנראָוען אַ קאָפּיע פון אָפּמאַך מיט דעם פּונקט, אַז אַמעריקע איז נישט קיין קריסטלעכע נאַציע און ער האָט אים געזאָגט:

— הער סעקרעטאַר, דער אָפּמאַך איז באַשטעטיקט געוואָרן פון סע־נאַט. די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַ פריי לאַנד. אַלע רעליגיעס זענען דאָ פריי, גלייך.

דער הויכער מאַנראָו איז עפּעס געוואָרן קלענער, ווי ער וואָלט איינ־געשרומפּן. ער איז אויך געווען בלאַס, און ער האָט אויסגעמיטן צו ענט־פערן אויף דער פראַגע פון רעליגיע.

— מאַיאָר — האָט ער געזאָגט קאַלט — איר זענט איבערגעטראָטן אייערע אינסטרוקציעס. איר האָט זיך נישט אויפגעפירט ווי געהעריק. איר האָט אומנייטיק אויסגעגעבן רעגירונגס־געלטער. באַווייזט, אַז די באַשולדיקונגען זענען נישט ריכטיק.

מרדכין האָט אַ ברען־געטון, וואָס מאַנראָו דרייט זיך אַרויס מיט טענות, וואָס ער אַליין ווייס, אַז זיי זענען גרונטלאָז. נאָר כדי מאַנראָו זאָל זיך נישט באַהאַלטן הינטער די טענות, האָט ער באַשלאָסן אָנצו־הייבן דעם קאַמף צו באַווייזן, אַז די אַלע טענות זענען נישט מער ווי בלבולים.

— איך וועל שוין גאָר באַווייזן! — האָט מרדכי געזאָגט ביים אוועקגיין.

ער האָט אָנגעהויבן מיט די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן פון פּענ־סילווועניע, דרום קאַראָליינע און פון אַנדערע דרום שטאַטן, וואָס האָבן אים געקענט פון אַמאָל. זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו העלפן אין קאַמף, זענען אָבער געווען קאָנגרעס־מיטגלידער פעדעראַליסטן, וואָס האָבן נאָך געדענקט זיין קאַמף קעגן זייער פּאַרטיי און זיי האָבן זיך געגרייט צו באַקעמפן זיינע פּלענער.

דער קאַמף האָט זיך געצויגן. די פעדעראַליסטישע צייטונגען אין ניו־יאָרק, וואָס האָבן שוין מער ווי איינמאָל דערפילט איבער זייער לייב די שאַרפקייט פון מרדכים פען, האָבן זיך צעשריבן קעגן אים. זיי האָבן אויסגעטראַכט אַלערליי בילבולים אויף אים.

האָט מרדכי אָפּגעדרוקט אַ בוך וועגן זיין ענין מיט אַלע דאָקומענטן און חשבונות. זענען די פעדעראַליסטישע צייטונגען אַרויס מיט אַ באַ־

שולדיקונג, אַז דאָס בוך איז נישט צו באַווייזן זיין אומשולד, נאָר צו פאַר־לוימדן מאָנראָוען, וואָס האָט זיך טאַקע פאַר אים דערשראָקן.

די פיינטלעכע צייטונגען האָבן אויך געשריבן, אַז געדאַרפט האָט מען שטעלן מרדכין צום געריכט פאַר פאַרשווענדן רעגירונגס־געלט און איינ־זעצן אים, נאָר מען טוט דאָס נישט, ווייל מען וויל זיך נישט איינרייסן מיט אים. מאָנראָו האָט מורא פאַר אים, פאַר זיין פען, פאַר זיין צייט־טונג. פון די 46.000 דאָלאַר, וואָס מרדכי האָט אַרויסגעקראָגן פון דעם טוניסער בעי, האָבן די דאָזיקע בלעטער געמאַכט 200.000.

אַ געמיינעם, אַ שענדלעכן קאַמף האָבן די פעדעראַליסטישע צייט־טונגען געפירט קעגן אים. זיי האָבן געוואָלט פטור ווערן פון זיין שאַרפער פען. האָבן זיי אויסגעטראַכט די געמיינסטע ליגנס.

ער איז נישט געבליבן שולדיק. ער האָט מיט זיין שאַרפער פען גע־שניטן רעכטס און לינקס. ער האָט באַוויזן מיט זיין געדרוקטן בוך, אַז זיי זענען גיפט־מישער, אַז קיין איין אמת וואָרט האָבן זיי נישט געשריבן וועגן אים.

— אַט איז מיין בוך, אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. איך זאָג נישט קיין בייז וואָרט קעגן קיינעם. איך סטראַשע נישט קיינעם. איך דרוק דאָ־קומענטן פון דעם ענין. אַלע פּאַפּירן וועגן דער אויסלייזונג פון די גע־פאַנגענע מאַטראָזן. אַלע דאָקומענטן, וואָס זענען נויטיק צו באַווייזן מיין אומשולד. אָבער די נידערטרעכטיקע פעדעראַליסטן זאָגן, אַז איך פאַר־לוימד עמיצן. וועמען? ווו איז אין דעם בוך דאָ פאַרלוימדונג?

באַגרינדעט אויף דאָקומענטן האָט מרדכי צעקלאַפּט די באַשולדי־קונג, אַז ער האָט פאַרשווענדט רעגירונגס־געלטער. ער האָט באַוויזן, אַז אים קומט נאָך געלט פון דער רעגירונג.

דער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט האָט געוואָלט פאַרשווייגן זיין בוך. אָבער מרדכיס פריינט אין קאָנגרעס האָבן נישט דערלאָזט דערצו. זיי האָבן געצוווּנגען דעם שטאַט־דעפּאַרטאַמענט צו האַנדלען. דער ענין איז אַריבער צו דעם גענעראַל־פּראָקוראָר און ער האָט אַרויסגעגעבן זיין אַנ־טשיידונג.

נאָך אַ לאַנגן און אומדערמידלעכן קאַמף איז מרדכי געוואָרן ריינ־געוואַשן פון די געלט־באַשולדיקונגען. דער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט האָט אים געשריבן, אַז „אין איינקלאַנג מיט דער אַנטשיידונג פון גענעראַל־פּראָקוראָר זענען אויסגעגליכן געוואָרן זיינע חשבונות אַלס קאָנסול פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין טוניס. און אַ באַלאַנס פון פינף טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק דאָלאַר מיט זיבן און פופציק סענט, וואָס עס ווערט

באריכטעט, אַז עס קומט אייך, וועט איר קריגן באַצאָלט, ווען דער קאָנ־גרעס וועט אויף דעם באַשטימען געלט".

ריינגעוואַשן פון געלט־בלבול איז ער געוואָרן, מרדכי־נח. דער זעל־בער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט, נאָר אונטערגעשריבן פון אַן אַנדערן באַ־אַמטן האָט אים דאָס געלאָזט וויסן.

זיין וווּנד פון אָנגריף אויף זיין גלויבן האָט דער זעלבער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט נישט פּרובירט אַפילו צו וועלן היילן. מאָנראָו האָט גע־לאָזט די וווּנד אָפן.

און דאָס איז נישט געווען די איינציקע וווּנד, וואָס מרדכי־נח האָט געקראָגן אין אָנגריף אויף זיין גלויבן. אַ סך מאָל האָבן די שונאי־ישראל אַטאַקירט זיין אמונה.

צוויי רעדעס

איבער נאַכט איז מרדכי־נח געוואָרן פּאָפּולער אין ניו־יאָרק, אַלס שרייבער און רעדנער.

אין צייטונג האָבן לייענער דאָס ערשטע געכאַפּט לייענען זיינע לייט־אַרטיקלען און פּאַראַגראַפן. ס'איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל אים נישט אינטערעסירן. ער האָט געשריבן וועגן פּאָליטיק און קריטיקירט די שטאָט־פירונג. און אַלס רעדנער האָט ער נישט געהאַט גענוג טעג און נעכט פאַר די רעדעס, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן.

אין יאָר אינגאַנצן איז ער געווען אין ניו־יאָרק און טעמעני, די אָר־גאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט די פּאָליטישע מאַכט אין שטאָט, האָט אים איינגעלאַדן צו זיין דער הויפּט־רעדנער אויף דער פייערונג פון 4טן יולי. דאָס איז געווען אין יאָר 1817.

ס'איז נישט געווען אַ פאַרזאַמלונג פון טעמעני אַליין. אַ האַלב טוץ אָרגאַניזאַציעס פון שיפבויער און אַרבעטער, שניידערס, סטאָליאַרעס און מוליאַרעס האָבן גערופן די פאַרזאַמלונג מיט טעמעני. די אָרגאַניזאַציע פון די אירלענדער איז אויך צוגעשטאַנען.

דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט און עס האָבן אַלע נישט אויפגע־הערט צו שטראָמען מענטשן פון אַלע זייטן צו הערן מאַיאָר נחס רעדע. איז די פייערונג אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דרויסן. די גאַס איז געווען געפּאַקט און אויף די טרעפּ פון הויז איז געשטאַנען מאַיאָר נח און גע־האַלטן זיין רעדע.

ער האָט געלערנט מיט דעם עולם אַ לעקציע פון פרייהייט. ער האָט זיי דערציילט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך דערוואָרבן איר פריי־הייט.

אומדירעקט האָט ער געענטפערט אין זיין רעדע זיינע נייע שונאים אין דער ניו־יאָרקער פרעסע פון די פעדעראַליסטן.

פון אָנהויב אָן זענען די פעדעראַליסטישע זשורנאַליסטן אים באַ־פאַלן. ווי נאָר זיי האָבן דערפילט זיין שרייבערישן כוח, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים צו צערייסן.

ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי. ער האָט געמאַכט פון זיי אַש אין

זיינע אַרטיקלען. אָבער איין אָנגרייפער זיינער האָט אים טיף ווי געטון. דעם דאָזיקן אָנגריף האָט ער גאַנץ לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן.

דער אָנגרייפער האָט צווישן די זידל־ און שפּאָט־נעמען אים גערופן „מאָזעס" און ער האָט געשריבן אויף אים אַזוי:

„דער פּאָליטישער גורל פון דעם גרויסן שטאַט האַלט זיך אויף די אַקסלען פון דעם מאָדערנעם אַטלאַס — אַ פרעמדער. אַן אַ פאַמיליע אָדער אייגנטום".

אַ פרעמדער? דאָס וואָרט האָט דורכגעלעכערט זיין האַרץ. ער אַ פרעמדער? ער איז דאָך שוין דער פינפטער דור אין אַמעריקע! זיין על־טער־עלטער־זיידע, דר. נונעס איז געקומען קיין אַמעריקע. זיין באָבע, רבקה, איז דאָך שוין דאָ געבוירן געוואָרן! נאָר ווייל ער איז אַ ייד, דער־לויבן זיך די פיינט זיינע אים צו רופן פרעמדער. ווען ער וואָלט געווען אַ נישט־ייד, וואָלטן זיי אים נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ פרעמדער, אפילו ווען ער וואָלט דאָ נישט געווען געבוירן געוואָרן.

עס האָט אים געברענט און נישט געוואָלט אָפּלאָזן. דער גוי, וואָס האָט געשריבן, אַז ער איז אַ פרעמדער, איז ערשט נישט לאַנג אין אַמע־ריקע. געבוירן אין אַן אַנדער לאַנד, געקומען אַהער און איידער ער האָט זיך נאָך רעכט אַרומגעקוקט, זאָגט ער אויף אים, אויף מרדכי־נחן, דעם פינפטן דור אין אַמעריקע, אַז ער איז אַ פרעמדער.

עס האָט געעגבערט זיין האַרץ. דער וואָרעם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין געדאַנק, ענלעך ווי אין קאָנסולאַט אין טוניס, נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן מאָנראָוס בריוו: — „ס'איז אַלץ, ווייל מען האָט נישט קיין איין שפּאַן אייגענע ערד אונטער די פיס. אַלץ דערפאַר. אַלע דערפאַר! אַלע צרות, ווייל יידן האָבן נישט קיין איין שטיקל לאַנד זייער אייגנס. אַ שטיקל מלוכה, אַ טעריטאָריע, אַ ברעקל טעריטאָריע".

ווערטער, ברענענדיקע קוילן האָט ער געוואָרפן אויף די קעפּ פון די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, און אויף די, וואָס זענען נישט געשטאַ־נען אַרום אים.

„אונטער דער פירערשאַפט פון פּאָליטישן פאָטער, דעם אומשטערב־לעכן וואַשינגטאָן, האָבן די באַרימטסטע אימיגראַנטן געקעמפט העלדיש פאַר אונדזער פרייהייט" — האָט ער אויסגערופן, — „פון אירלאַנד און פון פראַנקרייך, פון דייטשלאַנד און פון פוילן, פון אַלע לענדער, פון אַלע פעלקער איז מען געקומען אַהער און געקעמפט פאַר פרייהייט".

די גאַסן אַרום זענען פאַרהילכט געוואָרן פון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס עס האָבן אים געגעבן זיינע צוהערער. די אירלענדער און די דייטשן,

די פראנצויזן און די פאליאקן. העכער פון אלעמען האבן אים אפלאדירט די עטלעכע יידן. העכער, שטארקער.

דעם בארימטן רעדנער איז נישט געווען גענוג צו רעדן וועגן דער פרייהייט פון די פאראייניקטע שטאטן אליין. ער האט גערעדט וועגן דער פרייהייט פאר אלע אמעריקאנער לענדער, פון דרום־אמעריקע אויך.

מרדכי־נח האט אין זיין 4־טער יולי־רעדע געפאדערט די באפריי־אונג פון די אמעריקעס „פון דער הערשאפט און קאנטראל פון די אייראַ־פעאישע מאכטן. אמעריקע זאל זיך אויפהייבן אין דער גאנצער מעכטי־קייט פון פרייהייט און ארויסרופן די וועלט (די אונטערדריקער) צו דעם קאמף".

דער גרויסער עולם איז געווען אין עקסטאז אונטערן איינפלוס פון זיין רעדע.

— אוי, א רעדנער! א צונג, — גאלד און זילבער.

— ער איז געטלעך!

אזוי זענען געגאנגען די רייד צווישן ברייטן עולם. א טייל פון די פירער, באזונדערס די רייכע, זענען נישט געווען שטארק צופרידן מיט דער גאנצער רעדע.

— ער איז א גוטער רעדנער — האט געזאגט עקפארד, דער באנ־קיר, — דער בעסטער רעדנער. מען קאן אבער נישט זיין זיכער מיט אים. ער רעדט צופיל וועגן פרייהייט. דאס רייצט דעם עולם.

— ס'איז זיין בלוט — האט געגעבן א ווונק בארקער — יידן לאזן נישט זיין רואיק.

צווישן די געציילטע יידן, וואס זענען געקומען צו דער פייערונג, איז געווען דער דייטשער ייד דניאל דזשעקסאן מיט צוויי קינדער, א יינגל און א מיידל.

— קומט־מיט אויפן יום־טוב פון אמעריקעס פרייהייט — האט ער געזאגט.

דאס מיידל, רבקה־אסתר, זי איז נאר־וואס געווארן זעקס יאר, האט נישט אראפגענומען די אויגן פונעם רעדנער. און אז דער עולם האט אים אפלאדירט, האט זי שטארק מיטגעקלאפט מיט אירע קליינע הענ־טעלעך.

דניאל דזשעקסאן האט שפעטער זיך צוגעשטופט צום רעדנער און ווייזנדיק אויף די קינדער, האט ער געזאגט:

— מאיאר נח, די קינדער האבן אייך שטארק אפלאדירט. באזונ־

דערם זי, די קליינע רבקה אסתר. איר דאַרפט אַ קוק טון אויף אירע הענטעלעך. זיי זענען רויט ווי פייער.

מרדכי האָט אַרויפגעלייגט איין האַנט אויפן יינגל און די צווייטע אויפן מיידל און זיי געגלעט. דאָס מיידעלע איז געוואָרן רויט ווי פייער און דער מאיאָר האָט זי אַ נעם־געטון מיט ביידע הענט און אויפהייבנדיק זי צו זיך, האָט ער געזאָגט:

— ביסט אַ טייער מיידעלע!

— האָסט ליב דעם מאיאָר, אַ־יאָ, רבקה־אסתרל? — האָט געפרעגט דער פאָטער.

שעמעוודיק האָט דאָס מיידעלע צוגעשאָקלט מיטן קעפל.

***

וועגן זיך, זיינע אָבות, האָט ער נישט דערמאָנט קיין וואָרט. דאָס האָט ער געטון אין אַ צווייטער רעדע, אין שול, ניין חדשים שפּעטער.

ס'איז געווען דער חנוכת־הבית פון דער „שארית ישראל־שול", די איינציקע שול אין ניו־יאָרק. יאָנאַס פיליפּס, זיין זיידע, איז אַמאָל געווען איינער פון די חשובסטע מיטגלידער אירע. זיין עלטער־זיידע, דוד מענדעז מאַטשאַדאָ, איז דאָרט געווען חזן און רב. מאיאָר נח איז געווען דער הויפּט־רעדנער אויף דער פייערונג.

דער „קהל קודש שארית ישראל" האָט איינגעוואָרפן די אַלטע שול־געביידע און געבויט אַ נייע. דער חנוכת־הבית איז געווען פרייטיק פון שבת הגדול פון יאָר תקע"ח.

אין שול איז נישט געווען אַזאַ גרויסער עולם ווי אויף דער 4טער יולי־פייערונג. זי איז אָבער אויך געווען פול. אַלע יידן זענען געווען. עס זענען אויך געקומען נישט־יידן.

זיין רעדע אין שול איז געווען אַ פלאַמיקער אַפּיל פאַר טאָלעראַנץ, פאַר דער פאַרניכטונג פון אַבערגלויבן, פון פיינטשאַפט איבער אמונה.

ער האָט געגעבן אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער יידישער געשיכטע, די צרות און פאַרפאָלגונגען. פרעה, אשור פרס, רוים, 1800 יאָר פון אונטערדריקונג. פון אספּסינוסן אָן ווערט די יידישע געשיכטע געשריבן מיט בלוט. פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט — פאַרוואָס אונטערדריקן די פעלקער, פון מצרים אָן ביז היינט די יידן?"

דער גרונט פאַר דער שנאה איז, האָט ער אָנגעגעבן: „אומוויסנהייט און נישט פאַרגינען. די געצנדינער האָבן פאַרהאַסט די גלויבנדיקע אין

איינציקן גאָט. פאַנאַטיזם און אבערגלויבן צוזאַמען מיט קרעמערישן נישט־פאַרגינען, וואָס זענען שטענדיק די אמתע אורזאַכן פון אומטאָלע־ראַנץ, זענען די וואָרצלען פון שנאת צו יידן.

„קרעמערישער נישט־פאַרגינען איז די אמתע אורזאַך פון אומטאָ־לעראַנץ. די שנאה קומט נישט פון ערלעכן גלויבן, נאָר פון פאַלשער האַנדלס־קאָנקורענץ", האָט מרדכי־נח אַרויסגעשטעלט די ריכטיקע סיבה פון האַס קעגן יידן.

אַן אויסגעצייכנטן איבערבליק אויף דער יידישער געשיכטע האָט ער געגעבן, אויף דער באַציאונג פון קריסטנטום צו יידן, פון די קירכן־פאַטערס און פויפּסטן און אַ בילד פון דער לאַגע פון די יידן אין די פאַר־שידענע לענדער אין זיין צייט.

שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָט ער אַרויסגעשטעלט באַזונדער. די גאַנ־צע שפּע איז אַוועק פון דער פינצטערער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, ווען זיי האָבן פאַרטריבן די יידן. „זאָלן אַנדערע לענדער פאַרנעמען די וואָרענונג פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל".

מיט פייערדיקן עקסטאַז האָט ער גערעדט וועגן פרייהייט און גלייכ־הייט אין אַמעריקע. ס'איז באַלד הונדערט יאָר, ווי דאָ איז געפייערט געוואָרן דער חנוכת־הבית פון דער ערשטער שול אין נאָרד־אַמעריקע. „אויף דעם זעלבן אָרט איז מיט זעכציק יאָר צוריק געשטאַנען מיין על־טער־זיידע, דער רב פון דער שול", האָט ער צוגעגעבן. ריידנדיק וועגן דערציאונג, האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז „געבן די קינדער אַ דערציאונג אויף העברעאיש — די אַלטע שיינע שפּראַך פון אונדזערע פּאָעטן, נבי־אים און העלדן".

פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן רייד, וואָס נישט די יידן און נישט זייערע נישט־יידישע געסט האָבן דערוואַרט צו הערן. זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע רייד:

„ביז די יידן וועלן צוריקגעווינען זייערע רעכט פון אַמאָל, זייער מדינה, און פאַרנעמען אַן אָרט גלייך מיט די רעגירונגען אויף דער ערד, איז דאָ זייער אויסדערוויילט לאַנד. דאָ קאָנען זיי רוען צוזאַמען מיט אַלע פאַרפאָלגטע פון יעדן לאַנד, זיכער מיט זייער לעבן און זייער אייגנטום, באַשיצט פון טיראַנען און פון אונטערדריקונג, און זיך באַטייליקן אין אַלצדינג מיט גלייכע רעכט און שוץ. פערציק יאָר פון דערפאַרונג האָבן באַשטעטיקט די וויזהייט פון אונדזערע פרייהייט־אינסטיטוציעס. זיי וועט מען אַנדערש נישט אויפגעבן סיידן אינאיינעם מיט דער עקזיסטענץ פון גאַנצן פאָלק".

רייד קיינמאָל נישט געהערטע — אין די אויערן פון די פּאַרזאַמלטע — יידן וועלן צוריקגעווינען זייערע רעכט פון אַמאָל, זייער מדינה. יידן וועלן האָבן אַ רעגירונג צוגלייך מיט אַלע רעגירונגען אויף דער ערד. מאָדנע, נישט געהערטע רייד. די צוהערער האָבן געשטוינט.

נאָך מער האָבן זיי געשטוינט, ווען ער האָט זיי געראַטן אַראָפּצור־גיין פון די „קרומע וועגן פון האַנדל, וואָס ווערט פאַלש אָנגערופן קאָ־מערץ".

— לערנט די קינדער אַ מלאכה, נעמט זיך צו ערד־אַרבעט! — האָט ער אויסגערופן — ערד־אַרבעט איז די וויג פון טוגענט, די שולע פון טרייהייט צום לאַנד, צום פאָלק. דער ערד־אַרבעטער איז דער געטרייס־טער זיין לאַנד.

אַרונטעררייסנדיק די קרומע וועגן פון האַנדל, האָט ער אויפגעקאָכט די מערסטע פּאַרזאַמלטע, וואָס זענען געווען סוחרים. זיי האָבן אָבער גע־שוויגן, געבויגענע אונטער די שמיץ פון זיינע פייערדיקע רייד.

נאָר די רייד ביז אַהער זענען אין דער אמתן געווען שטילע, רואיקע, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט ווייטער. ווילד־איבער־ראַשטע זענען געשטאַנען די צוהערער מיט אָפענע מיילער.

— קיינמאָל פריער זענען די אויסזיכטן צוריקצושטעלן דאָס יידי־שע פאָלק צו זיינע רעכט פון אַמאָל נישט געווען אַזוי בריליאַנט ווי איצט.

— די צאָל פון די יידן וואַקסט — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן זיבן מיליאָן יידן אויף דער וועלט היינט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז זייער צאָל קליין. דריי טויזנט איבערן גאַנצן לאַנד, אַ טויזנט אין ניו־יאָרק. אָבער אויף דער גאַנצער וועלט — זיבן מיליאָן. „מיר זענען איצט מער ווי ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. מיר באַזיצן מער רייכטום, ענערגיע, איינפלוס און פעאיקייטן, ווי יעדער אַנדער פאָלק פון אַן ענלעכער צאָל. דער סיגנאַל פאַר דער פאַרניכטונג פון דער טערקישער מאַכט אין איראָפּע וועט זיין די עמאַנציפּאַציע פון די יידן. די יידן וועלן אויסלייזן נאָרד־אַפריקע פון זייערע אונטערדריקער; זיי וועלן העלפן איינפירן די ציוויליזאַציע אין דער אייראָפּעאישער טערקיי און וועלן אויפלעבן קאָמערץ און די קונסטן אין גריכנלאַנד. זיי וועלן מאַרשירן אין זיגרייכע צאָלן און ווידער ווערן די באַזיצער פון סיריע און האָבן זייער רעגירונג צווישן די רעגירונגען אויף דער ערד. דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע. איך בין גענוג געווען צווישן זיי אין איראָפּע און אין אַפריקע — איך בין צו גוט באַקאַנט מיט זייערע אָנזיכטן און געפילן

אין אזיע, אז איך זאל נישט צווייפלען אין זייערע כוונות. זיי האלטן דאס שנירל פון געלט־בייטל און זיי קאנען אומגיין מיט א שווערד. זיי קאנען ארויסשטעלן הונדערט טויזנט מאן אויפן שלאכטפעלד. לאמיר האפן, אז דער טאג איז נישט ווייט, ווען דורך פרייע און אויפגעקלערטע מיטלען וועלן מיר קאנען קוקן אהין צו יענעם לאנד, ווו אונדזער פאלק וועט שוין האבן געשאפן א מילדע, א גערעכטע און אן ערנהאפטע רעגירונג, אנערקענט ביי דער וועלט און געשעצט ביי אלע גוטע מענטשן".

א טייל פון די פארזאמלטע, ווי זיי זענען נישט געווען דערשראקן פון זיינע רייד, האבן אים שטארק אפלאדירט. זיי זענען געווען באצווונגען פון זיינע רייד פון א זעער. די נישט־יידישע געסט האבן אים אפלאדירט פאר זיין שיינעם רעדן, פאר זיין אראטארישער קונסט. די רייד, אז די יידן וועלן האבן צוריק זייער לאנד, האט גארנישט דערגרייכט זייערע אויערן. נאר א היפשע צאל יידן האבן אים נישט אפלאדירט. זיי זענען געווען אויף אים אין כעס.

— א פלוידערזאק! ער האט דאס אנגעפלוידערט אביסל נארישקייטן!

— נארישקייטן? איר רופט דאס נארישקייטן? ער האט גערעדט געפערלעכע רייד.

אזוי האבן זיי גערעדט צווישן זיך, דערשראקענע, בייזע.

דניאל דזשעקסאן איז געווען אין שול מיט די קינדער. ער האט זיך דערנאך צוגעשטופט צום רעדנער.

— מאיאר נח, — האט ער אים געזאגט, — הלוואי פון אייער מויל אין גאטס אויערן! איר האט מיך מחיה געווען מיט אייערע רייד וועגן הייליקן לאנד.

מרדכי האט געשמייכלט א דאנקבארער און דערזען דאס מיידעלע, האט ער זי א נעם־געטון מיט ביידע הענט, אויפגעהויבן צו זיך און זי איז געווארן רויט ביז איבער די אויערן.

— שיין מיידעלע, ביסט, קיין בייז אויג נישט, אויסגעוואקסן זייט דעם 4טן יולי.

— די קליינע איז אין אייך פארליבט, מאיאר נח. גיט־נאר א קוק אויף אירע הענטעלעך ווי רויט זיי זענען פון אפלאדירן. זי האט געפאטשט מיט אלע אירע כוחות.

קיין ספק איז פונדעסטוועגן אין שטאט נישט גערעדט געווארן וועגן זיינע רייד מכוח ארץ־ישראל. אין גערויש פון לעבן איז דער ענין ארויס־

געפֿלויגן פֿון געדאַנק. מרדכים פֿאָטער איז געווען כמעט דער איינציקער, וואָס האָט נישט אַזוי גרינג אויפגעהערט צו רעדן דערפֿון.

— וואָס אים קאָן אַלץ איינפֿאַלן! — האָט געזאָגט עמנואל נח נישט אײנגאַנצן אַ ניכטערער, צו זיין טאָכטער — יידן זאָלן איינגעמען ארץ־ישראל! וואָס טויג אים נישט די פֿאַראייניקטע שטאַטן? ווען ער וואָלט זיך געשלאָגן אונטער וואַשינגטאָנען, הערסטו, וואָלט ער נישט געחלומט פֿון נעכטיקע טעג. אַן אייגענע רעגירונג גאָר!

די טאָכטער האָט אים נישט געענטפֿערט, נישט גערעדט צו אים, כאָטש זי האָט אים געטריי באַדינט.

מרדכי האָט אָפּגעדרוקט די רעדע און ער האָט געשיקט קאָפּיעס צו די דריי געוועזענע פּרעזידענטן פֿונעם לאַנד — צו דזשעפערסאָנען, דזשאָן עדעמס און מעדיסאָנען. ער האָט געוואָלט, אַז זיינע רייד וועגן יידן און ארץ־ישראל זאָלן צוקומען צו די באַרימטסטע מענטשן אין לאַנד, און ווען די צייט וועט קומען, זאָלן זיי זיין גרייט פֿאַר דער וווּנדערלעכער געשעעניש.

צו יעדן עקס־פּרעזידענט האָט ער צוגעלייגט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געבעטן אַ מיינונג וועגן זיין רעדע. האָט ער אין בריוו צום געוועזענעם פּרעזידענט מעדיסאָן שוין דערמאָנט וועגן מאַנראָוס בריוו.

„עס טוט מיר באַנג, האָט ער געשריבן צו מעדיסאָנען, וואָס איך האָב נישט געהאַט דעם פֿאַרגעניגן צו זען אייך, זייט איך בין צוריקגעקומען פֿון מיטללענדישן ים. עס שטאַמט דערפֿון, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז איך בין צוריקגערופֿן געוואָרן פֿון מיין אַמט איבער זייער אומגינסטיקע איינדרוקן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף אייך. אויב די דאָזיקע איינדרוקן האָבן טאַקע עקזיסטירט, טו איך ערנסט האָפֿן, אַז זיי זענען שוין געוואָרן אָפּגעווישט דורך די שפּעטערדיקע אויפֿקלערונגען, ווייל איך וויל זייער שטאַרק איר זאָלט זיין זיכער, און איך האָב נישט קיין פּניה ביים געבן די דאָזיקע פֿאַרזיכערונג, אַז קיין שום בייז איז נישט געשעען אין בערבערן (לאַנד) דעם עפֿנטלעכן דינסט איבער מיין רעליגיע. וואָס שייך מיר, אדרבא, מיין איינפֿלוס און פּאָזיציע אין אויסלאַנד זענען געוואָרן גאָר שטאַרק געלויבט.

איך וואָלט געבעטן נישט נאָר פֿון דער טובה וועגן פֿון מיינע גלויבנס־ברידער, נאָר פֿון דער טובה־וועגן פֿון אייער אדמיניסטראַציע, אַז אויב דער בריוו פֿון מיין אָראָפּזעצונג קאָן נישט ווערן אויסגעמעקט פֿון די ביכער פֿון שטאַט־דעפּאַרטאַמענט, זאָל אַזאַ אויפֿקלערונג ווערן צוגעלייגט און אַזוי אַרום פֿאַרמיידן דאָס בייז, וואָס קאָן אַרויסקומען פֿון דעם

פּרעצעדענט — ווייל אַז מיינע חשבונות זענען אויסגעגליכן און איך קריג נאָך דעם באַלאַנס, וואָס מיר קומט, בלייבט אין דעם בריוו נאָר איין אויסזעצונג, וואָס רירט אָן מיין רעליגיע, אַן אויסזעצונג, וואָס איך בין איבערצייגט, איר קאָנט נישט מיטפילן. איר קאָנט נישט אַנדערע אויטאָ־ריזירן אַזוי צו פילן".

אַלע דריי עקס־פּרעזידענטן האָבן אים געענטפערט אויף זיינע בריוו און געשריבן צו אים וועגן זיין רעדע אין שול.

פון די דריי האָט דעם שענסטן און פייערלעכסטן בריוו געשריבן דער גרויסער פרייהייטס־גייסט טאָמאַס דזשעפערסאָן. זיין בריוו איז דאַ־טירט מאי 28, 1818, געשריבן אין מאָנטיסעלאָ.

— „איך דאַנק אייך פאַר אייער רעפעראַט אויפן חנוכת־הבית פון דער שול אין אייער שטאָט, וואָס איר זענט געווען אַזוי גוט מיר צוצו־שיקן. איך האָב עס געלייענט מיט פאַרגעניגן און אינטערעס, האָבנדיק געלערנט דערפון עטלעכע ווערטפולע פאַקטן פון דער יידישער געשיכ־טע, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט פריער. אייער פאָלק (סעקטע) האָט, דורך זיינע ליידן, צוגעשטעלט אַ מערקווירדיקן באַווייז פון דעם אוניווערסאַלן גייסט פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין יעדן פאָלק, וואָס כל־זמן ס'איז שוואַך, שאָקלט עס זיך אָפּ דערפון און פּראַק־טיצירט עס, ווי נאָר עס קריגט מאַכט. אונדזערע געזעצן האָבן געשאַפן דעם איינציקן קעגנגיפט קעגן דער דאָזיקער זינד, באַשיצנדיק אונדזערע רעליגיעזע, ווי זיי באַשיצן אונדזערע ציווילע רעכט, דורך אַוועקשטעלן אַלע אויף אַ גלייכן יסוד.

„אָבער מער נאָך בלייבט ערשט צו ווערן געטון. ווייל כאָטש מיר זענען לויט דעם געזעץ פריי, זענען מיר עס נישט אין דער ווירקלעכ־קייט. די עפנטלעכע מיינונג שטעלט זיך אַוועק אַלס אַן אינקוויזיציע און איבט אויס איר מאַכט מיט פּונקט אַזויפיל פאַנאַטיזם, ווי דאָס, וואָס צעבלאָזט די פלאַמען פון אַן אויטאָ־דאַ־פע. די פאָראורטיילן, וואָס ווערן געשליידערט אויף אייער טייל פון אונדזער רעליגיע, כאָטש זי איז די עלטערע, איז אוממעגלעך, אַז איך זאָל זיי נישט פילן. מען דאַרף האָפן, אַז אינדיווידועלע נייגונגען וועלן זיך ענדלעך אויסשמעלצן אין פאָרעם פון געזעץ און וועלן האָבן אין זינען דעם מאָראַלישן באַזיס, אויף וועלכן עס שטייען אַלע אונדזערע רעליגיעס, ווי דער הויפּט־פּונקט וואָס פאַר־אייניקט זיי אַלע אין אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. און אין דער זעלבער צייט די ספּעציעלע דאָגמעס, וואָס צעצווייגן זיך פון איטלעכן גלויבן,

גייען־אן נאר די אנהענגער פון דעם זעלבן גלויבן און זענען אומבאמערק־באר פאר אנדערע.

„די עפנטלעכע מיינונג דארף אויך אויף דעם פונקט ווערן איבער־געפארמט און עס וועט האבן דעם ווייטערן גליקלעכן עפעקט, וואס עס וועט אפשאפן היפאקריטסטווע.

„קיין זאך, דענק איך, וואלט געקאנט דאס דורכפירן, ספעציעל אין פאל פון אייער פאלק, ווי די מער פארזיכטיקע אויפמערקזאמקייט צו בילדונג, וואס איר טוט רעקאמענדירן און וואס וועט, דורך אוועקזעצן זיינע מיטגלידער אויף די גלייכע און פירנדיקע ערטער פון וויסנשאפט, ארויסשטעלן זיי ווי גלייכע פאר רעספעקט און ליבשאפט.

„איך באגריס אייך מיט גרויס רעספעקט און פארערונג,

טאמאס דזשעפערסאן".

דזשיימס מעדיסאן, וועמענס בריוו דאטירט דעם 15טן מאי 1818, געשריבן אין מאנטעפעליע, דאנקט אים אויך פארן צושיקן דעם רעפע־ראט און ער דערקלערט, אז ער „האט שטענדיק געהאלטן, אז די פריי־הייט פון רעליגיעזע מיינונגען און דינסט געהערט גלייך צו יעדן גלויבן". ער גיט צו עטלעכע שורות וועגן דעם „מאנראָ־בריוו":

„אזוי ווי אייער מיסיע אין אויסלאנד האט איך געהאט אין צייט פון מיין אדמיניסטראציע, קאן עס נישט זיין אנדערש, ווי נאר צופרידנ־שטעלנד פאר מיר צו הערן, אז אייערע חשבונות זענען געווארן געשלאסן אויף אזא גינציקן אופן פאר אייך... ס'איז געווען זיכער, אז אייער גלויבן איז געווען גוט באוווסט, ווען איר זענט געווארן באשטימט אויף דעם אמט, און דאס אליין אזעלכעס האט נישט געקאנט זיין קיין מאטיוו פאר אייער אראפזעצונג".

עקס־פרעזידענט דזשאן ערעמס האט אים געשריבן פון קווינסי, דעם 31־טן יולי, 1818.

נאך דעם געוויינלעכן דאנק פאר דעם בריוו דאנקט ער אים ספעציעל פארן רעפעראט און זאגט: „איך ווייס נישט, ווען איך האב געלייענט א מער ליבעראלע און עלעגאנטערע קאמפאזיציע".

געשלאסן דעם בריוו האט ער מיט פאלגענדן פאראגראף:

„איך ווינטש, אייער פאלק (נאציע) זאל ווערן צוגעלאזן צו אלע פריווילעגיעס פון בירגער אין יעדן לאנד אויף דער וועלט. אונדזער לאנד האט געטון א סך. איך ווינטש, עס זאל טון נאך מער; און זאל אנולירן יעדן ענגן געדאנק אין רעליגיע, רעגירונג און קאמערץ.

„ס'איז ווילגעפעלן גאט, אז אברהם זאל געבן אמונה נישט נאר

צו יידן, נאָר אויך צו קריסטן און מאַכמעדאַנער, דעם גרעסטן טייל פון דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט".

מרדכי האָט אויך געשיקט אַ קאָפּיע פון זיין רעדע צום פּרעזידענט, צו מאָנראָוען. פון אים האָט ער נישט געהערט. האָט ער דעמאָלט וועגן דעם געשריבן אַזוי:

„איך הער גאָרנישט פון ה' מאָנראָ. איך וויל אָבער טון אים מער גערעכטיקייט ווי ער האָט געטון צו מיר. איך דריק־אוים מיין גלויבן, אַז זיינע געפילן זענען די זעלבע, ווי עס האָבן זיינע באַרימטע פאָרגייער, כאָטש זיין בריוו צו מיר אין טונים שיינט צו האָבן אַן אַנדערע מיינונג".

אַ טעאַטער־בענעפיט

מרדכי האָט נישט געהאַט קיין גרינג לעבן. פינאַנציעל איז ער געווען כסדר געדריקט. ער האָט זיך געמוזט פירן ברייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָליטישן פירער און באַרימטן רעדאַקטאָר. האָט ער געמוזט האָבן אַ טייערע דירה. די 1.500 דאָלאַר אַ יאָר, וואָס ער האָט געקראָגן געהאַלט, איז נישט געווען גענוג צו דעקן זיינע גרויסע אויסגאַבן. ווייל אויסער דעם, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן דעם פאָטער מיט דער שוועסטער, האָט ער געהאַט אַן אָפענע האַנט. מען האָט נאָר געדאַרפט מאַכן פאַר אים אַ קרומע מינע, האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע.

זיינע אָנהענגער אין טעאַטער האָבן איינמאָל זיך אָנגעזעצט אויף אים, ער זאָל אָנשרייבן אַ פּיעסע פאַר זיין אייגענעם ערן־אַוונט. ער זאָל טאַקע נעמען די איינקונפט פון דער ערשטער פאָרשטעלונג.

ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער טעאַטער־קריטיקער אין ניו־יאָרק און איינער פון די באַרימטסטע דראַמאַטורגן. אַ היפּשע צאָל פון זיינע פּיעסן זענען שוין געווען אויף דער בינע. אין די טעאַטער־קרייזן איז מרדכי געווען שטאַרק באַליבט. אומעטום, אייגנטלעך, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס דאָס האָט, נאַטירלעך, קעגן אים פאַרשאַפט אַ סך שנאה צווישן די נישט־פאַרגינער. ווען דער באַרימטער אַקטיאָר קין איז געקומען קיין אַמעריקע, און ביי זיין אָפּפאָרן האָט מען אים געמאַכט אַ באַנקעט, איז מרדכי געווען דער הויפּט־רעדנער.

באַלד ווי ער איז געקומען פון טונים און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, איז ער, ווי אַ טעאַטראַל, געגאַנגען אין טעאַטער און ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין נייע פאָרשטעלונג.

ער האָט אין די ערשטע פאָר וואָכן געהאַט אַ גרויסן סורפּריז.

דאָס פּאַרק־טעאַטער האָט געשפּילט אַ פּיעסע מיט דעם נאָמען „דהי וואַנדערינג באָים". נישט קיין נייע פּיעסע. זי איז געבראַכט געוואָרן פון לאָנדאָן מיט איבער אַ יאָר צוריק, וווּ מען האָט זי שוין געהאַט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג מער ווי אַ יאָר. איז מרדכי געגאַנגען זען די פּיעסע. פאַר אים איז זי געווען אַ נייע.

די ערשטע פאָר ווערטער, וואָס די אַקטיאָרן האָבן אַרויסגערעדט,

האָבן אים געקלונגען באַקאַנט. ער האָט זיי ערגעץ געהערט. אָבער די ווייטערדיקע רייד זענען אים נאָך מער באַקאַנט, און באַלד האָט ער זיך צעלאַכט — ס'איז דאָך זיין פּיעסע! די ווערטער זענען דאָך זיינע. אָבער וואַרט ביי וואַרט! ס'איז דאָך זיין פּיעסע: „פּאָול ענד עלעקסיס אָר דהי אָרפּענס אָוו דהי ריין".

אַזוי! דאָס האָט דער ענגלישער דראַמאַטורג גענומען זיין פּיעסע און איבערגעמאַכט דעם נאָמען, נישט מער ווי דעם נאָמען — „דהי וואַנדערינג באָיס". אַנשטאָט די יתומים פון ריין, פּאָול און עלעקסיס„ געמאַכט „די וואַנדערנדיקע יינגלעך". ווייטער איז אַלץ זיינס, מרדכים.

דאָס איז דאָך די פּיעסע, וואָס ער האָט געשריבן אין טשאַרלסטאָן. ווען האָט גאָר געקענט איינפאַלן אַזאַ זאַך? ער האָט אָנגעשריבן דאָס טעאַטער־שטיק פאַר דער שיינער אַקטריסע. געמיינט האָט ער, אַז ס'איז נאָר פאַר איין פאָרשטעלונג. ערשט ווערט זי גאָר געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין לאָנדאָן און אויך אין ניו־יאָרק און ווער ווייסט, ווו נאָך ערגעץ!

אינמיטן שפּילן האָט ער גאַרנישט געזאָגט די אַקטיאָרן. שפּעטער האָט ער זיי דערציילט.

— וואָס ווילט איר טון? — האָט אים געפרעגט די הויפּט־אַקטריסע — מאַיאָר נה, די פּיעסע ברענגט אונדז געלט.

האָט ער געשמייכלט.

— שפּילט זי ווייטער ווי ביז אַהער. איך האָב נאָך נישט פאַרדינט קיין סענט ביים טעאַטער און איך דערוואַרט נישט צו פאַרדינען. און דעם כבוד בין איך אייך מוחל.

אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן צו לאָזן איינאָרדענען אַן ערן־אָוונט פאַר זיך.

— איר טוט אַזוי פיל פאַרן טעאַטער — האָבן די טעאַטער־פריינט געטענהט צו אים — איר זענט דאָך אַן אמתער פּיאָנער פון אַמעריקאַנער טעאַטער. איר האָט געקעמפט פאַר אַמעריקאַנער דראַמע. מיט אייער שרייבן וועגן טעאַטער האָט איר געלערנט דאָס פאָלק צו פאַרשטיין בעסער טעאַטער. איר האָט אָפּגענומען די חרפּה פון אַמעריקאַנער טעאַטער־שטיק. ביז אייך האָט דאָך אַן אַמעריקאַנער שרייבער מורא געהאַט אַרויפצושטעלן זיין נאָמען אויף זיין פּיעסע. איר האָט דאָך כמעט דער ערשטער געגעבן אייער נאָמען פאַר אייערע פּיעסן. דאַרפט איר האָבן אַן ערן־אָוונט. עס וועט מאַכן פּאָפּולער די אַמעריקאַנער דראַמע.

מרדכי האָט געשמייכלט און געפּרוווט אָפּשלאָגן דעם געדאַנק וועגן אַן ערן־אָוונט.

— אַז אַ מענטש איז נישט קיין פּיינלינג, קומט אים נאָך נישט קיין מעדאַל — האָט ער געזאָגט — איך האָב נישט מורא געהאַט צו שטעלן מיין נאָמען אויף מיינע פּיעסן. זיכער. איר ווייסט פאַרוואָס? דווקא אַזוי פאַרזיכער איך דעם דערפאָלג פון מיינע פּיעסן. ווי נאָר מען אַנאָנסירט מיינס אַ פּיעסע, קומען ערשטנס זי זען מיינע פריינט — זיי ווילן, אַז מיין פּיעסע זאָל האָבן דערפאָלג. עס קומען אויך מיינע שונאים. זיי זענען זי־כער, אַז זי וועט נישט טויגן, ווילן זיי זען מיין מפּלה. זיי ווילן זי אויך אויספּייפן.

— איך האָב אַ סך פריינט און נישט ווייניקער שונאים. איז דאָס טעאַטער אַלעמאָל געפּאַקט. די אַנדערע פּיעסן־שרייבער האָבן מורא צו געבן זייערע נעמען, ווייל זיי מיינען, אַז דער עולם וועט נישט וועלן קו־מען. „אָ, אַ היגער שרייבער? — וועלן זיי זאָגן — לוינט נישט צו גיין זען". מוזן זיי באַהאַלטן זייערע נעמען, אָנגעבן גאָר פרעמדע נעמען, נישט קיין היגע, נאָר ענגלישע, אַמאָל אויך פראַנצויזישע, דייטשע. זיי האָבן מורא איינצושטעלן. איך נישט.

דאָס מאָל האָט ער זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. נאָר נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט אויפגעפירט זיינס אַ נייע פּיעסע — פון דער מלחמה פון 1812 מיט ענגלאַנד, און זי איז געווען אַ דערפאָלג; די אַקטיאָרן האָבן אַפילו אַרויפגעצווונגען אויף אים צוויי זילבערנע קרוינען אַ מתנה, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן צו האָבן אַן ערן־אָוונט.

ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע פּיעסע פאַר זיין ערן־אָוונט — „די באַ־לאַגערונג פון טריפּאָלי". דאָס טעאַטער האָט זיך געגרייט צו דער פאָר־שטעלונג ווי צו דעם גרעסטן יום־טוב. די לעכער אין דיל האָט דער פאַר־וואַלטער געלאָזט פאַרקלאַפּן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון די בענק, אויס־געקערט די לאָזשעס און די פענסטער ביי דער בינע אָנגעגאָסן מיט פרישן וואַסער.

פּאַרק ראָו, די גאַס פון הויפּט־טעאַטער, די לעבעדיקסטע און שטור־רעמדיקסטע גאַס פון שטאָט, האָט נאָך נישט געהאַט אַזאַ געדרענג ווי יענעם אָוונט. קאַרעטעס און קאָטשלעך האָבן גאָרנישט אויפגעהערט צו פאָרן, פון אַלע זייטן, ווי ווייט ס'אויג קען כאַפּן, האָבן זיי זיך געצויגן. ס'איז אויך געגאַנגען אַ גרויסער עולם צופוס. די רייכסטע מענער און פרויען, אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע, בלענדנדיק מיט זייער רייכ־קייט און ווילטאָג, די דעה־זאָגערס פון שטאָט, ריכטער, אַדוואָקאַטן,

שרייבער, דער גאַנצער „פּער", זענען געקומען צו מרדכים ערן־אַוונט. אַביסל אָרעמער עולם איז אויך געווען. מרדכי האָט געהייסן אויסטיילן אַ פּאָר הונדערט בילעטן אומזיסט.

די פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דריטהאַלבן טויזנט צושויער זענען געווען אין טעאַטער. זיי זענען נישט מיד געוואָרן פון אַפּלאָדירן די אַקטיאָרן און דעם דראַמאַטורג.

— אויטאָר! אויטאָר! מיר ווילן דעם אויטאָר! זאָל ער אַרויפקומען אויף דער בינע! מאַיאָר נח! מיר ווילן דעם מאַיאָר! זאָל ער זיך ווייזן אויף דער בינע! — האָבן די צושויער געפּאַטשט מיט די הענט און נישט אויפגעהערט צו שרייען באַלד נאָכן ערשטן אַקט.

מרדכי איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און איז נישט אַרויפגעקומען. האָט דער פאַרוואַלטער אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אים געוואָלט אַרויפציען. אָבער מרדכי האָט זיך נישט געלאָזט.

אינמיטן צווייטן אַקט איז געשען אַ שטיקל שטערונג. אַ ליכט איז אומגעפאַלן. מען האָט מורא געהאַט, עס זאָל נישט ווערן קיין שריפה. דער טעאַטער־עולם איז שוין אָבער געוווינט צו אַזעלכע פאַלן, און ווי נאָר מען האָט געזען, אַז אַ טעאַטער־דינער איז צוגעלאָפן און מיט אַ נאַסער שמאַטע פאַרלאָשן דאָס ליכט, זענען אַלע געבליבן רואיק און דאָס שפּילן איז געגאַנגען ווייטער.

— אויטאָר! מיר ווילן דעם אויטאָר! מאַיאָר! ווו איז מאַיאָר נח? זאָל ער אַרויסקומען אויף דער בינע! — האָט דער עולם געפּאַטשט נאָכן צווייטן אַקט און געשריגן.

אויך דאָס מאָל האָט מרדכי זיך נישט געוואָלט ווייזן.

— פאַרוואָס, מאַיאָר, ווילט איר נישט? — האָט אים געפרעגט די הויפּט־אַקטריסע, אַ וווּנדערשיינקייט פון אַ פרוי.

— די בינע איז אייגנטום פון די אַקטיאָרן — האָט ער געזאָגט — אַלע אַפּלאָדיסמענטן קומען אייך.

ער איז נישט אַרויס אויף דער בינע אויך נישט ביים סוף. ער האָט געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

— די אַפּלאָדיסמענטן קומען די אַקטיאָרן.

נאָכן שפּילן האָט דער פאַרוואַלטער אים דערלאַנגט פיר הונדערט דאָלער.

— מאַיאָר, דאָס איז אייער ריווח — האָט ער אים געזאָגט, און די גאַנצע טרופּע איז געשטאַנען און געקוקט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג אויף דעם דראַמאַטורג.

ער האָט גענומען דאָס געלט. מ'האָט אָבער געזען, אַז ער איז נישט שטאַרק צופרידן, וואָס ער מוז עס נעמען.

אַרום דריי אַזייגער ביינאַכט איז געוואָרן אַ גוואַלד. דאָס פּאַרק־טעאַטער ברענט! דאָס באַרימטע טעאַטער ברענט און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז געוואָרן דערפון אַ באַרג אַש.

גאַנץ פרי האָט מרדכי זיך דערוווּסט פון דעם שריפה. האָט ער גע־נומען דאָס פּעקל געלט פון ערן־אָוונט און איז אַוועק צום טעאַטער. אַן עולם איז געשטאַנען און געקוקט נייגעריק אויף דעם באַרג אַש, וואָס האָט נאָך גערויכערט. און אויף די אַקטיאָרן, וואָס זענען געשטאַנען בלאַ־סע, אומעטיקע.

— געזען אַן אומגליק, מאַיאָר! — האָבן זיי געשריגן צו אים, ווי נאָר זיי האָבן אים נאָר דערזען פון דער ווייטנס — וואָס וועט מען טון? ווו וועט מען שפּילן? פאַרברענט אונדזער טעמפּל!

— זאָרגט נישט, נאָר נישט פאַרלירן דעם מוט — האָט ער געזאָגט צו זיי, קומענדיק נענטער מיטן גרויסן שטעקן — איכ'ל אייך געפינען אַ טעאַטער. מיר'ן אויפבויען אַ ניי טעאַטער. אַ שענערס. אַ גרעסערס.

ער האָט געגעבן אַ ווונק צו די אַקטיאָרן. ווען זיי זענען שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל, האָט מרדכי אַרויסגענומען דאָס פּעקל געלט, עס דערלאַנגט דעם פאַרוואַלטער און געזאָגט:

— טאַם, נאַ דיר די פּאָר דאָלאַר. צעטיילט זיך. ביז מ'וועט געפי־נען אַ טעאַטער, דאַרפט איר דאָך געלט.

דער פאַרוואַלטער האָט צוריקגעשטופּט דאָס געלט. די אַקטיאָרן האָבן געשריגן, אַז זיי וועלן נישט נעמען. ער טאָר דאָס נישט טון. ס'איז זיין געלט. ער האָט עס פאַרדינט פאַר זיין שווערער און איבערגעגעבענער אַרבעט פאַרן טעאַטער. יאָרן, ווי זיי פאַרדינען דורך זייערע פּיעסן און ער האָט נישט געהאַט קיין סענט. זיי וועלן נישט נעמען דאָס געלט.

— מאַכט זיך נישט נאַריש! — האָט ער זיי געזאָגט שטרענג — מיר זענען דאָך פריינט. איך ווייס, אַז טאַמער שפּילט איר נישט היינ־טיקע וואָך, וועט איר קומענדיקע וואָך נישט האָבן קיין סענט. מוזט איר נעמען דאָס געלט. איך האָב עס נישט געוואָלט פון אָנהייב אָן. איר ווייסט דאָס.

זיי האָבן אויפגעגעבן דעם ווידערשטאַנד. דער פאַרוואַלטער האָט גענומען דאָס געלט. און ביי אַ טייל אַקטיאָרן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַלע האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו מרדכין מיט אַזויפיל ליב־

שאפט און פארערונג, טראכטנדיק, ווי וווּנדערלעך דער מענטש איז, ווי ער ווייס זייער ענגשאַפּט און ווי ער האָט זיי שוין געבראַכט הילף.

ארומגערינגלט פון די אַקטיאָרן, האָט מרדכי געזאָגט:

— מען דאַרף גלייך זיך נעמען צו דער אַרבעט צו בויען דאָס טעאַטער.

— אוי, מאַיאָר! איר ראַטעוועט אונדז! — האָט געזאָגט די הויפּט־אַקטריסע, אַ וווּנדער־שיינהייט פון אַ פרוי — איר זענט וווּנדערלעך!

— וווּנדערלעך! — האָבן די אַקטיאָרן אויסגערופן — אַ, מאַיאָר, איר זענט וווּנדערלעך!

זיי האָבן אים נאָכגעקוקט, ווי ער איז אוועקגעגאַנגען. מיט באַגייסטערונג און פאַרגעטערונג האָבן זיי געמורמלט:

— ווי וווּנדערלעך! ווי וווּנדערלעך!

טייל 3

מרדכי זוכט אַ טעריטאָריע פאַר יידן

צוויי מענער זענען געווען די פּאָליטישע באַלעבאַטים פון ניו־יאָרק. זייער וואָרט איז געווען באַפעל, געזעץ. זיי זענען געווען די הויפּט־פירער פון טעמעני. און אַזוי ווי טעמעני האָט געהאַט די מאַכט איבער ניו־יאָרק, זענען זיי, די הויפּט־פירער פון דער הערשנדער אָרגאַניזאַציע, געווען די הערשער פון שטאָט.

די צוויי פירער זענען געווען מאַיאָר נח, דער ייד, און סטיפען עלען, דער קריסט.

וועמען זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי געגעבן אַן אַמט און וועמען זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי אָראָפּגעזעצט.

מרדכי האָט אויך שוין אָפּגעדרוקט זיין בוך „טרעוועלס" — רייזע־באַשרייבונגען פון אייראָפּע און פון אפריקע, וווּ ער האָט אַ סך געשריבן וועגן זיינע האַנדלונגען אַלס קאָנסול און ער האָט באַוויזן, ווי ער איז גע־ווען גערעכט און ווי אומגערעכט עס איז געווען מאָנראָו.

דאָס בוך האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ס'איז געווען געשריבן לייכט, געשיקט, מיט אוצרות אינפאָרמאַציע. זיין נאָמען איז געהויבן געוואָרן דורך דעם בוך.

— ווען טוט ער דאָס אַלץ? — האָבן זיך געוווּנדערט פריינט און אים באַוווּנדערט.

די שונאים האָבן געקריצט מיט די ציין און אים באַקעמפט נאָך ביטערער.

דער אינטענדענט פון ניו־יאָרק האָט אָפּגעטון אַ סך נישט־שיינע און אומדערהערטע זאַכן און ער איז אָראָפּגעזעצט געוואָרן. עלען, דער טע־מעני־פירער, האָט זיך דערמאָלט גענומען דעם אַמט — ער איז געוואָרן אינטענדענט.

נאָר מרדכי האָט נישט געקראָגן קיין אַמט אין שטאָט. ער האָט גע־האַט די דעה, אָבער נישט וועגן זיך. דער צווייטער פירער, עלען, איז גע־וואָרן אינטענדענט, גענומען זיך דעם העכסטן אַמט אין שטאָט. מרדכי

האָט אָבער נישט געקאָנט קריגן אויף אַן ערלעכן, אָרנטלעכן וועג אַן אמט, ווו ער זאָל טון וויכטיקע אַרבעט פאַר דער שטאָט און ער זאָל קריגן אַ געהאַלט לויט זיינע פעאיקייטן. ער האָט געזאָלט קריגן דעם אמט פון פּאָ־ליציי־שעף, אָבער די יידן־פיינט האָבן דאָס פאַר אַ שטיק צייט נישט דער־לאָזט.

מרדכי האָט געזען, ווי די גוים פאַרגינען נישט דאָס לעבן דעם ייד; פון פיל לענדער זענען אָנגעקומען ביטערע ידיעות וועגן יידן־פאַרפאָל־גונגען. און דאָ, אין דער פרייער רעפובליק, האָט ער געזען, ווי די שלאַנג פון שנאה צו יידן הערט נישט אויף צו פאַרשפּרייטן איר גיפט: די מאָנ־ראָר־געשיכטע און די יידן־פיינט אין טעמעני, וואָס ווילן אים נישט צו־לאָזן צום מינדסטן אמט — וואָס מער ער האָט דאָס געזען, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגן ווינקל, אַן אייגענע טעריי־טאָריע. דער געדאַנק, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אין טוניס, האָט אָנגע־הויבן וואַקסן.

די טעריטאָריע מוז זיין אין די גרענעצן פון דער איינציקער רעפּוב־ליק, דאָס פרייע לאַנד, ווו ייד און נישט־ייד זענען גלייך פאַרן געזעץ, דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ליב — אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מען האָט שוין געבויט דעם איריי־קאַנאַל, דעם וואַסער־וועג פון ניו־יאָרקער האָדסאָן־טייך ביזן טייך אירי ביי באַפאַלאָ, וואָס דאַרף רעוואָ־לוציאָניזירן די קאָמוניקאַציעס פון לאַנד.

ביי באַפאַלאָ, ווו עס קומען זיך צוזאַמען די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ביים סוף פון קאַנאַל, אין אָנהויב פון וועג, וואָס פירט ווייט און טיף אין לאַנד אריין, ווו עס דאַרף ווערן דער גרויסער צענטער, וואָס וועט פאַרבינדן די ווייטע געגנטן פון לאַנד מיט ניו־יאָרק, פאַרגיכערן די פאַרבינדונג און דערנענטערן אַהער אייראָפּע, די גאַנצע וועלט, דאָרט זאָל זיין די יידישע טעריטאָריע.

אויפן טייך ניאַגאַראַ, אונטער די קלאַנגען פון דער בראשיתדיקער מוזיק פון די ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַלן, איז דאָ אַן אינדזל, „גרענד איי־לאַנד", איז זיין נאָמען.

ס'שטייט ליידיק, אומבאַוווינט. זאָל דאָרט זיך אָנהייבן די יידישע טעריטאָריע. דאָס פינטעלע זאָל זיין דאָרטן און זיך אויסשפּרייטן אַרום און אַרום אויף הונדערטער מיילן ווייט.

מרדכי איז אַוועק קיין אַלבאַני און צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צו דער לעגיסלאַטור וועגן די פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין אייראָפּע. ער

האָט געבעטן, אַז די לעגיסלאַטור זאָל אויטאָריזירן דעם פאַרקויף פון „גרענד איילענד" צו אים, מיט דעם צוועק צו באַזעצן דערויף יידן פון אייראָפּע.

די לעגיסלאַטור האָט געקראָגן זיין מעמאָראַנדום דעם 19טן יאַנואַר, אין יאָר 1820, און האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו באַטראַכטן דעם פאַר־לאַנג און אַריינטראָגן רעקאָמענדאַציעס.

דאָס איז געווען מיטוואָך. מאָנטיק, יאַנ. 24, האָט די קאָמיסיע שוין אָפּגעגעבן דעם באַריכט. אולשעפער, דער מיטגליד פון דער לעגיסלאַטור, האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט. ער האָט רעקאָמענדירט, אַז דער שטאַט זאָל פאַרקויפן מרדכין דאָס אינדזל.

„די קאָמיסיע צווייפלט נישט, — האָט ער דערקלערט אין באַריכט, — אַז ס'וועט זיין ווינטשנסווערט פאַר דעם שטאַט צו באַזעצן דאָס אינדזל. איינער פון די גרעסטע אייגנשאַפטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז, וואָס זיי גיבן אַ היים פאַר די פאַרפאָלגטע פון אַלע אמונות".

זי נעמט אָבער אויס אַ תנאי, די קאָמיסיע, וואָס מרדכי האָט אַליין פאָרגעשלאָגן, אַז קיין שום אמונה זאָל נישט קריגן קיין פאָרצוג, כדי אָפּצוהיטן די גלייכע רעכט.

דער דעפּוטאַט אולשעפער איז געווען אַ טעמעני־מאַן. פון איר האָט ער געקראָגן זיין אַמט. האָט ער באַלד ווי ער האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט אין דער לעגיסלאַטור אויסצומעסטן דאָס אינדזל פאַרן צוועק עס צו פאַרקויפן מרדכין.

ווען דער פּראָיעקט איז איבערגעגעבן געוואָרן צום קאָמיטעט פון אסעמבלי, איז מרדכי אַוועק קיין וואַשינגטאָן צו אַרבעטן פאַר זיין טערי־טאָריע פאַר יידן.

זיכער, אַז דער שטאַט ניו־יאָרק וועט אים פאַרקויפן דאָס אינזל, האָט ער געוואָלט פאָרן קיין אייראָפּע ברענגען יידן פאַר דער טעריטאָ־ריע.

פאָרן ווי אַ פּריוואַטער בירגער האָט ער נישט געוואָלט. די אייראָ־פּעאישע רעגירונגען וועלן אים נישט לאָזן אָרגאַניזירן די יידן פאַר אַן אויסוואַנדערונג. און ווער ווייסט, צי די יידן וועלן זיך וועלן צוהערן צו אַ פּריוואַטן בירגער.

האָט ער באַשלאָסן, אַז ער דאַרף פאָרן ווי אַן אַמעריקאַנער רעגי־רונגס־באַאַמטער. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער פאָרט אַלס קאָנסול. אַ דיפּלאָמאַטישער אַמט איז דער בעסטער, דער זיכערסטער.

דעמאָלט איז דער אַמט פון הויפּט־קאָנסול אין ווין געווען ליידיק. ווען ער קריגט די באַשטימונג, איז ער געווען זיכער, וואָלט ער פון ווין אויס אָרגאַניזירט די יידן פון אייראָפּע פאַר דער יידישער טעריטאָריע ביים טייך ניאַגאַראַ.

מאָנראָו איז געווען פּרעזידענט און זיין שטאַט־סעקרעטאַר איז געווען דזשאָן קווינסי עדעמס, דעם געוועזענעם פּרעזידענט עדעמס זון.

מרדכי האָט געוווסט, אַז מיט מאָנראָון וועט די זאַך זיין זייער שווער דורכצופירן. ער האָט אָבער געהאָפט, אַז דער שטאַט־סעקרעטאַר וועט אים העלפן. דעם שטאַט־סעקרעטאַרס פאָטער האָט אים געשריבן אַ בריוו מיט גרויס לויב פאַר זיין רעדע אין דער שארית־ישראל־שול. האָט ער געמיינט, אַז דער זון האָט וועגן אים, מרדכין, די זעלבע מיינונג ווי דעה פאָטער. צו דעם איז מרדכי געווען זיכער אין דער גערעכטיקייט פון זיין פאַרלאַנג — ער האָט דאָך געוואָלט ברענגען פאַרפאָלגטע יידן קיין אַמעריקע, ראַטעווען מענטשן פון זייערע אונטערדריקער און בויען שטעט, דערפאַר, באַזעצן אַ גרויסע געגנט אין אַמעריקע.

אָבער עדעמס, דער זון, איז גיכער געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיין שעף — מאָנראָ, איידער פון זיין פאָטער. מרדכין האָט ער פיינט געהאַט נאָך איידער ער האָט אים געטראָפן. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין גוט הארץ אויף יידן. אַז ער האָט פון מרדכיס שליחות געהערט, וואָס מרדכי וויל, האָט ער גערעדט צום שליח בייזע רייד וועגן מרדכין. דאָס זעלבע האָט ער אויך אריינגעשריבן אין זיין טאָג־בוך.

„דער רעדאַקטאָר פון „ניו יאָרק עדוואָקעיט", אַ ייד, וואָס איז געווען אַמאָל קאָנסול אין טוניס און איז צוריקגערופן געוואָרן פאַר אומפּאַרזיכטיקייטן און וואָס האָט געדרוקט אַ רייזע־בוך קעגן מעדיסאָן און מאָנראָוען, האָט גרויסע פּראָיעקטן צו קאָלאָניזירן יידן אין דעם לאַנד און ער וויל געשיקט ווערן אַלס „שאַרזש ד'אַפעירז קיין ווין זיי דורכצופירן".

ער האָט שטאַרק געזידלט מרדכין, געזאָגט וועגן אים ליגנס, כאָטש ער האָט מודה געווען, אַז מרדכי האָט אַ סך מאַכט און ער איז אַ געשיקטער שרייבער.

אַ ליגן, אַז מרדכי האָט געשריבן קעגן מעדיסאָנען און מאָנראָון. ער האָט זיך נאָר גערעכטפאַרטיקט און קיין בייז וואָרט נישט געשריבן וועגן זיי. עדעמס, דער זון, האָט דאָס געוווסט, נאָר וועגן אַ ייד האָט ער זיך דאָס דערלויבט.

מרדכי האָט נישט געקראָגן דעם קאָנסול־אַמט. דערוויי׳ל איז פאַר־צויגן געוואָרן דער ענין מיט „גרענד איילענד". ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. זיין געדאַנק וועגן אַ יידישער טעריטאָריע האָט ער נישט אויפגעגעבן. דער געדאַנק איז נאָך געוואַקסן, האָט געברענט אין אים שטאַרקער.

זיינע אויגן זענען געפאַלן אויף ניופאָרט, פון שטאַט ראוד איי־לענד, אויף דער שטאָט און אויפן שטאַט ניופאָרט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ לעבעדיקע האַנדלס־שטאָט און אַ גרויסער פּאָרט און מען האָט געמיינט, אַז זי וועט זיין גרעסער און שטאַרקער פון ניו־יאָרק; די שטאָט, וואָס יידן האָבן געהאַט געמאַכט גרויס, רייך — זי איז איצט געווען אָפּ־געלאָזן, פאַרלאָזן. אַ סך איינוווינער זענען פון איר אַנטלאָפן אין דער צייט פון קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט. די יידישע סוחרים זענען זיך צע־לאָפן און זי איז נישט געקומען צו זיך. דער שטאַט האָט אויך געליטן דערפון, האָט מרדכי געוואָלט גרויס מאַכן ניו־פּאָרט, די שטאָט און דעם גאַנצן שטאַט, אויפבויען מיט יידן און דורך יידן. ניופאָרט און ראוד איי־לענד זאָלן ווערן אַ יידישער צענטער פון האַנדל און אינדוסטריע.

— זאָג נאָר, מרדכי, — האָט דער פאָטער אים איינמאָל אַ זאָג־געטון, זעענדיק ווי דער זון רוט נישט וועגן אַ יידישער טעריטאָריע, — וואָס טויג דיר נישט דאָס גאַנצע גרויסע רחבותדיקע לאַנד פאַר יידן? וואָס ווילסטו אָפּצוימען אַ שטיקל נאָר פאַר אונדז? גייסט אָוועקשענקען די גאַנצע וועלט פאַר אַ דערפל? איך וויל די גאַנצע וועלט.

אין קיין וויכוח האָט מרדכי, ווי שטענדיק, זיך נישט אַריינגעלאָזט מיט דעם פאָטער. נאָר אַנדערש, ווי אַמאָל, וואָס ער פלעגט אים פאַר־שווייגן, האָט ער אים דאָס מאָל יאָ געענטפערט אַ פּאָר ווערטער.

— ביסט נישט דער איינציקער ביי יידן. אַ סך זאָגן אַזוי ווי דו. אָבער איך וויל נישט אָוועקשענקען די וועלט. איך וויל די וועלט, און אין איר עפּעס אייגנס. זאָל זיין אַ דאָרף.

— וועסט נאָך אָנטון צרות. איך וואָרן דיך, מרדכי, געדענק!

אויף דעם האָט שוין מרדכי נישט געענטפערט דעם פאָטער. אין זיך האָט ער נאָר ביטער געשמייכלט. דער שמייכל האָט נישט דערגרייכט צום פּנים — וואָס פאַראַ צרות קען מען נאָך אָנטון יידן, וואָס זיי האָבן שוין נישט?

קינדער קוימענקערער

מלחמות האָט געפירט מרדכי קעגן פאַרשידענע איבלען פון שטאָט און פון לאַנד. די גזעלשאַפט וואָס האָט צוגעשטעלט וואַסער צו די ניו־יאָרקער איינוווינער, האָט געזען אין אים איר ביטערסטן שונא.

אין זיין צייטונג און פון פאַרשידענע פּלאַטפאָרמעס האָט ער גע־שטורעמט קעגן דעם אופן, ווי די ניו־יאָרקער קריגן וואַסער.

— דאָס וואַסער איז אומגעזונט. דורך דעם ברעכן אָפּט אויס עפּי־דעמישע קראַנקהייטן, — האָט ער געשריבן און גערעדט — מען דאַרף גראָבן ברונימער אין שטאָט. מיט מאַשינען דאַרף מען גראָבן. מען וועט געפינען געזונט וואַסער און מען וועט נישט דאַרפן צאָלן הויטשינדערישע פרייזן פאַר אומגעזונט וואַסער.

אַ סך רייכע לייט, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו פאַרן אומפאַרזיכ־טיק איבער די גאַסן פון שטאָט און איבערגעפאָרן מענטשן, האָבן אים געהאַסט. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי זייער שאַרף און האָט געפאָ־דערט די שטרענגסטע שטראָף פאַר אומפאַרזיכטיקע גאַסן־פאָרער.

דער ברייטער עולם האָט אים אָבער ליבער געקראָגן, וואָס מער די רייכע האָבן אים געהאַסט. זיי האָבן געזען אין אים דעם ערלעכן קעמ־פער פאַר גערעכטיקייט, פאַר דער באַשיצונג פון דעם אומבאַשיצטן מענטשן.

אין ניו־יאָרק איז קוימענקערעריי געווען זייער אַ וויכטיקע אַרבעט. אויב מען האָט נישט זייער גוט אויסגערייניקט דעם קוימען, איז דער רויך נישט אַרויס. ער איז זיך גאָר צעגאַנגען איבערן הויז, אָנגעפילט די שטיבער. דאָס איז נאָך נישט געווען די גאַנצע צרה. אַ פאַרשטאָפּטער קוי־מען האָט אָפּט געפירט צו אַ שריפה. די פונקען האָבן אָנגעצונדן די סאַ־זשע אין קוימען.

די קוימענקערער האָבן געהאַט שיין פרנסה. מען האָט געמוזט צו זיי אָנקומען, פונקט ווי צו דער וואַסער־געזעלשאַפט. ווייל, ערשטנס, האָט מען געמוזט קענען די מלאכה פון אויסקערן דעם קוימען און צווייטנס האָט מען דאָך געמוזט קריכן אויפן דאַך צו קערן דעם קוימען. זעלטן־ווער האָט געקאָנט דאָס טון..

אָבער די קוימענקערער, ווען מען האָט באַצאָלט פאַרן אויסקערן

דעם קוימען, זיי האָבן נישט געטון די דאָזיקע שווערע אַרבעט. אַנדערע האָבן געטון די דאָזיקע אַרבעט פאַר זיי. קינדער האָבן אויסגעקערט די קוימענס.

אַפּצוהיטן דאָס געזונט פון גאָר יונגע קינדער און אָפּט אויך דאָס לעבן איז געווען אַ געזעץ, אַז קינדער אונטער עלף יאָר טאָרן נישט גע־נומען ווערן צו דער שווערער און געפערלעכער אַרבעט.

האָט זיך געמאַכט, אַז מרדכי האָט געטראָפן חברה קינדער קוימענ־קערער ביי דער אַרבעט.

ס'איז געווען אינמיטן נאָוועמבער. שניי איז געלעגן אויף די גאַסן. עס איז געווען אַ ביטערע קעלט. מרדכי האָט ערשט געהאַט דורכגעפירט אַ וואַל־קאַמפּאַניע מיט גרויס דערפאָלג. ער האָט געשריבן און גערעדט פאַר זיינע קאַנדידאַטן, וואָס וועלן אַרבעטן פאַר דער טובה פון דער שטאָט און מען האָט אים געפאָלגט — זיינע קאַנדידאַטן האָבן געוווּנען. ער האָט דערקלערט, אַז ס'איז גענוג, ער זאָל הייסן עמיצן דערוויילן, וועט יענער ווערן דערוויילט, און טאָמער זאָל ער זאָגן, אַז דעם און דעם וויל ער נישט, בלייבט עס אַזוי.

צופרידן, אויפגעלייגט, גייט מרדכי און ער זעט אַ גאַנצע חברה קליינע יינגלעך, נאַקעט און באָרוועס, איינגעהילט אין סאַזשע־זעק טאַפּ־טשען אין שניי.

זיי גייען נישט אַליין. הינטער זיי גייט אַ הויכער מאַן מיט אַ ווילד פּנים. ער שלעפּט אַ דין דרענגל זייער אַ לאַנגס. מרדכין איז גלייך איינ־געפאַלן, אַז דאָס איז אַ סטאַדע קינדער און דער הויכער ווילדער מאַן איז אוודאי זייער פּאַסטוך. אָבער ניין, דער פּאַסטוך פון שאָף און קי איז אַן אַנדער מאַן. ער האָט געזען פּאַסטעכער אין אַמעריקע, אין פאַר־שידענע שטעט אין אייראָפּע, אין אַפריקע. זיי זענען מילד, ווייך צו בהמות. דער קינדער־פּאַסטוך, וואָס קוקט ער אַזוי שטרענג, אַזוי ווילד?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אַ זייט — וואָס גייען זיי דאָ טון? ער האָט דאָס קיינמאָל נאָך נישט געהאַט געזען.

און טאַקע באַלד האָט דער הויכער מאַן געגעבן אַ געשריי. האָבן די קינדער זיך צעשאָטן, ווי שאָף, ציגן, אויפן געשריי פון פּאַסטוך. יעדעס קינד איז אין שרעק געלאָפן צו אַן אַנדער הויז, אַרויף אויף דער לייטער און ווי אַ קאַץ געקלעטערט אויפן דאַך צום קוימען.

מרדכין האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. אַזוי האָט ער גע־זען שפּרינגען די ציגן אויף די טוניסער בערג. עס איז אים געוואָרן הייס.

ער האָט געפּילט, אַז די האָר צינדן זיך אים אָן. אַ צוגענאָגלטער איז ער געשטאַנען און געקוקט און דאָך נישט געזען קלאָר.

דער הויכער מאַן, דער פּאַסטוך פון דער קינדער־סטאַדע, האָט פּלוצלינג אַרויפגעשטעקט דאָס דינע, לאַנגע דרענגל צו אַ קוימען אַרויף און געגעבן אַ זעץ אַ ייִנגל, וואָס האָט געקערט אַ קוימען און געשריגן צו אים:

— דו שמוציקער הונט! וואָס טוסטו דאָרט!

מרדכי האָט שוין נישט געקוקט מער. מיט אַ פּאָר שפּרייז איז ער געשטאַנען נעבן דעם הויכן מאַן, געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס האָבן נישט געזען קלאָר, און אַ זאָג־געטון:

— ווילסט אַראָפּוואַרפן ס'ייִנגל?

— וועט זיין מיט אַ שמוציקן הונט ווייניקער — האָט דער הויכער מאַן געזאָגט און געגעבן אַ שפּיי, נישט קוקנדיק, ווער עס רעדט צו אים. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן!

די ווערטער האָבן זיך אים אַרויסגעכאַפּט שוין קעגן זיין ווילן, ווען ער האָט דערזען, וועמען ער זאָגט דאָס, און ער האָט זיי געוואָלט צוריק־כאַפּן.

— אַ, מאַיאָר — האָט דער הויכער מאַן געשטאַמלט — אַנטשול־דיקט.

— אויב דו ווילסט פאַרשפּאָרן צרות — האָט אים מרדכי געזאָגט, זעענדיק, אַז דער מאַן ווייס, ווער ער איז — הייס אים אַראָפּקומען.

דאָס ייִנגל איז אַראָפּגעקומען. שוואַרץ און פּינצטער, הענט און פּיס געשוואָלן.

— ווי אַלט ביסטו? — האָט אים מרדכי געפרעגט, האַלטנדיק זיי־נע געשוואָלענע הענטלעך אין זיינע גרויסע, וואַרעמע ווייסע הענט און זיי געגלעט און געבלאָזן אויף זיי פּאַרע.

— אין צוועלפטן יאָר — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט.

מרדכי האָט שטאַרקער אַרויפגעהויכט אויף דעם ייִנגלס הענטלעך און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— באַהאַלטסט פון מיר, מיין ייִנגל, דו זאָגסט נישט דעם אמת. ביסט נישט מער ווי זיבן יאָר אַלט.

דעם ייִנגל האָט, ווייזט־אויס, נישט געשמעקט, וואָס מען מיינט, אַז ער איז ייִנגער ווי ער איז. האָט ער פאַרגעסן, אַז ער טאָר נישט זאָגן, אַז ער איז ייִנגער ווי עלף יאָר און ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איך בין שוין געוואָרן אכט.

מרדכי האָט אַ נעם־געטון דעם הויכן ווילדן מאַן פאַרן אָרעם, אים געגעבן אַ דריק, אַז יענער האָט זיך אַ טרייסל־געטון:

— פאַרברעכער! ווי לאָזט אייך ס'האַרץ צו פאַרשקלאַפן אַזעלכע יונגע קינדער!

דער קוימענקערער האָט מורא געהאַט אָקעגנצורעדן דעם פירער פון טעמעני. האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— איך בין דען דער איינציקער? די אַנדערע קוימענקערער האַלטן אויך אַזעלכע יונגע קינדער.

— הייס זיי אָראָפגיין די מינוט! — האָט מרדכי אים געזאָגט — זיי וועלן גיין מיט מיר.

ער האָט זיי גענומען אין בנימין לעווים קראָם, זיי באַקליידט און באַשוכט און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מער נישט גיין צום קוימענ־קערער.

— דער טאַטע הייסט אונדז — האָבן עטלעכע קינדער געזאָגט מיט־אַמאָל.

דעם זעלבן טאָג האָט מרדכי אויפגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן קינ־דער־קוימענקערער. צומאָרגנס איז אַרויס זיין צייטונג מיט אַ שאַרפן לייטאַרטיקל קעגן דערלויבן אַזעלכע יונגע קינדער צו אַרבעטן.

ס'איז שרעקלעך, אַז אין אונדזער שטאַט, אין דער פרייער רעפּוב־ליק, זאָל מען דערלויבן אַזעלכע יונגע קינדער צו אַרבעטן און איינצור־שטעלן זייער לעבן ביי דער אַרבעט — האָט ער געשריבן. מען וואָלט אינגאַנצן נישט געטאָרט דערלויבן יונגע קינדער צו אַרבעטן. נאָר אפשר קאָן מען זיך נישט העלפן און מען דערלויבט לויטן געזעץ קינדער פון עלף יאָר צו אַרבעטן. פאַרוואָס דערלויבט מען אָבער צו שיקן צו דער אַרבעט זיבן־אַכט־יעריקע קינדער, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זענען שוין עלף־יעריקע?

רירנדיק האָט ער געמאָלן דאָס בילד פון די יונגע קינדערלעך, נאַקע־טע און באָרוועסע, טאָפּטשענדיק אין שניי און קלעטערנדיק אויף די דעכער צו רייניקן די קוימענס.

ווי דערלויבן זיך באַלעבאַטים פון הייזער איינצושטעלן דאָס לעבן פון קליינע קינדער? — האָט ער געפרעגט און ער האָט זיי אויפגעפאָ־דערט נישט צו דינגען קוימענקערערס, וואָס אַרבעטן מיט קליינע קינדער, נאָר אַזעלכע, וואָס האַלטן דערוואַקסענע מענטשן.

נישט קיין סך איינוווינער האָבן אָבער געהאַלטן מיט אים. די מער־הייט באַלעבאַטים האָט פאַרדראָסן אויף אים. מיט קליינע קינדער־קוי־מענקערערס קאָסט זיי ביליקער. וואָס וויל ער זיי אַריינטרייבן אין גרע־סערע אויסגאַבן? די עלטערן פון די קינדער זענען געוואָרן בייז אויף אים. ער גייט ביי זיי צורייבן די פאַרדינסטן, וואָס די קינדער ברענגען אין הויז אריין.

מאיאָר נח און דזשאָן דזשייקאָב אַסטאָר

די אַקטיאָרן פון אָפּגעברענטן פּארק־טעאַטער האָבן געמוזט אַנקומען צום רייכן דייטש דזשאָן דזשייקאָב אַסטאָר. אַ טעאַטער בויט מען נישט אויף איבער נאַכט. ביז וואָס ווען, וואָלטן די אַקטיאָרן געמוזט הונגערן. האָבן זיי געוואָלט קריגן אַן אַנדער טעאַטער צו שפּילן, ביז זייערס וועט ווערן פאַרטיק.

זיי האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף דעם ענטאָני סטריט־טעאַטער. עס איז געשטאַנען ליידיק. דאָס טעאַטער האָט געהערט צו אַסטאָרן, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט אַ סך הייזער אין לאַנד; ער איז געווען איינער פון די רייכסטע לייט אין ניו־יאָרק.

דער פּאַרוואַלטער איז אַוועק צו אַסטאָרן און געקומען צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— ער וויל אַזאַ פּרייז, אַז מ'וועט יעדע וואָך אים מוזן דערלייגן פון קעשענע — האָט דער פּאַרוואַלטער דערציילט די אַקטיאָרן.

זייערע בייזע הערצער האָבן די אַקטיאָרן אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ.

— דער אַלטער חזיר! — האָט דאַגלעס זיך אָנגערופן — מיר, די קינסטלער, די טרעגער פון טעאַטער, דאַרפן אָנקומען צום היידלבערגער חזיר־קוילער.

— אַזאַ שינדער! — האָט די הויפּט־אַקטריסע געזאָגט וויינענדיק.

— אַז ער קאָן נישט אַנדערש, דער אַלטער דייטש, ווי נאָר שינדן — האָט געזאָגט דער קאָמיקער, אהרן פיליפּס — אַלס יינגל האָט ער געשונדן חזירים ביי זיין פעטער אין דייטשלאַנד. שפּעטער האָט ער גע־אַרבעט ביים ייד לעווי און געשונדן פעל פון טכוירן. איצט וויל ער שינדן די הויט פון אַקטיאָרן.

— אַ חכמה! — האָט געזאָגט דער פּאַרוואַלטער מיטן זויערן פּנים — זע'נאָר, צו וועמען ער פאַרגלייכט אונדז: טכוירן און אַקטיאָרן.

— ווען אַלע ווילן וויינען, איז ער דאָ מיטן געלעכטער — האָט שוין געוויינט די סטאַר־אַקטריסע.

מרדכי האָט זיך נאַטירלעך גלייך אַריינגעמישט. ער האָט פריער פאַראינטערעסירט געלט־מענטשן, זיי זאָלן בויען דאָס נייע טעאַטער.

איצט האָט ער זיי געוואָלט אַרויסהעלפן צו קריגן ביי אסטאָרן דאָס טעאַטער.

ווען אַסטאָר האָט געהערט, אַז דער באַרימטער רעדאַקטאָר און פּי־רער פון טעמעני וויל אים זען, האָט ער צום ערשטן מאָל אַ זאָג־געטון:

— וואָס וויל ער, דער ייד? איך דאַרף נישט קיין צייטונגען און איך וויל נישט קיין אמת.

ער האָט פונדעסטוועגן אים געהייסן קומען.

פאַר מרדכין איז עס געווען אַ גרויסער קרבן צו גיין צו אַסטאָרן, נאָר כדי צו העלפן די אַקטיאָרן, האָט ער פאַרבויגן דעם כבוד.

מרדכי איז אַריין. דער הויכער, פעטער אַסטאָר מיטן רויטן קיילער־פּנים האָט זיך נישט אויפגעהויבן. מיט דער האַנט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערריינינקן פון קוילן חזירים און קלייבן פעל, האָט ער אים גע־וויזן אויף אַ שטול צו זיצן.

— הער אַסטאָר, איך בין געקומען אייך בעטן פאַר די אַקטיאָרן. ווילע, ליבע מענטשן — האָט מרדכי אָנגעהויבן און פאַרקוקט דעם אַלטנס אומהעפלעכקייט.

— וואָס איז דאָ צו בעטן? — האָט אַסטאָר אים איבערגעריסן — אַז איך גיי אין טעאַטער, באַצאָל איך פאַר בילעטן וויפל זיי ווילן. איך דינג זיך נישט, פאַרוואָס דינגען זיי זיך מיט מיר, ווען זיי ווילן שפּילן אין מיין „הויז“?

— דער פּרייז איז צו הויך — האָט געזאָגט מרדכי — זיי וועלן נאָך מוזן דערלייגן.

אַסטאָרס רויט קיילער־פּנים איז געוואָרן נאָך רויטער. ער האָט גע־שריגן:

— ווער זאָגט דאָס, אַז דער פּרייז איז צו הויך? ווער איז דער באַ־לעבאָס? איך, דזשאָן דזשייקאָב אַסטאָר בין דער, וואָס האָט באַשטימט דעם פּרייז.

— גוט, הער אַסטאָר, אָבער אייער טעאַטער שטייט דאָך ליידיק. פאַרלירט איר דאָך נאָך מער.

— אַ פּרינציפּ, מיין הער מאַיאָר, דאָס איז אַ פּ ר י נ צ י פּ. איידער אַראָפּלאָזן פון פּרייז, זאָל עס בעסער שטיין ליידיק.

— עטלעכע פאַמיליעס, הער אַסטאָר, צענדליקער מענטשן וועלן נישט האָבן צו עסן.

— זאָלן זיי נישט זיין קיין ליידיקגייער! ווער הייסט זיי זיין קאַ־

מעדיאַנטן? זאָלן זיי זיך נעמען צו אַן ערלעכער אַרבעט. איך וועל נישט ברעכן אַ פּרינציפּ צוליב זיי.

מרדכי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף. ער איז עפּעס אַזוי הויך אויסגעוואַקסן איבער אַסטאָרן, וואָס איז געזעסן. ער האָט אַראָפּגעקוקט גלייך אויף אַסטאָרס רויטן פּנים און געזאָגט רואיק:

— גוט, הער אַסטאָר. איך וועל זיי הייסן צאָלן אייך אייער פּרייז, איר זאָלט נישט ברעכן אַ פּרינציפּ. נאָר דאָס, וואָס וועט אויספעלן, וועלן מיר שוין שאַפן צווישן טעאַטער־ליבהאָבער.

ס'האָט אַ שליידער־געטון אַסטאָרן, ווען ער האָט דאָס דערהערט.

— וואָס, וואָס מיינט איר, מאַיאָר? — האָט דער אַלטער געשטאַמלט, — איר זאָגט מיר, אַז איר וועט אַרומגיין קלייבן געלט צו באַצאָלן מיר די רענט?

מרדכי איז געשטאַנען איבער אים ערנסט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך, דזשאָן דזשייקאָב אַסטאָר, איך האָב אויסגעבויט אַן אימפּעריע. מיר זאָגט איר דאָס? זאָגט נאָר, וווּ וווינט איר? ס'קאָן זיין, אַז איר וווינט אין מיין הויז! האַלב ניו־יאָרק וווינט אין מיינע הייזער!

— איך ווייס דאָס, הער אַסטאָר, ס'איז אַ שאָד אייער צייט, אַ גוטן!

— לויפט נישט, וואָס איילט איר זיך? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבן — איך האָב ליב טעאַטער. וויפל, זאָגט איר, קאָנען זיי צאָלן?

דער אַלטער אַסטאָר, וואָס האָט געהערשט איבער טויזנטער מענטשן, איז צום סוף געוואָרן שוואַך אונטער די רייד פון מרדכין, וואָס האָט געקענט זיין איינער פון זיינע יינגסטע זין, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען איבער אים און אַראָפּגעקוקט אויף זיין רויט פּנים. שוואַך, ווייך איז ער געוואָרן. ער האָט געזעגנט מרדכין זיך צוריק אָנידערצוזעצן.

מרדכי האָט ביי אים אַראָפּגעדונגען אַ היפּשע סומע. פאַר דעם האָט ער אָבער געמוזט אויסהערן אַ פּאָר מעשיות פון אַסטאָרן פון זיינע אַמאָליקע ריזיקעס צווישן אינדיאַנער, אין מוראדיקע פרעסט, ווען ער האָט אויפגעקויפט פעל.

*****

מרדכין איז נישט גענוג געווען זיין געהאַלט אַלס רעדאַקטאָר פון „עדוואָקעיט". פון טאָג צו טאָג איז ער אַלץ מער אַריין אין חובות. זיין

פעטער נפתלי, וואָס האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, האָט אים שוין געזאָגט, אַז ער האָט נישט מער און ער ווייסט נישט, ווו ער קען לייען פאַר אים.

איז דעמאָלט געוואָרן ליידיק די שטעלע פון שטאַט־דרוקער, דער, וואָס קריגט די גאַנצע דרוק־אַרבעט פון דער שטאַט־רעגירונג. האָט מרדכי געוואָלט דאָס קריגן און מיט דעם געהאָלט זיך אויסצאָלן פון די חובות און לעבן באַקוועמער.

ער האָט גערעדט מיט דעם צווייטן הויפּט־פירער פון טעמעני, עלען.

— איך מוז קריגן די שטעלע — האָט ער אים געזאָגט — איך טו אַזויפיל אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי. איך העלף דאָך מיט מיין אַרבעט אויך דער אַדמיניסטראַציע אין וואַשינגטאָן. און מער ווי די פופצן הונדערט דאָלאַר אַ יאָר פון „עדוואָקעיט" האָב איך נישט. ס'איז מיר נישט גע־נוג. אויסער מיינע אויסגאַבן אין הויז, גיב איך אַוועק אַ סך געלט. דער קומט באָרגן, יענער קומט נעמען. נו, וואָס זאָל איך טון, לאָזן מענטשן ליידן? ס'קומען אימיגראַנטן. איך קען זיי אויך נישט אַוועקלאָזן מיטן ליידיקן. מוז איך קריגן די שטעלע. ביז איצט האָב איך נאָך נישט פאַר־דינט קיין סענט פאַר מיין אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי דאָ אין ניו־יאָרק.

עלען האָט אים צוגעזאָגט. ער האָט אויך געהאַלטן וואָרט. אַן אַסעמבלי־מאַן האָט אין אַסעמבלי נאָמינירט מרדכין פאַר דעם אַמט פון שטאַט־דרוקער.

איז שוין מרדכי געווען זיכער אַז ער קריגט דעם אַמט. די לעגיס־לאַטור האָט געהאַט אַ רעפּובליקאַנישע (דעמאָקראַטישע) מערהייט, וועלן זיי אים געבן דעם אַמט.

זיין פעטער נפתלי איז אָבער נישט געווען אַזוי זיכער. ווען מרדכי האָט אים געזאָגט, אַז באַלד וועט ער אים באַצאָלן דעם חוב, האָט נפתלי פיליפּס, וואָס איז יאָרן געווען אַ מאַכט אין דער ניו־יאָרקער רעפּובלי־קאַנער פּאַרטיי, געזאָגט צו אים גאַנץ ערנסט:

— מרדכי, איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער מיט די גויים. זיי דאַרפן דאָך נאָך שטימען.

— מיר האָבן דאָך אַ מערהייט?

— נו, אַ מערהייט. די גויים קאָנען נאָך שטימען קעגן דיר. אַזויפיל גויים רייסן זיך דאָס צו קריגן.

מרדכי איז געוואָרן אויפגערעגט, ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן.

— מאָנראָו איז דאָך נישט אין אַלבאַני.

— פאַראַן גענוג מאָנראָוס אין אַלבאַני אויך.

מרדכי האָט נישט געקראָגן דעם אמט. די מערהייט פון זיינע אייגענע פאַרטיי־חברים האָט געשטימט צו געבן דעם אמט אַ נישט־ייד.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל עס קריגן. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער אַסעמבלי־מאַן אולשעפער. דער, וואָס האָט רעקאָמענדירט צו פאַרקויפן מרדכין „גרענד איילענד". ער האָט געאַרבעט קעגן געבן מרדכין דעם אמט. ער האָט געווירקט אויף אַ היפּשער צאָל אַסעמבלי־לייט צו שטימען קעגן מרדכין.

דאָס האָט ער נישט געטון אַליין, זיין פירער אין דער פּאַרטיי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל דאָס טון. זיין פירער איז אויך נישט געווען דער איינציקער. אַ גאַנצע גרופּע פון די קלענערע פירער האָבן זיך געבונטעוועט, נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער ייד זאָל קריגן די שטעל.

דער קלאַפּ איז געווען אַ טאָפּלטער פאַר מרדכין. וואָס ער האָט נישט געקראָגן דעם אמט, און וואָס ער האָט אים נישט געקראָגן בלויז דערפאַר וואָס ער איז אַ ייד.

און דאָס, וואָס אולשעפער האָט געאַרבעט קעגן אים, האָט ער גאָר נישט געקאָנט באַגרייפן. ווען ער האָט איבערגעגעבן דעם מעמאָראַנדום דער לעגיסלאַטור וועגן קויפן „גרענד איילענד" צו באַזעצן יידן, האָט אולשעפער אין עטלעכע טעג אַרום צוגעשטעלט אַ גינסטיקן באַריכט. ער האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט אין דער לעגיסלאַטור, מען זאָל עס אים פאַרקויפן. פאַרוואָס האָט ער דאָס אַלץ געטון? אַלץ דאָך, ווייל ער איז אים אַ פריינט, נישט נאָר אַ פריינט. ער איז דאָך אולשעפערס פירער. ער האָט געטון זיין ווילן. טאָ פאַרוואָס האָט ער איצט געאַרבעט קעגן אים?

— פעטער נפתלי, איך פאַרשטיי דאָס נישט. איך קאָן עס נישט באַגרייפן. אולשעפער?!... ער זאָל וואַגן דאָס צו טון?

— יאָ, אולשעפער. יעדער גוי — האָט געזאָגט נפתלי פיליפּס, וואָס איז געווען אַ מאַכט אין דער ניו־יאָרקער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, — פאַרקויפן דיר אַ פּוסט שטיק לאַנד, איז ער גרייט, אָבער געבן דיר אַן אמט? דאָס נישט. זיי ווילן נישט געבן יידן קיין אמט.

— אָבער, ווי האָט ער געוואָגט?! איך בין איינער פון די הויפּט־פירער פון דער פּאַרטיי!

— עלענען האָט ער דאָס נישט געטון. ער איז אַ גוי. אָבער דו? פאַרוואָס נישט? ביזט דאָך אַ ייד. מיינסט דאָך נישט, אַז ער האָט דאָס געטון אויף אייגענער אחריות. אַ סך לידערס האָבן אים געהייסן. און די גלחים מיינסטו, זענען געזעסן און געשוויגן?

— אוודאי נישט — האָט געזאָגט שטיל מרדכי, — און אין מוח האָט זיך אים ווידער געפלאָנטערט: ארץ־ישראל, אַ יידישע רעגירונג צו־גלייך מיט אַלע רעגירונגען; אַ טעריטאָריע, „גרענד איילענד".

***

דאָס אַלטע בית־עולם אויף אַליוועג גאַס איז שוין געווען פול. ס'איז אפילו נאָך געווען אָרט פאַר אַ צאָל קברים, נאָר די שטאָט־רעגירונג האָט געהייסן עס שליסן.

אין באַפעל וועגן שליסן דאָס יידישע בית־עולם האָט די שטאָט־רעגירונג געלאָזט אַן עפענונג פאַר עטלעכע רייכע לייט, וואָס ווען דווקא ווען ליגן אויפן אַלטן בית־עולם.

אויב עמעצער ווערט וועלן האָבן זיין קבר אויפן בית־עולם, וועט אָבער זיין פאַמיליע דאַרפן באַצאָלן צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר שטראָף דער שטאָט, און זיין ווילן וועט ווערן דערפילט.

די אַלטע לייט האָבן געציטערט. פאַר זיי איז דער באַפעל געווען אַ גזירה. זיי וועלן נישט ליגן מער אויפן בית־עולם, ווו עס ליגן די פאַר־שטאָרבענע היימישע יידן, נאָר מ'וועט זיי שוין לייגן אויפן נייעם בית־עולם,, ווייט פון שטאָט; יעדער זקן און זקנה האָט געציטערט, טאָמער וועט ער אָדער זי, זיין פון די ערשטע צו ליגן צווישן פרעמדע אויפן נייעם בית־עולם.

זיי האָבן נישט גערעדט דערוועגן די אַלטע לייט. די שרעק האָבן זיי פאַרבאָרגן אין זיך. זי האָט זיי נאָך מער געדריקט, נישט געגעבן זיי קיין רו בייטאָג און צוגערויבט זייער קאַרג ביסל שלאָף ביינאַכט.

איז געשטאָרבן דער אַלטער רב פעישאָטאַ. האָט מען איבערגעלייענט זיין צוואה, און געפונען פאַרשריבן, אַז ער בעט מען זאָל אים לייגן אויף דעם אַלטן בית־עולם.

די גאַנצע ירושה, וואָס דער אַלטער רב האָט איבערגעלאָזט, איז נישט ווערט געווען קיין צוויי הונדערט מיט פופציק דאָלאַר, קיין מזומן איז גאָרנישט געבליבן. האָט די חברה גמילות חסדים (דאָס זעלבע וואָס חברה קדישא) זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ווו זאָלן זיי נעמען דאָס געלט צו באַצאָלן דער שטאָט, אויב זיי זאָלן וועלן האַלטן די צוואה? ברעכן די צוואה איז זיי אויך נישט געווען גרינג, און צייט אויף צו באַ־ראַטן זיך האָבן זיי אויך נישט געהאַט. זיי האָבן דאָך געמוזט מאַכן די לויה.

איז מען אַוועקגעלאָפן צום מאַיאָר. ער איז געווען אין גרויס גע־

אייל צוגרייטנדיק די צייטונג, כדי ער זאָל קאָנען זיין ביי דער לויה. פון דער צוואה האָט ער נאָך נישט געוווּסט.

— מ׳וועט נישט ברעכן די צוואה — האָט ער געזאָגט — גראָבט אַ קבר אויפן אַלטן בית־עולם.

— ווו וועט מען נעמען די צוויי הונדערט און פופציק דאָלער? ס׳איז דאָך אַן אוצר מיט געלט.

— אויף מיין אחריות.

ער האָט גערעדט מיט דער חברה גמילות חסדים־לייט און געשריבן. דאָס געלט האָט ער נישט געהאַט. ביי וועמען צו נעמען, האָט ער אויך נישט געוווּסט. אויב ער זאָל דאָס דאַרפן באַצאָלן פון זיין קעשענע, מיינט דאָס צוויי חדשים געהאַלט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק פון נישט האַלטן דעם פאַרשטאָרבענעם רבס צוואה.

אויף אַ מינוט האָט ער פאַרמאַכט די אויגן ווען ער איז געוואָרן פאַרטיק מיטן שרייבן. אין דער מינוט האָט ער זיך אָפּגערוט. דעם אָטעם אָפּגעצויגן און געטראַכט, צו וועמען ער קאָן גיין קריגן דאָס געלט.

באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען. ער האָט געכאַפּט זיין צוויי־רעדער־דיק קאָטשל און געיאָגט ס׳פערד איבער די גאַסן.

מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט. וואָס לויפט ער אַזוי, אַז ער אַליין שרייבט אַלעמאָל מען זאָל זיין פאָרזיכטיק פאָרנדיק?

נישט ער האָט עמיצן געקאָנט באַגריסן; נישט ער האָט געקאָנט באַ־מערקן, ווען אַנדערע האָבן אים באַגריסט.

ער איז אַריין צום אַלטן הענדריקס, אַ רייכן ייד, וואָס אין וויפל מען האָט אים נישט געזאָלט שאַצן, האָט ער אַלץ פאַרמאָגט מער. דער אַלטער איז געווען פון די נישט גרויסע געבערס. און עס האָט אים נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז מען וועט קומען ביי אים נאָך אַזאַ אוצר געלט, כדי צו האַלטן דעם רבס צוואה.

ווען הענדריקס האָט דערהערט וואָס ער וויל פון אים, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן טיש. ער האָט געמיינט אַז ער פאַלט אום.

— הענדריקס, איר דאַרפט זען, מען זאָל נישט לייגן דעם רב אויפן נייעם בית־עולם.

— וואָס עפּעס איך? איך בין דער איינציקער? — האָט ער גערעדט און געציטערט.

— נו, אויב איר ווילט נישט אַליין, לאָמיר עס טון אין צווייען. גיט איר דאָס געלט. מיין געלט וועל איך אייך אָפּגעבן שפּעטער.

ווי דער אַלטער איז געשטאַנען און זיך געשלאָגן מיט דער דעה, האָט מרדכי צוגעלייגט:

— נאָר דערציילט נישט קיינעם. איך וויל נישט מען זאָל וויסן, אַז איך גיב אַ חלק. זאָל עס הייסן, אַז איר גיט ס׳גאַנצע.

— האָ? ווי? — האָט דער אַלטער געשטאַמלט און געוואָרן רויט — נו, גוט, מאיאָר, איך וועל שוין געבן. איך גיב שוין.

— קומט גיך, — האָט דער באַרימטער רעדאַקטאָר און פּאַרטיי־פירער אונטערגעטריבן דעם אַלטן. — פאַר דעם כבוד פון נפטר.

נאָך דער לויה האָט דער גבאי פון חברה גמילת חסדים, וואָס האָט געטון דעם נפטר זיין רעכט, זיך אָנגערופן צו מרדכין:

— מאיאָר, אירט נישט גלויבן, וואָס כ׳וועל אייך זאָגן. כ׳האָב אָבער דאָך אַליין דאָס געזען מיט מיינע אויגן. איך בין דאָך נישט קיין פּחדן. דאָס מאָל האָב איך זיך דערשראָקן. קוים, וואָס כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן פון שרייען.

מרדכין האָט געצויגן ס׳האַרץ. ער האָט שוין געוואָלט הערן, וואָס דער גבאי האָט געזען. און דער גבאי רעדט אַזוי לאַנג, ציט ווערטער. נאָר ער וועט דאָך נישט זאָגן דעם גבאי ער זאָל עס מאַכן גיכער. דער גבאי האָט ווייטער געצויגן די ווערטער און ס׳פּנים האָט אים געפלאַמט.

— ס׳קאָן דאָך נישט זיין. כ׳האָב דאָך עס אָבער פאַרט געזען מיט מיינע אויגן. ווען ער איז שוין געווען אין קבר — האָט דער גבאי גע־רעדט שטילער — ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד און איך האָב גענומען די שערבעלעך, האָב איך פלוצים דערזען אַ שמייכל ביי אים אויפן פּנים... איך געדענק גוט — ביי דער טהרה האָב איך עס נישט גע־זען... איך האָב מורא צו רעדן... כ׳ווייס, אַ צדיק, ער האָט דאָך נישט געוואָלט נעמען די שכירות. געגעבן עס דער רביצין אַלמנה. אפשר האָט די נשמה געהאַט הנאה, וואָס מ׳האַלט די צוואה. דער גוף ליגט אויפן אַלטן בית־עולם צווישן זיין קהלה. נישט אויפן נייעם פעלד...

מרדכיס פּנים האָט שוין געברענט. נישט אָנגערירט דעם גבאים צע־פלאַמט פּנים, האָט זיינס זיך אָנגעצונדן. ער איז געגאַנגען און געשוויגן. אַ מאָדנע דערהויבנקייט האָט זיך גענומען צעשפּרייטן איבער אים. זיין גאַנג איז געוואָרן שטילער, גרינגער; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער רירט נישט אָן די ערד.

ער איז געווען שטאַרק טרויעריק — ער איז געווען אַן איבערגע־געבענער פריינט דעם אַלטן רב. ער האָט אויך געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. נאָר איצט איז ער אים עפּעס געוואָרן נאָענט, משפּחה מיט אים, און אין דעם גאַנצן טרויער האָט ער אויך געפילט פרייד — דעם רבס נשמה האָט געשמייכלט...

דער פעטער אהרן האָט זיך דערוואַרט

דאָס נייע פּאַרק טעאַטער איז געוואָרן פאַרטיק.. מיט גרויס פּאַראַד האָט עס זיך געעפנט.

צום מזל פון די אַקטיאָרן איז דער טאָג פון עפענונג געווען אַ שיי־נער. ס'איז געווען דעם ערשטן סעפּטעמבער, אַ טאָג, אַ מתנה פון הימל. וואַרעם און לופטיק. דעם גאַנצן טאָג האָבן די מענטשן אַנגעקוואָלן פון פּרעכטיקן וועטער. זי איז דאָ די ליכטיקע זון, נאָר זי ברענט נישט. אַ ווינטל דערצו, וואָס גלעט, דערפרישט. עס איז געווען גוט אויפן האַרצן, ווען מ'איז געגאַנגען אויף דער גאַס. אין שטוב איז אויך געווען אַנגענעם.

— זיי האָבן מזל, די אַקטיאָרן — האָט מען דערהערט אין די היי־זער, אויף דער גאַס — דאָס וועטער האַלט מיט זיי.

ס'איז טאַקע געווען אַזוי. די עפענונג איז געווען אַ גרויסער דער־פאָלג, אַ גרעסערער נאָך ווי זייערע בעסטע פריינט האָבן געוואָלט.

דאָס, וואָס דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט, איז נאָך נישט גע־ווען אַלץ. אַ ניי טעאַטער ציט אַלעמאָל אַ גרויסן עולם צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. דער עיקר פון דערפאָלג איז געווען די אויפנאַם, וואָס די אַקטיאָרן האָבן געקראָגן פון עולם. זעלטן ווען אַ פּובליקום זאָל געווען זיין אַזוי האַרציק צו די אַקטיאָרן.

אין אָנהויב זענען די צושויער געוואָרן איבערראַשט. די געביידע פון דרויסן איז אויך געווען שיין. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין נייעס. זיי האָבן שוין געזען טעאַטערן מיט מאַרמאָרענע זיילן פאַר דער טיר. דער חידוש איז געווען אינעווייניק. די לאָזשעס האָבן שוין נישט אויסגעזען, ווי תפיסה־קעמערלעך; זיי זענען שוין געווען ברייטער, באַ־קוועמער. דער דיל, אַ גלאַטער, וואָס ס'האָט זיך געגלוסט אַוועקצולאָזן זיך אויף אים אין אַ טאַנץ. די בענק זענען אויך געווען אַ נייעס — אי־בערגעצויגן מיט שיינער סחורה און ווייכער צום זיצן.

זינט זיי געדענקען, האָבן זיי נאָך אַזאַ טעאַטער נישט געזען. רואי־קע, צופרידענע פון שיינעם טאָג, האָט די איבערראַשונג פון שיינעם טעאַ־טער צוגעגאָסן זיי ניי צופרידנקייט, אָפּגעווישט דעם לעצטן שפּור פון אומעט, אויסגעגליכן דעם קלענסטן קנייטש פון זאָרג. ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיי געפונען אַ הויז פון פריינט, מיט רואיקע גע־מיטער, גרייט פאַר פאַרוויילונג און פרייד.

דער נאָענטסטער צו די אַקטיאָרן איז געווען, פאַרשטייט זיך, מרדכי. די גאַנצע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט זייערע הערצער איבער דעם נייעם טעאַטער און דעם גרויסן דערפאָלג, האָבן זיי געהאַט פאַר אים. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרגעטערונג. די אויגן זענען זיי איי־בערגעלאָפן מיט ליכטיקער פרייד. אפילו ווען ער איז נישט געווען נעבן זיי, האָבן זיי אים אַלץ געזען מיט אויפלויכטנדיקע אויגן.

זיי האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער מוז זיי געבן אַ פּיעסע. ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען. די צייטונג איז גענוג אַרבעט פאַר איין מענטש. האָט ער נאָך די פּאַרטיי, שטאָט־פּאָליטיק, פון שטאַט און פעדע־ראַלע און — דאָס האָט ער געטראַכט, נישט געוואָלט זיי דערציילן — „גרענד איילענד".

— ניין, ניין — האָבן די אַקטיאָרן אים אַרומגערינגלט, אָנגעהאָנ־גען זיך אויף אים, ווער אויף די פּלייצעס, ווער אויף די הענט און ווער עס האָט אים בלויז אַ גלעט געטון איבערן רוקן — איר מוזט אונדז געבן אַ פּיעסע. איר וועט דאָך, מאַיאָר, איר וועט שרייבן פאַר אונדז אַ פּיעסע, אַ־יאָ?

ער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּזאָגן. אינגיכן האָט ער זיי געבראַכט אַ פּיעסע. ווידער פון באַפרייאונגס־קריג — „מעריאָן אָר דהי הירא אָוו לעיק דזשאָרדזש" — „מעריאָן אָדער דער העלד פון טייך דזשאָרדזש".

סוף נאָוועמבער, נישט קיין גאַנצע דריי חדשים נאָך דער דערעפע־נונג, האָט דער נייער פּאַרק טעאַטער אויפגעפירט מרדכים נייע פּיעסע.

די פּיעסע איז געווען אַ געשעעניש נישט נאָר אין ניו־יאָרק אַליין, נאָר אין טעאַטער פון גאַנצן לאַנד. טעאַטער־גייער האָבן אויפגענומען די פּיעסע מיט ענטוזיאַזם. די אַקטיאָרן האָבן זיך צעוויינט פאַר פרייד, האָבנדיק די פּיעסע.

האָט דאָס צערייצט זיינע שונאים. דאָקטאָר קאָלמאַן, דער רעדאַק־טאָר פון דער „איוונינג פּאָסט", זיין בלוטיקער שונא, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזן כמעט קיין איין נומער פון זיין צייטונג, ער זאָל נישט באַ־פאַלן אים, האָט איבערן דער נייער פּיעסע מיט נייעם צאָרן זיך געוואָרפן אויף אים.

געטון האָט ער דאָס אויף אַן אופן, וואָס איז נישט געהערט געוואָרן זיין גלייכן. ער האָט אַרונטערגעריסן די פּיעסע; זי אויסגעלאַכט באַלד נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסער דערפאָלג. ער האָט אָבער צוגעגעבן אין זיין אַטאַקע, וואָס ער האָט געדרוקט אין „איוונינג פּאָסט", אַז ער האָט נישט געזען די פּיעסע. ער איז גאָרנישט

געווען אין טעאַטער, נאָר ער שטעלט זיך פאָר, ער איז זיכער, אַז זי טויג נישט. ער איז אויך זיכער, אַז מער וועט דער עולם נישט קומען זען דאָס שטיק. דאָס ערשטע מאָל האָט דער מחבר נאָך געקענט אָנפילן דאָס טעאַ־טער; עס פעלן דען סאָלדאַטן אין שטאָט, וואָס זענען גרייט צו נעמען פרייע בילעטן? ער וועט אָבער נישט וואגן צו לאָזן שפילן די פיעסע נאָך אַמאָל.

זיינע פיינט האָבן אָבער געהאַט אַ מפּלה. די צווייטע נאַכט איז די פיעסע אויפגענומען געוואָרן נישט ווייניקער וואַרעם. יענעם סעזאָן איז זי געווען די דערפאָלגרייכסטע פיעסע. זי האָט געבראַכט מער געלט ווי די דערפאָלגרייכסטע פיעסן יענעם ווינטער.

מרדכי האָט זיך שפּעטער אָפּגערעכנט מיט דעם רעדאַקטאָר פון „איווענינג פּאָסט". דרוקנדיק די פיעסע אין אַ בוך האָט ער זי געווידמעט אים, דעם שונא, און אין דער ווידמונג האָט ער אים געגעבן אַ לעק־ציע אין פרייהייט. עס פאַרדריסט אים, האָט ער אים געזאָגט, וואָס אַמע־ריקע האָט זיך באַפרייט, דעריבער איז ער אין כעס אויף זיין פיעסע, וואָס פאַרהערלעכט די רעוואָלוציע.

באַלד האָט זיך געמאַכט, אַז דער דאָקטאָר קאָלמאַן האָט געזאָלט האָבן אַ דועל מיט עמיצן. איז מרדכי אַרויסגעטראָטן אין זיין צייטונג קעגן דעם דועל.

— איך וויל נישט דער דאָקטאָר זאָל האָבן אַ דועל. איך וויל אים נישט פאַרלירן. ער איז אַזאַ גוטער מאַטעריאַל פאַר מיינע אַרטיקלען און פאַראַגראַפן. עס וועט דאָך נישט בלייבן קיינער, וואָס מיינע לייענער זאָלן האָבן צו לאַכן פון אים.

דעמאָלט איז געקומען צו מרדכין זיין פעטער, אהרן פיליפּס, דער קאָמיקער.

— פלימעניק מיינער, — האָט ער אים געזאָגט — געדענקסט, דו האָסט צוגעזאָגט צו שרייבן אַ פיעסע פאַר מיר? וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן? איך וויל אַ פיעסע, הערסט, פלימעניק מיינער, גיב מיר אַ פיעסע!

— פעטער אהרן, וואָס הייסט איך זאָל דיר געבן אַ פיעסע? שפּילסט דאָך אין מיינע פיעסן. שפּילסט אין דער נייער, אין „מעריאַן", אין די פריערדיקע.

— כ'מיין נישט דאָס. ווייסט וואָס כ'מיין. פלימעניק מיינער, מאַכסט זיך כלא־ידע, וואָס? דו ווייסט גאַנץ גוט. איך וויל מיר מאַכן אַ בענעפיט. וויל איך אויפטרעטן אין דיינס אַ פיעסע.

קענסט דאָך נעמען איינע פון מיינע פיעסן.

אהרן פיליפּס האָט זיך אָנגעכמורעט, געוואָלט ווערן אין כעס. ער האָט אָבער נישט געקאָנט ווערן בייז אויף מרדכין. ער האָט זיך גאָר צע־לאַכט.

— רייצסט זיך מיטן פעטער, האַ? ווילסט מיך אָנציען? איך זע. איך וויל אַ סענסאַציע. מיין בענעפיט אין דיינס אַ פּיעסע, געשריבן ספּע־ציעל פאַר מיר, פאַר דעם אָוונט. דאָס וויל איך. ביזט מיר שולדיק אַ חוב. געדענקסט, פלימעניק מיינער, ביזט געגאַנגען פאַרן קיין טונים, און איך האָב נישט געוואָלט זאָלסט פאָרן? געדענקסט, כ'האָב דיר געזאָגט, אַז כ'וואָלט בעסער געוואָלט זאָלסט בלייבן ביים טעאַטער און שרייבן פאַר מיר אַ פּיעסע? געדענקסט, פלימעניק מיינער? האָט אהרן אויסגע־שטרעקט די הענט און מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט די רייד מיט אַזאַ ערנסט, ווי ער וואָלט נישט געוועזן קיין קאָמיקער נאָר טראַגיקער — געדענקסטו וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט? — ער האָט נאָכגעמאַכט זיין קול — „פעטער אהרן, איך וועל קומען צוריק און וועל פאַר דיר שרייבן אַ פּיעסע. נו, וווּ איז זי, די פּיעסע?

מרדכי האָט זיך צעלאַכט, מיטן פולן מויל געלאַכט.

— פעטער אהרן, ביזט אַ גרויסער קינסטלער. יעדע באַוועגונג דיי־נע איז מיט גאָלד צו וועגן. נישט בחינם טרייסלען זיך די ווענט פון גע־לעכטער, ווען דו שפּילסט.

— מוחל די קאָמפּלימענטן. אַ דאַנק — האָט דער פעטער זיך פאַר־נייגט פאַרן פלימעניק, — די קאָמפּלימענטן שטעל אַריין אין צייטונג און די פּיעסע שרייב מיר אָן.

מרדכי האָט געזען, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסדרייען. דער פעטער וועט אים נישט אָפּלאָזן.

און ער איז טאַקע גערעכט. פאַר פרעמדע אַקטיאָרן האָט ער יאָ גע־שריבן פּיעסן, און פאַר זיין פעטער נישט?

— פעטער אהרן — האָט ער געזאָגט ערנסט — פעטער אהרן, קריגסט אַ פּיעסע. ספּעציעל געשריבן פאַר דעם גרויסן קינסטלער אהרן פיליפּס.

דעמאָלט האָט גריכנלאַנד געקעמפט פאַר איר פרייהייט. זי האָט נישט געוואָלט מער זיין אונטערטעניק דעם טערק. מרדכי נח, וואָס האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פאַר דעם „פריינט פון די אונטערדריקטע פעל־קער", האָט גענומען דעם גריכישן פרייהייט־קאַמף פאַר דער טעמע פון זיין פּיעסע פאַר זיין פעטער.

איידער ער האָט געלייענט די פּיעסע פאַר זיין פעטער, האָט ער אים געזאָגט:

— פעטער אהרן, צי די פּיעסע איז מיר געראָטן ווייס איך נישט. די טעמע איז מיר אָבער צום האַרצן. וועגן אַן אונטערטעניק פאָלק, וואָס וויל זיך באַפרייען.

— פרייהייט איז אַ שיינע זאַך, פלימעניק טייערער — איז דער אַק־טיאָר נישט געווען זיכער. — פאַרשטייסט דאָך, אַז איך בין מיט לייב און לעבן פאַר פרייהייט. מיין טאַטע עליו השלום, דיין זיידע, האָט זיך דאָך געשלאָגן פאַר פרייהייט. אָבער דער עיקר איז, דאָס שטיק זאָל האָבן אַ ראָלע פאַר מיר. איך בין דאָך אַ קאָמיקער. וואָס זאָגסטו, מרדכי?

— וואָס יאָגסטו אַזוי, פעטער אהרן? וועסט הערן די פּיעסע, וועסטו דעמאָלט רעדן.

די פּיעסע האָט ער אַ נאָמען געגעבן אַ טאָפּלטן, ווי דער שטייגער פון דער צייט, — „דהי גרישיען קעפּטיוו, אָר דהי פאָל אָוו אַטענס“, (דער גריכישער געפאַנגענער, אָדער דאָס פאַלן פון אַטען).

אהרן פיליפּס איז געווען אַנטציקט פון דער פּיעסע. אַ זאַך מיט אַ הויכער אידייע און איינוועגס מיט אוצרות געלעכטער. דאָס פּובליקום וועט קריגן אַ טאָפּלטע פּאַרציע פאַרווײלונג מיט לערנען.

— מרדכי, כ׳האָב אַ געניאַלן פּלאַן, — האָט געזאָגט דער אַקטיאָר, — ס׳האָט צו טון מיט גריכן, טערקן, קען מען דאָך מאַכן דעם אמתן ספּעקטאַקל.

— יאָ?

— מען קען פונאַנדערנעמען די הענט. מען קען אַרויפברענגען אויף דער בינע אַ קעמל, ניין? ס׳ערשטע מאָל אויף דער בינע אַ קעמל, אַ קעמל — האָט דער קאָמיקער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פריילעך טענצל — אַ מכה האָבן אַנדערע אַקטיאָרן אַרויפגעבראַכט אַ קעמל אויף דער בינע! מ׳וועט דאָס זען צום ערשטן מאָל אויף דעם ערן־אָוונט פון אהרן פיליפּס, אין דער פּיעסע, וואָס זיין גרויסער, באַרימטער פלימעניק, מאַ־יאָר נח, האָט פאַר אים, ספּעציעל פאַר אים, געשריבן.

מרדכין האָט נישט געשמעקט דער געדאַנק מיטן קעמל. אים האָט גאָרנישט געחלומט פון אַ קעמל אין דער פּיעסע. ער האָט אָבער נישט גע־וואָלט אָפּוועגדן דעם פעטער. ער וויל אָנכאַפּן דעם עולם פאַר די טשור־פּרינעס, זיי זאָלן לויפן זען דעם קעמל, האָט ער געשוויגן.

— און וואָס עפּעס נאָר אַ קעמל? איך וועל רייטן אויף אַ קעמל. און וואָס וועט טון מיין שותּפטע? זי וועט שטיין אויף דער בינע און

ארויפקוקן צו מיר? — האט פיליפס אריינגעטענהט אין אים, — ס׳וועט נישט טויגן אזוי. סיידן צוויי קעמלען, הא? וואס זאגסטו, מרדכי? אוי, וועט דאס זיין א סענסאציע!

דער פלימעניק האט שוין איינגעזען, אז ער וועט שוין נישט האבן קיין גרויס נחת פון דער אויפפירונג און אויב ס׳איז גוט איין קעמל, וואס איז שלעכט צוויי? האט ער צוגעשטימט.

— זאל זיין צוויי.

— ניין, ס׳טויג נישט! ס׳איז מיין אוונט. די פיעסע האסטו געשריבן פאר מיר, טאר נישט קיין צווייטער אויף דער בינע זיין גלייך מיט מיר. צוויי קעמלען טויג נישט. איך א קעמל, זי א קעמל? איך וויל נישט.

— אוי, ס׳איז גוט! — האט ער אויסגעשריגן א דערפרייטער — איך האב א בעסערן פלאן. מרדכי, א געניאלן פלאן! איין קעמל, נישט קיין צוויי. אויפן קעמל זאל זי רייטן. פאר מיר וועל איך ברענגען א העלפאנט, יא, א העלפאנט! איך, דער הויפט־העלד, אויף א העלפאנט, זי, די צווייטע צו מיר, אויף א קעמל. נו, זאג, טייערער פלימעניק מיינער, איז דיין פעטער נישט געניאל? איין און צוואנציק קינדער האט געהאט מיין מאמע, די באבע דיינע, זי זאל לעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאר. אבער געהירן האב איך מער פון זיי אלע. א קעמל און א העלפאנט!

אזעלכעס איז נאך נישט געווען אויף קיין בינע. ווארט, פלימעניק מיינער, צוויי וואכן פאר דער פארשטעלונג וועט שוין נישט זיין צו באקומען קיין בילעטן פאר קיין שום געלט אויף דער וועלט. א העלפאנט און אקעמל, איך אויפן העלפאנט!

אהרן פיליפס האט נישט גערוט, ביז ער האט געקראגן ביידע — דעם העלפאנט מיטן קעמל. געדונגען זיי פון א מענאזשעריע.

און ער האט געוווסט, וואס ער רעדט. די בילעטן זענען טאקע צעכאפט געווארן א סך פריער פאר דער פארשטעלונג. אין שטאט האט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם אוונט פאר אהרן פיליפס.

— א העלפאנט און א קעמל אויף דער בינע!

פון ארומיקע שטעט זענען געקומען באשטעלונגען פאר בילעטן. מענטשן האבן זיך געגרייט קומען אפילו פון פילאדעלפיע — א נסיעה פון א פערצן־פופצן שעה מיט גוטע פערד.

א טייל פון די אקטיארן, ווי ליב זיי האבן געהאט דעם מאיאר, און וויפל זיי האבן אים פארגעטערט, האט דאס אלץ נישט געהאלפן, ווען זיי האבן געזען דעם דערפאלג, וואס עס גרייט זיך פאר דעם קא־

מיקער. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן ער זאָל האָבן אַזאַ גרויסן דערפאָלג. זיי האָבן אים נישט פאַרגונען, אַז אויף זיין אָוונט זאָל אויף דער בינע זיין אַזאַ טאָפּלטע אַטראַקציע — אַ העלפאַנט און אַ קעמל.

האָבן זיי אים געוואָלט עפּעס אָפּטון. נאָר דעם געדאַנק האָבן זיי גלייך אויפגעגעבן. ווייל וויפל זיי האָבן נישט געוואָלט אונטערשטעלן זייער קאָמיקער אַ פיסל, האָבן זיי זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָס וועט ווי טון דעם מאַיאָר.

צו שטילן זייער נישט־פאַרגינערישער אויפרעגונג האָבן זיי נישט געלערנט, ווי עס באַדאַרף צו זיין זייערע ראָלן. זיי האָבן אפילו יאָ גע־וואָלט לערנען, ס'איז דאָך דעם מאַיאָרס פּיעסע. אָבער דאָס האַרץ האָט זיי נישט געלאָזט.

אַ וואָך פאַר דער פאָרשטעלונג איז פיליפּס געקומען צו לויפן צו מרדכין אין רעדאַקציע. געטראָפן האָט ער זיין באַרימטן פלימעניק ביי זיין שרייבטיש, וואָס איז געווען אָנגעוואָרפן מיט בערג פּאַפּירן, פאַר־טיפט אין שרייבן.

— מיין טייערער פלימעניק! — האָט ער אויסגעזונגען — איך האָב אַ פּלאַן! אַ גלענצנדן פּלאַן. איך וויל גערן דיר נישט שטערן, איך בין דיר נאָר געקומען ווייזן, ווי געניאַל עס איז דיין פעטער אהרן. ווייסט, וואָס איך וויל טון? איך וויל דרוקן דיין פּיעסע. מאַכן אַ קליין שיינינק ביכל און ביי דער טיר, ווי דאָס פּובליקום וועט אַריינגיין, אויסטיילן די ביכלעך, געבן יעדן איינעם די געדרוקטע פּיעסע. נו, איז עס נישט גע־ניאַל? יעדער איינער וועט קריגן אַ מתנה די פּיעסע, אַ סוווועניר. אַ העל־פאַנט, אַ קעמל און די פּיעסע אַ געדרוקטע. זאָג, פלימעניק מיינער, מרדכי טייערער, האָסט שוין אַמאָל געהערט פון אַזאַ סענסאַציע? דו האָסט דאָך יאָ דעם אמתן קאָפּ, דו ווייסט דאָך יאָ אַלץ. זאָג, שווער מיר, איז שוין אַמאָל געווען אַזאַ אַטראַקציע אויף דער בינע?

דער געדאַנק פון דרוקן די פּיעסע, יאָ אויסטיילן אומזיסט אָדער נישט, איז מרדכין דווקא געפעלן. דרוקן אַ בוך, די זאַך זאָל נישט גיין פאַרלוירן אין מאַנוסקריפּט, איז אים זיכער געווען צום האַרצן. ס'איז אים נאָר פאַרשטערט געוואָרן דורכן צונויפפּאָרן מיטן העלפאַנט און קעמל. און כאָטש ער פלעגט אַלעמען לערנען, זאָגן מוסר, האָט ער אָבער זיין פעטער גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

פיליפּס האָט געדרוקט די פּיעסע אין אַ פּאָר טויזנט עקזעמפּליאַרן, און זיי אויסגעטיילט פריי ביים אַריינגיין.

דאָס טעאַטער איז געווען דעקאָרירט. דער עולם האָט זיך געפילט

יום־טובדיק און זיך אויסגעזעצט מיט די ביכלעך אין די הענט. זיי האָבן אוודאי געוואָרט אומגעדולדיק דער העלפאַנט און קעמל זאָלן שוין אַרויפ־קומען אויף דער בינע. אָבער דערווייל האָבן זיי געוואָלט זען צי די אַק־טיאָרן מאַכן נישט קיין טעות און רעדן פּונקט ווי ס'איז געדרוקט אין בוך.

אַ פּאָר טויזנט צושויער זענען געזעסן פון דער ערשטער מינוט אָן מיט אָפענע ביכלעך. אַלעמאָל האָט זיך אַ טראַג געטון איבערן טעאַטער אַ שטורעם פון שאָרשען. דאָס האָבן די פּאָר טויזנט געסט איבערגעמישט די בלעטלעך.

צוויי טויזנט ווייז־פינגער זענען אַרויף אויף צוויי טויזנט מיילער, זיך איינגעטונקט, אַראָפּגעגלאָזט זיך אויפן ביכל און געגעבן אַ שאַר אַ בלעטל און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ קראַץ.

צוויי טויזנט שאָרס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מעכטיקן קראַץ פון צוויי טויזנט קעציִשע נעגל אויף אַ גרויסן ליידיקן טאָפּ, וואָס האָט פאַרגרילצט די רייד פון די אַקטיאָרן.

דאָס איז אפילו געווען אַ טובה פאַר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן נישט געלערנט די ראָלן. אָבער די, וואָס האָבן יאָ געקענט, זענען געוואָרן נערוועז.

ענדלעך איז אַרויפגעקומען די העלדן צו רייטן אויפן קעמל. פון איבעררּאַשונג האָט זיך ביי די פּאָר טויזנט צושויער אָפּגעשטעלט דער אָטעם.

— אַ ריכטיקער קעמל! אַ קעמל פון דער מדבר! — האָבן זיי אויס־געשריגן, ווען זיי זענען געקומען צו זיך.

אָבער די גאַנצע איבעררּאַשונג פון קעמל איז געווען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'האָט זיך געטון אין טעאַטער, ווען אהרן פּיליפּס איז אַריינגעקומען, ניין, ווען דער העלפאַנט איז אַריינגעקומען, און אויף זיין באַרגיקן רוקן איז געשטאַנען אַ שלאָס, און אין דעם שלאָס איז געזעסן דער העלד פון אָוונט, אהרן פּיליפּס.

דאָס טעאַטער האָט געשטורעמט. ס'איז געוואָרן אַזאַ פּאַטשעריי, אַז דאָס טעאַטער איז שיר נישט איינגעפאַלן פון געקלאַפּעריי. נאָר דאָס טעאַטער איז געבליבן שטיין פעסט. שיר איינגעפאַלן איז דער שלאָס אויף דעם העלפאַנטס רוקן.

דער העלפאַנט, ווייזט אויס, איז נישט געווען צופרידן מיט דעם קבלת־פּנים, דאָס קעמל איז געשטאַנען פאַרגאַפיעט ווי אַ גולם, זאָל מען מישן בלעטער, זאָל מען פּאַטשן. ער איז געשטאַנען און געטראָגן אויפן

הויקער די העלדן. אָבער דער העלפאַנט האָט נישט געוואָלט ליידן די גאַנצע געשיכטע. פון אַ זייט האָט ער אַ ביזן קוק געטון צום קעמל.

— דיך אַרט גאָרנישט די גאַנצע חתונה?

און דאָס קעמל, ווי נישט אים מיינט מען. ער שטייט זיך רואיק, פאַרגאַפּיעט.

— ניין, נישט איך! — האָט נאָך בייזער געקוקט דער העלפאַנט און אַ שאָקל געטון, — ניין!

האָט דאָס שלאָס אויף זיין רוקן זיך אַ געזונטן טרייסל געגעבן און זיך אַ גליטש געטון אויף אַ זייט.

— אָ! — האָט אַ געשריי זיך אַרויסגעלאָזט פון די פּאָר טויזנט העלדזוער.

אָט פאַלט אַראָפּ דאָס שלאָס, צעקלאַפּט אויף שטיקלעך און דעם הויפּט העלדס ביינער וועלן זיך געבן אַ שאָט אַרויס.

ס'איז אָבער נישט דערגאַנגען דערצו. ווי אַ היטל אויף אַ זייט, איז געבליבן דאָס שלאָס הענגען פון העלפאַנטס רוקן אַראָפּ. אויף אַ זייט האָט זיך אויך געשטעלט דעם הויפּט העלדס הוט.

און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע געלעכטער. ווי נאָר די צושויער האָבן געזען, אַז דער הויפּט־העלד ווערט נישט געהרגעט, ער הענגט נאָך מיטן שלאָס פון העלפאַנטס רוקן אַראָפּ, האָט מען געמיינט, אַז קאַנאָנען האָבן זיך צעשאָסן. די געלעכטער באַמבעס זענען געווען נישט פון איין מין. דינע פּייפּנדיקע און גראָבע ברומענדיקע, קאַלטע און וואַרעמע, הילצערנע און זילבערנע.

דאָס קעמל איז אַלץ געשטאַנען רואיק, פאַרגאַפּיעט, ווי אַ גולם. דעם העלפאַנט האָט דאָס, ווייזט אויס, אמת פאַרדראָסן. ער האָט אַ וואָרף געטון פאַראויס אין טעאַטער אריין, זיין גרויסע לאַנגע נאָז, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַן אָנגעפּילטע וואַסער קישקע און — פליוך! באַ־כליאַפּעט דעם עולם.

די רייכע דאַמען און הערן, וועלכע זענען געווען אָנגעטון אין די טייערסטע קליידער, איז שוין נישט אָנגעגאַנגען קיין געלעכטער. דאָס טעאַטער איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון זייערע קוויטשערייען. איצט איז שוין נישט דאָס קעמל אַליין געשטאַנען רואיק. דער העלפאַנט האָט איינגעוויקלט זיין לאַנגע נאָז, ווי אַ קייַלעכל, זי אַוועקגעלייגט איבערן מויל און געשטאַנען רואיק און צוגעקוקט.

אהרן פיליפּס, דער העלד אין שלאָס אויפן העלפאַנטס רוקן, דער־שפּירנדיק דער חיהס רואיקייט, האָט אָנגעהויבן זאָגן זיין פּראָזע. ער האָט

גערעדט צו דער העלדן אויפן קעמל. קיינער האָט אים אָבער נישט געהערט. נישט זי, נישט די צושויער, נישט די אַקטיאָרן. ער האָט אַליין זיינע אייגענע רייד נישט געקענט הערן.

א לאַנגע צייט האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן אין שטאָט וועגן דער פאָרשטעלונג. מרדכי האָט זיך געשעמט. נאָר זיין פעטער האָט נישט געוויזן, אַז עס אַרט אים. צי ער האָט דאָס געמיינט, אָדער נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל. ווען ער פלעגט טרעפן, פלעגט ער זאָגן:

— אָבער ס'איז געווען אַ סענסאַציע!

שעריף נח

מאיאָר מרדכי נח האָט ענדלעך געקראָגן אַ שטאָט־אַמט. דער שטאָט־ראַט האָט זיך אונטערגעגעבן און אים באַשטימט פאַר שעריף.

די לעגיסלאַטור האָט אָנגענומען אַ געזעץ צו דערוויילן דעם שעריף פון ניו־יאָרק, און נישט ווי עס האָט זיך געפירט פריער, ווען דער שעריף איז באַשטימט געוואָרן פון שטאָט־ראַט.

מרדכי האָט געקראָגן דעם אַמט ביז די וואַלן. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז ער וועט קריגן די נאָמינאַציע פון טעמעני פאַר שעריף־קאַנדידאַט אין די וואַלן. עלען, דער שטאָט־מעיאָר, זיין גלייכער שותף אין דער פאַרטיי־פירערשאַפט, האָט דאָס אַזוי אָפּגעמאַכט מיט אים.

די שונאי ישראל האָבן אויפגעהויבן אַ גרויסן טומל קעגן דער באַשטימונג. גלחים האָבן געמאַכט געוואַלדן אין די קירכעס, אין זייערע דרשות און אין פּריוואַטע שמועסן. זיי האָבן געשטורעמט קעגן דעם שטאָט־ראַט, וואָס האָט אים באַשטימט פאַר דעם אַמט און קעגן טעמעני, וואָס האָט געהייסן דעם שטאָט־ראַט דאָס טון.

זיי האָבן געשריגן, אַז עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנד, אַז אַ ייד זאָל זיין שעריף פון ניו־יאָרק. זיי האָבן געהעצט דאָס פאָלק קעגן דעם ייד, וואָס האָט געקראָגן אַ הויכן אַמט אין שטאָט.

— דער ייד וועט באַהערשן די שטאָט — האָבן זיי געדראָט דעם עולם.

ער וועט הערשן איבער קריסטן. ער וועט צווינגען די קריסטן צו ווערן יידן — האָבן זיי געליגנערט, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז זיי זאָגן ליגן.

ס'איז נישט געווען קיין ליגן און קיין בלבול, וואָס די יידן־פיינט האָבן זיך נישט באַנוצט מיט זיי אין זייערע העצעס קעגן שעריף נח.

— אַ ייד וועט הענגען קריסטן! — האָבן זיי געקלאָגט.

(די פאַרברעכער, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, זענען געוואָרן אויפגעהאָנגען. דער שעריף איז געווען דער באַאַמטער, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די געפענגענישן, און ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פאַרמשפּטן צום תליון. האָבן די יידנפיינט אין זייערע העצעס באַנוצט זיך אויך מיט דעם, וואָס די קריסטלעכע פאַרברעכערס, וואָס קריגן טויט־שטראָף, וועט דער יידישער שעריף איבערגעבן צום תליון).

ווען שעריף נח האָט געהערט די דאָזיקע טענה, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— זיי מוזן שוין זיין איינמאָל פיינע קריסטן, אַז מען מוז זיי הענ־גען...

די יידנפיינט האָבן אָבער נישט געוואָלט אויפהערן צו העצן קעגן אים.

און באַלד האָבן די פינצטערע גלחים געקראָגן אַ רעכטע געלעגנהייט אָנצוואַרפן אַן אימה אויף דעם פּראָסטן עולם.

דאָס איז געווען גאָרנישט לאַנג נאָכדעם, ווי מרדכי איז געוואָרן שעריף. ס'איז געווען שבת באַלד ווי זיי זענען אַהיימגעקומען פון שול. מרדכי איז שבת נישט געגאַנגען אין ציימונג. דאָס אַליין האָט אויך אויפ־געגעבט אַ טייל גלחים און סתם יידנפיינט. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער טוט נישט קיין שום געשעפט שבת, האָט דאָס זיי פאַרדראָסן. דער רע־דאַקטאָר פון טעמענים ציימונג, דער פירער פון דער רעפובליקאַנער פּאַר־טיי, איז אַ ייד, ער האַלט דעם שבת זיינעם.

אויף די דאָזיקע געשרייען האָט ער אפילו נישט געענטפערט מיט איין איינציקן וואָרט. ער האָט דאָס פאַרשוויגן מיט טיפער פאַראַכטונג.

פלעגט ער אָפט שבת אַהיימגיין פון שול מיט זיין פעטער נפתלי אויף קידוש. דאָס מאָל זענען זיי געקומען אַהיים און נישט געטראָפן די באַלעבאָסטע, רחלען אינמיטן שטוב זיי אַנטקעגנצוקומען מיט דעם „גוט שבת“.

נפתלין איז עס נישט אַזוי אויפגעפאַלן, ווי מרדכין.

— ווו איז די מומע רחל? — האָט ער אַ פרעג געטון.

רחל פיליפּס, נפתלים ווייב, איז געלעגן אין בעט אין אַ פייער. זי האָט זיך געקלאָגט, אַז עס ברעכן איר די ביינער, עס טוען וויי אַלע גלידער.

זיי האָבן גאָרנישט פאַרדעכטיקט און געמיינט, אַז עס איז אַ פאַר־קילונג. זי האָט זיי אויך געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַריינגיין צום טיש מאַכן קידוש.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַריין צום טיש, איידער זיי האָבן זיך נאָך אָנגעגאָסן די גלעזלעך, האָבן זיי דערהערט דורך דער אָפענער טיר, אַז זי ברעכט.

זיי האָבן שוין נישט צוגערירט זיך צום עסן. צוריקגעשטעלט די פלאַש, זענען זיי אַריין צו דער קראַנקער, און אַ שרעק איז זיי באַפאַלן.

זי האָט געבראָכן ברוין. און דאָס פּנים אירס איז שוין געווען אַ שטיק פייער.

נפתלי און מרדכי האָבן גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן מורא געהאַט צו ברענגען די שרעק איבערן מויל. נאָר אָנגעקוקט זיך און איינער אויפן אַנדערן געזען די ווילדע שרעק.

דער דאָקטאָר איז באַלד געקומען, כאָטש ס'איז געווען שווער צו קריגן אים. ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן, דער דאָקטאָר, געקרעכצט און געזאָגט שטיל צו זיי, אַז זי איז נישט די איינציקע.

— כ'האָב שוין פון נעכטן אויפדערנאַכט אַן אַ האַלב טוץ קראַנקע — האָט דער דאָקטאָר געמאַכט פאַרזאָרגט מיט דער האַנט.

אָן זיין זאָגן האָט מרדכי פאַרדעכטיקט דאָס אומגליק. ער האָט נאָך גוט געדענקט דאָס פון די ציימן פון דער גרויסער מגפה אין פילאַדעלפיע, ווען ער, אַ ייִנגל נאָך, האָט געהאָלפן דעם זיידן ראַטעווען די קראַנקע.

— ווייִ! — האָט דאָס געשריגן אין אים — ס'איז דער געלער פיבער!

פון שעה צו שעה איז געוואָרן גרעסער די צאָל פון די קראַנקע. די קראַנקהייט האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַן עפּידעמיע. זי האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. נאָך מער ווי אומעטום האָט זי געברענט אין דער געגנט פון קאַנאַל סטריט ביז דער בעטערי.

ניו־יאָרק איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. ס'איז שוין נישט געווען קיין צווייפל, אַז ס'איז די מגפה פון געלן פיבער.

פלוצים איז אַרוים אַ קול אין שטאָט, אַז די מגפה איז געקומען אויף דער שטאָט איבער דעם יידישן שעריף. אַ גלח האָט דאָס געזאָגט אין זיין פּרעדיק. די קירך איז געווען פולער ווי אַלעמאָל. די איינוווינער זענען געוואָרן פרום. אונטער דער שרעק פון דער עפּידעמיע, זענען זיי געלאָפן אין די קירכעס. און ווי דערשראָקן דער עולם איז געווען, זענען זיי געבליבן געפּלעפט, ווען זיי האָבן דערהערט דעם גלחס מאָדנע רייד.

— די מגפה איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר אונדזערע זינד! — האָט דער גלח געדונערט אין זיין פּרעדיק — דער שעריף איז שולדיק. אַ ייד, אַ שעריף! גאָט צערנט אויף אונדז, וואָס מיר דערלויבן אַזאַ לעסטערונג: אַ ייד, אַ שעריף! דער ייד הענגט קריסטן, דעריבער האָט גאָט געשיקט אויף אונדז די געלע פּלאָג!

ביים גרעסטן טייל פון עולם האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט די טענה. עס זענען אָבער געווען דאָרט אַזעלכע וואָס האָבן געגלויבט דעם גלח. זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ — טאָקע, טאָקע!

אין וויניקער פון א וואָך זענען שוין געווען צענדליקער קרבנות.
איינע פון די ערשטע, איז געווען רחל פיליפּס, מרדכים מומע, רחל.

און ווי נאָר זי איז אויסגעגאַנגען, נישט וואַרטנדיק אפילו אויף דער לויה, איז מרדכי אַוועק אין דער שטאָטישער תפיסה, ווו עס זענען געזעסן די אַלע פאַרברעכער, מערסטנס מענטשן, וואָס זענען איינגעזעצט געוואָרן פאַר נישט באַצאָלן זייערע חובות, — אַלס שעריף איז ער געווען דער באַלעבאָס פון געפענגעניש — און ער האָט אויפגעעפנט אַלע קאַמערן און אַרויסגעלאָזט אַלע אַרעסטאַנטן.

מיט קיינעם האָט ער זיך נישט מיישב געווען, צי ער זאָל דאָס טון. נאָר, ווען ער האָט זיי שוין געהאַט אַרויסגעלאָזט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער האָט דאָס געטון איבער דער מגפה. זיי וואָלטן אַלע אומגעקומען אין דעם שרעקלעכן געפענגעניש, האָט ער געזאָגט, ווי נאָר דער געלער פיבער וואָלט זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט. ווען איינער פון זיי וואָלט נאָר געוואָרן קראַנק, וואָלטן די אַנדערע שוין אויך נישט אַרויסגעקומען לעבעדיקע.

און דאָ איז ערשט געוואָרן דאָס רעכטע געשריי אין שטאָט.

אָנגעהויבן דאָס געשריי האָבן די קרעדיטאָרן, וואָס האָבן געהאַט געלאָזט איינזעצן די אַרעסטאַנטן. צוליב זענען זיי געקומען אַ סך גלחים. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן דעם יידישן שעריף.

די קרעדיטאָרן האָבן געשריגן, אַז דער שעריף האָט נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצולאָזן די אַרעסטאַנטן. זיי האָבן געפאָדערט פון מרדכין, ער זאָל זיי באַצאָלן די חובות, וואָס די אַרויסגעלאָזטע אַרעסטאַנטן זענען זיי געבליבן שולדיק.

— ווען זיי זיצן אין געפענגעניש באַצאָלן זיי מיטן זיצן די שולדן — האָבן זיי געטענהט — איצט, אַז ער האָט זיי אַרויסגעלאָזט, קאָן מען זיי שוין מער נישט איינזעצן, זאָל ער אונדז באַצאָלן.

— גוט, איך באַצאָל. אַלע חובות צאָל איך, — האָט געזאָגט דער יידישער שעריף.

ס'האָט אים גענומען אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט זיך געשאַפן דאָס געלט. ער האָט אָבער באַצאָלט די חובות פון די באַפרייטע אַרעסטאַנטן. זיך אַליין האָט ער פאַרשולדיקט ביז איבערן קאָפּ.

— איך בין צופרידן — האָט ער געזאָגט — איך וואָלט זיך אפילו פאַרשולדיקט אויפן גאַנצן לעבן, נאָר עס זאָל נישט אויסגיין צום לעבן פון איין מענטש.

אָבער די געשרייען פון די גלחים זענען שוין נישט געווען אַזוי גרינג.

— ס'איז נישט די איינציקע שטראָף, וואָס עס קומט אויף אונדז איבער דעם יידישן שעריף — האָבן די גלחים געהעצט די שטאָט — גאָט וועט אונדז נאָך מער שטראָפן. אַזוי לאַנג, ווי מען וועט דערלאָזן אַזאַ פאַרברעכן, אַז אַ ייד זאָל זיין שעריף, וועט גאָט נישט אויפהערן צו צאָר־נען אויף אונדז.

דאָס, וואָס זיי האָבן געשריגן, אַז די מגפה איז געקומען איבער אים, איז זיי נאָך נישט געווען גענוג. זיי האָבן אויך געהעצט קעגן אים, ווייל ער האָט אַרויסגעלאָזט די אַרעסטאַנטן.

— דער אומגלויביקער ייד! — האָבן די גלחים געשריגן — ער וויל אַלץ חרב מאַכן. ער לאַכט זיך דאָך אויס פון די געזעצן אויך! מיר האָבן געזעצן קעגן די, וואָס באַצאָלן נישט זייערע חובות. די געזעצן זענען הייליק. דאָס געזעץ הייסט אַזעלכע מענטשן פאַרשפאַרן אין געפענגע־ניש. איז געקומען דער יידישער שעריף און זיי אַרויסגעלאָזט פריי, פאַר יידן עקזיסטירן נישט קיין געזעצן פון אַ קריסטלעך לאַנד.

— ער גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון דער מדינה — האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו שרייען — פון אונדזער גלויבן האַלט ער נישט. אונדזערע געזעצן זענען ביי אים גאָרנישט. אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט די אַרעסטאַנטן איז ער באַגאַנגען אַ פאַרברעכן נישט נאָר קעגן דעם געזעץ אַליין. ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן אַלע געזעצן. ער האָט געוויזן, אַז אַ געזעץ איז גאָרנישט ווערט. ער פאַרשפּרייט אומרעספּעקט צו אויטאָריטעט. די אויטאָריטעט פון אונדזער רעליגיע וויל נישט דער ייד אַנערקענען.

— פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעלאָזט אַרעסטאַנטן, וואָס זענען גע־וואָרן איינגעזעצט לויט דעם משפט פון געריכט? — האָבן די גלחים נישט אויפגעהערט צו שרייען.

מרדכי איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. ער האָט אָפּגע־ווענדט אַלע זייערע טענות. נאָר וועגן דער באַשולדיקונג, אַז ער טרעט אויף די געזעצן, האָט ער געענטפערט צום שאַרפסטן.

— איך היט די געזעצן — האָט ער געזאָגט — ערלעכער און גע־טרייער פון די גלחים, וואָס העצן קעגן מיר. איך האָב דאָך באַצאָלט ביזן לעצטן סענט, וואָס די באַפרייטע אַרעסטאַנטן זענען געווען שולדיק. די קרעדיטאָרן דאַרפן מיר דאַנקען. ווען איך לאָז נישט אַרויס די אַרעס־טאַנטן, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט געקראָגן זייער געלט.

— איך האָב זיי בעסער אַרויסגעלאָזט לעבעדיקע, איידער מען זאָל זיי געווען אַרויסטראָגן טויטע — האָט ער צוגעגעבן און דערלאַנגט אַ לעקציע די העצערישע גלחים. — ווען זיי וואָלטן געווען אמתע קריסטן, האָבן זיי דאָך געדאַרפט מיך לויבן. ווו איז זייער רחמנות? די מענטשן וואָלטן דאָך געפאַלן ווי פליגן!

נפתלי פיליפּס, אַ צעבראָכענער פון זיין פרוים טויט, האָט פונ־דעסטוועגן געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דער גאַנצער זאַך.

— מרדכי, איך ווייס נישט, צי דו האָסט גוט געטון. נעמסט און לאָזט אַרוים אַרעסטאַנטן?

— פּעטער נפתלי, איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט. ווי נאָר כ׳האָב דערזען דאָס אומגליק מיט דער מומע רחל, האָט עס מיך אַ הויב געטון און אָוועקגעטראָגן צום געפענגעניש. מיך אַרט נישט, וואָס עס וועט גע־שען מיט מיר. אַבי איך האָב די מענטשן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

נפתלי האָט אים אויף דעם אַלעם גאָרנישט געזאָגט. אין האַרץ האָט ער אָבער געדאַנקט גאָט, וואָס מרדכי איז זיין פּלימעניק.

די צייט פון די וואַלן פאַר שעריף האָט זיך דערנענטערט. דאָס ערשטע מאָל צו וויילן אַ שעריף אין ניו־יאָרק. מרדכי איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דער ערשטער דערווייילטער שעריף פון ניו־יאָרק. ער וועט דאָך זיכער קריגן די נאָמינאַציע פון טעמעני, און קריגן די נאָמי־נאַציע פון טעמעני האָט געמיינט אַזוי גוט ווי דערווייילט.

טעמעני האָט צונויפגערופן די נאָמינאַציע־פאַרזאַמלונג. אַלע פירער פון די גרעסטע ביז די קלענסטע זענען געקומען. עס האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט זיין נישט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט. די טעמעני פירערשאַפט האָט באַשלאָסן אים צו נאָמינירן. דער באַשלוס איז נאָך אָנגענומען גע־וואָרן ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם אַמט. איז געווען קלאָר, אַז ער וועט נאָמינירט ווערן איינשטימיק. עס וועט גאָרנישט זיין קיין קעגן־קאַנדידאַט.

איינער פון די פירער האָט זיך אויפגעשטעלט און נאָמינירט מרדכין. האָבן זיך געהערט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן, און דער פאָרזיצער האָט שוין געוואָלט דערקלערן אים פאַר נאָמינירט. האָט זיך אויפגע־שטעלט איינער פון די קלענערע פירער און געבעטן דאָס וואָרט.

מיט די ערשטע ווערטער זיינע האָט ער אויפגעריסן די פאַר־זאַמלונג.

— איך נאָמיניר דעם ערלעכן, גלויביקן קריסט, וואָס גייט אַלע טאָג אין קירך, ווען גלויביקע קריסטן טרעפן אַלעמאָל אין קירך — האָט

ער געזאָגט און אָנגערופֿן אַ נאָמען פֿון אַ קליינעם טעמעני־פּירער.

מרדכי איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז געוואָרן בלאַס. פֿאַר אַ סך איז די גאַנצע זאַך געווען אַן איבעררעשונג. ס'איז געווען פֿאַרשטאַנען, אַז די נאָמינאַציע קריגט דער שעריף, דער באַרימטער מאַיאָר. וואָס ברענגט מען ארויף אַן אַנדער נאָמען?

בלאַס, שמייכלענדיק, האָט מרדכי זיך אַרומגעקוקט און געוואַרט צו זען, וואָס דאָ וועט זיין.

ס'איז באַלד געוואָרן אַ גרויסער טומל. איין טייל, דער גרעסטער, האָט געשריגן:

— מען דאַרף נישט נאָך נאָמינאַציעס!

— דער מאַיאָר! מיר ווילן נאָר מאַיאָר נח!

— מיר ווילן יאָ! מיר ווילן! — האָבן געשריגן אַנדערע.

מרדכי האָט געוווּנען. ביידע נעמען זענען געשטעלט געוואָרן צום שטימען. מרדכי איז נאָמינירט געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט.

מיט דעם האָט זיך עס אָבער נישט געענדיקט. מרדכים קעגנער, אַ קליין הייפעלע, זענען אַרויס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג און זיי זענען אַוועק אין שענק, ווו זיי האָבן נאָמינירט זייער קאַנדידאַט.

דער יידישער שעריף האָט געהאַט די אָפּיציעלע נאָמינאַציע פֿון דער פֿאַרטיי. ער איז געווען דער רעגולערער קאַנדידאַט. פֿונדעסטוועגן האָט דער קעגנער זיינער אויסגעפֿירט צו קריגן אַ צימער פֿאַר זיך אין פֿאַרטיי־ביוראָ.

— מיר זענען די מערהייט! — האָבן געזאָגט די אָנהענגער פֿון קעגן־קאַנדידאַט.

אַ סך מענטשן האָבן נישט געשאָנקען די מינדסטע אויפֿמערקזאַמקייט דעם קעגן־קאַנדידאַט. זיי זענען געווען זיכער, אַז מרדכי וועט ווערן דערוויילט מיט אַ גרויסער מערהייט. ער איז דער רעגולערער טעמעני קאַנדידאַט. מרדכי אַליין איז אויך געווען זיכער, אַז ער בלייבט שעריף. די פֿאַרטיי, וואָס הערשט אין שטאַט, וועמען די מערסטע ווײַלער פֿאָלגן בלינד אַלץ, וואָס זי הייסט זיי, האָט אים נאָמינירט. צו דעם איז ער דאָך דער באַוווּסטער רעדאַקטאָר, דראַמאַטורג, פֿאַרטיי־פּירער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, מאַיאָר נח, און זיין קעגנער איז אַן אומבאַוווּסטער פֿאַרשוין. ווער קען אים?

מרדכי האָט זיך אפֿילו נישט געשראָקן פֿאַר די גלחים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אין די קירכעס נישט צו שטימען פֿאַר דעם ייד. זיי האָבן דערמאָנט די מגפֿה פֿון געלן פֿיבער, וואָס האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט

געענדיקט. געוואָרנט די ווײלער, אַז אויב זיי וועלן שטימען פאַר דעם ייד, וועט די מגפה צוריק קומען.

— און דער געלער פּיבער איז נישט די איינציקע פּלאָג, וואָס גאָט וועט אָנשיקן אויף אייך — האָבן די גלחים געדראָט אין זייערע רעדעס פון די קירכן־אַלטאַרן און אויף פאַרזאַמלונגען — אַלע קללות פון דער תוכחה וועט גאָט אין זיין צאָרן אויסגיסן אויף אייך.

די גלחים האָבן אויך נישט דורכגעלאָזט די טענה וועגן די באַפרייטע אַרעסטאַנטן, וואָרנדיק דעם עולם, אַז דער יידישער שעריף וועט עפענען די טירן פון אַלע תפיסות און אַרויסלאָזן אַלע אַרעסטאַנטן. ער וועט אָנשיקן אויף דער שטאָט די ערגסטע פאַרברעכער און מיט זייער הילף וועט ער זיך קרוינען פאַר הערשער.

זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, די רעליגיעזע טאַטעס, פאַר קיין זאַך. די ערגסטע בלבולים האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף אים.

— פעטער נפתלי — האָט מרדכי געזאָגט נאָך אַ טאָג שווערער קאַמפּיין־אַרבעט — פון אַלע גלחישע דראָאונגען געפעלט מיר צומייסטן די מיט די קללות פון דער תוכחה. זיי באַנוצן זיך מיט דער תוכחה פון אונדזער חומש.

ווען נישט זייערע יידן־פיינטלעכע העצעס, וואָלט איך געלאַכט פון זיי — האָט מרדכי צוגעגעבן — אַזוי האָבן זיי נישט דעם מינדעסטן שאַנס. איך בין דער פּאַרטיי־קאַנדידאַט!

— יאָ, — האָט נפתלי געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, וואָס מרדכי האָט גאָרנישט באַמערקט.

די וואַלן האָבן זיך געענדיקט מיט דער גרעסטער איבעררעשונג. מרדכי איז דורכגעפאַלן. דער באַרימטער שעריף נח, וואָס איז געווען דער פּאַרטיי־קאַנדידאַט, האָט פאַרלוירן די וואַלן. דער אומבאַוווסטער קעגן־קאַנדידאַט, וואָס קיינער נישט, חוץ די גלחים, האָט גאָר זיך נישט געוואָלט אומקוקן אויף אים, איז דערוויילט געוואָרן פאַר שעריף.

די גלחים האָבן טריאומפירט — דער אומבאַוווסטער גוי האָט באַזיגט דעם באַוווסטן ייד. אין זייערע פּרעדיקס נאָך די וואַלן האָבן זיי זיך באַרימט, אַז דאָס פאָלק האָט געפאָלגט די באַפעלן פון דער קירך.

אין שטאָט האָט מען אָבער געמאַכט צו נישט די איינרעדעניש פון די גלחים.

— די גלחים האָבן אַ קנאַפּן איינפלוס — איז גערעדט געוואָרן אין שטאָט — דאָס האָט טעמעני פּאַראַטן איר יידישן פירער, שטילערהייט

האָבן די טעמעני לידערס געזאָגט זייערע אָנהענגער נישט צו שטימען פאַר דעם מאַיאָר.

צעפּלאָשעט די האָר פון קאָפּ, די באַקנבערד, וואָס פלעגן אַלעמאָל זיין ווי געקרייזלטער זייד, און די אויגן צעטומלטע, האָט מרדכי גע־טענהט צו נפתלי פּיליפּסן:

— פעטער נפתלי, דו פאַרשטייסט דאָס? וואָס איז דאָ געשען?

ערנסט האָט דער פעטער, וואָס איז אַליין געווען אַ מאַכט אין דער זעלבער פּאַרטיי, גערעדט צו זיין פּלימעניק:

— איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט מרדכי. איך האָב מורא געהאַט, אַז עס וועט אַזוי זיין. איך בין איין מינוט נישט געווען זיכער, אַז דו וועסט געווינען די וואַלן.

— ביי דער גאַנצער שטיצע פון דער פּאַרטיי, כ׳מיין פון דער גרעס־טער מאַיאָריטעט?

— אין דעם בין איך נישט געווען זיכער, כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז די גוים וועלן דיך שטיצן אויף אַן אמת. ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן גיכער שטימען פאַר דעם גוי.

— זיי האָבן דאָך אַלעמען געהייסן שטימען פאַר מיר!

— הויך אויפן קול האָבן זיי אַזוי געהייסן. שטילערהייט האָבן זיי אַנגעזאָגט פאַרקערט.

— מיינסט, אַז זיי האָבן דאָס טאַקע געטון? מיר, איינעם פון זייע־רע הויפּט־פירער? אַזוי פלעגן זיי נאָך מיך, טוען אַלץ, וואָס כ׳הייס זיי.

דער פעטער, וואָס האָט אין קיין זאַך נישט געקאָנט פאַרגלייכן זיך מיט זיין יונגן פּלימעניק, נישט אין וויסן און נישט אין פעאיקייטן און אויך נישט אין איינפלוס, האָט געקוקט רואיקער, ווייזהאַפטער אויף דער גאַנצער זאַך. ער האָט דאָס געפּרובירט דערקלערן אויף זיין שטייגער.

— מרדכי, ווייסט דאָך מיין מיינונג שוין פון לאַנג. די גוים וועלן דיך פאָלגן, ווי דו העלפסט זיי מיט דיין פאַרשטאַנד, מיט דיינע פעאי־קייטן. די רגע, וואָס דו ווילסט עפּעס פאַר דיר, וועלן זיי דיר געבן אַ בריקע.

מרדכי האָט מיטאַמאָל זיך נישט איינגעהערט און אַ זאָג געטון:

— מיר האָבן זיי דאָס געטון? איך בין דאָך אַזוי מעכטיק אין דער פאַרטיי.

— מאַכסט אַ טעות, אויב דו מיינסט, אַז דו ביזט טאַקע אַזוי מעכ־טיק ביי די גוים.

— אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן, ווי זיי לוינט זיך, ביזטו מעכטיק. אין

צימער הינטער די קוליסן, הינטער זייער מאנטל, ווען דו גיסט זיי די ריכטיקע עצות, וועלן זיי דיר געבן די גרעסטע מאכט. אבער ווי נאר דו קומסט ארויס אין דער עפנטלעכקייט שטעלסט דיך ארויס, ווילסט שטיין גלייך מיט זיי, שערן זיי דיר אפ די לאקן, נעמען זיי ביי דיר צו די גאנ־צע מאכט. איך בין גארנישט איבערראשט, א האר נישט. איך האב עס דערווארט.

ער האט פארביסן די ליפן, מרדכי האט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם. עס האט אבער א לאנגע צייט נישט אויפגעהערט צו עסן אים אין דער שטיל.

ארום דער צייט האט מרדכי געקראגן א בריוו פון בערלין פון דריי יונגע יידישע געלערנטע, די פירער פון דער געזעלשאפט צו פארשפרייטן קולטור און וויסנשאפט צווישן יידן — דאקטאר ע. גאנז, פרעזידענט; ד"ר צונץ, וויצע־פרעזידענט, און מ. מאזער, וויצע־סעקרעטאר.

זיי האבן געלייענט וועגן זיין ארבעט צו באזעצן יידן אין די פאר־אייניקטע שטאטן, האבן זיי אים פארגעלייגט צו גרינדן אן אפטייל פון זייער ארגאניזאציע אין דער נייער וועלט, און זיי האבן אים באשטימט רעכט גערופן די בעסערע".

אין אנהויב פון בריוו האבן זיי אים באגריסט פאר זיין רופן יידן פון „אן אומדאנקבאר און אומגערעכט לאנד צו דעם טייל פון ערדקוגל, וואס מען רופט די „נייע וועלט", וואס מיר וואלטן אבער מיט נאך מער רעכט גערופן די „בעסערע".

דאנקענדיק אים פאר זיין „אויפהייטערן די דערשלאגענע געמיטער פון די מיטגלידער פון א פארפאלגטער אמונה", דריקן זיי אויס זייער דאנקבארקייט, וואס ער האט געגעבן א נייע האפענונג צו די פארפאלג־טע יידן.

„איר האט זיי געגעבן די דערהויבענע טרייסט. דער בעסערער טייל פון די יידן אין אייראפע קוקן מיט פלאמיקער האפענונג צו די פאראיי־ניקטע שטאטן פון נארד־אמעריקע צו פארבייטן זייערע צרות אין זייערע געבוירנלענדער אויף פרייהייט פאר יעדער רעליגיע און אויף דעם גליק, וואס עס קריגן נישט נאר די אנהענגער פון א פריווילעגירטער רעליגיע, נאר יעדער בירגער, פאר זיין לויבנסווערטער אונטערנעמונג, דורכגענו־מען מיט די טיפסטע געפילן פון דאנקבארקייט", לאזן זיי אים וויסן, אז זיי האבן אים געמאכט פאר א ספעציעלן מיטגליד פון זייער ארגאני־זאציע און פאר „גענעראל קארעספאנדענט פאר די פאראייניקטע שטאטן".

נאָכדעם ווי זיי האָבן אים באַשטימט פאַר פּרעזידענט פון דעם אַמע־ריקאַנער אָפּטייל, בעטן זיי אים אינפאָרמאַציע וועגן דעם „צושטאַנד פון די יידן אין דער „נייער", וואָס זיי וואָלטן מיט נאָך מער רעכט, גע־רופן די „בעסערע וועלט", וועגן זייערע רעכט. זיי לייגן פאָר „איינשטעלן א שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ וועגן די מיטלען איבערצופלאַנצן אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעאישע יידן אין די פאראייניקטע שטאַטן, און ווי אַזאַ עמיגראַציע קאָן זיין פארבונדן מיט דעם ווילזיין פון די, וואָס ווילן פאַר־לאָזן זייער לאַנד צו באַפרייען זיך פון ענדלאָזער שקלאַפעריי און אונ־טערדריקונג".

דעם בריוו האָט ער געוויזן נפתלי פיליפסן און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— פעטער נפתלי, דו זעסט? איך בין דורכגעפאַלן אַלס שעריף פון ניו־יאָרק, האָט מען מיך געמאַכט פאַר פּרעזידענט פון דער הברה צו בילדן די יידן.

דעם פּאָטערס ווידוי

מרדכים פּאָטער, עמנואל נח, האָט אָפּט געטרונקען איבער דער מאָס און זעלטן גערעדט מיט מענטשן. זיין שוואָגער נפתלי פּיליפּס האָט די גאַנצע צייט נישט אויסגערעדט מיט אים קיין וואָרט. מען האָט אים אויסגעמיטן און ער האָט אַלעמען אויסגעמיטן. ער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט פאַרוואָס די קינדער האָבן נישט חתונה געהאַט. נאָר ווען דער זון האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן וועגן באַזעצן יידן אין אַ באַזונדערער געגנט, האָט ער דעמאָלט זיך אָנגערופן עטלעכע מאָל מיט אַ פּאָר ווער־טער. ער האָט נישט געוואָלט ליידן, וואָס דער זון וויל אָפּצוימען די יידן אויף איין אָרט. דער זון האָט געזען, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן. די טאָכטער האָט אים באַדינט, געטון אַלצדינג, וואָס ער האָט געוואָלט, אָפּט נאָך איידער ער האָט דאָס געברויכט זאָגן. אָבער אַלץ שווייגענדי־קערהייט, זעלטן ווען זי האָט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט.

פּלוצלינג האָבן אַלע דערזען, אַז דער אַלטער נח איז ערנסט קראַנק. נאָך איידער זיי האָבן געבראַכט דעם דאָקטאָר, האָבן זיי עס געזען.

מרדכי פלעגט אַלעמאָל אַהיימברענגען אַ פלאַש בראָנפן פאַרן פאָ־טער. שטענדיק פאַראויס האָט ער אָנגעגרייט פאַר אים צו טרינקען איי־דער ער האָט אויסגענוצט די משקה פון פריער.

האָט דער אַלטער געלאָזט שטיין אומגעריכט די נייע פלאַש. די אַל־טע איז נאָך אויך געווען האַלב פול. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט דער פאָטער זיך נישט צוגערירט מער צום בראָנפן.

ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט מיט סודותדיקס אין די אויגן. און כאָטש ער האָט נישט געהאַט געטרונקען, האָט דאָס פנים ביי אים שי־כורלעך געפלאַמט, נאָך מער ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געטרונקען.

די קינדער האָבן באַלד באַמערקט די ענדערונג. זיי האָבן נישט אָפּט גערעדט מיט אים, אָבער זיי האָבן אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט פון די אויגן.

דער פאָטער וועט נישט סתם אַזוי אויפהערן טרינקען. זיי האָבן אָבער אויך נישט געפרעגט אים וועגן דעם, נאָר אָנגעהויבן שאַרפער האַלטן די אויגן אויף אים.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז ער נישט אַראָפּ פון בעט, געבליבן ליגן. ער האָט נישט געזאָגט, אַז ס'טוט אים וויי. מען האָט אויף אים גאָרנישט

געקאָנט דערקענען, אַז ס'טוט אים עפּעס וויי. דאָס פּנים האָט נאָר גע־פלאַמט אים, געפלאַמט שיכּורלעך, נאָך מער ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געטרונקען.

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן. יהודית איז אַרומגעגאַנגען אַ בליי־כע מיט מורא אין די אויגן. ס'איז איר אָבער געווען שווער אים צו פרעגן וואָס ס'איז אים.

ווען מרדכי האָט געפונען דעם פאָטער אין בעט, האָט אים אָנגע־הויבן קלאַפּן ס'האַרץ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים.

— וואָס טוט דיר וויי? — האָט ער אים געפרעגט ווי אַ פאָטער פרעגט אַ קינד.

האָט דער פאָטער געשמייכלט, געקוקט אויף דעם זון און געזאָגט מיט אַ קול, וואָס דער זון האָט נישט דערקענט:

— גאָרנישט. גאָרנישט טוט מיר וויי. ס'מוז דען וויי טון, מעני?

מרדכי איז געוואָרן שטאַרק צערודערט. דעם פאָטערס קול איז גע־וואָרן אַנדערש. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, זאָגן אויף זיכער ווי ס'איז געוואָרן אַנדערש, צי ס'איז געוואָרן שוואַך. ס'איז אָבער נישט דאָס קול, וואָס ער האָט די אַלע יאָרן געהערט. דערצו האָט ער פלוצלינג אים געזאָגט „מעני", דעם נאָמען, וואָס די מוטער האָט גערופן ביידן, דעם פאָטער און זון.

— ס'ברויך נישט וויי צו טון — האָט עמנואל נח גערעדט ווייטער מיט זיין קול, וואָס איז געוואָרן אַנדערש, — די צייט קען קומען פון זיך אַליין. און עס זאָל עפּעס וויי טון.

דער זון האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער פאָטער מיינט. ס'איז אים געוואָרן אַזוי שווער אויפן האַרץ. ער האָט אָבער נישט געוואָלט ווייזן דעם פאָטער, אַז ער פאַרשטייט אים. האָט ער אים געזאָגט פּשוט:

— איך וועל רופן דעם דאָקטאָר.

מרדכי איז געוואָרן פאַרחידושט. דער פאָטער האָט ווידער גע־שמייכלט.

— קענסט רופן דעם דאָקטאָר. כ'ברויך אים אָבער נישט. ס'טוט מיר גאָרנישט וויי. די צייט קומט נאָר פון זיך אַליין.

דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט געקאָנט געפינען. ער איז אַביסל אָפּ־געשוואַכט. ס'וואָלט גוט געווען ער זאָל נעמען אַ טרונק. אפשר איז ער געוואָרן שוואַך פון דער פלוצלינגדיקער ענדערונג, דאָס אויפהערן טרינקען.

— ווער הייסט אייך מיט אַמאָל אויפהערן טרינקען? איר קענט זיך

אָפּגעווינען ביסלעכווייז, אָבער נישט מיטאַמאָל. טרינקט אַביסל צו קרעפטיקן זיך.

דעם דאָקטאָר האָט ער אויף די רייד נישט געענטפערט. נאָר אַז דער דאָקטאָר האָט אים דערלאַנגט אַ גלעזל בראָנפן, האָט ער אויסגע־דרייט דעם קאָפּ און געשאָקלט אַהין און צוריק אויפן קישן — ניין.

— פאַרוואָס ווילט איר נישט טרינקען? — האָט דער דאָקטאָר אים געפרעגט, — איך פאַרשטיי אייך נישט, פאַרוואָס פּלוצלינג נישט טרינקען?

עמנואל נח האָט נישט געענטפערט, נאָר געלעגן און געשמייכלט.

דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געזאָגט די קינדער, איז געווען, אַז ער האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין געדאַנק. נאָר זאָלן זיי נישט זאָרגן עס וועט איבערגיין, וועט ער זיך מיישב זיין.

יהודית איז געשטאַנען ביי דער שוועל מיט אָפענע אויערן צו הערן, וואָס מרדכי וועט דאָרטן רעדן מיטן פאָטער.

— אפשר וואָלסטו דאָך געטרונקען אַביסל? — האָט מרדכי גע־בעטן דעם פאָטער.

— וואָס איז? דו מיינסט, אַז איך האָב דאָס געהאַט אַזאַ גרויסע הנאה פון טרינקען? איך האָב שוין גענוג געטרונקען.

דעם פאָטערס אַנדערשדיק קול האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף מרדכין. ער האָט נישט געוווּסט ווי צו רעדן צו אים.

ס'איז נישט אַריבער קיין גאַנצע וואָך האָט דער פאָטער אָנגעהויבן צו רעדן מיטן זון. מרדכי איז געזעסן נעבן אים און אים געבעטן ער זאָל נעמען כאָטש אַ פּאָר טראָפּן בראָנפן.

— ניין, וואָס ברויך איך דאָס? איך קאָן זיך שוין באַגיין אָן דעם — האָט דער פאָטער געזאָגט צו אים מיט דעם קול, וואָס איז געוואָרן אַנ־דערש. — איך וויל דיר נאָר עפּעס זאָגן. לויף נישט אַוועק. זיץ, הער, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן, האָט מען געזען, נאָר ער איז גע־בליבן ליגן. מרדכי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער איז שוין אַזוי שוואַך, אַז ער קען זיך נישט אויפזעצן.

— דו מיינסט אוודאי, דו, יהודית, איר אַלע, מיינט, אַז איך האָב נישט געוואָלט ציפּורהן, — איז דאָס אַנדערשדיקע קול אַרויסגעקומען פון צווישן בעטגעוואַנט — אַז כ'בין אַנטלאָפן, ווייל איך האָב ציפּורהן נישט ליב געהאַט.

אַלע שרעקן, וואָס ער האָט פריער געהאַט דורך דעם פאָטער, זענען

געווען גאַרנישט אַנטקעגן דער אימה, וואָס איז איצט באַפאַלן מרדכין. ווי דער פאָטער רעדט צו אים און וואָס ער רעדט! פון קינדווייז אָן האָבן די דאָזיקע פראַגן געגאַגט זיין האַרץ. ער האָט געוואָלט וויסן זייער ענט־פער, און קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ער וועט אים אַמאָל קריגן. איצט קומט דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אים קיינמאָל נישט געגלויבט.

ס׳פנים האָט געפלאַמט ביים אַלטן, געברענט שטאַרקער פון וויסן בעטגעוואַנט אַרויס. געריערט האָט ער ווי איינער, וואָס די געדאַנקען זע־גען ביי אים שטאַרק קלאָר, דאָס קול זיינס איז נאָר געווען אַנדערש.

— איך האָב ליב געהאַט ציפורהן ווי דאָס לעבן. איך האָב נישט געוואָלט אַנטלויפן, קיינמאָל נישט געוואָלט. ס׳האָט מיך אָבער געיאָגט פון הויז. ווי נאָר אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, האָב איך נישט געקאָנט איינרוען, ס׳האָט מיך געטריבן.

— זעסט דאָך, אַז איך בין צוריקגעקומען — האָט ער זיך עפּעס געפרייט, וואָס ער האָט אַ גוטן באַוויז, אַז ער זאָגט דעם אמת — צוויי מאָל בין איך דאָך צוריקגעקומען. ווען איך וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון ציפורהן, וואָלט איך דאָך נישט געווען צוריקגעקומען, ס׳ערשטע מאָל, ווען ס׳האָט מיך אַוועקגעטריבן, בין איך צוריקגעקומען באַלד, ווי איך האָב נאָר גובר געווען די שרעק; איך האָב געמיינט, אַז איך וועל בלייבן אויף אייביק מיט ציפורהן. איז ווידער געבוירן געוואָרן אַ קינד און די שרעק איז מיך ווייטער באַפאַלן. איך האָב מוראדיק געקעמפט מיט דער שרעק, אַ שאַרפע מלחמה געפירט און איך האָב נישט אויסגעהאַלטן, ס׳האָט מיך ווידער אַוועקגעטראָגן. און ווי נאָר איך בין געווען אַוועק, האָב איך ווידער אָנגעהויבן רייסן זיך אַהיים, צו ציפורהן און איך בין געקומען אַהיים.

זיין גאַנץ האַרץ האָט דער אַלטער אַריינגעלייגט אין די רייד, מיט די לעצטע כוחות האָט ער, דאַכט זיך, גערעדט... און שוין נישט ביי אים אַליין האָט געפלאַמט דאָס פנים. מרדכין איז שוין אויך געוואָרן היים

כ׳בין געקומען אַהיים — האָט עמנואל נח ווייטער אַריינגערעדט אין זון — און צום דריטן מאָל אַ קינד. דאָס מאָל, אַז ס׳האָט מיך גע־געבן אַ טראָג אַוועק, האָב איך שוין נישט געקענט באַהערשן די שרעק, זיך נישט געקענט מער אומקערן אַהיים. דאָס האַרץ איז מיר אויסגעגאַנ־גען יעדע רגע צו ציפורהן. און ווי איז מיר דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען צו זען די קינדער! האָט עס מיך אָבער אָפּגעהאַלטן מיט אייזערנע קייטן, נישט געלאָזט מיך גיין צוריק. כ׳האָב נאָר געטרונקען. נישט אויפגעהערט צו טרינקען, געבענקט נאָך ציפורהן, נאָך די קינדער, און נישט געקענט רירן זיך פון אָרט.

— ווייסט, — האָט ער אים איינגערוימט אַ סוד — איך ווייס נישט ביזן היינטיקן טאָג, וואָס כ'האָב אַזוינס מורא געהאַט פאַר אַ קינד, פאַר מיינס אַ קינד. ס'מוז זיין געווען אַ כישוף. עמעצער האָט מיך פאַרשאָלטן, אָפּגעטון אַ כישוף. און פאַרוואָס האָב איך היינט נישט קיין מורא פאַר די קינדער? ווען די קינדער זענען נאָך געבוירן געוואָרן, געווען אַזוי קליין, עופהלעך, האָב איך מורא געהאַט. אוי, מעני, איך האָב אַזוי מורא געהאַט!

אַן אָפּשפּיגלונג פון דער דאַזיקער מורא האָט מרדכי דערפילט אויף זיך אליין. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל נישט אויפהערן צו רעדן. זאָל ער רעדן! זאָל ער רעדן נאָך! — האָט עס אין הארצן געבעטן — נאָך! נאָך! — פאַרוואָס האָב איך נישט מורא געהאַט אין פּאַריז? ווייסט מעני, ווי נאָר דו ביזט אריין אין שענק, האָב איך דערפילט אַז דו ביזט מיין. וואָס מיין? האָב איך נישט געוווּסט, נאָר ווי דו ביזט אריין, האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרץ. פאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן פונקען, און איך האָב געהייסן מען זאָל דיך צורופן. איך האָב פריער געזען אַ סך אַמעריקאַנער; פריער אין פּאַריז, כ'האָב זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף זיי. דיך האָב איך גלייך גערופן, און פאַרוואָס?

ער האָט שטיל געשוויגן. געבליבן ליגן מיד פון דער אָנשטרענגונג, נאָר געקוקט מיט אַזאַ גוטן לויטערן שמייכל אויפן זון, וואָס איז געזעסן אַ דאַרשטיקער נאָך זיינע רייד.

אביסל האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, און ס'איז אים אָנגעקומען ווי אַ קינד, וואָס וויל ס'ערשטע מאָל אויפהייבן ס'קעפּל. און אָט אַזוי אונטערהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט:

— ציפּורה האָט מיך ליב געהאַט. איך ווייס, איך האָב דאָך זי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן.

— הערסט, מעני, אויף אַ רגע האָב איך זי נישט פאַרגעסן. נישט אויף איין רגע. ווי דאָס לעבן זי ליב געהאַט. אַ כישוף. פאַרשאָלטן, מיך נישט געלאָזט, נישט געלאָזט.

ער האָט פּלוצלינג אַ ווייז געטון אויפן אַנדערן צימער.

— וואָס האָט זי נישט חתונה? און דו? איך בין נישט שולדיק. איך האָב זי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן.

מרדכיס גרויסע אויגן זענען געוואָרן גרעסער. ווי דער פאָטער ווייס דאָס אַלץ און ווי ער האָט די אַלע יאָרן געשוויגן. דער לעצטער טראָפּן פאַרדראָס אויף דעם פאָטער איז שוין געווען אויסגעטריקנט. אַ גרויסער באַרג פאַרדראָסן איז געלעגן אין זיין האַרץ, אויפן פאָטער. איצט, ווי דער

פּאָטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז דער באַרג געוואָרן קלענער. אַזוי איז ער, אונטער זיינע רייד, געוואָרן קלענער און קלענער ביז ס׳איז גאָרנישט געוואָרן.

— מעני, מעני! — האָט דער פּאָטער אים גערופן, — ציפּורה וועט מיר מוחל זיין. זי ווייסט דעם אמת: איידער כ׳וועל איר נאָך עפּעס זאָגן, וועט זי מיר מוחל זיין. זי ווייסט דעם אמת. ווי נאָר זי וועט מיך דערזען, וועט זי מיר אָקעגן גיין. מעני, מעני, איך וועל באַלד זען צו־פורהן. באַלד, באַלד.

אַ ווייל׳ע האָבן די ליפּן זיינע זיך אַלץ באַוועגט ווי ער וואָלט גע־זאָגט: באַלד, באַלד, באַלד, באַלד, געשמייכלט מיט אַ גוטן לויטערן שמייכל, נישט גערעדט, נאָר געמאַכט מיט די ליפּן: באַלד, באַלד...

ער האָט נאָך גערעדט אַ פּאָר ווערטער דעם זעלבן טאָג. צומאָרגנס, גערעדט שטיל, שוואַך. קיינער האָט נישט דערקענט זיין קול. עטלעכע טעג איז ער געלעגן אָן לשון, נאָר מיט דעם גוטן לויטערן שמייכל אויפן פּנים, וואָס איז געוואָרן קלאָרער, אויסגעאיידלט.

עמנואל נח האָט געהאַט אַ גרויסע לויה. אויסער יידן זענען אויך גע־קומען פיל נישט־יידן אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד מאיאָר נחס פּאָטער.

ס׳איז געווען אַ שטאַרק קאַלטער יאַנואַר־טאָג. אַ גרויסער שניי איז גע־לעגן האַרט צוזאַמענגעפּרעסט. אַ שאַרפער ווינט האָט געשניטן, אָבער די זון האָט געשיינט און זיך געשפּילט אין שניי אויף די בערגלעך און מצבות.

ביים אָפענעם קבר אויפן ערשטן בית־החיים ביי טשעטם סקווער איז מרדכי געשטאַנען מיט רויטע אויגן און ער האָט געהאַלטן די הספּד־רעדע אויף זיין פּאָטער.

דער ווינט האָט געשמיסן רעכטס און לינקס איבער די פּנימער. אַ סך פון עולם האָבן שטיל אויפגעהויבן דאָ איין פוס, דאָ אַ צווייטן, פון דעם שניי, וואָס האָט דורכגעפרוירן די פיס.

פאַרן פאַרענדיקן דעם הספּד האָט מרדכי זיך געווענדט מער צו די נישט־יידן, און ער האָט געזאָגט:

— היינט ברענג איך צו קבורה מיין טאַטן, ער וועט אָבער דאָ נישט ליגן אַליין. דאָ ליגט אויך מיין זיידע. דאָ ליגט אויך מיין עלטער־זיידע און דאָ ליגט אויך מיין עלטער־עלטער־זיידע.

**
*

די שלשים זענען נאָך נישט געווען אַריבער, איז געקומען דער יונ־גער סאָלאָמאָן פון פילאַדעלפיע, אַ זון פון חיים סאָלאָמאָן.

ער איז אַריין צו מרדכין אין ציַיטונג־ביוראָ און געזאָגט:

— מאָרדעקאַי, איך בין שוין זיבן און דריַיסיק יאָר און איך וואַרט נאָך אַלץ אויף יהודיתן. מיט יאָרן צוריק, איידער דו ביזט נאָך אַוועק קיין טשאַרלסטאָן, האָב איך זי געוואָלט, איז זי אַוועק מיט דיר. האָב איך געוואַרט. ווען ביזט געקומען פון טוניס, דער טאַטע דיַינער האָט גע־לעבט, האָב איך נישט געוואָלט קומען, אפשר וויל זי נישט אַוועק פון אים. איצט בין איך געקומען. וואָס זאָגסטו, מרדכי?

מרדכי איז געוואָרן רויט און אַרומנעמענדיק אים האָט ער געזאָגט שטיל:

— הלואי.

— פרוי רבקה פיליפּס, די באָבע דיַינע האָט מיך געהייסן פאָרן. וועסט מיר העלפן?

די רייד זענען מרדכין נישט אַרויסגעקומען פון מויל, האָט ער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

ווען מרדכי האָט אים געבראַכט אין שטוב אַריין, איז יהודיתן אַנט־לאָפן דאָס בלוט פון פּנים, פון די שפּיץ פינגער. אַ געלע וויַיסקייט האָט זיך געיאָגט נאָך דעם אַנטלאָפענעם בלוט. ס'איז איר געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים.

זי האָט זיי באַדינט, דערלאַנגט עסן. אָבער די גאַנצע צייט איז זי געגאַנגען אָן אַ זייט, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס אויסמיידן אויפן וועג.

שפּעטער, ווען סאַלאָמאָן האָט געוואָלט אָנהויבן מיט איר צו רעדן, ווי נאָר ער האָט געעפענט דאָס מויל, האָט זי גענומען זיך אָפּרוקן הינטער־וויַילעכטס, און מיט ביידע הענט, פון וואַנען דאָס בלוט איז ווידער אַנט־לאָפן, האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך און געזאָגט:

וועגן אַלץ מעגסטו רעדן, איך בעט דיך, נאָר נישט וועגן דעם.

— די באָבע רבקה האָט מיך געהייסן פאָרן.

מיט די ציטערדיקע הענט אירע האָט זי נאָך שטאַרקער געאַרבעט אָפּצושטויסן פון זיך עפּעס, וואָס קיינער האָט נישט געזען, און זיך גע־בעטן:

— איך בעט דיך, רעד נישט, איך בעט דיך.

נאָכדעם ווי סאַלאָמאָן איז אַוועק, האָט מרדכי אַ זאָג געטון:

— איך בין נישט אַזוי זיכער צי דו ביזט גערעכט.

אַ וויַילע האָט זי אים באַקוקט מיט וווּנדער. זי איז אָבער גלייך געוואָרן רואיק און זי האָט געזאָגט רואיק:

— דו מעגסט חתונה האָבן, אויב דו ווילסט. איך בלייב שוין אַזוי.

באַנקירן נעמען צו ביי מרדכין די צייטונג

ווי מרדכי האָט נישט ליב געהאַט דעם פּרעזידענט מאָנראָו און זיין שטאַט־סעקרעטאַר דזשאָן קווינסי עדעמס, האָט ער אָבער שטאַרק געגלויבט די דאָקטרין, וואָס פּרעזידענט מאָנראָו האָט אַרויסגעגעבן, אַז די אייראָ־פּעאישע מלוכות זאָלן לאָזן צורו אַלע אַמעריקעס. מיט זעקס יאָר פריער, איידער מאָנראָו האָט פאַרעפנטלעכט זיין דערקלערונג, האָט מרדכי גע־רעדט און געשריבן, אַז די אַמעריקעס דאַרפן שטיין צוזאַמען און נישט דערלאָזן צוטרעטן צו זיך די פאַרכאַפּערס און דעראָבערער פון אייראָפּע:

די „הייליקע אַליאַנץ", וואָס איז באַשטאַנען פון רוסישן צאַר, עסט־רייכישן קייזער און פּרייסישן קעניג, האָט געוואָלט אַרויפלייגן אירע ביי־זע פאַרכאַפּערישע הענט אויף די אַמעריקאַנער לענדער, וואָס האָבן זיך געהאַט באַפרייט פון שפּאַנישן יאָך. די דריי הערשער האָבן געזאָגט: אַז זיי האָבן געמאַכט די „הייליקע אַליאַנץ" צו באַשיצן רעליגיע, און אַלע גוטע און טייערע זאַכן. ס'איז אָבער נאָר געווען אַ פאַלשער אויסרייד. זיי האָבן זיך פאַראייניקט צו קענען אָנהאַלטן ווייטער זייער הערשאַפט.

זענען זיי געווען קעגן יעדן אויפשטאַנד פון אונטערדריקטע קעגן אונטערדריקער, און האָבן געוואָלט צווינגען באַפרייטע אַמעריקאַנער לענדער זיך אומצוקערן צו זייער פריערדיקן יאָך אונטער שפּאַניע.

דעמאָלט האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגע־געבן די דערקלערונג, אַז אַן אַריינמישונג פון מלוכות פון אַנדערע וועלט־טיילן אין די לענדער פון דער נייער וועלט, וועט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָננעמען פאַר אַן אַקט קעגן אירע אינטערעסן. זי וועט קוקן אויף דעם ווי אויף אַן אָנגריף אויף איר.

די דערקלערונג האָט אָפּגעשטעלט די בייזע האַנט פון דער אומ־הייליקער „הייליקער אַליאַנץ". זי האָט געלאָזט צורו די אַמעריקאַנער לענדער.

אַרום יענער צייט, ווען מרדכי נח האָט געהאַט די הנאה, אַז די רע־גירונג האָט אָנגענומען אַ פּראָגראַם, וואָס ער האָט דאָס נאָך מיט זעקס יאָר פריער געוואָלט, האָט די צייטונג זיינע אָנגעהויבן ווערן געענגט אין געלט.

נפתלי פיליפּס, דער אייגנטימער פון דער צייטונג, האָט געזאָגט

מרדכין, אַז דער „נעשאַנעל עדוואָקעיט" מוז קריגן אַ גרעסערע סומע צו קענען ווייטער עקזיסטירן.

טעמעני האָט נישט געוואָלט געבן געלט דער ציייטונג. נאָר דער באַנקיר עקפאָרד, איינער פון די שטילע הויפּט באַלעבאַטים פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך פאַראינטערעסירט אין דער צייטונגס לאַגע.

נאָך אַ קורצן שמועס מיטן מרדכין און נפתלי פּיליפּסן, האָט עקפאָרד צוגעשיקט זיינס אַ מענטש, ער זאָל איבערגיין די געשעפט־ביכער פון „נעשאַנעל עדוואָקעיט".

עקפאָרד האָט דערנאָך געלאָזט וויסן, אַז ער איז גרייט אַרויסצוהעלפן דער צייטונג. ער האָט נאָר געשטעלט עטלעכע באַדינגונגען.

— אַ צייטונג איז זייער אַ וויכטיקע אינסטיטוציע — האָט ער געזאָגט מרדכין מיט פּיליפּסן — דער „עדוואָקעיט" העלפט אויך דער פּאַרטיי.

— עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן צו לאָזן די צייטונג אונטערגיין. דעריבער בין איך גרייט אַריינצולייגן אַ סומע געלט, וויפיל עס וועט זיין נויטיק, זי זאָל ווייטער קענען עקזיסטירן. מען טאָר אָבער נישט אַרויסלאָזן פון געדאַנק, אַז די צייטונג איז אין דערזועלבער צייט אַ געשעפט. די אידעאַלע זייטן זענען געוויס זייער וויכטיק. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז מיט בלויז אידעאַליזם קען מען נישט פירן קיין געשעפט. דער גרונט פון געשעפט איז דער פאַרדינסט. וויפיל טראָגט עס אַריין? אויב אַ געשעפט ברענגט נישט קיין איינקונפט מעג עס זיין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, דאָס אידעאַלסטע, מוז מען עס פאַרמאַכן.

נאָך דער דאָזיקער לעקציע, וואָס סיי מרדכי ווי נפתלי פּיליפּס האָבן רואיק אויסגעהערט, כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וווהין ער צילט, האָט עקפאָרד אַרויסגעלייגט זיינע באַדינגונגען.

— צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דעם „עדוואָקעיט", וואָס איז מיר אַזוי נאָענט צום האַרצן, וועט מען מוזן מאַכן עקאָנאָמיע, שפּאָרן פאַרשידענע אויסגאַבן, וואָס מען קען זיך באַגיין אָן זיי.

עקפאָרד האָט אַ ווײַלע געשוויגן און צוגעגעבן:

— מיינע פריינט, איר דאַרפט וויסן, אַז מיין אַריינטרעטן אין צייטונג־געשעפט איז נישט צוליב פאַרדינסט. מיין פעלד איז פינאַנץ. איך טרעט צו איבער ריין אידעאַליסטישע אורזאַכן. איך וויל ראַטעווען די צייטונג, וואָס איז אַן אינסטרומענט פון אויפקלערונג, זי לערנט דאָס פאָלק, זי דינט די אידעאַלן פון אונזער פאַרטיי. איך האָב אויך אין זינען די מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר דער צייטונג, זיי זאָלן

נישט פארלירן זייערע שטעלעס. ס'איז איצט שווער צו קריגן א שטעלע אין א צייטונג. די אלע אומאייגננוציקע אורזאכן פירן מיך צו ראטעווען די צייטונג, אבער, ווי געזאגט, עס מוז ווערן געטון אויף א זיכערן און פראקטישן גרונט.

מיט אינעווייניקסטער דערשלאגנקייט זענען געזעסן דער ארויסגע־בער און רעדאקטאר, געמיט זיך צו באהאלטן זייער אויפרעגונג דורך די רייד פון דעם האלב אומוויסנדיקן קאלטבלוטיקן באנקיר.

— איר, ה' פיליפס, איר וועט אליין פארשטיין — האט געזאגט עקפארד, אז דער „נעשאנעל עדוואקעיט" דארף נישט האבן קיין צוויי ארויסגעבער. די צייטונג וועט נישט קענען עקזיסטירן סיידן מיט איי־נעם. מיינט דאס, אז איר וועט זי דארפן פארקויפן. ס'איז אפילו נישטא וואס צו פארקויפן, אפשר נאר דעם נאמען, דעם אדרעס. אבער וויפיל ס'איז דא איז נישט וויכטיק. ס'מוז אבער ווערן פארשטאנען, אז איר מוזט ארוים פון צייטונג.

מרדכי האט זיך איינגעהאלטן מיט אייזערנע קייטן נישט אויפצו־שפרינגען און ארויסלויפן. ער האט אבער נישט געוואלט ארויסווייזן אויפרעגונג. נפתלי פיליפס האט אויך געגעבן א בארואיקנדיקן קוק אויף אים, איז ער געבליבן.

— ווי כ'האב שוין געזאגט, איז דא פאראן וויניק וואס צו פאר־קויפן — איז עקפארד אנגעגאנגען מיט זיין פארשלאג — אבער ארויס־גיין מיט ליידיקן קען מען אייך אויך נישט לאזן. עפעס וועט איר מוזן קריגן. הער פיליפס, כ'מיין, אז דאס העכסטע, וואס מען וועט אייך קע־נען געבן, איז דריי טויזנט דאלאר, אויסצוצאלן אין דריי יאר, א טויזנ־טער א יאר. דא האט מרדכי זיך שוין אויפגעהויבן.

— נישטא וועגן וואס צו פארהאנדלען, עקפארד — האט ער גע־זאגט.

— מאיאר, וואס איילט איר זיך? איך האב נאך נישט אפגערעדט. הערט אוים מיין גאנצן פארשלאג. כ'וויים, איר זענט נישט קיין גע־שעפטסמאן, איר זענט א שרייבער, א דענקער, זענט איר אומגעדולדיק. הערט פריער אוים אינגאנצן, וועט איר דערנאך מיר געבן אייער ענט־פער.

— רעדט, הער עקפארד, רעדט ווייטער — האט געזאגט נפתלי פיליפס און בעטנדיק געקוקט אויף זיין אויפגערעגטן בארימטן פלי־מעניק.

— וועגן אייך, הער פיליפס, בין איך שוין פארטיק — האט גאנץ

קאלטבלוטיק עקפארד זיך גערעדט דאס זייניקע — איצט האב איך נאך צו זאגן עפעס וועגן מאיאר. פאראן נאך א פאר קלייניקייטן, וואס מען וועט קענען בארירן אן אנדערש מאל, אבער די הויפט זאך איז וועגן מאיאר. מאיאר, איר וועט מוזן איינגיין אויף א שניט אין געהאלט. לאמיר זאגן, א דריטל. איר קריגט פופצן הונדערט דאלער א יאר, וועט איר נאר נעמען א טויזנט דאלאר. איך פארשטיי, מאיאר, עס וועט אייך זיין שווער צו שניידן מיטאמאל אייער געהאלט אויף א דריטל, אבער איצט זענט איר דאך נאר צוויי אין דער פאמיליע אנשטאט וואס איר זענט געווען דריי. און איר דארפט דאך אויך עפעס טון צו ראטעווען די צייטונג.

עקפארד האט געשוויגן א ווײלע, געקוקט אויף פיליפסן, אויף מרדכין און געזאגט:

— איך בין פארטיק.

האט מרדכי זיך אויפגעשטעלט און געזאגט דווקא רואיק, וואס ס'האט אים אליין געחידושט:

— עקפארד, עס גייט מיר נישט וועגן מיר. דא גייט אין הער פיליפס. ער טאר נישט ארויסטרעטן פון צייטונג.

— מאיאר — האט זיך אנגערופן נפתלי פיליפס — וועגן מיר וויל איך פארהאנדלען, זיי אזוי גוט, איך בעט דיך.

— פעטער נפתלי, אויב אזוי האב איך דא גארנישט וואס צו טון, אנטשולדיקט מיר, עקפארד, איך גיי.

נפתלי פיליפס איז געבליבן און ווייטער פארהאנדלט.

— אזוי איז דאס וועגן שרייבער, קינסטלער, מישן זיך אין געשעפט -- האט געשמייכלט עקפארד.

נפתלי פיליפס האט אנגענומען עקפארדס באדינגונגען. נישט נאר פאר זיך אליין נאר פאר דעם רעדאקטאר אויך.

— נעמסט א זאך, וואס דו האסט באשאפן מיט דיין מארך, מיט דיין מי, און גיסט עס אוועק עקפארדן פאר גארנישט! — האט געטענהט מרדכי — ער האט דאך אויסגענארט ביי דיר די צייטונג! ווי אזוי לאזטו דיך באשווינדלען פון דעם גנב!

— דער „עדוואקעיט" קען אנדערש נישט עקזיסטירן. ער גיט דאס געלט, מוז מען אים נאכגעבן.

— ניין! ניין! איך וועל נישט דערלאזן — האט מרדכי זיך נישט געוואלט אונטערגעבן — מען דארף קריגן געלט ביי אנדערע.

— די אנדערע ווילן נישט געבן — האט נפתלי געשמייכלט.

— דער אדמיניסטראַציע העלף איך מיט אַלע כוחות, קעמף פאַר דער פּאַרטיי און זיי לאָזן דיך אונטערגיין — האָט מרדכי זיך נישט געקענט באַרויקן.

— ס'איז נישט קיין נייעס.

מרדכי האָט געפּרובירט זיך ווערן מיט אַלע כוחות. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן דעם פּעטער אוועקגעבן די צייטונג. ער האָט זיך אָבער געמוזט אונטערגעבן.

— אַ נייע צייטונג קען מען נישט מאַכן — האָט איינגעטענהט מיט אים נפתלי — אַז די אַלטע מיט אַלע אירע אָנהענגער איז גע־דריקט אין געלט וועט אַ נייע דיר ברענגען אַ שיף מיט גאָלד? און ווו וועלן מיר נעמען דאָס געלט צו גרינדן אַ נייע צייטונג? אָן אַ צייטונג וועט דיר זיין אוממעגלעך צו עקזיסטירן.

— מיט עקספּאָרדן וועט מיר זיין אַ סך בעסער מיינסטו? אַז איך קום נישט אוים מיט די פופצן הונדערט דאָלער, ווי וועל איך קענען אויסקומען מיט אַ דריטל ווייניקער, מיט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר? — האָט מרדכי דערמאָנט וועגן זיך אויך — איך בין ווייניק שולדיק מיט די פופצן הונדערט דאָלער? אָבער מיר גייט נישט וועגן מיין געהאַלט. צו יעדע צייט בין איך גרייט צו אַרבעטן פאַר נאָך ווייניקער, אָבער דו זאָלסט נישט פאַרלירן די צייטונג.

נפתלי האָט אים נישט געוואָלט זאָגן, אַז אין די שוועריקייטן פון דער צייטונג האָט מרדכי אַ היפּשן חלק. טאַקע איבער די הלוואות, וואָס ער האָט געמוזט נעמען. און באַזונדערס איבער די הלוואות אויף צו באַצאָלן די חובות פון די אַרעסטאַנטן, וואָס ער האָט אַלס שעריף אַרויסגעלאָזט פון געפענגעניש בשעת דעם געלן פיבער.

ער האָט אים נאָר באַרויקט.

— איך האָב דאָך אַנדערע געשעפטן, מרדכי. זאָרג נישט. איך לעב דאָך נישט פון דער צייטונג. און וועגן דיר — מילא, וועסטו דיר ווײַ־טער באַרגן ווען דו וועסט דאַרפן. און אפשר וועט גאָר די צייטונג אָנ־הייבן אַריינצוברענגען אַ סך געלט?

— וועט עס דער גנב עקספּאָרד צונעמען.

די ערשטע פאַר טעג איז אין צייטונג־ביוראָ נישט געווען קיין שום ענדערונג. מרדכי האָט געשריבן, געדרוקט די צייטונג ווי פריער. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די ערשטע וואָך איז נאָך נישט געווען אַריבער איז אַריינגעקומען עקספּאָרד אין רעדאַקציע און האַרציק באַגריסט מרדכין.

ער האָט זיך כמעט ווי נישט ארומגעקוקט און געזאָגט:

— מאַיאָר, מאָרגן שיק איך אהער אַ מענטשן. אַ געשעפט דאַרף דאָך האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל דערויף אַכטונג געבן. ער איז אַ גוטער בוכהאַלטער.

צומאָרגנס איז געקומען דער מענטש און ער האָט איבערגענומען די ביכער און די קאַסע.

דאָס וואָס עקפאָרדס מענטש האָט איבערגענומען די קאַסע אויך, האָט נישט געאַרט מרדכין. ער איז געווען פריינטלעך צו אים. דער מענטש האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער קאַסע אַליין. ער איז אַריינגעקומען אינגיכן אין דער דרוקעריי, און גענומען אַרויסהעלפן ביים לייענען די קאָרעקטורן. האָט דאָס אויך נישט געאַרט מרדכין.

באַלד האָט אָבער מרדכי געהאַט דעם גרעסטן סורפּריז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסן אויפן רעדאַקטאָר שטול.

ער האָט גענומען אַ בלאַט, וואָס איז נאָר וואָס אַרוים פון דרוק און דורכגעגאַנגען מיט די אויגן אַלע פיר זייטן, וואָס זענען געווען גע־דיכט באַדעקט מיט קליינע בוכשטאַבן איינס אויף ס'אַנדערע ווי אויס־געשפּרייט מיט מאָן.

אין הויפּט אַרטיקל, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן וועגן דעם אומגעזונטן וואַסער, וואָס די וואַסער געזעלשאַפט שטעלט צו, האָט ער עפּעס נישט דערקענט זיין אייגן לשון.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערגעלייענט איינמאָל, נאָכאַמאָל, און ס'איז געוואָרן נאָך ערגער. ער האָט נישט דערקענט נישט דאָס לשון און נישט די געדאַנקען.

אַלע שאַרפע רייד, וואָס ער האָט געהאַט קעגן דער געזעלשאַפט, זענען געווען פאַרביטן מיט ווערטער, וואָס האָבן גאָרנישט געמיינט; ס'איז נישט געבליבן קיין איינציק שאַרף וואָרט קעגן דער געזעלשאַפט וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר די באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק, פאַר־קויפנדיק זיי אומגעזונט וואַסער אונטער דער שילד פון געזונט וואַסער.

ווען מרדכי האָט דאָס אויסגעפונען איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, טאַקע אַזוי ווי עס שפּרינגט אויף איינער, וואָס זיצט זיך גאַנץ רואיק, זיכער, ס'פאַלט אים נישט איין דער מינדסטער חשד, אַז עפּעס וויל מען אים אָפּטון, און פּלוצלינג הויבט אָן ברענען דאָס בענקל אונ־טער אים.

— וואָס איז דאָס? ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט ער גע־

דרייט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן אין זיין צימער און געפרעגט הויך.

די ווענט האָבן אים נישט געענטפערט. איז ער אַ צעטומלטער אַריין אין צווייטן צימער, ווו ס׳איז געזעסן עקפּאַרדס מענטש. ער האָט בערוועאיש געלאַכט, און ס׳איז אים גאָר נישט אייגגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער עקפּאַרדס מענטש ווייסט עפּעס דערפון. ער האָט דאָ אויך געדרייט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן, געפרעגט די ווענט:

— וואָס איז דאָס? ווי אַזוי איז דאָס געשען?

עקפּאַרדס מענטש, אַריינגעטון אין זיין אַרבעט, שרייבנדיק אין די געשעפט־ביכער, האָט ער אויך גענומען איבערציילן געלט און געשוויגן.

מרדכי איז אַוועקגעלאָפן אין דרוקעריי. דער זעצער איז שוין נישט געווען און זיין מאַנוסקריפּט פון דעם הויפּט־אַרטיקל האָט ער נישט געקענט געפינען.

די ענדערונגען זענען געווען אויף די קאָרעקטור־בויגנס — האָט אים שפּעטער געזאָגט דער זעצער.

האָט ער נישט געפונען די קאָרעקטור־בויגנס, האָט מרדכי ווי ס׳איז זיך באַרואיקט.

„אפשר האָב איך עס געטון, נאָר איך געדענק נישט“, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין.

ער האָט דאָס אָבער געהאַט נאָכאַמאָל אין דער זעלבער וואָך. ער האָט ווידער נישט דערקענט עטלעכע שטעלן אין זיין הויפּט־אַרטיקל.

— געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ! — האָט ער גערעדט מיט פאַרדראָס — ס׳איז דאָך נישט מיין שפּראַך! איך האָב דאָס נישט געשריבן! איך האָב עס נישט געקענט שרייבן! אַז איך האַלט דאָך פּונקט פאַרקערט.

דאָס איז ווידער געווען וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער פראַגע. מרדכי האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון עולם צו געוויסע אומגערעכטיקייטן ביים ברוקירן די ספּרינג גאַס.

און כאָטש מ׳האָט ווידער נישט געקענט געפינען נישט זיין מאַנוסקריפּט און נישט די קאָרעקטור־בויגנס, איז אַרויסגעקומען ווער עס האָט דאָס געטון.

— ס׳איז ער, זיין האַנטשריפט — האָט געזאָגט דער זעצער.

— ווער?

— דער מענטש, עקפּאַרדס מענטש, כ׳האָב געמיינט, מאַיאָר, איר האָט אים געהייסן.

נערוועאיש לאכנדיק איז אריין מרדכי צו עקפאָרדם מענטש. יע־נער איז געזעסן איבער די ביכער א בלאַסער, אָבער רואיק.

מרדכי האָט נישט אויפגעהערט לאַכן. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עקפאָרדם מענטש זאָל זיך דערוועגן צו פאַריכטן זיינע אַרטיקלען. ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר א וויץ. עס האָט אים, נאַטיר־לעך, פאַרדראָסן אויך דער וויץ. ער האָט זיך אָבער נישט געבייזערט, נאָר געוווּנדערט זיך ווי יענער קומט צו מאַכן אַזעלכע וויצן.

— פאַרוואָס טוט איר דאָס? — האָט ער אים געפרעגט און גע־קוקט אויף אים א פאַרוווּנדערטער.

עקפאָרדם מענטש, בלאַס אָבער רואיק, האָט געזאָגט קאַלט:

— דער באַלעבאָס האָט געהייסן.

— וואָס פאַר א באַלעבאָס? — האָט א דערשטוינטער געפרעגט מרדכי — ווער האָט געהייסן?

ער האָט נישט געמאַכט קיין אָנשטעל. ער האָט נישט געוווּסט וועמען ער מיינט.

— הער עקפאָרד.

מרדכי איז דאָ ווידער אויפגעשפּרונגען, ווי דאָס בענקל וואָלט פלוצלינג אָנגעהויבן ברענען אונטער אים.

— עקפאָרד? עק־פאָרד? ער איז דער באַלעבאָס? ער האָט געהייסן פאַרריכטן מיינע אַרטיקלען? ווער? ער? דער שווינדלער? דער גנב? דער בלוטיקער? אַזוי? ער גאָר? ער וויל נישט מען זאָל דערציילן, אַז די וואַסער־געזעלשאַפט נאַרט די שטאָט, זי גיט אונדז אומגעזונט וואַ־סער; ער וויל נישט מען זאָל דערציילן, אַז גנבים באַשווינדלען דעם עולם ביים ברוקירן די גאַסן!

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו עקפאָרדם מענטש און האָט אים גע־זאָגט פעסט אָבער אויך רואיק, אַז עס איז אים אַליין אויך געווען א ווונדער ווי אַזוי ער האָט זיך אַזוי גיך באַרואיקט, ווי ער האָט זיך איינס און צוויי אַזוי באַהערשט.

— דאָס טאָר מער נישט געשען. עקפאָרד איז נישט באַלעבאָס. איך בין באַלעבאָס.

עקפאָרדם מענטש האָט געשוויגן. די מורא האָט אים שוין אָנגע־הויבן צוריקצוקומען אין פּנים אַריין. האָט ער ווייטער זיך געפאָרעט איבער די ביכער.

צומאָרגנס איז עקפאָרד געקומען אין רעדאַקציע. מרדכי האָט אים אין אָנהויב גאָרנישט געזאָגט. ער האָט עס געוואָלט פאַרגעסן. ער האָט

מיט קיינעם נישט גערעדט דערוועגן. ער וועט זען, אז מער זאָל עס נישט פּאַסירן, און פּאַרטיק.

אָבער נאָך די ערשטע פּאַר ווערטער האָט עקפאַרד אים געזאָגט, אז ער וועט נישט קענען אָנהאַלטן זיין פאַרבינדונג מיט דער ציימונג.

— מאַיאָר, איך בין אַ געשעפטסמאַן, — איז ער געווען אָפּנהאַר־ציק, — פילאַנטראָפּיע טו איך אַנדערש־ווו. די ציימונג איז אַ געשעפט, נישט קיין יתומים־הויז.

— קענט וואָס זאָגט איר עס, עקפאַרד און וואָס רעדט איר עפּעס וועגן פילאַנטראָפּיע?

— מאַיאָר, די ציימונג איז מיינע. ס׳איז מיין געלט. איך בין באַ־לעבאָס. איר זענט טאַקע דער גרויסער, באַרימטער רעדאַקטאָר. איך קען אייך אָבער נישט דערלויבן צו שרייבן אַלץ וואָס איר ווילט אין מיין ציימונג, פּונקט ווי כ׳וועל אייך נישט לאָזן טון, וואָס אייך געפעלט אין מיין באַנק, אין מיין הויז. זאַכן וואָס איך וויל נישט, וועט איר נישט טאָרן שרייבן אין ציימונג.

דאָס בלוט האָט געזעצט מרדכין אין מוח אריין. פאַר די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו טאַנצן העלע קייקעלעך.

— עקפאַרד! ווי דערוועגט איר זיך? איינגאַנצן האָט איר אַריינ־געלייגט עטלעכע הונדערט דאָלער. פאַר דעם האָט איר ביי נפתלי פּי־ליפּסן צוגענומען זיין ציימונג, וואָס ער האָט אויפגעהאַלטן אַ יאָר צען. און מיך ווילט איר מאַכן פאַר אייערס אַ מענטש, איך זאָל שרייבן, ווי איר וועט מיר הייסן?

ער האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט איינמאָל און נאָכאַמאָל אויף דעם בויגן, וואָס איז געלעגן אַ האַלב באַשריבענער.

— עקפאַרד! דער וואָס טוט דאָס, דער וואָס שרייבט, איז דער באַלעבאָס. איר זענט נישט דער באַלעבאָס פון ציימונג. אפילו ווען איר וואָלט געווען דער גרינדער, ווען איר וואָלט אפילו אריינגעלייגט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער, וואָלט איר אַלץ נישט געווען דער באַלע־באָס? אַ ציימונג איז נישט קיין האָלץ, אייזן אָדער מעש. דאָס פּאַפּיר איז גאָרנישט. די ציימונג איז, וואָס ס׳איז געשריבן אויף דעם פּאַפּיר. יאָרן מאַך איך די ציימונג. איך בין די ציימונג. די ציימונג איז איך. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן! איר קענט מיר נישט זאָגן וואָס איך זאָל שרייבן!

— אַזוי לאַנג ווי איך גיב דאָס געלט, זאָל עס זיין צען סענט, בין איך דער באַלעבאָס — האָט עקפאַרד געזאָגט אויפגערעגט. —

איר קענט ווערן דער באַלעבאָס, אויב איר וועט ביי מיר אָפּקויפן די צייטונג.

— אויסגעצייכנט, עקפאָרד! איך קער אייך אום היינט דאָס געלט וואָס איר האָט אַריינגעלייגט.

— נו, מאַיאָר, איר זענט טאַקע נישט קיין געשעפטסמאַן, אָבער אַז געשעפט זאָל אייך זיין אַזאַ פרעמדער ענין, איז מיר נישט איינגע־פאַלן. אַזוי גיך מאַכט איר דאָס? איך קויף און פאַרקויף וועקסלען אָבער נישט קיין צייטונגען.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט עקפאָרד. ער האָט נישט געוואַרט אויף דעם רעדאַקטאָרס ענטפער.

— איך האָב נישט קיין צייט, מאַיאָר. דאָס האָב איך אָראָפּגענו־מען פֿון מיין מיטאָג־שעה. צו פאַרמיידן קריגערייען וועט איר פון צייט צו צייט זיך מוזן צוהערן צו מיר.

אַ צונויפגעקנוילטער איז מרדכי געבליבן זיצן. ער האָט נישט גע־קאָנט שרייבן ווייטער. ער האָט געוואָלט אַלץ לאָזן שטיין און ליגן, און אַנטלויפן. זאָל עקפאָרד זיך האַלטן מיט דער צייטונג.

דאָס דרוקער־יינגל איז אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט. וואָס וויל ער? אָ, ער וויל קאָפּיע. יאָ, אַלע טאָג, ווען דאָס יינגל קומט אַריין איז שוין פאַרטיק דער הויפּט־אַרטיקל. איצט — ער האָט אינגאַנצן אָנגעשריבן אַ דריטל, און דער קאָפּ איז ביי אים ליידיק, אויסגעטריקנט. טויזנט האַמערס קלאַפּן אין אים.

מרדכי האָט נישט אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט. נאָך אַלעם איז ער דאָך גערעכט! ער איז דאָך די צייטונג. טאָ ווי קען ער זיך אויפהייבן און זי איבערלאָזן? ער טאָר דאָס נישט טון. ער מוז קודם מאַכן די צייטונג. מיט עקפאָרדן וועט ער זיך שפּעטער אָפּרעכענען. ער וועט אים צווינגען צוריק צו פאַרקויפן די צייטונג. ער וועט קריגן אַנדערע מענ־טשן, וואָס וועלן צושטיין צו דער צייטונג.

אַן אויפגעקאָכטער האָט ער דערציילט דעם געוועזענעם אַרויס־געבער וואָס ער האָט געהאַט מיט עקפאָרדן.

— פעטער נפתלי, דו ביסט שולדיק. איך האָב דיך געבעטן זאָלסט נישט איבערגעבן די צייטונג דעם גנב עקפאָרד. דו האָסט דאָך עס גע־טון מיר צוליב, איך זאָל נישט פאַרלירן די רעדאַקטאָר־שטעל. בין איך אוים רעדאַקטאָר סיי־ווי. עקפאָרד איז דער רעדאַקטאָר.

— מרדכי, — האָט געזאָגט צו אים דער געלאַסן פּראַקטישער פּי־ליפּס. — ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. געלט־מענטשן זענען

נישט געשטאַנען אין ריי איבערצונעמען דעם „עדוואָקעיט". ער איז געווען דער איינציקער. ס'איז בעסער אַזוי, ווי אײַנגאַנצן אָן אַ צײַטונג.

אָפּהענטיק איז געבליבן מרדכי. זיין פּעטערס אָנצוהערעניש, אַז ווען נישט עקפאָרד וואָלט ער אינגאַנצן נישט געהאַט קיין צײַטונג, האָט אַרויסגעצויגן פון אים די גאַנצע ענערגיע. ער איז געבליבן זיצן און גאָרנישט גערעדט.

— מרדכי, ס'איז נישט נאָך אַלעמען, ווי דו מיינסט. דו בלייבסט דער רעדאַקטאָר. דו ביסט דער רעדאַקטאָר. ער וועט דאָך נישט אַלע טאָג דיר פאַרריכטן די אַרטיקלען. טאָמער וועט ער דאָס טאָן אַמאָל, מילא, וואָס קענסטו טאָן? ער האָט דאָך זיך אונטערגענומען אָנצוהאַלטן די צײַטונג, מוזטו עס פאַר ליב נעמען.

שטיל האָט דער פאַרדראָס געגעסן מרדכין. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, אַז עמיצער וועט אים זאָגן אַ דעה וואָס צו שרייבן, און דאָס וואָס דער עמיצער איז דער גנב, בלוטזויגער און שווינדלער עקפאָרד, האָט אים פאַרווירט. ער האָט מיט אַ ווילנלאָזער שטים עפּעס יאָ דערמאָנט וועגן אַרויסגעבן אַ נײַע צײַטונג. אָבער נפתלי פּיליפּס האָט אויף זיין גלאָסן־פּראַקטישן שטייגער אים אָפּגעווענדט.

— ווו וועסטו נעמען געלט?

עטלעכע טעג איז מרדכין דאָס שרייבן אָנגעקומען מוראדיק שווער. אַ דערשלאָגענער האָט ער נישט געקענט צונויפנעמען די געדאַנקען. נאָר ווען עטלעכע טעג זענען אַריבער און קיין איין וואָרט זיינס איז נישט געווען געענדערט, כאָטש ער האָט געהאַט אָנגערירט פראַגן, וואָס זענען זיכער נישט געווען עקפאָרדן צום האַרצן, האָט ער זיך באַרואיקט.

אַזוי זענען אַריבער גוטע צוויי וואָכן. די צײַטונג איז אַרויס ווי מרדכי האָט געוואָלט.

מרדכי האָט כמעט שוין געהאַט פאַרגעסן דעם צוזאַמענשטויס; ער האָט געמיינט, אַז עקפאָרד האָט פונדעסטוועגן זיך איבערגעלייגט. אַז ער האָט געוואָלט אָן אומדערהערטע זאַך, און ער האָט אַליין אויפגעגעבן דעם געדאַנק. דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז נאָך אַלעמען איז עקפאָרד נישט פאַרדאָרבן דורך און דורך, האָט מרדכי געזען, אַז עקפאָרד האָט נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק.

ער האָט עס געמאַכט נאָך גרעבער, אומפאַרשעמט.

עקפאָרדס מענטש האָט שוין נישט געענדערט אַ שטעל אין אַרטיקל אָן זיין וויסן. ער האָט אים געוויזן, אַז דאָס אָרט איז נישט לויט דעם פּראָגראַם פון באַלעבאָס, און ער האָט עס איבערגעשריבן.

מרדכי האָט געהאַט חשק צו נעמען עקפּאָרדס מענטש און אים צעקוועטשן, צעקוועטשן ווי אַ וואָרעם און אַרויסוואַרפן. ער האָט דאָס געהאַט, אָבער נאָר פאַר אַ רגע. אין האַרצן האָט זיך אים עפּעס אַ גאָס געטאָן און ער האָט געשוויגן.

פון דעמאָלט אָן האָט עקפּאָרדס מענטש גאַנץ אָפט איבערגעשריבן מרדכיס אַרטיקלען. מרדכי איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג.

— פעטער נפתלי, — האָט ער זיך געקלאָגט, — ער צעהרגעט מיר די אַרטיקלען. ער קען נישט צונויפבינדן קיין צוויי ווערטער ווי אַ מענטש, און ער שרייבט מיר איבער די אַרטיקלען. עס גייט נישט אַוועק אַ וואָך ער זאָל נישט איבערשרייבן מינדסטנס צוויי־דריי אַרטיקלען. וואָס וועט די וועלט זאָגן? נח קען נישט שרייבן, וועלן זיי זאָגן. ער האָט אויפגעהערט צו קענען שרייבן.

אַ דערשלאָגענער איז געזעסן נפתלי פּיליפּס און געשוויגן. דער געלאַסן־פּאָליטישער נפתלי פּיליפּס האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן אים. ער האָט דאָך געזען, וואָס עקפּאָרדס מענטש צעטוט מיט זיינע אַרטיקלען.

— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! פעטער נפתלי, איך קען נישט אַרבעטן מיט עקפּאָרדן, איך קען נישט! איך וועל מוזן אַוועק. איך וועל מאַכן אַ נייע צייטונג.

און כאָטש מרדכי האָט געשוויגן, האָט ער אויך אין רעדאַקציע נישט געמאַכט קיין טענות, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט עקפּאָרדן, — אָבער עקפּאָרד האָט שטילערהייט זיך נישט צופרידנגעשטעלט.

ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון דעם באַרימטן רעדאַקטאָר, וואָס כאָטש זיין מענטש שרייבט אים איבער די אַרטיקלען, איז ער אַלץ נאָך אומאָפּהענגיק אין די מערסטע פאַלן. עקפּאָרד האָט נישט געוואַגט צו זאָגן מרדכין וואָס צו שרייבן און ווי אַזוי. דיקטירן אים ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער מורא געהאַט צו פּרובירן.

ער האָט געוואָלט האָבן אַ רעדאַקטאָר, וועמעס אַרטיקלען ער זאָל נישט דאַרפן איבערשרייבן. יענער זאָל זיי באַלד שרייבן ווי ער וויל. ער זאָל אַפילו נישט דאַרפן זאָגן דעם רעדאַקטאָר וואָס צו שרייבן. דער רעדאַקטאָר זאָל אַליין וויסן, וואָס ער, דער באַלעבאָס, וויל פון אים.

מרדכי וועט נישט זיין אַזאַ רעדאַקטאָר, איז ער געווען זיכער. דאַרף ער אַן אַנדער רעדאַקטאָר.

אָפּזאָגן אים האָט ער פונדעסטוועגן נישט געוואַגט. ער האָט אים נאָר צוגעזעצט אַ געהילף.

— מאיאָר, — האָט עקפאָרד אים געזאָגט, — אַז איר שרייבט די הויפּט־אַרטיקלען, די לייכטע פּאַראַגראַפן, די ביכער־קריטיק, טעאַטער־רעוויוען — האָט איר נישט אַזוי פיל צייט פאַר דער פּאַרטיי. איך וועל אייך פאַרגרינגערן דעם עול אין צייטונג. עס וועט מיך טאַקע קאָסטן געלט. איך וויל עס אָבער טון פאַר דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי דאַרף האָבן מער פון אייער פירערשאַפט.

— איך טו גענוג פאַר דער פּאַרטיי, עקפאָרד, — האָט מרדכי אים געענטפערט, — זאָגט בעסער, וואָס האָט איר דאָרטן פאַרשטעקט אין אַרבל?

— ניין מאיאָר, איך מיין עס ערנסט, — איך וויל פאַרגרינגערן אַביסל אייער יאָך.

דער געהילף־רעדאַקטאָר איז אַריינגעקומען און פאַר מרדכין האָט זיך געעפנט דער גיהנום.

ער האָט דווקא מקרב געווען דעם געהילף זיינעם. ער האָט אים געוואָלט העלפן. ער האָט געוווּסט, אַז דער געהילף קומט נישט אַריין פון עקפאָרדס גוט האַרץ, ער איז געווען זיכער, אַז עקהאָרד אַרבעט אויף אַ געמיינעם פּלאַן. אָבער מרדכי האָט געהאַט אַ טבע צו וועלן העלפן יענעם. האָט ער, דער עלטערער, דער באַרימטער רעדאַקטאָר, געוואָלט העלפן דעם, וואָס דאַרף זיין ביי אים אַ געהילף.

און נאָך דעם גאַנצן העלפן דעם געהילף האָט זיך באַלד געטראָפן, אַז מרדכיס הויפּט־אַרטיקל איז נישט דערשינען. די צייטונג האָט אויף דעם אָרט אַריינגעשטעלט אַ צווייט אַרטיקל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפּה? — האָט געפרעגט מרדכי, און ס'פּנים איז אים פאַרגאָסן געוואָרן פון בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון זיין האַרץ.

דער געהילף איז געווען ערגער פון עקפאָרדס מענטש אין געשעפּט־אָפּטייל. יענער האָט זיך געפלעגט פאַרענטפערן, אַז דער באַלעבאָס האָט געהייסן. דער האָט נישט דערמאָנט דעם באַלעבאָס. ער האָט גע־שטעלט אויף זיך אַליין.

— וואָס דענקט איר, מאיאָר, איך בין דאָ געקומען זיצן און ציילן דורכן פענצטער פאַרבייגייער?

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און באַלד צוגעגעבן:

— איך מוז דאָך אַרבעטן פאַר מיין געהאַלט.

פון טאָג צו טאָג איז מרדכין געוואָרן אַלץ ענגער אין דער צײַ־טונג. עקפאָרד האָט פאַרלייגט אַ שטריק אַרום זיין האַלדז און ער ציט

אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער. דער שטריק שנײדט אים דעם האַלדז, עס פעלט אים שוין אויס אָטעם.

דער טאָג איז נישט אַוועק עס זאָל נישט זײַן קײן מחלוקה, און נור־מער נאָך נומער איז אַרויס אָן מרדכים אַרטיקלען. דער געהילף האָט פאַר זיך פאַרנומען די צײַטונג. ער האָט אים איבערגעלאָזט צו שרײַבן וועגן די נײַע ביכער, וועגן טעאַטער. די פּאָליטיק האָט ער כמעט אינ־גאַנצן צוגענומען בײַ אים. וועגן אויסלאַנד האָט ער אים נאָר געלאָזט שרײַבן. פּאָליטיק, פּעדראַלע, פון שטאַט אָדער פון דער שטאָט, דאָס האָט דער געהילף צוגענומען פאַר זיך.

— איך גײ אונטער! — האָט מרדכי געזאָגט זײַן פעטער — איך מוז אַוועק, דו הערסט, פעטער נפתלי, איך קען נישט! איך װעל מאַכן אַ נײַע צײַטונג. און אויב נישט איז אויך פאַרפאַלן. איך קען נישט זײַן דאָ מער!

— כ׳ווייס, ביסט אפשר גערעכט — האָט נפתּלי פיליפּס ענדלעך צוגעשטימט — די וועלט ענדיקט זיך נישט מיט דעם „עדוואָקעיט“. מען קען טאַקע האָבן אַן אַנדער „עדוואָקעיט“.

פונדעסטוועגן איז מרדכי נאָך אַלץ נישט אַוועק. ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט טאָמער וועט עקפאָרד אַביסל גרינגער מאַכן דעם שטריק אַרום זײַן האַלדז.

עקפאָרד האָט אָבער נישט געמאַכט אים גרינגער. ער האָט אים ענ־גער, פעסטער פאַרצויגן.

מרדכי האָט דערזען אין דרוקערײַ ווי זײַנס אַ וויכטיק אַרטיקל איז געבליבן ליגן און דעם געהילפס איז אַרײַנגעשטעלט געוואָרן. איז אים דאָס גאַנצע בלוט אַרײַן אין פּנים, און ער איז אַרויס פון דרוקערײַ.

ער האָט קײנעם נישט געזאָגט קײן וואָרט. ער האָט גאָר קײנעם נישט געזען פאַר די אויגן. אַפילו דאָס בענקל, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זײַט, האָט ער נישט געזען, ווען ער איז געגאַנגען, אָנשטאָט גלײַך צו דער טיר, עפּעס אָן אַ זײַט; דאָס בענקל איז אומגעפאַלן, ער אַלײן איז אויך שיר אומגעפאַלן. אין דרוקערײַ האָבן זײ געמײנט, אַז דאָס האָט מרדכי אין כעס אַ שלײַדער געטון דאָס בענקל. ער האָט זיך אָנ־געשלאָגן אָן עפּעס.

צומאָרגנס איז מרדכי מער נישט געגאַנגען אין רעדאַקציע.

עקפאָרד האָט אים אַפילו נישט געפרעגט פאַרוואָס ער קומט נישט.

— דו ביזט דער ריכטיקער מאַן — האָט געזאָגט עקפאָרד צו דעם

געהילף ווען ער האָט אים געמאַכט פאַר רעדאַקטאָר — דו וועסט נישט ברויכן קיין געהילף. דו ווייסט דאָך מיין פּראָגראַם.

— זיכער, באַלעבאָס.

***

מרדכי איז נאָך נישט געווען פּאַרטיק מיט עקפאָרדן.

באַלד ווי מרדכי איז אַוועק פון צייטונג האָט ער אָנגעהויבן די פאַרבאַרייטונגען פאַר אַ נייער צייטונג.

— פעטער נפתלי — האָט ער געזאָגט, אַן אויפגעלעבטער מיט אוצרות נייער ענערגיע — מיר מוזן האָבן דעם „עדוואָקעיט". עקפאָרד האָט אונדז אויסגענאַרט איינעם, לאָמיר מאַכן אַן אַנדערן.

און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט מרדכי אַרויסגעגעבן אַ נייע צייטונג און זי גערופן „נעשאָנאַל עדוואָקעיט", דעם נאָמען, וואָס ער האָט געהאַלטן, ער איז זיין, זיין פעטערס.

עקפאָרד איז אַוועק אין געריכט און אַרויסגעקראָגן אַ פאַרבאָט פאַר מרדכין צו רופן די צייטונג מיט דעם נאָמען.

איז געגאַנגען מרדכי און האָט האַלב געענדערט דעם נאָמען, ער האָט גערופן די צייטונג „נאָאַכ'ס ניו־יאָרק נעשאָנאַל עדוואָקעיט".

— ער מעג האָבן אַ צייטונג — האָט אים געלאָזט וויסן עקפאָרד — אָבער דאָס וואָרט „עדוואָקעיט" וועט זיך נישט טאָרן געפינען אין נאָמען.

עקפאָרד האָט אויסגעפירט. דאָס געריכט האָט מרדכין, פאַרבאָטן צו נוצן אויך דעם צווייטן נאָמען.

דעמאָלט האָט ער זיין צייטונג געגעבן אַ נאָמען, וואָס עקפאָרד האָט אים שוין נישט געקענט פאַרווערן — „דהי ניו־יאָרק אינקווייערער".

— פעטער נפתלי, — האָט ער געזאָגט, — כ'פיל דער שווינדלער האָט זיך צוגענומען אַ שטיק האַרץ מיינס, אַז איך טאָר נישט האָבן דעם נאָמען „עדוואָקעיט".

האָט נפתלי פּיליפּס אָנגענומען אים פאַר דער האַנט און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, זאָגנדיק:

— זאָרג נישט, מרדכי, וואָס איז דען אַ נאָמען? דו האָסט געמאַכט באַרימט דעם „עדוואָקעיט", דו וועסט איצט מאַכן באַרימט דעם „אינקווייערער".

ווינקלשטיין פון דער יידישער טעריטאָריע

מרדכים פּרעסטיזש איז נישט געוואָרן גערירט, כאָטש ער האָט פאַרלוירן דעם „ערוואָקעיט" און ער האָט זיך געמוזט עטלעכע מאָל לאָדן אין געריכט צו קענען אָנהאַלטן זיין נייע צייטונג.

ער איז נאָך אַלץ געווען דאָס געהירן פון דער דעמאָקראַטיע אין ניו־יאָרק, איינער פון די באַרימטסטע רעדאַקטאָרן אין לאַנד. מען האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון אים אַלס דראַמאַטורג.

אַרום יענער צייט איז געקומען אויף באַזוך גענעראַל לאַפאַיעט, דער פראַנצויז, וואָס האָט — אונטער וואַשינגטאָנען — העלדיש געקעמפט פאַר אַמעריקעס פרייהייט אין קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט.

ניו־יאָרק האָט צוגעגרייט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר דעם גרויסן גאַסט. אין ניו־יאָרקס גרעסטן טעאַטער, אין פּאַרק טעאַטער, איז געווען לכבוד זיין באַזוך אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג.

דעם אָוונט האָט מען געשפּילט אין פּאַרק טעאַטער מרדכי נחס אַ פּיעסע — „סידזש אָוו יאָרקטאַון", די באַלאַגערונג פון יאָרקטאַון.

לאַפאַיעט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער שלאַכט ביי יאָרקטאַון, וואָס האָט דערלאַנגט די ענגלענדער דעם לעצטן קלאַפּ און די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר אַמעריקע.

האָט מרדכי גענומען די דאָזיקע לעצטע שלאַכט פאַר דער טעמע פון דער פּיעסע, וואָס ער האָט ספּעציעל געשריבן פאַר לאַפאַיעטס קבלת פּנים, און דער גענעראַל האָט זי שטאַרק געלויבט.

***

דער אירי קאַנאַל איז שוין געווען פאַרטיק. מען האָט זיך געגרייט צו עפענען אים מיט גרויס פאַראַד פאַר קאָמוניקאַציע.

מרדכי איז געווען אַ ביטערער קעגנער פון דעם בויער פון קאַנאַל, גובערנאַטאָר דע־וויט קלינטאָן. ער האָט אָבער שטאַרק געהאַלטן אין דער וויכטיקייט פון קאַנאַל, און ער איז געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט צו פייערן די דערעפענונג פון קאַנאַל.

דער אירי קאַנאַל וועט אויפבלאַן דעם מערב, איז געווען קלאָר. דער קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט דעם האָדסאָן מיט דעם טייך אירי, עפנט

דעם וואסער־וועג צו די גרויסע טויערן. דער אירי טייך, וואָס גייט איבער די שטאַטן ניו־יאָרק, פּענסילוואַניע, אָהייאָ און מישיגען, פאַר־בינדט מיט דעם אַטלאַנטישן ים. ער פאַרבינדט די נייע וועלט מיט דער אַלטער וועלט, מיט אירע אַלע טיילן.

טראַנספּאָרטירן תבואה, מאַנופאַקטור וועט ווערן אַ סך ביליקער. איצט איז נישט אויסצוהאַלטן פון דעם יקרות אויף טראַנספּאָרטאַציע. אַ פונט סחורה אָדער תבואה צו שיקן פון ניו־יאָרק ביז דעם טייך אירי, ביי קאַנאַדע, קאָסט זעקס סענט. ווען דער קאַנאַל וועט זיין אָפן און מען וועט קאָנען פירן סחורה אויף דעם וואַסער, וועט קאָסטן צו שיקן סחורה אפילו נישט קיין סענט אַ פונט.

אַלץ וועט ווערן ביליקער. עס וועט זיין מער עסן אין לאַנד. עס וועט אויך זיין אַ גרויסע טובה פאַר די אָרימע אין אייראָפּע. דער ווייץ, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן שיקן קיין אייראָפּע, וועט קאָסטן אַ סך ביליקער.

מען רעדט שוין אויך פון וואָגנס אָן פערד. עס וועלן פאָרן וואָגנס אָן פערד, אויף רעלסן. די וואָגנס וועלן ווערן געשלעפּט פון פאַרע־מאַ־שינען.

נייע, וווּנדערלעכע וועלטן עפענען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און דאָס אַלץ וועט קומען פון דעם אירי קאַנאַל, וואָס וועט האָבן זיין פייערלעכע עפענונג נאָך איידער עס וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר 1825.

דער צענטער פון דעם אירי קאַנאַל, דאָס האַרץ זיינס, וועט זיין ביי דעם שטעטל באָפאַלאָ, ווו דער האָדסאָן ווערט פאַרבונדן מיט דעם טייך אירי, אויף דער גרענעץ פון קאַנאַדע.

די גאַנצע געגנט וועט אויפלעבן מיט אַן אומגעהויערער שנעל־קייט. די ליידיקע ערד וועט ווערן געדיכט באַזעצט מיט נייע מענטשן, וואָס וועלן באַאַרבעטן די ערד און בויען פאַבריקן.

מען זעט שוין די סימנים נאָך איידער דער קאַנאַל איז אָפן. עס הערן נישט אויף צו קומען מענטשן, אימיגראַנטן ערשט אַראָפּ פון שיפן, און אַזעלכע, וואָס זענען שוין לאַנג דאָ, אין די געגנטן ביים קאַ־נאַל. זיי אַקערן שוין, פלאַנצן, בויען פאַבריקן. עטלעכע האָבן שוין פאַר־לייגט ווערקשטאַטן.

דאָס אמתע אַנגעלויף וועט ערשט קומען, ווען דער קאַנאַל וועט זיין אָפן. דעמאָלט וועט זיך עפענען אַ שפע, וואָס קיינער וואָגט נישט אפילו צו חלומען פון איר.

אין דעם דאָזיקן צענטער, וואָס וועט זיין דאָס האַרץ פון דער אויפ־

לעבונג, דארף זיין די יידישע טעריטאָריע. אהער זאָלן קומען יידן פון אַלע לענדער, ווו זיי ווערן פאַרפאָלגט. דאָ, אין פרייהייט, וועלן זיי איינשפּאַנען די אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון זייער ענערגיע, וואָס ווערט פאַרלוירן אין דער אַלטער וועלט איבער די גזירות און רדיפות, און זיי וועלן באַזעצן די ליידיקע ערד און אויפבויען אַן אייגן, פריי יידיש לעבן.

ער האָט אויפגעוויקלט זיין אַלטן פּלאַן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשטעקט אין אַ ווינקל מיט פינף יאָר פריער — „גרענד איילענד".

מיט איבער פינף יאָר צוריק האָט ער זיך געהאַט געווענדט צו דער לעגיסלאַטור פון שטאַט ניו־יאָרק, זי זאָל אים פאַרקויפן „גרענד איילענד", דאָס אינדזל אויפן טייך ניאַגאַראַ, וואָס איז אומבאַזעצט און באַדעקט מיט געדיכטן וואַלד, און עס איז גאָרנישט געוואָרן דערפון.

איצט, אַז די לעגיסלאַטור האָט שוין אויסגעמאָסטן דעם אינדזל און זי איז גרייט צו פאַרקויפן דעם אינדזל צו איינעם אָדער צו עטלעכע קונים, דאַרף מען עס אָפּקויפן צו באַזעצן דאָרטן יידן.

דער אינדזל, וואָס איז געווען אין אירי קאַנט, אויפן טייך ניאַגאַראַ, האָט געהאַלטן איבער זיבעצן טויזנט אַקער, און איז געווען אַכט מייל לאַנג און זעקס מייל ברייט. אַ ווילד לאַנד. איינצלנע מענטשן זענען געקומען אַהין און אויסגעהאַקט ביימער, געכאַפּט פיש און געגאַנגען אויף יאַגד — אָן דערלויבעניש. מיט צען יאָר פריער האָט דער שטאַט ניו־יאָרק אָפּגעקויפט דעם אינדזל פון אינדיאַנער שבט סענעקאַ פאַר עלף טויזנט דאָלאַר.

די יידישע טעריטאָריע זאָל זיך אָנהויבן מיט דעם אינדזל און זיך אויסשפּרייטן גרעסער און גרעסער און אַריינגעמען אַלץ מער און מער געיאָגטע און געפּלאָגטע.

מרדכי האָט געדרוקט אין ציימונג אַ רוף צו יידן און נישט־יידן פאַר דער יידישער טעריטאָריע אויף גרענד איילענד. מיט פייערלעכע ווערטער האָט ער גערעדט וועגן דער יידישער פּיין אין דער אַלטער וועלט און וועגן דאָס ליידיקע לאַנד, וואָס דאַרף ווערן באַלעבט פון די אויסגעלייזטע יידן.

ער איז געגאַנגען צו די רייכע יידן, פאַרגעלייגט פאַר זיי זיין פּלאַן, און ער האָט זיי געהייסן אָפּקויפן דעם אינדזל.

— איר וועט ביי דעם נישט פאַרלירן קיין סענט — האָט ער באַרואיקט די גבירים, — איר וועט נאָר אויסלייגן דאָס געלט. די יידן וועלן קומען אַהער, וועלן זיי אייך אומקערן דאָס געלט מיט דאַנק און מיט פרייד.

— און איר וועט האָבן אַ חלק אין דער אויסלייזונג — האָט ער זיי געוואָלט אָנצינדן מיט דעם פייער פון זיין הארץ, — טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יידן, געדרודפּטע, פאַרפּאָלגטע, וועט איר אויס־לייזן פון זייערע פאַרפאָלגער, פון זייערע הענקער. איר וועט זיי אַרויס־פירן פון קנעכטשאַפט און אַריינפירן אין פרייהייט.

די רייכע יידן האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון זיינע פּלענער, האָבן נישט געוואָלט צוהערן זיך צו אים.

— מאַיאָר נח, — האָט געזאָגט הענדריקס, — מיר זיצן דאָ רו־איק, שונאים פעלן נישט. וואָס ווילט איר אויפרייצן די פיינט אויף אונדז? אַז מיר שווייגן, זענען זיי אויך שטיל. ווילט איר דאָ אָנטרייבן מחנות יידן און אַרויסרופן דעם כעס פון די גויים אויף אונדז?

— הענדריקס, וואָס טוט זיך מיט אייך? וואָס מיינט איר? וואָס זאָגט איר עפּעס, אַז איך וויל דאָ אָנטרייבן מחנות יידן? פאַרוואָס זאָלן נישט קומען אַהער יידן אין די הונדערטער טויזנטער? ס'איז דאָ גע־נוג אָרט אין אונדזער פריי לאַנד. וואָס מיינט איר, אייביק וועט אַמע־ריקע בלייבן פּוסט? מיר האָבן דאָ אָרט פאַר הונדערטער מיליאָנען איינ־וווינער. יעדע פאַמיליע קען דאָ האָבן איר פאַרם, איר גאָרטן. איר ווייסט דען ווי גרויס און ווי געבענטשט פון גאָט עס איז אונדזער לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן? פאַראַן אָרט פאַר מענטשן אין אַזעלכע צאָלן, וואָס מען זאָל גאָר נישט קענען איבערציילן. מיליאָנען און מיליאָ־נען מענטשן, קריסטן, מאַכמעדאַנער און יידן, ווערן געפּייניקט, גע־מאַטערט פון בייזע הארן, פאַרדאָרבענע הערשער. פאַרוואָס זאָלן זיי ליידן? פאַרוואָס זאָלן נישט קומען אַהער אַלע געפּייניקטע, אַלע פאַר־פאָלגטע?

— איך בין נישט קיין פּאָעט, מאַיאָר נח, — האָט הענדריקס אים אָפּגעזאָגט מיט קאַלטע רייד, — איך בין אַ סוחר. איך וויל נישט קריכן אין געפערלעכע זאַכן. איך בין נישט קיין פאַנטאַזיאָר.

איין גביר נאָכן אַנדערן האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצורירן זיך צו מרדכיס פּלאַן.

אפילו די רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט הייזער, מיט לאַנד, האָבן אויך נישט געוואָלט הערן דערפון.

— וואָס איז עס ערגער פון אַנדער לאַנד, וואָס איר קויפט יאָ? — האָט ער געפרעגט די לאַנד־סוחרים, — זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איר קויפט לאַנד אויף שפּעקולאַציע, און קויפט גרענד איילענד. איר וועט זיך קענען שטעלן אַ פאַרדינסט — נאָר קויפט דאָס!

אַלע ווי איינער האָבן זיי אים געענטפערט, אַז זיי ווילן נישט.
— ווען מען קומט צו גיין צו אונדז מיט אַ פאָרשלאַג צו קויפן לאַנד אויף דעם אינדזל פאַר שפּעקולאַציע, אויף צו פאַרדינען, וואָלט יעדער פון אונדז באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פונקט ווי מען באַטראַכט יעדן האַנדלס־פאָרשלאַג. מען וואָלט עס אונטערזוכט, און אויב עס וואָלט זיך געלוינט, וואָלט מען עס געקויפט, אַז נישט — נישט. די מינוט אָבער, וואָס מען רעדט נישט וועגן מסחר, נאָר וועגן געפערלעכע פּלענער, וועגן יידישע שטעט, טעריטאָריעס, טאָרן מיר זיך נישט צו־רירן דערצו. ווען מען זאָל אפילו באַווייזן, אַז מען וועט פאַרדינען אוצ־רות געלט ביי דעם קויף, טאָרן מיר עס נישט נעמען אין דער האַנט אריין. ס'איז שוין נישט קיין געשעפט־אונטערנעמונג. ס'איז פאַנ־טאַזיעס, וואָס קענען זיך אויסלאָזן זייער ביטער.
— פאַרוואָס זיך אויסלאָזן ביטער?
— מען ווייסט שוין. מען האָט שוין געהערט פון אַזעלכע זאַכן. שפּעטער באַצאָלט מען דערפאַר זייער טייער. אַזעלכע זאַכן איז בעסער נישט צו ברענגען איבערן מויל. מען דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס מען לאָזט אונדז לעבן, אָטעמען, און נישט זוכן אויף זיך קיין צרות מיט יידישע שטעט, טעריטאָריעס.
מיט די נישט־רייכע איז מרדכין נישט געגאַנגען פיל בעסער. זיי האָבן אים אויך אויסגעהערט מיט פאַרשטאָפּטע אויערן און די הערצער זייערע האָבן זיך אַליין געמאַכט האַרט, זיי זאָלן נישט קענען איינזאַפּן קיין איין ווייך וואָרט פון זיינע רייד.
— ע! — האָבן זיי צו נישט געמאַכט זיינע פייערדיקע רייד. — עס איז נישט פאַר אונדז.
— אַ סך נישט רייכע קענען מער אויפטוען ווי עטלעכע רייכע — האָט מרדכי געטענהט צו זיי. — איך וועל אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפט צו קויפן דעם אינדזל. מיר, איך, איר, וועלן צוזאַמענלייגן דאָס געלט דערויף. אויב נישט פאַרן גאַנצן אינדזל, וועלן מיר קויפן אַ טייל. נאָר זאָל מען קויפן.
— מיר האָבן נישט קיין געלט דערויף — האָט איינער צוגעגעבן.
— אויב שוין יאָ ריזיקירן געלט אויף קויפן לאַנד, איז דאָך שוין בעסער צו קויפן דאָ הינטער דער שטאָט, נישט דאָרט ערגעץ אין אַלדע רוחות.
מרדכין האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט פון האַרץ הערנדיק די רייד זייערע, די רייד פון די רייכע און פון די נישט־רייכע.

דניאל דזשעקסאָן, דער דייטשער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ דרור־קעריי, און ער האָט פֿאַרגעטערט מרדכין, האָט אויך נישט געוואָלט אַריינמישן זיך אין דעם.

ווען ער האָט מיט יאָרן צוריק געהערט מרדכים רעדע אין שול ביים חנוכת הבית, האָט ער אויפֿגעצאַפּלט פֿאַר פֿרייד. ווען מרדכי האָט געזאָגט, אַז יידן וועלן האָבן צוריק זייער לאַנד, אַ רעגירונג צוגלייך מיט די רעגירונגען פֿון אַלע פֿעלקער.

מיט דזשעקסאָנען איז מרדכי געווען זיכער, אַז ער וועט צושטיין צו אים. און אַז יענער האָט געזוכט זיך אַרויסצודרייען, האָט אים מרדכי דערמאָנט דאָס פֿון אַמאָל.

— דניאל, האָט איר זיך נישט געפֿרייט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז יידן וועלן האָבן צוריק זייער לאַנד?

— אָ, דאָס, מאַיאָר נח, דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס מיינט, ווען עס וועט קומען משיח.

— און דערווייל? ביז משיח וועט קומען, זאָלן, חס ושלום, יידן אומקומען, זאָלן זיי מוזן בלייבן אין דעם אייראָפּעאישן דזשאַנגל, ווו די חיות פֿאַרצוקן זיי? פֿאַרוואָס זאָלן זיי נישט בעסער קומען אַהער, געניסן פֿון גאָטס פֿרייהייט, ווי איר, ווי אַלע איינוווינער פֿון אונדזער געבענטשטן לאַנד?

— מאַיאָר נח, זאָלט איר זיין געזונט און שטאַרק — האָט דער דרוקער מיט דעם פֿאַרסאַזשעטן פּנים זיך געבעטן. — ווער זאָגט דען, אַז זיי זאָלן דאָרט בלייבן? זאָלן זיי קומען אַהער! אָבער אַן אייגענע שטאַט, אַ יידישע טעריטאָריע? צו וואָס?

— זעט, דניאל, איר דאַוונט אין אונדזער שול, אין דער שארית ישראל שול, און איר קאָנט נישט איינרוען. איר ווילט דווקא האָבן אַ דייטשע שול, אַן אשכנזישע, זאָגט איר. די ספֿרדישע שול איז אייך נישט אייגן. איר ווילט האָבן די אשכנזישע, וואָס איז אייך אייגן. איר ווילט האָבן אייער שול. איר הערט נישט אויף צו טענהן וועגן דעם. טאָ וואָס פֿאַרשטייט איר נישט, ווי גוט עס וועט זיין, ווען יידן וועלן האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע? אין פֿרייען לאַנד אַ יידישע טעריטאָריע!

— איך פֿאַרשטיי מיך נישט אין די זאַכן. ס'איז צו טיף פֿאַר מיר — האָט געזאָגט דזשעקסאָן, וועלנדיק זיך אַרויסדרייען פֿון דעם גאַנצן שמועס.

— דער מאַיאָר וויל ווערן אַ לאַנד־סוחר! — האָט אַ רייכער ייד אַריינגעוואָרפֿן. — יעדער, וואָס וועט קומען צו אים אין דער טערי־

טאַריע, וועט דאָך מוזן דאָרט וווינען. נו, וועט מען קויפן פּלעצער פאַר הייזער, וועט מען דינגען דירות. דאָס איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן.

זיינע רייכע חברים האָבן מיטגעהאַלטן מיט אים. נישט פאַר־מראַכטנדיק זיך האָבן זיי צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— יאָ, יאָ!

צו דעם האָט יעדער איינער צוגעלייגט אַ ווערטל, אַ וויץ, אַלץ צו באַווייזן, אַז מרדכי איז אויסן מיט דעם פּלאַן נישט מער ווי אַ גוט גע־שעפט מיט לאַנד.

אָבער די רייכע זענען נישט געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויס־געטייטשט מרדכיס פּייערדיקן ווילן צו בויען אַ יידישע טעריטאָריע, פאַר נישט מער ווי אַ קלוג סוחריש שפּיצל אַריינצוכאַפּן אַ שפּאָרן פאַרדינסט.

צווישן די נישט־רייכע, אפילו די גאַנץ פּשוטע, וואָס האָבן קוים געהאַט פּרנסה, און זיי זענען, אייגנטלעך, אין פאַרגלייך מיט די אַנ־דערע יידן געווען אָרימעלייט, — זיי אויך האָבן נישט געוואָלט, און אפשר האָבן זיי נישט געקאָנט באַנעמען, מרדכיס אויסלייזערישע זע־אונגען.

— דאָס איז נישט אומזיסט — האָט מען געהערט רעדן צווישן דעם פּראָסטערן עולם. — דער מאַיאָר וויל איינקאַסירן עפּעס פאַר זיין באַרימטן נאָמען.

— מען זאָגט טאַקע, אַז עס איז איבערן קאַנאַל, וואָס מען וועט באַלד עפענען. אַ סך מענטשן וועלן זיך דאָרטן באַזעצן, וועט לאַנד שטייגן.

— ווי דען! קיינער אַרבעט נישט בלויז פאַר עולם הבא.

— מען זאָגט, אַז ער איז שטאַרק געדריקט.

— ער האָט דאָך איצט נישט קיין צייטונג.

— פאַר שעריף איז ער אויך דורכגעפאַלן.

— אוודאי! דאָס איז קלאָר!

זיי זענען נישט געבליבן ביי דער בלויזער אָפּשאַצונג. זיי זענען באַלד אַריבער צו קריטיק. צו שטראָפן אים הינטער די אויגן.

— אָט האָט איר אונדזערע גרויסע יידן, די פּירער! וואָס שלעפּט ער אַריין דאָס פאָלק אין זיינע געשעפטן?

— אַ שיינער משיח! ער האַנדלט מיט בוי־פּלעצער.

— אָט אַזוי פאַרביליקט מען ביי יידן דאָס טייערסטע, דאָס היי־ליקסטע.

— ביי יידן קאָן מען זיך אַלץ דערלויבן!

אָפּגעשטראָפט, האָבן זיי גענומען אינגאַנצן מבטל זיין די אונ־טערנעמונג.

— דער מאַיאָר גייט זיך אַ בייטל אומזיסט.

— אַט לויפט מען שוין אים אַנטקעגנטראָגן געלט.

— ווייסיך וואָס! עס וועט גאָרנישט ווערן דערפון!

— אוודאי, גאָרנישט!

— גאָר־גאָרנישט!

פון אַלע ניו־יאָרקער יידן איז נאָר איינער צוגעשטאַנען צו אים. אברהם ברוך סעישעס, פון דעם רב סעישעס משפחה. אַ בחור אין די צוואַנציקער יאָרן, איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו מרדכין און נישט גע־וואָלט אָפּטרעטן פון אים.

— מאַיאָר נח! — האָט דער בחור געזאָגט צו אים, און די אויגן האָבן געברענט — נעמט מיך אַריין. איך וועל טון אַלץ וואָס איר וועט נאָר הייסן.

דער אַנטוישטער מרדכי האָט זיך דערפרייט מיט אים.

— וועסט זיין מיין סעקרעטאַר, דו הערסט, סעישעס? איך באַ־שטים דיך פאַר סעקרעטאַר פון דער יידישער טעריטאָריע.

באַלד האָט ער צוגעגעבן:

—גוט, וואָס איך בין נישט דער איינציקער דאָ. אברהם ברוך, דו ווייסט גאָר אַליין נישט, וואָס עס מיינט דיין צושטיין צו מיר.

אַ לייכטנדיקער איז געשטאַנען אברהם ברוך סעישעס, דער יונגער, דאַרער בחור מיט דעם טונקעלן פּנים און מיט פאַרגעטערנדער דאַנק־באַרקייט, און געקוקט אויף מרדכין מורמלענדיק:

— סעקרעטאַר? איך, סעקרעטאַר? אוי, מאַיאָר נח, איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך. איך וועל אייך דינען געטריי.

ער איז געבליבן שטיל אַ ווײַלע, געקוקט פאַרגאַפט און אַרויסגע־זאָגט נאָר איין וואָרט:

— האַר!

נאָך צוויי יידן האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די רכילות־רייד הינטער מרדכים אויגן: דער דרוקער דניאל דזשעקסאָן און נפתלי פּי־ליפּס. דזשעקסאָן איז נישט געווען גלייכגילטיק צום פּלאַן. שטילערהייט האָט עס אים נישט געלאָזט רוען. אַ יידישע טעריטאָריע? ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן האַרץ. עס האָט אים אָבער געפעלט מוט אָפן צו שטעלן זיך אויף זיין זייט. אַלע זענען דאָך קעגן.

נפתלי פיליפס האָט געשוויגן. קיין וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם. האָט מרדכי אים גאָרנישט געזאָגט, נישט דערציילט, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז דער פעטער ווייסט אַלצדינג.

יאָ, נאָך אימיצער האָט נישט געקאָנט רוען אין דער צייט: רבקה אסתר דזשעקסאָן. זי איז שוין געווען אין פערצנטן יאָר, אַ שיין, צאַרט מיידל מיט געטאָקטע גלידער. הערנדיק די רייד האָט זי אָנגעהויבן צו זען די טעריטאָריע. זי האָט געזען דעם שיינעם, באַרימטן מאַיאָר זיין פּרעזידענט פון דער טעריטאָריע. זי האָט געזען ווי זי איז אויך דאָרטן, אין דער טעריטאָריע, מיט דעם מאַיאָר.

מרדכי האָט דערפון נישט געהאַט קיין אָנונג.

— אַז די יידן ווילן מיר נישט העלפן שאַפן די טעריטאָריע — האָט מרדכי אַ זאָג געטון צו סעישעסן — וועל איך נעמען גויים צו הילף.

— אוודאי, האַר! — האָט געזאָגט דער דאַרער בחור מיט דעם טונקעלן פּנים, נישט טראַכטנדיק אַ רגע און נישט איבערפרעגנדיק קיין וואָרט.

מרדכים גרויסע אויגן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַזוי פיל גרעסער ווי זיי וואָלטן אַריבערגעקוקט איבער דעם, צו וועמען ער רעדט.

— יידן מוזן האָבן אַ טעריטאָריע! אברהם ברוך, סעקרעטאַר. יידן מוזן האָבן אַן אייגן ווינקל.

— יאָ, האַר!

— מען מוז זיי נויטן דערצו.

— יאָ, האַר!

— יידן האָבן נישט געוואָלט נעמען די תורה, האָט מען זיי געצווונגען. זיי ווילן נישט קיין טעריטאָריע, מוז מען זיי אויך צווינגען.

— יאָ, האַר!

— יידיש פאָלק! צי דו ווילסט, צי נישט, איך וועל דיר געבן די טעריטאָריע.

דער סעקרעטאַר האָט פאַריסן דעם קאָפּ צו קאָנען אַרויפקוקן צו זיין האַר, וואָס איז געשטאַנען אַזוי הויך איבער אים.

פאַרפלאָמטע זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס. פאַרבייגייער האָבן באַגריסט דעם מאַיאָר, אָבער ער האָט זיי נישט געזען. זיין סעקרעטאַר האָט אויך קיינעם נישט באַמערקט.

זיי זענען אַריין צו דעם קריסטלעכן לאַנד־סוחר סעמועל לעגעט. מיט יראת־הכבוד איז דער סעקרעטאַר געבליבן ביי דער טיר.

דאָס פּנים אין פלאַמען, האָט מרדכי געדעדט צום גוי וועגן דער יידישער טעריטאָריע, געשאָטן אויף אים ווערטער גליענדיקע קוילן, און ביי דער טיר האָט געציטערט אין ערפאָרכט דער סעקרעטאַר.

— סעמועל לעגעט — האָט מרדכי אים אַ זאָג געטון, — איר, אַ קריסט, וועט העלפן אויסלייזן די יידן. איר וועט מיר העלפן געבן די יידן אַ טעריטאָריע. ווייסט איר, וואָס דאָס וועט באַדייטן? איר, אַ קריסט,, וועט האָבן אַ חלק אין דער גאולה פון גאָטס פאָלק!

דעם פרומען קריסט איז באַפאַלן אַ זיסער פּחד, אַ שרעק וואָס דער־שרעקט נישט, נאָר דערהויבט. אַזאַ פּחד קומט אויף אים, ווען ער פאַר־טיפט זיך אין געבעט שטייענדיק אויף די קני אין קירך.

מיט אַ ציטער אין קול האָט דער קריסט געזאָגט:

— מאַיאָר, איך וועל טון אַלץ, וואָס איר וועט באַפעלן.

— סעמועל לעגעט, קויפט־אָפּ גרענד איילענד. קויפט וויפיל לאַנד איר קאָנט נאָר דאָרט קריגן. די יידן, וואָס וועלן קומען אַהין, וועלן אייך באַצאָלן פאַרן לאַנד מיט גוט געלט. דאָרט וועלן אויך קומען נישט־יידן. סעמועל לעגעט, די יידישע טעריטאָריע וועט זיין פריי פאַר די קינדער פון אַלע פעלקער און פון אַלע גלויבנס.

— איך וועל קויפן, מאַיאָר, איך וועל קויפן — האָט דער קריסט אים צוגעזאָגט מיט אַ פרום בעטנדיק קול, ווי ער בעט צו זיין גאָט און זאָגט אים צו אַ נדר, ווען ער שטייט אויף די קני אין קירך.

סעמועל לעגעט איז אָבער שוין נישט געווען דער איינציקער צו וועלן קויפן לאַנד אויפן אינדזל, וואָס מרדכי נח האָט אויסגעקליבן פאַר דעם אָנפאַנג פון דער יידישער טעריטאָריע.

אַנדערע דריי לאַנד־סוחרים, אויך קריסטן — איינער פון זיי פּעט־מער־סמיט, אַ לאַנד־שפּעקולאַנט און יעיטס און מעקינטייר — האָבן שוין געהאַט געגרייט זיך אויף אַ חלק אין דער יידישער טעריטאָריע. זיי האָבן אויפגעקויפט היפּשע שטרעקעס לאַנד אויף גרענד איילענד.

איבער פינף און צוואַנציק הונדערט אַקער לאַנד האָט געקויפט סעמועל לעגעט. טויזנט מיט צוואַנציק אויבן, ביים אָנהייב פון אינדזל, און פופצן הונדערט מיט פינף און דרייסיק פאַזע טייך. ער האָט שוין געמוזט צאָלן טייערער. איבער די אַנדערע דריי סוחרים האָט ער גע־מוזט באַצאָלן מיט פופציק פּראָצענט טייערער.

פאַר די צוויי שטיקער לאַנד האָט ער באַצאָלט זעכצן טויזנט, ניין הונדערט, פינף און אַכציק דאָלער — כמעט זיבן דאָלער אַן אַקער. אַנ־דערע האָבן געצאָלט נישט מער ווי עפּעס איבער פיר דאָלער אַן אַקער.

די צוויי שטיקער לאַנד זענען געווען אין סטראַטעגיש גוטע פּונקטן. לעגעט האָט אויסגערעכנט, אַז ווי נאָר די יידישע טעריטאָריע וועט זיך אויסבויען אין די צוויי ערטער, וועלן די אַנדערע סוחרים מוזן אָפּטרעטן זייערע שטיקער לאַנד צו דער יידישער טעריטאָריע.

— איך זאָל אפילו וויסן אַז עס וועט מיך קאָסטן מיין גאַנץ פאַר־מעגן — האָט געזאָגט דער פרומער קריסט — קויף איך דאָס לאַנד.

מרדכין האָט ער גאָרנישט דערמאָנט, אַז ער האָט געמוזט צאָלן טייערער. נאָר ווען מרדכי האָט זיך דאָס דערוווּסט, האָט ער אים גע־זאָגט מיט פאַרדראָס:

— די שפּעקולאַנטן האָבן אַרויפגעשרויפט די פּרייזן.

— מאַיאָר, עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן געלט — האָט לעגעט געזאָגט פרום — און ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז איך מוז אַריינלייגן מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָלט איך עס דען נישט געטון?

מרדכי איז שוין געווען גרייט צו לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער טעריטאָריע פאַר די יידן, האָט ער צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן צו זיין פעטער:

— ווען אפשר מיטפאָרן קיין באָפאַלאָ צו לייגן דעם ווינקלשטיין?

— ניין, מרדכי, רוף מיך נישט, — האָט נפתלי פיליפּס זיך גע־בעטן ביי אים, — איך טויג נישט דערצו.

— פעטער נפתלי, געדענקסט ווי דו ביזט געפאָרן פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק צו וואַשינגטאָנס ערשטער אינאַגוראַציע? דער זיידע האָט מיך געהאַלטן אויף די הענט. איך געדענק עס ווי היינט. פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאָרן צום גרינדן פון אַ יידישער טעריטאָריע?

— איך בעט דיך, מרדכי, דאָס איז נישט פאַר מיר. איך וויל מיך נישט מישן אין דעם. איך האָב מורא.

— ביזט קעגן?

— ניין. קעגן? נישט. ווייסט דאָך מרדכי, ביזט מיר ליב ווי אַן אייגן קינד. אַלץ וואָלט איך געטון פאַר דיר. נאָר דאָס קאָן איך נישט. איך האָב מורא דערפאַר.

סיי ווי, מרדכי איז נישט געפאָרן אַליין קיין באָפאַלאָ צו לייגן דעם ווינקלשטיין. אַז זיין פאַרפלאָמטער סעקרעטאַר סעישעס איז מיט־געפאָרן איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער אויסער אים איז נאָך מיטגע־פאָרן אַ גרויסער עולם.

זיי זענען אָבער אַלע געווען קריסטן. די איינציקע צוויי יידן זענען געווען מרדכי און זיין סעקרעטאַר — די הויפּט־מחותנים. די איבעריקע

זענען געווען מערסטנס מאַסאָנען, מיטגלידער פֿון דער פּריימוירער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשטרעבט צו געווינען פֿרייהייט פֿאַר מענטשן אומעטום.

מרדכי איז געווען אַ מאַסאָן. דאָס איז געווען ביי אים אַ טראַדיציע פֿון זיין זיידע יאָנאַס פֿיליפּס, וועגן וועמען עס איז געווען פֿאַרשריבן אין די ביכער, אַז נאָך מיט פֿינף און זעכציק יאָר צוריק איז ער שוין געווען אַ מאַסאָן. האָבן די מאַסאָנען געפֿילט, אַז זיי דאַרפֿן באַשיינען די שמחה פֿון זייער חבר. איינוועגס וועלן זיי שוין העלפֿן לייגן דעם ווינקלשטיין פֿאַר דער יידישער טעריטאָריע.

אָבער נאָר די קריסטלעכע מאַסאָנען האָבן אַזוי געפֿילט. די יידישע האָבן זיך אָפּגערוקט, נישט געוואָלט זיך באַטייליקן.

די מאַסאָנען זענען אויך נישט געווען די איינציקע צו באַטייליקן זיך אין דער שמחה פֿון דער יידישער טעריטאָריע. עס זענען אויך געקומען מיליטערלייט, באַאַמטע פֿון שטאָט אין דער שטאָט און אויך פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג.

באָפֿאַלאָ, אַ קליין שטעטל מיט דריטהאַלבן טויזנט איינוווינער האָט נישט געהאַט קיין יידן און נישט קיין שול.

איבעריקנס — יידן האָבן דאָן נישט געוואָלט העלפֿן מרדכין שאַפֿן די יידישע טעריטאָריע, איז ער אויך אין באָפֿאַלאָ געגאַנגען צו די נישט־יידן.

צוויי קריסטן האָבן געוווינט אין באָפֿאַלאָ, וואָס מרדכי האָט זיי געקענט: אייזעק סמיט און דער גלח רעווערענד עדיסאָן סוירל.

מיט ביידן האָט ער זיך באַקענט אין אַפֿריקע. סמיט איז געווען אין טוניס ווען מרדכי איז געווען דאָרט אַמעריקאַנער קאָנסול. סוירל, דער גלח, איז דעמאָלט געווען אַ רעגירונג־גייסטלעכער אויף אַן אַמעריקאַנער שיף וואָס איז געפֿאָרן אין מיטללענדישן ים.

האָט מרדכי געשריבן צו זיי, אַז זיי זאָלן אים העלפֿן לייגן דעם ווינקלשטיין. ער האָט זיי אויך געבעטן זיי זאָלן ביי זייער שטיין־קריצער לאָזן מאַכן דעם ווינקלשטיין. ער האָט פֿאַר זיי אויפֿגעשריבן אויף אַ באַזונדער פּאַפּיר די אויפֿשריפֿט, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן אויסגעקריצט אויף דעם ווינקלשטיין.

מרדכיס פֿריינט, די צוויי קריסטן פֿון באָפֿאַלאָ, האָבן געלאָזט ברענגען אַ שטיין פֿון די באַוווּסטע שטיינהאַקערייען פֿון קליוולאַנד. דער באָפֿאַלער שטיינקריצער סעט טשעפּין, האָט אויסגעקריצט די אויפֿשריפֿט.

א וואָך פריער איז, נאָך אַלע נויטיקע פּאַרבאַרייטונגען אין ניו־יאָרק, מרדכי און זיין סעקרעטאַר סעישעס און זיינע קריסטלעכע פריינט, אוועקגעפאָרן קיין באַפּאַלאָ. זיין פריינט סמיט און דער גלח סוירל האָבן שוין געהאַט געמאַכט גוט באַקאַנט צו אַלעמען, אַז באַלד וועט דאָ פּאַר־קומען א גרויסע געשעעניש און פאַרבעטן די גאַנצע שטאָט צו דער שמחה.

און ווי נאָר מרדכי איז געקומען מיט זיין סעקרעטאַר און פריינט, אַזוי זענען ארויסגעגאַנגען זיי אַנטקעגן זיין פריינט סמיט און דער גלח סוירל צוזאַמען מיט א סך אָנגעזעענע איינוווינער פון שטאָט.

די צערעמאָניע פון לייגן דעם ווינקלשטיין האָט געזאָלט זיין אויף דעם אָרט, וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַר דער יידישער טעריטאָריע — אויף גרענד איילענד. אין צענטער פון אינדזל איז שוין גע־שטאַנען דער זייל פאַר דער יידישער פאָן.

נאָר באַלד האָט מרדכי איינגעזען אַז דאָס איז אוממעגלעך. אינ־גאַנצן איז געווען לעבן טייך איין שיפל מיט צוויי וועסלעס צוצופאָרן צום אינדזל. דאָס שיפל האָט געקאָנט אריבערפירן נישט מער ווי פיר פּאַרשוין אויף אַמאָל. און דער עולם, וואָס האָט געזאָלט זיין ביי דער צערעמאָניע, איז געווען א גרויסער, אפשר פופצן הונדערט פּאַרשוין. דאָס איז געווען אוממעגלעך.

— מאַיאָר נח, איך גיב אייך איבער מיין קירך — האָט געזאָגט דער גלח סוירל. — ווי שלמהס בית־המקדש איז געווען אָפן פאַר מענטשן פון אַלע גלויבנס, אַזוי איז די עפּיסקאָפּאַלישע קירך. נעמט מיין סעינ'ט־פּאָולס קירך פאַר די צערעמאָניעס פון ווינקלשטיין.

מרדכין האָט געגעבן א שלאָג אין האַרץ. ער האָט דערשפּירט ווי דאָס בלוט לויפט אים אַרויף אין פּנים אריין.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט עס געשריגן אין אים. — אומע־טום קומען מיר גויים אַנטקעגן. זיי טראָגן מיר אַנטקעגן ברויט מיט וויין, און מיינע לייבלעכע ברידער, פאַר וועמען איך מאַך די טערי־טאָריע, זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון מיר.

לאַנג טראַכטן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם גלח.

— איך דאַנק אייער ווירדיקייט אין נאָמען פון דער גרויסער גע־שעעניש, וואָס וועט דאָ באַלד זיין. מיט דאַנק נעם איך אָן אייער גאַסט־פריינטלעכקייט, רעווערענד סוירל.

ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. ער האָט געוואָלט

ליגן דעם ווינקלשטיין מיט גרויס פאראד. זענען די גאסן פון באפאלא געווען צוגעפאסטער ווי דאס אומבאוווינטע אינדזל.

דעם פופצנטן טאג אין סעפטעמבער פון יאר 1825 האט מרדכי נח פאר די אויגן פון א גרויסן עולם פון שטאט באפאלא און פון אומגעגנט, געלייגט דעם ווינקלשטיין פאר דער יידישער שטאט, די עיר־מקלט פאר די פארפאלגטע יידן, וואס האט געזאלט זיין דער אנהויב פון דער יידישער טעריטאריע.

די צערעמאניעס האבן זיך אנגעהויבן באגינען.

ווי עס האט אנגעהויבן צו טאגן, האבן זיך דערהערט צוויי שאסן פון קאנאנען איבער דער שטאט: איין שאס איז געקומען פון פלאץ פאר דעם געריכט־הויז, און דער צווייטער פון דער טעראסע, קעגנאיבער דעם טייך.

מיט דעם סאלוטירן האבן זיך אנגעהויבן די צערעמאניעס פון ליגן דעם ווינקלשטיין.

צען אזייגער אינדערפרי זענען זיך צונויפגעקומען די מאסאנען און מיליטער־גרופעס אויף דעם פלאץ פון דער מאסאנען לאזשע. אנגעטון אין זייערע אוניפארמען און יום־טוב קליידער האבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין רייען.

דער טאג האט זיך געשטעלט א ליבער, א ווארעמער. די זון איז געשטאנען הויך און ווארעם געשמייכלט צו די געשלאסענע רייען און צום פארזאמלטן עולם מענער, פרויען און קינדער, וואס איז געשטאנען אפגערוקט און צוגעקוקט.

פונקט עלף אזייגער האט זיך גערירט די פראצעסיע.

דער גרויס־מארשאל, קאלאנעל פאטער, אויף א שטאלץ פערד, איז געריטן פאראויס. הינטער אים איז געגאנגען א מוזיק־קאפעליע און זי האט געשפילט.

דערנאך זענען געגאנגען די מיליטערלייט און נאך זיי אנגעזעענע בירגער.

אין באזונדערע גרופן הינטער זיי — ציווילע באאמטע, שטאט־באאמטע. דער פרעזידענט און ראטמענער פון שטאט, מייסטערס, גע־זעלן, מאסאנען־מייסטערס, עלטסטע און יונגע דעקאנען, דער סעקרע־טאר־שאץ־מייסטער, עלטסטע און יונגע גבאים, מייסטערס, גייסטלעכע, דינער, וואס האבן געטראגן קארן, וויין און אויל, דער הויפט־ארכי־טעקט.

נאך זיי האט מען נאכגעטראגן הויך א תנ"ך, און פון רעכטס — א גלאבוס, און פון לינקס — א גלאבוס.

ערשט איז געקומען מרדכי נח, וואס האט אנגענומען דעם טיטל „ריכטער פון די יידן".

א וואונדער אויסרוף האט זיך ארויסגעריסן פון די העלדזער פון עולם דערזעענדיק דעם ערשטן ריכטער פון די יידן.

אנגעטון אין שווארצן, איינגעהילט אין זיין ריכטער־מאנטל פון רויטע זייד, געפוצט מיט הערמעלין פוטער, און א גרויסער, פרעכטי־קער גאלדענער מעדאליאן האט אים אראפגעהאנגען פון האלדז, איז ער געגאנגען א גלייכער, א שטאלצער, העכער פון גאנצן פארזאמלטן פאלק. דאס פנים זיינס האט געלויכטן און זיך צוזאמענגעגאסן מיט דער ליכ־טיקייט פון דער זון.

הינטער דעם „ריכטער פון די יידן" זענען געגאנגען פרישע גרופעס מאסאנען. נאך זיי האט געצויגן דאס גאנצע פאלק.

ווען די פראצעסיע איז צוגעקומען צו דער טיר פון קירך, האבן די מיליטער־קאמפאניעס זיך צעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל האט זיך געשטעלט רעכטס און דער צווייטער טייל לינקס און דורכגעלאזט דעם פאראד, אונטער די קלאנגען פון דעם גראנד־מארש פון „יהודה־המכבי".

ווען דער גרענד מארשאל האט ארויפגעשטעלט דעם רעכטן פוס אויף דער קירך־שוועל, האט דער ארגעל אויפגעשפילט א פייערלעכע מעלאדיע אלס באגריסונג פאר דער פראצעסיע.

אויפן טיש איז געשטאנען דער ווינקלשטיין מיט זיינע גרויסע אותיות. אויף דעם שטיין איז געשטאנען א זילבערנע שיסל מיט קארן און צוויי זילבערנע בעכערס מיט וויין און אייל.

פאמעלעך, שטיל, מיט ערפארכט, האט זיך גערוקט דער עולם נענ־טער צום טיש און איבערגעלייענט די אויפשריפט אויף דעם ווינקל־שטיין.

די ערשטע און צווייטע שורה האבן נאר געקאנט איבערלייענען די צוויי יידן און דער גלח. דער איבעריקער עולם איז געשטאנען ארומגע־נומען מיט זיסער שרעק איבער די פרעמדע, געהיימע צייכנס, די יידי־שע אותיות.

דאס איז געווען דער אלטער אייביקער יידישער רוף — שמע יש־ראל ד' אלהינו ד' אחד.

די איבעריקע פיר שורות האבן שוין אלע איבערגעלייענט. זיי זע־נען געווען פון ענגלישע אותיות:

„א ר ר ט.

„אַן עיר מקלט פאַר די יידן.

„געגרינדעט פון מרדכי עמנואל נח, אין דעם חודש תשרי תקפ"ו, סעפּטעמבער 1825 און אין פופציקסטן יאָר פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט".

— פאַרוואָס „אררט"?

— וואָס מיינט דען דאָס?

די פראַגן זענען געפאַלן דאָ און דאָרט צווישן עולם.

שטרענגע בליקן זענען געקומען אַלס ענטפער צו די, וואָס האָבן געפרעגט: „וואָס איז אררט?"

— לייענט בעסער די ביבל, וועט איר וויסן. דאָס איז דאָך דער העכסטער באַרג, ווו ס'האָט גערוט נחס תיבה נאָכן מבול.

— דער גרינדער הייסט נח. ס'איז אַ שטאָט פון רו פאַר די פאַרפאָלגטע יידן. דעריבער — „אררט".

שטיל האָט דער עולם זיך אויסגעזעצט אויף די בענק. זיי האָבן זיך אויך אויסגעשטעלט אַרום די ווענט, אויף דער שוועל און אין פאָדער־הויז ביז אַ שטיק אין דרויסן.

רעווערענד סוירל האָט אָנגעהויבן די רעליגיעזע צערעמאָניעס מיט דעם מאָרגן־געבעט און דער כאָר האָט געזונגען.

דערנאָך האָבן זיי פאָרגעלייענט קאַפּיטלעך תנ"ך.

אָנגעהויבן מיט קאַפּיטל 31 פון ירמיהו.

איבער די קעפּ פון די נישט־יידן, די געסט אויף דער שמחה פון דער יידישער טעריטאָריע, האָבן זיך געטראָגן די פסוקים פון טרייסט, פון בשורה. זיי האָבן איצט אין די אויערן פון די קריסטלעכע ביבל־לייענער געקראָגן אַן אַנדערע באַדייטונג.

„אזוי האָט גאָט געזאָגט... איך וועל דיך נאָך אויפבויען, און וועסט אויפגעבויט ווערן, יונגפרוי ישראל... פאַרמייד דיין קול פון געוויין, און דיינע אויגן פון טרערן... און זיי וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פון דעם פיינט. און פאַראַן אַ האָפנונג פאַר דיין לעצט, זאָגט גאָט, און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער געמאַרק"...

דאָס קול איז אַריבער צו די רייד פון צפניה, קאַפּיטל דריי —

„אין יענער צייט וועל איך אייך ברענגען, און אין יענער צייט מו איך אייך איינזאַמלען; וואָרום איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ שם און פאַר אַ לויב צווישן אַלע פעלקער פון דער ערד, אוּן איך קער אום אייער געפאַנגענשאַפט פאַר אייערע אויגן, זאָגט גאָט".

און פון די בשורה־רייד פון די נביאים צו תהילים.

„ד׳ מלך תגל הארץ" — גאָט טוט קיניגן, זאָל לוסטיק זיין די ערד; „מזמור שירו לד׳ שיר חדש" — אַ מזמור, זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג: „ד׳ מלך ירגזו עמים" — גאָט טוט קיניגן, זאָלן ציטערן די פעלקער; און „שיר המעלות לשלמה אם ד׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו" — אַ געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען, פון שלמהן. אז גאָט בויט נישט אַ הויז, אומזיסט מיען זיך זיינע בויערס אויף אים.

ביז איצט האָט די קאַפּיטלעך געזאָגט דער פריינטלעכער גלח אויף ענגליש.

און דאָ האָט זיך אַ הויב געטון די מאַיעסטעטישע פיגור פון דעם ערשטן „ריכטער פון יידן", און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטים און געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים אויף לשון־קודש.

די שטים זיינע האָט זיך געטראָגן איבער דער קירך:

„שיר המעלות זכור ד׳ לדוד את כל ענותו (געדענק, גאָט, דודן אַל זיין פּלאָגן זיך). אשר נשבע לד׳ נדר לאביר יעקב (ווי ער האָט גע־שווירן צו גאָט, אַ נדר געטון צום מעכטיקן פון יעקב). אם אָבא באהל ביתי אם אעלה על ערש יצועי. אם אתן שנת לעיני לעפעפי תנומה. עד אמצא מקום לד׳ משכנות לאביר יעקב (אויב איך וועל קומען אין גע־צעלט פון מיין הויז, אויב איך וועל אַרויף אויף דעם בעט פון מיין גע־לעגער, אויב איך וועל געבן אַ שלאָף צו מיינע אויגן, צו מיינע ברעמען שלומער, ביז איך וועל געפינען אַן אָרט פאַר גאָט, אַ וווינונג פאַר דעם מעכטיקן פון יעקב). כי בחר ד׳ בציון אוה למושב לו" (וואָרום גאָט האָט אויסדערוויילט ציון, זי געגלוסט פאַר זיין וווינונג).

ווי ער האָט אַזוי געזאָגט די פּסוקים פון תהלים אויף לשון קודש, האָט אַ מורא זיך געגאָסן אין די הערצער פון די פּאַרזאַמלטע, אַ מורא פאַר די פרעמדע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעזאָגט געהיימע, סודותדיקע בשורות.

אומעט האָט אָנגעפילט מרדכים הארץ ביים זאָגן דאָס קאַפּיטל תהלים אויף לשון קודש. ער האָט געזוכט די יידן און זיי זענען נישט געווען. ער האָט געזען פּנימער פון מענטשן, וואָס ברויכן נישט די טע־ריטאָריע; זיי האָבן אַלע טעריטאָריעס. פריינט, נייגיריקע זענען זיי געקומען, אָבער וואָס געהערט זיך זיי אָן די גאַנצע זאַך?

ווער_ווייסט, ווי שווער עס וואָלט געוואָרן זיין געמיט און ווי שטיל זיין קול, ווען נישט דאָס פאַרפלאָמטע פּנים און די אויגן־פלאַקערן פון זיין סעקרעטאַר, אברהם ברוך סעישעס, וואָס זענען אָנגעשטעלט אויף

אים. זיי האָבן דערוואַרעמט זיין האַרץ, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פרירן.

מרדכי האָט פאַרמאַכט די אויגן, און פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אַריינציען יידן, ריזיקע מחנות יידן. זייערע רייען זענען געוואָרן גרעסער, געדיכטער, און ער האָט פּאַרגעליייענט די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט פון די יידן, די פּראָקלאַמאַציע פון יידישער אויפלעבונג.

מיט אַ קלאָרער, שטאַרקער שטים, אַז די אַלע מחנות יידן און אויך די נישט־יידן זאָלן אים הערן, האָט ער פּאַרגעלייענט די פּראָקלאַמאַציע:

„אַזוי ווי עס איז געווען דער ווילן פון דעם אַלמעכטיקן גאָט צו אָנטפּלעקן פאַר זיין אויסדערוויילט פּאָלק דאָס אָנקומען פון דער צייט, ווען אין דערפילונג פון די הבטחות, וואָס ער האָט געמאַכט צו די קינדער פון יעקב, און ווי אַ באַלוינונג פאַר זייער פרומער געטריישאַפט און זיגבאַרערס איבערגעגעבנקייט, וועלן זיי ווערן איינגעזאַמלט פון די פיר עקן פון דער וועלט און ווידער פאַרנעמען זייער אָרט און ראַנג צווישן די רעגירונגען אויף דער ערד;

„און אַזוי ווי דער פרידן, וואָס הערשט איצט צווישן די ציוויליזירטע פעלקער, דער פאָרשריט פון געלערזאַמקייט אויף דער גאַנצער וועלט, און דער אַלגעמיינער גייסט פון פרייהייט און טאָלעראַנץ, וואָס עקזיסטירט צוזאַמען מיט אַנדערע ענדערונגען, גינסטיקע פאַר ליכטיקייט און פרייהייט, באַווייזן אויף אַ ספּעציעלן אופן דאָס אָנקומען פון דער דאָזיקער צייט, ווען פרידן אויף דער ערד און גוטער ווילן פאַר מענטשן וועלן אויסשפּרייטן זייער הערשאַפט, און גאָטס אַלט פאָלק, דאָס ערשטע צו פּראָקלאַמירן זיין איינציקייט און אַלמעכטיקייט, וועט זיך אומקערן צו זיין אַרבטייל און געניסן די רעכט פון אַ זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פאָלק;

„דעריבער האָב איך, מרדכי עמנואל נח, בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, געוועזענער קאָנסול ביז די דאָזיקע שטאַטן אין דער שטאָט און קעניגרייך פון טוניס, הויכער שעריף פון ניו־יאָרק, אַדוואָקאַט און מיט גאָטס חסד האַר און ריכטער (שר ושופט) פון ישראל, אַרויסגעגעבן די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע מיינע, באַקאַנטמאַכנדיק צו די יידן אויף דער גאַנצער וועלט, אַז אַ היים איז צוגעגרייט און ווערט דאָ זיי פאַרגעלייגט, וווּ זיי וועלן קאָנען געניסן פרידן, גליק און צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט, איבער דער אומטאָלעראַנץ און מיסהערשאַפט פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער; אַ היים אין אַ פריי און מעכטיק לאַנד, אַן אויסנאַם מיט זיינע ריזיקע רעסורסן, די

רייכקייט פון דעם באָדן, דעם געזונטן קלימאַט, ווו אינדוסטריע ווערט דערמוטיקט, בילדונג פאַרברייטערט און אָרנטלעכקייט ווערט באַלוינט; „אַ לאַנד פון מילך און האָניג“, ווו ישראל וועט קאָנען רוען אין פרידן „אונטער זיין וויינשטאָק און פייגנבוים“, און ווו אונדזער פאָלק וועט זיך אַזוי קאָנען באַקענען מיט דער קונסט פון רעגירונג־פירונג און מיט דער ליכט פון געלערזאַמקייט און ציוויליזאַציע, אַז עס וועט זיי קוואַלי־פיצירן פאַר דעם גרויסן און אומענדלעכן ווידערקער צו זיין אוראַל־טער ירושה, וואָס די איצטיקע צייטן טוען אַזוי מעכטיק אויף דעם אָנ־ווייזן.

„די היים איז אין שטאַט ניו־יאָרק, דער גרעסטער שטאַט אין דער אַמעריקאַנער קאָנפעדעראַציע. ניו־יאָרק האָט דריי און פערציק טויזנט, צוויי הונדערט און פערצן קוואַדראַט מייל, צעטיילט אויף פינף און פופציק פּראָווינצן, און האָט זעקס טויזנט און זיבן און אַכציק שטעט און שטעטלעך, מיט אַ פּאָסט, ווו עס וווינען אַ מיליאָן, פינף הונדערט טויזנט איינוווינער, צוזאַמען מיט זעקס מיליאָן אַקער קולטיווירט לאַנד, אויסבעסערונגען אין אַגריקולטור און פאַבריקאַציע, אין האַנדל און אין קאָמערץ, וואָס נעמען אַריין דעם ווערט פון דריי הונדערט מיליאָן דאָ־לער פון שטייערבאַרן אייגנטום; אַ מיליציע פון הונדערט און פופציק טויזנט מאַן, באַוואָפנטע און אויסגעעשטייערטע; אַ קאָנסטיטוציע, גע־גרינדעט אויף גלייכע רעכט, אָן פּראָבע שבועות, און אַנערקענט נישט קיין רעליגיעזע אונטערשיידן, און זיבן טויזנט פרייע שולעס און סאָ־לעדזשעס, וואָס גיבן די ברכה פון בילדונג צו פיר הונדערט טויזנט קינ־דער. אַזעלכער איז דער גרויסער און וואַקסנדער שטאַט, וווהין די עמי־גראַציע פון די יידן ווערט געפירט.

„דאָס געגאַרטע אָרט אין דעם שטאַט ניו־יאָרק, וווהין איך טו דאָ איינלאַדן מיין באַליבט פאָלק פון דער גאַנצער וועלט, צוזאַמען מיט די פון יעדער אַנדער רעליגיע, ווערט גערופן גרענד איילאַנד, און אויף וועלכן איך וועל לייגן דעם גרונדשטיין פאַר אַן עיר־מקלט, וואָס זאָל ווערן גערופן אררט.

„גרענד איילאַנד אין טייך ניאַגאַראַ גרעניצט זיך מיט אָנטאַריאָ אין צפון זייט און מיט אירי אין דרום, און איז אין שטח פון עטלעכע מייל פון איטלעכן פון די גרויסע קאָמערציעלע טיילן. דאָס אינדזל איז כמעט צוועלף מייל לאַנג און פון דריי ביז זיבן מייל ברייט און האָט איבער זיבעצן טויזנט אַקער זייער רייך און פרוכטבאַר לאַנד. דער טייך אירי איז אַרום צוויי הונדערט און זיבעציק מייל לאַנג און גרעניצט זיך

מיט די שטאַטן ניו־יאָרק, פּענסילווייניא און אָהייאָ, און צו מערב־זייט — מיט די באַזיצונגען פון אונדזערע פריינט און שכנים, די בריטי־שע אונטערטאַנען פון דער אויבערשטער קאַנאַדע. דער גלענצנדער טייך איז פּאַראַייניקט דורך שיפבאַרע טייכן מיט די טייכן סעינט קלעיר, היוראָן, מישיגען און סופּיריאָר, פאַרנעמענדיק אַ ברעג פון באַלד דריי טויזנט מייל; און דורך קורצע קאַנאַלן וועלן די ריזיקע וואַסער־פלאַכן ווערן פאַרבונדן מיט די טייכן אילינאָי און מיסיסיפּי, און אַזוי אַרום ליינגן דעם יסוד פאַר אַ גרויסן, ווערטפולן אינעווייניקסטן האַנדל קיין ניו־אָרלינס און דעם מעקסיקאַנער גאָלף. דער טייך אָנטאַריאָ אויף צפון־זייט איז הונדערט מיט נײַנציק מייל לאַנג און גיסט זיך אַריין אין סעינט לאָורענס, וועלכער, גייענדיק דורך דער פּראָווינץ פון אונטער־שטער קאַנאַדע, פירט דעם האַנדל פון קוויבעק און מאָנטרעאָל צום אַט־לאַנטישן ים.

„אַזוי באַפעסטיקט פון רעכטס און פון לינקס מיט די ברייטע קאָ־מערציעלע קוואַלן פון די גרויסע טייכן און זייערע אַריינגייענדיקע שטראָמען, אַ פיר מייל פון די ווונדערלעכע וואַסערפאַלן פון ניאַגאַראַ, וואָס פאַרמאָגט די גרעסטע וואַסער־קראַפט אויף דער וועלט פאַר פאַב־ריקאַציע־צוועקן — גלייך קעגנאיבער דעם מויל פון גרענד איילאַנד קאַ־נאַל פון דריי הונדערט און זעכציק מייל אינלאַנדישן פאַרקער צום טייך הודסאָן און דער שטאָט ניו־יאָרק — האָבנדיק דעם פוטער־האַנדל פון אויבערשטער קאַנאַדע צו מערב, און אויך די גרויסע טעריטאָריעס צו די ראָקי־בערג און דעם פּאַסיפישן ים; אַזוי אויך דעם האַנדל פון די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע — מעג גרענד איילענד ווערן באַטראַכט ווי אַרומגערינגלט פון יעדן פאַרצוג פון האַנדל, פאַבריקאַציע און אַגרי־קולטור, און די געגנט האָט די בעסטע אויסזיכטן צו ווערן אין צייט דער גרעסטער האַנדל־ און קאָמערץ־צענטער אין דער נייער און בעסע־רער וועלט. פאַר אָרנטלעכע, אַרבעטזאַמע מענטשן האָט דאָס די בעס־טע צוציאונגס־קראַפט; מענטשן מיט געלט וועלן קאָנען באַנוצן זייערע מיטלען אויף אומצווייפלהאַפטן פאַרדינסט; דער סוחר וועט נישט פאַר־פעלן צו קריגן דעם לוין פאַר אונטערנעמונג אין אַ גרויסער און שטייגנ־דיקער רעפּובליק; פאַר דעם אַרבעטזאַמען מעכאַניקער, פאַבריקאַנט און ערד־אַרבעטער זענען דאָ גאָר גרויסע און אומאויסשעפּלעכע פאָרצוגן.

„באַרויבט ווי עס איז אונדזער פאָלק אין פאַרלויף פון יאָרהונ־דערטער פון די רעכט אויף ערד־אַרבעט, וועלן זיי געוויס ווערן מיט באַזונדער צופרידנקייט, אַז זיי קענען דאָ באַאַרבעטן די ערד, איינזאַמ־

לען דעם שניט און האָרעווען די סטאַדעס, וואָס זענען, אָן צווייפל, זייער אייגנס; און געניסנדיק פולשטענדיק, אומבאַאומרואיקט, רעליגיעזע רעכט און יעדע בירגערלעכע אומבאַרירטקייט, צוזאַמען מיט פרידן און שפע, קאָנען זיי אויפהייבן זייער שטים אין דאַנקבאַרקייט צו אים, וואָס האָט געגעבן זיין הילף צו אונדזערע אָבות אין דער מדבר, און האָט אונדז אַרויסגעצויגן מיט טריאומף פונעם לאַנד מצרים; וואָס האָט אונדז געגעבן דעם אורים־ותומים; וואָס האָט פּראָקלאַמירט אונדז פאַר זיין פאָלק, און וואָס איז אַלעמאָל געגאַנגען פאַראויס פאַר אונדז ווי אַ „וואָלקנזייל בייטאָג און אַ פייערזייל ביינאַכט".

נאָכדעם ווי דער „ריכטער פון די יידן" האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון דעם אינדזל, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר אַן עיר־מקלט פאַר זיין פאָלק, האָט ער פּראָקלאַמירט די באַנייאונג פון דער יידישער רעגירונג.

די גאַנצע צייט איז דער גרויסער עולם געזעסן שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. נאָר איצט האָבן זיי געעפנט מויל און אויערן; די אויגן זייערע האָבן זיך אויפגעריסן, זיי האָבן געשלונגען די פאַנטאַסטישע מיסטעריעזע רייד פון דעם מאַן אין רויטן זיידענעם מאַנטל מיט פאַרמאַכטע אויגן.

„אין זיין נאָמען טו איך אויפלעבן, באַניי און ווידערגרינד די רעגירונג פון יידישן פאָלק, אונטער דער אויפזיכט און פּראָטעקציע פון דער קאָנסטיטוציע און געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע; באַשטעטיקנדיק און פאַראייביקנדיק אַלע אונדזערע רעכט און פּריווילעגיעס — אונדזער נאָמען, אונדזער ראַנג און אונדזער מאַכט צווישן די פעלקער פון דער ערד — ווי זיי האָבן עקזיסטירט און זענען געווען אנערקענט אונטער דער רעגירונג פון די ריכטער (די שופטים). און דערמיט טו איך באַפעלן אַלע אונדזערע פרומע און ווירדיקע רבנים, פּרנסים און גבאים פון די שולן, ראשי הישיבות און ברידער אין אויסמאָריטעט אויף דער גאַנצער וועלט, צו צירקולירן און באַקאַנטמאַכן די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע מיינע און איר געבן די גרינטלעכסטע פאַרשפּרייטונג, צוטרוי אוןווירקזאַמקייט.

„ס'איז מיין ווילן, אַז עס זאָל גענומען ווערן אַ צענזוס פון די יידן אויף דער גאַנצער וועלט, און די באַריכטן פון די פּערזאָנען צוזאַמען מיט די ידיעות וועגן זייער עלטער, באַשעפטיקונג זאָלן ווערן רעגיסטרירט אין די אַרכיוון פון די שולן, וו זיי דאַוונען, באַצייכענענ־

דיק ספּעציעל די, וואָס זענען געווען אָדער זענען איצט באַרימט אין די נוצלעכע קונסטן און וויסנשאַפט, אָדער געלערזאַמקייט.

„די פון אונדזער פאָלק, וואָס וועלן איבער עלטער, צוגעבונדנקייט צום אָרט, אָדער אַנדערע אורזאַכן בעסער וועלן פאַרבלייבן אויף די ערטער, ווו זיי וווינען און וואָס ווערן גוט באַהאַנדלט פון די עפנטלעכע אויטאָריטעטן, ווערן דערלויבט צו טון אַזוי און זיי ווערן ספּעציעל אָנגעזאָגט צו זיין געטריי די רעגירונגען, וואָס באַשיצן זיי. עס ווערט אָבער דערוואָרט, אַז זיי וועלן העלפן און דערמוטיקן די עמיגראַציע פון די יונגע און אונטערנעמערישע, און זיי וועלן זיך באַמיען צו שיקן אַהער אין דעם לאַנד אַזעלכע, וואָס וועלן זיין אַ געווינס פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער שטאַרקייט און אייגנשאַפט, מיט זייער אַרבעטזאַמקייט ערנהאַפטיקייט און פּאַטריאָטיזם.

„די דאָזיקע יידן, וואָס זענען אין מיליטער־דינסט ביי די פאַרשידענע הערשער פון אייראָפּע, ווערן באַפוילן צו בלייבן אין זייערע רייען ביז ווייטערדיקע באַפעלן, און זיך צו פירן בראַוו און געטריי.

„איך באַפעל אָפּצוהיטן שטרענגע נייטראַליטעט אין די אַנגייענדיקע מלחמות צווישן די גריכן און די טערקן, באַפוילן צוליב דער זיכערקייט פון לעבן פון דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אונטער דער אונטערדריקנדיקער הערשאַפט פון דער אָטאָמאַנישער רעגירונג.

„די יערלעכע געשאַנקען, וואָס ווערן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געגעבן אונדזערע פרומע ברידער אין אונדזער הייליקער שטאָט ירושלים (וווהין גאָט זאָל אונדז ווי צום גיכסטן אומקערן), זאָלן ווייטער ווערן געגעבן מיט אומאָפּגעשוואַכטער ברייטהאַרציקייט. אונדזערע ישיבות און צדקה אינסטיטוציעס אין אַלע טיילן פון דער וועלט זאָלן ווערן פאַרגרעסערט כדי חכמה און טוגענד זאָלן אויף שטענדיק הערשן צווישן דעם אויסדערוויילטן פאָלק.

„איך שאַף אָפּ אויף אייביק פּאָליגאַמיע פון צווישן די יידן, וואָס אָן רעליגיעזן גרונט עקזיסטירט נאָך אין אַזיע און אַפריקע. איך וועל פאַרווערן חתונות אָדער דאָס געבן חופה־וקידושין אין פאַלן, ווען חתן־כלה האָבן נישט דערגרייכט די פאַסנדע עלטער, אָדער זיי קענען נישט לייענען און שרייבן די שפּראַך פון לאַנד, ווו זיי לעבן, און וואָס, איך האָף, וועט פאַרזיכערן פאַר זייערע קינדער די ברכה פון בילדונג און דאָס ליכט פון וויסנשאַפט.

„תפילות זאָלן אייביק געזאָגט ווערן נאָר אויף לשון קודש. עס

ווערט אָבער רעקאָמענדירט, אַז פון צייט צו צייט זאָלן געהאַלטן ווערן רעדעס וועגן די פּרינציפּן פון יידישן גלויבן און מאָראַלישער לערע בכלל אויף דער שפּראַך פון לאַנד; צוזאַמען מיט אַזעלכע אויסבעסערונגען, וואָס אָן אָפּצוטרעטן פון דער אַלטער אמונה, וועלן צוגעבן גרעסערע פייערלעכקייט אונדזער גאָטעסדינסט.

„די קאַראַאימען און די שומרונים, צוזאַמען מיט די שוואַרצע יידן פון אינדיע און אַפריקע, און דאָס זעלבע די, וואָס אין קאַכין כינע, און די סעקטע אויפן ברעג פון מאַלאַבאַר, זענען באַרעכטיקט צו גלייכע רעכט און רעליגיעזע פּריווילעגיעס, ווי עס זענען אַלע, וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין דעם גרויסן בונד און פאָלגן און שעצן די דינים פון דער תורה.

„די אינדיאַנער פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אנערקענענדיק זייער אַזיאַטישן אָפּשטאַם. לויט זייער גאָטעס דינסט, זייער דיאַלעקט און שפּראַך, זייערע קרבנות, חתונות, גטן, קבורה, תעניתים, תשובה, שטראָף, מקלט שטעט, שבטים־איינטיילונג, זייערע הויכע פּריסטער, זייערע מלחמות און נצחונות, זייענדיק, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, קינדער פון פאַרלוירענע שבטים פון ישראל, וואָס זענען געוואָרן געגנ־מען אין געפאַנגענשאַפט דורך דעם קעניג פון אשור, וועגן זיי וועט מען אָננעמען די געהעריקע מיטלען זיי זאָלן פאַרשטיין זייער לאַגע און שליסלעך זיי ווידער צו פאַראייניקן מיט זייערע ברידער, דאָס אויס־דערוויילטע פאָלק.

„אַ קאָפּ־שטייער פון דריי זילבערנע שקלים יערלעך, אָדער איין שפּאַנישער דאָלאַר, ווערט דאָ אַרויפגעלייגט אויף יעדן ייד אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל ווערן קאָלעקטירט דורך דעם שאַצמייסטער פון די פאַרשידענע געמיינדעס פאַר דעם צוועק צו דעקן די פאַרשידענע אויסגאַבן אויף דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער רעגירונג, אויף העלפן עמיגראַנטן צו קויפן כלים פאַר ערד־אַרבעט און צו באַזאָרגן זיי מיט די נויטיקע באַדערפענישן און באַקוועמלעכקייטן, און צו העלפן זייערע פאַ־מיליעס צו מאַכן די ערשטע שריט פון באַזעצן זיך, צוזאַמען מיט אַזעל־כע פּריוויליקעביישטייערונגען, וואָס וועלן געמאַכט ווערן בכלל פאַר דעם פאַרשריט פון די ליבווירדיקע ציִלן, פאַרבונדן מיט דער ווידער־אויפלעבונג פון פאָלק און דער גלאָריע פון דער יידישער אומה. אַ ריכ־טער פון ישראל זאָל ווערן געוויילט איין מאָל אין פיר יאָר דורך דער קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז, וווּ עס זאָלן צוגעשיקט ווערן די פולמאַכטן פון יעדער געמיינדע.

„איך טו איצט באַשטימען פאַר באַפולמעכטיקטע דעם זייער געלערנטן און פרומען אברהם דע קאַלאַנאַ, ריטער פון דער אייזערנער קרוין פון לאָמבאַרדיע, גרויס־ראַבינער פון די יידן און פרעזידענט פון דער קאָנסיסטאָריע אין פאַריז; אַזוי אויך דעם גרויס־ראַבינער אנדראַדאַ פון באָרדאָ, און אויך אונדזערע געלערנטע און געשעצטע גרויסע רבנים פון די אשכנזים און די פאָרטוגעזישע יידן אין לאָנדאָן, די רבנים הערשל און מעלדאָלאָ; צוזאַמען מיט דעם געערטן אהרן נונעז קאַרדאָזאָ, פון גיבראַלטאַר; אברהם באַסניאַק, פון לעגהאָרן; בנימין גראַדעס, פון באָרדאָ; ד״ר ע. גאַנז, און ד״ר לעאָ וואָלף, פון האַמבורג, צו שטיצן און העלפן אַריינצוברענגען אין קראַפט די פונקטן פון דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע מיינער, מיט דער באַפולמעכטיקונג צו קענען באַשטימען די נויטיקע שליחים אין די פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, און צו גרינדן עמיגראַציע־געזעלשאַפטן, כדי די יידן זאָלן ווערן קאָנצענטרירט און דערמעגלעכט צו האַנדלען ווי אַ באַשטייערטע קערפּערשאַפט, האָבנדיק אין יעדן קעניגרייך אָדער רעפּובליק אַזעלכע הויפּט־באַאַמטע, וואָס איך וועל, אויף זייער רעקאָמענדאַציע, באַשטימען. אינסטרוקציעס צו די דאָזיקע באַפולמעכטיקטע מיינע זאָלן גלייך ווערן אַרויסגעשיקט; און אַ פאַרגרעסערטער און אַלגעמיינער פּלאַן, דערקלערנדיק די מאָטיוון און צילן, וועט ווערן איבערגעגעבן פּרטימדיק אין דער מגילה צום פאָלק. די קאָנסיסטאָריע אין פאַריז ווערט דאָ אויטאָריזירט און באַפולמעכטיקט צו נאָמינירן דריי פאָרזיכטיקע, פעאיקע פּערזאָנען, וועלכע זאָלן באַזוכן די פאַראייניקטע שטאַטן און אָפּגעבן די באַריכטן צום פאָלק, ווי די פּראַקטישע לאַגע פון לאַנד וועט פאָדערן.

„איך באַשטים ראש חודש אדר, דעם זיבעטן פעברואַר, 1826, פאַר אַ טאָג פון דאַנק און לויב צום הער גאָט פון ישראל פאַר די פילפאַכיקע ברכות און די באַזונדערע שוץ, וואָס איז דורך זיין ווילן געגעבן געוואָרן צו זיין פאָלק. דער טאָג זאָל ווערן געהאַלטן מיט פאַסנדיקע צערעמאָניעס און ביי דער גרויסער געלעגנהייט זאָלן מיר טון תפילה, אַז זיין געטלעכע דערבאַרעמקייט זאָל זיך נישט אָפּטון פון אונדז און דערפילט זאָלן ווערן אַלע הבטחות וואָס גאָט האָט געגעבן צו די קינדער פון יעקב.

„איך לייג פאַר פרידן און אייניקייט צווישן אונדז; גערעכטיקייט און גוטן ווילן פאַר אַלעמען; טאָלעראַנץ און פרייהייט צו אונדזערע ברידער פון יעדן גלויבן ווי ס'איז באַפוילן לויט די מילדע און גערעכטע

לערעם פון אונדזער הייליקער אמונה; ערנהאַפטיקייט און געטריישאַפט צו האַלטן אַלע אונדזערע אָפּמאַכן, צוזאַמען מיט גלאַסנקייט, שפּאָר־זאַמקייט און אַרבעטסזאַמקייט אין אונדזערע געוווינהייטן.

„אונטערטעניק טו איך שטאַרק בעטן צו ווערן דערמאָנט אין אייע־רע תפילות; און צום סוף און זייער ערנסט טו איך אייך באַפעלן צו היטן די מצוות פון הייליקן גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן, צו האַלטן זיינע געזעצן און זיינע באַפעלן און זיינע אָנצייגונגען און זיינע משפּטים, ווי ס'איז געשריבן אין די געזעצן פון משה רבנו: „אַז דו זאָלסט באַגליקן אין אַלץ וואָס דו וועסט טון און וווהין דו וועסט דיך קערן".

„אַרויסגעגעבן אין באַפאַלאָ, אין שטאַט ניו־יאָרק, דעם צווייטן טאָג פון תשרי, אין יאָר פון דער וועלט ה' תקפ"ו, וואָס שטימט מיט דעם פופצנטן טאָג אין סעפּטעמבער, 1825, און אין פופציקסטן יאָר פון אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט.

„פון דעם ריכטער,

„א. ב. סעישעס, סעקרעטאַר (צייטווייליקער).

ווען דער „ריכטער פון די יידן" האָט געענדיקט צו לייענען די פּראָקלאַמאַציע, האָט די אַרטילעריע אויסגעשאָסן מיט פיר־און־צוואַנ־ציק קאַנאָנען און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ זיג־מאַרש.

אַלע זענען, אין געמאָסטענע רייען, אַוועק צום פּלאַץ פון דער לאַ־זשע און פון דאָרט זענען די מאַסאָנען און די מיליטערלייט, מיט דער מוזיק, אַוועק אין „אַדלער טאַווערן", וווּ ס'איז סערווירט געוואָרן משקה און פאַרבייסן. אַלע האָבן מיט טיפער באַגייסטערונג געווונטשן גליק דער יידישער שטאָט אררט, איר גרינדער דעם „ריכטער פון ישראל" און זיין גאַנץ פאָלק.

אַ סך פון די פאַרזאַמלטע האָבן געקוקט מיט עקסטאַז אויף דעם „ריכטער פון די יידן", זיי האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די צערעמאָניעס און ביים געזעגענען זיך, האָבן זיי זיך פאַר אים טיף פאַרבויגן.

די צערעמאָניעס זענען אָבער נאָך נישט געווען געענדיקט. צו־מאָרגנס האָט מרדכי געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע וועגן די צילן פון דער יידישער שטאָט — ווי דער אָנהויב פון דער יידישער טעריטאָריע.

דעם צווייטן טאָג איז דער עולם געווען נאָך גרעסער. די, וואָס זענען נישט געווען דעם ערשטן טאָג, האָבן געהערט וואָס דאָ האָט זיך געטון, זענען זיי געקומען צולויפן. און די, וואָס זענען געווען דעם

ערשטן טאָג פון דעם יום־טוב, האָט די באַגייסטערונג נישט אויפגע־
הערט צו קאָכן אין זייער בלוט.

מיט א ברכה פאַר די פּאַרזאַמלטע, פאַר באַפאַלאָ און פאַר ארדט און א תפלה פאַרן ווילזיין פון לאַנד און פאַר דער עיר מקלט פאַר יידן, האָט זיך געשלאָסן דער יום־טוב פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר ארדט.

מרדכי מיט דעם סעקרעטאַר און די אַנדערע פריינט זענען צוריק־
געפאָרן קיין ניו־יאָרק. אַלע האָבן גערעדט מיט הייסער פרייד וועגן דער געשעעניש. דער סעקרעטאַר, אברהם ברוך סעישעס, דער יונגער, דאַרער בחור מיטן טונקעלן פּנים, איז געווען אַ שטיק פייער; אפילו די נישט־
יידן זענען געווען ווארעם, נישט אויפגעהערט צו רעדן. איינער, נאָר, ער דער ריכטער פון ישראל, איז געזעסן שטיל, ער האָט געשוויגן. אין דעם פרייליכן גערויש אויף די וועגענער, אין די קרעטשמעס אויפן וועג, איז ער, דער גרינדער, געזעסן שטיל. אין הארצן האָט שטיל גע־
נאָגט — וואָס וועלן איצט זאָגן די יידן?

וועלן זיי קומען?

וועלן זיי וועלן אַרויסגיין פון שקלאַפעריי פון די לענדער אויף יע־
נער זייט ים און קומען אהער, אין דער עיר מקלט, אין פרייען לאַנד?

וועלן זיי הערן דעם רוף?

ס'האָט אים נישט געלאָזט רוען, נישט אויפגעהערט צו נאָגן שטיל אָבער גאַנץ טיף.

האָט מרדכי אַרויסגענומען איינמאָל און נאָכאַמאָל באַפאַלאָס ענג־
לישע צייטונג, די „באַפאַלאָ פּאַטריאָט עקסטרע“, ווו ס'איז געווען גע־
דרוקט די באַשרייבונג פון די צערעמאָניעס און די פּראָקלאַמאַציע (ער האָט אַליין אָנגעשריבן דעם באַריכט און איבערגעגעבן דעם רעדאַק־
טאָר); ווידער־און־אָבער האָט ער געלייענט ווי אַ דורשטיקער, וואָס הערט נישט אויף צו טרינקען און דער דאָרשט ווערט אַלץ נישט גרינ־
גער.

די צייטונג מיט דעם גערדרוקטן באַריכט און פּראָקלאַמאַציע (עט־
לעכע עקזעמפּליאַרן) איז געווען דאָס איינציקע וואָס דער „ריכטער פון די יידן האָט מיטגענומען פון דער שמחה פון זיין קרוינונג.

דעם ווינקלשטיין האָט ער איבערגעלאָזט אין קירך.

און ווי נאָר מרדכי איז אָוועקגעפאָרן, ווען מען האָט שוין נישט געזען דעם שטויב פון הינטער די טריט פון די פערד, האָט דער פריינט־
לעכער גלח, רעווערענד סוירל געהייסן אַרויסנעמען דעם ווינקלשטיין און

אים אוועקשטעלן אין הויף, אנגעשפארט אויף דער הינטערשטער וואנט.

דער הימל האט זיך פארוואלקנט. אן עסעדיק ווינטל האט זיך א יאג געטון איבערן שטעטל און אנגעטראגן א דין שניידיקן רעגן.

געבויגן אהינטער, איז געשטאנען, אנגעשפארט ביי דער הינטער־שטער קירך־וואנט, דער ווינקלשטיין פון אררט, די עיר־מקלט פאר יידן. דער רעגן האט געגאסן זיינע דינע שניידיקע וואסערן איבער זיין קאפ, געשמיסן אים רעכטס און לינקס און באלד איז ער געשטאנען ביז דער העלפט אין וואסער.

**
*

אין עטלעכע טעג ארום האט די „איווינינג פאוסט" געדרוקט א קורצן פאראגראף פון עטלעכע שורות, וועגן דער געשעעניש און גע־מאכט ס'געשפעט.

עס איז אנגעקומען די צייטונג „באפאלא פאטריאט עקסטרע" — דערציילט די „איווינינג פאסט" — און עס איז דארט געדרוקט געווען די רעדע פון מאיאר מ. מ. נח, קעניג פון די יידן, וואס ער האט גע־האלטן ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פאר דער יידישער שטאט. די רעדע פארנעמט א גאנצע זייט.

מרדכים פריינט האט דאס פארדראסן. זיינע שונאים האבן הנאה געהאט — מיט א פאר ווערטער האט די „איווינינג פאסט" אים פאר־ניכטעט.

באלד זענען אלע געווארן איבערראשט — פריינט און שונאים.

צומארגנס האט די נייע „איווינינג פאסט" געהאט אן אנדער פנים. אין די עטלעכע און צוואנציק יאר וואס די „פאסט" עקזיסטירט איז נאך אזעלכעס נישט געווען.

די פראנט־זייט פון דער צייטונג האט נישט געהאט קיין איינציקן אנאנס. די גאנצע ערשטע זייט, וואס איז אלע מאל פאר בלויז אנאנסן, איז אריבערגעטראגן געווארן אינעווייניק.

מרדכים רעדע איז ווארט און ווארט געווען אפגעדרוקט אין „איווי־נינג פאסט" און האט פארנומען די גאנצע ערשטע זייט.

צו דער רעדע האט מרדכים גרעסטער פיינט אין דער צייטונג־וועלט צוגעשריבן א באמערקונג, אז די רעדע און די געדאנקען וועלן אינטערעסירן א סך מענטשן.

די פריינט מרדכים האט עס הנאה געטון, האבן עטלעכע פון זיי אריינגעשיקט אנערקענונגס־בריוולעך אין דער צייטונג. די שונאים האבן

אָבער נישט געקאָנט דאָס פאַרטראָגן. אַ סך פון זיי זענען געלאָפן אין רעדאַקציע מיט אַ טענה.

— איר קאָנט נישט מער פיינט האָבן דעם דאָזיקן יידן־קעניג ווי איך — האָט דער „איווגינג פּאָסט" רעדאַקטאָר געזאָגט צום ערשטן וואָס האָט אים געפרעגט — איך קאָן מיר אָבער נישט העלפן. ס'איז נייעס. מיר האָבן אַ צייטונג. אַ ווינקלשטיין פון אַ יידישער שטאָט אין אַז עפּיסקאָפּאַלישער קירך? ניין, מיר קאָנען עס נישט פאַרשווייגן. דאָס איז געשיכטע!

די שונאים האָבן מרדכין נאָך מער רעספּעקטירט, און אַ סך שטאַרקער איז געוועזן זייער מורא פאַר אים.

מיט די יידן איז עס געוועזן אַנדערש. שרעק, כעס זענען זיי באַפאַלן. די רייכע ניו־יאָרקער יידן האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד.

— אַן אמתער שבתי־צבי!

— די גויים רופן אים שוין קעניג פון די יידן!

— זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער מציאה צו ווייזן, אַז יידן ווילן אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

— די שונאי ישראל האָבן דערביי אַ בייזע כוונה.

— אַ פאַלשער משיח אויף אונדזערע קעפּ!

— פון צייט צו צייט קומט דאָס אומגליק. ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן פון דעם יעקב פראַנק אומגליק? האָבן מיר אַ נייעם משיח!

נישט אַלע האָבן גערעדט וועגן זיין משיחקייט. אַנדערע האָבן אים געמאַכט נידעריקער.

— איך פאַרשטיי נישט! ער האָט נישט געקאָנט שפּעקולירן מיט לאַנד־פּלעצער דאָ אין ניו־יאָרק? וואָס באַהאַלט ער זיך אונטער דעם שווינדל פון אַ יידישער מדינה?

— הערסט, אין ניו־יאָרק איז ער דאָך נישט דער איינציקער. דאָרט האָט ער דאָס גאַנצע אינדזל. ער'ט מאַכן מיליאָנען.

— ער איז גאָר נישט קיין נאַרישער סוחר. ער האָט דאָס פיין אויפגעשפּילט. ווי דער גרעסטער אַקטאָר. פאַרלאָזט זיך אויף אים. ער איז אַ פאַרטיקער מיליאָנער.

— מען טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן! — האָבן ביידע סאָרטן קעגנער געשריגן. — דאָס אומגליק טאָר זיך נישט פאַרשפּרייטן!

די איינפלוסרייכסטע זענען אַוועק צו די צייטונגען און איינגעבעטן מיט די רעדאַקטאָרן, אַז זיי טאָרן נישט שרייבן גינסטיק וועגן דעם ענין.

— דאָס איז אַן אַוואַנטורע, וואָס דאַרף ווערן דערשטיקט פון אָנהויב־אָן — האָבן זיי געזאָגט. — קיין ייד וויל עס נישט. עס פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, צעמישט די מוחות.

מרדכי האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין אייגענע צייטונג. האָבן די יידישע קעגנער דאָס אויסגענוצט. זיי האָבן געלאָזט וויסן אין די צייטונגען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ שפּיל, קיין ייד וויל ניט הערן דערפון.

דעמאָלט האָט מרדכי אַרויסגענומען דעם בריוו, וואָס ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געקראָגן פון יידישן קולטור־פאַראיין אין בערלין, און ער האָט אים אָפּגעדרוקט.

די פירער פון דייטשן קולטור־פאַראיין, דר. צונץ, דר. גאַנז און מאָזער, האָבן אים געדאַנקט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר יידישער עמיגראַציע פון די אייראָפּעאישע דעספּאָטישע לענדער צו דעם לאַנד פון פרייהייט, אַמעריקע.

צום בריוו האָט מרדכי צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז ער דרוקט דעם בריוו „צו באַווייזן, אַז כאָטש די אַמעריקאַנער יידן זענען נישט גרייט פאַר עמיגראַציע ביים ווידעראויפשטעל פון יידישן פאָלק, זענען די יידן אויף יענער זייט ים מער אינטערעסירט און זיי קוקן לעבהאַפטיק אויף די געשעענישן". און אַז לויט זיין קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט, גרייטן זיך אין פרילינג גרופּעס יידן פון האַמבורג און אַמסטערדאַם אַרויסצופאָרן אַהער.

אָבער די ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן אויף דעם פאַרלאַנג פון זיינע רייכע יידישע קעגנער נישט געוואָלט דרוקן דעם בריוו. האָט ער אים געדרוקט אין „אַלבאַני דעילי אַדווערטייזער".

ער איז אַוועק צו נפתלי פיליפּסן — פעטער נפתלי, מיינסט איך וועל זיך לאָזן פאַרמאַכן דאָס מויל פון די פחדנישע פאַררעטער? איך גיי מאַכן אַ צייטונג: מיר וועלן האָבן די טעריטאָריע.

— איך וועל דיר העלפן, מרדכי, האָט נפתלי פיליפּס געזאָגט און זיך געכאַפּט העלפן מאַכן די צייטונג.

מרדכי האָט געהאַט אַ טעות וועגן די יידן אין אייראָפּע. מיט ווייניק אויסנאַמען זענען זיי צו אים אויך נישט צוגעשטאַנען. אַ טייל האָבן אים געזידלט, אַ טייל געמאַכט חוזק. דאָרט אין דעם טאָל פון פּיין און געוויין האָבן זיי אויך נישט געוואָלט אויפנעמען די בשורה פון ווידעראויפשטעל פון יידישן פאָלק.

די ערשטע וואָס האָבן נישט געוואָלט צוהערן זיך צו אים זענען געווען די באַפּולמעכטיקטע וואָס ער האָט באַשטימט.

די אייראָפּעאישע צייטונגען האָבן געדרוקט די נייעס. אַנדערע האָבן אויך געדרוקט די פּראָקלאַמאַציע. צייטונגען אין דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, האָבן געהאַט די נייעס. די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פּראָקלאַמאַציע, זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס איז אַ רוף צו אַן אויפשטאַנד קעגן עסטרייך.

— ער רעדט אַזויפיל וועגן פרייהייט. ניין, דאָס איז אַ רוף צו רעוואָלוציע — האָט געזאָגט דער קייזערלעכער צענזאָר און פאַרבאָטן צו דרוקן די פּראָקלאַמאַציע.

נאָר די נייעס אַליין האָט דער צענזאָר יאָ דערלויבט צו דרוקן.

„די ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן אונטערדריקט די נייעס וועגן ווי־דער־אויפשטעל פון דעם יידישן פאָלק", האָט געשריבן די „ווינער אַלגע־מיינע צייטונג", „ווייל די בערזע וואָלט געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק, ווען זי וואָלט פּלוצלינג געווען אין געפאַר צו פאַרלירן אַ סך מיט־גלידער מיט אַזויפיל קאַפּיטאַל".

דער רוסישער צענזאָר האָט נאָך מער מורא געהאַט, אַז די גאַנצע זאַך איז פול מיט רעוואָלוציע. אַ קורץ שטיקל נייעס איז יאָ געווען גע־דרוקט אין דער צייטונג „מאָסקווע טעלעגראַף".

די יידישע גבירים פון אייראָפּע און זייערע משרתים די ראַבינערס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן מרדכין. די פראַנצויזישע ראַבינערס מיט אַב־רהם דע קאָלאָנאַ בראש האָבן געשריבן קעגן אים אין דער פּרעסע. דער ראַבינער קאָלאָנאַ, אַ מיטגליד פון נאַפּאָלעאָנס סנהדרין, דער אַסימילאַ־טאָר, וואָס האָט דערקלערט אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק, האָט גע־דרוקט אַ בריוו אין אַ וויכטיקן פראַנצויזישן זשורנאַל קעגן מרדכין. דער בריוו איז איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן און אַ סך צייטונ־גען אין אייראָפּע האָבן אים איבערגעדרוקט. אויך אין אַמעריקע איז ער געוואָרן איבערגעדרוקט.

אין דעם בריוו דערקלערט ער, אַז ער און די צוויי הויפּט־רבנים פון ענגלאַנד, וועמען מרדכי נח האָט באַשטימט פאַר זיינע באַפולמעכטיקטע, דאַנקען אים, נאָר זיי נעמען נישט אָן די באַשטימונג.

„מיר דערקלערן, האָט ער געשריבן, אַז לויט אונדזערע עיקרים איז נאָר צו גאָט אַליין באַוווסט די צייט פון דער גאולה, וואָס גאָט אַליין וועט דאָס אַנטפּלעקן צו דער גאַנצער וועלט דורך אַן אומצווייפלהאַפטן צייכן, און אַז יעדער פאַרזוך פון אונדזער צייט אומצוקערן יידן קיין ארץ ישראל אויף אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן וועג, איז פאַרבאָטן ווי די העכסטע פעלשונג אין גאָט. דער הער נח האָט אָן צווייפל פאַרגעסן, אַז די איז־

ראַליטן, געטריי צו די פּרינציפּן פון זייער גלויבן, זענען צו שטאַרק צוגעבונדן צו די לענדער, ווו זיי וווינען, און איבערגעגעבן צו די רעגי־רונגען, אונטער וועלכע זיי געניסן פרייהייט און שוץ, אַז זיי זאָלן נישט באַטראַכטן ווי אַ פּשוטן וויץ די פאַנטאַסטישע רייד פון אַ פאַלשן אויס־לייזער".

דער פּאַריזער ראַבינער האָט אין דעם זעלבן בריוו דערקלערט מרדכין פאַר אַ "טרוימער מיט גוטע כוונות".

ערגער איז געווען צו אים דער ראַבינער אַנדראַדע פון באָרדאָ. ער האָט אויסגעזידלט מרדכין, און האָט אים אָנגערופן "שאַרלאַטאַן".

דער עסטרייכישער משכיל יהודה בן יונה יעטעלעס האָט נישט גע־געבן קיין פּיל בעסערן ענטפער אויף מרדכים רוף. אין דער השכלה־זאַמ־לונג "בכורי העתים" האָט ער געגעבן אַ באַריכט וועגן די ווינקלשטיין צערעמאָניעס. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ טייל פון דער פּראָקלאַמאַציע. ער האָט אָבער צוגעגעבן באַליידיקנדיקע באַמערקונגען אויף מרדכים אַד־רעס.

ער האָט געשריבן, אַז די "גאַנצע זאַך איז אַ שפּינוועבס פאַנטאַזיע און זי איז קעגן דער תורה".

אין ענטפער צו מרדכים רוף, האָט ער אויסגערופן:

"ברידער, ישראלס קינדער! אין אונדזער גוט לאַנד וועלן מיר זיצן, אונדזער גאָט דעם מלך, וועלן מיר דינען און פאַר אים וועלן מיר זיך פאַרכטן, די באַפעלן פון אונדזער קעניג וועלן מיר פאָלגן, און זיינע גע־זעצן וועלן מיר היטן ווי מיר האָבן דאָס געטון ביז אַהער. אַ בונד וועלן מיר האָבן מיט אַלע פעלקער־צווישן וועלכע מיר וווינען. נאָר אַזוי וועט זיין גוט פאַר אונדז און פאַרן גאַנצן הויז פון ישראל פון איצט אָן ביז אייביק".

היינריך היינע האָט אין אַ בריוו דערציילט וועגן אַ חלום, וואָס ער האָט געהאַט וועגן מרדכין מיט די באַפּולמעכטיקטע. דער גרויסער דיכ־טער־אַפּלאַכער, היינע, האָט זיך געוויצלט.

פון די אַלע רייד און טענות קעגן אים האָט מרדכי געהאַט אַ סך פאַרדראָס. האָט דערצו אַדוואָקאַט עדוואַרד גאַנז, דער פּרעזידענט פון יידישן קולטור־פאַראיין אין דייטשלאַנד, וועמען ער האָט באַשטימט פאַר אַ באַפולמעכטיקטן, זיך פּלוצלינג געשמדט.

איז דער פאַרדראָס געווען געמישט מיט שרעק. אַ פּחד איז באַפאַלן מרדכין.

— כ'וויל עס נישט ברענגען איבערן מויל — האָט ער געזאָגט צו

סעישעסן, דעם סעקרעטאַר, — ס׳איז אָבער, האָב איך מורא, נישט קיין גוטער סימן. אַ באַפּולמעכטיקטער האָט זיך געשמדט.

דער דאַרער בחור מיט דעם טונקעלן פּנים, אין זיין באַגייסטערונג, האָט געטרייסט מרדכין.

— ס׳איז גאָרנישט, האַר, — האָט ער גערעדט און זיין פּנים האָט געפלאַמט — אַ דאַרער בלאַט איז אַראָפּגעפאַלן. דער בוים שטייט, וועלן זיין טויזנטער נייע בלעטער פאַר דעם איינעם.

מרדכיס האַרץ האָט נישט אָנגענומען די טרייסט.

באַלד האָט ער געקראָגן אַ ביסל באַלזאַם פאַר זיין פאַרוואונדעט געמיט.

גבריאל ריסערס פאָטער האָט גערעדט מיט ערפאַרכט וועגן זיין רוף. ריסער, דער מוטיקער קעמפער פאַר יידישע רעכט אין דייטשלאַנד, האָט געהערט וועגן מרדכיס „יידישער שטאַט", האָט ער געשריבן וועגן דעם צו זיין פאָטער, און דער פאָטער האָט אים אויף דעם אַזוי געענטפערט:

„מיר קומט אויס, אַז דער דאָזיקער מאַן (מרדכי נח) האָט גענומען פאַר אַ מוסטער נישט די נביאים, נאָר גיכער די אָבות... ווי קליין אָדער לעכערלעך די זאַך קען זיך אויסדאַכטן איצט, אָבער די נויט, און די צייט און די אומשטענדן וועלן אפשר דערפירן אונדזערע קינדער, זיי זאָלן גאַנץ אַנדערש דאָס אָפּשאַצן".

די וואָרנונג, אַז די דורות שפּעטער וועלן אַנדערש קוקן אויף זיין רוף, האָט געהיילט זיין האַרץ.

דניאל דזשעקסאָן האָט אויך געקוקט מיט מער פאַרערונג אויף אים. און ווען מרדכי איז נאָר אַריין צום דרוקער דזשעקסאָן, האָט ער דער־זען ווי רבקה אסתר, דעם דרוקערס טאָכטער קוקט אויף אים אַזאַ ליב־טיקע, אַ דערפרייטע.

— מאַיאָר, — האָט דזשעקסאָן אים געזאָגט — דער קאָפּ דאַרט מיר שוין, רבקה אסתר איז שוין איבער פופצן. ווי קריגט מען עפּעס פאַר איר אַ גוטן שידוך?!

— שוין פופצן? כ׳האָב ערשט זי געהאַלטן אויף דער האַנט.

— איר געדענקט, מאַיאָר, ווען איר האָט געהאַלטן אייער ערשטע רעדע אין טעמעני? זי האָט אייך אַזוי שטאַרק אַפּלאָדירט, די קליינע, אַז די הענטלעך האָבן איר ווייי געטון. די צייט לויפט, מאַיאָר.

די פופצן־יעריקע כלה־מויד איז אָנגעקומען אויף די רייד און גע־קוקט אויף מרדכין אַ באַגייסטערטע, אַן אויפגעלויכטענע.

מרדכי רייניקט אוים ניו־יאָרק

מאָנראָו איז שוין געווען אוים פּרעזידענט. דזשאָן קווינסי ערעמס, זיין שטאַט־סעקרעטאַר און דער זון פון דזשאָן ערעמס, דער צווייטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז שוין געווען פּרעזידענט אויף זיין אָרט.

דער נייער פּרעזידענט איז מרדכין נישט געווען קיין פריינט. מרדכי האָט אים טאַקע באַקעמפט.

— מער ווי איין טערמין וועט ער נישט זיין פּרעזידענט — האָט געזאָגט מרדכי צו זיינע פריינט — איך וועל שוין זען דערצו.

אָבער ביז דעמאָלט איז נאָך לאַנג צו וואַרטן. דערווייל האָט מרדכי דערלעבט נקמה אין מאָנראָון.

נישט לאַנג נאָך דער געשיכטע מיט אררט האָט דער עקס־פּרעזידענט מאָנראָו צוגעשטעלט אַ פאָדערונג צו דער רעגירונג, אַז זי זאָל אים געבן אַ גרויסע סומע געלט.

דינענדיק די פאַראייניקטע שטאַטן אַלס אַמבאַסאַדאָר אין אייראָפּע, האָט געשריבן עקס־פּרעזידענט מאָנראָו אין זיין פאָדערונג צום קאָנגרעס, האָט ער געמאַכט אַ סך חובות, וויל ער איצט צוריק דאָס גאַנצע געלט, וואָס עס האָט אים געקאָסט.

מאָנראָו האָט געקראָגן געלט. די רעגירונג האָט אים געגעבן דרייסיק טויזנט דאָלער.

האָט מרדכי האַרציק געלאַכט און געזאָגט צו פּיליפּסן:

— פּעטער נפתלי, ווי געפעלט דיר מאָנראָו? מיך האָט ער פאַרפאָלגט, אַראָפּגעזעצט מיך ווייל כ'האָב אויסגעגעבן מיט אַ פאָר דאָלער מער אויסצולייזן פון טויט אַמעריקאַנער בירגער. און איך האָב דאָך איינגעשטעלט דאָס לעבן! איך בין דאָך געווען קאָנסול אין אַפריקע, ביים ווילדן בעי פון טוניס. ער איז געווען אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד, איז געווען אַ דורכפאַל, און ס'איז שוין אַ געשיכטע פון איבער צוואַנציק יאָר צוריק, האָט ער זיך נישט געשעמט אַרויסצורייסן ביי דער רעגירונג דרייסיק טויזנט דאָלער.

— יאָ, דער ריכטיקער צדיק, וואָס איז דאָ צו רעדן? — האָט צוגעגעבן נפתלי פּיליפּס.

מרדכי האָט געשיינט פאַר פרייד. ער האָט נישט געוואָלט אויפ־הערן צו רעדן דערוועגן.

— ווען נישט דאָס וואָס ס'איז אַ שאָד, ס'איז פאָלקס־געלט, וואָלט איך געווען צופרידענער, ווען ער וואָלט אַרויסגעשלעפּט נאָך אַמאָל אַזוי פּיל. זע נאָר, פעטער נפתלי, ווי מאַנראָו האָט זיך דערמאָנט נאָך אַזוי פיל יאָרן, אַז ס'קומט אים דרייסיק טויזנט דאָלאַר!

— האָסט געדאַרפט צו זען ווי עס האָט אים געברענט, ווען די רעגירונג האָט מיר געדאַרפט אומקערן עטלעכע טויזנט דאָלאַר. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געלעבט אויפן פאָלקס חשבון. געהאַט אַלע אַמטן, שוין געווען צוויי מאָל פּרעזידענט. ניין, איז אים אַלץ נישט גענוג. גיב אים איצט נייע דרייסיק טויזנט דאָלער!

באַלד האָט מרדכי זיך אָפּגערעכנט מיט זיין דם שונא, דעם באַנ־קיר עקפאָרד, וואָס האָט אויסגענאַרט די צייטונג ביי זיין פעטער און ביי אים.

ניו־יאָרק האָט אויפגעציטערט און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געקאָכט מיט דער געשיכטע.

עקפאָרד האָט זיך געלאָזט וווילגיין אויף דער בערזע. שטילערהייט האָט ער, צוזאַמען מיט זיין גרופּע אין טעמעני, פאַרכאַפּט עטלעכע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. דערצו נאָך איז זיין חוצפה שוין אַריבער אַלע גרענעצן. דער משרת זיינער אין זיין צייטונג האָט געשריבן אַלץ, וואָס דער באַלעבאָס האָט געוואָלט, און ער האָט געהאָלפן עקפאָרדן אַריינציען וואָס מער קרבנות אין זיין אַקציעס־שווינדל.

מרדכי איז אַרויס אין זיין נייער צייטונג מיט אַ שאַרפער אַטאַקע אויף עקפאָרדן און זיין באַנדע.

די דאָזיקע שווינדלער בארויבן די שטאָט, — האָט מרדכי גע־שריבן — זיי באַרויבן די שטאָט־רעגירונג און זיי ליידיקן אויס די קע־שענעס פון יעדן איינוווינער.

מיליאָנען דאָלער, פאָלקסגעלטער, האָבן די דאָזיקע גנבים אַראָפּ־געלאָזט אין זייערע קעשענעס, האָט מרדכי געשטורעמט. ווען עס קומט צו מאַכן אויסבעסערונגען אין שטאָט פאַר דעם געזונט פון דער באַפעל־קערונג, לאָזן זיי נישט; זיי שרייען, אַז זיי ווילן איינשפּאָרן געלט דעם פאָלק. דאָס איז אָבער נישט זייער צוועק. זיי ווילן נישט איינברענגען געלט דעם פאָלק. זיי ווילן צוגנבענען דאָס געלט פאַר זיך. דעריבער לאָזן זיי נישט אויסגעבן קיין סענט אויף אויסבעסערונגען.

מרדכי האָט נישט אויפגעהערט צו שטורעמען און צו פאָדערן רע־

כענונג פון די גנבים. ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאָדערן אַן אונ־טערזוכונג.

עקפּאַרד און זיין באַנדע האָבן זיך אויסגעלאַכט אין אַנהויב. זיי זענען אומבאַריירבאַר. ווער וועט דען מאַכן די אונטערזוכונג? טעמעני? זיי זענען די באַלעבאַטים פון טעמעני. עס וועט נישט זיין קיין אונטער־זוכונג.

די באַווייזן, וואָס מרדכי האָט געבראַכט וועגן זייערע פאַרברעכנס, האָבן געשטאָכן די אויגן. ניו־יאָרק איז געוואָרן אומרואיקער פון טאָג צו טאָג. די שטימען פאַר אַן אונטערזוכונג האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן.

עקפּאַרדס צייטונג האָט געמאַכט ס׳געשפּעט פון דעם גאַנצן רעש. די גאַנצע זאַך איז אַ שפּיצל פון דעם „קעניג פון די יידן“, האָבן זיי־נע משרתים געשריבן, צו באַשמוצן דעם ווירדיקן נאָמען פון גאָטס־פאַרכטיקע קריסטן.

ס׳האָט אָבער עקפּאַרדן נישט געהאָלפן. זיין אַריינמישן די רעלי־גיעזע פראַגע האָט אים נישט געראַטעוועט. די שטאָט האָט פאַרגעסן אַלצדינג און האָט נאָר גערעדט וועגן איין זאַך — וועגן דער אונטער־זוכונג פון עקפּאַרדס גנבות.

ווען די שטאָט־רעגירונג האָט איינגעזען, אַז זי מוז מאַכן אַן אונ־טערזוכונג, האָט עקפּאַרד זיך אַלץ נישט דערשראָקן.

— ווער וועט זיין דער אונטערזוכער? — האָט ער געזאָגט צו זיין באַנדע — מיינע לייט. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

נאָר עקפּאַרד האָט געהאַט אַ טעות. די אונטערזוכונג האָט אַרויס־געבראַכט אַזוי פיל שווינדלען זייערע, אַז דאָס געריכט האָט זיי פאַר־קלאָגט און געשטעלט צו אַ פּראָצעס. זיי האָבן געהאַט באַגנבעט די פייער און לעבנס פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן און באַנקן אויף מיליאָנען דאָלער.

פונקט צום יאָר פון לייגן דעם ווינקלשטיין האָט די הויכע זשורי פאַרקלאָגט עקפּאַרדן מיט נאָך פינף טעמעני פירער.

עקפּאַרד האָט אַלץ געשמייכלט.

— דאָס איז גאָרנישט. קיין ריכטער אין געריכט וועט אונדז נישט געפינען שולדיק.

דאָס איז געווען דער שאַרפסטער קרימינעלער פּראָצעס, און מיט איין פּראָצעס האָט עס זיך נישט געענדיקט. דאָס ערשטע מאָל האָט די זשורי זיך נישט געאייניקט און דער ריכטער האָט זי פונאַנדערגעלאָזט.

עקפּאָרדס לייט האָבן געשאָטן מיט געלט, עס זאָל נישט זיין קיין צווייטער פּראָצעס. מרדכי האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. דאָס פאָלק האָט נישט געלאָזט רוען. עס איז געווען נאָך אַ פּראָצעס.

דאָס מאָל זענען זיי שוין געפונען געוואָרן שולדיק.

אָבער דאָ האָט טעמעני זיך אריינגעמישט. די פּארמשפּעטע מיליאָנערן־שווינדלער האָבן געשאָטן מיט געלט אויף אַלע זייטן. אַ טייל פון זיי האָבן געקראָגן נייע פּראָצעסן, צו פארשטאָפּן דאָס מויל פון פאָלק זענען עטלעכע קלענערע גנבים פארשיקט געוואָרן אויף אַ פּאָר יאָר אין געפענגעניש. די איבעריקע האָבן זיך ארויסגעדרייט.

עקפּאָרד האָט זיך אָבער נישט געקענט ארויסדרייען. ער איז געווען דער מוח הינטער דעם גאַנצן שווינדל. און ווען ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט מוזן גיין זיצן, איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

שפּעטער איז אָנגעקומען די נייעס, אַז עקפּאָרד איז געשטאָרבן אין ביירוט.

אויף אַ ווײַלע האָבן די פאָלקס־גנבים זיך פארקליבן אין די לעכער, ציטערנדיק פאַר דעם צאָרן פון עולם. מרדכיס נאָמען איז געשטיגן נאָך העכער.

***

אַ רייכער ייד אין לאָנדאָן האָט געהערט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען שוין געשטעלט זיך בויען די יידישע שטאָט, האָט ער אויפגעקליבן אַ פּאָר צענדליק יידן, מערסטנס בחורים, מיט צוויי פּאָרלעך אינדערמיט. ער האָט זיי געגעבן אויף הוצאות און אַוועקגעשיקט קיין ניו־יאָרק.

— וווּ וווינט דאָ דער ריכטער פון די יידן? — האָבן זיי געפרעגט אַראָפּגייענדיק פון שיף.

מען האָט זיי אַוועקגעפירט צו מרדכין.

מיט די קליינע פּעקלעך זאַכן, איינגעוויקלט אין טיכער, זענען זיי אריין אין זיין רעדאַקציע־ביוראָ, אַ קליין צימער, וואָס האָט אפילו אַ העלפט זייערע נישט געקענט ארייננעמען, און געזאָגט:

— מיר זענען געקומען צו באַזעצן זיך אין דער יידישער שטאָט.

רויטע פלעקן האָבן זיך געשטעלט מרדכין אין פּנים. ער האָט געטראַכט אַז מיט דער חברה וואָלט מען געקענט מאַכן דעם אָנהויב.

ער האָט דאָס אָבער נישט ארויסגעזאָגט.

— לייגט אוועק די פעקלעך — האָט ער זיי געזאָגט. — מען דאַרף אייך געבן אַפּצועסן און געפינען דירות.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד און וועגעלע, אויפגענומען דעם „סעקרעטאַר פון דער יידישער שטאָט", אברהם ברוך סעישעס, דער דאַרער בחור מיטן טונקעלן פּנים און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט.

דאָס ערשטע איז ער פאַרפאָרן צו בנימין לעווי דעם אַנגראָ סוחר.

— בנימין! — האָט ער אים געזאָגט — איך וועל אייך צושיקן פרישע אימיגראַנטן, זאָלט איר זיי געבן אויף מיין רעכענונג קוישן סחורה צו האַנדלען.

— יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט — בעטן, אַ טיש און אַ בענקל אויך.

— אַלץ וועט זיין באַזאָרגט, מאַיאָר, — האָט דער רייכער סוחר אים פאַרזיכערט.

ווען ער האָט זיי שוין געהאַט באַזאָרגט מיט דירות און אביסל מעבל, האָט ער זיי צוזאַמענגענומען און געזאָגט:

— ווער ס'איז אַ בעל־מלאכה, זאָל זיך נעמען צו זיין מלאכה, ביי יענעם אָדער פאַר זיך. מיר וועלן אייך העלפן. נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי צו טון אַ מלאכה. די, וואָס האָבן נישט קיין מלאכה, וועלן גיין מיט אַ קויש מיט סחורה און אַרומגיין האַנדלען. די קוישן סחורה זענען גרייט.

די מערסטע האָבן אים געדאַנקט און נישט דערמאָנט די יידישע שטאָט. איינער נאָר, פון די פאָרלעך, וואָס האָט זיך געגרייט מיטן ווייב צו באַאַרבעטן די ערד אין דער יידישער שטאָט, האָט אים אַ פרעג געטון:

— און וואָס איז מיט דער יידישער שטאָט?

האָט אַ רויטקייט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים, און ער האָט געענטפערט:

— די יידישע שטאָט וועט שוין מוזן זיין, מיין פריינט, אין ארץ־ישראל. יידן, זעט אויס, ווילן נישט פאַרבייטן ארץ־ישראל אויף קיין אַנדער לאַנד, אפילו נישט אויף אַ ווייל.

און ס'איז שוין אַזוי געוואָרן, אַז די יידישע אימיגראַנטן זענען פון דעמאָלט אָן, גלייך פון שיף געגאַנגען צו מרדכין. ער האָט געהאָלפן די בעלי־מלאכות זיך שטעלן אַרבעטן און די הענדלער מיט אַ קויש סחורה, וואָס זיי האָבן געקראָגן ביי בנימין לעווי.

אין גיכן איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע צדקה־געזעל־

שאַפט אין ניו־יאָרק — זי האָט אָנגעהויבן־זיך פון מרדכים אַרבעט פאַר די אייננוואַנדערער. מרדכי איז געוואָרן איר פּרעזידענט.

מרדכים טיר האָט נישט גערוט. אייננוואַנדערער, גלייך פון שיף און אַלטגעזעסענע האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען צו אים נאָך הילף, נאָך אַן עצה. ווער נאָר ס'איז אים געווען ענג, ווער נאָר עס האָט גע־האַט אַ שווער געמיט און אַ פאַרביטערט האַרץ, האָט זיך געווענדט צו אים.

**
*

ניו־יאָרק האָט באַקומען אַ נייע איבעראַשונג פון איר באַרימטן מאַיאָר נח. ס'האָט נישט געהאַט צו טון נישט מיט פּאָליטיק און נישט מיט יידישע אינטערעסן. די איבעראַשונג איז געקומען פון אַ געשעעניש, וואָס איז געווען פון אַ פּריוואַטן כאַראַקטער.

דער קלוב פון אַלטע בחורים האָט געהאַט זיין יערלעכן באַנקעט. נח איז געווען ערן־פּרעזידענט פון דעם קלוב. איבער פּערציק, איז ער גע־ווען דער ייִנגסטער אַלטער בחור אין שטאָט. און די קרוין פון דעם קלוב.

די צוועקן פון דעם קלוב פון אַלטע בחורים זענען געווען צו שטאַרקן דעם בונד צווישן די אַלטע בחורים און זיי דערמוטיקן זיי זאָלן נישט חתונה האָבן.

זייענדיק דער הויפּט־רעדנער אויף פיל גרויסע צוזאַמענקונפטן, איז עס געווען נאַטירלעך, אַז אויף די יערלעכע סעודות פון דעם קלוב פאַר אַלטע בחורים, זאָל ער, דער ערן־פּרעזידענט זייערער, זיין דער הויפּט־רעדנער.

ביים עסן, איידער די רעדעס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן שוין די געסט, די אַלטע בחורים, אויסגעגאָסן גענוג צאָרן אויף דער אינסטי־טוציע פון חתונה. בייזע, שאַרפע וויצן, חוזקדיקע ווערטלעך האָבן זיי געוואָרפן אויף פאַרהייראַטע מענטשן.

דער ערן־פּרעזידענט האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער וויצן־סדרה. ער האָט נישט געהאַלטן פון נישט־חתונה האָבן. מיט יאָרן פריער האָט ער אַפילו געשריבן קעגן אַלטע בחורים. זיין נישט חתונה האָבן איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אומגליק צווישן זיין פאָטער־מוטער, און ער איז נישט געווען איינשטימיק מיט דער שטעלונג פון די קלוב־פירער.

ווי דער הויפּט־רעדנער איז ער געווען דער לעצטער. האָט ער געמוזט אויסהערן אַ רייע רעדנער, וואָס האָבן געהאָגלט מיט כעס און שפּאָט אויף דעם ענין חתונה.

ס'איז ענדלעך געקומען זיין ריי. דער פּאַרזיצער, וואָס איז געווען דער פּרעזידענט פון קלוב, האָט אין זיין פּאַרשטעל־רעדע צוגעגעבן זיין חלק. און דאָס האָט אים פּלוצים שטאַרק אויפגערעגט. די זאַך איז אייגנטלעך נישט געווען קיין נייעס פאַר אים. יאָר ביי יאָר האָט ער דאָס געהערט. נאָר קיינמאָל האָט עס אים נישט אויפגערעגט. דאָס מאָל האָט עס אויפגעזאָטן זיין בלוט.

זיין רעדע איז געווען אַ האַלב־וויציקע, אַ האַלב־ערנסטע. ער האָט געמאַכט חוזק פון אַלטע בחורים געשילדערט זייער אומבאַהאָלפנקייט, ווי זיי גייען אָנגעטון, אָפּגעלאָזן, אומריין. די זאָקן זייערע זענען צע־ריסן, טאַשנטיכלעך טראָגן זיי אומבאַזוימטע, און אַז זיי קומען אַהיים ביינאַכט, וואַרפן זיי זיך אין אָנטועכץ אין בעט אריין, קריכן אריין מיט די בלאָטיקע שטיוול אין בעטגעוואַנט; און אַז זיי שטייען אויף איז זיי זויער אין מויל און עס ברעכן זיי אַלע גלידער.

נאָך דעם, ווי ער האָט געמאָלן די מעלות פון פאַרהייראַטן לעבן, ווי דאָס ווייב גיט אַכטונג אויף דעם מאַנס באַקוועמלעכקייטן, האָט ער געענדיקט די רעדע גאַנץ ערנסט.

— די בחורים, וואָס קאָנען נישט קריגן קיין כלהס, איז פאַרפאַלן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער די, וואָס האָבן די קלענסטע געלעגנהייט, אַז אַ מיידל זאָל וועלן מיט זיי חתונה האָבן, דאַרפן נישט וואַרטן קיין מינוט, כאַפּן און שטעלן אַ חופּה.

ווען ער האָט געענדיקט, איז געווען שטיל אַ ווײַלע. קיין האַנט האָט זיך נישט געהויבן צו אַפּלאָדירן אים. דערשטוינטע זענען זיי גע־בליבן זיצן אין צעטומלטער פאַרגליווערונג.

ענדלעך איז געוואָרן אַ געמורמל. צום ערשטן שטיל, דערנאָך הע־כער און העכער. דער פּאַרזיצער האָט געקלאַפּט אין טיש אריין, און נישט אַזוי גרינג איז געוואָרן שטיל.

— איר האָט אַלע געזען, אַז איך האָב נישט געדריקט די האַנט דעם רעדנער נאָך זיין רעדע — האָט געזאָגט אַ בלאַסער, דער פּאַרזי־צער — היינט איז געשען אַן אומדערהערט פאַרברעכן. אונדזער ערן־פּרעזידענט האָט אונדז פאַראַטן. ער וויל פאַרניכטן אונדזער אָרגאַני־זאַציע. אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון די פאַלשע ווייבער. זיי האָבן אים געפאַנגען אין זייער נעץ.

מרדכי האָט געשמייכלט, געצויגן מיט די פּלייצעס — ס'הויבט זיך נישט אָן!

— מיט אַן אַנדערן ווייסט איר אַלע, און דער רעדנער אויך, וואָס

מיר וואָלטן געטון פאַר אַזאַ האַנדלונג. מען וואָלט אים אַרויסגעטראָגן פון דאַנען אין אַ לײַלעך. דער רעדנער איז אָבער מאַיאָר נח. מיר ווילן נישט זײַן גראָב מיט אים. מיר ווילן אים נאָר זאָגן גאַנץ אײדל, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טון מער. ער איז נישט מער אונדזער ערן־פּרעזידענט. ער געהערט נישט מער צו אונדזער חברה.

— נישט מער! נישט מער! — האָבן זיך געטראָגן געשרייען — זאָל ער גײן צו די ווײַבער!

מרדכי האָט פּרובירט שמײכלען. באַלד איז דער שמײכל אויסגערונען אים פון פּנים. ער איז אַפילו געוואָרן בלאַס. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און נישט אויפגעהערט צו שרײַען:

— נישט מער! זאָל ער גײן צו די ווײַבער!

ווען מרדכי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגײן, איז אויפגעשפּרונגען אײנער פון די עלטסטע מיטגלידער, אַן אַלטיטשקער, אַ געבויגענער, ער האָט זיך געטרײסלט און האָט אים נאָכגעשריגן מיט אַ קוויטשערל:

— אײער פּוס זאָל זיך מער נישט דערוועגן אַרויף אויף אונדזער שוועל!

ניו־יאָרק האָט געלאַכט פון דער געשיכטע מער ווי פון אַ טוץ קאָמעדיעס. די אַלטע בחורים זענען געווען פול מיט צאָרן און די שטאָט האָט זיך געקײַקלט פאַר געלעכטער.

— ווען האָט איר חתונה, מאַיאָר? — האָט מען געפרעגט מרדכין.

— איר האָט דען פאַר מיר אַ כלה? — האָט ער געפרעגט צוריק.

***

דעמאָלט איז געקומען דניאל דזשעקסאָן, דער דרוקער, צו מרדכין.

— מאַיאָר, — האָט ער גערעדט מיט אים נישט דרײסט — איך ווײס נישט, ווי מ'הויבט דאָס אָן אײַך צו זאָגן. ס'איז אַלץ איבער אײער געשיכטע אין קלוב. מײַן מײדל, איר ווײסט דאָך, מאַיאָר, שוין אַ צײַט, ווי איך וויל מיט איר טון אַ שידוך, האָט זי אָבער קײנמאָל נישט געוואָלט הערן. איר פאַרשטײט, מאַיאָר, זי איז שוין זעכצן יאָר. איר מוטער, מײַן ווײַב, אין אירע יאָרן איז שוין געווען אַ ווײַבל. און זי האָט נישט געוואָלט הערן פון קײן שידוך. נאָר איצט, הערט איר מאַיאָר, נאָך דער מעשה אין קלוב, איך האָב אַפילו געוואָלט שיקן צו אײַך אונדזער שמש, נאָר כ'האָב זיך מיישב געווען, מיר זענען דאָך גוטע פרײַנט, איך וויל אַלײן רעדן צו אײַך.

— אוודאי! זיכער! רעדט רעדט, ר' דניאל — האָט געזאָגט מרדכי

— וואָס דאַרפט איר דעם שמש? אויב איך וועל נאָר קאָנען עפּעס טון פאַר אייך, ווייסט איר, אַז איך בין גרייט.

שמייכלט דער דרוקער פאַרלוירן, שווייגט און שמייכלט און רופט זיך אָן:

— איך בין, חלילה, נישט געקומען בעטן קיין טובה. רבקה אסתר איז נישט קיין מיידל, וואָס כ'זאָל דאַרפן בעטן פאַר איר אַ טובה. זי איז דאָך אַ וווּנדערלעך קינד. זי איז דאָך שוין איינמאָל אַ פּאַרשוין! ס'איז דען דאָ איר גלייכן אין גאַנץ ניו־יאָרק?

דאָ האָט מרדכי פאַרשטאַנען, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ שידוך פאַר איר, און ער דאַרף זיך אַריינמישן.

איז דאָס געווען פאַר אים דאָס ערשטע מאָל מען זאָל בעטן זיין הילף אין אַ שידוך. האָט ער אים נישט געוואָלט אָפּזאָגן. ער האָט אים געוואָלט דערמוטיקן.

— איך קאָן גוט אייער טאָכטער, ר' דניאל, — איר פאַרשפּאַרט מיר זאָגן, געבענטשט וועט זיין דער מאַן, וואָס זי וועט ווערן זיין ווייב.

— אויב אַזוי, בין איך דאָך גערעכט געווען — האָט שטאַרקער גע־שמייכלט דזשעקסאָן, — האָב איך דאָך גוט געטון.

— מאַיאָר, — האָט ער געזאָגט און געקוקט צום פענצטער — זי וויל אייך, נאָר אייך.

מרדכי איז געוואָרן בלאַס. ער האָט נישט געקאָנט רעדן.

— יאָ, מאַיאָר, נאָך דעם ווי ס'איז אַרוים די געשיכטע מיטן קלוב, האָט זי געזאָגט צו דער מוטער, אַז מיט אייך וואָלט זי חתונה געהאַט, נאָר מיט אייך.

— מיט... מיר? — האָבן זיינע ליפּן געציטערט — זי האָט אַזוי געזאָגט? רבקה־אסתר?

— מאַיאָר, פאַר אונדז, פאַר מיר, פאַר מיין ווייב, וואָלט עס גע־ווען דער גרעסטער כבוד, און פאַר אונדזער קינד דאָס גרעסטע גליק. מיר האָט דאָס זיך נישט געחלומט, דאָס האָט זי אַליין, רבקה־אסתר.

— און איך האָב געמיינט, אַז איך קאָן קיין מיידל נישט געפעלן.

— האָט מרדכי שעמעוודיק, דאָס פּנים אין פלאַמען, געזאָגט, שפּעטער צום מיידל.

זי האָט זיך געווּויטלט, איז אָבער געווען אַזוי זיכער, רואיס אין איר האַלטונג. צו זעכצן האָט זי זיך געהאַלטן, ווי אַ מיידל פון טאָפּלט אירע יאָרן.

— איר זענט דער בעסטער, דער שענסטער, דער וווּנדערלעכסטער.

מאיאָר נח! — האָט זי געזאָגט, ציטערדיק זיך אין דער הויך, און מיט אַזוי פיל פרייד אין אירע בלויע אויגן, אַרויפגעקוקט צו אים.

מרדכי האָט זי גענומען אין טעאַטער, און אין גאַנץ ניו־יאָרק איז נישט געווען קיין גליקלעכער, קיין שטאָלצער מיידל.

אַז אַ מאַן אין זיינע יאָרן, און אפילו עלטער אויך, זאָל חתונה האָבן מיט אַ זעכצן־זיבעצן־יאָריק מיידל, איז נישט געווען קיין זעלטנ־קייט. דער חידוש אין דעם פאַל איז געווען, ווייל מרדכי נח איז געווען באַוווּסט פאַר אַן אַלטן בחור, וואָס וועט שוין נישט חתונה האָבן.

די מאָסן פריינט זיינע האָבן אים באַגריסט און נישט געפרעגט קיין פראַגעס. טאָמער האָבן אַ צוויי־דריי באַקאַנטע אים יאָ געפרעגט, ווי עס קומט ער זאָל חתונה האָבן, האָט ער געשמייכלט און געענט־פערט:

— אַז רבקה־אסתר דזשעקסאָן וויל מיך, האָב איך חתונה.

זיינע געוועזענע חברים פון „קלוב פון אַלטע בחורים" האָבן גע־ברענט אויף אים.

— איצט זעט מען, פאַרוואָס ער האָט געהאַלטן אַזאַ רעדע!

— דער גרויסער העלד, דער מאַיאָר, אונדזער ערן־פּרעזידענט, איז געפאַלן אַ קרבן פאַר אַ קליידל!

***

באַלד נאָך די תנאים האָט דער מחותן, אַן אויפגעלייגטער, גע־זאָגט צו מרדכין:

— מאַיאָר, מיר, די אשכנזישע יידן, ווייסט איר דאָך, ווילן שוין לאַנג האָבן אַן אייגענע שול. די ספרדישע מנהגים זענען אונדז פרעמד. העלפט אונדז, אשכנזים, בויען אַן אייגענע שול.

— איך וועל אייך העלפן, מחותן, — האָט געזאָגט מרדכי — נאָר מיט איין באַדינג, איר זאָלט מיך נישט רופן מאַיאָר. מרדכי איז דאָס בעסטע.

— אָ, ניין, דאָס נישט. — האָט זיך איינגעשפּאַרט דער מחותן — איר ווערט טאָקע מיין איידעם, צו מזל, אָבער נישט אויס מאַיאָר. דאָס וועט איר ביי מיר נישט אויספירן. נישט אַנדערש, נאָר מאַיאָר.

מרדכי האָט אונטערגעשריבן, אינאיינעם מיט דזשעקסאָנען און נאָך אשכנזים, אַ רוף צו די יידן פון ניו־יאָרק צו גרינדן אַ שול פאַר די אשכנזים.

און כאָטש מרדכי איז פאַרבליבן אין שארית ישראל שול, מיט

דער ספרדישער געמיינדע — האָט ער אָבער געהאָלפן די יידן פון דייטשלאַנד און פוילן צו האָבן אַן אייגענע שול.

ס'איז געגרינדעט געוואָרן די „בני ישורון" שול, און מרדכי האָט געהאַלטן רעדעס אין דער נייער שול ביי פאַרשידענע פייערלעכע גע־לעגנהייטן.

מרדכי־נח, רעכענענדיק זיך פאַר אַ ספרדי האָט פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן, אַז פון פאָטערס זייט איז ער אַן אשכנזי.

— מאיאַר, האָט געזאָגט דניאל דזשעקסאָן — איר קענט זיך גאָר־נישט פאָרשטעלן, ווי מיר האָבן אויפגעלעבט אין אונדזער שול. מיר זענען מער נישט צו גאַסט, נישט מער אין דער פרעמד. מיר דאַווענען, ווי מיר זענען געוווינט. מיר פירן זיך לויט אונדזערע מנהגים. ס'איז, זאָג איך אייך, אַ מחיה.

***

אויף דער חתונה איז געקומען די באָבע רבקה, די איין און אַכציק יאָריקע באָבע איז געקומען מיט דער שנעלסטער קאָטש פון פילאַ־דעלפיע. עס האָט אינגאַנצן געדויערט אַכט און אַ האַלבע שעה צו פאָרן.

— גאָטס וווּנדער! — האָט די באָבע רבקה זיך געחידושט — איך געדענק נאָך ווי ס'האָט געדויערט כמעט צוויי טעג צו פאָרן פון פילאַ־דעלפיע קיין ניו־יאָרק. איצט, בין איך אַרויסגעפאָרן זעקס אַזייגער אינ־דערפרי און האַלב דריי בין איך שוין דאָ.

— מרדכי'כען, מיין קינד — האָט די באָבע רבקה, די קליינע און דינע זקנה מיט איר איידל פנים. אַזוי הויך אַרויפגעקוקט צו איר איי־ניקל — דו דערפרייסט ס'האַרץ פון דיין אַלטער באָבע. איך בין ביי דיר אויף דער חתונה.

— אוי, יהודיתל, — האָט זי זיך אַ קער געטון צו מרדכים שוועס־טער — ווען דו זאָלסט נאָר וועלן! סאַלאָמאָנס זון וואַרט דאָך אויף דיר. ער וואַרט נאָך אַלץ.

אַ ווינט איז יהודיתן דורכגעלאָפן אונטער דער הויט. ס'האָט איר גענומען פרירן אונטער די נעגל. זי האָט געעפנט ס'מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, די ווערטער זענען איר אָבער נישט אַריבער די ליפּן.

די קלוגע באָבע האָט אַ קוק געטון אויף איר אייניקל, די אַלטע בוגרת, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַרפאַלן און זי האָט גע־קרעכצט זאָגנדיק:

— אוי, אַ שאָד, וואָס אהרן האָט דאָס נישט דערלעבט! ער וואָלט זיך אַזוי געפרייט.

— דער גוטער אהרן! — האָט מרדכי געזאָגט. אין די גרויסע אויגן זיינע האָבן אַ בלישטש געטון טרערן.

נאָך דער חופּה, ביי דעם מאָלצייט, האָט די באָבע רבקה אַרומ־גענומען די כלה און געטאַנצט מיט איר. די געסט האָבן צוגעקוקט מיט ליבן וווּנדער.

— די באָבע רבקה, זי זאָל לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר — האָט געזאָגט דער חתן צו דער כלה — זי טאַנצט ווי אַ יונג מיידל. ווייסט, רבקה־אסתר, זי איז איין און אַכציק.

— ביז הונדערט און צוואַנציק — האָט געזאָגט די כלה, אַ שיי־נענדיקע — און איך האָב אַ זיידע, אין לאָנדאָן, איז ער דריי און ניינציק.

***

צום יאָר און נישט קיין גאַנצן חודש האָט רבקה־אסתר נח געהאַט אַ יינגל. מרדכי האָט אים אַ נאָמען געגעבן עמנואל, נאָך זיין פאָטער, און גערופן האָט ער אים, ווי זיין מוטער פלעגט רופן זיין פאָטער און אים — מ ע נ י.

באַלד נאָכן ברית איז מרדכי געפאָרן קיין וואַשינגטאָן. דער ניי־דערווײלטער פּרעזידענט, ענדריו דזשעקסאָן, האָט אים אַרויסגערופן צו באַראָטן זיך מיט אים וועגן די פּלענער פאַר זיין באַטרעטן דעם אַמט.

מרדכי איז געווען גערעכט. דער פּרעזידענט דזשאָן קווינסי אַדאַמס האָט פאַרלוירן די וואַלן. דזשעקסאָן האָט געוווּנען און מרדכי נח איז געווען איינער פון זיינע געטרייסטע אָנהענגער. ער האָט געפירט פאַר אים אַ שטורמישן קאַמפּיין.

נאָך איידער דזשעקסאָן איז אַריין אין ווייסן הויז, האָט דער וויצע־פּרעזידענט, קעלהון, אָנגעהויבן צו גראָבן אונטער אים. האָט ער, צוזאַ־מען מיט נאָך שונאים פון דעם דערווײלטן פּרעזידענט, אויפגעהויבן אַ רכילות־קאַמפּאַניע קעגן דזשעקסאָנען אין פאַרבינדונג מיט אַ יונגער פרוי, פּעגי אָ׳נעיל, די טאָכטער פון אַ וואַשינגטאָנער קרעטשמער.

דזשעקסאָן האָט זיך געווענדט צו זיין פריינט, דעם ניו־יאָרקער יידישן רעדאַקטאָר. מרדכי האָט מיט אַ קלוגער מאַנעווּרע פאַרמאַכט די מיילער פון די רכילותניקעס.

— מאַרטין, האָט פּרעזידענט דזשעקסאָן דערנאָך געזאָגט צו זיין שטאַט־סעקרעטאַר ווען ביורען — ווען די יידן וואָלטן געהאַט אַ מדינה, וואָלט נח געווען זייער מלך.

דער פרעזידענט האָט באַשטימט מרדכין פאַר אויפזעער פון ניו־יאָרקער פּאָרט, אַלס לוין פאַר זיין הילף אין די וואַלן און ראַטעווען אים פון די געמיינע רכילות. ס'איז געווען אַ צו קליינער לוין פאַר מרדכים פאַרדינסטן. אים איז געקומען אַ פיל העכערער אַמט. אָבער דער דאָזיקער אַמט איז אים אויך אָנגעקומען צו שווער.

ווען דער סענאַט האָט געקראָגן די נח־באַשטימונג פון פּרעזידענט, האָט ער זי נישט געוואָלט ראַטיפיצירן. מיט 25 שטימען קעגן 23 האָבן זיי אָפּגעוואָרפן די באַשטימונג.

דזשעקסאָנס שונאים אין סענאַט האָבן געהאַלטן שאַרפע רעדעס קעגן דעם ייד. מיט פינצטערער שנאה האָבן זיי גערעדט וועגן דעם ייד, וואָס וויל אָן אַמט אין אַ קריסטלעך לאַנד.

דאָ האָט געשפּילט אַ טאָפּלטע שנאה — צום פּרעזידענט און צו זיין ייד.

דער פּרעזידענט האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט געקעמפט פאַר מרדכים באַשטימונג.

נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט דזשעקסאָן אַריבערגעוויגן נאָך איין סענאַטאָר. איז די אָפּשטימונג געווען אַ גלייכע — 24 קעגן 24, דער וויצע־פּרעזידענט קעלהון האָט דעמאָלט אָפּגעגעבן זיין שטימע פאַר מרדכין, און ער איז געוואָרן באַשטימט.

צו זיין פעטער, צום שווער, האָט מרדכי געזאָגט:

— איר זעט דעם קאַמף פאַר אַזאַ קליינעם נישטיקן אַמט, וואָס אַ ייד מוז האָבן? איך בין זיין עצה־געבער, ער שיקט מיך אַפּט אים אַרויסצונעמען פון צרות, און איר ווילט אַלץ נישט הערן פון אַ יידישער טעריטאָריע!

ביידע האָבן אים נישט געענטפערט, נאָר אַ רונצל געטון מיט די פּנימער און געקרעכצט.

מרדכי איז שוין געווען „חתן בראשית“, וואָס דאָס האָט אים געמאַכט פאַר גבאי אין שול. האָבן זיי דעמאָלט געקויפט אַ שטיק לאַנד אויף פערטע עוועניו, צווישן 71־טע און 72־טע גאַסן פאַר אַ בית־החיים. דאָס צווייטע בית־החיים אויף עלפטער גאַס האָט אָנגעהויבן ווערן ענג. איז דאָס נייע געווען שוין דאָס דריטע.

—נענטער דאַרף מען נישט — האָט געזאָגט מרדכי — די שטאָט וואַקסט גיך, צוקונדיקערהייט שפּרייט זי זיך אויס.

— ניין! — האָט געליאַרעמט די מערהייט פון געמיינדע — ס'איז

צו־וויט פון שטאָט! הערט נאָר! אויף דער 72־טער גאַס! ס'איז שוין באַלד הינטער די הרי־חושך.

— וואָס מיינען זיי זיך, די גבאים? אויף קבר אבות זאָל מען מוזן גיין אין עק וועלט?!

די גבאים האָבן נאָכגעגעבן. דאָס פּלאַץ אויף 71—72־טע גאַסן האָט די געמיינדע אויפגעגעבן. אנשטאָט דעם האָבן זיי געקויפט אַ שטיקל לאַנד פאַר אַ בית־החיים אויף דער 21־סטער גאַס נעבן זעקסטער עוועניו.

איין טאָג האָט זיך אַ שטעל געטון פאַר מרדכין אַ הויכער מאַן, פון אַ יאָר דרייסיק, אַ דאַרער, מיט אַ שוואַכער ראיה.

— הער רעדאַקטאָר, איך האָב נאָר וואָס אריינגעגעבן אַן אַנאָנס — האָט ער דערציילט — איך בין אַ לערער פון בוכהאַלטעריע. איך בין אָבער אויך אַ שרייבער. איך קאָן שרייבן. וואָלט איר געקאָנט גע־ברויכן מיינע אַרטיקלען?

מרדכי האָט אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— אַרטיקלען? גוטע אַרטיקלען זענען אַלעמאָל אַ סחורה. ווי הייסט איר?

— בענעט, דזשעימס גאָרדאָן בענעט. איך בין אַ שאָטלענדער. איך קאָן אייך ווייזן אַן אַרטיקל.

מרדכי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— איר טויגט, הער בענעט, — האָט געזאָגט מרדכי, — איר'ט שוין נישט ווערן פאַרפאַלן. איר זענט פּראַקטיש. איר פאַרדינט פון בוכ־האַלטעריע און פון שרייבן. הער בענעט! — האָט ער אויסגערופן, — איר זענט אַ גוטער זשורנאַליסט!

בענעט האָט אָפט געדרוקט אַרטיקלען ביי נחן. אין גיכן האָט אים מרדכי געשיקט קיין וואַשינגטאָן.

— דזשימי, שרייבט קאָרעספּאָנדענצן פון דער הויפּטשטאָט, — האָט ער אים געזאָגט, — איר וועט זיין אַ סענסאַציע.

בענעט איז געוואָרן צוגעבונדן צו נחן. ער האָט אויפגעגעבן זיין שולע און שוין געלעבט פון שרייבן. מרדכי האָט אים שוין געמאַכט פאַר זיין געהילף־רעדאַקטאָר.

— מאַיאָר, — האָט ער איינמאָל געזאָגט מרדכין און אים געוויזן אַ בריוו, — מען וויל מיך פאַר רעדאַקטאָר אין פילאַדעלפיע.

— זאָל אייך זיין מיט הצלחה, דזשימי! — האָט ער אים אויסגע־שטרעקט די האַנט, — איך וואָלט אייך נישט געוואָלט אָוועקלאָזן, נאָר

ווי קאָן איך אייך שטערן צו שטייגן? ווען איך וואָלט אייך דאָ געקאַנט מאַכן פאַר רעדאַקטאָר, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש.

בענעט האָט קוים געשמייכלט.

***

מרדכי נח איז שוין געווען אַ פֿאָטער פון עטלעכע קינדער. ער איז נישט געווען רייך. דאגות האָבן אים נישט געפעלט. זיין יונג ווייב האָט ער אָבער אָפּגעהיט ווי אַ בת־מלכה. זיין שוועסטער, יהודית, וואָס איז שוין געווען איבער די פערציק, האָט איר צוגעהאָלפן אין הויז. האָט ער נאָך געהאַלטן אַ מיידל פאַר די קינדער און אַ שוואַרצן דינער אין הויז.

פאַר פאַרדראָס, וואָס ער ווערט געקריוודעט, האָט ער זיך צעריסן מיט דעם פּרעזידענט, מיט וואַן בורענען, דעם ניו־יאָרקער טעמעני־פּי־רער, וואָס איז שוין געווען וויצע־פּרעזידענט. זיינע קאָנקורענטן אין דער צייטונגס־וועלט האָבן געפירט שאַרפע קאַמפן קעגן אים. זיין לעבן איז נישט געווען גרינג. ער האָט פאַרלוירן צייטונגען און געשאַפן נייע, נאָר זיין פרוי האָט קוים געהאַט אַן אַנונג פון זיינע זאָרגן. די שוועל פון זיין הויז איז ער אַריבער מיט אַ שמייכל.

די שארית־ישראל־געמיינדע האָט פאַרקויפט די שול אויף מיל־גאַס און זיך געשטעלט בויען אַ נייע אויף קראָסבי־גאַס, צווישן ספּרינג און ברום־גאַסן.

מרדכי נח איז געווען, ווי עס איז שוין געווען אַ טראַדיציע, דער הויפּט־רעדנער אויף דעם חנוכת־הבית און די פייערונג האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז אַלע צייטונגען, אויך אויסער ניו־יאָרק, האָבן זי באַשריבן אין לאַנגע אַרטיקלען.

אַרום יענער צייט איז בענעט צוריקגעקומען פון פילאַדעלפיע.

ס׳ערשטע איז ער אַוועק צו זיין אַלטן באַלעבאָס און פריינט.

— איך זוך אַרבעט, מאַיאָר.

— דזשימי, — האָט זיך מרדכי אָנגערופן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, — איך האָב פאַר אייך אַ פּלאַן. איך מיין אַרבעט. נישט ביי מיר. איך האָב איצט נישט קיין אַרבעט פאַר אייך. אפשר איז עס פאַר אייער גליק. איך וואָלט אייך געוואָלט געבן אַרבעט, נאָר כ׳האָב נישט. איז מיין עצה, דזשימי, איר זאָלט עפענען אַ צייטונג. איר וועט האָבן דערפאָלג.

בענעט האָט קוים געשמייכלט.

— עס דערמאָנט מיך, — האָט ער געזאָגט, — אַז עמיצער בעט אַ שטיקל ברויט, הייסט מען אים עסן לעקעך. איך ברויך אַ שטעלע;

הייסט איר מיך מאַכן אַ צייטונג. איר שפּאַסט? ווו האָב איך געלט?

— דזשימי, וואָס טוט זיך מיט אייך? — האָט זיך מרדכי געבייזערט, — וואָס הייסט, איך שפּאַס? נישט לעקעך הײס איך אייך קריגן, נאָר ברויט. ברויט און לעקעך אויך. קוקט נישט אַזוי, דזשימי. איך הייס אייך מאַכן אַ צייטונג. איך וועל אייך געבן געלט. איך וועל אייך געבן אַ הונדערטער. אויף וואָל־סטריט איז דאָ אַ ליידיקער קעלער. לויפט אַריבער, דינגט אים. פאָלגט מיך, דזשימי. וועגן געלט זאָרגט נישט. ווען איר וועט זיין ברייט אין געלט, וועט איר מיר אָפּגעבן.

דער שאָטלענדער האָט געהערט, געקוקט און נישט געגלויבט זיינע אויגן. ווען מרדכי האָט אים געגעבן די הונדערט דאָלער, האָט בענעט, דער שאָטלענדער, אַזוי פאַרקנייטשט די קורצזיכטיקע אויגן, אַז מער ווי שמאָלע גרויע פעדים האָט מען נישט אַרויסגעזען פון זייערע שפּאַלטן.

— מאַיאָר! — האָט ער געמורמלט — ס'איז אומגלויבלעך. איר זענט אַ וווּנדערלעכער מענטש.

— אָ, ס'איז אַ קלייניקייט. רעדט מער נישט וועגן דעם. — האָט אים מרדכי געזאָגט.

נאָר ווען בענעט האָט, אַ באַגייסטערטער, גאָרנישט ווי אויף זיין שטייגער, ווייטער געגלויבט און זיך געשווירן, אַז ער וועט אים דאַנקבאַר זיין, האָט זיך מרדכי האַלב־ערנסט אָנגערופן:

— דזשימי, איר דאַרפט מיר נישט זיין אַזוי דאַנקבאַר; נאָר אַז אייך וועט אַמאָל אויסקומען צו זידלען מיך, זאָלט איר עס טון מיט אַ מאָס.

— מאַיאָר! מאַיאָר! איך... אייך... זידלען?! — האָט דער אַלע מאָל געלאַסענער בענעט היציק פּראָטעסטירט — אייך? אייך? אייך? אייך? אַזוי לאַנג ווי כ'וועל לעבן, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין. איר זענט דאָך דער איינציקער בריליאַנט אין גאַנץ ניו־יאָרק!

— נו, גענוג שוין, דזשימי, גענוג.

***

אַ יאָר זעקס־זיבן איז דער „ווינקלשטיין פון דער יידישער שטאָט אררט" געשטאַנען אויפן הויף פון דער קירך, אָנגעשפּאַרט אויף דער הינטערשטער וואַנט. ער איז געשטאַנען אין וואַסער, געוווּן פאַרדעקט מיט שניי. געשמיסן געוואָרן פון שאַרפע ווינטן און רעגנס, און די זון האָט אים געבאַקן.

אזוי איז ער געשטאַנען פאַרלאָזן און פאַרגעסן.

מרדכי האָט זיך ענדלעך דערמאָנט אָן אים אין אַ שמועס מיט זיינס אַ פּאָליטישן פריינט פון באַפאַלאָ.

זיי האָבן זיך געטראָפן אויף אַ פּאַרטיי־באַראַטונג און דער באַפּאַ־לער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער סעינט־פּאַלס קירכע.

איז מרדכין דאָס בלוט אריין אין פּנים און ער האָט אים אַ פרעג־געטון.

— ווייסט איר אפשר, וואָס עס איז געוואָרן פון דעם ווינקל־שטיין?

— ער שטייט אויפן הויף, אָנגעלענט אויף דער הינטערשטער וואַנט. זונטיק האָב איך אים ערשט געזען.

— ווי זעט ער אויס? איז ער נאָך גאַנץ? די אויפשריפט קען מען נאָך איבערלייענען?

— גאַנץ? — יאָ, נאָר אַלט; מיט גרינעם מאָך אויפן קאָפּ, אויף די זייטן. און וואָס ס'קער זיך אָן צו דער אויפשריפט, איז זי נאָך גוט קלאָר.

די רויטקייט איז מרדכין אריינגעלאָפן אין פּנים, און ער האָט גע־זאָגט צום פריינט:

— קוירנעל פּאָרטער, איך וויל אייך עפּעס בעטן. איך וועל באַ־צאָלן אַלע קאָסטן און וועל אייך זייןווירקלעך דאַנקבאַר... נעמט־צו דעם ווינקלשטיין פון הויף. שטעלט אים אוועק ביי אייך, ביז מען וועט פאַר אים געפינען אַ פּאַסנדיק אָרט.

— איך וועל עס טון מיט גרויס פאַרגעניגן, — מאַיאָר, — האָט דער באַפאַלער קריסט זיך אָנגעכאַפּט — איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר פאַר דעם כבוד, וואָס איר טוט מיר אָן. איך וועל אים אוועקשטעלן אין מיין גאָרטן.

דעמאָלט האָט אַ גרופּע האָלצהענדלער פון באָסטאָן געוואָרפן אָן אויג אויף דעם וואַלד מיט ווייסע דעמבעס אויף גרענד איילענד. דאַמף־שיפן זענען שוין געווען אַ טעגלעכע זאַך. מען האָט שוין געבויט אייזנ־באַנען. זענען די מעכטיקע דעמבעס געווען פאַר זיי אַ גרויסער אוצר.

מיט אַלע לאַנד־אייגנטימער אויף גרענד איילענד איז זי אָנגעקו־מען גרינג אָפּצוקויפן פון זיי די טיילן זייערע. מיט סעמועל לעגעט, דעם פרומען קריסט, האָבן זיי שוין געהאַט אַ שווערע אַרבעט.

ער האָט געקויפט די דריטהאַלבן טויזנט אַקער לאַנד אויף דעם אינדזל אויף נחת בקשה. ער האָט געוואָלט העלפן בויען אַ יידישע טעריטאָריע. האָט ער נישט געוואָלט הערן פון פאַרקויפן, ווען ס'איז געקומען צו אים אַן אַגענט פון די באָסטאָנער האַלץ־הענדלער און שיף־בויער.

זיי האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און ער איז געבליבן איינגעשפּאַרט.

— דאָס לאַנד האָב איך געקויפט פאַר אַ טעריטאָריע פאַר יידן — האָט ער געזאָגט צו די אַגענטן — מאַיאָר נח האָט מיך געבעטן. איך וועל עס האַלטן פאַר דעם צוועק, פאַר וועלכן איך האָב עס געקויפט.

די אַגענטן זענען אַוועק צו מרדכין. ער מוז ראָטן לעגעטן צו פאַר־קויפן.

— מאַיאָר, אויב איר מאַכט נישט די שטאָט, פאַרוואָס לאָזט איר לעגעטן האַלטן זיין געלט אויף אַ פּוסטן אינדזל? — האָט געטענהט איין אַגענט.

— מאַיאָר, — האָט געזאָגט אַ צווייטער אַגענט — אויב לעגעט וועט פאַרקויפן זיין לאַנד, וועט עס זיין בעסער פאַר אייער פּלאַן. מיר וועלן אויסהאַקן די וועלדער, וועט זיין גרינגער פאַר אייך צו בויען די יידישע שטאָט.

מרדכי האָט שוין געזען אַז די יידישע טעריטאָריע וועט נישט זיין אויף גרענד איילאַנד. ער איז שוין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלס לאַנד פאַר יידן איז נאָר דאָ איין איינציק אָרט, וואָס האָט אַ צו־ציאונג־קראַפט פאַר יידן, און דאָס איז ארץ־ישראל. פון אַנדערע טערי־טאָריעס ווילן יידן נישט הערן.

איז ער אַוועק צו לעגעטן און אים געראָטן צו פאַרקויפן.

— איך האָב עס דאָך געקויפט אויף אַ הייליקן צוועק — האָט לע־געט געזאָגט — מאַיאָר, האָט איר עס אויפגעגעבן?

מרדכי האָט פאַרשטיקט אַ קרעכץ. דאָס פּנים איז אים געוואָרן בערינצלט און ער האָט געזאָגט אַן אומעטיקער:

— סעם, איך האָב נישט אויפגעגעבן. דאָס פאָלק וויל נישט.

— ווי ס'איז געשריבן אין די הייליקע שריפטן — האָט געשאָקלט דער פרומער קריסט מיטן קאָפּ — „דען עס איז אַ האַרטנעקיק פאָלק".

לעגעט האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט פאַרקויפט זיין לאַנד. אַרבעטער זענען געקומען מיט העק און זעגן. זיי האָבן אויפגעשטעלט ביידלעך צום וווינען. אַ טאַרטאַק האָבן זיי אויפגעבויט און געשניטן

די אויסגעהאַקטעביימער אויף קלעצער, אויף ברעטער. לעבן דעם זענען אויפגעקומען אַ פּאָר קראָמען. אַביסל הייזער זענען געוואָרן אויסגעבויט. עס איז געוואָרן אַ שטיקל ישוב אויף גרענד איילענד.

אַ באַפאַלער האָלצהענדלער, אַ שותּף פון די באָסטאָנער, האָט דערזען דעם ווינקלשטיין אין דעם קאָלאָנעלס גאָרטן, האָט ער שוין נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ער איז אַריין צו אים און געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן דעם ווינקלשטיין.

— דאָס איז אַ שטיין, נישט קיין דעמבע — האָט געזאָגט מיט פאַרדרוס דער קאָלאָנעל. — עס איז אַ היסטאָרישער שטיין. עס איז באַפאַלער היסטאָריע, וויל איך אויף אַ שיינעם אויפן אָוועקשטעלן דעם ווינקלשטיין אויף זיין ריכטיקן אָרט, אויף גרענד איילענד.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און אַ שטרענגן אָפּמאַך האָט דער קאָלאָנעל דערלויבט צו רירן דעם שטיין.

דער האָלצהענדלער האָט געלאָזט אויפבויען אַ געביידע אויף דעם נייעם קליינעם ישוב אויף גרענד איילענד פאַר דעם ווינקלשטיין. די געביידע, אַ ציגעלנע, פערצן פוס הויך און זעקס קוואַדראַט, מיט אַ שיינעם דאַך און מיטן פּנים צום טייך. דער ווינקלשטיין, איינגעמויערט אין דער פראָנט וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט צום טייך.

אויפגעריכט געוואָרן איז דער שטיין. מחנות, מחנות מענטשן זענען געקומען אים זען. צווישן באַפאַלאָ און די ניאַגאַראַ וואַסער־פאַלן איז אין זומער געגאַנגען אַ דאַמף־שיפל און געפירט פּאַסאַזשירן צו און פון די וואַסער־פאַלן. זענען זיי פאַרבייגעפאָרן פאַר דעם אינדזל, און אַז זיי האָבן דערזען דעם שיינעם בנין מיט דעם שטיין, אַראָפּקוקנדיק אויף זיי, האָבן זיי געפרעגט וואָס דאָס איז.

דער ווינקלשטיין פון דער יידישער שטאָט אררט — האָט דער קאַפּיטאַן זיי געענטפערט.

איז זיי באַפאַלן אַ חשק צו זען דעם ווינקלשטיין און דאָס אָרט וווּ עס האָט געדאַרפט זיין די יידישע שטאָט אררט, זיי האָבן עס געבעטן דעם קאַפּיטאַן ער זאָל אָפּשטעלן די שיף און זיי לאָזן אַרויפגיין.

דער קאַפּיטאַן האָט זיי דאָס צוליב געטון. פון דעמאָלט אָן פלעגן אַלע פאַרבייפאָרער אַראָפּגיין פון שיפל און אַרויפגיין צום ווינקלשטיין.

***

בענעט, דער שאַטלענדער, האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צייטונג „העראַלד". עס איז אים אָוועק גוט.

— יעדער איינער וואָלט געוואָרן רייך ביי די געשעפטן, וואָס עס מאַכט דער „העראַלד" — האָט מען שוין געהערט אין שטאָט — דער קאַרגער בענעט ווערט נאָך רייכער.

צי פאַר קאַרגשאַפט אָדער ווייל ער איז געווען אַריינגעטון אין שטייגנדיקן דערפאָלג — דזשיימס גאָרדאָן בענעט האָט נישט אָפּגע־בראַכט דעם חוב מרדכין.

ער האָט אויך נישט דערפילט מרדכים בקשה, אַז ווען ער וועט אים אַמאָל זידלען, זאָל ער עס טון מיט אַ מאָס.

איבער קאָנקורענץ איז ער באַפאַלן דעם בעסטן רעדאַקטאָר, מרדכי נחן. ער האָט אים געזידלט ווילד און אָן אַ מאָס.

מרדכי האָט געלאַכט.

— בענעט איז דער איינציקער וואָס זיין זידלען אַרט מיך נישט — האָט ער געזאָגט צו די פריינט, וואָס האָבן זיך געקאָכט איבער בע־נעטס אַטאַקעס, — איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים געהאָלפן האָבן דעם „העראַלד", אַרט מיך נישט וואָס ער רעדט.

**
*

אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח האָט צונויפגערופן אַ גרופּע עלטערע פרויען — באָבעס, מאַמעס און פאַרזעסענע מוידן — און געזאָגט צו זיי, אַז עפּעס מוז געטון ווערן צו שמדן יידן.

— די צאָל פון יידן ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג — האָט ער זיי געזאָגט. — מיר האָבן שוין אין ניו־יאָרק אפשר פופצן טויזנט יידן. זיי פאַרשוועכן דעם קריסטלעכן גייסט. מוזן מיר פאַרמיידן די יידישע פאַרמערונג. מיר דאַרפן זיי באַקערן צום ריכטיקן גלויבן. מיר מוזן זיי שמדן.

אין שרעק פאַר דער פאַרמערונג פון די יידן האָבן די אַלטע ווייבער געמורמלט דעם נאָמען פון זייער דערלייזער און געבעטן זיין הילף.

— מיר וועלן אַלץ טון, רעווערענד, וואָס איר וועט אונדז הייסן.

האָבן זיי געגרינדעט אַ מיסיאָנערן געזעלשאַפט צו שמדן יידן. די געזעלשאַפט — האָבן זיי באַשלאָסן — זאָל עפענען אָפּטיילונגען אין די שטעט איבערן לאַנד.

אָנגעהויבן האָבן זיי די אַרבעט שטילערהייט. די פאַרזעסענע מוידן האָבן אין זייער איינגעדאַרט לעבן דערפילט ווי זייערע אָדערן גיסן זיך אָן מיט פרישן זאַפט.

שמדן יידן.

די גרינדער האָבן צעשיקט בריוו אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך און גערופן פרומע ווייבער צו גרינדן אָפּטיילונגען פון דער מיסיאָנערן געזעלשאַפט.

איין בריוו איז אָנגעקומען קיין טראָי און עס האָט שוין דאָרטן געזאָלט זיך שאַפן אַן אָפּטיילונג.

האָט זיך געפונען אין דער קירכע אַ געלערנטע, איידעלע פרוי און זי האָט זיך געוווּנדערט וואָס מענטשן ווילן שמדן יידן.

— די יידן האָבן דאָך אונדז געגעבן גאָט — האָט זי געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג — ווי וועלן מיר זיי אָוועקנעמען פון זייער גלויבן?

האָבן זיך געפונען נאָך אַ פּאָר פרויען וואָס האָבן געהאַלטן מיט יידן. זיי האָבן געזאָגט:

— געצנדינער דאַרף מען אָוועקנעמען פון די געצן. אָבער וואָס וויל מען האָבן פון די יידן?

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך צעטיילט. אַ טייל איז געווען פאַר, אַ טייל קעגן.

— ווייסט איר גאָר וואָס — האָט געראָטן די געלערנטע, איידעלע פרוי, — לאָמיר זיך ווענדן צום „ריכטער פון די יידן", מאַיאָר נח פון ניו־יאָרק, וועט ער אונדז זאָגן צי מען באַדאַרף שמדן די יידן אָדער נישט.

זיי האָבן אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו מרדכין, זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים, אויב ער וועט זאָגן, אַז די יידן זענען רעכטגלויביקע וועלן זיי נישט האָבן צו טון מיט די מיסיאָנערן.

מרדכי האָט זיי געענטפערט. ער האָט זיי דערציילט וואָס יידן זענען. ער האָט זיי געגעבן אַן איבערבליק איבער דער יידישער געשיכטע, געמאָלן פאַר זיי די לויטערקייט פון יידישן גלויבן און ער האָט געענדיקט זיין בריוו מיט אַ וואָרנונג:

אַ געזעלשאַפט צו שמדן יידן וועט זיין אַ דורכפאַל. די ביישטייערער וועלן אַרויסוואַרפן זייער געלט. יידן וועלן לאַכן אין די הויפנס פון די מיסיאָנערן. עס וועט זיך אויסלאָזן, אַז די יידן וועלן גיכער מגייר זיין די מיסיאָנערן, וואָס וועלן קומען זיי שמדן.

נאָר ווען ער איז געקומען אין שול אַריין האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף טאַקע אויסלאַכן די מיסיאָנערן. אָבער גאָרנישט טון קעגן זיי וועט אויך נישט טויגן. מיר דאַרפן געבן אַ בעסערע יידישע

דערציאונג אונדזערע קינדער, די מיסיאָנערן זאָלן נישט האָבן אויף זיי קיין שליטה.

טראַכטנדיק אַביסל האָט ער צוגעגעבן:

— איך מיין, אַז מען וועט מעגן אָנהויבן צו קלערן פון מאַכן יידי־שע שולעס, ווי יידן האָבן אַמאָל געמאַכט אין שפּאַניע ביי די אַראַבער. דאָס, וואָס אונדזערע קינדער לערנען אין קריסטלעכע שולעס, איז נישט קיין געזונטע זאַך.

*****

„...די באַווייזן, אַז די אינדיאַנער פון אַמעריקע שטאַמען פון די פאַרלוירענע שבטים פון ישראל" — אויף דער טעמע וועט אין קלינ־טאָן האַלטן אַ רעפעראַט דער גרעסטער רעדאַקטאָר און שטאַטס־מאַן, דער מאַיאָר מרדכי נח, האָט באַקאַנט געמאַכט די „מוירקענטייל לייברערי אַסאָסיאיישאָן".

אַלעמאָל איז געקומען אַ גרויסער עולם צו הערן מרדכים רעדעס. דאָס מאָל איז קלינטאָן האַל געווען געפּאַקט. די טעמע איז געווען אַזוי סענסאַציאָנעל. מען האָט נאָך פריער גערעדט וועגן דעם אין שטאָט.

— דער מאַיאָר זאָגט, אַז די אינדיאַנער זענען יידן.

— די משפחה זיינע האָט זיך פאַרגרעסערט.

ביי די קריסטן איז דאָס געווען אַ סענסאַציע. יידן האָט דאָס אויפ־גערודערט.

— וואָס איז עס אויף אים אַזאַ גדולה, אַז די אינדיאַנער זענען יידן? — האָט מען גערעדט צווישן יידן — עס פעלט אים יידישער יחוס, וואָס ער זוכט אים ביי די אינדיאַנער?

מרדכי האָט אין זיין רעפעראַט דערמאָנט די אַלע יידן און נישט־יידן, וואָס זאָגן, אַז די אינדיאַנער שטאַמען פון די פאַרלוירענע צען שבטים. פּלוצים האָט ער אויפגעהערט צו רעדן וועגן די אינדיאַנער. ער האָט אָנגעהויבן הויך צו זאָגן אַ פּסוק פון ישעיה, ער האָט אים גע־זאָגט אין לשון פון נביא:

„והיה ביום ההוא יוסיף ד' שנית ידו לקנות את שאר עמו אשר ישאר מאשור וממצרים ומפתרום ומכוש ומעילם ומשנער ומחמת ומאיי הים" — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט גאָט ווידער אויס־שטרעקן זיין האַנט, אַ צווייט מאָל, אויסצוקויפן דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק, וואָס וועט בלייבן פון אשור, און פון מצרים, און פון פתרוס,

און פון כוש, און פון עילם, און פון שנער, און פון חמת, און פון די אינדזלען פון ים.

„מעגלעך, אַז די גאולה איז אַזוי נאָענט, אַז עס איז נויטיק איינצושליסן אויך אַ טייל פון דעם אינטערעסאַנטן פאָלק, — האָט ער געזאָגט, מיינענדיק די אינדיאַנער. אונדזערע געלערנטע רבנים האָבן אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אַ זינד צו וועלן געפינען דעם קץ. זיי גלויבן, אַז ווען דאָס פאָלק וועט טון תשובה און די זינד וועלן אים ווערן פאַרגעבן, וועט קומען דער נס פון דער גאולה. איך גלויב נישט צופיל אין נסים. די השגחה באַשטימט די געשעענישן, אָבער די מענטשן מוזן זיי דורכפירן... דאָס יידישע פאָלק מוז איצט טון עפּעס פאַר זיך אַליין. זיי מוזן נעמען גיין צו דער דערגרייכונג פון דער גרויסער געשעעניש, וואָס איז שוין פון לאַנג פאַראויסגעזאָגט, שוין פון לאַנג צוגעזאָגט — און אַזוי לאַנג דערוואַרט; און ווען זיי וועלן אָנהויבן זיך רירן וועט די מעכטיקע קראַפט, וואָס האָט באַשיצט די יידן פון די אַלע גזירות און פאַרפאָלגונגען אין די טויזנטער יאָרן, זיי ווייטער באַשיצן מיט איר אומבאַזיגבאַרער פאַן.

„איך גלויב, אַז סיריע (ארץ־ישראל) וועט ווערן אומגעקערט צו דעם יידישן פאָלק דורך אָפּקויפן. די השגחה האָט באַשטימט פאַראויס, אַז די יידן זאָלן האָבן די מיטלען, אין דער ריכטיקער צייט, ווידער צו פאַרנעמען זייער לאַנד מיט דעם כח פון דעם בייטל אנשטאט מיט דער שווערד.

„מיר לעבן אין אַ מערקווירדיקער צייט און פּאָליטישע געשעענישן ברענגען אויסערגעוויינלעכע ענדערונגען צווישן די פעלקער אויף דער ערד.

„רוסלאַנד מיט איר גיגאַנטישער מאַכט דריקט שטאַרקער דעם טערק... רוסלאַנד צוזאַמען מיט טערקיי, פּערסיע, עגיפּטן זענען אַ געפאַר פאַר די בריטישע אינטערעסן אין אינדיע. אַ מאַכט, וואָס זאָל באַלאַנסירן צווישן די צוויי כוחות איז נויטיק, זי וועט אָפּשטעלן דעם דאָרשט פאַר נייע דעראָבערונגען און פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון רוסלאַנד, טערקיי און פּערסיע... דאָס קען געטון ווערן דורך אומקערן ארץ־ישראל צו אירע באַרעכטיקטע באַלעבאַטים, נישט דורך בלוט פאַרגיסונג, נאָר, ווי איך האָב געזאָגט, דורך אָפּקויפן די טעריטאָריע פון דעם עגיפּטישן פּאַשאַ פאַר אַ סומע צופרידנשטעלנדיק פאַר אים, ער זאָל זי צוריקווייזן איצט, ווען זיין קאַסע איז ליידיק. צוועלף־דרייצן מיליאָן דאָ־

לער איז די סומע, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אַלס פּרייז פאַר דער מעריטאָריע. די סומע איז אַ קלייניקייט פאַר די יידן אויף צוריקצוקריגן אויף אַ פרידלעכן אופן דאָס לאַנד, וואָס שטייט ביי יידן העכער פון יעדן פּרייז. אונטער דער שוץ און מיט דער קאָאָפּעראַציע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איז דאָס ווידער־פאַרנעמען ארץ־ישראל אין אירע אַלטע גרענעצן תיכף ומיד דורך די יידן געדעכט און פּראַקטיש...

די, וואָס וועלן קומען פון אַרום דונאַי און דניעסטער פון אוקראַי־נע, וואַלאַכיע און מאָלדאַווע וועלן אויפלעבן די אַמאָליקע פרוכטבאַר־קייט פון דער ערד פון ארץ ישראל. פון דייטשלאַנד און האָלאַנד וועלן קומען פאַבריקאַנטן, און אַן אַרמיי פון דערפאַרענע און בראַווע וועלן קומען פון פראַנקרייך און איטאַליע. גייסטרייכקייט, אינטעליגענץ, אַק־טיוויטעט, ענערגיע און אונטערנעמערישקייט פון אַלע טיילן וועלט, אונטער אַ גערעכטער, טאָלעראַנטער און ליבעראַלער רעגירונג, וועלן שאַפן אַן אומשעצבאַרע וואַנט קעגן די אַנגרייפער און אַ פעסטונג פאַר די אינטערעסן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אויך פאַר דער שטייגנ־דיקער פרייהייט פון גריכנלאַנד.

„צעפראַלט ווידער אַמאָל יהודהס פאָן אויפן באַרג ציון!... באַ־זיצנדיק צוריק זייער אַלטע ירושה מיט דער צושטימונג פון זייערע קריסטלעכע ברידער און זייער מיטהילף, — גרינדנדיק אַ רעגירונג פון פרידן און גוטן ווילן, וועט מען קענען דעמאָלט זאָגן: זע! דאָס אויסדערוויילטע און באַליבטע פאָלק פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, וועל־כעס, אין קאַמף פאַר זיין אייניציקייט און אַלמעכטיקייט, איז געווען טויזנטער יאָרן דאָס פאַרשטויסענע צווישן די פעלקער, פאַרמשפּט און געפּייניקט, און וואָס האָט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן איבערגע־טראָגן די שווערסטע יסורים, אין דער האָפענונג אויף דער גרויסער געשעעניש פון וועלכער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט מייאש געווען. און דעמאָלט, ווען זיי וועלן ווידער אַמאָל פאַרנעמען זייער אָרט צווישן די פעלקער אויף דער ערד, מיט דער ברכה פון דער מענטשהייט, מיט טאָ־לעראַנץ, ערלעכקייט, צדקה, גערעכטיקייט און פרייהייט, וועט מען ווייי־טער קאָנען זאָגן וועגן זיי, וואָס מען האָט אַמאָל געזאָגט: געבענטשט זענען די, וואָס בענטשן יידן".

די מערסטע צוהערער האָבן אים שטאַרק אַפּלאַדירט. אַ סך פון די קריסטן האָבן אים געזאָגט, אַז זיי וועלן העלפן, זאָל ער זיי רופן.

— ס'איז שוין צייט, אַז די ווערטער פון די הייליקע שריפטן זאָלן ווערן פאַרווירקלעכט.

נאָר צווישן יידן האָבן זיך געפונען אומצופרידענע. דער עיקר צווישן די רייכע. זיי האָבן געזאָגט:

— וואָס לאָזט ער נישט אָפּ? ער לאָזט נישט די גויים פאַרגעסן אין אונדז. אַמאָל איז עס געווען אַ טעריטאָריע דאָ, איצט וויל ער ארץ־ישראל.

אָבער אין אים האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען די בענקשאַפט צו דער גאולה.

***

ס ע ל ע ס ט, די באַרימטע פאַריזער טענצערן, איז געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ טורנע. אַ באַרימטע שיינקייט און אַ וווּנדערלעכע טענצערן, איז ניו־יאָרק זי געלאָפן זען. דאָס פּאַרק־טעאַטער איז אַלע־מאָל געווען געפּאַקט.

דער באַרימטער דראַמאַטורג מרדכי נח, וואָס האָט שוין אַ יאָר פופצן נישט געשריבן קיין וואָרט פאַר דער סצענע, איז פונדעסטוועגן געווען פון די ערשטע זי צו זען, און ער האָט געשריבן וועגן איר מיט גרויס לויב.

ווען סעלעסט איז צוגעקומען צו אים אַ טאַנצנדיקע, הינטער די קוליסן, און אים געבעטן, ער זאָל שרייבן אַ פּיעסע ספּעציעל פאַר איר, האָט ער אפילו נישט קיין קלער געטון. ער האָט גלייך געזאָגט:

— פאַר אייך, הימלישע, יאָ.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געשריבן פאַר איר אַ פּיעסע, ווי זיין שטייגער איז געווען: פון דעם אַמעריקאַנער אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד. דער נאָמען פון דער פּיעסע איז געווען, ווי געוויינלעך, אַ טאָפּלטער — „נעטעלי אָר דהי פּראָנטיער מעיד“; נאַטאַליע אָדער די גרענעץ מויד. דריי פאַרשידענע ראָלן האָט די טענצערן געשפּילט אין דער פּיעסע: אַ מיידל, אַן אינדיאַנער הויפּטלינג, און אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט.

די טענצערן און די פּיעסע זענען געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

***

שרעקלעכע נייעס זענען אָנגעקומען פון אָריענט. אַ פּחד איז באַ־פאַלן יידן. אַ סך נישט־יידן האָבן זיך געשעמט.

אין דמשק, סיריע, האָבן פינצטערע פאַרשוינען געמאַכט אַ בלוט־בלבול אויף יידן. אַ קאַטוילישער מאָנאַך איז געפונען געוואָרן אַ דער־

מאָרדעטער. האָבן די מאָנאָכן באַשולדיקט די יידן אין דעם מאָרד. די יידן האָבן גענומען זיין בלוט אויף פּסח, האָבן געזאָגט די פינצטע־רע מאָנאָכן — כדי צו קענען פייניקן יידן.

דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט זיי געהאָלפן. אַ סך יידן זענען אַרעסטירט געוואָרן און די מאָנאָכן האָבן זיי שרעקלעך געפּייניקט.

די בעסטע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן אויפגעציטערט איבער דעם ווילדן בלבול.

אין דער בני ישורון שול איז געווען אַ גרויסע פּראָטעסט־פאַר־זאַמלונג. מרדכי־נח איז געווען דער הויפּט רעדנער. ער האָט געשטור־רעמט קעגן די געמיינע בלבול מאַכער.

באַלד האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג גענומען שריט צו העלפן די יידן. דער פּרעזידענט ווען ביורען האָט באַפוילן די אַמעריקאַנער פאַר־שטייער אין טערקיי צו העלפן די אַרעסטירטע.

דעמאָלט האָט מרדכי אַרויסגעגעבן די ענגלישע איבערזעצונג פון „ספר הישר“.

ער האָט זיך שוין געגרייט אַ סך פריער צו דרוקן דעם מערקוויר־דיקן ספר מיט מעשיות וועגן די העלדישקייטן פון די שבטים און משה רבנו.

אין דער הקדמה צו דעם ספר, — וואָס איז געדרוקט געוואָרן מיט אַ פאָר הונדערט יאָר פריער, ווערט דערציילט, אַז ביים חורבן ירושלים האָט מען געפונען אַ זקן מיט דעם ספר.

מרדכי האָט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז דער „ספר הישר“, וואָס איז דערמאָנט אין תנ״ך, און ער האָט דעם אַלטן ספר געוואָלט עפענען פאַר די נישט־יידן.

האָט ער געהייסן אַ שרייבער איבערזעצן דעם „ספר הישר“.

אין מיטן פון דער אויפרעגונג איבער דעם בלוט בלבול, די פּראָ־טעסטן און די מי, אַז די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישן, האָט ער זיך דערמאָנט אין „ספר הישר“.

ער האָט צוגעיאָגט דעם איבערזעצער. ער האָט געשריבן אַ פאַר־רעדע און גיך אָפּגעדרוקט דאָס בוך.

דער ספר, וואָס איז דערמאָנט אין תנ״ך און טויזנטער יאָרן געווען פאַרלוירן, האָט ער געהאָפט, וועט אַרויסרופן רעספּעקט צו יידן.

***

א פארביטערטער קעגן זיין פארטיי, און נאך מער קעגן פרעזידענט ווען ביורען, איז מרדכי אריבער צו זייערע קעגנער.

באלד א פערטל יארהונדערט האט ער געפירט די קאמפן פון דער פארטיי, און קיינמאל איז ער נישט געווארן באלוינט פאר זיין ארבעט ווי עס באדארף צו זיין.

אנדערע וואס האבן געהאט א סך קלענערע פארדינסטן ביי דער פארטיי, האבן געקראגן גרויסע, פעטע עמטער. זיי האבן זיך אנגע־שטאפט די קעשענעס מיט געלד. ער איז שטענדיק געווען גערריקט. די פארטיי האט אים אפילו נישט געגעבן די ריכטיקע שטיצע פאר זיינע צייטונגען.

ווען ביורען האט אים באזונדערס געקריוודעט, האט ער באשלאסן קעמפן קעגן אים ווען ער וועט לויפן פאר א צווייטן טערמין.

ער איז ארויס אין זיין צייטונג פאר דעם פרעזידענט פון די „וויגס" די קעגנער פון די דעמאקראטן, און ווי זיין שטייגער, האט ער געפירט א מערכטיקן קאמפיין פאר זיין קאנדידאט און ביטער געקעמפט קעגן ווען ביורענען.

מרדכים אוועקגיין פון די דעמאקראטן האט געמאכט א שטארקן איינדרוק נישט נאר אין ניו־יארק אליין. מאסן מענטשן איבערן גאנצן לאנד זענען געווארן איבערראשט, וואס דער באוווסטער דעמאקראטי־שער פירער האט זיך אפגעקערט פון דער פארטיי.

— ווי קומט דאס, מאיאר, — האבן אים געפרעגט באקאנטע — וואס איר האט פארביטן די פארטיי?

מיט א שמייכל האט ער געלייקנט.

— איך האב נישט געביטן די פארטיי. די פארטיי האט זיך גע־ביטן. זי איז נישט מער דעמאקראטיש.

ווען־ביורען האט פארלוירן. העריסאן, דער קאנדידאט פון די „וויגס" איז געווארן פרעזידענט.

— פעטער נפתלי — האט געזאגט דער פינף און פופציק יארי־קער מאיאר צו זיין פעטער — זעסט, זיי ווילן נישט צולאזן דעם יידן, נאר אז איך האב נישט געוואלט ווען ביורענען, איז ער דורכגעפאלן.

נישט לאנג נאכדעם האט דער ניו־יארקער גובערנאטאר באשטימט מרדכין פאר ריכטער פון דזשענעראל סעשאנס.

זיינע קאנקורענטן אין די צייטונגען זענען ארויסגעטראטן זייער שארף קעגן דער באשטימונג.

ביטערע, גיפטיקע אטאקעס האבן זיי געמאכט אויף אים. זיי זע־נען ארויסגעטראטן קעגן אים, ווייל ער איז א ייד.

— אַ ייד טאָר נישט משפּטן קריסטן — האָבן די שונאים געשריגן.

דזשיימס גאָרדאָן בענעט, דער רייכער אייגנטימער און רעדאַקטאָר פון „העראָלד", האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעגעבן די הונדערט דאָלאַר, וואָס מרדכי האָט אים געבאָרגט אויף צו גרינדן די צייטונג. בענעט האָט באַזונדערס שאַרף און גיפטיק אַטאַקירט מרדכין.

ער האָט פאַרשווייגן אַלע אַטאַקעס. איינער אַ דזשוראָר, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אָנפאַלן אויף דעם ריכטער, און ער האָט אַריינגעטראָגן אַ קלאָגע אין געריכט קעגן בענעטן פאַר באַליידיקן דעם ריכטער.

מרדכי האָט געבעטן די דזשורי נישט צו פאַרמשפּטן בענעטן.

— ס'איז אַן אַלטער קריג צווישן צייטונגלייט — האָט געזאָגט ריכטער נח.

די דזשורי האָט נישט געפאָלגט. זי האָט געפונען בענעטן שולדיק.

אַ קורצע צייט איז מרדכי געזעסן אויפן ריכטער שטול און עס איז פאַר אים געבראַכט געוואָרן אַ וויכטיקער אָנגעקלאָגטער. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטער דעפּוטאַט. ריכטער נח האָט אים געקענט אַלס דעפּוטאַט און האָט אים אויך געקענט פון קינדווייז אויף. ער איז געווען דעם אַלטן פילאַדעלפיער דאָקטאָרס אַן אייניקל.

ריכטער נח האָט איבערגעלייענט די אָנקלאָגע, איז אים געוואָרן קאַלט.

ער האָט איינגעזען, אַז זיין יוגנט באַקאַנטער איז שולדיק. עס איז געווען אַ גראָבער שווינדל.

די דזשורי וועט אים זיכער געפינען שולדיק, האָט געטראַכט ריכטער נח, איך וועל אים מוזן פאַרשיקן אויף אַ לאַנגן טערמין אין סינגסינג.

עס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק באַנג טון פאַרן באַשולדיקטן. דער אָנגעקלאָגטער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים. ער איז שוין באַלד אַ זעכציקער. ווער ווייסט צי ער וועט נישט שטאַרבן אין געפענגעניש?

— ניין! איך קאָן אים נישט משפּטן — האָט עס אים אַ הויב געטון — איך טאָר אים נישט משפּטן.

צוריקציען זיך פון דעם פּראָצעס האָט ער נישט געטאָרט. ער האָט געהאַט איין ברירה — צו רעזיגנירן פון אַמט.

און איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן האָט ריכטער נח זיך אויפגעהויבן, און שטייענדיקערהייט אָנגעשריבן אין איילעניש אַ פּאָר שורות, און דערלאַנגענדיק עס דעם אָנגעשטעלטן האָט ער געזאָגט:

— שיקט עס גלייך אַוועק צום גובערנאַטאָר. איך קאָן מער נישט זיין דאָ ריכטער. איך האָב רעזיגנירט.

בענעטס קאַרק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט ווען ער האָט דאָס דערהערט. ער האָט געקריצט מיט די ציין.

— אַ יידיש שפּיצל — האָט ער געזאָגט — אַז נישט, ווי וואַרפט דאָס אַ מענטש אַוועק אַזאַ גוט באַצאָלטן אַמט?

ער איז נישט געווען דער איינציקער. נאָך שונאים זיינע אין דער צייטונגס־פּראָפעסיע האָט דאָס פּאַרדראָסן. זיי זענען געווען צופרידן, וואָס ער איז אויס ריכטער. זיי האָבן זיך אָבער געפילט אַזוי נידע־ריק אין פּנים פון זיין גרויסמוטיקער האַנדלונג.

מרדכי איז שוין געווען אַ טאַטע פון זיבן קינדער. רבקה אסתר, זיין ווייב, וואָס ער איז עלטער געווען פון איר מיט פינף און צוואַנציק יאָר, און זי האָט אים ליב געהאַט ווי ער וואָלט געווען אין איינע יאָרן מיט איר, האָט אים געבוירן זעקס זין און איין טאָכטער. די בת יחידה איז געבוירן געוואָרן די פּערטע; דריי יינגלעך פריער און דריי יינגלעך שפּע־טער, און ער האָט איר אַ נאָמען געגעבן צפורה, נאָך זיין אומגליקלע־כער מאַמען, וואָס ער האָט געדענקט אַ יונגע און אַ געפּייניקטע.

צו דער בר־מצווה פון זיין עלטסטן יינגל איז ער געוואָרן אומ־רואיק.

וואָס וועט זיין? וואָס טוט מען? — האָט ער זיך געפרעגט, זעענ־דיק, ווי איבערנאַכט האָט דער בכור זיינער געגעבן אַ וואַקס־אויס, און דער צווייטער מעסט זיך שוין מיטן עלטערן, וויל ווייזן, אַז ער איז שוין אויך אַזוי גרויס ווי ער. וואָס טוט מען, אַז די קינדער זאָלן זיין אמתע יידן? זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען יידן. זיי זאָלן זיין צופרידן, זאָלן זיין שטאָלץ, וואָס זיי זענען יידן.

ער האָט געזען דעם יונגן דור יידן, די זין, וואָס זענען ערשט אַרויס פון די הויכשולעס, און די, וואָס האָבן נאָך דאָרטן געלערנט, און ווי ווייט זיי זענען פון יידן און פון יידישקייט, איז אים דאָס בלוט געפרוירן געוואָרן אין די אָדערן פון געדאַנק, אַז זיינע זין וועלן אפשר אויך אַזוי זיין. אַלץ וועט זיי זיין פרעמד. די ליידן פון די יידן אין שפּאַניע, דער קידוש־השם זייערער. דער בלוט־בילבול אין דמשק האָט דעם יונגן דור קוים אַ ריר געטון!

מער ווי איין נאַכט איז זיין שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן איבער דער דאָזיקער זאָרג. אפילו בייטאָג האָט עס אים אָפט דערמאָנט. אין רעדאַקציע, ביי דער אַרבעט, פלעגט עס אים געבן אַ נאָג ביים האַרצן און נאָך מער ביים עסן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די קינדער. כסדר האָט ער געציטערט איבער זיי. און טאָמער איז ער געווען אַוועק פון שטאָט, האָט ער געבענקט אַהיים און נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אַז מען זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער.

איז נישט געווען קיין גרעסערע פרייד פאַר אים ווי צו זיין אין שטוב, צו זיצן ביים עסן מיט זיין גרויסן הויזגעזינט אָדער שפּילן זיך מיט די קינדער. אָבער אינמיטן דער גרויסער פרייד זיינער, אָנקוועלנדיק פון די קינדער, האָט זיך אַ וועק־געטון אין אים די שרעק — די קינדער וועלן אפשר זיין פרעמד צו יידן. יידן וועלן זיי זיין פרעמד.

אין זיך האָט ער געקרעכצט: וואָס טוט מען? ווי אַזוי האַלט מען זיי איין פאַרן אייגענעם פאָלק?

ער האָט געזען, ווי די, וואָס זענען אַרבעטער, אָדער די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט האַנדל, ווערן דאָך נישט אַזוי פאַרפרעמדט ווי די, וואָס לערנען אין די שולעס. דאָס לערנען אין די העכערע שולעס, האָט ער איינגעזען, איז דער הויפּטשולדיקער. ער האָט אָבער אויף קיין איין רגע נישט געטראַכט, אַז אויב דאָס לערנען אין דער העכערער שולע איז שולדיק, זאָלן זיי אין די דאָזיקע שולעס נישט לערנען. ער איז געווען אַ פייערדיקער אָנהענגער פון בילדונג פאַר יידן. אַלע יידן דאַרפן לערנען, זיין געלערנט אין יידישע און וועלטלעכע לימודים, האָט ער אַלעמאָל געזאָגט און געשריבן.

אַלע יידן וואָלטן גענדאַרפט לערנען אין די הויכשולן. הלוואַי וואָלטן נאָר אַלע דאָס געקאָנט באַווייזן, פלעגט ער זאָגן.

און דאָס, וואָס אין קאָלעדזש ווערן יידן אָפּגעפרעמדט פון זייער פאָלק? — דאָס האָט אים געפירט צו דעם געדאַנק צו שאַפן אַ יידישן קאָלעדזש.

ער איז שוין געווען באַלד אַ זעכציקער. אָפט אין די נעכט פלעגט ער ליגן אין בעט און נישט שלאָפן. ער פלעגט דעמאָלט טראַכטן פון וויכטיקע און נישט וויכטיקע זאַכן. אַלערליי פּלענער האָבן זיך געוויקלט אין זיין מוח. און איינמאָל האָט זיך אַ וויקל־אויף געטון אַ געדאַנק:

— אַ יידישער קאָלעדזש!

דער געדאַנק האָט זיך געגעבן אַ וויקל־אויף מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ שאַרפקייט, אַז עס האָט אים אַ הויב־געטון. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט לייגן צוריק. אויפגעזעצט זיך, געזעסן אין בעט און אַלץ האָט זיך געטרייסלט אין אים! אַ היפּשע ווײַלע האָט ער אין דער פינצ־טער געזען פונקען פאַר די אויגן. עס איז אים געוואָרן הייס. נאָר אַז ער האָט זיך דאָך געלייגט, איז ער איינגעשלאָפן ווי נאָך אַ שלאָף־געטראַנק.

צומאָרגנס האָט ער אויפגעשריבן אַ רוף צו די יידן וועגן גרינדן אַ יידישע שול.

מיט יאָרן צוריק, האָט ער זיך דערמאָנט, האָט ער געהאָלפן גרינדן די ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט. זיין בייזשטייערונג האָט ער געגעבן מיט די ערשטע, פאַר דער אוניווערזיטעט. איז פאַרוואָס נישט גרינדן אַ יידישן קאָלעדזש?

אין דעם יידישן קאָלעדזש, האָט ער געשריבן, זאָל געגעבן ווערן אַלגעמיינע בילדונג צוזאַמען מיט לשון קודש און אַלע אַנדערע יידישע לימודים. די סטודענטן אין דער יידישער הויכשול וועלן זיין אין אַ יידישער אַטמאָספערע, וווּ יידישע דינים און טראַדיציעס וועלן ווערן אָפּגעהיט און זיי וועלן זיין געטרייע יידן.

כדי צו ווייזן, ווי נויטיק עס איז אַ יידישער קאָלעדזש האָט ער דערציילט וועגן דער ווירקונג פון די זעלביקע נישט־יידישע שולעס אויף די יידישע סטודענטן.

„די יידישע סטודענטן אין די קריסטלעכע שולעס — האָט ער געשריבן — מוזן יעדן טאָג פאַרלעצן די יידישע געבאָטן. זיי מוזן פאַרשוועכן דעם שבת און גיין אין קירכע זונטיק, ווי עס פאָדערן די געזעצן אין די דאָזיקע שולעס. און ווען זיי קומען אַהיים, בלייבט פאַר זיי פון יידישקייט נישט מער ווי דער נאָמען. זיי קענען נישט די פּרינ־ציפּן פון זייער רעליגיע און וואַרשיינלעך האָבן זיי נאָך פאָראורטיילן קעגן איר... אינגיכן פאַרגעסן זיי, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן פון יידישע עלטערן".

דער דאָזיקער רוף האָט אָבער געשראָקן די רייכע יידן. זיי האָבן נישט געוואָלט הערן פון אַ יידישער שול.

מרדכי האָט צונויפגערופן עטלעכע יידישע גבירים און גערעדט צו זיי וועגן אַ יידישער שול. האָבן זיי זיך אָפּגעוואָרפן דערפון.

— מאַיאָר, מען דאַרף נישט קיין יידישן קאָלעדזש. מען טאָר נישט

האבן אזא יידישע שול — האט געזאגט הענדריקס און די אנדערע האבן צוגעשאקלט. — מיר דאנקען גאט, וואס די קריסטן זענען ליבעראל און לאזן אונדזערע קינדער לערנען אינאיינעם מיט זייערע קינדער. עס איז שלעכט, אז זיי שליסן אונדז אויס פון זייער געזעלשאפט, און ווען מיר האבן דא דערלעבט, אז זיי לאזן־צו אונדזערע קינדער, איז דאס א צייכן פון פארשריט. צו וואס ווען מיר מאכן א יידישע שול און זיך אליין סעפארירן פון די קריסטן, נאכדעם ווי זיי הויבן זיך אן צו חברן מיט אונדז?

— אבער די קינדער אונדזערע! — האט מרדכי זיי דערמאנט. — פון דעם חברן זיך קומט נישט ארויס קיין גוטס, אונדזערע קינדער ווערן אויס יידן!

— א, עס דאכט זיך אייך, מאיאר! איר טרייבט איבער. עס איז נישט אזוי שלעכט ווי איר מאלט עס. אט האט איר געלערנט אין קריסט־לעכע שולן און איר זענט א גאנץ גוטער ייד, א בארימטער ייד.

— איך... איך — האט מרדכי געשטאמלט — איך בין אנדערש און איך האב נישט געלערנט אין א קריסטלעכער שול. אין מיינע יארן איז עס געווען אנדערש. היינט איז אויך אנדערש. מיר מוזן האבן א יידישע שול.

די גבירים זענען געבליבן איינגעשפארט. מרדכי האט געזען, אז ער וועט נישט אויספירן האט ער זיך אויפגעהויבן און געזאגט:

— איר ווילט נישט, אבער איך גיב נישט אויף דעם געדאנק. איך וועל נאך מאכן א יידישע שול.

דעמאלט איז געקומען דאקטאר מאקס ליליענטאל, דער דייטשער ייד, וואס האט געוואלט, מיט דער הילף פון רוסישן צאר ניקאלאי דער ערשטער בילדן די יידן אין רוסלאנד, און ער האט געמוזט איבער אומ־באוווסטע סיבות עוקר זיין, אנטלויפן אין גרוים איילעניש פון רוס־לאנד. ער איז געקומען קיין ניו־יארק.

ווי אלע אימיגראנטן איז דער דר. ליליענטאל אוועק דאס ערשטע צו מרדכין.

און מיט דער מיטהילף פון דר. ליליענטאל האט מרדכי־נח אויס־געארבעט א פלאן ווי אזוי צו גרינדן די יידישע שול.

**
*

דער צוריקקער פון יידישן פאלק קיין ארץ־ישראל האט נישט גע־קאנט ארויס פון זינען מרדכין. עס האט אים נישט אפגעלאזט.

ער האָט ווידער אויפגעהויבן די פראַגע פון שיבת־ציון.

דאָס מאָל האָט ער אויפגעפאָדערט אַמעריקע צו העלפן דעם יידישן פאָלק זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל, אומקערן דאָס לאַנד פון די יידן צו די יידן.

די רעדע האָט ער געהאַלטן באַלד נאָך סוכות פאַר אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג פון יידן און נישט־יידן. זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער און די צייטונגען האָבן איר געווידמעט אַ סך פּלאַץ.

אַזוי אויפגערודערט געוואָרן איז די שטאָט פון דער דאָזיקער רע־דע, אַז אין אַ חודש אַרום האָט ער זי געהאַלטן נאָך אַמאָל פאַר נאָך אַ גרעסערן עולם, וואָס האָט אים געבעטן, ער זאָל זי האַלטן נאָך אַמאָל.

פיל מענטשן האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף דער רעדע און זי איז באַלד אַרויס אין אַ בראָשור. דער פאַרלאַג „האַרפּער ענד בראָדערס" האָט זי אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „דיסקאָורס אָן דהי רעסטאָריישאָן אָוו דהי דזשוס" — אַ רעדע וועגן דעם צוריקקער פון די יידן. אין דער בראָשור האָט ער צוגעגעבן די מאַפּע פון ארץ־ישראל.

אין דער רעדע האָט ער געשילדערט מיט באַגייסטערונג די ווונ־דערלעכע מעלות פון ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון ניסים, און ער האָט געזאָגט:

„איך גלויב אין צוריקקער פון די יידן און אין קומען פון משיח; און גלויבנדיק, אַז די פּאָליטישע געשעענישן נעמען־אָן טעגלעך אַזאַ פאָרם, וואָס וועלן ענדלעך פירן צו דער גרויסער געשעעניש, האַלט איך עס פאַר אַ פליכט צו רופן דאָס פרייע פאָלק פון דעם לאַנד צו קומען אונדז צו הילף אין יעדן פאַרזוך, וואָס אין אונדזער איצטיקער פּאָזיציע וועט מען געפינען פאַר נויטיק אונטערצונעמען.

„די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס איינציקע לאַנד וואָס האָט גע־געבן ציווילע און רעליגיעזע רעכט צו די יידן גלייך מיט אַלע אַנדערע גלויבנס; דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט זיי נישט פאַרפאָלגט — איז געוואָרן אויסגעקליבן און באַצייכנט אין דער נבואה פאַר דעם פאָלק, וואָס וועט אין דער ריכטיקער צייט אומקערן צו גאָט זיין אויסדער־ווײלט פאָלק און אויספלאַסטערן דעם וועג פאַר דער אויפלעבונג פון ציון".

„נאָר צי וועלן זיי דען גיין — פרעגט מען מיך, — ווען דער טאָג פון אויסלייזונג וועט קומען? — אַלע וועלן קומען און קודם־כל די, וואָס פילן אויף זיך דעם אונטערדריקערס יאָך. מיר וועלן בלייבן אויף די ער־

בער, ווו מיר זענען פריי און גליקלעך, נאָר גיין וועלן די, וואָס זענען געבויגענע צו דער ערד פון אונטערדריקונג. זיי וועלן מיט פרייד בייטן זייער קנעכטשאַפט אויף דער האָפענונג אויף פרייהייט. די דאָזיקע האָפענונג קענען די יידן קיינמאָל נישט אויפגעבן. זיי קענען זיך נישט שטעלן קעגן די נבואות, קעגן גאָטס צוזאָג: דעם טאָג, ווען זיי וועלן דאָס טון, וועלן זיי אויפהערן צו זיין אַ נאַציע, זיי וועלן ווערן אויס פאָלק, אויס אמונה. זאָל גיין דאָס פאָלק! ווייזט אים דעם וועג אין זיכערקייט און עס וועט גיין! נישט אַלע, אָבער גענוג צו שאַפן אַ מעכטיקע רעגירונג, און די, וואָס זענען דאָ גליקלעך, מעגן אויסשטעלן זייערע אויגן צו דער זון, ווי זי גייט־אויף, און ווּיסן, אַז זי גייט־אויף אויף אַ פריי און גליקלעך פאָלק אויף די בערג פון יהודה, און זיך פילן טאָפּלט גליקלעך אין דער איבערצייגונג, אַז גאָט האָט מקיים געווען אַלע זיינע הבטחות צו יעקבן... איך האָף, אַז דער געדאַנק, די האָפענונג, די דערוואַרטונג און איבער אַלעם די זיכערקייט, אַז ישראל וועט זיך אומקערן צו זיין אייגן און פאַרשפּראָכן לאַנד, וועלן אויפהייבן די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט צו געבן איר פריינטלעכע און הארציקע הילף.

„לאָזט מיך דריבער באַווירקן אייערע געדאַנקען מיט דעם וויכטיקן פאַקט, אַז די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון יידישן פאָלק וועלן קענען אַרויסוואַקסן פון איין איינציקן פאַרזוך, וואָס דאָס לאַנד וועט מאַכן פאַר זיי. דער פאַרזוך איז צו קריגן פאַר זיי די דערלויבעניש צו קויפן און באַזיצן לאַנד אין זיכערקייט און פרידן; זייערע רעכט צו באַזיצונגען אַנערקענט, זייערע פעלדער און סטאַדעס נישט באַאומרואיקט. אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן, איז שוץ און גערעכטיקייט און די אַרבעט וועט ווערן דורכגעפירט. עס איז אוממעגלעך, אַז די טערקישע רעגירונג זאָל נישט פילן די וואָלקנס, וואָס רוקן זיך אָן אויף איר. עס ליגט אין זייערע אינטערעסן, זיי זאָלן זיך אַרומרינגלען מיט דער פריינטלעכער הילף און קאָאָפּעראַציע פון יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט דורך געבן יידן די דאָזיקע מעסיקע און גערעכטע רעכט".

„געדענקט, דעריבער, לאַנדסלייט מיינע, וועמענס הילף מען בעט פאַר דעם צוריקער, אַז מיר וועלן זיך צוריקקערן אַזוי ווי מען איז אַוועקגעגאַנגען. מיר וועלן צוריקקומען קיין ציון מיט דעם גלויבן, וואָס מיר האָבן מיטגעטראָגן מיט אונדז. דאָס בית־המקדש פון שלמה המלכס צייטן, וואָס מיר האָבן געבויט ווי יידן, מוזן מיר ווידער אויפבויען ווי דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. איר גלויבט, אַז דער אויסלייזער איז שוין געקומען. איר זענט באַרעכטיקט אַזוי צו גלויבן. איר האָט די באַווייזן

אין דער מאַכט און הערשאַפט, רייכטום, גליק און רום, וואָס רינגלט אייך אַרום. מיר זענען נאָך אַלץ דאָ אַלץ דאָס באַרויבטע, דאָס געטריבענע, דאָס אונטערדריקטע פאָלק; ווי דער אייל אויפן וואַסער, וואָס מישט זיך נישט אויס מיט די שטורמישע כוואַליעס. פאַר אונדז דאַרף ערשט קו־מען משיח. און ער וועט קומען. צוויי טויזנט יאָר ווערן מיר פאַרפאָלגט און געפייניקט און מיר זענען נאָך אַלץ דאָ. אַלערליי פעלקער האָבן געבויט שטעט, געשאַפן רעגירונגען. זיי זענען געשטיגן, האָבן געהאַט שפע. זיי זענען געוואָרן אַלט, שוואַך, זענען אונטערגעגאַנגען און מיר זענען נאָך אַלץ דאָ. רוים האָט דעראָבערט, און איצט זענען נאָר דאָ שוואַכע סימנים פון דער אַמאָליקער האַרנטע פון דער וועלט. און מיר זענען נאָך אַלץ דאָ. ווי דער לעגענדאַרישער פעניקס, וואָס שפּראָצט־אַרויס פון זיין אייגענעם אַש, אָדער נאָך שענער — ווי דער דאָרן משה רבינוס, וואָס ברענט אייביק און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט...

„אונדזער תורה איז אייער תורה; אונדזערע נביאים זענען אייערע נביאים, אונדזער האָפענונג איז אייער אויסלייזונג; אונדזער גאָט איז אייער גאָט. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ענדערן? פאַרוואָס זאָלן מיר אויפ־געבן יעקבס פאָן, וואָס האָט אונדז געפירט דורך אַזויפיל שוועריקייטן? מיר קענען זיך קיינמאָל נישט אָפּשיידן פון אונדזער פאָסטוך. מיר גלויבן אין אַלץ, וואָס ער האָט אונדז פאַרשפּראָכן און געדולדיק וואַרטן מיר אויף דעם טאָג, ווען עס וועט מקוים ווערן. קומט, דעריבער, אונדז צו הילף. נעמט־איבער די פירערשאַפט פון דער גרויסער אַרבעט פון צוריקקער. זאָל די ערשטע באַוועגונג פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון יידישן פאָלק קומען פון דעם דאָזיקן פרייען און ליבעראַלן פאָלק!"

די יידן האָבן זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רופן צו אויסלייזונג. האָט ער זיך געווענדט צום פרייען אַמעריקאַנער פאָלק, עס זאָל אים העלפן אויסלייזן די יידן.

פאַרשקלאַפט טויזנטער יאָרן קענען יידן נישט פאַרנעמען דעם רוף צו אויסלייזונג, האָט ער געקלערט. די פרייע אַמעריקאַנער וועלן זיך יאָ צוהערן צו אים.

ביידע האָבן זיך נישט צוגעהערט.

***

מרדכי איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. אין וויג איז געלעגן זיין יינגסט יינגעלע, אַלט אַ יאָר אַנדערהאַלבן. רבקה־אסתר איז געווען גע־

בויגט צו פעטקייט. האָט זי דעם קאָרסעט נאָך פעסטער צוזאַמענגעצויגן. פון דעם האָט מרדכי נישט געהאַט קיין הנאה.

— קינד מיינס, — האָט ער זי געבעטן, — טוסט נישט גוט. קרעמסט דיך צוזאַמען מיט שטיקער אייזן, קוועטשטסט דיך מיט שטאָלענע דראָטן, מאַכסט זיך קראַנק. טו דאָס נישט, איך בעט דיך.

— מעני — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל — איך שפיר עס אפילו נישט. מעגסט מיר גלויבן. אַ פרוי מוז גיין אין אַ קאָרסעט.

ער איז געווען קעגן, נאָר ער האָט געשוויגן און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט יאָרן צוריק האָט ער געשריבן אין ציימונג קעגן קאָרסעטן.

רבקה־אסתר איז נישט געווען די איינציקע אין זיין הויז, וואָס איז געגאַנגען אין אַ קאָרסעט. זיין שוועסטער יהודית אויך. זי האָט אויך איינגעצויגן איר פולע טאַליע. ער אַליין איז שוין אויך נישט געווען אַזוי שלאַנק. נאָך אַלץ אַזוי הויך, אָבער שוין קיילעכיק. דאָס פלייש איז אים אַביסל צופיל געוואַקסן. דער קאָפּ גרוי, נאָר דאָס פּנים, כאָטש עטוואָס שלאַבעריק, איז געווען אַנטשלאָסן און גוט. יינגער פון אַלצדינג זענען אים געבליבן די אויגן. די גרויסע אויגן זיינע האָבן געברענט מיט פייער, געקוקט טרוימעריש.

***

— מאָיאָר נח — האָט געזאָגט צו אים אַן אַרויסגעבער — אַ בוך פון אייערע אַרטיקלען וואָלט געווען גאַנגבאַר. איצט איז אַ גוטע געלעגנהייט.

— איר מיינט אַזוי, טשאַרלס — האָט ער געפרעגט, און ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז געקומען מיט אַ פערציק יאָר צוריק צו אַן אַרויסגעבער מיט זיין ערשטער פּיעסע.

— אויב איר וועט אויסקלייבן אַרטיקלען אויף אַ בוך וועל איך עס אַרויסגעבן.

אַ שיין, גוט בוך מיט זיינע געקליבענע אַרטיקלען איז אינגיכן אַרויס פון דרוק — „גלינינגס", איז געווען דער נאָמען. די צווייטע שורה זאָגט: „פראָם עי געטהערד הארוועסט" — אויפקלייב פון אַן איינגעזאַמלטן שניט.

ס'איז אויפגענומען געוואָרן וואַרעם. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויסגאַבע. שוין שענער געדרוקט. דאָס פּאַדערבלאַט אין דריי קאָלירן — רויט, גרין־בלוי און גאָלד.

ער האָט נאָך אַלץ פאַרלוירן צייטונגען און געמוזט בויען נייע. די לעצטע צייטונג, וואָס ער האָט געגרינדעט איז געווען: „נאַ'ס וויקלי מעסענדזשער", ער האָט אָבער זי פאַרשמאָלצן מיט דער „סאַנדעי טיימס". און מיט דעם אַלעם איז דער פּאָליטישער פירער פון ניו־יאָרק און „ריכטער פון די יידן" נאָך אַלץ נישט געווען פריי פון די זאָרגן פון פּרנסה.

***

ס'איז געוואָרן אַ שווערער קריזיס אין ניו־יאָרקער טעאַטער. דער עולם האָט אויפגעהערט צו גיין אין טעאַטער. יעדע נייע פּיעסע איז דורכגעפאַלן. און צו די אַלטע איז מען אויך נישט געקומען.

— דאָס טעאַטער גייט אונטער! — האָבן טייל שרייבער געשריגן.

ס'איז שוין אונטערגעגאַנגען! — האָבן אַנדערע געשריגן.

— אַלץ איבער דעם, וואָס איין אַקטיאָר אָדער אַקטריסע פאַר־נעמט די גאַנצע בינע.

— איין „שטערן" נאָר מעג שיינען אויפן טעאַטער־הימל, נישט די גאַנצע טרופּע.. דעריבער וויל דער עולם נישט אַריינשמעקן אין טעאַטער.

— דאָס „טעאַטער־שטערן־סיסטעם" איז שולדיק אין גאַנצן אומ־גליק !

מרדכי האָט געשמייכלט הערנדיק די רייד וועגן טעאַטער־אונטער־גאַנג.

— ס'טעאַטער איז נישט אונטערגעגאַנגען. ס'וועט נישט אונטער־גיין — האָט ער באַרואיקט די צעשראָקענע — דער עולם האָט איצט נישט קיין געלט, קומט ער וויניקער. ס'איז אומגעזונט דאָס „שטערן"־סיסטעם. נאָר נישט איבער דעם איז דער קריזיס. זאָל נאָר אַ דאָלאַר נישט זיין אַ זעלטנקייט וועלן די טעאַטערן זיין ווידער פול.

איז געקומען אַ גאַסט־אַקטיאָר פון ענגלאַנד. ער איז שוין אַמאָל דאָ געווען און ער האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער. איז דאָס טעאַטער גע־ווען געפּאַקט.

דאָס האָט פאַרדראָסן אַ באַרימטן אַמעריקאַנער אַקטיאָר.

— מיר האָבן נישט פאַר וועמען צו שפּילן — האָט ער גערעדט צו זיין טרופּע אַקטיאָרן — קומט אַ פרעמדער אַהער און פאַרכאַפּט אונ־דזער פּובליקום!

— מירן עס נישט דערלאָזן!

דער אמעריקאנער אַקטיאָר האָט געוואָרנט דעם גאַסט, ער זאָל זיך נישט דערוועגן מער צו שפּילן אין ניו־יאָרק.

אַז זיין וואָרנונג האָט נישט געווירקט, האָט דער אמעריקאַנער אַקטיאָר אַנגעשיקט אויף דעם גאַסט זיינע אָנהענגער.

ביטערע געשלעגן זענען אויסגעבראָכן צווישן די פּאַטריאָטן פון ביידע באַרימטע אַקטיאָרן. בלוט האָט זיך געגאָסן. און דער ענגלענדער האָט געוואָלט זיך אויפזעצן אויף דער שיף און פאָרן אַהיים.

— ניו־יאָרק איז נישט סדום! — האָט מרדכי געזאָגט — מיר וועלן דאָס נישט דערלאָזן.

ער איז געווען דעם אַמעריקאַנערס אַ גוטער פריינט. ער האָט געהאָלפן גרוים מאַכן דעם אַמעריקאַנער אַקטיאָר. דאָ האָט ער אָבער זיך געשטעלט קעגן אים, געשטעלט זיך אינגאַנצן אויף דער זייט פון ענגלענדער.

צוזאַמען מיט נאָך גרויסע, איינפלוסרייכע לייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בריוו צום גאַסט, ער זאָל נישט אַוועקפאָרן, ער זאָל דאָ ווייטער שפּילן.

*****

דער געדאַנק פון אַ יידישן קאַלענדער האָט אים נישט געלאָזט רוען. וואָס עלטער זיינע קינדער זענען געוואָרן, אַלץ שאַרפער איז עס ביי אים געוואָרן.

מען דאַרף אָנהויבן, האָט ער באַשלאָסן, נישט וואַרטן ביז די גבירים וועלן געבן געלט דערויף. איך מוז שוין אָנהויבן קלייבן געלט, און אַן די גבירים, ווען זיי וועלן זען, אַז מען וועט אָנהויבן אָן זיי, וועלן זיי דערנאָך צושטיין.

דאָס ערשטע געלט מוז געשאַפן ווערן פון פאָלק. אַז זיי וועלן זען, אַז דאָס פאָלק גיט, וועלן זיי זיך שעמען און אויך געבן.

האָט ער געמאַכט אַ באַל פאַר אַ יידישן קאַלענדער.

צו מאַיאָר נחס באַל זענען געקומען די בעסטע אָפּערע זינגער, די גרעסטע טעאַטער אַקטיאָרן, און דער זאַל איז געווען געפּאַקט.

מרדכי האָט אַוועקגעלייגט אין באַנק די ערשטע פאַר טויזנט דאָלער, געשאַפן פון באַל, פאַר דעם יידישן קאַלענדער.

*****

א הויך, דאר בחורל איז אריינגעקומען אין רעדאקציע פון „סאַנ־דעי טיימס" און געזאָגט, אַז ער וויל זען דעם רעדאַקטאָר.

מרדכי איז געזעסן אריבערגעבויגן איבערן דעסק, געשריבן שנעל און נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— יאָ?

דער בחור האָט אויסגעשטרעקט אַ גרויסן פּאַק פּאַפּיר און גע־זאָגט:

— איך בעט אייך, לייענט די פּאָעמע.

אָלץ נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ האָט מרדכי געזאָגט:

— ס'וועט אייך נישט נוצן מיין לייענען. איך דרוק נישט אין מיין צייטונג קיין פּאָעמעס.

— פונדעסטוועגן בעט איך אייך, לייענט — האָט דער בחור זיך נישט דערשראָקן — איר וועט מיר העלפן ווען איר וועט מיר זאָגן, צי כ'קען האָפן צו האָבן פרנסה דערפון.

איצט האָט דער רעדאַקטאָר שוין אויפגעהויבן די אויגן, לייכט זיך אַ ריר געטון זעענדיק ווי יונג עס איז דער בחור, און ער האָט אים געזאָגט:

— אויב איר ווילט האָבן פרנסה פון דער פען, וועט איר מוזן שרייבן פּראָזע. פון פּאָעזיע קען מען נישט פאַרדינען אויף ברויט.

— איך שרייב פּראָזע — האָט דער בחור ארויסגעשאָסן.

איצט האָט מרדכי אַוועקגעלייגט די פען און געפרעגט:

— וואָס שרייבט איר?

— דערציילונגען.

— ברענגט מיר אַ דערציילונג — האָט ער גערעדט צו אים פריינטלעך — אויב אפילו איך וועל זי נישט דרוקן אין מיין צייטונג, וועל איך אייך קענען העלפן, אַז אַן אַנדערער זאָל זי דרוקן.

— איך וועל אייך דאַנקען — האָט געמורמלט דער בחור אַן אי־בערראַשטער, וואָס דער גרויסער, באַרימטער רעדאַקטאָר רעדט צו אים אַזוי ווייך, אַזוי האַרציק — אויב איר וועט נאָר איבערלייענען און מיר זאָגן אייער מיינונג.

— זיכער, מיין פריינט, — האָט דער גרויסער רעדאַקטאָר גערעדט צו אים ווי צו זיינס גלייכן — ווי הייסט איר?

— דזשאָן טאונסענד טראַברידזש. איך בין ערשט געוואָרן ניינצן יאָר.

— איך האָב באַלד דערקענט, הער טראַברידזש, אַז איר זענט נאָך נישט אין די זיבעציקער. נו, גוט, ברענגט מיר אַ דערציילונג.

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט דעם בחור, ס׳פּנים האָט אים גע־פלאַמט — וואָס פאַר אַ מענטש ס׳איז דער גרויסער רעדאַקטאָר. ער האָט אים געזאָגט „הער"!

דעם זעלבן טאָג האָט ער אים אַריינגעשיקט אַ דערציילונג און אַ פּאָעמע. אין אַ וואָך אַרום איז ער אריין אין דער רעדאַקציע געוואָר ווערן.

מרדכי האָט אים דערלאַנגט אַ בענקל און געזאָגט פּשוט:

— זעצט זיך, הער טראַברידזש.

אַ ווייל האָט דער בחור זיך געקווענקלט. אַזוי נאָענט צו דעם גרויסן מאַן וועט ער זיך זעצן?

מרדכי האָט אַרויסגענומען די דערציילונג פון שופלאָד, זי אויס־געשפרייט פאַר זיך, אַ קוק געטון, אַז דער בחור שטייט אַלץ, האָט ער נאָך נענטער צו זיך צוגערוקט דאָס בענקל —

— זעצט זיך דאָ, זעצט זיך. איר האָט טאַלאַנט.

דער בחור האָט פאַרלוירן ס׳לשון. פלאַמען האָבן אים אַרויס־געשלאָגן און דער באַרימטער רעדאַקטאָר האָט ווייטער גערעדט:

— די פּאָעמע איז אויך נישט שלעכט. איר וועט אפשר שרייבן גוטע לידער, נאָר ווען איר ווילט האָבן פּרנסה פון דער פען, מוזט איר שרייבן פּראָזע.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסע, איידעלע, ווייסע האַנט אויף דעם מאַנוסקריפּט און אַ זאָג געטון:

— דאָ אין דעם ליגט אייער כח. איר האָט דעם ריכטיקן שליסל צום דערציילן. אייער סטיל איז נישט שווער געלאָדן, נישט אָנגע־בלאָזן. ער איז לעבעדיק, געשיקט, איר קענט דערציילן אַ מעשה. איך מיין, אַז איר וועט מיט דער צייט האָבן חיונה פון דער פען.

ס׳האַרץ איז געוואקסן אין דעם יונגן שרייבער אָנגעגאָסן מיט דאַנקבאַרקייט, ליבשאַפט צו דעם גרויסן מאַן, וואָס איז אַזוי גוט צו אים, רעדט צו אים אַזוי האַרציק. אַרויסזאָגן האָט ער נישט געקענט. נאָר די אויגן זיינע בלישטשענדיק האָבן געקוקט דאַנקבאַרע.

— זאָגט נאָר, הער טראַברידזש, אייער ערשטער נאָמען איז דאַכט זיך דזשאַן. זאָגט מיר, דזשאַן — האָט מרדכי גערעדט צו אים תכלית — איר טוט עפּעס? איר פאַרדינט? ,

— ניין. איצט טו איך גאָרנישט — האָט דער בחור שוין געפּו־נען ווערטער — ביז איצט בין איך געווען אַ לערער איןווינטער און זומער בין איך געווען אַ „פאַרם האַנט". איך פיל אָבער, אַז איך בין אַ שרייבער, בין איך געקומען קיין ניו־יאָרק, אין צענטער פון טעאַטער פון צייטונגען, ליטעראַטור. איך זוך דאָ אַרבעט, נאָר כ'קען נישט גע־פינען. כ'בין שוין געווען אין אַרבעטס־ביוראָ, האָבן זיי גענומען ביי מיר אַ דאָלער, אָבער אַרבעט האָבן זיי נישט געפונען פאַר מיר. איך בין שוין געווען אויף אַ שיף, געזוכט אַרבעט האָט דער קאַפּיטאַן מיך אויס־געזידלט, וואָס כ'האָב נישט אַראָפּגענומען ס'היטל.

— דזשאָן, איר וועט נישט גיין פאַרלוירן, האָט מרדכי אים דער־מוטיקט — איר זייט נאָר אַרבעטזאַם, שפּאָרזאַם. איר וועט מוזן אַר־בעטן שווער. איר וועט זיך אָנשלאָגן אָן שטרויכלונגען, שטערונגען. מענטשן וועלן אייך פּרובירן אונטערהאַקן די פליגלען. נאָר איר וועט זיך נישט טאָרן לאָזן אַראָפּפירן פון וועג. איר נעמט זיך צו אַ געזעצ־לעכער פּראָפעסיע. שרייבן פאַר דער פּרעסע איז אַ פולשטענדיק גע־זעצלעכע פּראָפעסיע. גיט זיך אָפּ געהעריק דערצו, וועט נישט זיין קיין אורזאַך פאַרוואָס איר זאָלט נישט האָבן דערפאָלג.

דאָס האַרץ האָט דעם בחורל שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט געפילט, אַז ס'פאַלט אים אַרוים. זייט ער לעבט האָט ער נישט געהערט נאָך אַזעלכע רייד. קיינער האָט נישט אַזוי גערעדט צו אים.

— נעמט די מאַנוסקריפּטן און קומט — האָט געזאָגט מרדכי און גענומען דעם הוט און שטעקן.

זיי זענען אַרויס צוזאַמען. דער בחור האָט געטראָגן דעם פּאַק מאַ־נוסקריפּטן און גייענדיק לעבן דעם הויכן, ברייטפּלייציקן רעדאַקטאָר, האָט ער אויסגעזעזן נאָך קלענער און נאָך דינער.

און וויפיל דער בחורל האָט נישט געוווסט פון זיין גרויסקייט האָט ער עס ערשט דערזען גייענדיק מיט אים איבער דער גאַס. ווער נאָר עס איז פאַרבייגעגאַנגען, געקומען זיי אַנטקעגן, האָט געצויגן דעם הוט פאַר דעם רעדאַקטאָר, באַגריסט אים מיט גרויס דרך־ארץ, אַ סך האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויס ליבשאַפט.

דער בחור האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקן. ער איז געוואָרן איינ־געשרומפּן. נאָר דער גרויסער, באַרימטער, אין זיינע אויגן — דער גרעסטער, דער באַרימטסטער, גייט מיט אים ווי מיט זיינס גלייכן, איז פאַרשוווּנדן זיין גאַנצע מורא. ער האָט זיך דערפילט באַקוועם.

— קוקט נאָר! דזשאַן — האָט מרדכי אים געוויזן אויף אַ גרויס פּאַרצעליי־געשעפט — איר זעט ווי ס'איז געפּאַקט: די רייכע ווייבער ליגן דאָ אוועק אוצרות. אַט קוקט ווייטער, איר זעט דאָס צירונג־געשעפט? איאָ ס'איז דאָ אינעווייניק אַ גרויסער עולם? בריליאַנטן, דימענטן, דאָס קויפן זיי. אָבער די ביכער־געשעפטן זענען ליידיק.

זיי זענען צוגעקומען צו „ען" גאַס און אַריין אין פאַרלאַג. מיט גרויס רעספּעקט איז אַן אָנגעשטעלטער אַנטקעגנגעלאָפן.

— מאַיאָר, דער באַלעבאָס איז נישטאָ איצט. קען איך מיט עפּעס דינען?

— דזשאָו, זאָג דיין באַלעבאָס אין מיין נאָמען, אַז איך בין געקומען צו אים מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. ער וועט זיין אַ גרויסער שרייבער.

פונקען זענען געפלויגן דעם אָנפאַנגער פאַר די אויגן, און מרדכי האָט גאַרנישט אויפגעהערט אים צו לויבן.

— דזשאָו, — איר'ט אים זאָגן, אַז איך וועל קומען נאָך אַמאָל.

— קומט אַריין מאָרגן אין רעדאַקציע — האָט מרדכי געזאָגט צו אים — וועלן מיר צוגיין אין פאַרלאַג.

צומאָרגנס איז ער אַריין מיט אים און ווידער נישט געטראָפן דעם פאַרלעגער.

ווידער האָט מרדכי אים געהייסן קומען אין רעדאַקציע. און צום דריטן מאָל איז ער מיט אים געגאַנגען צום פאַרלעגער. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן דעם בחור. ער איז אַזוי גרויס, אַזוי באַרימט, און יונג איז ער שוין אויך נישט, מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געוואָרן זעכציק יאָר, און ער באמת זיך אַזוי פאַר אים, דעם ניינצן יעריקן בחור, וואָס וויל ווערן אַ שרייבער.

— אייער וואָרט, מאַיאָר, איז גענוג — האָט געזאָגט דער פאַרלעגער.

ער האָט אָנגענומען די דערציילונג און אים באַצאָלט אַ פינף און צוואַנציקער.

— דזשאַן, ס'איז ווערט מער — האָט מרדכי אים געגעבן קוראַזש — נאָר ס'איז דאָך אייער ערשטע זאַך. איר וועט נאָך קריגן בעסער באַצאָלט.

אַ דאַנקבאַרער האָט דער בחור געזאָגט:

— ס'איז נישט ווייניק, מאַיאָר, ביז איצט האָבן דאָך אַלע רעדאַקציעס מיר צוריקגעשיקט די מאַנוסקריפּטן.

— דזשאַן, איר געפעלט מיר גאָר שטאַרק ווי איר רעדט — האָט מרדכי געשמייכלט — ברענגט מיר נאָך אַ דערציילונג און איך וועל זי געבן האָלדענען פאַר זיין „דאָלאַר מאַגאַזין“.

דער יונגער שרייבער איז אַוועק אין דער ליטעראַרישער טאַווערנע און אָנגעהויבן צו דערציילן וואָס מאַיאָר נח האָט געטון פאַר אים.

— דער איינער, דער איינציקער — האָט ער זיך געהיצט דער יונגער שרייבער — ער העלפט מיר ווייטער.

— אָט זעט איר — האָט זיך אָנגערופן ערגאָר עלען פאו — דער מאַיאָר האָט שוין נאָך אַ פריינט. איך האָב נישט געמאַכט קיין טעות ווען כ'האָב געשריבן וועגן אים, אַז „מאַיאָר נח האָט די גרעסטע צאָל פריינט און די קלענסטע צאָל פיינט“. די צאָל פון זיינע פריינט הערט נישט אויף צו וואַקסן.

דער יונגער שרייבער האָט זיך נאָך מער צעהיצט.

— קיינער האָט מיר נישט געהאָלפן, נאָר ער, ער איינער, דער איינציקער.

***

— מיר מוזן האָבן אַ יידיש שפּיטאָל — האָט מרדכי אָנגעהויבן צו טענהן צו די ניו־יאָרקער יידן — ווי קען אַ קראַנקער ייד ווערן גע־היילט אין אַ שפּיטאָל, ווען ער איז אַרומגערינגלט מיט צלמים, מיט קריסטלעכקייט?

— אַ קראַנקער דאַרף האָבן גייסטיקע רו, ער זאָל ווערן געזונט. ווי קען אַ קראַנקער ייד איינרוען אין שפּיטאָל, ווען ס'עסן איז טרפה, און דער גלח קומט אים מבקר חולה זיין?

ער האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג צו גרינדן אַ יידיש שפּיטאָל.

דעמאָלט האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג פאַרהאַנדלט מיט שווייץ וועגן אַן אָפּמאַך. איז די שווייצארישע רעגירונג, אַ יידנפיינטלעכע, פול מיט אָבערגלויבן, באַשטאַנען, אַז אין אָפּמאַך זאָל פאַרשריבן ווערן אויסנאַמען קעגן יידן.

מרדכי האָט זיך דערוווסט דערפון. ער איז שוין דעמאָלט געווען נישט געזונט. דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז רוען.

— ווי קען איך רוען, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן גייט איינשטי־מען אויף באַגרעניצונגען קעגן יידן? — האָט ער געזאָגט דעם דאָקטאָר.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, נישט גערוט ביז דער געמיינער פּונקט קעגן יידן איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אָפּמאַך.

נאָך דעם זיג האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— פעטער נפתלי, איך וויל זען ירושלים — האָט ער געזאָגט צו נפתלי פיליפסן, וואָס איז שוין געווען באַלד אַן אַכציקער — אפשר וועל איך דעמאָלט ווירקן שטאַרקער, אַז יידן זאָלן זיך לאָזן אויסלייזן.

— אָנהויב זומער פאָר איך קיין ירושלים — האָט ער אָנגעזאָגט פריינט און באַקאַנטע.

ער איז געקומען צו דער זיצונג פאַר אַ יידיש שפּיטאָל. ער האָט אויסגעזען זייער נישט גוט. צווישן זיך האָט דער עולם שטיל גערעדט, געשאָקלט מיט די קעפּ.

— דער מאַיאָר זעט אויס נישט גוט, זייער שלעכט.

אים האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט. און ער האָט געזאָגט צו דעם, צו יענעם.

— דער רומאַטיזם דערגייט מיר די יאָרן, זאָל נאָר ווערן וואַרעם, וועט מיר ווערן בעסער. איך פאָר דאָך קיין ירושלים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז שוין נישט געפאָרן קיין ירושלים. ס'איז אים שוין נישט געוואָרן בעסער.

מרדכי עמנואל נח איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן. ער איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען.

צוויי און צוואַנציק טעג אין מערץ, אין יאָר אַכצן איין און פופציק, איז געשטאָרבן מרדכי עמנואל נח מיט דער בענקשאַפט צו זען ירושלים.

ניו־יאָרק האָט נאָך נישט געזען אַזאַ גרויסע לויה ווי עס האָט גע־האַט מרדכי עמנואל נח.

די גאַנצע שטאָט יידן און נישט יידן, און מיט זיי פיל מענטשן איבערן לאַנד און אין אַ סך לענדער איבער דער וועלט, האָבן אים באַ־וויינט און באַקלאָגט.

איינער פון דער מחנה מספידים האָט געזאָגט:

— מיט דעם אייביקן פאָלק וועט מרדכי עמנואל נח בלייבן אויף אייביק.

דאָ און דאָרט האָט זיך גערודערט. נייע שטימען האָבן זיך גע־גרייט צו רופן צו צוריקקער, צו באַנייאונג, צו באַפרייאונג, ערב־גאולה.

סוף

ניו־יאָרק, 1939.

Este libro se terminó de imprimir
el día 14 de Noviembre de 1952, en
los Talleres Gráficos Julio Kaufman,
Corrientes 1976 - Buenos Aires.